STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02293

# DI FROY IN SOTSYALIZM UN KAPITALIZM

Bernard Shaw

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# צווייטער באנד

LI

## וויר־טשאַפֿטלעכער קאַפּיטאַל

נאָך דעם וואָס מיר האָבן אַזוי לאַנג אַרומגערעדט דעם קאַפּיטאַליזם בכלל, לאָמיר אָפּגעבן אַ פּאָר זײַטלעך כּדי צו זען ווי אַזוי ער ווירקט אויף אײַך פּערזענלעך, אויב למשל איר זענט גראָד אַ דאַמע מיט אַביסל אייגענעם קאַפּיטאַל, אַזאַ קאַפּיטאַל, למשל, וואָס דערלויבט אײַך, נאָכדעם ווי איר לעבט לויט דעם שטייגער און די געוווינהייטן פֿון אײַער קלאַס צו פֿאַרגרעסערן אײַער הכנסה מיטן איבעריקן קאַפּיטאַל, וואָס איר פֿאַרמאָגט. איך וועל אָנהויבן מיט דעם פּשוטן אופֿן פֿון אַ פֿרוי, וואָס פֿאַרדינט געלט נישט אַלס אַרבעטסגעבערין, נאָר אַלס איינע, וואָס אַרבעט אַליין.

לאָמיר אָננעמען, אַז איר אַרבעט באַשטייט אין דעם וואָס זי מאַכט (זי איז אַ הויפּטבוכהאַלטערין) אָדער זי שרײַבט (זי איז אַ שריפֿטשטעלער) אָדער זי איז אַ געלט־מעקלערן אָדער זי גייט צו קליענטן, אנשטאָט צו וואַרטן אויף זיי אין איר קאַבינעט (זי איז אַ דאָקטאָר). איז זיכער, אַז אויב זי קאָן אָפּשפּאָרן געלט צו קויפֿן אַן אויטאָמאַטישע רעכנמאַשין, וואָס וועט איר העלפֿן טון די אַרבעט פֿאַר דרײַ געוויינטלעכע בוכהאַלטערס, אָבער אַ ניי־מאַשין אָדער אַ שרײַבמאַשין אָדער אַ וועליסעפּעד אָדער אַן אויטאָמאָביל וואָס זאָל איר גראָד נויטיק זײַן צו דער אַרבעט, וועט די מאַשין איר העלפֿן אַרויסקריגן אַזוי פֿיל מער

ארבעט יעדן טאָג, אַז זי וועט קאָנען פאַרדינען מער געלט מיט דער מאַשין ווי אָן איר. אָט די מאַשין וועט מען אָנרופן **איר קאַפּיטאַל** (די גרעסטע טייל מענטשן פאַרפלאָנטערן זיך דורך אָט דעם טעות בשעת זיי דיסקוטירן איבער עקאָנאָמיע); דער קאַפּיטאַל איז באמת געווען דאָס געלט. פאַר וועלכן זי האָט געקויפט די מאַשין, און אזוי ווי דאָסדאָזיקע געלט האָבן אויסגעגעסן די אַרבעטער, וואָס האָבן געמאַכט די מאַשין, איז דאָס דאָזיקע געלט שוין נישטאָ. געבליבן איז בלויז די מאַשין, וועלכע ווערט ביסלעכווייז אָפּגענוצט און מען קאָן קיינמאָל נישט באַקומען פאַר קיין אָפּגענוצטע מאַשין דעם זעלבן פּרייז ווי פאַר אַ נייע. דער ווערט פון דער מאַשין ווערט קלענער, פון יאָר צו יאָר, ביז זי פאַלט אַראָפּ צו אַזאַ פּרייז, אַז זי איז מער נישט ווערט ווי דאָס אַלטע אייזן, פון וואָס זי איז געמאַכט געוואָרן.

איצט לאָמיר זאָגן: זי האָט חתונה און טוישט אויס איר פּראָפעסיע אויף ווייב, מוטער, באַלעבאָסטע א. א. וו. אָדער לאָמיר זאָגן, אַז עס קומט אויף אַן עלעקטרישער טראַמוויי און אַ גרויסע צאָל פרישע אויטאָמאָבילן אין די גאַסן, גיבן איר די מעגלעכקייט אַרומצופאָרן, ווו זי דאַרף און אַ סך ביליקער, איידער אין איר אייגענעם פּריוואַטן אויטאָמאָביל. וואָס בלייבט איר איבער צו טון מיט איר אויטאָמאַטישער רעכנמאַשין, מיט איר ניימאַשין, איר שרייבמאַשין אָבער אויטאָמאָביל? זי קאָן זיי נישט עסן אָדער אָנטון. מיט דער רעכנמאַשין וועט זי נישט קאָנען פרעסן קיין העמדער מיט דער ניימאַשין וועט זי נישט קאָנען פּרעגלען קיין אייער, די שרייבמאַשין וועט נישט אָפּשטויבן דאָס מעבל און דער אויטאָמאָביל, הגם עס איז אַ גרויסאַרטיקע מאַשין, וועט ער פאָרט נישט באָדן דאָס קינד.

אויב איר זאָלט וויזן דאָס וואָס איך האָב נאָר וואָס געשריבן איינעם פון די מאַנספערשוינען, וואָס רופן זיך אמתע געשעפטס-מענער וועט ער אייך גלייך זאָגן, אַז איך בין קינדעריש און נישט גערעכט; ער וועט אייך זאָגן, אַז איר קאָנט יאָ עסן אַן אויטאָמאַטישע רעכנמאַשין אָדער ניימאַשין; אַז איר קאָנט יאָ אָפּשטויבן דאָס מעבל מיט אַ שרייבמאַשין; אַז

איר קאָנט אָפּבאָדן הונדערט קינדער מיט איין אויטאָמאָביל; אַלץ וואָס איר דאַרפט טון, איז צו פאַרקויפן די ניי־מאַשין און קויפן פאַרן געלט ברויט, פאַרקויפן די שרייבמאַשין און פאַרן געלט וואָס איר וועט באַקומען פאַר דער מאַשין, קאָנט איר קויפן אַן עלעקטרישע באַרשט; פאַרקויפט דעם אויטאָמאָביל, און נאָכדעם, וואָס איר וועט האָבן איינגעקויפט אַ וואַנע, האַנטוכער און זייף, קאָנט איר פאַרן איבריקן געלט דינגען אַ פּאָר מיידלעך, וואָס וועלן באָדן די קינדער. און ער וועט געוויסערמאַסן געראָכט זיין דערמיט, וואָס ער וועט זאָגן, אַז איר קאָנט דאָס אַלץ טון הגם אָן אַ שיעור אַנדערע מענטשן פּרוּוון דאָס פונדעסטוועגן נישט טון, מחמת דער אמתר געשעפטסמאַן פאַרגעסט תמיד דעם כּלל, אַז פּאָליטיש איז ער אַ גרויסער אידיאָט. ווען איר האָט פאַרקויפט די ניימאַשין און געקויפט פאַרן באַקומענעם געלט שפּייז, האָט איר נאָך נישט אויסגעטוישט די מאַשין אויף שפּייז. די ניימאַשין בלייבט פּונקט אַזוי נישט עסבאַר, ווי פריער אַפילו אַ שטרויספויגל וואָלט זי נישט געקאָנט איינבייסן אָדער פאַרדייען. דאָ קומט פאָר אַן אַנדער זאַך: איר האָט אַ ניימאַשין, וועלכע איר ברויכט שוין נישט און איר האָט נישט קיין שפּייז צום עסן, און עסן דאַרפט איר גראָד יאָ — געפונט איר אַן אַנדער פרוי וואָס האָט אָפּגעשפּאָרט שפּייז וועלכע זי דאַרף נישט און זי דאַרף האָבן אַ ניימאַשין. איר האָט אַ ניימאַשין, וועלכע איר נוצט נישט און אַן אומבאַפרידיקטן אַפּעטיט. זי וויידער האָט שפּייז אָן אַן אַפּעטיט און זי דאַרף בייטיק האָבן אַ ניימאַשין, נעמט איר ביידע און טוישט זיך און אָט, האָט איר עס! עס קאָן גאָר נישט זיין פּשוטער!

אָבער, כ'בעט אייך, פאַרגעסט נישט, אַז צו מאַכן אָט דאָס געשעפטל דאַרף מען האָבן צוויי מענטשן, און, אַז די צוויי מוזן געברויכן קעגנזייטיקע זאַכן אויב זיי דאַרפן ביידע די אייגענע זאַך, אָדער ווילן ביידע פּטור ווערן פון דער אייגענער זאַך, וועט דאָס געשעפטל נישט צושטאַנד קומען.

איצט, וואָס וואָלט געווען, ווען דער קאַנצלער פון דער

שאַצקאַמער, זייענדיק אַ גרויסער געשעפטסמאַן, נעמט זיך אַרייַן
אין קאָפּ אַן אידעע, אַרויפצולייגן שטייערן אויף קאַפּיטאַל, אַנ־
שטאָט אויף הכנסות. וואָס וואָלט געווען, ווען ער זאָל זאָגן, אַז
אַזוי ווי טויזנטער פרויען האָבן קאַפּיטאַל אין פאָרם פון ניימאַ־
שינען, וועלכע זיי קאָנען פאַרקויפן, לאָמיר זאָגן, צו פינף פונט
פאַר יעדערע, קאָנען זיי אַלע באַצאָלן אַ שטייער פון דריי פונט
יעדע; לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז דער קאַנצלער באַוועגט טאַקע
דאָס „הויז אָף קאָמאָנס” אַרויפצולייגן אַזאַ שטייער אונטערן
טיטל „קאַפּיטאַל-לעווי”, אָדער אַן ענלעכן ביזנעס־נאָנסענס, און
יעדער פרוי וואָלט געמוזט פאַרקויפן די ניימאַשינען, כּדי צו
באַצאָלן דעם שטייער, וואָס וואָלט געווען דער פּועל־יוצא? יע־
דער פרוי, וואָס וואָלט געפּרוּווט פאַרקויפן איר מאַשין, וואָלט
זיך פּלוצלינג אַרומגעזען, אַז כּמעט אַלע אַנדערע פרויען באַמי־
ען זיך צו פאַרקויפן זייערע מאַשינען און קיינער וויל נישט
קויפן. זי וואָלט עס העכסטנס געקאָנט פאַרקויפן פאַר אַלט אייזן;
אפשר פאַר אַ שילינג, אָבער דערמיט וואָלט זי נאָך נישט גע־
קאָנט באַצאָלן דעם שטייער. דער שטייער־באַאַמטער, נישט באַ־
קומענדיק באַצאָלט דעם שטייער, וואָלט זיך גענומען די זאַכן,
דאָס הייסט: ער וואָלט צוגענומען די מאַשין. אָבער אַזוי ווי ער
וואָלט זי אויך נישט געקאָנט פאַרקויפן, וואָלט ער זי געמוזט
איבערגעבן דעם קאַנצלער פון דער שאַץ־קאַמער, וועלכער וואָלט
פּלוצלינג באַוואָרפן געוואָרן מיט טויזנטער ניי־מאַשינען, וועלכע
מ'קאָן נישט פאַרקויפן, אָנשטאָט די טויזנטער פונטן, וואָס ער
האָט געהאָפט צו באַקומען. ער וואָלט נישט געהאַט קיין געלט
און די פרויען וואָלטן נישט געהאַט קיין מאַשינען. אַלץ דער־
פאַר, וואָס דער אמתער סוחר האָט אים געזאָגט, אַז ניימאַשינען
קאָן מען אויסטוישן אויף ברויט.

אויב איר וועט זיך אַ ביסל לענגער אַריינטראַכטן אין
דער זאַך, וועט איר זען, אַז דער חילוק צווישן פּריוואַטע עניִנים
און מלוכה־עניִנים איז דאָס, וואָס פּריוואַטע־עניִנים קאָנען מענטשן
דערליידיקן אַליין איינציקווייז, ווען מיר ווילן אַ מאָל און אויף
אַ געוויסן אופן, בעת מלוכה־עניִנים ווערן מיר געצוואונגען גע־

צווונגען צו טון, אלע ווי איינער און אין דער זעלבער רגע.
אינדערהיים זענט איר א פריוואטע פרוי און איר זענט באשעפ-
טיקט מיט אייערע פריוואטע ענינים אבער ווען איר טרעט
אריין אין פארלאמענט אדער אין דער רעגירונג, ווערט איר א
שטאטס-פרוי. אלס פריוואטע פרוי האט איר נור צו קלערן וועגן
זיך און טראכטן: „אין דעם און דעם פאל וואלט איך געדארפט
האנדלען אזוי אדער אזוי" אבער אלס שטאטס-פרוי מוזט איר
טראכטן וועגן כלל: „זיי וואלטן געדארפט האנדלען אזוי אדער
אזוי".

למשל, אויב א י ר וואלט געווארן דער קאנצלער פון
דער שאצקאמער, וואלט אייער געוויינטלעכער פארשטאנד, אלס
א פריוואטע פרוי, אייך אפגעהיט פון מאכן אזא טעות, אז צו
האבן א ניימאשין אין הויז איז פונקט דאס אייגענע, ווי צו
האבן פינף פונט מזומן געלט אין הויז. אבער אט דער אייגע-
נער, פשוטער, געזונטער פארשטאנד, קאן אייך אמאל איינרעדן
אז אן הכנסה פון פינף פונט א יאר איז פונקט דאס אייגענע,
וואס הונדערט פונט מזומן געלט, מחמת איר ווייסט, אז אייער
מעקלער, קאן עס אייך פארשאפן, מיטן באדינג, איר זאלט צאלן
פינף פונט א יאר, פון אייער הכנסה, קאנט איר דעריבער קריגן
חשק ארויפצולייגן א שטייער פון דרייסיק פונט אויף יעדן באַ-
זונדער אויסצוצאלן מיט פינף פונט א יאר און זיך פארשטעלן,
אז נישט נאר איר וועט באקומען דרייסיק פונט נור דער שטיי-
ער-צאלער וועט נאך האבן זיבעציק פונט איבעריק פאר זיך.
לאזט-זשע מיך אייך געבן צו פארשטיין, ווי אזוי פינף פונט א
יאר קאן פאר אייך פריוואט האבן דעם ווערט פון הונדערט
פונט און פאר אייך דעם קאנצלער זאל עס נישט מער ווערט
זיין ווי פינף פונט.

בעת מיר האבן גערעדט מכּיח דער אוממעגלעכקייט פון
אפשפארן עפעס, האב איך אנגעוויזען, אז עס זענען פאראן גע-
וויסע טאג-טעגלעכע טראנזאקציעס, וואס זענען דאס אייגענע
וואס שפארן און זיי הייסן געשפארט, פונקט ווי פארקויפן א ניי-
מאשין און קויפן פארן געלט שפייז, הייסט אויפגעגעסן די

מאַשין. איר דאַרפט זיך איצט נישט אָנשטרענגען צו דערמאָנען זיך, וואָס איר האָט געלייענט אין די פריערדיקע קאַפּיטלען מכוח דעם; מחמת ס'איז גרינגער נאָכאַמאָל עס איבערצוחזרן. מיר וועלן זאָגן, איר האָט איצט הונדערט פונט און איר ווילט זיי האַלטן אויף א שלעכטער צייט, דאָס הייסט, איר ווילט זיי ערשט נוצן אין א צייט אַרום און נישט איצט. וואָס שטייט אייך אין וועג? דאָס, וואָס די זאַכן וועלכע רעפּרעזענטירען דאָס געלט וועלן פאַרדאָרבן ווערן. אויב מ'וועט זיי באַלד נישט פאַרנוצן, צוליב דעם קאָנט איר אַלזאָ נישט טון דאָס, וואָס איר ווילט. ווען אין דער צווייטער גאַס אָבער וווינט א פרוי וואָס די עלטערען האָבן איר גאָרנישט איבערגעלאָזט א חוץ אַן הכנסה פון פינף פונט א יאָר און קאָן פאַרשטייט זיך דערפון נישט לעבן, ווען זי האָט אָבער הונדערט פונט מזומן געלט, וואָלט זי געקאָנט עמיגרירן, אָדער אויפמאַכן א שרייב-מאַשין-ביוראָ, אָדער אַריינלייגן סחורה אין א קרעמל אָדער נעמען לעקציעס אויף א געוויסע מעטאָדע פון פאַרדינען געלט, אָדער קויפן שיינע קליידער, כדי זי זאָל אויסזען אנשטענדיקער אָנגעטון, וואָס וואָלט איר געגעבן א שאַנס צו באַקומען א בעסערן פּאָסטן אָדער וואָס עס זאָל נישט זיין פון דעם וואָס אָרעמע פרויען טראַכטן אַז זיי וואָלטן געהאַט אַ ביסל מזומן געלט — דעמאָלט קאָן גאָרנישט קיין גרינגערע זאַך ווי מאַכן א בייט מיט יענער פרוי. זי שרייבט אייך אָפּ דאָס רעכט אויף איינקאַסירן די פינף פונט יעדן שניט-צייט און איר גיט איר אייערע הונדערט פונט גלייך צו פאַרנוצן. אייער מעקלער אָדער באַנקיר וועט אייך צוזאַמענברענגען. איר גייט צו אים און איר זאָגט אים, אַז איר ווילט אַריינלייגן אייערע הונדערט פונט אויף פינף פראָצענט א יאָר, זי גייט אויך צו אים און זאָגט אים, אַז זי וויל פאַרקויפן אירע פינף פונט אַ יאר פאַר באַר געלט, נעמט די געלעגנהייט און מאַכט עס פאַר אייך פאַר א קליינעם פראָצענט, אָבער די טראַנזאַקציע איז פאַרשלייערט אונטער אַזעלכע פאַנטאַסטישע נעמען (אַזויווי דאָס וואסער מיט די ברעקלעך ברויט אין א דאָקטאָרס רעצעפּט) אַז נישט איר, נישט די אַנדערע פרוי ווייסן וואָס ס'איז באמת

געשען. מען זאָגט אייך, אַז איר האָט אַרייַנגעלייגט הונדערט פונט און אז איר זענט „ווערט" הונדערט פונט און אז איר האָט צוגעלייגט הונדערט פונט צום קאַפּיטאַל פון לאַנד און אַז זי האָט בעפעסטיקט איר קאַפּיטאַל, אינדעראמתן איז בלויז געשען, אַז אייערע הונדערט פונט זענען איבערגעגעבן געוואָרן יענער פרוי אויסצוגעבן זיי און איר האָט באַקומען דאָס רעכט אויף הונדערט פונט אַ יאָר פון דער הכנסה פונם לאַנד, נישט אַריבעטנדיק אויף זיי, אַזוי יאָר־איין יאָר־אויס, אויף אייביק, אָדער אַזוי לאַנג ביז איר וועט זיך אפשר געפונען אין א שלעכטער לאַגע און איר וועט, פונקט ווי יענע פרוי, זיך באַמיען צו פאַרקויפן אייער רעכט אויף די פינפער פונטן פאַר א הונדערט פונט.

איצט לאָמיר זיך פאָרשטעלן, איר וואָלט אַרויפגעלייגט אייער שטייער פון דרייסיק פונט צו פינף פונט א יאָר אויפן לאנד אָדער. לאָמיר זאָגן, אַ קאָנסערוואַטיווע רעגירונג וואָס ווערט געפירט ביי דער נאָז פון געניטע ביזנעס־לייט, וועלכע ווייסען, אַז מ׳קאָן פאַרקויפן פינף פונט א יאָר פאַר הונדערט פונט, ווען מען וויל נור, וואָלט עס געהייסן: אָדער א לייבאָר־רעגירונג, למשל, וואָס זאָל זיך פאַרגלוסטען אַרויסצונעמען דעם קאַפּיטאַל פון פריוואַטע הענט און אַרייַנלייגן עס אין דער שטאָט־קאַסע, זאָל עס זיין: וואָלטן זיי עס גערופן א שטייער פון דרייסיק פראָצענט אויפן קאַפּיטאַל און דער גרעסטער טייל וואָלט געשטימט דערפאַר, נישט פאַרשטייענדיק אפילו וואָס דאָס מיינט אייגנטלעך אין דער ווירקלעכקייט. די קעגנער דערפון וואָלטן געשטימט קעגן דעם, הגם זיי וואָלטן אויך נישט געוווסט דעם כאַראקטער דערפון, אזוי אַז זייערע אַרגומענטן וואָלטן קיינעם נישט איבערגעצייגט. וואָס וואָלט געשען? מסתמא וואָלט קיין שום פרוי נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו צאָלן די דרייסיק פונט פון פינף פונט אַ יאָר און זי וואָלט געמוזט פאַרקויפען די פינפער פונטן פאַר הונדערט פונט, אָבער זי וואָלט די הונדערט פונט נישט באַקומען, מחמת דער שטייער וואָלט נישט געפאַלען אויף איר אַליין נור אויף אַלע אַנדערע קאַפּיטאַליסטן אויך. וואָלט

דער מעקלער געהאַט בלויז פאָרשלאָגן אויף צו פאַרקויפן פינפער פונטן א יאָר פון צוקונפטיקע פאַרמעגנס און קיין איינעם וואָס זאָלן וועלן פאַרקויפן הונדערט פונט מזומן געלט פאר אַ צוקונפטיקן פאַרמעגן. עס וואָלט זיך איבערגעחזרט די געשיכטע מיט דער ניי־מאַשין. זי וואָלט געמוזט זאָגן דעם שטייערבאַאַמטען, אַז זי קאָן נישט צאָלן דעם שטייער, ער זאָל פאַרקויפן איר מעבל און גיין צו אַלדע רוחות. (אינטעליגענטע פרויען באַנוצן זיך מיט נישט קיין גאַנץ שיינע אויסדריקן ביי אַזעלכע אומשטענדן) אָבער דער שטייער־בעאַמטער וואָלט איר געענטפערט, אַז איר מעבל קאָן אים נישט ברענגען קיין שום נוצן, מחמת אַזויווי ער פאַרקויפט־אויס דאָס מעבל פון אַלע אַנדערע קאַפּיטליסטן און עס קויפן עס בלויז אזעלכע קבצנים, וואָס האָבן נישט פון וואָס מ׳זאָל זיי באַשטייערן — איז מעבל געוואָרן אזוי ביליק, אַז „טשיפּענדייל״־שטולן פאַרקויפן זיך פאַר איין שילינג אַ טוץ און גרויסע טישן קאָסטן פינף שילינג אַ טוץ, אַזוי אַז עס וואָלט אים געקאָסט מער דאָס אַריבערפירען איר מעבל אין לאַגער אַריין און עס פאַרקויפן ווי עס וואָלט איינגעטראָגן. ער וואָלט געמוזט אַוועקגיין מיט ליידיקע הענט. די רעגירונג וואָלט בלויז געקאָנט נעמען ביי איר אירע פינף פונט א וואָך פאר זעקס יאָר מיט פיר חדשים די פיר חדשים וואָלטן געווען פראָצענט פאַר דער צייט. אין אַנדערע ווערטער: די רעגירונג וואָלט אויסגעפונען, אַז איר הכנסה איז א ווירקלעכקייט און איר געלט א חלום.

אָבער אפילו דאָס וואָלט נישט געטויגט, אויב דער שטייער זאָל אַרויפגעלייגט ווערען יעדעס יאָר ווי למשל הכנסה־שטייער. ווייל צום סוף פון די זעקס יאָר וואָלט זי שולדיק געווען הונדערט און אכציק פונט, אַרויפציענדיק אויף זיך אַ חוב פון דרייסיק פונט יעדעס יאָר אינדערצייט ווען זי האָט נור פינף פונט, מיט וואָס צו צאָלן. עס וואָלט איר שוין בעסער געלוינט אַוועקצוגעבען דער רעגירונג די גאַנצע פינף פונט, ס׳הייסט אויף שטענדיק און לעבן אינגאַנצן פון אייגענע פאַרדינסטן פון אַרבעט, און די רעגירונג וואָלט געמוזט איינזען, אז אַרויפלייגן אַ

שטייער אויף קאַפּיטאַל איז אַן אוממעגלעכע זאַך. און די סיבה דערפון איז דאָס, וואָס קאַפּיטאַל האָט נישט קיין עקזיסטענץ, ווייל עס איז שוין לאַנג אויפגעגעסן געוואָרן.

אייגנטלעך עקזיסטירט אַ שטייער אויף קאַפּיטאַל, מ׳באַנוצט זיך מיט אים גאַנץ אָפט, כּדי אויפצווייזן, אַז אַזעלכע שטייערן זענען יאָ מעגלעך, ווען מיר שטאַרבן ווערט אונזער פאַרמעגן באַשטייערט מיט אַן אומגערעכטן פּראָצענט, וואָס רופט זיך טויט-פליכטן (אָפיציעל אייגנטום פליכטן) די סיבה, פאַרוואָס מענטשן קאָנען ווי עס איז פאָרט באַצאָלן אָט די שטייערן אָדער פליכטן אָדער ווי מ׳זאָל זיי דאָרט אָנרופן, איז דאָס וואָס מיר שטאַרבן נישט אַלע יעדעס יאָר און דעם פינפטן אַפּריל און ציען נישט אַזויאַרום אַרויף אויף זיך קיין טויט-פליכטן, וואָס זאָלן מוזן באַצאָלט ווערן יעדן איינאונדרייסיקסטן דעצעמבער. מיר שטארבן זעלטן און פאַמעלעך; אויף יעדער טויזנט שטאַרבן יעדעס יאָר ווייניקער פון צוואַנציק און בלויז צוויי פון יעדער צוואַנציק האָבן בכלל קאַפּיטאַל. וואָלט מען דאָך געקאָנט מיינען, אַז זייערע יורשים וואָלטן גאַנץ גרינג געקאָנט פאַרקויפן אַ טייל פון זייער הכנסה, כּדי זיי זאָלן האָבן גענוג געלט מיט וואָס צו צאָלן די פליכטן, ווייל די קויפער וואָלטן געווען רייכע-לייט וועמעס פאָטערס אָדער פעטערס זענען לעצטנס נישט געשטאָרבן. עס איז אָבער נישט אַזוי, די רעגירונג מוז זייער אָפט און זייער לאַנג וואַרטן אויף איר געלט. דערדאָזיקער שטייער איז נאַריש, נישט דערפאַר, וואָס מ׳קאָנפיסקירט פאַרמעגנס און מ׳נעמט צו ביי די יורשים אַ טייל פון די גיטער (פאַרוואָס נישט?) נור ווייל מען אָפּערירט אכזריותדיק און אומגערעכט. איין גוט קאָן למשל איבערגיין פון יורש צו יורש דריי מאָל אין אַ יאָרהונדערט און קוים פילן די פליכטן, וואָס איז דערויף אַרויפגעלייגט געוואָרן און אַן אַנדערס זאָל איבערגיין דריי מאָל אין איין יאָר (וואָס עס טרעפט זייער אָפט אין צייט פון אַ מלחמה) אַזוי שטאַרק ליידן פון אָט דעם שטייער, אַז די יורשים זאָלן דערנידעריקט ווערן פון אַלעם גוטן צו אָרעמקייט און פאַרלאָזנקייט. בעת איר שרייבט אייער צוואה, זייט פאָרזיכטיק, וויאַזוי איבער-

צולאָזן טייערע זאַכן פאַר אָרעמע מענטשן. מחמת אויב זיי וועלן זיי באַקומען, וועלן זיי אפשר דאַרפן באַצאָלן מער טויט-טשעקן ווי זיי פאַרמאָגן בכלל. עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז זיי וועלן דאַרפן פאַרקויפן די ירושה, כדי צו האָבן מיט וואָס צו באַצאָלן דידאָזיקע שטייערן.

דאָס פאַרשטייט מען אַזוי ווייניק, אַז איר געפינט מענער וואָס זענען חוץ דעם ווייט נישט משוגע, פונדעסטוועגן שאַצן זיי אָפּ דעם קאַפּיטאַל פונם לאַנד אויף סומען וואָס באַטרעפן פון צען טויזנט מיליאָן פאַר דער מלחמה ביז דרייסיק טויזנט מיליאָן נאָך דער מלחמה, פונקט ווי די מלחמה וואָלט גורם געווען אַז דאָס לאַנד זאָל רייכער ווערן אנשטאַט אָרעמער), און זיי מאַכן פּאַקטיש פאָרשלאַגן אין „הויז אָף קאָמאַנס״, אַז מ׳זאָל אַרויפלייגן א שטייער אויף די דרייסיק טויזנט מיליאָן, פונקט ווי זיי וואָלטן טאַקע באמת עקזיסטירט און געברענגט נוצן דעם לאַנד — און מ׳זאָל מיט דעם געלט באַצאָלן די קאָסטן פון דער מלחמה. זיי אַלע ווייסן, אַז מ׳קאָן נישט עסן דעם קוכן און אים נאָך האָבן, פונדעסטוועגן — דערפאַר וואָס מיר האָבן אויסגעברענגט זיבן טויזנט מיליאָן פונט אויף א מוראדיקע מלחמה און אַזוי־ווי זיי רעכענען צו נאָך צוואַנציק טויזנט מיליאָן אויף מינעס, באַנען, פאַבריקן, א. א. וו. און דערפאַר וואָס דידאָזיקע סומען זענען פאַרשריבן אין די ביכער פון די „באַנק אָף ענגלאַנד״*) און אין די בילאַנסן פון די קאָמפּאַניעס און טראַסטן — רעדן זיי זיך איין, אַז זיי עקזיסטירן נאָך בפועל־ממש און אַז מיר זענען אַ געוואַלטיק רייכע נאַציע, אינדערצייט וואָס מיר זענען גאָר, ווי יעדער איינער קאָן זען לויט דעם מצב פון די נײַן־צענטל פון דער באַפעלקערונג, אַזאַ אָרעמע נאַציע אַז עס איז ממש א חרפה אויסצוזאָגן.

---

*) די ענגלישע מלוכה־באַנק.

## LII

# דער געלט־מאַרק

און איצט, נאָך אַלץ טראַכטנדיק, אַז איר זענט אַ דאַמע, וואָס פאַרמאָגט עפּעס, וועל איך אייך אפשר אַביסל צונוץ קומען. אפשר וועל איך אייך קאָנען בייהילפיק זיין אין אייערע פּריוואַטע ענינים, אויב איך וועל אייך אויפקלערן אַביסל מכוח דער מיס־טעריעזער אינסטיטוציע, וווּ אייערע געלטער זענען אַריינגעלייגט, וואָס רופט זיך געלט־מאַרק, מיט איר כראָנישער קראַנקייט פון שטייגן און פאַלן, די קראַנקייט וואָס קאָן צו יעדער רגע פאַר־גרעסערן אייער איינקונפט אויף אַן אָנגעזעענעם אופן אָן שום קאָפּדרייעניש פאַר אייך, אָדער עס איינגאַצן צו פאַרשלינגען און אייך רויִנירן אויף אַזעלכע אופנים, וואָס אַ מאַן קאָן קיינמאָל נישט געבן צו פאַרשטיין אַ פרוי, מחמת ער פאַרשטייט זיי אַליין אויך נישט.

אַ מאַרק אויפצוקויפן און צו פאַרקויפן געלטער איז בכלל אַ שטות. איר קאָנט גאַנץ פאַרשטענדלעך פאַרלאַנגען פאַר פינף שילינג סאַלמאַן. אָבער עס איז לעכערלעך איר זאָלט זאָגן „איך וועל קויפן פאַר פינף שילינג געלט", ווייל פאַר פינף שילינג געלט באַקומט מען פונקט פינף שילינג און ווער, איך בעט אייך, וויל דאָס אויסבייטן פינף שילינג אויף פינף שילינג? קיינער קויפט נישט קיין געלט פאַר קיין געלט, אַ חוץ געלט־

פאַרמיטלער וואָס קויפן אויסלענדישע מטבעות, וועלכע זיי פאַר־קויפן אייך, ווען איר פאָרט קיין אויסלאַנד.

אָבער הגם איר קאָנט אין ענגלאַנד נישט געפונען עמיצן וואָס זאָל וועלן קויפן ענגליש געלט, זענען אָבער פאַראַן גענוג וואָס ווילן עס דינגען, אָדער ווי מיר דריקן זיך אויס לייען. נאָר לייען און דינגען באַדייט נישט תמיד די אייגענע זאַך. איר קאָנט באָרגן אייער שכנס בראָט־פאַן און איר שפּעטער צוריק־געבן מיט א פריינטלעכן דאַנק, אָבער אויפן געלט מאַרק איז נישטאָ אַזאַ זאַך, ווי פריינטלעכקייט, איר צאָלט פאַר דעם וואָס איר באַקומט און הייסט זיך באַצאָלן פאַר דעם וואָס איר גיט, ווי א געשעפטס־ענין און עס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך. אַז דאָס וואָס איר דינגט, גיט איר נישט צוריק, איר קאָנסומירט עס גלייך. אויב איר בעט אייער שכן, ער זאָל אייך באָרגן נישט קיין בראָט־פאַן נור א ברויטל און א ליכט, איז עס גאַנץ פאַר־שטענדלעך, אַז איר עסט אויף דאָס ברויט און ברענט אויס דאָס ליכט, און איר באַצאָלט איר שפּעטער דערפאַר דערמיט, וואָס איר גיט איר צוריק אַן אַנדער ברויט און אַן אַנדער ליכט. איז אויב איר באָרגט געלט באָרגט איר אייגנטלעך דאָס, וואָס דאָס געלט וועט קויפן פאַר אייך. דאָס הייסט, ברויט, ליכט און אַלער־ליי מאַטעריעלע זאכן, וואָס לאָזן זיך באַלד קאָנסומירן. אויב איר באָרגט א שילינג באָרגט איר אים, כדי צו קאָנען קויפן אַ זאַך וואָס איז ווערט א שילינג באַלד צו פאַרנוצן, איר קאָנט דידאָזיקע זאַך קיינמאָל נישט אומקערן צוריק; אַלץ וואָס איר קאָנט טון, איז צו מאַכן א נייע זאַך אָדער טון עפּעס א דינעט פאַרוואָס איר קאָנט באַקומען אַ שילינג און מיט דעם שילינג באַצאָלן דעם חוב, אָדער איר קאָנט פאַרשטייט זיך, ליי־ען אַ שילינג ביי ווער עס איז, אָדער אויסבעטלען, אָדער גנבענען אַ שילינג, (אָבער דאָס צו טון איז נישט מעשה־ליידי) ווי עס זאָל נישט זיין, קאָן דער מלווה נישט קאָנסומירן די זאַכן וואָס דער שילינג רעפּרעזענטירט, ביז איר באַצאָלט; אויב איר באַצאָלט איר עפּעס מער, ווי דעם שילינג פאַר וואַרטן, הייסט

עס אז איר דינגט ביי איר דעם נוצן, וואָס דאָס געלט האָט אייך געבראַכט.

אין אַזאַ פאַל זענט איר צו איר מיט קיין שום זאַך נישט פאַרפליכטעט, מחמת איר טוט איר פונקט אַזאַ טובה ווי זי אייך מעגלעך אז תחילת קאָנט איר דאָס נישט באַמערקן, איר דאַרפט נור נעמען אין אַכט בלויז דאָס, אז אלע געלטער וואָס ווערן אוועקגעליען זענען אָפּגעשפּאָרט געלט, ווייל מענטשן קאָנען זיך נישט דערלויבן אוועקצובאָרגן געלט, כל-זמן זיי האָבן נישט פאַרנוצט פאַר זיך גענוג געלט אויף אַלץ, וואָס זיי קאָנען נור געברויכן, און דאָס אָפּגעשפּאָרטע געלט איז בלויז גוט אויף צו קויפן זאכן, מערסטנס שפּייז, וואָס ווערט פאַרדאָרבן און עס ווערט גאָרנישט דערפון אויב מען קאָן עס נישט גלייך קאָנסו-מירן. אויב אייער שכנה האָט אַן איבריק ברייטל פון יענער וואָך וועט איר איר טון א טובה ווען א י ר וועט עס אויפעסן און איר צוזאָגן די אַנדערע וואָך צוריקצוגעבן א פריש ברויטל, פּאַקטיש וואָלט א פרוי באַשטאַנען אָפּצוקריגן אַ האַלב ברויט פון איר שכנטע די אַנדערע וואָך, איידער אוועקצוואַרפן פאַר צינן פּצנס א ברויט אין מיסט אַריין, דאָס הייסט אַז זי איז גרייט צו ברענגען א קרבן אַ האַלב ברויט, אַבי נישט דאַרפן פאַרלירן דעם גאַנצן ווערט דערפון דורך א נאַטירלעכע פאַרדאַרבונג.

עקאָנאָמיסטן רופן דאָס צאָלן נעגאַטיווע פּראָצענטער דאָס הייסט, אַז איר בעצאָלט מענטשן דערפאַר, וואָס זיי האַלטן אייערע אָפּגעשפּאָרטע געלטער ביז איר וועט זיי דאַרפן, אנשטאט צו באַקומען באַצאָלט פון זיי דערפאַר, וואָס איר דערלויבט זיי עס צו האַלטן; דאָס רופן די עקאָנאָמיסטן צאָלן פּאָזיטיווע פּראָצענטער. דאָס ערשטע איז גראָד אַזוי נאַטירלעך ווי דאָס אַנדערע און די גאַנצע סיבה, פאַרוואָס קיינער וועט אייך היינטיקע צייטן נישט צאָלן כדי איר זאָלט לייען פון אים בעת יעדער איינער וועט אים צאָלן דערפאַר וואָס איר וועט אים לייען, איז דאָס, וואָס ביים איצטיקן סיסטעם פון נישט גלייכער הכנסה-צעטיילונג, זענען פאַראַן אזוי ווייניק מענטשן, וואָס האָבן אָפּגעשפּאָרט געלט אוועקצובאָרגן און אַזוי פיל וואָס פאַרדינען

ווייניקער ווי זיי דאַרפֿן שוין צו קאָנסומירן, אַז עס זענען תּמיד
פֿאַראַן געניג מענטשן, וואָס ליגן פֿאַר נישט בלויז גלייך צו
פֿאַרנוצן דאָס אָפּגעשפּאָרטע געלט נור שפּעטער אומצוקערן עס
איינגאַנצן מיט פֿרישע סחורה און נאָך צו באַצאָלן דעם מלווה
דערפֿאַר, וואָס ער האָט עס אייך געליען. די עקאָנאָמיסטן פֿלעגן
אָנרופֿן די צאָלונג דער לוין פֿאַר אָפּהאַלטונג, וואָס איז זייער
באַריש, מחמת מען דאַרף נישט באַצאָלן אַ מענטשן, דערפֿאַר
וואָס ער האַלט זיך אָפּ פֿון עסן אַ צווייטן מיטאָג באַלד נאָכ-
דעם ווי ער האָט אָפּגעגעסן צו דער זאַט. אָדער דערפֿאַר, וואָס
ער האַלט זיך אָפּ צו טראָגן זעקס אַנצוגן מיטאַמאָל, אָדער צו
וווינען אין אַ גאַנץ טוץ הייזער. פֿאַרקערט זיי דאַרפֿן זיין דאַנק-
באַר די וואָס פֿאַרנוצן דערווייל זייער עודף און באַצאָלן זיי נאָך
עפּעס דערפֿאַר. אויב מיר וואָלטן געהאַט אַנשטאָט אַ פּאָר רייכע
צווישן אַ גאַנצע מאַסע אָרעמעלייט. אַ סך רייכע, וואָלטן די
באַנקירן אייך גערעכנט אַ הויכן פּרייז פֿאַר האַלטן אייער געלט
און די אויפֿשריפֿט פֿונם טויטן ריטער אין וואַטס „פּיקטשור"
„וואָס איך האָב אָפּגעשפּאָרט האָב איך פֿאַרלוירן" וואָלט געווען
אמת מאַטעריעל אַזוי גוט ווי ספּיריטועל. ווען איך וואָלט געהאַט
אָפּגעשפּאָרטע הונדערט פֿונט און איר וואָלט זיי געוואָלט באַ-
האַלטן אויפֿן צווייטן יאָר און איר וואָלט זיי אַוועקגעטראָגן צום
אויפֿזעער פֿון אייער באַנק, ער זאָל עס האַלטן פֿאַר אייערטוועגן
וואָלט ער געזאָגט: „עס טוט מיר לייד מאַדאַם. נור אייערע
הונדערט פֿונט קאָן איך נישט האַלטן. דאָס העכסטע וואָס איך
קאָן טון פֿאַר אייך, איז צו פֿאַרשפּרעכן צוריקצוגעבן אייך איבער-
איאָר זיבעציק פֿונט (אָדער פֿיפֿציק, אָדער צוואַנציק, אָדער פֿינף,
ווי דער פֿאַל וואָלט געווען) און איר וואָלט זיך נאָך געהאַלטן
פֿאַר אַ גליק, וואָס ער נעמט עס ביי אייך, אינדערצייט, ווען
עס וואָלגערט זיך פּשוט אַרום אָפּגעשפּאָרט געלט. איר וואָלט
באמת, גאָרנישט געשפּאָרט נור ליבער פֿאַרגרעסערט די אויסגאַבן
און געגעסן פֿון אייער געלט, איידער דאָס וואָס דאָס געלט רעפּ-
רעפּרעזענטירט ווערט קאַליע, מחמת די בענק זענען נישט דאָס
וואָס זיי פֿלעגן צו זיין.

אונטער דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם איז עס אוממעגלעך מחמת דער קאַפּיטאַליזם צעטיילט די נאַציאָנאַלע הכנסות אויף אַזאַ אופן אז א גרויסע צאָל מענטשן זענען אָרעם און עטלעכע זענען אויסערגעווײיַלעך רייך. דערפאַר קאָנט איר דערווייל זיכער זיין, אז איר וועט קאָנען אוועקבאָרגן אייער אָפּגעשפּאָרט געלט, אַריינלייגן עס אין די בענק און באַקומען אַזויפיל און אַזויפיל א יאָר, דערפאַר וואָס איר וואַרט, ביז דער בעל־חוב וועט צו־ריקגעבן דאָס וואָס ער האָט געליען. דאָס צאָלן פאַרן וואַרטן הייסט צינזן, אָדער ווי אין דער ביבל ווכער. צינזן איז דאָס פיינערע וואָרט פאַר דעם, דאָס הייסט אין קורצע ווערטער, אַז דער לייער דינגט דעם נוץ פון אייער געלט און עס איז נישט פאַראַן קיין שום אומערלעכקייט, אָדער שענדלעכקייט אין דער דאָזיקער טראַנזאַקציע. איר גיט איבער אייער אָפּגעשפּאָרט באַר געלט (קאַפּיטאַל) דעם לייער און זי פאַרפליכטעט זיך צו צאָלן אייך א געוויסן פּראָצענט יערלעך, אָדער מאָנאַטלעך, אָדער וועכנטלעך, ביז זי וועט אייך צוריקערן דאָס גאַנצע געלט, די אייגענע סומע וואָס איר האָט געהאַט איר געליען.

דער געלט־מאַרק איז דאָס אָרט אין דער סיטי ווו איינ־קונפטן ווערן געקויפט יערלעך פאַר ריזיקע סומען אָפּגעשפּאָרט געלט. די איינקינפטע וואָס איר קאָנט קויפן פאַר הונדערט פונט (דאָס איז די אָנגענומענע ציפער), ענדערט זיך יעדן טאָג לויט דעם, צי עס איז פאַראַן א סך מזומן געלט אויפן מאַרק, אָדער עס פעלט אויס מזומן געלט און עס זענען פאַראַן א סך פאַר־לייגטע הכנסות צום פאַרקויפן. עס ענדערט זיך אויך לויט די זיכערקייט פון דער הכנסה און לויט די שאַנסן, וואָס עס זענען פאַראַן, אַז די הכנסה זאָל זיך הויבן אָדער פאַלן פון יאָר צו יאָר. ווען איר טראָגט אַוועק אייערע הונדערט פונט צום מעקלער. ער זאָל עס איינלייגן פאַר אייערטוועגן (דאָס הייסט ער זאָל עס פאַרבינדן פאַר אַן איינקונפט אויפן געלט־מאַרק) קאָן ער – בעת איך שרייב דידאָזיקע שורות (1926) – באַקומען פאַר אייך פיר פונט מיט צען שילינג אַ יאָר, דאָס איז זיכער און זעקס פונט מיט דער מעגלעכקייט פון שטייגן און פאַלן, אָדער

צען פונט א יאָר און מער אויב איר זענט אַ ריזיקאַנט און שטעלט זיך אונטער דער ריזיקע אפשר קיינמאָל גאָרנישט צוריקצובאַקומען.

די אָרעמע האָבן נישט קיין שום מחזקות מיט דעמדאָזיקן אָפיציעלן געלט־מאַרק, ווייל די איינציקע גאַראַנטיע, וואָס זיי קאָנען געבן, בעת זיי לייען געלט פון וועמען עס איז, א חוץ פון א געלט־מעקלער, איז צו צוזאָגן, אַז זיי וועלן אַראָפּנעמען צו צאָלן רעגולער פון זייער שכירות אַזויפיל און אַזויפיל אַ וואָך.

איז אַזוי־ווי דאָס איז א סך ווייניקער זיכער פון אָנגעשריבענעם פאַרזיכערונגס־קאָנטראַקט, אָדער א טייל ערד, מוזן זיי צאָלן אויסערגעוויינטלעך הויכע פרייזן. למשל אַן אָרעמע אַרבעטס־פרוי קאָן באָרגן א שילינג אויף א פענע א וואָך, דאָס איז די געוויינטלעכע ראַטע און אין די אויגן פון דער אָרעמער פרוי איז עס גאַנץ יושרדיק, אָבער דאָס איז העכער זעקסאונאַכציק מאָל אַזוי פיל, ווי עס צאָלט די רעגירונג פאַר געדונגען געלט דאָס מאַכט אויס אַן ערך פון פיר הונדערט און דרייסיק פונט מיט צען שילינג א יאָר פאַרן באַנוצן זיך מיט צען שילינג א יאָר פאַרן באַנוצן זיך מיט הונדערט פונט, אָדער ווי מיר רופן עס, פירהונדערט און דרייאונדרייסיק מיט א האַלבן פראָצענט. אַזאַ פראָצענט וואָלט קיין רייכער מאַן אפילו נישט געחלומט צו צאָלן. וואָס אָרעמער איר זענט, אַלץ טייערער צאָלט איר, מחמת די ריזיקע, טאָמער וועט איר נישט קאָנען אומקערן דאָס געבאָרגטע געלט איז א גרעסערער. דערפאַר ווען איר זעט אין די צייטונגען, אַז דער קורס פון געלט איז עטאַבלירט געוואָרן פון די ענגלישע מלוכה־בענק (דערפאַר רופט מען עס די באַנק־ראַטע) אויף פינף פראַצענט, אָדער רעדוצירט געוואָרן ביז פינף און אַ האַלבן פראָצענט, אָדער געשטיגן ביז זעקס פראָצענט, — זאָלט איר נישט מיינען, אַז איר אָדער עמיץ אַנדערש קאָן זיך לייען געלט לויט דעם קורס, דאָס איז בלויז פאַר די וואָס מ'איז זיכער, אַז זיי זענען קוראַנט, די רעגירונג למשל, אָדער גרויסע פינאַנסיסטן, אָדער גרויסע געשעפט־הייזער קאָנען קריגן געבאָרגט

געלט אין די בענק, אויף דעם באַשטימטן פּרייז. אין זייער פּאַ־ענדערט זיך נישט צוליב דעם וואָס מען איז נישט זיכער, צו זיי וועלן קאָנען צאָלן, נור עס ענדערט זיך לויט דער סומע אָפּגעשפּאָרטע געלטער, וואָס מען דאַרף גראָד האָבן, דאָס הייסט לויט דער נאָכפראַגע אויף געלט־באָרגן און עס איז נישט קיין חלוק, ווי בידעריק דער קורס זאָל נישט פאַלן וועט די פּאָד־לאָגע־וועשערין נאָך אַלץ צאָלן די פיר־הונדערט און דרייאונדרייסיק מיט א האַלבן פּראָצענט, טיילווייז צוליב דעם וואָס עס איז א גרויסע ריזיקע, טאָמער וועט זי נישט קאָנען צוריק צאָלן און טיילווייז דערפאַר, וואָס די הוצאות פון אַרויסבאָרגן געלטער שי־לינגווייז און דאָס איינקאַסירן די צינזן יעדע וואָך איז א סך גרעסער ווי אַרויסבאָרגן גאַנצע מיליאָנען און איינקאַסירן יעדע זעקס חדשים און טיילווייז אויך צוליב דעם וואָס די וועשין איז אומוויסנדיק און הילפלאָז און זי ווייסט נישט, אַז דער געמיינער פּראָצענטניק וועמען זי באַטראַכט אַלס איר בעסטן פריינט אין אַ נויט, רעכנט איר א גרעסערן פּראָצענט, ווי מ׳רעכנט אַ מיל־יאָנער.

דער פּרייז פון געלט ענדערט זיך אויך לויט דעם צוועק אויף וואָס מען באָרגט עס; איך האָף אַז עס האָט א שייכות מיט דעם געלט־מאַרק, אַלס א מלוה וואָס לייעט יענעם און נישט אַלס א לוה וואָס לייעט ביי יענעם. שרעקט אייך נישט פאַרן געדאַנק, צו זיין א וווכערער (איך חזר באַכאַמאָל איבער, אַז עס איז אין דעם נישטאָ קיין שום זאַך, וואָס זאָל נישט זיין ערנהאַפטיק); קיינער וועט נישט אָנרופן אייער איינגעלייגט געלט אין די בענק הלוואות. אָבער דאָס זענען זיי פּאָרט, אָבער דאָס זענען הלוואות, וואָס ווערן געמאַכט נישט צו קיין אינדיווידועלע מענטשן, נור צו גרויסע האַנדלס־געשעפטן אויף ספּעציעלע באַדינגונגען. די סוחרים אין דער סיטי לייגן אייך כסדר פאָר, איר זאָלט זיי באָרגן אייער געלט, כדי אָנצוהויבן געווויסע גרויסע האַנדלס־אונ־טערנעמונגען, וועלכע קאָנען באַשטיין פון א געשעפט (אַ קראָם אין דער צווייטער גאַס, אָדער אַן אָמניבוס־אונטערנעמונג, אָדער א טונעל דורך דעם אַנדעס, אָדער אַן אכסניה אויפן פּאַסיפיק

(שטילן ים) אָדער אַ גאָלד-מינע אין פּערו, אָדער אַ גומע פּלאַנטאַציע אויף די מאַלאַיִשע אינזלען, אָדער וואָסער עס איז אַנדערע שטערבלעכע אונטערנעמונג פון וועלכע מ׳קאָן לויט זייער מיינונג — מאַכן געלט, אָבער זיי לייען נישט אויף פּשוטע באַדינגונגען, צו צאָלן אייך אַ געוויסן פּראָצענט, ביז זיי וועלן אייך אומקערן דעם חוב. זייער פאָרשלאַג איז, אַז ווען דאָס געשעפט וועט זיין ווי געהעריק אַוועקגעשטעלט, זאָלן זיי געהערן צו אייך און צו אַלע אייערע קאָלעגן, וואָס האָבן אויסגעבאָרגט געלט דעריף (זיי רופן זיך „אַקציאָנערן״) אַזוי אַז ווען דאָס געשעפט וועט אָנהויבן צו מאַכן פּראָפיטן, זאָלן זיי איינגעטיילט ווערן צווישן אייך פּראָפּאָרציאָנעל לויט דער סומע געלט. וואָס ס׳האָט אַריינגעלייגט יעדער איינער אין דעם. און פאַרקערט, אויב עס זענען נישטאָ קיין פּראָפיטן, פאַרלירט איר אייער געלט. אייער איינציקע טרייסט איז, אַז איר קאָנט נישט פאַרלירן מער וויפיל איר האָט אַריינגעלייגט. מ׳קאָן אייך נישט צווינגען צו באַצאָלן די חובות פון דער געזעלשאַפט, אויב זיי האָבן אויסגעגעבן מער ווי איר האָט זיי געליען. אייערע התחייבותן זענען ווי מען זאָגט באַגרענעצט.

דאָס זענען ריזיקע געשעפטן. דידאָזיקע געזעלשאַפטן קאָנען אייך פאָרשלאָגן, איר זאָלט זיי באָרגן אייער אָפּגעשפּאָרט געלט אויף באַשטימטע צינזן, לאָמיר זאָגן פון זעקס אָדער זיבן פּראָצענט, מיטן תּנאַי איר זאָלט צוריקבאַקומען אייער געלט נאָך איידער מען וועט וועמען פון די געווינטלעכע באָרגערס האָבן געגעבן אַפילו אַ פּענע, אָבער בתּנאַי, אַז איר זאָלט גאָרנישט באַקומען, אויב די פּראָפיטן וועלן אַפילו זיין ריזיק. אויב איר אַקצעפּטירט דעמדאָזיקן פאָרשלאַג, הייסט עס אַז איר האָט אַ שולד-באַוויז, אָדער אַ פאָרצוגלעכן טייל אין דער געזעלשאַפט און די אַנדערע מיטגלידער האָבן בלויז אַ געווינטלעכן טייל, אַזוי, אָדער אַזוי, הייסט עס תּמיד באָרגן אָפּגעשפּאָרטע געלטער. דער איינציקער חילוק איז נאָר, דער אופן אין וועלכן איר ווערט איינגעלאַדן אָנצוגרייטן אייער געלט.

אויב איר האָט גענומען אַן אַנטייל אין אַן אַקציען-געזעל-

שאפט און עס ברענגט אייך אריין אן הכנסה, קאנט איר צו יעדער צייט, אויב איר זענט פארענגט אין געלט, פארקויפן אייער אקציע פאר אזויפיל, וויפיל זי וועט גראד ווערט זיין אויפן געלט-מארק, צו אזעלכן וואס האט אפגעשפארט געלט און ער וויל עס האלטן אויף שפעטער דורך אויסבייטן עס אויף אן הכנסה, די אפטיילונג אינם געלט-מארק, וו אקציעס ווערן געקויפט און פארקויפט, הייסט בערזע פון שטאט-פאפירן, אדער אקציעס, כדי צו פארקויפן אן אקציע, מוזט איר האבן אן אגענט, וואס רופט זיך בעקלער פון שטאטס-פאפירן און אקציעס. דער מעקלער נעמט אייער אקציע אין בערזע אריין און באט אן אן אנדער אגענט, וואס רופט זיך סוחר פון שטאטס-פאפירן און אקציעס, ער זאל אים באשטימען א פרייז. דערדאזיקער סוחר איז מחויב צו זיין באהאוונט אין דעם קורס פון די געלטער און אקציעס, און צו וויסן, וויפיל די אקציע איז ווערט, לויט די אויסזיכטן פון דער געזעלשאפט, אויך די סומע פון די אפגעשפארטע געלטער, וואס מ'לייגט פאר פאר הכנסות און די צאל הכנסות און אקציעס וואס דארפן ברענגען פארדינסטן, וואס עס זענען פאראן אויפן מארק צו פארקויפן. איר זאלט קיינמאל נישט רעדן מיט גרינגשעצונג וועגן דידאזיקע סוחרים, מחמת זיי זענען זייער וויכטיקע מענטשן און זיי האלטן זיך פאר גרעסערע מייסטערס אויפן געלט-מארק פון די מעקלערס.

דער לעגיטימירטער האנדל פון דער בערזע איז דאס דערדאזיקער פארקויף און איינקויף פון אקציעס און געזעלשאפטן וואס זענען פעסט אוועקגעשטעלט, זי פארנעמט זיך אויך אין א גרויסער מאס מיט א מין שפילן זיך אין שפעקולאציעס, ביי וועלכע עס ווערן פארגעלייגט לעגענדארישע פרייזן פאר פיקטיווע אקציעס; נור לעת-עתה לאמיר זיך האלטן ביי דעם פאל, אז די אקציעס מיט וועלכע מען האנדלט זענען אלע אין פעסטע קאמפאניעס. זייער וויכטיק פארן נאציאנאלן האנדל איז די אנווענדונג פון אפגעשפארטע געלטער, נישט אויפצוקויפן אקציעס אין אלע פעסטע געזעלשאפטן, נור צו גרינדן נייע, אדער ווייטיקסטנס אויסצוברייטערן, פארצווייגן און אפערירן מיט די אלטע.

די געשעפטן וואָס ווערן געמאַכט אויף דער בערזע, זענען נישט קיין אינהאַלט-פאַרצייכנונג פון דעם און זיי קאָנען אַמאָל פאַקטיש נישט האָבן קיין שום שייכות. לאָמיר זיך למשל פאָרשטעלן אַז איר האָט פופציק טויזנט פונט אָפּגעשפּאָרט געלט און איר לייגט עס אינגאַנצן אַריין אין באַן-אַקציעס, וועט איר דערמיט נישט שאַפן קיין איין מעטער פון אַן אייזנבאַן און נישט גורם זיין אַז עס זאָל לויפן איינאיינציקער וואַגאָן מער און נישט אפילו העלפן, אַז עס זאָל עקזיסטירן אַ וואַגאָן מיט אַ ספּעציעלן פוס-וואַרעמער. אייער געלט וועט זיך גאָרנישט אָנזען און ס'וועט נישט האָבן קיין שום השפעה אויף די אייזנבאַנען. דאָ וועט געשען בלויז דאָס, וואָס אייער נאָמען וועט אפשר פאַרנעמען דאָס אָרט פון אַן אַנדערן אָדער אַנדערע נעמען אין דער ליסטע פון די אַקציע-מיטגלידער; און פון היינט אָן און ווייטער, וועט איר באַקומען די אייגענע הכנסה וואָס עס באַקומען די אַנדערע נעמען פון דער ליסטע. אויב זיי האָבן נישט פאַרקויפט זייער טייל צו אייך. פאַרשטייט זיך אַז אויב זיי וועלן באַקומען אייערע פופציק טויזנט פונט און וועלן קאָנען טון דערמיט וואָס זייער האַרץ גלוסט, וועלן זיי עס קאָנען אויסברענגען אויף דער רולעטקע אין מאָנטאָ-קאַרלאָ, אָדער אויף ענגלישן טאָרף, אָדער אָוועקשענקען פאַר דעם פאָנד אין דער לייבאָר-פאַרטיי. איר אַליין מעגט זיין דער שטאַרקסטער קעגנער פון האַזאַרד-שפּילן און דער נאָמען לייבאָר-פאַרטיי קאָן אויף אייך פשוט אָנוואַרפן אַ מורא, איר קאָנט זאָגן „ווען איך וואָלט געוויען געוווסט. אַז דאָס וועט ווערן פון מיין געלט, וואָלט איך געווען געקויפט אַקציעס פון פּריוואַטע מענטשן, וועלכע איך קאָן און זייערע פּרינציפּן זענען מיר באַקאַנט; ווען איך וואָלט געקאָנט געטרויען, אַז זיי וועלן עס נישט אויסגעבן אויף נאַרישקייטן, אַנשטאָט קויפן אַקציעס פון געמיינע מעקלערס, וואָס האָבן נישט מער געוויס ווי אַ געלט-אויטאָמאַט און עס האַרט זיי נישט וואָס עס וועט ווערן פון מיין געלט”. אָבער אייער פּראָטעסט וועט זיין אַרויסגעוואָרפן. אין דער פּראַקטיק וועט איר אויסגעפינען, אַז איר דאַרפט קויפן אייערע אַקציעס אין אַלטע עטאַבלירטע

געזעלשאַפטן אויף דער בערזע. אַז אייער געלט וועט די געזעל־שאַפט וועמעס אַקציעס איר קויפט, קיינמאָל נישט פאַרטון לויט אייער ווילן און אַז עס וועט אַלץ באַשטימט ווערן אָן אייער קאָנטראָל. א טאָג ארבעט אויף דער בערזע, אייגנטלעך א גאַנץ אָנזעעוודיקער צוגאָב פון הונדערט טויזנטער פונטן אָפּגעשפּאָרט געלט צום אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל פון לאַנד, קאָן באמת זיין אַרויסגעוואָרפן אויף אַן אויסברענגערישן לוקסוס, אָדער אויף זינד וואָס זענען גורם אונטערגאַנג שוין נישט רעדנדיק פון דער מעג־לעכקייט, אַז זיי זאָלן אַוועקגעשיקט ווערן אין אויסלאַנד, כּדי דאָרטן צו גרינדן אונטערנעמונגען, וואָס וועלן פאַרכאַפּן די גע־שעפטן פון דער געזעלשאַפט, ביי וועמען איר האָט געקויפט איי־ערע אַקציעס און אַזויאַרום גורם זיין אייער אונטערגאַנג.

אוּוב עס איז יאָ אַזוי – וועט איר זאָגן צו זיך אַליין „וועל איך זיין זייער פאָרזיכטיק נישט צו קויפן עפּעס אַנדערש, ווי נאָר נייע אַקציעס אין נייע געזעלשאַפטן, וועלכע שיקן אַוועק דאָס געלט דירעקט צו זייערע באַנקירן לויט דער פאָרם, וואָס איז איינגעשלאָסן אין די פּלענער, וועלכע זיי שיקן אייך צו, אַז זיי דערלויבן נישט קיין שום סוחרים אָדער מעקלערס צו האָבן דערמיט קיין מגע־ומשא און אַזויאַרום זיך פאַרזיכערן אַז איי־ער געלט זאָל פאַרנוצט ווערן אויף גרינדן נייע מסחרים און פאַרגרעסערן די פּראָדוקטיווע געלד־מיטלען פון דער אינדוסטריע אין אייער אייגן לאַנד. מיין טייערע ליידע! איר וועט עס אינ־גאַנצן פאַרלירן, סיידן איר וועט זיין זייער פאָרזיכטיק און זייער גוט אינפאָרמירט מכּוח די ריזיקע וואָס עס פאַרמאָגט און האָבן אַ שטאַרקע ידיעה אין געלט־זאכן. די אַרבעט פון די קאָמפּאַניעס – עס טוט מיר לייד אַזוי צו זאָגן – איז צו מאַכן טונקעלע גע־שעפטן. איין אַקט נאָכן אַנדערן איז אָנגענומען געוואָרן אין פּאַרלאַמענט, נישט צי דערלאָזן, אַז שווינדלערס זאָלן גרינדן קאָמפּאַניעס פאַר „ווונדערלעך פיינע אויפגאַבן”, אָבער נאָכדעם ווען דידאָזיקע לייט האָבן נור אָנגעזאַמלט נענוג אַקציעס און אַזויפיל געלט וויפיל עס האָט זיך נור געלאָזט, האָבן זיי אפילו נישט בדעה אָנצוהויבן דורכפירן דאָס געשעפט. זיי אַנגאַזשירן

ביוראַליסטן, באַשטעלן סחורות, שטעלן זיך אַליין אָן דער שפּיץ אַלס דירעקטאָרן און געשעפטס-פירער און סעקרעטאַרן, בקיצור אַלץ וואָס עס טראָגט אַריין שכירות, נעמען קאָמיסיאָן פון אַלע באַשטעלונגען און ווען זיי האָבן דאָס געלט איינגאַנצן צעטיילט צווישן זיך און אָנגערויבט אויף אַזאַ אופן (וועלכער איז אַבסאָלוט לעגאַל) לאָזן זיי פאַנאַנדער די קאָמפּאַניע אַלס א נישט-געלונגען געשעפט. אַלץ וואָס איר קאָנט טון אין אַזאַ פאַל איז גיין אויף די פאַרזאַמלונגען פון די אַקציע-מיטגלידער און מאַכן אַ ליאַרם און דאַן מוזט איר נאָך אויך זיין זייער פאָרזיכטיק, נישט צו זאָגן די שווינדלער, אַז זיי זענען שווינדלער, וואָרן אויב איר זאָלט עס טון, וועלן זיי אייך גלייך אָנקלאָגן פאַר באַליידיקונג און זיי וועלן פון אייך אַרויסבאַקומען שאָדן-ערזאַץ. אָבער מיט דעם וואָס איר וועט מאַכן אַ געוואַלט, וועט איר נישט אָפּראַטעווען אייער געלט. די סומען וואָס ווערן יעדעס יאָר אַוועקגערויבט פון אומשולדיקע פרויען זענען ממש הימלשרייענדיק. דאָס טוט מען דורך גרינדן מכלומרשט אָמניבוס-קאָמפּאַניעס, אין וועלכע עס וואָלט געווען זייער שכלדיק אַריינצולייגן געלט, ווען זיי וואָלטן געווען ערלעך און ממשותדיק און דורך גרינדן שווינדלערישע קאָמפּאַניעס, וואָס זאָלן זיך מכלומרשט פאַרנעמען מיט גאָלד-גראָבן א. א. וו.

אפילו ווען איר זאָלט אויסמיידן די שווינדלערייען פון אַפּעריסטן, וואָס ווייסן גאַנץ גוט וואָס זיי טוען, וואָלט איר זיך געפונען אין אַזאַ פאַרלעגנהייט צוליב די דערפאָלגן פון זייערע געזעלשאַפטן, פונקט ווי עס געפונט זיך אַ גנב, ווען ער ווערט פלוצלינג איינגעלאַדן צום מיטאָק און פיין אויפגענומען אַלס גאַסט אין דעם הויז וווּ ער האָט איינגעבראָכן און באַגנבעט איר קאָנט אויך פאַרפירט ווערן צוליב דעם וואָס איר זעט ווי עס גרונדן זיך געזעלשאַפטן פון ענטוזיאַסטישע, ערלעכע מענטשן, וועלכע גלויבן אין דעם וואָס זיי טוען און זענען אויך גערעכט אין זייער גלויבן, ווייל זיי האָבן פיל מאָל א דערפאָלג. איר זעט ווי זיי לייגן אריין זייער גאַנץ אָפּגעשפּאָרט געלט און דערצו נאָך שווערע אַרבעט, אָבער זיי שאַצן תמיד נישט אָפּ די

גרויס פון די אויפגאַבן, צוליב וואָס דאָס איז פאַר זיי נישט גענוג באַקאַנט. זיי האָבן נישט קיין דערפאַרונג וואָס זאָל זיי ווייזן דעם וועג און זיי פאַרמאָגן א סך ענטוזיאַזם, וואָס זאָל זיי אראָפּפירן פון וועג. ווען זיי זענען האַלב אויפן וועג צו דערפאָלג האָבן זיי שוין פאַרנוצט דאָס גאַנצע געלט און זיי זעבען געצווונגען צו פאַרקויפן אַלץ וואָס זיי האָבן געשאַפן, פאַר א שיבוש. צו א נייער קאָמפּאַניע וועלכע גרינדעט זיך אויסדריקלעך מיטן צוועק צו באַנוצן זיך מיט זייער דורכפאַל. טיילמאָל האָט די צווייטע קאָמפּאַניע נישט מער מזל פון דער ערשטער און ווערט אָפּגעקויפט פון א דריטער. די קאָמפּאַניע וואָס האָט ענדלעך דערפאָלג איז אָפטמאָל געבויט אויף דעם געלט פון דריי, אָדער פיר פּיאָנער-קאָמפּאַניעס, וועלכע זענען געגאַנגען צו גרונט, א דאַנק דעם, וואָס עס האָט זיי אויסגעפעלט געלט אויף דורכצופירן זייער אידעע ביזן סוף, צו שניידן דאָס וואָס זיי האָבן פאַרזייט. די דערפאַרענע סוחרים פון דער סיטי ווייסן דאָס גאַנץ גוט און זיי וואַרטן נור אָפּ, עס זאָל קומען די רגע פאַר דעם ענדלעכן דערפאָלג, ווי אייגער פון זיי האָט זיך אויסגעדריקט: „דאָס געלט איז געמאַכט געוואָרן ביי דער דריטער רעקאָנסטרוקציע". פאַר זיי קאָן עס זיין א גלענצנדיקער אָנהויב, אָבער די אָריגינעלע אַקציאָנערן. וואָס זענען געווען גענוג קלוג, צו זען דעם דערפאָלג און גענוג זונטערנעמונגס-פעיק אָנצוהויבן דאָס געשעפט זענען אָפּגערוימט געוואָרן. זיי זעען זייערע האָפענונגען דערפילט און זייער אָפּשאַצונג באַרעכטיקט; נור אַזיווי דאָסדאָזיקע זעען זיי דורך די פענצטער פונם אָרעם-הויז זענען זיי גיכער א וואָרנונג ווי א ביישפּיל פאַר שפּעטערדיקע אונטערנעמער.

איר קאָנט אויסמיידן דידאָזיקע ריזיקעס דערמיט וואָס איר וועט קיינמאָל נישט אינוועסטירן אין קיין נייע קאָמפּאַניעס נור אַריינרופן אייער מעקלער און אים הייסן קויפן אַקציעס אין אַן אַלטע גוט-באַקאַנטע געזעלשאַפט. דידאָזיקע קאָמפּאַניע וועט איר נישט טון קיין שום טובה, נור איר וועט ווייניקסטנס וויסן, אז איר האָט זיך נישט פאַרבונדן מיט קיין שווינדלער אָדער מיט

אַזעלכע וואָס האָבן צו ווייניק געלט און זיי וועלן סוף-כל-סוף מוזן אויספּאַרקיפן די אַקציעס מיט שווערע פאַרלוסטן אָדער נאָך ערגער איינגאַנצן פאַרלירן... אָבער היט אייך פאַרן אונטערנעמונגס-גייסט פון די געזעלשאַפטן, היט אייך פון אילוזיעס און פאַרשידענע הבטחות אויף דער צוקונפט! גייט אויף א זיכערן וועג באָרגט אייער אָפּגעשפּאָרט געלט די רעגירונג און דעם שטאַט, אויב איר קאָנט, הגם די הכנסות זענען קלענער, מחמת קיין שום אָרט איז נישט אַזוי זיכער און נוצלעך, ווי אַ קאָמוניזירט אָרט אויף צו אינוועסטירן אייער געלט און ווען איר הערט ווי די זשורנאַליסטן לויבן אין טאָג אַריין דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם, אַלס א גלענצנדן רייך-מיטל קעגן דעם אַלעם, פאַר וואָס איך האָב אייך נור וואָס געוואָרנט, טאָ האַלט אָפּ דעם פּרויען-אימפּולס צו אימיטירן דעם „סאַקריסטאַן"*) אין די „איינגאָלדסביילעגענדעס", וועלכע האָט נישט אַרויסגעזאָגט קיין איינציק וואָרט וואָס זאָל דערוועקן עפּעס א חשד, נאָר ער האָט פּשוט אויסגעצויגן די האַנט און אַרויסגעשטעלט א פייג.

*) איינער וואָס היט די הייליקע זאַכן פון דער קירך.

## LIII

# שפּעקולאַציע

אינם פריערדיקן קאַפּיטל האָב איך אייך אָנגענומען פּאָר אַ קאַפּיטאַליסטין, איצט גיי איך אייך אָננעמען פּאַר אַ שטיקל האַזאַרד-שפּילערין. אויב איר זענט אפילו א פּאַרברענטע קעגנערין פון קאָרטן-שפּילן אָדער ד. ג. ל. איז עס אַ נוצלעכער טייל פון אייער בילדונג אינם מאָדערנעם לעבן, צו וויסן ווי אַזוי עס ווערט געטון. נישט האָבנדיק קיין שום אַנונג דערפון, קאָנט איר, למשל, חתונה האָבן מיט אַ האַזאַרד-שפּילער. חגם ער האָט אייך פאַרזיכערט מיט וואָס ער האָט נאָר געקאָנט, אַז ער האָט קיינמאָל אין זיין לעבן נישט אָנגערירט קיין קאָרט אָדער געזעסן ביי דער רולעטקע, אָדער איינגעשטעלט אויף פערדלעך, נאָר ער איז געווען פאַרנומען דורכויס מיט פינאַנציעלע אָפּעראַציעס אויף דער בערזע. און איר זאָלט נישט קאָנען פאַרשטיין פאַרוואָס ער קאָן אייך אַיין וואָך צורעדן זיך צו וואַרפן מיטן געלט, ווי מיסט און די אַנדערע—זאָל ער פּראָטעסטירן קעגן דעם וואָס איר קויפט זיך אַ נייעם הוט און טענהן, אַז ער קאָן עס זיך נישט פאַרגינען. בקיצור, איר קאָנט ווערן יענע טראַגישע פרוי, דעם קאָרטן-שפּילערס ווייב, וועלכע איז לויט איר טעמפּעראַמענט נישט שוין גאָרנישט קיין קאָרטנשפּילערין. מיט איין אָדער צוויי בלעטלעך צוריק האָב איך באַמערקט מכּח אַ שפּיל, וואָס ווערט געשפּילט אויף דער בערזע, וואָס רופט זיך שפּע-

קולאַציע און עס ווערן איינגעשטעלט אויף איר ריזיקע סומען פאַר פיקטיווע אַקציעס. איך וועל אייך איצט אויפקלערן דאָסדאָזיקע שפּיל און איבערלאָזן עס פאַר אייער געשמאַק און אויך פאַר אייער געוויסן צו אַנטשיידן, צי איר זאָלט עס אויסמיידן אָדער זיך אַריינוואַרפן אין דעם. עס איז דאָס גרעסטע און צום שטאַרקסטן פּראַקטיצירטע און אויפרעגנדיקסטע שפּיל, וואָס דער קאַפּיטאַליזם האָט אויסגעטראַכט.

כדי עס צו פאַרשטיין, מוזט איר קודם־כל וויסן, אַז אויף דער לאָנדענער בערזע קאָנט איר קויפן אַן אַקציע, נישט האָבנדיק קיין געלט צו באַצאָלן פאַר איר, אָדער פאַרקויפן אַן אַקציע און נישט מוזן אַרויסגעבן קיין צייגניש ביז דעם טאָג ווען מען האָט עטאַבלירט די פּרייזן און דאָס מעג זיין ערשט אין צוויי וואָכן אַרום. תחילת איז אייך, אפשר, נישט מעגלעך צו פאַרשטיין, וואָס פאַר א חילוק דאָס איז. אָבער אין משך פון צוויי וואָכן קאָן א מאָל א סך פּאַסירן. דערמאָנט אייך נור, וואָס איר האָט געלערנט מכח דעם אומאויפהערלעכע שטייגן און פאַלן ביי די פּרייזן פון די הכנסות און אָפּגעשפּאָרטע עקזעסטירנדיקע פאַרמעגנס אויפן געלט־מאַרק! גיט א טראַכט וועגן די האָפענונגען און אַנטוישונגען, וואָס קומען פאָר, צוליב דעם אויפבליען אָדער אונטערגיין פון יענע פּאַרייניקטע אַקציען־געזעלשאַפטן, וועלכע זענען אינגאַנצן אָפּהענגיק פון דער שניט־צייט פון תבואה. גומע, אייל, קוילן, קופּער. און דאָס אַלץ באַדייט, אַז עס וועט זיין מער אָדער ווייניקער צו צעטיילן צווישן די אַקציאָנערן אַלס א יערלעכע הכנסה און מער אָדער ווייניקער אָפּגעשפּאָרט געלט, מיט וואָס צו קויפן אַקציעס. דער קורס אויף אַקציעס פאַלט און הויבט זיך, נישט נור יעדעס יאָר, נור יעדן טאָג און יעדע שעה און אין אויפרעגנדיקע מאָמענטן אויף דער בערזע אפילו פון מינוט צו מינוט. אַקציעס, וואָס זענען געקויפט געוואָרן אויף דער בערזע מיט יאָרן אָדער גאָר יאָרהונדערטער צוריק פאַר הונדערט פונט אָפּגעשפּאָרט געלט צו גרינדן א נייע געזעלשאַפט, קאָן

איצט אַריינברענגען דעם אייגנטימער פינף טויזנט פונט אַ יאָר אָדער עס קאָן אים אַריינברענגען דרייסיק שילינג אָדער גאָרנישט און טיילמאָל אַלע דריי צוזאַמען. דער פּועל־יוצא דערפון איז אַז די אַקציע וואָס האָט עמיצן אַמאָל געקאָסט הונדערט פונט, ווען זי איז געווען ביי קאָן אין איין רגע פאַרקויפט ווערן פאַר הונדערט טויזנט פונט, און די אַנדערע רגע זאָל זי שוין נישט ווערט זיין מער ווי דרייסיק פונט און אין ווידער אין אַ רגע אַרום זאָל מען זי אינגאַנצן נישט קאָנען פאַרקויפן. ווען איר גיט אַ נעם אינדערפרי די צייטונג גיט איר קודם־כל אַ קוק אויף דער סיטי־אָפּטיילונג, אויף דער ליסטע פון די נעכטיקע פּרייזן אויף אַקציעס און לאַגער־געלטער, כדי זיך צו אָריענטירן ווי רייך איר זענט היינט און עס פּאַסירט זייער זעלטן אַז מיר זאָלן געפונען אַז אייערע אַקציעס זענען ווערט אַ גאַנצע וואָך דאָס אייגענע געלט, סיידן איר האָט געהאַט גענוג שכל זיי צו לייען דער רעגירונג, אָדער דעם שטאַט (אין וועלכן פאַל איר האָט קאָמונעלע פאַרזיכערונג) אנשטאט אַוועקצולייען עס אין פּריוואַטע געזעלשאַפטן.

איצט נעמט די ביידע זאַכן צוזאַמען. די כסדרדיקע ענדערונגען אינם קורס פון די אַקציעס און דאָס לאַנדאָנער בערזע־געזעץ, וואָס זאָרגט דערפאַר, אַז מען מוז פאַר זיי נישט באַצאָלן און מען מוז זיי נישט צושטעלן ביזן קומענדיקן טאָג, ווען דער קורס ווערט עטאַבלירט. איר האָט אַ ברירה נישט צו האָבן קיין איינציקע פּעני באַר־געלט און נישט קיין איין אַקציע (וואָס זאָל טראָגן אַן הכנסה) צו פאַרקויפן און לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז צוליב אַ געוויסן טעם גלויבט איר, אַז דער פּרייז אויף אַקציעס אין געוויסע געזעלשאַפטן רופט עס געזעלשאַפט „א" וועט אין די קינפטיקע עטלעכע טעג שטייגן אין ווערט, לאָמיר זיך פאָרשטעלן, איר גלויבט, אַז דער פּרייז פון אַקציעס אין אַן אַנדער געזעלשאַפט, רופט עס געזעלשאַפט „ב", האַלט ביי פאַלן; אויב איר זענט גערעכט אין אייער אורטייל, איז אַלץ וואָס איר האָט צו טון, כדי צו מאַכן געלט דורך אייער גוטן אויסוואַל, צו קויפן אַקציעס ביי דער געזעלשאַפט „א" און פאַרקויפן אַקציעס

דער געזעלשאַפט „ב". וועט איר דאָך פרעגן: „וויאַזוי קאָן איך קויפן אַקציעס און געלט אָדער פאַרקויפן נישט האָבנדיק ביידע"? עס איז גאַנץ איינפאַך, ווייל איר דאַרפט נישט צושטעלן נישט דאָס געלט נישט די אַקציעס ביזן טאָג פון עטאַבלירן. פאַר דעמדאָזיקן טאָג פאַרקויפט איר די „א"-אַקציעס פאַר א גרעסערן פרייז ווי איר האָט פאַר זיי צוגעזאָגט צו געבן און קויפט די „ב"-אַקציעס פאַר וויניקער, ווי איר האָט זיי מכלומרשט פאַר־קויפט. אינם טאָג פון עטאַבלירן, וועט איר באַקומען דאָס געלט פון די מענטשן, וועמען איר האָט פאַרקויפט די אַקציעס און די אַקציעס פון די ביי וועמען איר האָט זיי געקויפט, און ווען איר האָט באַצאָלט פאַר די „א"-אַקציעס און אָוועקגעבן די „ב"-אַקציעס וועט אייך בלייבן אין קעשענע דאָס פאַרדינסט, וואָס איר האָט געהאַט צוליב דעם חלוק אין זייער ווערט פון דער צייט וואָס איר האָט זיי געקויפט און פאַרקויפט און אין זייער ווערט אינם טאָג פון עטאַבלירן. איז עס נישט פשוט?

דאָס איז דאס שפיל פון שפעקולאַציע. קיינער וועט אייך נישט באַשולדיקן דערפאַר, וואָס איר פאַרנעמט זיך דערמיט. אָבער אויף דער בערזע וועלן זיי אייך רופן אייזל, דערפאַר וואָס איר פרעטענדירט, אַז איר קויפט מכלומרשט די „א"-אַקציעס אָבער דערפאַר וואָס איר פאַרקויפט די „ב"-אַקציעס, אויב איר באַצאָלט א קליינע סומע מען זאָל פאַר אייערטוועגן אויספלעטן אַקציעס אין א נייער קאָמפּאַניע מיטן געדאַנק, אַז איר וועט זיי קאָנען פאַרקויפן מיט פאַרדינסט איידער איר וועט נאָך דאַרפן באַצאָלן, וועלן זיי אייך רופן הירש; אויב איר וועט זיי פרעגן פאַרוואָס נישט קו, אָדער הונט? וועט זיין דער ענטפער, אַז דאָס איז צוליב דעם, וואָס די בערזע איז געגרינדעט געוואָרן פון מע־נער פאַר מענער, דעריבער איז אָט די גנבישע שפראַך אויס־שליסלעך מענעריש.

אָבער איר קאָנט זאָגן: לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז איך האָב נישט ריכטיק געטראָפן, אַז דער פרייז פון „א"-אַקציעס פאַלט, אנשטאט זיך צו הויבן און דער פרייז פון די „ב"-אַקציעס הויבט זיך אנשטאט צו פאַלן, דאָס טרעפט זייער אָפט, אָדער דורך א

נישט פאָראויסגעזען געשעעניש, וועלכעס האָט אַן איינפלוס אויף די געזעלשאַפטן, אָדער איינפאַך צוליב דעם, וואָס איר האָט שלעכט געטראָפן. אָבער איר דאַרפט זיך נישט צו שטאַרק דערשרעקן פאר דערדאָזיקער מעגלעכקייט, מחמת אַלץ וואָס איר קאָנט פאַרלירן איז דעם פארדינסט, דאָס הייסט דעם חילוק אין די פרייזן; און אַזוי ווי דאָס קאָן אויסמאַכן נישט מער ווי פינף, אָדער צען פונט אויף יעדער הונדערט, קאָנט איר פארקויפן אייערע מלבושים און אייער מעבל און פרוון נאָכאַמאָל. איר קאָנט אפילו לאָזן אַריבערטראָגן דעם רעכנונג אויפן קומענדיקן טאָג פון עטאַבלירטן דורך צאָלן „אויסשוס", אויב איר זענט אַן אָקס, אָדער סתם איינגעשפאַרט, אויב איר זענט א בער און האָט מורא צו ריזיקירן, טאָמער וועט זיך אייער מזל ענדערן אין די נענטסטע צוויי וואָכן.

נור איך מוז אייך יעדנפאַלס וואָרענען, אז אויב א סך בערן האָבן געטראָפן ווי איר און האָבן פאַרקויפט אַ גרויסע צאָל פיקטיווע אַקציעס, קאָן מען אייך אַמאַל צודריקן צו דער וואַנט. דאָס הייסט אז די בערן האָבן פאַרקויפט מער אַקציעס, ווי עס זענען באמת פאראַן, אָדער מער ווי די אייגנטימערס ווילן חשק האָבן צו פאַרקויפן, סיידן עס זאָל זיך שטאַרק הויבן דער פרייז. כיטרע „אָקסן". וואָס זענען גענוג קלוג פאָרויסצוזען דאָס און אָפקויפן די אַקציעס, וואָס מ'האָט אַמאָל צוריקגעהאַלטן, קאָנען אַמאָל כאַפן דאָס גאַנצע געלט, וואָס די בערן פארלירן. צוצודריקן די בערן צו דער וואַנט, איז אַן אנערקענטער טייל פון דעם שפיל אין שפעקולאַציע.

אזוי ווי דאסדאָזיקע שפיל איז א שפיל פון וויסן, געניטקייט און כאַראַקטער, (אָדער נישט כאַראַקטער, טרעף אָדער פעל) קאָן א גוטער טרעפער, אָרער איינער וואָס האָט פריוואַטע (פון אינעווייניק) אינפאָרמאַציעס מכוח געוויסע פאַקטן וואָס קאָנען ווירקן אויף די פרייזן פון די אקציעס, מאַכן א לעבן דערפון. אַ טייל שפעקולאַנטן האָבן אזויאַרום געמאַכט און פארלוירן קעניגלעכע פאַרמעגנס. א טייל פרויען שפילן אין שפעקולאַציע אַזוי גוט ווי אַנדערע שטעלן אויף פערדלעך. טיילמאָל טוען זיי עס מיט שכל

דורך רעגולערע מעקלערס פון אַקציע-פּאַפּירן מיט א קלאָרע אָר-יענטאַציע אין דעמדאָזיקן שפּיל. טיילמאָל ווערן זיי אַריינגע-צויגן אין דעם דורך צירקולאַרן, וואָס ווערן אַרויסגעשיקט פון אַ „בוקעט-קרעמל". איך וועל אייך אַלזאָ געבן צו פאַרשטיין, וואָס דאָס איז אַזוינס א בוקעט-קראָם.

איר געדענקט דאָך מסתמא, אז א שפּעקולאַנטקע שטייט נישט פאַר צו פאַרלירן דעם גאַנצן פּרייז פון די אַקציעס, וואָס זי קויפט מכלומרשט, אָדער דעם גאַנצן ווערט פון דער אַקציע נור בלויז דעם חלוק אין די פּרייזן, וואָס זי האָט דערוואַרט, אז עס וועלן זיין און די וואָס זי מוז צאָלן. אויב זי האָט א געניג גרויסע סומע אין האַנט צו צאָלן, קאָן זי אויסמיידן באַנקראָט. די דאָזיקע סומע הייסט „דעקונג" א הורט סוחר איז גרייט צו שפּעקולירן פאַר יעדן וואָס וועט אַריינשיקן דעקונג. אין זיינע צירקולאַרן שטייט טאָקע: „שיקט אריין צען פונט און דאָס ערגסטע וואָס קאָן טרעפן איז, אַז איר זאָלט פאַרלירן די צען פונט. אָבער עס קאָן זיין, אז איך וועל אייך קאָנען צוריק געבן טאָפּלט, אָדער א סך מאָל טאָפּלט כופל-כופלים. איך קאָן זיך פאַרופן אויף קליענטינס, וואָס האָבן מיר צוגעשיקט צען פונט און האָבן צוריקבאַקומען פופציק אָדער הונדערט. א דאַמע וואָס האָט נישט קיין שום ידיעה אין דידאָזיקע ענינים, באַקומט חשק צו פּרווון און זי שיקט אים אַריין צען פונט, וועלכע זי פאַרלירט אין די מערסטע פאַלן. אין אזא פאַל שיקט זי, כדי אָפּצוגעווינען די ערשטע צען פונט (אויב זי האָט זיי). זי קאָן אויך האָבן מזל און כאַפּן א פאַרדינסטל, מחמת בוקעט-קרעמער מוזן טיילמאָל געבן זייערע קליענטן צו געווינען, א נישט וואָלטן זיי נישט געקאָנט עקזיסטירן. אָבער אין אַלגעמיין קאָנען זיי זען, אז איר זאָלט נישט געווינען, אויב זיי ווילן אז איר זאָלט נישט געווינען, דורך דעם וואָס זיי וועלן זיך באַנוצן מיט א טייל זיי-ער נידעריקע פּרייזן אויף אַקציעס ,כדי צו ווייזן אז אייער דע-קונג איז פאַרשוווּנדן, אָדער אפילו פאַרקויפן אליין א צווייי-דריי אַקציעס צו ביליקע פּרייזן א חוץ דעם, אויב איר וועט זיי פּרווון מאָנען געריכטלעך וועלן זיי זיך אַרויסדרייען דערמיט, וואָס עס

איז א שפּיל און מען מוז זיך ריכטן דערויף. (טרעף אָדער פעל)
דער בערזע קאָמיטעט קאָן זיי נישט באַשטראָפן מיט צאָלן קנס אָדער אויסשליסן, ווייל זיי זענען נישט קיין בערזע-מיטגלידער און זיי האָבן נישט געגעבן קיין שום גאַראַנטיעס. אייגנטלעך מוז א בוקעט-סוחר נישט זיין דוקא קיין שווינדלער, פּונקט אַזוי־ווי א טאָטיאַליזאַטאָר מוז נישט דוקא זיין א שווינדלער, אָבער אויב ער פייפט אייך אָן, האָט איר נישט קיין שום עצה, בעת א רעגולערער מעקלער זאָל אייך באַשווינדלען קאָן עס אים קאָסטן זיין פּרנסה.

אויב איר שפּעקולירט דורך א רעגולערן בערזע־מעקלער, מוזט איר געדענקען, אז ער איז מחויב צו האַנדלען נור אין רעעלע אינסטיטוציעס, דאָס הייסט צו פאַרקויפן אַקציעס נאָר אַזעלכע, וואָס האָבן געלט צו באַצאָלן פאַר זיי און צו קויפן ביי אַזעלכע, וואָס האָבן אַקציעס בפועל־ממש און ווילן זיי אויס־טוישן אויף אָפּגעשפּאָרט געלט. דער חלוק איז דער, וואָס אויב איר גייט אריין אין א בוקעט-קראָם און איר זאָגט גאַנץ אָפן „דאָ האָט איר פינף פונט דאָס איז מיין גאַנצן פאַרמעגן, נעמט דאָס אָן אַלס דעקונג און שפּעקולירט פאַר מיינעט וועגן אין אַקציעס, וואָס זאָלן ווערט זיין צען מאָל אַזויפיל", וועט דערדאָזיקער סוחר אייך טון א טובה און וועט עס אָננעמען, אָבער ווען איר זאָלט דאָס זאָגן צו א בערזע־מעקלער, וועט ער אייך אַרויסטרייבן. איר מוזט אום איבערצייגן, אָדער מכלומרשט איבערצייגן, אַז איר האָט טאַקע דאָס געלט אָדער די אַקציעס מיט וועלכע איר ווילט האַנדלען.

איצט וועט איר פאַרשטיין, וואָס מען מיינט שפּילן אין שפּעקולאַציעס אויף דער לאָנדאָנער בערזע. דאסדאָזיקע שפּיל קאָן געשפּילט ווערן מיט געוויסע ענדערונגען, וואָס רופן זיך אויסוואַל און טאָפּלטער אויסוואַל א. א. וו. וואָס ווערן אַזוי לייכט אויפגעכאַפּט ווי די פאַרשידענע באַוועגונגען ביי דער רו־לעטקע. די אויסלענדישע בערזע־געזעצן זענען נישט אַזוי באַ־קוועם ווי אונדזערע, אָבער דידאָזיקע פאַרשידנהייטן ענדערן נישט דעם כאַראַקטער פון אָט דעם שפּיל. יעדן טאָג ווערן געמאַכט

שפעקולאַציע-געשעפטן אין קאַפּעל-קורט-לאָנדאָן און וואָלסטריט-ניויאָרק און אויף די בערזעס אין אויסלאַנד. מען מאַכט אַן אָנשטעל פון מיליאָנען פונטן, און באמת איז עס נישט מער ווי אַן אָנשטעל; מחמת די קויפער האָבן נישט קיין געלט און די פאַרקויפער האָבן נישט קיין סחורה און זייערע לענדער ווערן פון דעם אַלעם נישט רייכער ווי זיי ווערן פון דער רו־לעטקע אין מאָנטע־קאַרלאָ, אָדער פון אַ בוקמעקערס סך־הכל ביים סוף פון אַ פערד-געיעג. דאָך וואָלט די מענטשלעכע ענערגיע, אונטערנעמונגס־פעיקייט און כיטרעקייט, וואָס ווערט פאַרוועגדט אויף דעם, ווען זי וואָלט געווען פאַרטון דאָרט ווי מען דאַרף, געקאָנט מאַכן אַ סוף פון אַלע אונדזערע שמוציקע אונטערגעסלעך עפּידעמיעס און דעם גרעסטן טייל פון אונזערע טורמעס; זי וואָלט עס געקאָנט טון אין ווייניקער שעהן, וויפל טעג עס האָט גע־נומען דעם קאַפּיטאַליזם, צו פּראָדוצירן זיי.

# LIV

## באַנק־געשעפטן

די בערזע איז בלויז אַן אָפּטיילונג פונם געלט־מאַרק. דער געוויינטלעכסטער וועג, צו לייען געלט אויף ,אַנדלס־צוועקן, איז צו עפענען א קאָנטע אין א באַנק און לייען דאָרט אָפּגעשפּאָרט געלט, ווען איר נויטיקט זיך אין דעם. דער פירער פון דער באַנק וועט עס אייך לייען אויב ער וועט זיכער זיין אַז איר וועט עס קאָנען אָפּגעבן. אייגנטלעך איז דאָס טאַקע זיין געשעפט, ווי מיר וועלן באַלד זען. ער קאָן עס טון דורך דעם וואָס ער וועט אייך דערלויבן אַרויפצוציען מער געלט ווי איר האָט אין דער באַנק, דאָס הייסט מער ווי אייער קאָנטאָ באַטרעפט, אָדער עמיץ מיט וועמען ער איז געשעפטלעך פאַרבינדן גיט אים אַ געשריבענע פאַרזיכערונג, אַז ער וועט אים צוריק־צאָלן אַ געוויסע סומע געלט אין א געוויסע צייט אַרום. דער פירער פון דער באַנק גלויבט, אַז ער וועט האַלטן וואָרט און ער גיט אייך גלייך דאָס געלט. ער נעמט בלויז אַראָפּ גענוג צו דעקן דעם פּראָצענט פאַר דער צייט, וואָס איר וועט ע האַלטן, דאָס הייסט דיסקאנטירן דעם וועקסל. אַזעלכע טראַנזאַקציעס זענען אַלץ פאַרמען פון לייען אָפּגעשפּאָרטע געלטער. און ווען איר לייענט אין די צייטונגען, אין די באַזונדערע סיטי־אַרטיקלען, אַז געלט איז טייער אָדער גענט איז ביליק, באַדייט עס, אַז דער פּראָצענט וואָס איר צאָלט פאַרן האַלטן דאָס געליענע געלט איז אַ העכ־

כערער אָדער א נידעריקערער ווי דער פאַל זאָל גראָד נישט זיין.

טיילמאָל וועט איר זען, ווי עס ווערט א גאַנצער טומל, בכן די „בענק אָף ענגלאַנד" האָט געהויבן אָדער קלענער געמאַכט דעם דיווידענד. דאָס באַדייט אַז די ענגלישע מלוכה־באַנק גייט העכערן אָדער קלענער מאַכן פראָצענט פאַר דיסקאָנטירן וועקסלען, ווייל אָפּגעשפּאָרט געלט איז געוואָרן טייערער אָדער ביליקער, דאָס הייסט געלט איז בנמצא אָדער עס איז א דוחק אין דעם. אויב איר האָט אַרויסגעצויגן מער געלט פון אייער באַנק ווי אייער קאָנטע באַטרעפט, קאָן די ידיעה, אַז געלט איז געשטיגן אייך ברענגען א בריוו פון באַנק־דירעקטאָר, אַז מער טאָרט איר דערווייל נישט אַרויסציען און אַז ער וועט אייך דאַנקבאַר זיין, אויב איר וועט אים איינצאָלן דאָס וואָס איר האָט שוין ארויסגעצויגן מער פון אייער קאָנטע, אזוי גיך ווי מעגלעך; דערמיט מיינט ער אַזוי׳וי עס איז אַ דוחק אין געלט און עס איז טייער, קאָן ער אייך מער נישט צושטעלן און ער וויל, אַז איר זאָלט גלייך אַוועקגעבן דאָס וואָס ער האָט אייך צוגעשטעלט. דאָס קאָן אייך פאַרשאַפן א סך אומבאַקוועמלעכקייטן און עס קאָן אייך שטערן צו פאַרגרעסערן אייערע געשעפטן. דערפאַר ווערט אזא טומל און אזא יאָמער צווישן די סוחרים, ווען דער קורס שטייגט און א שמחה, ווען ער פאַלט; ווייל אינדערצייט ווען די באַדינגונגען פון געלט־הלוואות ווערן שווערער אין דער „בענק אָף ענגלאַנד", ווערן זיי אַזוי אין אַלע בענק, אַזוי אַז דער קורס פון דער ענגלישער מלוכה־באַנק, איז אַן אינדעקס אויפן פרייז פון געלט־לייען אין אַלע בענק.

און איצט קומט די פראַגע: פון וואַנען אייגנטלעך, נעמען די בענק אזויפיל אָפּגעשפּאָרט געלט צום האַנדל? פאַר דער אינטעליגענטער פרוי וואָס פאַרנעמט זיך נישט מיט קיין מסחר, אָדער וואָס האָט אַן אָפענע קאָנטע אין א באַנק און ציט קיינמאָל נישט אַרויס מער ווי איר קאָנטע באַטרעפט און ברענגט קיינמאָל נישט קיין וועקסלען צו דיסקאָנטירן זעט אויס א באַנק צו זיין אַן אָרט, וווּ מ׳איז פריינטלעך גענוג צו צאָלן אירע

טשעקן און צו האַלטן פאַר אירעטוועגן איר געלט אין זיכערקייט אומזיסט, אַזויווי זיי וואָלטן איר געדאַרפט זיין דאַנקבאַר דערפאַר, וואָס זי דערלויבט זיי, אז זיי זאָלן עס טון; זיי זענען איר אפילו גרייט צו צאָלן א געוויסן פּראָצענט, אויב זי האָט מער געלט, ווי זי דאַרף האָבן צו באַנוצן זיך דערמיט, אויב נור זי וועט באַשטיין נישט אַרויסצונעמען עס אָן א וואָרנונג, דאָס הייסט לאָזן וויסן א פּאָר טעג פריער, אַז זי וויל עס אַרויסנעמען. זי שטעלט זיך מסתמא טיילמאָל די פראַגע, וויאַזוי זיי קאָנען דאָס אויפהאַלטן אַן עלעגאַנט, גרויס הויז מיט אַ גאַנצן פּערסאָנאַל פון אנשטענדיק-געקליידטע אָנגעשטעלטע מיט א זעלטן העפלעכן און סימפּאַטישן באַנק-דירעקטאָר, וועלכער דערליידיקט א סך פון אירע פּריוואַטע עסקים אינגאַנצן אומזיסט.

דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס מענטשן ציען כמעט קיינמאָל נישט אַרויס פון דער באַנק אַזויפיל געלט, וויפיל זיי האָבן אַריינגעלייגט, און אויב יאָ אַפילו, האַלטן זיי עס דאָרט יעדנפאַלס אַ שטיקל צייט. לאָמיר זאָגן, איינער לייגט אַריין הונדערט פונט אין באַנק מאָנטיק אינדערפרי, כדי זיי זאָלן עס האַלטן פאַר אים ביז שבת, ווען ער וועט וועלן אַרויסנעמען אַ טשעק דערויף. דעם טשעק וועט מען איצט אַריינברענגען מאָנטיק. דער פועל-יוצא איז, אַז די באַנק האָט אייערע הונדערט פונט אַכט טאָג אין האַנד. אין משך פון דידאָזיקע אַכט טאָג באָרגט די באַנק אַרויס אייערע הונדערט פונט צו אַן אַנדערן און פאַרדינט אין זיי אַ פּאָר שילינג.

אָבער זייער ווייניק באַנק-טראַנזאַקציעס ווערן געמאַכט אויף אַזאַ קורצער צייט. די גרעסטע טייל מענטשן האַלטן זייערע קאָנטעס אין באַנק אָפן אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר, און אנשטאָט אַריינצולייגן יעדע וואָך פונקט אַזוי פיל, ווי פיל זיי וועלן סוף וואָך דאַרפן אויסגעבן און אַרויסציען עס, כדי אויסצוגעבן, האַלטן זיי תמיד אַ געוויסע סומע ביי זיך טאָמער וועלן זיי עס דאַרפן. די אָרעמסטע פרוי, אויב זי חלומט בכלל צו עפענען אַ קאָנטע אין אַ באַנק, איז נישט אַזוי אָפט געצוווּנגען אַרויסצוציען די לעצטע האַלבע קרוין; און ווען איר באַלאַנס פאַלט

ביז אַזאַ קליינע סומע, ווייסט זי, אַז עס איז צייט אַריינצולייגן נאָך אַ פונט אָדער צוויי. פּאַקטיש וועט נישט יעדע באַנק וועלן מאַכן אַזעלכע קליינע טראַנזאַקציעס. דער דירעקטער פון דער „באַנק אָף ענגלאַנד" וואָלט געוואָרן גרין און געל און וואָלט באַפוילן דעם פּאָרטיער, אייך אַרויסצושטעסן פון דאָרט, אויב איר וואָלט אים פאָרגעלייגט צו עפענען אייך אַ קאָנטאָ מיט אַזאַ סומע. מענטשן, וואָס האָבן אַ שייכות מיט אַ באַנק, האַלטן ווייניקסטענס צוואַנציק פונט כּסדר אין באַנק, אַנדערע האַלטן הונדערט, אַנדערע טויזנט און אַ טייל אַ סך טויזנטער, לויט די גרויס פון זייערע געשעפטן, אָדער לויט זייער אַרט לעבן; דאָס הייסט, אַלזאָ, אַז עס איז נישטאָ קיין חילוק, וויפיל געלט זיי זאָלן נישט אַריינלייגן אין די בענק אָדער אַרויסנעמען וועט דאָרט תמיד עפּעס איבערבלייבן אַ באַלאַנס, וואָס זיי ציען קיינמאָל נישט אַרויס און די אַלע באַלאַנסן צוזאַמענגענומען שטעלן פאָר אַ ריזיקע סומע אָפּגעשפּאָרט געלט אין באַנק און דורך אַרויסלייען דאָסדאָזיקע געלט אויף פּראָצענט, מאַכן די בענק ריזיקע געשעפטן און זיי קאָנען זיך דערלויבן צו זיין צו אייך העפלעך.

ווען די אינטעליגענטע פרוי, וואָס האָט אַ קאָנטאָ אין אַ באַנק און לאָזט איר באַלאַנס געוויסנהאַפטיק קיינמאָל נישט פאַלן נידריקער פון אַ געוויסער ציפער וועט דאָס הערן, וועט זי פרעגן אַ ביסל דערשראָקן. צי איר באַנק באַרגט אַוועק איר געלט, אַנשטאָט זי, די באַנק זאָל עס תמיד האָבן גרייט אין פאַל, אויב זי וועט עס וועלן אַרויסנעמען, דער ענטפער איז, יאָ זי טוט טאַקע אַזוי, און נישט נאָר זי טוט עס, נאָר די באַנק איז לכתחילה געגרינדעט געוואָרן, כּדי צו טון אַזוי. וועט דאָך די אינטעליגענטע פרוי אויסרופן — אויב אַזוי וועט זיין, טאָמער וועל איך וועלן אויסשרייבן אַ טשעק פאַר מיין באַלאַנס? וועט נישט זיין קיין געלט אין באַנק מיט וואָס צו צאָלן? פּאַקטיש וואָלט טאַקע אַזוי געווען, ווען אַלע קליענטן וואָלטן אַרויסגענומען זייער געלט אין איין טאָג. נור דאָס טרעפט קיינמאָל נישט אָבער דאָך — טענהט איר — עס קאָן דאָך טרעפן, זאָל אייך

נישט אָרן; די באַנק זאָרגט נישט מכּוח דעם וואָס עס קאָן זיך טרעפן, נור וואָס עס טרעפט. טרעפן טרעפט, אַז אויב די באַנק האָט ליגן אויף יעדן פונט, וואָס מ'האָט ביי איר אַריינגעלייגט דריי שילינג אין שופלאַד אויף אויסצעצאָלן אויף די טשעקן פון קוויטל, איז עס געניג פאַר איר.

אָבער זייט אזוי גוט און געדענקט, אַז איך בעט די פרוי וואָס האָט אַ קאָנטע אין אַ באַנק, זי זאָל נישט איבערשרעקן די אַנדערע פרויען, דערציילנדיק זיי די מעשה, מחמת זיי וואָלטן זיך אַלע אַ לאָז געטון צו די בענק און אַרויסגעפאָדערט זייערע באַלאַנסן און דער באַנקיר, האָבנדיק אויסגעצאָלט די וואָס זע־נען געקומען פריער, זייער געלט, וואָלט מיט די דריי שילינגס נישט געקאָנט באַצאָלן די איבריקע, ער וואָלט געמוזט פאַרמאַכן די טירן און אויפהערן צאָלן. דאָס טרעפט זיך טאַקע טיילמאָל, ווען עס פאַרשפרייט זיך פּלוצלינג אַ קלאַנג, אַז א געוויסע באַנק איז נישט קרעדיטפעיק. ווען צוליב אַ געוויסן מאטיוול איז עמעץ גורם, אַ בהלה, עס ווערט אַ געלויף צו דער באַשטימטער באַנק, די באַנק ווערט הרוב און די קונים ליאַרמען, זיי זענען אין כּעס אויף די דירעקטאָרן און דראָען זיי מיט אַרעסטירן בעת, אין דער אמתן, איז נישטאָ קיין שום סיבה דערפאַר, מחמת זיי דאַרפן וויסן, אַז בענק, טוענדיק די אַלע דינסטן אומ־זיסט, קאָנען נור עקזיסטירן אויף באַדינגונגען ווען אַלע קונים זאָלן נישט אַרויסציען זייער געלט אין איין טאָג.

אפשר קאָנט איר גראָד אַ פרוי, וואָס נישט נור זי ציט תּמיד אַרויס איר גאַנצן באַלאַנס, נור זי ציט נאָך אַרויס מער, ווי זי האָט אַריינגעלייגט, אַזוי אַז זי איז תּמיד שולדיק דער באַנק געלט — קומט עס פאַר אויף אַ גאַנץ איינפאַכן אופן. די באַנק באָרגט איר געלט, וואָס זי האָט ליגן פון די אַנדערע קליענטן און נעמט דערפאַר אַ געוויסן פּראָצענט; ביי אַזעלכע געשעפטן פאַרדינט די באַנק זייער גוט, און דער עסק לוינט זיך איר.

און איצט, אַז איר האָט שוין אַ ידיעה אין די אינערלע־כע געשעפטן פון די בענק און איר ווייסט שוין ווי אַזוי זיי

קריגן אַריין די אַלע אָפּגעשפּאָרטע געלטער, וואָט זיי באָרגן אַוועק אויף פּראָצענט, מעג איך אייך נאָכאַמאָל דערמאנען, אויב איך האָב אייך נאָך נישט פאַרנודעט, אַז דאָסדאָזיקע אָפּגעשפּאָרטע געלט איז באמת אָפּגעשפּאָרטער אינהאַלט, וואָס באַשטייט מערסטנס פון סחורה, וואָס ווערן קאַליע און מען מוז זיי גלייך פאַרנוצן. איינע פון די גרעסטע סכנות פאַרן פאָלק איז דאָס, וואָס די באַנקירן ווייסן נישט דערפון, מחמת זיי אַליין האָבן דערמיט; קיינמאָל נישט קיין מגע-ומשא, זיי געבן זיך נישט אָפּ דערמיט. זיי זאַמלען נישט איין די געלטער. און דאָס רעכט אַוועקצוגעבן עס און פאַרנוצן איז פאַרהילט אונטערן נאָמען קרעדיט. דער פּועל-יוצא איז, אַז זיי הויבן אָן צו טראַכטן, אַז קרעדיט איז אַ זאַך, וואָס מ'קאָן עסן און טרינקען און אָנטון זיך און בויען דערפאַר הייזער. באַנען פאַבריקן א. א. וו. בעת אייגנטלעכער קרעדיט איז נישט מער ווי דעם מלוהס מיינונג, אַז די בעלי-חובות וועלן אָפּגעבן דאָס וואָס זיי לייען.

פאַרשטייט זיך, אַז מ'קאָן נישט שפּייזן די אַרבעטער, בויען הייזער און זייען רעטעכער מיט מיינונגען. ווען איר הערט פון אַ פרוי וואָס לעבט פון קרעדיט אָדער בויט אַ הויז אויף קרעדיט, אָדער זי האָט אַן אויטאָמאָביל אויף קרעדיט, קאָנט איר זיין גאַנץ זיכער, אַז עס הויבט זיך נישט אָן; זי לעבט פון אמתן פּראָוויאַנט; בויט הייזער פון ציגל און צעמענט. און די מענער, וואָס בויען די הייזער פאַר אירעטוועגן, זענען מענטשן, וואָס עסן ממשותדיקע מאָלצייטן און זי פאָרט אַרום אין אַ שטאָלענעם אויטאָמאָביל אָנגעפילט מיט אַן אויפרייסנדיקן בענזין. אויב זי האָט זיי נישט אַליין געמאַכט אָדער באַצאָלט פאַרזיי, האָט עס עמעץ אַנדערש געטון; און דאָס וואָס זי האָט אַלץ אויף קרעדיט באַדייט, אַז דער באַנק-דירעקטער גלויבט, אַז אין אַ צייט אַרום וועט זי באַצאָלן מיט אַ גלייכן ממשותדיקן מאַטעריאַל פונם אייגענעם ווערט. און באַצאָלן דערווייל דער באַנק אַ געוויסן פּראָצענט פאַרן באַנוצן זיך דערמיט. נור ווען זי גייט אין באַנק אַריין, זאָגט זי נישט דעם באַנקפירער, אַז זי וויל לייען ציגל אָדער שפּייז אָדער אויטאָמאָבילן, נור זי זאָגט

אַז זי ווילן האָבן קרעדיט און ווען דער פירער פון דער באַנק דערלויבט איר אַרויסצונעמען דאָס געלט, איז עס אייגנטלעך אַ באַשטעלונג אויף אַזוי פיל און אַזוי פיל שפּייז, אַזוי פיל און אַזוי פיל ציגל און אַן אויטאָמאָביל. ער דערמאָנט נישט קיין וואָרט מכּוח די אַלע זאַכן. ער זאָגט און טראַכט, אַז ער גיט איר קרעדיט. אַזוי אַרום הויבן אָן סוף־כּל־סוף אַלע באַנקירן און סוחרים צו טראַכטן, אַז קרעדיט איז אַ ממשותדיקע זאַך, וואָס מ׳קאָן עסן און טרינקען און אַז באַנק־דירעקטאָרן קאָנען פאַרגרעסערן אָדער פאַרקלענערן דעם וווקס אויף די פעלדער און פאַרבעסערן דאָס גערעטעניש דערמיט, וואָס זיי האָבן מער צוטרוי צו די קליענטן, מיט וועלכע זיי האַנדלען, אָדער זיי זענען סקעפּטיש און האָבן מורא, טאָמער וועלן זיי נישט קאָנען באַצאָלן (אַרויסלאָזן אָדער צוריקציען דעם קרעדיט, ווי זיי רופן עס). די סיטי־אַרטיקלען אין די צייטונגען, די אַדרעסן פון באַנק־פאָרזיצערס אויף די יערלעכע מיטינגען פון די אַקציאָנערן די פינאַנציעלע דעבאַטן אין פּאַרלאַמענט זענען פול מיט נאַרישע פראַגן מכּוח אַרויסלאָזן קרעדיט און צוריקציען קרעדיט, אַזוי ווי קרעדיט וואָלט געווען אַ זאַך, וואָס מ׳קאָן עס אָננעמען מיט אַ לאָפּאַטע. קלוגע מענער קומען צו גיין מיט וווּנדערלעכע פּלענער, וואָס שטיצן זיך אויף אַן אויסרעכנונג, אַז ווען אַ באַנקיר לייט פאַר פינף טויזנט פונט אָפּגעשפּאָרטן אינהאַלט, גיט ער אויך דעם, וואָס באָרגט עס, קרעדיט אויף פינף טויזנט פונט אַז מען לייגט צו די פינף טויזנט פונט קרעדיט צו די פינף טויזנט פונט אָפּגעשפּאָרטן אינהאַלט מאַכן זיי אויס צוזאַמען צען טויזנט! אנשטאָט מ׳זאָל זיי וואָס שנעלער אָוועקפירן אינעם נאָענטן משוגעים־הויז, געפונען דידאָזיקע חכמים אַנהענגער סיי אין פּאַרלאַמענט סיי אין דער סיטי. זיי שלאָגן פאָר צו פאַרברייטערן אונדזער אינדוסטריע. (דאָס הייסט, מיר זאָלן בויען שיפן, פאַבריקן, דאַמפמאַשינען, באַנען א. ד. ג.) מיט קרעדיט, זיי גלויבן, אַז איר קאָנט פאַרטאָפּלען די סחורות פאַר לאַנד דערמיט, וואָס זיי וועלן אויסבייטן דעם ציפער 2 אויפן ציפער 4.

ווען עס מאַכט זיך אַ דוחק אין געלט אין די „בענק אָף ענגלאַנד“ און די באַנק איז געצוווּנגען צו הויבן דעם קורס באַשוּלדיקט מען די דירעקטאָרן, אַז זיי טוען אָפּ מיאוּסע שפּיצלעך און זיי לאָזן נישט פאַרברייטערן דעם מסחר, פּונקט ווי דער הויפּט-דירעקטאָר און די קאָמפּאַניע פון די „בענק אָף ענגלאַנד“ וואָלטן געקאָנט האַלטן דעם קורס נידריקער ווי דער באַראָמעטער קאָן האַלטן די מערקורי אין אַ שיין וועטער. זיי מיינען, אַז זיי זענען באַהאַוונט, ווייל זיי זענען דאָך עפּעס „געניטע סוחרים“ אָבער אינדעראמתן זענען זיי, ווען עס האַנדלט זיך אין נאַציאָנאַלע ענינים, נישט מער ווי מאַניאַקעס מיט געפּערלעכע אילוזיעס; און אונטער דער רעגירונג וואָס פאָלגט זייערע עצות, הויבט זיך אָן שאָקלען דער באָדן הינטער די פיס.

וואָסזשע פאָרט אַזוינס באַשטימט דעם פּרייז, דאָס הייסט דעם קורס פון געלט. וויפיל איר זאָלט צאָלן, ווען אירווילט באָרגן געלט אין דער באַנק אָדער וויפיל איר זאָלט באַקומען ווען איר לייגט עס אַריין אַהין (אויף אַ דעפּאָזיט) אָדער ווען איר אינוועסטירט עס ביי האַנדלס-געזעלשאַפטן דורך קויפן אַקציעס אָדער ביי דער רעגירונג אָדער דעם שטאַט? מיט אַנדערע ווערטער, וואָס באַשטימט דעם אַזויגערופענעם פּרייז פון געלט? דאָס הייסט: די פּראָצענטער פאַר לייען געלט?

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז שוין אָפּהענגיק פון דעם, וויפיל אָפּגעשפּאָרט געלט עס געפינט זיך גראָד אויפן מאַרק, אַוועקצולייען און וויפיל די, וואָס ווילן זיך באַנוצן דערמיט קאָנען און זענען גרייט צו צאָלן. אין איין זייט האָט איר די אייגנטימער פון פאַרמעגנס, וועלכע לעבן פאַר ווייניקער ווי זייערע הכנסות, און דערפאַר ווילן זיי פּטור ווערן דערפון איידער עס ווערט פאַרניכטעט. און פון דער אַנדערער זייט, האָט איר די סוחרים, וואָס נויטיקן זיך אינדעם, וואָס די אייגנטימער האָבן נישט געקאָנט קאָנסומירן, כּדי צו שפּייזן דערמיט דעם פּראָלעטאַריאַט, אין ווען עס אַרבעט זיי נויטיקן זיך, כּדי אָנצוהויבן נייע געשעפטן אָדער צו פאַרגרעסערן די אַלטע. אַ חוץ זיי האָט איר די הולטייסקע אייגנטימער, וואָס האָבן געלעבט איבער זיי-

ערע מעגלעכקייטן און זיי מוזן דעריבער פאַרקויפן זייערע הכנסות (אָדער אַ טייל פון זיי) פאַר באַר געלט אויף צו באַצאָלן זייערע חובות. צווישן זיי אַלע באַקומט זיך דער צופלוס און די פאָדערונגען לויט דעם, וויפיל אָפּגעשפּאָרט געלט און הכנסות עס איז גראָד ווערט; טייער אָדער ביליק. געווייינטלעך שטייגן די פרייזן, ווען עס קומט אַריין ווייניק געלט אין די בענק אָדער ווען דער פאַרלאַנג ווערט אַ מער דרינגענדיקער. און זיי פאַלן, ווען דער צופלוס ווערט גרויס און דער פערלאנג אַ קלענערער.

פאַרבייגייענדיק, וויל איך אייך דערקלערן, אַז איצט, אַזוי ווי מיר האָבן געגומען באַהאַנדלען די טערמינען מכּוח צושטעלן און די פאָדערונגען, געדענקט, אַז פאָדערונגען, לויט דעם זין פונם געלד-מאַרק, מיינט נישט גראָד פאָדערונגען אַליין; עס מיינט נור די פאָדערונגען, וואָס דער געברויכער קאָן צופרידנשטעלן. דער פאַרלאַנג פון אַ הונגריק קינד נאָך עסן איז זייער אַ שטאַרקער; אָבער מען רעכנט זיך מיט אים נישט אינם מסחר סיידן דעם קינדס מוטער האָט געלט צו קויפן עסן פאַר זיינעטוועגן. בלויז די אוממענטשלעכע קוואַליפיקאַציע, צושטעלונגען און פאָדערונגען (וואָס רופט זיך ווירקענדיקע פאָדערונג) באַשטימט דעם פרייז פון אַלץ וואָס האָט אַ פרייז.

בענק זענען זיכער, ווען זיי באָרגן אַוועק זייערע געלטער (אָדער ביכער אייערע) מיט אויסגערעכנטקייט. אויב זיי מאַכן שלעכטע אינוועסטאַציעס אָדער זיי געטרויען נישט די ריכטיקע פערזאָנען אָדער זיי שפּעקולירן, קאָנען זיי רואינירן זיך אַליין און זייערע קליענטן. אַ מאָל, ווען עס זענען געווען אַ סך בענק, פלעגט עס טרעפן זייער אָפט. איצט, ווען די גרויסע בענק האָבן פאַרשלונגען די קליינע, זענען זיי צו ווייניק אין צאָל און צו גרויס, אַז זיי זאָלן זיך קאָנען דערלויבן צו דערלאָזן אַ געגנזייטיק צוזאַמענברעכן. און באמת קאָן עס די מלוכה גאָרנישט צו לאָזן. אַזוי, אַז איר זענט גאַנץ זיכער מיט אייער געלט, אויב איר האַלט עס אין אַ גרויסער באַנק, און איר דאַרפט נישט צווייפלען מכּוח באַנוצן זיך מיט איר גרייטקייט

אַרויסצוהעלפן אייך אין אַ סך פאַלן, איינגעשלאָסן דאָס האַנדלען אַלס אייער געלט-מעקלער, באָרגן פון אייך אויף פראָצענט און אייך באָרגן, הגם אויף אַ פיל גרעסערן פראָצענט, גרייט געלט אויף צוריק צוצאָלן ראַטעסווייז, אויב נאָר איר האָט גוטע ערבים.

איצט, אַזוי ווי מיר זעען שוין די סיבה, פאַרוואָס די טערמינען פון געלט-לייען ענדערן זיך פון צייט צו צייט און טיילמאָל פון שעה צו שעה, טאָ לאָמיר זיך אַביסל פאַרווײלן דערמיט, וואָס מיר וועלן אויסרעכנען, וואָס עס וואָלט פאָרגעקומען אין די בענק, ווען די מלוכה לאָזט זיך פאַרפירן פון די פראַקטישע סוחרים אָדער די טויזנט-יעריקע אַמאַטאָרן און זי באַקומט חשק אַרייַנצוקריגן אַ סומע, לאָמיר זאָגן, פון דרייסיק טויזנט מיליאָן פונט דורך אַ שטייער אויף קאַפּיטאַל און נאָך דרייסיק טויזנט מיליאָן פונט דורך אַ שטייער אויף קרעדיט.

די ידיעה מכּוח דעם שטייער אויף קרעדיט וואָלט באַלד געמאַכט אַ סוף צו דעם טייל פון מסחר, מחמת עס וואָלט אַ סוף געמאַכט צו קרעדיט בכלל. דער פינאַנציעלער מאַגנאַט, וואָס האָט געקאָנט באַקומען געבאָרגט אַ מיליאָן פונט אויף זעקס אָדער זיבן פראָצענט דורך אויפהויבן דעם פינגער זיינעם, וואָלט נישט געקאָנט קריגן קיין פינף שילינג געבאָרגט פון זיין קאַמערדינער, סיידן יענער וואָלט עס אים געבאָרגט צוליב פריינטלעכקייט און נישט געהאָפט אפילו עס צוריקצובאַקומען ווען עס איז. די קאַפּיטאַליסטן וואָלטן געמוזט אַרויסציִען יעדן פאַרדינג פון די בענק. כּדי צו צאָלן שטייערן און זיי וואָלטן באַפוילן זייערע מעקלער אויסצופאַרקויפן אַלע זייערע אַקציעס, שולדצייגנישן, רעגירונגס און מיניציפאַלע ווערט-פאַפּירן, עס וואָלט אַנטשטאַנען אַזאַ געוואַלטיק גרויסע פאָדערונג אויף גרייט געלט, אַז דער „גאָווערנער" (אייגנטלעך דער דירעקטאָר) און די קאָמפּאַניע פון די „בענק אָף ענגלאַנד" וואָלטן געמוזט פאַראָרדנען אַ מיטינג אויף עלף אַ זייגער און נאָך אַביסל וואַקלען זיך, באַשליסן צו העכערן די באַנק-ראַטע אויף צען פראָצענט. נאָך מיטאָג וואָלט מען זיי אַרויסגעפאָדערט אין איילעניש צו העכערן

אויף אַ הונדערט פּראָצענט און איידער זיי וואָלטן צייט געהאַט אַרויסצושיקן די וואַקלענדיקע ידיעה וואָלטן זיי זיך דערוווּסט אַז עס איז אַ שאָד די אַרבעט, מחמת די בענק האָבן נאָכדעם וואָס זיי האָבן אויסגעצאָלט דריי שילינג פון די הונדערט, אויפגעהערט צו צאָלן און האָבן אַרויסגעהאָנגען אַ נאָטיץ אויף די פאַרשלאָסענע טירן, אַז זיי האָפן צו קאָנען צאָלן זייערע קליענטן די רעשט, נאָכדעם ווי זיי וועלן האָבן רעאַליזירט אַלע זייערע אינוועסטיעס: דאָס הייסט, איינציען זייערע הלוואות און אויספאַרקויפן זייערע ווערט־פּאַפּירן און די אַקציעס. נור די מעקלער וואָלטן רעפּאָרטירט איין פּרייז פאַר אַלעמען. דערדאָזיקער פּרייז וואָלט געווען נישט קיין פונטן נישט קיין שילינגס נישט קיין פּענעס אָדער אפילו פאַרדינגס, נור גאָרנישט. מחמת דאָס איז דער פּרייז אין אַ מאַרק, ווו עס זענען פאַראַן בלויז פאַרקויפער און לגמרי נישט קיין קויפער.

ווען דער שטייערבאַאַמטער וואָלט געקומען איינמאָנען שטייערן, וואָלטן די שטייער־צאָלער געזאָגט: „איך האָב נישט קיין געלט פאַר אייערטוועגן; נור אנשטאָט צו צאָלן שטייער פונם קאַפּיטאַל, נאַט אייך דעם קאַפּיטאַל אַליין. נאַט אייך אַ בינטל אַקציעס־פּאַפּירן, וועט איר זיי פאַרקויפן פאַר פּאַפּיר אויף איינפּאַקן זאַכן, פאַר אַ האַלבע פּענע. נאַט אייך אַ בינטל אָבליגאַציעס און פּרוווּט אייער גליק מיט זיי. אָט האָט איר קופּאָנען, וואָס וואָלטן אין משך פון עטלעכע יאָר האָבן דעם אייגענעם ווערט, ווי זעלטענע פּאָסטמאַרקן. אָט האָט איר אַ טראַנספער־אָנווייזונג, וואָס וועט געבן די בענק אָף ענגלאַנד די באַפולמעכטיקונג, אויסצושטרייכן מיין נאָמען פון דער מלחמה־הלואה און איבערשרייבן איר אויף אייער נאָמען. נור איר וועט אָבער פון דעם אַלעמען גאָרנישט האָבן! איך מוז אייך אַליין אַרויסבאַגלייטן, מחמת מיינע דינער דרייען זיך אַרום אין גאַס און שטאַרבן פון הונגער, ווייל איך האָב נישט קיין געלט מיט וואָס צו צאָלן זיי זייערע שכירות. עס איז אַ פאַקט, אַז איך וואָלט היינט אַליין אויך נישט געהאַט וואָס צו עסן, ווען איך זאָל נישט געוועזן פאַרזעצן מיין פראַק, און אין לאָמבאַרד האָט מען מיר

נעגעבן זייער וויניק פאַר מיין פראַק, מחמת בײַ זיי איז אַ שטאַרקער מאַנגל אין געלט און זיי זענען פאַרוואָרפן מיט פראַקן ביזן סופיט. אַ גוטן טאָג אײַך!"

איר קאָנט פרעגן נאָך אַלעמען, וואָס איז דאָ דאָס אומ־גליק, צי האָבן דען נישט ביין מענטשן פון יעדער צען נישט קיין קאַפּיטאַל און נישט קיין קרעדיט אינם פינאַנציעלן זין? (דאָס הייסט הגם אַ קרעמערל קאָן זיי אפשר טרויען ביז סוף וואָך וואָלט אָבער קיין שום באַנקיר נישט געחלומט צו באָרגן זיי אפילו זעקס פענעס). זיי וואָלטן געקאָנט צוקוקן זיך צו דעם וואָס עס געשעט און לאַכן ביז טרערן: „זאָלן די רײַכע אויך אַמאָל פאַרזוכן דעם טעם, וואָס עס מיינט צו זיין אָן אַ פענע, ווי מיר זענען אַזוי אָפט." אָבער וואָס איז מכוח דער גרויסער צאָל מענטשן, וואָס לעבן פון די רײַכע: די דינסטן און דינער די אַרבעטסגעבער און די אַרבעטער, וואָס זענען באַשעפטיקט בײַ לוקסוס־אויסאַרבעטונגען, די מאָדערנע דאָקטוירים און אַד־וואָקאַטן? און אפילו מיט די נויטיקע פּראָדוקציעס, וואָס וואָלט געשען, ווען די בענק זאָלן אַלע זיין געשלאָסן און באַנקראָט און דאָס געלט אויף אויסצוצאָלן שכירות זאָל האָבן אינגאַנצן צוגענומען די רעגירונג, קיין שום טשעקן ווערן נישט אויסגעצאָלט און קיין שום וועקסלען נישט דיסקאָנטירט? סיידן די מלוכה וואָלט גרייט געווען גלייך איבערצונעמען און אַליין צו פירן דעם גאַנצן מסחר פונם לאַנד: דאָס הייסט, איינצואָרדנען אַ קאָמפּלעטע נאַ־ציאָנאַליזאַציע פון דער גאַנצער אינדוסטריע, נישט האָבנדיק פאָרויסגעזען אָדער געמיינט צו טון אַזא זאַך, חורבן און הונ־גער וואָלטן צוגעברענגט צו פּאַגראָמען און פּלינדערונג, אין פּאָ־גראָמען און פּלינדערונגען וואָלטן גורם געווען, אז עס זאָל נאָך ווערן ערגער, ווי ס'איז; און לסוף וואָלטן די איבערגעבליבענע אויב עס וואָלטן געווען אַזעלכע, געווען מער נאָך ווי צופרידן, צו פאַלן אויף די קני פאַר אַ מין נאַפּאָלעאָן אָדער מוסאָליני, וועלכע וואָלטן אָרגאַניזירט די געוואַלטאַטן פון פּעוול און צו־ריק־געשטעלט די אַלטע אָרדנונג, אויף אַזוי פיל וויפיל מען

וואָלט נאָר געקאָנט אָפּראַטעווען פֿונם כאַאָס דורך פּשוטן צוואַנג וואָס וואָלט אנגעווענדט געוואָרן דורך אַן אומבארחמנותדיקן דיקטאַטאָר.

# LV

## געלט

איר האָט שוין איצט א גרעסערע ידיעה מכוח דעם געלט־מאַרק פון א סך אנדערע מענטשן, אָבער נאָך נישט גענוג כּדי צו וויסן וואָס באַשטימט דעם ווערט פון ווערט־פּאַפּירן, אַקציעס און אָפּגעשפּאָרט געלט און וואָס ענדערט די פּרייזן פון טאָג צו טאָג? נישט אַלע געלטער זענען אָפּגעשפּאָרט געלט. ווייניק מענטשן גיבן אויס אַזויפיל געלט אויף אַקציעס, ווי אויף שפּייז, מלבושים אָדער אַ וווינונג. א סך פון אונדז נישט האָבנדיק קיין אָפּגעשפּאָרט געלט בכלל, חלומען גיכער פון קויפן א יאַגד־הייזל אין שאָטלאַנד איידער אינוועסטירן געלט אָדער שפּעקולירן אויף דער בערזע. אָבער מיר נוצן דאָך געלט, ווען עס וואָלט נישט געווען אַזאַ זאַך ווי אָפּגעשפּאָרט געלט אויף דער וועלט, וואָס וואָלט פעסטגעשטעלט דעם פּרייז פון געלט? וואָס איז בכלל געלט?

נעמט למשל א גאָלדענע מטבעה, איר זענט אפשר גענוג אַלט צו געדענקען אַזאַ זאַך, איידער די מלחמה האָט זיי אויסגעראָטן און איינגעפירט אויפן אָרט פון גאָלדענע מטבעות שטיקלעך פּאַפּיר, וואָס מיר רופן פּאַפּיר־געלט און איר זענט אפשר גענוג יונג צו דערלעבן צו זען ווי זיי וועלן זיך צוריק אומקערן. וואָס איז אַזוינס א גאָלדענע מטבעה? עס איז א געצייג פון קויפן זאַכן פּונקט אינגם זעלבן זין ווי א זילבערן לעפעלע

איז א געצייג צו עסן דערמיט אַן אײ. קויפן און פּאַרקויפן וואָלט געווען אַן אוממעגלעכקייט אָן דעמדאָזיקן געצייג. וואָס וואָלט געשען, ווען זיי וואָלטן נישט עקזיסטירט און איר ווילט ערגעץ פאָרן מיט אַן אָמניבוס? און דאָס איינציקע באַוועגלע־כע פאַרמעגן אייערס וואָלט באַשטאַנען אין קאַטשקעס און אין אַן אייזל! ווען דער קאָנדוקטאָר וואָלט צוגעקומען צו אייך נאָך געלט פאָרן פאָרן וואָלט איר אים פאָרגעלייגט דאָס אייזל און איר וואָלט זיך געהייסן געבן אַ רעשט קאַרטאָפלעס, אָדער איר וואָלט אים פאָרגעלייגט אַ קאַטשקע און זיך געהייסן געבן א רעשט אייער. דאָס וואָלט גורם געווען אַזויפיל שוועריקייטן און עס וואָלט אַזוי אויפגעהאַלטן דעם האַנדלס-פּאַרקער, אז דאָס צווייטע מאָל וואָלט איר איינגעפונען, אז עס איז ביליקער צו פאָרן מיטן אייזל ווי מיטן אָמניבוס: פּאַקטיש וואָלטן גאָרנישט געווען קיין אָמניבוסן, מחמת קיינער וואָלט גאָרנישט געפאָרן אויף זיי. סיידן אָמניבוסן וואָלטן קאָמוניזירט געוואָרן און בילעטן קויפן, וואָלט מען אונטערגעבראָכן.

אַלזאָ, עס איז שווער אַרומצופירן זיך מיט אַן אייזל, אפילו ווען ער טראָגט אייך אויפן רוקן, אָבער עס איז גאַנץ גרינג צו טראָגן מיט זיך אַזויפיל גאָלד, וויפיל אַן אייזל קאָסט. צוליב דעם צעשניידט די מלוכה שטיקלעך גאָלד, אין באַקוועם־געפאָרעמטע שטיקלעך, וואָס וועגן עפּעס מער ווי 123 „גריינס" אַ פערטל פון א קאַראַט 22־קער גאָלד און דערמיט קאָן מען זיך באַנוצן צום קויפן און פאַרקויפן. פאַר אַזעלכע טראַנזאַקציעס, וואָס זענען צו קליין צו באַנוצן זיך מיט אַזאַ מעטאַל, וואָס איז אַזוי טייער ווי גאָלד, מאַכט זי זילבערנע און קופּערנע מטבעות און זי גיט אַרויס א געזעץ, אַז אַזויפיל פון אָט די מטבעות זאָלן האָבן דעם ווערט פון איין גאָלדענער מטבע. אַזויאַרום ווערט דער קויף און פאַרקויף זייער גרינג. אנשטאט איר זאָלט פאָרלייגן דעם אָמניבוס־קאָנדוקטאָר אייער אייזל, טוישט איר אים אויס לויט זיין ווערט אויף געלט און האָבנדיק געלט אין קעשענע, קאָנט איר באַצאָלן פאַר אייער רייזע

אין צוויי רגעס נישט דאַרפנדיק אויסרעדן אפילו א וואָרט מיטן קאָנדוקטאָר.

אַזויאַרום זעט איר, אַז געלט איז נישט נור אַ בויטיק געצייג צו קויפן און פאַרקויפן נור אויך אַ מאָס פון ווערט; מחמת עס ווערט פאָרגעשלאָגן געלט זיך דערמיט צו באַנוצן, הערן מיר אויף צו זאָגן, אז אַן אייזל איז ווערט אַזויפיל און אַזויפיל קאַטשקעס, אָדער א האַלב פערד, נור אז עס איז ווערט אַזויפיל און אַזויפיל פונטן אָדער שילינג. דאָס גיט די מעגלעכקייט צו האַלטן ביכער און עס מאַכט בכלל מעגלעך דעם האַנדל.

דאָס אַלץ איז אַזוי לייכט ווי א. ב. דאָס וואָס איז נישט אַזוי גרינג תופס צו זיין איז, פאַרוואָס זאָל דער אייזל האָבן דעם ווערט פון, לאָמיר זאָגן דרייפערטל פון א פונט, (15 שילינג) אָדער פאַרקערט, פאַרוואָס זאָלן פופצן שילינג ווערט זיין אַן אייזל? וואָס איר קאָנט זאָגן איז, אז די קויפערין האָט פופצן שילינג און זי דאַרף האָבן אַן אייזל נייטיקער פון די פופצן שילינג און דער וואָס פאַרקויפט פאַר דעם פרייז דאַרף נייטיק האָבן די פופצן שילינג איידער צו האַלטן דעם אייזל. די קויפערין ווידער, הגם זי דאַרף האָבן אַן אייזל, דאַרף זי עס נישט אַזוי נייטיק האָבן, אַז זי זאָל וועלן געבן מער ווי פופצן שילינג דערפאַר; און די פאַרקויפערין, הגם זי דאַרף האָבן געלט וויל נישט אַוועקגעבן דאָס אייזל פאַר ווייניקער פון פופצן שילינג; און אַזוי טוישן זיי זיך מיטן געלט פאַרן אייזל. זייערע באַדערפעגישן באַלאַנסירן פונקט ביי דעם ציפער.

איצט איז אַזוי. אַן אייזל רעפרעזענטירט בלויז אַן אייזל, בעת פופצן שילינג רעפרעזענטירן א ווערט פון פופצן שילינג, פאַר וועלכע איר קאָנט קויפן, וואָס איר ווילט נור אַליין, פון עסן און טרינקען, ביז א ביליקן שירם. יעדע געוויסע סומע געלט רעפרעזענטירט עפעס ממשותדיקס; אָבער פאַרגעסט נישט. אז הגם עס רעפרעזענטירט ממשותדיקע זאַכן, וועלכע איר קאָנט עסן און טרינקען. קאָנט איר אָבער נישט עסן און טרינקען, קיין באַנקנאָטן און נישט קיין מעטאַלענע מטבעות. מיר ווייסן גאַנץ גוט אז אויב איר האָט צוויי שילינג ווערט אייך דער מילך-מאַן געבן

דערפאַר אַ פונט פוטער. אָבער א פונט פוטער איז פונקט אַזוי נישט קיין קיילעכיק שטיקל מעטאַל, ווי א קאַץ איז נישט קיין פלאַטשיק שטיקל אייזן און ווען עס וואָלט נישט געווען קיין פוטער, וואָלט איר געמוזט עסן טרוקן ברויט, ווען איר וואָלט פאַרמאָגט מיליאָנען שילינג.

און א חוץ דעם, פוטער קאָסט נישט תמיד צוויי שילינג אַ פונט, טיילמאָל קאָסט עס צוויי שילינג מיט צוויי פענעס און טיילמאָל אפילו מיט זעקס פענעס. עס לעבן נאָך איצט מענטשן וואָס געדענקען, ווען פוטער האָט געקאָסט פיר פענעס א פונט און מען האָט זיך נאָך באַקלאָגט, אז עס איז צו טייער. עס איז נישט קיין קונץ צו זאָגן, אז פוטער איז ביליק, ווען עס איז דאָ אַ סך און טייער, ווען עס פעלט אויס. נור פאַרוואָס קאָסט פוטער למשל מאָנטיק צען פונט פאַר א סאָווערן*) און שבת אַ סאָווערן מיט א פערטל איז עס דערפאַר, וואָס עס איז דאָ ווייניקער פוטער אָדער מער גאָלד?

עס קאָן זיין דאָס ערשטע, אָדער דאָס אַנדערע, אָדער ביידע צוזאַמען. ווען די רעגירונג זאָל אַרויסגעבן אַ סך נייע סאָווערנס כדי צו טאָפּלען די צאָל, וואָלטן מיר געדאַרפט צאָלן צוויי סאָווערנס פאַר צען פונט פוטער, נישט דערפאַר ווייל עס וואָלט געווען ווייניקער פוטער נור מחמת עס וואָלט געווען מער גאָלד, אָבער עס איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן טאָמער וועט עס געשען, ווייל עס איז דאָ אזוי ווייניק גאָלד און עס איז אַזוי שווער צו קריגן, אז ווען די רעגירונג זאָל אַרויסלאָזן מער ווי עס איז נויטיק, כדי צו געבן די מעגלעכקייט צו האַנדלען, קויפן און פאַרקויפן — וואָלט מען עס צעשמאָלצן און פאַרנוצט אויף אַנדערע צוועקן צו להכעיס דעם שטרענגען פאַרבאָט קעגן דעם. און מען וואָלט עס אַזוי לאַנג געטון, ביז איר וואָלט געקאָנט קויפן מער פאַר גאָלד אין דער פאָרם פון סאָווערנס, ווי אין די פאָרמען פון זייגערס, קייטלעך אָדער בראָסלעטן. דערפאַר

---

*) באַשטימטע גאָלדענע מטבע פון אַ באַשטימטן געוויכט.

פילן זיך מענטשן זיכער מיט גאָלד-מטעות; מחמת דאָס גאָלד אינם סאַוורין האָט תמיד זיין ווערט, מען קאָן אים פאַרווענדן אויף אַנדערע צוועקן א חוץ קויפן און פאַרקויפן; און אויב די שעה זאָל קיין שעה נישט זיין און די בריטישע אימפּעריע זאָל פאַרנומען ווערן פונם פּלאַנעט מאַרס און אין קורס וואָלט גע-ווען נור מאַרטיאַן-געלט*) וואָלטן די גאָלדענע סאַוורינס נאָך אַלץ געקאָנט אויסגעביטן ווערן אויף אַזויפיל פוטער, ווי פריער, נישט אַלס געלט, נור אַלס אַזוי פיל און אַזוי פיל גאָלד, אַזוי אַז פאַר א בריטישן גאָלר סאַוורין וואָלט מען געקאָנט קויפן פונקט אַזוי פיל, וויפיל פאַר א מאַרטיאַן-גאָלד-סאַוורין פונם זעלבן געוויכט.

אָבער לאָמיר זיך פאָרשטעלן, איר האָט נישט קיין ערלע-כע רעגירונג, לאָמיר זיך פאָרשטעלן אַז דאָס לאַנד און איר מינץ געפונען זיך אונטער א קעניג א גנב, לאָמיר זאָגן דערדאָ-זיקער קעניג פאַרמאָגט גרויסע סומען געלט און ער וויל אָפּנאַרן זיינע קרעדיטאָרן, קאָן ער עס טון דורך אויסצאָלן זיי אין סאַוו-רונס געמאַכט פון בליי און באַדעקט מיט נישט מער גאָלד ווי ס'וואָלט בויטיק געווען. כדי זיי זאָלן אויסזען עכט, העכרי דער אַכטער האָט עס געטון אויף א ווייניקער גראָבן אופן, ער האָט געגעבן א פאַלשע וואָג אין זילבערנע מטבעות. און ער איז נישט געווען דער אייציקער הערשער וואָס האָט אָפּגעטון אַזאַ שפּיצל, בעת ער איז געווען געענגט אין געלט. ווען אַזעלכע שווינדלערייען ווערן אנטדעקט שטייגן די פרייזן, און די שכירות קומען זיי נאָך. די איינציקע וואָס האָבן געוווּנען דערביי, זענען געווען די וואָס האָבן פונקט ווי דער קעניג, געבאָרגט שווער געלט אין צוריק געצאָלט גרינגס. און פאַרשטייט זיך, אַז דאָס וואָס זיי האָבן געוווּנען האָבן די קרעדיטאָ־ן פאַרלוירן. אָבער עס איז געווען א געמיינער טאַט, וואָס האט געבראַכט שאָדן דעם ענג-לישן, אַזוי גוט ווי דעם ראָיאַלן קרעדיט, אַלע ענגלישע בעלי-

*) פאַנטאַסטישע, אַבערגלויבישע איינוווינער פון פלאַנעט מאַרס.

חובות זענען געווען אַריינגעצויגן און נישט ווילנדיק פאַרמישט אינם שווינדל, אַזוי טיף ווי דער קעניג.

דער מוסר-השכל דערפון איז, אַז אַן אומערלעכער הערשער, איז דאס גרעסטע געפאַר, פאַר וואס אַ נאַציע דאַרף מורא האָבן. מענטשן וועלכע פאַרשטייען זיך נישט אויף אַזעלכע זאַכן מאַכן אַ גאַנצן וועזן דערפון, וואָס הענרי האָט חתונה געהאַט מיט זעקס פרויען און האָט מיט דעם גרעסטן טייל פון זיי געהאַט אַ ביטער מזל, און דערפון וואָס ער האָט דערלאָזט אַז די באַבל-לייט זאָלן באַרויבן די קירך. אונדז פאַרדריסט היינט מער דאָס וואָס ער האָט באַשווינדלט די געלטער מחמת אַזאַ געפאַר הענגט איבער אונדזערע אַלעמענס קעפּ. הענריס שפּיצלעך ווערן היינט אָפּגעטון נישט נור פון קעניגן נור אויך פון רעפּובליקאַנישע רעגירונגען מיט סאָציאַליסטישע מערהייטן און אפילו אין די סאָוויעטן פון די פּראָלעטאַרישע שטאַטן... דער פּועל-יוצא איז אַז אומשולדיקע פרויען, וואָס זענען געווען פאַרזאָרגט אויף אַ פיינעם אופן מצד זייערע עלטערן, וועלכע האָבן זיך יאָרן-לאַנג אָפּגעזאָגט פון לוקסוס, כּדי צו קאָנען פאַרזאָרגן זייערע קינדער דורך צאָלן פאַרזיכערונגס-פּרעמיעס, געפינען זיך פּלוצלינג אין אַ מצב פון אָרעמע מענטשן, וועלכע שטאַרבן פון הונגער; פּענסיעס, וואָס ווערן פאַרדינט דורך לעבנסלענגלעכער, שווערער, ערנהאַפטיקער דינסט פאַרלירן זייער ווערט, איבערלאָזנדיק די פּענסיאָנערן איבערצולעבן זייער אומגליקלעך, אַזויווי אַן אַרויסגעוואָרפענער פון אַ שיף לעבט איבער אין אַן אָפן שיפל אויפן ים; א. ב. ג. מאַכן ריזיקע פאַרמעגנס אָן שום נוצלעכער טעטיקייט בעת ה. ו. ז. פאַרלירן אַלץ און באַנקראָטירן אומשולדיקערהייט. דער ענין איז אַזוי ערנסט און אַזוי דראָענדיק, אַז איר וועט מוזן צוזאַמענעמען אייער גאַנצן געדולד, בשעת איך וועל עס אייך פּרוּוון גענויער דערקלערן.

היינט צו טאָג (1927) נוצן מיר נישט קיין גאָלדענע סאָווערענס. מיר נוצן שטיקלעך פּאַפּיר, מערסטנס שמוציקע און נישט קיין שמעקעדיקע, אויף וועלכע עס איז אָפּגעדרוקט מיט גרויסע

אותיות One Pound *) אין א בילד פונם פּאַרלאַמענט אויף דער לינקער זייט. עס איז אויך פאַראַן אויף זיי א געדריקטער נאָטיץ, אַז דאָס אָפּגעדריקטע פּאַפּירל איז געלט, און לויטן געזעץ פון פּאַרלאַמענט geo. V, ch, XIV און IV קאָנט איר, אויב איר זענט ווען שולדיק א פונט, באַצאָלן דעם חוב מיט אָט דעם שטיקל פּאַפּיר, און ער מוז עס אָננעמען און אנערקענען אַלס א פולשטענדיקע באַפרייאונג פון אייער חוב צו אים, צו ער וויל אָדער נישט.

עס וואָלט געווען א שטות צו מיינען, אַז אָט דאָס שטיקל פּאַפּיר, וועלכעס איר קאָנט אויסגעבן אַלס א פונט, האָט דעם מינדסטן ווערט אַלס פּאַפּיר. עס איז צו קליין און צו פיל אָנגעפּאַטשקעט, מען זאָל עס קאָנען געברויכן פאַר וועלכן עס איז צוועק, צוואָס פּאַפּיר קאָן נוצן. און דאָך איז נישט פאַראַן קיין שום געזעץ, וואָס זאָל פאַרווערן דער רעגירונג, וואָס איז שולדיק אירע קרעדיטאָרן 7700 מיליאָן פונט אָפּצודריקן 7700 מיליאָן פון אָט די איינפונטיקע באַנקנאָטן און מיט זיי באַצאָלן אַלע היימישע קרעדיטאָרן, הגם פאַר טויזנט שטיקלעך פּאַפּיר אַזעלכע קאָן מען נישט קריגן קיין איין פּאַפּיראָס.

איר וועט אפשר זאָגן, אַז דאָס איז צו שרעקלעך, עס זאָל זיין מעגלעך. מען האָט עס פּאָרט געטון און דערצו נאָך מיט א גאַנץ קורצער צייט צוריק איך ווייס פון דעם און עס האָט מיך אַליין געקאָסט. די דייטשע רעגירונג האָט עס געטון נאָך דער מלחמה, ווען אירע זיגער האָבן מיט משוגענע צולהכעיסדיקייט און איינגעשפּאַרטקייט געפאָדערט פון איר אַזעלכע סומען געלט, וואָס די דייטשן האָבן נישט פאַרמאָגט. די עסטרייכישע רעגירונג האָט עס געטון. דידאָזיקע לענדער זענען מיר שולדיק געווען אזעלכע גרויסע סומען געלט וואָס וואָלטן גענוג געווען מיך אויסצוהאַלטן דאָס גאַנצע לעבן און זיי האָבן מיר באַצאָלט די חובות אין פּאַפּיר-געלט, סויזנט מיליאָן פונט, וואָס זענען

*) איין פונט.

ווערט געווען אין ענגליש געלט פונקט צוויי מיט אַ האַלבע פענע. די בריטישע רעגירונג האָט געמיינט אַז זי האָט געצווונגען דייטשלאַנד זי זאָל באַצאָלן די קאָסטן פון דער מלחמה; אָבער באמת האָט זי גאָר געצווונגען מיך מיט אַלע אַנדערע דייטשלאַנדס קרעדיטאָרן צו באַצאָלן דידאָזיקע קאָסטן. און אַזויווי איך בין אַן אויסלענדער, אַ פרעמדער און אַ שונא, האָבן די דייטשן וואַרשיינלעך נישט געהאַט קיין שטאַרקן רחמנות אויף מיר. אָבער דאָס אייגענע איז געשען די דייטשן, וועמען עס איז געקומען דייטש געלט פון אויסלענדער אָדער פון אַנדערע דייטשן. סוחרים וואָס האָבן געקויפט סחורות אויף וועקסלען אויסגעשטעלט אויף זעקס חדשים, האָבן זיי געדעקט מיט פּאַפּירענע מאַרקן און האָבן אויף אזא אופן באַקומען די סחורות אומזיסט. משכּנות אויף ערד און הייזער, אַקציעס און אַלערליי הלוואות זענען דערליידיקט געוואָרן אויף אזא אופן און פון אַלעם דעם איז געווען איין לחלוטין אומדערוואַרטער רעזולטאַט: די דייטשע אַרבעטסגעבער, זייענדיק באַפרייט פונם עול פון משכּנות און הלוואות, וואָס עס האָבן געהאַט די ענגלישע אַרבעטסגעבער האָבן באַקומען די מעגלעכקייט צו קאָנקורירן מיט די ענגלענדער אפילו אין ענגלישע מאַרקן. אַלערליי משוגעדיקע זאַכן האָבן פּאַסירט. קיינער האָט נישט געשפּאָרט קיין געלט, ווייל דער ווערט דערפון איז געפאַלן פון שעה צו שעה. מענטשן זענען אַריינגעגאַנגען אין אַ רעסטאָראַן באַשטעלן אַ מאָלצייט פאַר פינף מיליאָן און ווען עס איז געקומען צום באַצאָלן האָבן זיי זיך דערוווּסט, אַז בעת זיי האָבן געגעסן, איז עס דערווייל געשטיגן ביז זיבן מיליאָן. אויב אַ פרוי האָט באַקומען עפּעס געלט, איז זי אין דער אותו-רגע אַוועק אין קראָם עפּעס קויפן דערפאַר; ווייל די זאַך, וואָס זי האָט געקויפט האָט נישט פאַרלוירן די נוצלעכקייט, בעת דאָס געלט וואָלט, אויב זי וואָלט עס געהאַלטן ביז מאָרגן, פאַרלוירן דעם ווערט, אויף אַזויפיל, אַז זי וואָלט דערפאַר נישט געקאָנט קויפן קיין העלפט אָדער אפשר גאָר קיין צענטל פון דער זאַך; און אפשר וואָלט זי לגמרי גאָרנישט געקאָנט באַקומען דערפאַר. עס האָט געלוינט צו באַצאָלן צען מיליאָן מאַרק פאַר אַ בראָט-

פאַן, ווען איר האָט אפילו געהאַט צוויי בראָט-פאַנען פון פריער אײדער גאָרנישט צו קויפן, ווייל די בראָט-פאַן איז פאַרבליבן א בראָט-פאַן און מען וואָלט געקאָנט בראָטן אין איר (אויב איר וואָלט געהאַט וואָס צו בראָטן) וואָס עס זאָל נישט געשען; אינדערצייט ווען די צען מיליאָן מאַרק קאָנען אמאָל אַרום פינף א זייגער פאַרנאַכט שוין נישט זיין גענוג צו באַצאָלן פאַר קיין טראַמוויי-בילעט.

נאָך א בעסערער פלאַן איז דעמאָלט געווען אין דייטשלאַנד צו קויפן אַקציעס, אויב איר האָט זיי נור געקאָנט באַקומען; מחמת פאַבריקן און באַנען זענען אזוי דויערהאַפטיק, ווי בראָט-פאַנען. הגם מענטשן האָבן זיך שטאַרק געאיילט אויסצוגעבן זייער געלט, זענען זיי א חוץ לזה געווען ממש משוגע פון איילעניש איינצוליגן די געלטער זייערע; דאָס הייסט נוצן דאָס געלט אַלס קאַפיטאַל; אזוי אז עס איז נישט געווען בלויז א פאַלשע פאָרשטעלונג פון א ווּקס אינם נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל, וואָס איז פראָדוצירט געוואָרן דורך דעם איינפאַכן מיטל פון אָנרופן אן אָפּגעשפּאָרט-ברויטל פופציק טויזנט פונט, נור אן אמתער ווּקס אין זייער פראָפּאָרציאָנעלן אינהאַלט, וואָס מענטשן האָבן גיכער חשק געהאַט צו אינוועסטירן איידער אויסצוגעבן.

אָבער פונדעסטוועגן איז דאָס געלט אויסגעגעבן געוואָרן, יעדער איינער האָט געוואָלט פטור ווערן פון דעם, אזוי שנעל ווי מעגלעך, דורך אויסטוישן עס אויף זאַכן, וואָס וועלן נישט פאַרלירן זייער ווערט. באַלד האָבן זיי אָנגעהויבן נוצן אויסלענדיש געלט (מערסטנס אַמעריקאַנער דאָלאַרן) און דאָס האָט גורם געווען אַז מען האָט אָנגעהויבן זוכן מיטלען איינצופירן א מין טויש-האַנדל, וואָס איז אריין אין קראַפט, ביז די רעגירונג איז געצוווּנגען געווען ארויסצולאָזן א נייע גאָלדענע מטבעה און די אַלטע באַנקנאָטן האָט מען געקאָנט אַריינוואַרפן אינם אָפּפאַל-קאָרב, אָדער פאַרקויפן אין פופציק יאָר אַרום אַלס א קוריאָז, ווי די באַרימטע אַסיגנאַציעס פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

דערדאָזיקער פראָצעס פון פעלשן די מטבעות מצד א רע-

גירונג, מיטן צוועק צו קאָנען אָפּנאַרן אירע קרעדיטאָרן, רופט מען אָן מיט אַ פאַרפיינערטן נאָמען, וועלכע בלויז געציילטע מענטשן פארשטייען, „אינפלאַציע" (אויפגעבלאָזנקייט) און דאָס ענדערן דעמדאָזיקן פּראָצעס דורך אָנהויבן צוריק אַרויסגעבן מטבעות, געמאַכט פון אַ טייערן מעטאַל, רופט מען „דעפלאַציע". די צרה איז, וואָס דאָס היילמיטל איז פּונקט אַזוי פיינלעך ווי די קרענק, מחמת אויב אינפלאַציע גיט דעם בעל־חוב אַ מעג־לעכקייט, דורך הויבן די פּרייזן אָפּצונאַרן דעם קרעדיטאָר, גיט די דעפלאַציע אַ מעגלעכקייט דעם קרעדיטאָר דורך וואַרפן די פּרייזן אָפּצונאַרן דעם בעל־חוב. דערפאַר איז עס אַ היילּיקע עקאָנאָמישע פּליכט פון אַ רעגירונג, צו האַלטן דעם ווערט פון געלט אין אַ פעסטן באַשטימטן קורס און טאַקע דערפאַר וואָס רעגירונגען קאָנען זיך שפּילן מיטן ווערט פון געלט, איז עס אַזוי אומבאַדינגט וויכטיק, אַז זיי זאָלן באַשטימען מענטשן, וועלכע זענען ערלעך און פאַרשטייען זיך אַבסאָלוט אויף געלט־ענינים.

פאָרלויפיק איז נאָך נישטאָ קיין איין רעגירונג אין דער וועלט, וואָס זאָל אויספירן דידאָזיקע פליכטן. צווישן אונדזער אייגענער רעגירונג וואָס האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט פון דער מלחמה און האָט אַרויסגעלאָזט פּאַפּירענע באַנקנאָטן אויפן אָרט פון גאָלדענע מטבעות און די דייטשע און רוסישע רעגי־רונגען וועלכע האָבן אַרויסגעגעבן אַזויפיל פּאַפּירענע באַנקנאָטן אַז פאַר אַן אויטאָבוס אָנגעפילט מיט אָט די באַנקנאָטן האָט מען קוים געקאָנט קויפן אַ פּאָסט־מאַרקע, איז דער חילוק געוועזן אין דער מדרגה בלויז און די מדרגה איז נישט געלעגן אין די רעלאַטיווע ערלעכקייט פון די ענגלענדער, רוסן אָדער דייטשן, נור אין דעם דרוק פון אומשטענדן; וואָלטן מיר געוועזן באַזיגט און געצוואונגען צו צאָלן אוממעגלעכע סומען אונדזערע זיגער, אָדער ווען מיר וואָלטן געוועזן אַזוי צעבראָכן, ווי רוסלאַנד נאָכן פאַלן פונם צאַריזם וואָלטן מיר אויך נישט געוועזן ערלעכער פאַר זיי, הגם דאָס העכערן די פּרייזן אויף טאָפּל ווי פריער איז גע־ווען דערפאַר וואָס עס איז געוועזן אַ מאַנגל אין סחורות און אין אַרבעט; נישט דערפאַר וואָס מען האָט אַרויסגעלאָזט אַ צו

גרויסן סכום פּאַפּיר-געלט, מיר האָבן נאָך אַלץ שטאַרק דרך-ארץ און מיר באַטראַכטן פאַר גרויסע פינאַנציעלע אויטאָריטעטן אַזעל-כע דזשענטל-לייט, וואָס רעקאָמענדירן אינפלאַציע פאַר אַ מיטל, צו פאַרזאָרגן די אינדוסטריע מיט מער קאַפּיטאַל. צו דידאָזיקע דזשענטל-לייט גלויבן טאַקי אויף אַן אמת. אז מיר וואָלטן גע-קאָנט פארגרעסערן אונדזערע רייכטימער דערמיט, וואָס מיר וואָלטן אָפּגעדריקט צוויי מאָל אַזויפיל פּאַפּירענע באַנקנאָטן, צי זיי זע-נען אפשר שולדיק אַזויפיל געלט, אַז זיי וואָלטן זיך געפילט דערלייכטערט, ווען מ׳אָל זיי אָפּגעבן די חובות מיט פּאַפּירענע פונטן, אין דעם ווערט פון צען שילינג. איז נישט תמיד אַזוי גרינג צו טרעפן. נור ווען איר פאַקט אייער פּאַרלאַמענטאַרישן רעפּרעזענטאַנט, בעת ער שטיצט אונטער אינפלאַציע און איר פרעגט אים (ריזיקירנדיק דערביי מען זאָל אייך זאָגן איר זענט נישט קיין לײדע) צי ער איז אַ שוטה, אָדער א שווינדלער, וועט איר אים געבן א געזונטן קלאַפּ און איר וועט אים צווינ-נען זיך צו פאַרטראַכטן אויף א רגע, אנשטאט סתם קלאַמערן זיך אין אַן אילוזיע, אז מ׳קאָן רייכער מאַכן די נאַציע דערמיט, וואָס מ׳וועט אָנרופן איין פענע צוויי.

און איצט, אויב איר זענט איינשטימיק מיט מיר, אז די פליכט פון א רעגירונג איז צו זאָרגן, אז אירע געלטער זאָלן אַזוי ווייט ווי עס איז נאָר מעגלעך תמיד האָבן א גלייכן ווערט — שטייען מיר ביידע פאַר דער פראגע: „וואָס פאַרא ווערט״? פארשטייט זיך אז דער ענטפער וועט תמיד זיין: „דעם ווערט, וואָס עס האָט היינט צו טאָג. סיידן מען האָט געפּרוווט מאַכן שפּיצלעך און גורם געווען עס זאָל זיך אָנהויבן וואַקלען און אין אַזאַ פאַל איז דער גרינגסטער ענטפער: „דעם אייגענעם ווערט, וואָס עס האָט געהאַט איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן וואַקלען״. אויב אָבער איר ווילט האָבן א ריכטיקע דערקלערונג און נישט אָפּקומען מיט א גרייטן ענטפער, מוזט איר קוקן אויף מטבעות און באַנקנאָטן ווי אויף נוצלעכע ארטיקלען, וועלכע איר טראָגט מיט זיך ארום, דערפאַר וואָס אָן זיי קאָנט איר נישט פאָרן אויף קיין אָמניבוס, נישט דינגען קיין אויטאָמאָביל אָדער

פאָרן אויף דער באַן, אָדער קויפן אַ זעמל און מען מוז האָבן אַ געהעריקן סכום, עס זאָל זיין גענוג צו פאַרזאָרגן אייך און אייערע מענטשן, וועלכע דארפן איינקויפן סחורות. בקיצור, מטבעות און באַנקנאָטן זענען פונקט אַזוי ווי נאָדלען אָדער לאָפּאַטקעס און דער ווערט זייערער ווערט אויך באַשטימט אויף דעמזעלבן אופן. אויב דער פאַבריקאַנט אַרבעט אויס צען מאָל אַזויפיל נאָדלען, וויפיל מען קאָן געברויכן, וועלן זיינע נאָדלען גאָרנישט אַריינברענגען אַלס נאָדלען, ווייל קיין שום פּרוי וועט נישט באַצאָלן פאר קיין נאָדל וואָס זי דאַרף נישט האָבן, ווען עס ליגן נאָך ניין דערנעבן, וואָס זי קאָן נעמען אומזיסט. איז אַלץ וואָס בלייבט איבער צו טון, איז צו נעמען די איבריקע ניין נאָדלען און זיי פאַרנוצן אויף שטאָל, צו מאַכן אַנדערע זאַכן (לאָמיר זאָגן שטאָלענע סטאַלקעס), אַזוי אַרום וועלן נישט זיין קיין איבריקע נאָדלען און די איינע, וואָס מען דאַרף האָבן, וועט ווייניקסטנס האָבן דעם ווערט, וואָס עס קאָסט צו מאַכן זי, ווייל נייטאָרנס וועלן זיי דאַרפן נייטיק כדי צו וועלן באַצאָלן דעם פּרייז. אַן אינטעליגענטנע געמיינדע וועט פּרווון רעגולירן דאָס צושטעלן פון נאָדלען, אַזוי אַז זייער ווערט זאָל ווי ווייט מעגלעך תמיד, שטיין אויף אַ גלייכן הויך. אַ קאַפּיטאַליסטישע געמיינדע וועט זיי רעגולירן, אַזוי אַז זיי זאָלן ברענגען דעם קאַפּיטאַליסט דעם גרעסטן רווח. אָדער דער ווערט פון נאָדלען וועט תמיד זיין אָפּהענגיק פון דעם קוואַנטיטעט, וואָס מען וועט קאָנען באַקומען.

און פונקט אַזוי ווי נאָדלען זענען נור נוצלעך אויפצו-ציִען און זיי האָבן קיין שום נוצן נישט פאַר עפּעס אַנדערש, אַזוי זענען מטבעות און באַנקנאָטן נור נוצלעך אויף קויפן און פאַרקויפן און נוצן נישט פאַר קיין שום אַנדערע זאַכן. איין מטבעה איז גענוג צו מאַכן אַ סך טראַנזאַקציעס. מחמת זי גייט אַריבער פון האַנט צו האַנט, אַזוי ווי איין נאָדל איז גענוג אַרומצוזוימען אַ סך טאַשנטיכלעך. און דערפאַר איז זייער שווער צו באַשטימען, וויפיל נאָדלען און מטבעות מען דאַרף האָבן. איר קאָנט נישט זאָגן, „עס זענען פאַראַן אַזוי פיל און אַזוי פיל

טאשן טיכלעך אין לאַנד וואָס מוזן אַרומגעזוימט ווערן; וועלן מיר מאַכן פאַר יעדן טיכל אַ נאָדל," אָדער:

„עס זענען פאַראַן אַזויפיל און אַזויפיל ברויטלעך צום פאַרקויפן יעדן פרימאָרגן; וועלן מיר מאַכן מטבעות אָדער אַרויסלאָזן באַנקנאָטן פאַרן פרייז פון יעדן ברייטל". קיין שום מענטש אָדער רעגירונג אויף דער וועלט קאָן נישט פאָרויס-זאָגן, וויפיל נאָדלען אָדער מטבעות עס וועלן זיין גענוג. איר קאָנט איבערציילן די מיילער וואָס איר דאַרפט שפייזן און זאָגן וויפיל ברויטלעך איר דאַרפט, כדי צו מאַכן זיי זאַט, מחמת אַ שטיקל ברויט קאָן מען נור עסן איינמאָל אינמיטן עסן ווערט דאָס שטיקל ברויט געפּטרט; אָבער א נאָדל, אָדער אַ סאַווערן אָדער אַ באַנקנאָט קאָן מען נוצן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל. איין פונט קאָן ליגן אין אַן אַלטן זאַק ביז דער אייגנטימער קומט און נעמט אים אַרויס און אַ גאַנדער פונט קאָן איבערגיין פון האַנט צו האַנט פופציק מאָל אַ טאָג, און יעדעס מאָל זאָל מען דערמיט מאַכן געשעפט. ווי אַזוי זשע זאָל אַ רעגירונג באַשטי-מען וויפיל מטבעות און באנקנאָטן, זי זאָל אַרויסלאָזן? און ווי אַזוי זאָל אַ נאָדל-פאַבריקאַנט אויסרעכנען וויפיל נאָדלען ער זאָל אויסאַרבעטן?

עס איז פאַראַן נור איין וועג: די נאָדל-פאַבריקאַנטן אַר-בעטן אויס נאָדלען אויף אַ טייערן פרייז; ביז זיי געפונען אויס אַז מ'קאָן זיי נישט אַלע פאַרקויפן, סיידן מ'זאָל זיי פאַרקויפן ביליקער, הייבן זיי אָן פאַרקויפן נאָדלען אַלץ ביליקער און בי-ליקער און זיי לייזן דעמאָלט מער (צוליב דער ביליקייט), ביז די פרייזן זענען אַזוי נידריק, אַז זיי וואָלטן אָנגעהויבן ווייני-קער פּראָפיטירן, ווען מ'וואָלטן זיי פאַרקויפט נאָך ביליקער און דאַן הערן זיי אויף אויסצואַרבעטן מער נאָדלען ווי עס איז נוי-טיק צו שטעלן אין די געשעפטן אַריין און דער פרייז פון נאָדלען איז דעמאָלט אַ באַשטימטער. די רעגירונג מוז טון דאָס אייגענע מיט גאָלדענע מטבעות, מחמת גאָלד איז נוצלעכער אויף מטבעות איידער יעדער אַנדערע זאַך, אָן אונץ גאָלד, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אויף סאַווערנס האָט אַ גרעסערן ווערט, ווי-

סתם אַן אונץ גאָלד (וואָס רופט זיך שטאַנגען אָדער שטאַבעס גאָלד). אָבער ווען די רעגירונג זאָל אויסאַרבעטן אַזוי פיל גאָלדענע סאַווערענס, אַז עס וואָלט געווען מער וויפיל מען האָט נויטיק צום האַנדל, פאַר קויפן און פאַרקויפן — וועלן זיין מער סאַווערענס, ווי מען דאַרף האָבן; און זיי וועלן פאַלן ביז אַ נידריקערן פרייז פון שטאַבעס גאָלד. דאָס וועט זיך לאָזן מערקן דורכן שטייגן פון די פרייזן אויף אַלע סחורות, איינגעשלאָסן די פרייזן פון געלד אין שטאַבעס, און מעטאַלענע שטאַנגען. דער סוף וועט זיין, אַז עס וועט לוינען אַ יווועלער צו צעלאָזן גאָלדענע סאַווערענס אויף שטאַבעס גאָלד, כדי אויסצואַרבעטן פון דעם גאָלדענע זייגערס, בראַנסלעטן און אַנדערע זאַכן. אָבער דאָס צעשמעלצן די סאַווערענס איז גורם, אַז זייער צאָל זאָל קלענער ווערן און זיי זאָלן גלייך אָנהויבן שטייגן אין פרייז, ווייל זיי זענען שוין נישט אַזוי בנמצא, ווי פריער, ביז גאָלד אין דער פאָרם פון אַ סאַווערען וועט באַקומען דעם אייגענעם ווערט, ווי געלט אין אַ וועלכן עס איז אַנדערן פאָרם. אויף אזא אופן, איז אַזוי לאַנג ווי געלט באַשטייט אין גאָלד און מען קאָן נישט פאַרווערן מען זאָל עס צעשמעלצן אויב עס לוינט נור, באַשטימט זיך דער ווערט פון דער מטבעה אויטאָמאַטיש פון זיך אַליין. לויטן ענגלישן געזעץ איז פאַרבאָטן צו צעשמעלצן אַן ענגלישן גאָלד־סאַווערען אין ענגלאַנד. נור אַזוי ווי דאָסדאָזיקע נאַרישע געזעץ איז נישט חל אויף קיין האָלענדער למשל, און עס קאָן נישט שטערן אַ האָלענדישן גאָלדשמיד, לאָמיר זאָגן, צו צעשמעלצן אין אַמסטערדאַם אַזוי פיל גאָלדענע סאַווערענס וויפיל ער וויל נור האָט עס פאַרשטייט זיך נישט קיין שום באַדייטונג.

כאָטש דאָס באַשטימט דעם ווערט פון געלט אין גאָלד, און אַלע מטבעות וואָלטן געקאָנט געמאַכט ווערן לויטן טערמין פון גאָלד, מחמת אַ פענע איז צוויי הונדערט אין אַפערציקסטל פון אַ סאַווערען (איין פונט) און אַ האַלבע קרוין איז אַן אַכטל פון אַ סאַווערען א. א. וו. וואָלט מען פאָרט נישט געקאָנט לאָזן פונקציאָנירן קיין גאָלדענע פענעס אָדער אפילו זעקסער פענעס, ווייל זיי וואָלטן געווען צו קליין. איר וואָלט אויך נישט קיין

חשק געהאַט צו שלעפּן אַ פּעקל גאָלדענע סאַווּרונס, ווען איר האָלט געדאַרפט אויסצאָלן אָדער קריגן אַ סומע פון פינף טויזנט פונט. מיר באַפרייען זיך פון די שוועריקייטן צו מאַכן גאָלדענע פּענעס אָדער זעקסער פּענעס דערמיט, וואָס מיר באַנוצן זיך מיט קופּער און זילבער און מיר געבן אַרויס אַ געזעץ, אַז קופּערנע פּענעס מוזן אקצעפּטירט ווערן מיטן תּנאי, אַז מען זאָל נישט געבן מער ווי צוועלף פּאַראַמאָל און זילבערנע מטבעות זאָלן נור פונקציאָנירן ביז צוויי פונט. די פינף-טויזנט-פונט-שוועריקייט קומען מיר איבער דורך דעם, וואָס מיר דערלויבן די „בענק אָף ענגלאַנד" אַרויסצולאָזן באַנקנאָטן, וואָס די בענק זאָלן זיין מחויב אויסצוטוישן אויף גאָלד דעם יעניקן וועלכער וועט פאָרשטעלן אַזאַ באַנקנאָט; אויף סומען פון פינף פונט, צען פונט א. א. וו. מענטשן געבן איבער דידאָזיקע באַנקנאָטן איינער דעם אַנדערן ביים קויפן און פאַרקויפן, וויסנדיק, אַז זיי זענען „אַזוי גוט ווי גאָלד". געוויסע שאָטלענדישע און אירלענדישע בענק האָבן די אייגענע פּריווילעגיע מיטן תּנאי, אַז זיי זאָלן תּמיד האָבן גענוג גאָלד אין די קעלערן, אויסצולייזן די באַנקנאָטן אויב מ׳וועט עס פאַרלאַנגען פון זיי; און עס פאַרשטייט זיך, אַז זיי צאָלן נישט קיין חובות מיט זייערע אייגענע באַנקנאָטן. אויף אַזאַ אופן ווערן מיר צוגעוואוינט צו פּאַפּיר-געלט אַזוי גוט, ווי צו קופּערנע און זילבערנע מטבעות. דאָס הייסט, מיר געוויינען זיך איין מיטן געדאַנק, אַז אַ שטיקל פּאַפּיר מיט וואַסערדרוק האָט דעם אייגענעם ווערט, וואָס 615 גרעין גאָלד אָדער אַן ערך: אַז אַ שטיקל מעטאַל וואָס איז נור האַלב זילבער האָט די ווערט פון אַ גרעסער שטיקל ריין זילבער; אַז 240 שטיקלעך קופּער האָבן דעם ווערט פון אַ סאַווּרון א. א. וו. מיר זען: אַז דערדאָזיקער ביליקער ערזאַץ פאַרטרעט גאַנץ גוט די גאָלדענע מטבעות; און מיר הייבן נאַטירלעך אָן צו פרעגן: צוליב וואָס דאַרפן מיר בכלל האָבן גאָלד-געלט, אויב מיר זען שוין, אַז מיר קומען גאַנץ גוט אויס אָן דעם? פּאַפּיר איז אויך גיט אַלס טויש-מיטל און עס איז גרינגער צו טראָגן, מיר מעסטן פּרייזן און קוואַנטיטעטן גאָלד; און איינגעבילדעט גאָלד איז

פונקט אזוי גוט דערפאַר ווי עכט גאָלד, פונקט ווי איר קאָנט מעסטן פּליסיקייטן אין קוואָרטן און אין האַלבע קוואָרטן, נישט האָבנדיק קיין טראָפּן ביער אין הויז. אויב מיר וואָלטן זיך נור געקאָנט פאַרלאָזן אויף דער ערלעכקייט פון די רעגירונגען, וואָלט דאָס באַנוצן זיך מיט גאָלד פאַר געלט געווען אַ ריינער לוקסוס, פונקט ווי נוצן גאָלדענע נאַגראַפקעס און ספּינקעס אַנשטאָט פּראָסטע, וואָס פאַרשפּילן זאַכן אזוי גוט ווי גאָלדענע.

אָבער דאָס איז זייער אַ גרויסער אונטערשיד, ווען עס פונקציאָנירט ריכטיק גאָלד, זענען די האַנדלס-קרעפטן פון די מטבעות נישט אָפּהענגיק פון דער רעגירונגס-ערלעכקייט; זיי האָבן אַ ווערט אַלס אַ טייערער מעטאַל און מען קאָן מאַכן פון די אַנדערע זאַכן, אויב די רעגירונג לאָזט אַרויס מער גאָלדע־נע מטבעות, ווי עס איז נויטיק פאַרן האַנדל, קויפן און פאַר־קויפן. אָבער פּאַפּיר-געלט קאָן די רעגירונג האַלטן אין איין אָפּדריקן נייע, ביז עס פאַרלירט יעדן ווערט. וואָס פאַר אַ שטאַר־קע אַלגעמיינע העכערונג פון פּרייזן, עס וואָלט זיך עס אָנגע־הויבן ווען די קאָנטראָל איבער גאָלד וואָלט אויפגעהערט ווי מיר האָבן געזען, עס וואָלט געדאַרפט אויפהערן אזוי גיך ווי עס באַ־מערקט זיך אַן אַלגעמיינע העכערונג אויף פּרייזן, מחמת נור אַ פאַל אינם ווערט פון געלט איז גורם אַן אַלגעמיינע העכערונג פון פּרייזן. געוויסע אַרטיקלען קאָנען ביליקער ווערן, ווייל מען האָט דערפינדן אַ נייע מעטאָדע אויסצואַרבעטן זיי, אָדער זיי קאָ־נען טייערער ווערן צוליב אַן אומגערעטעניש אויף די פעל־דער. אָדער אינגאַנצן פאַרלירן דעם ווערט דורך אַן ענדערונג אין דער מאָדע: אָבער זיי ווערן נישט אַלע מיטאַמאָל ביליקער אָדער טייערער צוליב אָט די מאָטיוון; אַ טייל שטייגן און אַנ־דערע פאַלן. אויב זיי פאַלן אָדער שטייגן אַלע מיטאַמאָל איז עס נישט קיין ענדערונג אין דעם ווערט פון די אַרטיקלען נור אינם ווערט פון געלט. אין אַ לאַנד פון פּאַפּיר-געלט דאַרף די רעגירונג פאַרזיכטיק אַכטונג געבן אויף דידאָזיקע ענדערונגען; און ווען פּרייזן הייבן זיך אַלע מיטאַמאָל, דאַרף די רעגירונג צוריקציען באַנקנאָטן פון אומגאַנג, ביז די פּרייזן פאַלן צוריק.

און ווען זיי פאַלן גלייכצייטיק אַלע מיטאַמאָל דאַרף די רע-גירונג אַרויסלאָזן פרישע באַנקנאָטן ביז זיי שטייגן ווידער. דאָס בויטיקסטע איז גענוג געלט אין לאַנד, צו קאָנען האַנדלען מיט מזומן געלט. ווען עס ווערט אַרויסגעלאָזט ווייניקער געלט פילט זיך אַ מאַנגל, אין געלט ווערט אַ יקר-המציאות, און ווען איר גייט אַריין אין אַ שפייז-געוועלב גיט אייך דער סוחר מער פאַר אייער געלט (ווען פרייזן פאַלן) און ווען מען לאָזט אַרויס מער געלד, גיט ער אייך ווייניקער (ווען פרייזן שטייגן). עס איז אַ חוב פון אַן ערלעכער און קלוגער רעגירונג צו האַלטן די פרייזן אין גלייכגעוויכט דורך צושטעלן דאָס געלט לויט דעם געברויך. ווען רעגירונגען זענען נישט ערלעך אָדער אומוויסנדיק אָדער ביידע צוזאַמען איז מען נישט זיכער מיט קיין שום געלט, סיידן עס איז געמאַכט פון אַ טייערן מעטאַל.

איר מוזט אויך געדענקען, אַז מאָדערנע בענק גיבן אַ מעג-לעכקייט צו מאַכן גאַנץ גרויסע געשעפטן אָן מטבעות אָדער באַנקנאָטן אָדער בכלל אַ וואָסער עס איז געלט. לאָמיר זיך פאָר-שטעלן אַז מיסעס דזשאָן דאָע און מיסעס ריטשאַרד ראָע זענען ביידע סוחרטעס. לאָמיר זאָגן, מיסעס דאָע פאַרקויפט מיסעס ראָע פאַר פינף הונדערט פונט סחורה און גלייכצייטיק קויפט זי ביי יענער סחורה פאַר פינף הונדערט פונט מיט איין פענע. זיי מאַכן הייסט עס געשעפט אויף טויזנט פונט מיט אַ פענע; פונדעסט-וועגן דאַרפן זיי נישט האָבן, מער ווי איין פענע. כדי צו דער-לידיקן דאָס געשעפט. אויב זיי האָבן ביידע אַקאָנטע אין איין באַנק, דאַרפן זיי אַפילו די איינע פענע אויך נישט האָבן. דער באַנקיר שרייבט איבער אַ פענע פון מיסעס דאָעס קאָנטע אויף מיסעס ראָעס קאָנטע און דאָס געשעפט איז געמאַכט. ווען איר דאַרפט צאָלן אַ געשעפטס-חוב גיט איר נישט אייער קרעדיטאָר קיין געלט, איר גיט אים אַן אָנווייזונג צו אייער באַנקיר (אַ טשעק) און ער גייט נישט אין אייער באַנק אַריין איינקאַסירן דאָס געלט; נור ער גיט עס זיין אייגענעם באַנקיר, ער זאָל עס איינקאַסירן פאַר זיינעטוועגן: אַזוי אַרום האָבן יעדן טאָג די בענק צוצאָלן מאַסן געלט אין אַנדערע בענק אַריין, וועלכע

האָבן אָנווייזונגען דערויף דאָס איינצוקאַסירן און גלייכצייטיק צו דערהאַלטן מאַסן געלט פון אַנדערע בענק פאַר די אָנווייזונגען וואָס זיי האָבן דערהאַלטן אויף איינצוקאַסירן. דידאָזיקע טשעקן קאָנען אַמאָל אײנאײנעם באַטרעפן הונדערטער טויזנטער פונטן, דאָך קאָן דער אונטערשיד צווישן דעם אַרויסגעבן און איינקאַסירן, באַטרעפן נישט מער, ווי אַ פּאָר פונט אָדער נאָך ווייניקער. אזוי האָבן די בענק אָנגעהויבן דורך גרינדן אַן אָפּרייני־קונגס־הויז, ווי זיי רופן עס, צוזאַמען צו רעכנען אַלע טשעקן און אויסגעפונען, וויפיל יעדער באַנק דאַרף צאָלן אָדער באַקומען אין באַלאַנס. דאָס האָט איינגעבּרענגט אַגרויסן טייל מזומן געלט, מיטוואָס מען וואָלט זיך אַפילו געמוזט באַנוצן ווייל דאָס טראַנספּאָטירען איין פונט, פון איין באַנק אין דער אַנדערער פאַרענדיקט אָפּטמאָל טראַנזאַקציעס וואָס באַטרעפן ריזיקע סומען. און שטעלט אייך פאָר, אַז די בענק האָבן זיך שוין אַרומגעזען, אַז אַפילו דעם איינעם פונט וואָלט מען זיך אויך געקאָנט איינ־ברענגען אויב זיי וואָלטן אַלע געהאַט קאָנטעס אין די אייגענע בענק. האָבן די בענק אַליין געעפנט קאָנטעס אין די בענק אָף ענגלאַנד; און איצט ווערן זייערע רעכנונגען צווישן זיך באַצאָלט דורך אַ פּאָר אַריינפירונגען אין די ביכער פון די בענק אָף ענגלאַנד ; און עס ווערן געמאַכט געשעפטן אויף מיליאָנען און מיליאָנען מיט בלויזע ציפערן אָן שום מטבעות אָדער באַנקנאָטן. ווען מיר וואָלטן אַלע געווען גענוג רייך צו האָבן קאָנטעס אין די בענק, וואָלט אפשר געלט אינגאַנצן פאַרשווינדן. אַחוץ פאַר גאַנץ קליינע טראַנזאַקציעס צווישן פרעמדע וואָס וואָלטן נישט געוווּסט איינער דעם אַנדערנס נעמען און אַדרעסן; למשל, איר קאָנט באַשטעלן סחורה אין אַ קראָם, און געבן דעם סוחר אַ טשעק, ווייל איר קאָנט זיך פאַרלאָזן דערויף, אַז איר וועט גע־פונען דעם סוחר אויפן אָרט, אויב עס זאָל זיך אַרויסווייזן אַז די סחורה איז נישט גוט; און ער קאָן זיך דעסגלייכן פאַרלאָזן דערויף, אַז ער וועט אייך געפינען אויפן אָרט אויב אייער טשעק וועט זיך אַרויס צו זיין פאַלש; אָבער איר קאָנט נישט דער־וואַרטן אַז אַ שאָפער זאָל עפענען אַ קאָנטע פאַר אייערטוועגן, אויב

איר נעמט אַן אויטאָמאָביל אַהיימצופאָרן דעמאָלט מוזט איר באַצאָלן מיט געלט, מיט מטבעות.

דידאָזיקע נויטווענדיקייט פון קליינגעלט, איז שטאַרק פאַרקלענערט געוואָרן דורך קאָמוניזם. אין די טעג פון שלאַגבוים־אָפּצאָל און צאָלבריקן האָבן פורמאַנעס און סתם מענטשן, וואָס זענען געפאָרן אָפּט, געמוזט תמיד האָבן א געוויסע סומע געלט ביי זיך, כדי אפצוצאלן ביי יעדן שלאַגבוים און ביי יעדער בריק פאַר אדורכלאָזן אים. איצט, אז די וועגן און בריקן זענען געוואָרן קאָמוניזירט, קאָן מען פאָרן אין לאַנדאָן קיין אַבערדין און נישט דאַרפן אויסשטרעקן אפילו איינמאָל די האַנט צו צאָלן פאַרן וועג, ווייל מען האָט שוין באַצאָלט דערפאַר, בשעת ער האָט אַרויסגענומען אַן ערלויבעניש צו האַלטן אַן אויטאָמאָביל. אויב מען באַצאָלט דעם רעכענונג אין האָטעל מיט א טשעק, דאַרף מען נישט האָבן קיין געלט א חוץ א ביסל אויף טרינק־געלט. און ווען די מאָדע פון טרינק־געלט זאָל אונטערגיין ווי עס איז אונטערגעגאַנגען דער אַלטער מנהג צו געבן ריכטער מתנות, קאָן מען זיך לייכט פאָרשטעלן, אַז אַלערליי אויטאָ־עקסקורסיעס זאָלן אויסגעפירט ווערן מיטן גרעסטן לוקסוס דורך מענטשן, וואָס וועלן זיין רייך און נישט פאַרמאָגן קיין פּענע.

אויף אזא אופן ווערט ממשותדיק געלט וואָס אמאָל מער פאַרטרעטן דורך וועקסל־טשעקן א. א. וו. דאָס הייסט, מיר רעכענען נאָך אונדזערע פאַרדינסטן און אונדזערע חובות אין געלט־טערמינען און מיר שאַצן אָפּ אונדזער צושטאַנד אויף דעם זעלבן אופן, מיר פאַרדינען הונדערטער פונטן, מיר צאָלן אויס הונדערטער פונטן, מיר פאַרמאָגן פאַר הונדערטער פונטן מעבל, מלבושים אויטאָמאָבילן און דאָך האָבן מיר קיינמאָל נישט מער ווי א פּאָר פונט און זילבערגעלט אין קעשענע. די הוצאות פון צוגרייטן מטבעות פאַר דער נאַציע, זיי זאָלן האָבן פאַרוואָס צו קויפן און פאַרקויפן ווערט כסדר קלענער און קלענער. דער פּראָצענט ווערט באמת נישטיק לויט דעם ווערט פון די סחורות, וואָס ווערן געקויפט און פאַרקויפט.

עס וועט אייך אפשר אויסקומען קאָמיש, ווען איר וועט קומען צום אויספיר, אז ווען מטבעות זאָלן אינגאַנצן פערשווונדן, איז נישט קיין חילוק, צו מיר רופן אונזערע חובות סאָווערנס, פּענעס און שילינגס אָדער, מיליאָנען, ביליאָנען א. א. וו.

בעת די דייטשן האָבן געצאָלט מיט מיליאָנען פאַר טראַמ־וואַי־בילעטן און פּאָסט־מאַרקן, האָבן אָט די מכלומרשט געוואַלטיקע פרייזן קיין שום שאָדן נישט גורם געווען: אָרעמע־לייט וואָס האָבן נאָך אַלץ געקאָנט פאָרן אין טראַמוואַיען און שרייבן בריוו כּל־זמן דידאָזיקע פרייזן זענען נור געווען פעסטע, אַזוי איז דער אָרעמאַן (אָדער דער רייכער) געווען זיכער, אז פאַר דעם מיליאָן וועט ער מאָרגן קויפן דאָס אייגענע וואָס היינט, ער וועט האָבן דעם אייגענעם ווערט מאָרגן און איבעראַיאָר. עס וואָלט אים נישט פאַרשאַפט די מינדסטע אומבאַקוועמלעכקייט וואָס אָט דער מיליאָן מאַרק איז. אַמאָל געווען נישט מער ווי אַ קופּערנע מטבעה. דייטשלאַנד האָט שוין סטאַביליזירט אירע געל־טער לויט דעם אַלטן קורס, צוואַנציק מאַרק פאַר א ענגלישן פונט. עסטרייך האָט תּחילת סטאַביליזירט איר געלט אויף אַזאַ אָפּשרעקנדיקער סומע, 300,000 צענער פענעס פאַר אַן ענגלישן פונט. אָבער זי האָט עס שפּעטער געמוזט ענדערן אויף 34 זיבנפענעדיקע שילינגס. א חוץ דעם אויסערלעכן אויסזען פון דעם געלט האָט דידאָזיקע ענדערונג נישט געמאַכט קיין שום אונ־טערשיד פאַר דער הויז־פרוי, וואָס האָט געדאַרפט פאַר אָט דעם געלט איינקויפן. ווען פרייזן רעכענען זיך אין מיליאָנען, געוויינט זי זיך באַלד צו, אַראָפּצוואַרפן די זעקס נולן, בשעת זי קויפט עפּעס אין קראָם. פאַר אונדז זענען אַזעלכע פרייזן אויס זייער נאַריש, ווייל מיר זענען נישט געוווינט צו האָבן קיין מיליאָנע־רישע גאַסן־קערער און רינדערן־פליישׁ פאַר ביליאָנען א פונט. מיר זענען געוווינט צו האָבן פונטן, וואָס זענען ווערט 160 אונצעס פוטער; אָבער פונטן, וואָס זענען ווערט אַ האַלבן גראַם אָדער א גאַנצן סטאָן פוטער זענען גאַנץ גוט, אַזוי לאַנג, ווי זיי זענען סטאַביליזירט אויף אָט דעם ווערט, און אַזוי לאַנג ווי דאָס געלט איז אָדער קאָנטע־געלט און עס עקזיסטירט בלויז מיט טינט־

ציכנס אין ביכער, אָדער באַנקנאָטן, וואָס אַליין האָבן זיי נישט קיין שום ממשותדיקן ווערט. א טראַמוואי-בילעט וואָס קאָסט אַ מיליאָן פונט, קאָן אמאָל אויסמאַכן ביליקער, ווי מען זאָל צאָלן פאַר אים א פענע. אויב דער מיליאָן פונט איז נישט מער ווי א שטיקל-פאַפיר, וואָס קאָסט ביליקער ווי א שטיקל קופער.

די אונטערשטע שורה איז, אז וואָס שייך געלט איז די וויכטיקסטע זאַך, מען זאָל עס האַלטן סטאַביליזירט, אַזוי אַז פאַר א פונט זאָל מען קאָנען קויפן אין א יאָר אַרום אין צען יאָר אַרום אָדער אין פופציק יאָר אַרום פונקט אַזויפיל ווי היינט צו טאָג, נישט ווייניקער און נישט מער. אויב פאַפיר-געלט—מוז דערדאָזיקער גלייכגעוויכט פונם געלט-ווערט, געשאַפן ווערן דורך דער רעגירונג. גאָלד-געלט איז געניגט זיך אַליין אויפצוהאַלטן, אפילו ווען דער נאַטירלעכער צופלוס פון גאָלד ווערט פאַרגרעסערט דורך דעם אַנטדעקן נייע גאָלד-מינעס, ווייל ווי מאָדנע עס זאָל נישט אויסקומען, איז די נאָכפראַגע אויף גאָלד אומענדלעך. איר מוזט (אַלס א ווילער) אויסקלויבן איינס פון די ביידע: אָדער פאַרלאָזן זיך אויף דער נאַטירלעכער סטאַביליזירונג פון גאָלד, אָדער אויף נאַטירלעכער סטאַביליזירונג פון ערלעכקייט און אינטעליגענץ פון די רעגירונגס-מיטגלידער. נישט געקוקט אויף דעם גרעסטן דרך-ארץ פאַר דידאָזיקע דזשענטל-לייט, ראַט איך אייך פונדעסטוועגן, אז אזוי לאַנג, ווי עס עקזיסטירט דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, זאָלט איר שטימען פאַר גאָלד.

## LVI

# די נאַציאָנאַליזאַציע פון די בענק

איר זענט שוין איצט גענוג באַקאַנט אין בענק־ענינים און וויאַזוי געלט ווערט פאַבריצירט, כדי צו וויסן, אַז עס איז אַ נויטווענדיקייט פאַר דער ציוויליזאַציע. און אין געוויסע פּרטים איז עס אַ מין מסחר. בענק זאַמלען צונויף אַ ריזיקן קאַפּיטאַל אין די הענט פון באַנקיר נישט צוליב קיין שום אַנדער צוועק חוץ אפשר, כדי אָנצוגרייטן א שופלאַד, ווו אריינצולייגן עס און בוכהאַלטערס, וואָס זאָלן האַלטן רעכנונג דערפון. מטבעות זענען נוצלאָז אָן אַ רעגירונגס־גאַראַנטיע פאַר זייער עכטקייט און אָן א געזעץ בוך, וואס זאָל האַלטן פאַר אן ערנסט פאַרברעכן, אויב א וועלכער עס איז פּריוואַטער מענטש וועט פּרוּוון נאָכמאַכן די מטבעות אָן די באַשטימטע גרענעצן דורך איר אויף וויפיל מען קען זיך באַנוצן מיט אַזעלכע מטבעות, וואָס זענען געשטעמפּלט אויף מער ווי זיי זענען באמת ווערט, ווען עס קומט צו באַצאָלן חובות.

אַזוי ווי עס איז אוממעגלעך, אַז וועלכער עס איז פּריוואַטער מענטש, אָדער פּריוואַטע געזעלשאַפט זאָלן אַנטקעגנקומען די דאַזיקע באַדינגונגען בנוגע די מטבעות אויף א צופרידנשטעלנדיקן אופן, איז דאָס געלט־פאַבריצירן א נאַציאָנאַליזירטער מסחר, נישט ווי די פאַבריקאַציע פון שיך למשל. קיין מינץ־פאַבריק באַגעגנט איר נישט אין יעדער גאַס, ווי איר

באגעגנט א שיך-פאבריק. דאס גאנצע געלט ווערט געמאכט אין איין מינץ-פאבריק. וואָס געהערט צו דער רעגירונג אין דארט ווערן אויסגעארבעט די מטבעות. ווען, איר זאָלט, צוליב איינ-פאכן עקל צו די ווייסע מעטאלענע שילינגס, וואָס פארטרעטן זינט דער מלחמה די אלטע זילבערנע שילינגס, עפענען א פריוואטע מינץ-פאבריק, וואָלט מען אייך אריינגעזעצט אין תפיסה פאר אויסארבעטן מטבעות. ווען איר זאלט אפילו באוויזן, אז אייערע שילינגס זענען ווערט מער ווי דער רעגירונגס. פריער, אז איר האט געהאט א קוואנטום גאלד, האט איר עס געקאָנט אָוועקטראָגן דארט ווו מען ארבעט אויס די געלטער און באַ-שטעלן, מען זאָל אייך מאכן סאָווערינס דערפון. פאר דער ארבעט און פארן קעניגס בילד און פאר דער גאראנטיע, וואס רופט זיך די קעניגלעכע פריווילעגיע, האט מען אייך גערעכנט א קליינעם אָפצאל; אָבער איר האט נישט געטארט אליין אויסאר-בעטן די מטבעות פון אייער אייגן גאָלד. היינט וועט מען עס נישט מאכן פאר אייערטוועגן, מחמת עס איז גרינגער פאר אייך אוועקצוגעבן דאָס גאלד, וואס איר האט, אייער באנק און ער זאל אייך געבן קרעדיט פאר דעם ווערט פונם גאלד אין געלט. אזוי איז דערדאזיקער גאנצער מסחר נאציאנאליזירט, ווי די פאָסט א שטייגער. איר ווייסט אפשר נישט, אז מען קאן אייך אָנקלאָגן פאר פירן בריוו, פאר געלט, אנשטאָט איר זאלט זיי געבן דעם הויפט-פאסט-מייסטער צו פירן, אָבער אזוי איז עס; פונקט ווי מען קאן אייך אנקלאגן פאר מאכן א מטבעה אדער צושמעלצן א מטבעה און קיינער האָט גארנישט קעגן דעם. די מענטשן, וואס פארדולן אייך א קאפ מיט זייערע געשרייען, ווען מען שלאָגט פאר צו נאציאנאליזירן די קוילן-מינעס און די באנען, אז נאציאנאליזאציע איז רויבעריי און אונטערגאנג. זענען אזוי פולשטענדיק צופרידן מיט דער נאציאנאליזאציע פון דעם מינץ, או זיי באמערקן אפילו קיינמאל נישט, אז דאָס איז נאציאנאליזירט. גוטע אָרעמע מענטשן!

נור פונדעסטוועגן קאָנען פריוואטע מענטשן פאָרט ארויס-לאזן א מין אייגן געלט, אויב נור עס איז נישט אימיטירט ווי

רעגירונגס-געלט. איר קאנט אויסשרייבן אַ טשעק אדער א וועקסל און עס נוצן אַלס פּאפּיר-געלט, אַזוי אָפט ווי איר ווילט נור אליין; און קיין שום פּאָליציאנט זאל אייך נישט קאנען טשעפּען, בתנאי איר זאָלט האבן גענוג רעגירונגס-געלט אין די בענק, צו דעקן דעם טשעק, ווען מען שיקט אים אריין צו טוישן; צווייטנס: אז דאָס שטיקל פּאפּיר אויף וואס אייער טשעק איז געדרוקט זאל נישט האבן קיין ענלעכקייט צו דעם רעגירונגס-פּאַפּיר געלט און באנקנאטן. מיט אָט די פּריוואטע טשעקן און וועקסלען ווערן היינטיקע צייטן געמאכט ריזיקע געשעפטן. אָבער זיי זענען נישט קיין געלט. זיי זענען נור פאַרטרעטער פון געלט, פּונקט ווי געלט אליין איז נור א פארטרעטער פון סחורות. אויב איר זענט שולדיק אין שפּייז-געוועלב געלט, מעג דער קרעמער זיך אָפּזאָגן אָנצונעמען אַ טשעק, אָדער א וועקסל אָבער ער מוז אָננעמען פּאַפּיר-געלט אָדער גאָלד-סאַווערנס, צי זיי געפעלן אים אָדער נישט. אויב איר האַנדלט מיט אַ פּאַבריקאַנט, מעג ער זיך אָפּזאָגן אָנצונעמען א וועקסל אויסגעשטעלט צו צאָלן אין זעקס חדשים אַרום און פאַרלאַנגען דורכויס מזומן געלט, אָבער ער טאָר זיך נישט אָפּזאָגן פון רעגירונגס-געלט. אייער פאָרשלאַג צו צאָלן מיט געלט איז „לעגאַל באַרעכטיקט".

חוץ דעם, איז געלט, ווי מיר האָבן געזען, אַ מאָס פון ווערט, בעת טשעקן און וועקסלען זענען דאָס נישט. די טשעקן און וועקסלען וואָלטן גארנישט ווערט געווען און צו גאָרנישט געטויגט, ווען מען זאָל זיי נישט אָנרופן מיט די טערמינען פון געלט, זיי ווערן אַלע אויסגעשריבן אויף אַזויפיל און אַזויפיל פונט, שילינג און פענעס; ווען עס וואָלטן נישט געווען קיין פונטן, שילינגס און פענעס אונטער זיי וואָלט מען אַזוי אויסגעשריבן אַ טשעק: „באַצאָל עמא ווילקינס, אָדער באַשטעל צוויי פּאָר געגאַנגענע זאָקן, לייכט באַרירט, מיין טייל פון דער פּאַמיליע „פּעקענדזשיס-הונט" און אַ האַלב איי. קיין שום באַנקיר וואָלט זיך נישט אונטערגענומען אויסצוצאָלן אַזעלכע טשעקן.

ביידע, סיי די טשעקן, סיי די בענק זענען אָפּהענגיק אָן דער עקזיסטענץ פון נאַציאָנאַליזירט געלט.

בענק זענען נאָך נישט נאַציאָנאַליזירט; אָבער זיי וואָלטן עס זיין ווייל דורך נאַציאָנאַליזאַציע געווינט דאָס פּובליקום און דאָס וועט שטויסן דערצו, אַז זיי זאָלן שטימען דערפאַר ווען זיי וועלן עס פארשטיין, פּינקט ווי זיי וועלן שטימען פאַר נאַציאָנאַליזירן די קוילן-מינעס. סוחרים דאַרפן האבן קאפּיטאַל, כּדי אָנצוהויבן און צו פארברייטערן זייערע געשעפטן, פּונקט ווי זיי דאַרפן האָבן קוילן, מיט וואָס זיך צו וואַרעמען. ווען זיי דאַרפן האָבן הונדערטער, טויזנטער פונט, באקומען זיי עס דורך צאָלן געוואַלטיק-גרויסע פּראָצענטער צו פינאַנסיסטן, וועלכע זענען אזוי צעפּיעשטשעט פון ריזיקע פּראָפיטן, אז זיי ווילן זיך אַפילו נישט אומקוקן אויף די, וואָס לייגן זיי פאר צו מאכן דאָס, וואָס זיי רופן אַ קליין געשעפטל. נאָך די, וואָס דאַרפן נור צענערטויזנטער יאָגט מען זיך בכלל נישט אזוי שטארק און די וועלכע דאַרפן בלויז הונדערטער, זענען אפט געצווונגען צו לייען ביי וווכערער, וועמען זיי צאָלן גרויסע פּראָצענטער, ווייל דער באַנק-דירעקטאר האַלט, אַז עס לוינט נישט דער באַנק, מען זאָל זיי לאָזן ארויסציען מער, ווי זיי האבן דארט ליגן. ווען איר וואָלט געקאָנט דידאָזיקע סוחרים ווייזן א באַנק, וואָס אַרבעט נישט, כּדי צו מאַכן פּראָפיטן אויף די קליענטנס רעכנונג, נור ארויסצולאָזן קאפּיטאל אויף א גאַנץ קליינעם פּראָצענט לטובת דעם לאַנד אָן אן אונטערשיד פון גרויסע ביז קליינע מסחרים, נור לייען יעדן, וועր עס דאַרף וואָלטן זיי געלאָפן, אין דערדאָזיקער באנק אריין און זיי וואָלטן געפייפט אויף די פּראָפיטירנדיקע פינאנסיסטן. א נאַציאנאַלע אדער א קהלשע באנק, וואָלט טאקע געווען אזוי. זי וואָלט פארקלענערט דעם פרייז פון קאפּיטאל, פּינקט ווי דאָס גאציאָנאליזירן די קוילן-מינעס וואלט פארקלענערט דעם פרייז פון קוילן, אָפּשטופּנדיק די פּראָפיטירער; אלע פּראפּיטירער, א חוץ די געלט-פּראפּיטירער (פינאנסיסטן און באנקירער) וועלן זיך לסוף אומקערן צו דעם צוליב די אויבנדערמאנטע פּערספּעקטיוון, ווייל הגם זיי

זען ארויסצוקריגן פון אייך דעם גרעסטן פראָפיט, וואָס איז נור מעגלעך, בעת איר קויפט עפּעס ביי זיי — זענען זיי אנט־שלאָסן, אז ביי זיי זאָלן אַנדערע מענטשן פאַרדינען אזוי ווייניק ווי מעגלעך.

דאָס נאַציאָנאַליזירן די בענק דאַרף דערפאַר נישט האָבן קיין סאָציאַליסטישע פאַרטיידיקונג און רעקאָמענדאַציע צו דעם מיטל־קלאַס. עס איז פּונקט אזוי מעגלעך, צו דערגרייכן סוף־כּל־סוף ביי א קאָנסערוואַטיווע רעגירונג, ווי ביי אן אר־בעטער־רעגירונג. א באַווייז דערצו איז, אז די ערשטע מוניצי־פּאַלע באַנק האָט זיך געעפנט אין בירמינגהאַם און פון די צוועלף דעפּוטאַטן, וואָס פאַרטרעטן די שטאָט אין פּאַרלאַמענט, זענען עלף קאָנסערוואַטיוון און פאַרביסענע נאָך דערצו. נור איי־נער איז אַ לייבאָר. די בירמינגהאַמער מוניציפּאַלע באַנק איז אוועק אַזוי ווייט און האָט דערגרייכט אַזאַ פיינעם דערפאָלג, אַז בלויז אַ קאַמף מצד דער פּרעסע וואָס זאָל בכּיוון אָנהויבן אַן אַגיטאַציע קעגן איר, לטובת די פינאַנסיסטן, אַ זאַך וואָס איז אייגנטלעך אוממעגלעך אין אַ שטאָט פון פאַבריקאַנטן האָט דידאָזיקע באַנק געפירט דערצו, אַז אין אַלע גרויסע פאַ־בריק־שטעט זאָלן זיך אַנטוויקלען מוניציפּאַלע בענק. עס זענען שוין פאַראַן עטלעכע אַזעלכע בענק.

לעת-עתה האַלטן די באַנקירן און די פינאַנסיסטן אוגדז אין איין פאַרזיכערן, אַז זייער מסחר איז אַזאַ מיסטעריעז־פאַר־וויקלטער און צאַזאַ שווערער, אַז קיין שום רעגירונג אָדער קהילה וואָלט אים נישט געקאָנט פירן מיט דערפאָלג. אין דעם פּרט זענען זיי גערעכט, אַז דאָס איז אַ מיסטעריע, וואָס זיי פאַר־שטייען נור טיילווייז זייער אייגן געשעפט, און זייערע קליענטן פאַרשטייען עס לגמרי נישט. איך האָף, אַז איר פאַרשטייט עס שוין איצט אַ סך בעסער פון אַ דורכשניטלעכן באַנקיר. נור אָט די שוועריקייטן זענען נאַרישקייטן. לאָמיר זען ווייטער, וואָסע־רע אויפגאַבן עס האָט די באַנק.

דורך אַ פּשוטן אָנבאָט זיך צו האַלטן דאָס געלט פונם פּובליק אין זיכערקייט, און אויסצאָלן פאַר זייערטוועגן יעדן

איינעם, וואָס וועט ברענגען אַן אָנווייזונג (אַ טשעק) פונם אייגנטימער, און צו האַלטן רעכנונג פון די אַלע געלטער, וואָס ווערן פאַר זייערטוועגן אויסגעצאָלט, קריגט די באַנק אַריין אַ מאַסע אָפּגעשפּאָרט געלט, און זי דערקלערט, אַז עס ליגט אין באַנק גרייט. אין פאַל דער קליענט זאָל עס קומען אַרויסנעמען, נור אינדעראמתן צייגן זיי זיך איבער, אַז מ׳קאָן אַרויסלייזן דערפון ביז זעכצן שילינג פונם פונט, מחמת יעדער קליענט האַלט כסדר אַ קרעדיט־באַלאַנס אין באַנק. עס איז דאָ נישט פאַראַן קיין שום מיסטעריע אָדער שוועריקייטן. רעגירונגס בענק אָדער מוניציפּאַלע בענק וואָלטן עס געקאָנט אויספירן מיט דער זעלבער לייכטקייט, ווי די פּאָסט און פאַרזיכערונגס־באַנק פירט אויס אירע קליינע טראַנזאַקציעס פון פּאָסט־אָנווייזונגען, פּאָסט־מאַרקן א. א. וו. די איינציקע שוועריקייט וואָס איז יאָ פאַראַן און וואָס ברענגט נישט קיין אויטאָמאַטישן דערפאָלג איז דאָס אַרויסלייען די געלטער. אַ באַנק־דירעקטאָר וואָס שאַצט נישט ריכטיק אָפּ די כוחות פון זיינע קליענטן, וואָלט זייער שנעל אַריינגעבראַכט זיין באַנק אין אַ שווערער לאַגע דורך אַרויסלייען געלט צו אַזעלכע סוחרים, וואָס געפינען זיך אין אַ שלעכטן מצב, וועלכע האַלטן ביים אַרויסגעשטויסן ווערן פון אַ ניי געשעפט אָדער ווייל זיי זענען געווען צו ערלעך, אָדער אפשר צו פויל אומערלעך אָדער אויסבערענגעריש און שיכור אָדער פויל אָדער נישט קיין געניטע סוחרים. אָדער פּאָטעטיש נישט פעיק צו קיין דערפאָלג. אָבער אַ באַנק־פירער, וואָס וואָלט געווען צו פאָרזיכטיק, כדי בכלל אַרויסצולייען געלט, וואָלט נאָך געווען אַ גרעסער אומגליק; מחמת מיר מוזן כסדר געדענקען, אַז די זאַכן, וואָס דאָס אָפּגעשפּאָרטע געלט אין די בענק רעפּרעזענטירט, וועלן זיך נישט האַלטן, און מען זאָל אַריינלייגן אין אַ שטאַטס־באַנק (אָדער אַ וועלכע עס איז אַנדער באַנק) שפּייז אין ווערט פון פופציק ביליאָן וואָס מען האָט אָפּגעשפּאַרט פונם יערלעכן שניט וואָלט עס נור געווען אַ טויטער פאַרלוסט און אַ פאַרדאַרבונג אויב עס וואָלט נישט גיך אויפגעגעסן געוואָרן פון ארבעטער, וועלכע וואָלטן געמוזט שאפן מיטלען צום פּראָדוצירן אַ נייעם

שניט. דער באַנק-דירעקטאָר קאָן אויסוויילן די פּערזאָן, וועמען צו געבן קרעדיט און וועמען נישט, אָבער ער קאָן נישט אויס-ווילן בכלל, נישט אַרויסצולייען פֿון דער באַנקס אָנגעשפּאַרט געלט; פּונקט ווי אַ בעקער מוז, נאָכדעם ווי ער האָט פֿאַר-קויפט אַזויפֿיל ברויט וויפֿיל עס האָט זיך נור געלאָזט פֿאַר באַר געלט, פֿאַרקויפן דאָס איבערגעבליבענע ברויט אויף קרעדיט אָדער אַריינוואַרפֿן עס אין מיסטקאַסטן.

נור דער חילוק פֿונם בעקער ביזן באַנקיר איז דער, וואָס דער בעקער קאָן זיך אָפּהאַלטן פֿון באַקן מער ברויטלעך, ווי ער וועט לויט זיין מיינונג קאָנען פֿארקויפֿן; און דער באַנקיר קאָן ווערן פֿאַרוואָרפֿן מיט גאַנצע בערג אָפּגעשפּאָרט געלט, אַ סך מער, ווי די זיכערע הענט, וואָס ער קאָן געפֿונען אַוועקצולייען; און נישט נור ער וועט מוזן אַליין ריזיקירן, נור ער וועט נאָך פּרוּוון איבעררעדן סוחרים און רעכנען זיי אַ נידריקן פּראָצענט כּדי זיי זאָלן עס נעמען („די בענק גיבן פֿרייען קרעדיט" אַזוי קאָנט איר לייענען אין די סיטי-אַרטיקלען פֿון די צייטונגען) בעת אַן אַנדערש מאָל קלויבן זיי און זענען זייער פֿאָרזיכטיק איידער זיי גיבן קרעדיט און זיי נעמען הויכע פּראָצענטער „די בענק באַשרענקן דעם קרעדיט" וועט איר דעמאָלט לייענען אין די אייגענע צייטונגען; דערפֿאַר דאַרף מען האָבן מער וויסן און זיין אַ בעסערער קריטיקער און אָפּשאַצער, כּדי צו קאָנען פֿירן אַ באַנק-געשעפֿט איידער אַ בעקעריי.

עס איז נישט קיין ווונדער וואָס די באַנקירן וועלכע מאַכן געוואַלטיק גרויסע פּראָפֿיטן און האָבן דעריבער שטאַרק מורא מען זאָל זיי נישט אָפּשטעלן דעמדאָזיקן מסחר דורך נאַציאָנאַליזירן די בענק, דערקלערן, אַז קיין שום רעגירונג וואָלט נישט גע-קאָנט טון אַזאַ שווערע אַרבעט ווי אַרויסלייען געלטער און, אַז מען מוז עס איבערלאָזן אין זייערע הענט, ווייל נור זיי אַליין זענען באַהאַוונט אין דעם; איצט וויל איך אייך זאָגן, אַז נישט זיי פֿאַרשטייען דידאָזיקע אַרבעט נישט זיי טוען זי אַליין. זיי-ערע נישט גינסטיקע עצות האָבן פֿאַרשפּרייט רויִנערונג איבער אייראָפּא נאָך דער מלחמה, ווייל זיי האָבן פּשוט נישט פֿאַר-

שטאַנען די גרונטלאַגע פון זייער אייגן געשעפט און זענען
פעסט באַשטאַנען אויף דער השערה און דווקא געוואָלט באַווייזן
אַז דער פּאַרנוצטער קאַפּיטאַל עקזעסטירט נאָך און אַז קרעדיט
איז אַ ממשותדיקע זאַך וואָס מ׳קאָן עסן, טרינקען, גיין אָנגע-
טון און בכלל לעבן דערפון. נישט די באַנקירן טוען די אמתע
אַרבעט ווי אַרויסלייען מיט דערפאָלג די ריזיקע סומען פאַרן
מסחר נור די בענק-פירער וואָס זענען נישט מער ווי אָנגע-
שטעלטע און זענען נישט מער קוואַליפיצירט אין געלט - זאַכן
אָדער סאָציאַלן-שטאַנד פון אַ העכערן ציוויל-באַאַמטן אָפּטמאָל
נאָך ווייניקער. זיי וואָלטן געווען מער ווי צופרידן צו זיין ציוויל-באַאַמטע.
אַ סך מער ווי צו זיין פּריוואַטע אָנגעשטעלטע.
און וואָס אָנבאַלאַנגט די העכערע דירעקציעס וואָס האַנדלען,
אַזוי צו זאָגן, נור מיט די גרויסע אינוועסטיציעס פון די בענקס
אָפּגעשפּאָרטע געלטער, וואָס איז גאַנץ אַנדערש פון די קליינע
הלוואות וואָס ווערן אַרויסגעבאָרגט צו געוויינטלעכע פאַבריקאַנטן
און סוחרים, איז די פאַלשע טענה, אַז די רעגירונג אָדער אַ
וועלכער עפנטלעכער פינאַנץ-דעפּאַרטמענט וואָלט עס נישט גע-
קאָנט טון, איז אַ מעשה פאַר דער עלטער-באָבע. די באַנק אָף
ענגלאַנד איז פונקט אַזוי צופרידן צו האָבן אַ געוועזענעם באַ-
אַמטן פון דער שאַץ-קאַמער און איר פּערסאָנאַל, ווי די לאָנ-
דאָנער מידלענדישע און שאָטישע באַן-געזעלשאַפט איז צו-
פרידן צו האָבן אַ געוועזענעם ציוויל-באַאַמטן פאַר אַ פּאָרזי-
צענדן:

## LVII

# פאַרגיטיקונג פאַר נאַציאָנאַליזאַציע

דרך-אגב, בעת איך דעמאָנסטריר די נויטווענדיקייט צו נאַציאָנאַליזירן די בענק, וויל איך אייך זאָגן, אַז איך האָב נישט פאַרגעסן, אַז אפשר זענט איר אַן אַקציאָנער, און אייער אויפמערקזאַמקייט וואָלט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער פראַגע: וואָס וועט ווערן פון אייערע אַקציעס, ווען מען וועט נאַציאָנאַליזירן די בענק? איך אַליין האָב געמוזט גוט באַטראַכטן דידאָזיקע פראַגע, מחמת צופעליק איז מיין אייגענע פרוי אַן אַקציאָנערקע; מיר וואָלטן אפשר געמוזט פאַרקלענערן אונדזערע הויז-אויסגאַבן ווען יעדער איינער זאָל גיין אין אַ נאַציאָנאַלער אָדער מוניציפּאַלער באַנק אַריין אָנשטאָט אין מיין פרויס באַנק אַריין. אייגנטלעך וועלן מסתמא פריוואַטע בענק זיין פאַרבאָטן, ווען די בענק וועלן געציאָנאַליזירט ווערן, אַזוי ווי מאַכן געלט, אָדער פירן בריוו. און מיר וועלן דורכויס פאַרלאַנגען, אַז די רעגירונג זאָל קויפן איר טייל אַקציעס, ווען זי וועט נאַציאָנאַליזירן די בענק.

און די רעגירונג וועט זיי קויפן מיט חשק, צוליב דעם גלענצנדיקן מאָטיוו, וואָס זי וועט באַקומען דאָס געלט דורך אַרויפלייגן אַ שטייער אויף אַלע קאַפּיטאַליסטישע הכנסות, אַזוי, אַז אויב מיין ווייב וואָלט געווען די איינציקע קאַפּיטאַליסטקע אין לאַנד, וואָלט די טראַנזאַקציע געווען אַזוי ברייט, ווי לאַנג; די רעגירונג וואָלט ביי איר צוגענומען מיט איין האַנט דאָס,

וואָס זי האָט איר מיט דער אַנדערער געגעבן. צו איר גליק זענען נאָך דאָ גענוג קאַפּיטאַליסטן אַ חוץ איר, אויף וועמען אַרויפצולייגן שטייערן, אַזוי, אַז אנשטאָט זי זאָל מוזן צושטעלן דאָס גאַנצע געלט, כּדי זיך אויסצוקויפן וועט זי נור מוזן צושטעלן אַ קלענעם טייל דערפון; און אַלע קליינע טיילן, וואָס די אַנדערע קאַפּיטאַליסטן וועלן צושטעלן וועלן אַריין אין איר קעשענע. דידאָזיקע טראַנזאַקציע רופט זיך פאַרגיטיקונג.

עס איז זייער וויכטיק, איר זאָלט גוט פאַרשטיין דעמדאָזיקן געקינסטלטן פּראָצעס, וואָס ווייזט אויס צו זיין אַזוי גערעכט און פּשוט. עס דערקלערט, ווי אַזוי רעגירונגען פאַרגיטיקן, בעת זיי פאַרגיטיקן באמת נישט און ווי אַזאַ פאַרגיטיקונג קאָסט דער נאַציע גאָרנישט און איז באמת אַ מעטאָדע פון רויבערײַ. גיט נור אַ טראַכט. אויב די רעגירונג קויפט אַ שטיקל ערד אָדער אַ באַן, אָדער אַ באַנק אָדער אַ קוילן-מינע און באַצאָלט דערפאַר מיטן געלט, וואָס זי באַקומט פון שטייערן, איז עס קלאָר ווי דער טאָג, אַז די רעגירונג באַקומט עס אומזיסט: נור דער שטייער-צאָלער באַצאָלט דערפאַר, און אויב דער שטייער איז אַזאַ, ווי דער הכנסה-שטייער פון וועלכן דער גרעסטער טייל פון דער נאַציע איז לגמרי אָדער טיילווייז באַפרייט, אָדער די ספּעציעלע שטייערן און אָפּצאָלונגען פאַר גיטער, וואָס פאַלן אינגאַנצן אויף דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס, דאַן האָט די רעגירונג געצוווּנגען דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס אויסצוקויפן עפּעס פון זיך אַליין און איבערגעבן איר אייגנטום צו דער נאַציע אָן שום פאַרגיטיקונג בכלל. די אַזוי גערופענע פאַרגיטיקונג איז בלויז אַן אָרדנונג, דורך וועלכער דער פאַרלוסט איז איינגעטיילט צווישן דעם גאַנצן קאַפּיטאַליסטישן קלאַס, אנשטאָט עס זאָל מוזן ליידן בלויז איין מיטגליד אירער, אין וועמעס שטיקל לאַנד אָדער באַנק-אַקציעס אָדער וואָס ער זאָל גראָד נישט פאַרמאָגן. די רעגירונג נוציקט זיך גראָד. אַפילו דער מיטגליד באַצאָלט זיין טייל פונם שטייער אָן פאַרגיטיקונג.

אַ טייל דאַמען וועלן עס אפשר בעסער פאַרשטיין אויב מען וועט פאַר זיי אַזאַ מין פאַל שילדערן אין ציפערן. לאָמיר

זיך פֿאָרשטעלן, אַז די רעגירונג דאַרף האָבן אַ שטיקל ערד וואָס האָט דעם ווערט לויט דעם מאַרק פּרייז טויזנט פֿונט. און זי קריגט דאָס געלט דערויף, נישט דורך דעם וואָס זי לייגט אַרויף אַ שטייער אויף דער גאַנצער נאַציע, נור בלויז אויף דער הכנסה פֿון אַ הונדערט גוטבאַזיצער, איינגעשלאָסן דעם אייגנטימער פֿונם שטיקל ערד, צווינגענדיק יעדן פֿון זיי בייצושטייערן צען פֿונט! די רעגירונג נעמט דאַן די טויזנט פֿונט און גיט זיי דעם אייגנטימער פֿאַרן שטיקל לאַנד און זי זאָגט אים, אַז ער האָט זיך נישט וואָס צו קלאָגן, מחמת ער האָט באַקומען אפֿילו פּרייז פֿאַר זיין שטיקל ערד, אָנשטאָט מען זאָל עס אַוועקנעמען פֿון אים מיט געוואַלט, אויף אַ רעוואָלוציאָנערן שטייגער ווי די באָלשעוויקעס האָבן אַוועקגענומען די ערד פֿון די רוסישע גוטבאַזיצער אין 1917. עס קאָן גאָרנישט זיין פֿאַרשטענדלעכער קאָנסטיטוציאָנעלער און זיטליכער. די קאָנסערוואַטיווסטע רעגירונג וואָלט עס געקאָנט טון, און פֿאַקטיש האָבן זיי עס שוין נישט איינמאָל געטון. אויף אַזאַ אופֿן איז לסוף אַ דאַנק דער טראַנזאַקציע, אַ שטיק לאַנד אַריבער פֿון פּריוואַט-אייגנטום צו נאַציאָנאַלן אייגנטום, און הונדערט אייגנטימער האָבן באַקומען פֿאַרקלענערט זייערע הכנסות אויף צען שילינג אַ יאָר (אַן אָפּצאָל פֿון פֿינף פּראָצענט אויף צען פֿונט). עס איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז ווען אַזעלכע טראַנזאַקציעס זאָלן זיך איבערחזרן אָפֿט וואָלט אין אַ קורצער צייט די נאַציע געהאַט די גאַנצע ערד און די הכנסות פֿון די גוטבאַזיצער וואָלטן פֿאַרקלענערט געוואָרן ביז נול, הגם יעדער אַקער איז געקויפֿט געוואָרן לויטן מאַרק-פּרייז. דערדאָזיקער פּראָצעס קאָן אָנגעווענדט ווערן אויף באַנק-שטייערן אָדער אַ וועלכע עס איז אַנדערע שטייערן, אַזוי גוט ווי אויף אַקערס ערד.

דערלויבט מיר נאָכאַמאָל איבערצוחזרן, אַז דאָס איז נישט עפּעס אַזוינס, וואָס מען וואָלט געקאָנט טון, נור וואָס איז שוין געטון געוואָרן און ווערט געטון. עס איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ריזיקע פֿאַרמעגנס, וואָס האָבן פֿריער געהערט צו פּריוואַטע פֿאַרמאָגען זענען איצט דאָס אייגנטום פֿון דער רעגירונג

אָדער פון געמיינדעס: דאָס הייסט זיי געהערן איצט דער נאַ-ציע: און שטייערן האָבן שוין דערגרייכט אַזאַ טכּים, אַז די רייכע מוזן זיך אָפּט דערמאָנען, אַז זייערע פונטן זענען באמת נישט מער ווי דרייצן שילינג און פיר פּענס אָדער ווייניקער נאָך, ווייל די רעגירונג וועט צונעמען די אַנדערע זעקס שילינג און אַכט פּענס אָדער עפּעס מער אַלס שטייערן און ספּעציעלע שטייערן, און אפילו פון די דרייצן שילינג און פיר פּענס וועלן די קהלסלייט פון די ערטער, ווו זייערע הייזער געפונען זיך (רייכע לייט האַלטן אויף פון צוויי ביז פינף הייזער) נעמען אַ גאַנץ פיינעם שטייער פאַר ריינע קאָמוניקאַציע צוועקן. דערווייל פאַרקויפן זיי כמעט אומעטום זייערע הייזער צו שפּעקולאַנטן און מעקלערס, וועלכע האָבן געמאַכט גרויסע פאַרמעגנס פון אינפלאַנציע און מלחמה; אָבער דידאָזיקע אויפגעקומענע גבירים וועלן אויך אַ מאָל זיין געצוווּנגען אויסצוקויפן זיך איינער דעם אַנדערן. פונקט ווי די אַלטע גבירים, וואָס מ׳רופט היינט די נייע קבצנים האָבן געמוזט טון — בשעתם.

אויף אַזאַ אופן באַקומט איר דאָס קאָנסטיטוציאָנעלע געזעץ צו נאַציאָנאַליזירן פּריוואַט-אייגנטום און תמיד צו באַצאָלן די אייגנטימער דעם פולן מאַרק פּרייז פאַר דעם, וואָס מען נעמט צו ביי אים. מ׳באַצאָלט דערפאַר, דורך ארויפלייגן שטייערן אויף הכנסות פון אייגנטום (פאַרשטייט זיך, אַז עס איז נישטאָ אַזאַ זאַך, ווי פאַרגיטיקונג פאַר שטייערן) איר אליין זאָלט זיך האַלטן פאַר אַ געזעץ קיינמאָל נישט צו שטימען פאַר אַ קאַנדידאַט, וואָס פאַרטיידיקט דאָס אַוועקנעמען פון אייגנטום אָן פאַרגיטיקונג, אַלציינס צי ער רופט זיך סאָציאַליסט אָדער קאָמוניסט, אָדער אַ ליבעראַל. דער שטייגער פון אַ ליבעראַל איז תמיד צו געבן אַ הונט אַ שלעכטן נאָמען און אים אויפצוהענגען: דאָס הייסט דערקלערן די דראָענדיקע אייגנטימער פאַר שונאים פון דער מענשהייט און רוינירן זיי מיט דער באַגייסטערונג פון ישרנותדיקן צאָרן. אָבער ליבעראַלן, אַלס אַזעלכע, זענען נישט פיינט-לעך געשטימט צו קאַפּיטאַליסטן צו קיינעם נישט, אייגנטלעך אַ חוץ צו באַאַמטע און געבוירענע פעאָדאַלע גוטבאַזיצער

די קאָנסערוואַטאָרן זענען תּמיד פאַר פאַרגיטיקונג לגבי אייגנ־טימער פון פאַרמעגנס; און זיי זענען גערעכט; אָבער זיי זענען נישט אַזוי קלאָר דעם שווינדל פון דעם, ווי איר זעט אים שוין איצט.

לכל־הדעות זאָלט איר תּמיד שטימען קעגן אַ קאַנדידאַט וואָס איז אַ קעגנער פון פאַרגיטיקונג לגבי אייגנטימער פון פאַר־מעגנס, סיידן איר זענט קעגן נאַציאָנאַליזאַציע און איר זענט געגנוג כיטרע צו זען, אַז דער זיכערסטער וועג צו באַקעמפן עס, איז צו פאַרטיידיקן די אידייע, מען זאָל עס לאָזן דורכפירן נישט נקמה־דורשטיק און נישט אָן אַ פּרוטה סאַטיספאַקציע.

עס איז אבער דאָ אַ ברירה בנוגע פאַרגיטיקן פאַר נאַצ־יאָנאַליזאַציע פון דער פּריוואַטער אינדוסטריע, פאַרוואָס זאָל די רעגירונג נישט אָנהויבן צו פירן אַליין די אינדוסטריעס, וואָס זי האָט חשק צו נאַציאָנאַליזירן און פאַרניכטן אירע פּריוואַטע קאָנקורענטן פונקט, ווי די גרויסע געשעפטן האָבן אַרויסגעשטופּט און פאַרניכטעט די קליינע געשעפטן, דורך פאַרקויפן ביליקער פון זיי און דורך די אַלע אַנדערע מעטאָדן וואָס זענען פאַראַן אין מסחר בעת א קאָנקורענץ? די בירמינגהאַמער מוניציפּאַליטעט האָט אָנגעהויבן נאַציאָנאַליזירן די בענק, נישט זאָרגנדיק זיך אויף א האָר מכּוח די פּריוואַטע בענק: זי האָט פּשוט אויפגע־עפנט א באַנק אין דער און דער גאַס און האָט געפירט דעם מסחר. די פּאָסט האָט אויפגעמאַכט א דעפּאַרטאַמענט פאַר איבער־פירן פּעקלעך און האָט זיך גאָרנישט געזאָרגט מכּוח די פּריוואַ־טע איבערשיקער און טרעגער און מען האָט זיך גאָרנישט גע־זאָרגט, וואָס דערפון האָט זיך אַנטוויקלט א סאָרט מסחר פון באַר געלט ביים ליפערן, וואָס האָט פאַרניכטעט דעם קליינהענדלער. פּריוואַטע אַרבעטסגעבער האָבן תּמיד געמאַכט געשעפטן אויף אַזאַ שטייגער דורך קאָנקורענץ־פּרינציפּן אזוי צו זאָגן: פאַרוואָס זאָל דער שטאַט אַלס א פּובליק־אַרבעטסגעבער נישט טון דאָס אייגענע?

דער ענטפער איז, אַז אַ קאָנקורענץ־מעטאָדע איז אַן אַרויסגע־וואָרפענע אַרבעט, אַ מיטל צום אונטערגאַנג. ווען צוויי בעקערס

מאַכן אויף געשעפטן אין א גאַס וואָס האָט מער ווי גענוג בלויז איינס אָדער צוויי מילך־וועגענער זוכן צו פאַרקויפן מילך אין דער אייגענער גאַס און יעדער פּרוּווט אָפּרייסן דעם אַנדערנס קונים, באַדייט עס, אַז דער חילוק צווישן די הוצאות, וואָס עס באַטרעפט צו פירן צוויי געשעפטן אַנשטאָט איינס, איז א ריינע אויסברענגעריי. ווען א פרוי האָט אָפּגעטראָגן איר הוט אָדער גיכער, די מאָדע האָט זיך געביטן און זי איז געצוווּנגען צו קויפן אַ נייעם הוט נאָך איידער דער אַלטער איז האַלב אָפּגענוצט געוואָרן און פופציק קראָמען מאַכן נייע הוטן, טאָמער וועלן זיי איר פאַרקויפן אַ הוט — ווערט דערפון אַן איבערפּראָדוקציע, וואָס פירט צו אַרבעטסלאָזיקייט.

איצט ווענדט דאָס אָן, לאָמיר זאָגן, לגבי א נאַציאָנאַליזאַציע פון באַנען. עס איז קיין שום ספק נישט, אַז די רעגירונג וואָלט געקאָנט אונטערנעמען א נעץ־ווערק פון מלוכה־באַנען, פּאַראַלעל מיט די עקזיסטירנדיקע באַנען, אַזוי אַז איר וואָלט געקאָנט פאָרן אָדער מיט דער גרעיט־וועסטערן (ראַילוויי) אָדער מיט דער מלוכה־באַן פון לאָנדאָן קיין פּענזאַנס, ווו זיי וואָלטן געלאָפן ביידע זייט ביי זייט. דער שטאַט וואָלט דאַן געקאָנט איינפירן אַ סיסטעם פון א פּעני־טראַנספּאָרט, וואָס מייסטער וואַטלעי אַרבאָלד האָט פאָרגעשלאָגן אויפן שטייגער ווי פּעני־מאַרקעס און קאָנקורירן אין פּרייז מיט די באַזונדערע פּריוואַטע באַן־קאָמפּאַניעס און אַוועקנעמען פון זיי דעם גאַנצן פאַרקער. דאָס וואָלט געווען א קאָנקורענץ־מעטאָדע. עס וואָלטן דאַן געגאַנגען צוויי באַנען קיין פּענזאַנס, קיין טורסאָ, קיין בריסטאָל, קיין קראָמער און ווו אהין מען וואָלט נור געוואָלט פאָרן. איינע וואָלט געפירט אַלע פּאַסאַזשירן און בכלל געהאַט דעם גאַנצן פאַרקער און די אַנדערע וואָלט נור געפירט די קליינע צאָל, וואָס יענע האָט שוין נישט געקאָנט אויפנעמען, אָדער דעם איבערפלוס פון יום־טוב־פּאַסאַזשירן — ביז זי וואָלט אַריינגעפאַלן אין א געפערלעכן אָפּשטאַרבנדיקן שטילשטאַנד און זי וואָלט לסוף איינגאַנצן אונטערגעגאַנגען.

אָבער צי קאָנט איר זיך פאָרשטעלן א מער נוצלאָזע און

אידיאָטישע זאַך ווי דאָס? די סומע וואָס עס וואָלט אָפּגעקאָסט צו מאַכן א מלוכה-באַן וואָלט געווען א ריזיקע און אַבסאָלוט אומנויטיקע. דאָס חרוב מאַכן די פּריוואַטע באַנען וואָלט געהען אַן איינפאַכע צעשטערונג פון א נוצלעכן און א גענוגנדיקן פאַקטאָר פון קאָמוניקאַציע, וואָס האָט אָפּגעקאָסט אַן אוצר מיט גאָלד. די ערד וואָס איז געווען פאַרנומען פון איינע פון די באַנען, וואָלט געווען אומנוצלעך און פאַרלוירן איר ווערט. וואָסער רעגירונג אויב זי איז ביים פולן פאַרשטאַנד, וואָלט פאָרגעשלאָגן אַזאַ זאַך, בעת זי וואָלט פּשוט געקאָנט איבערנעמען די עקזיסטירנדיקע באַנען און פאַרגיטיקן די אַלע וואָס האָבן אַקציעס אין דער באַן, אויף אַזאַ אופן ווי איך האָב נאָר וואָס אָנגעוויזן: דאָס הייסט צעטיילן זייער פאַרלוסט דורך אַרויפלייגן א שטייער אויף דעם פאַרמעגלעכן קלאַס, אַזוי אַז דער גאַנצער נאַציע זאָל נישט קאָסטן קיין פּרוטה.

אָט אַזאַ ישוב הדעת מוז פירן דערצו, אַז דער שטאַט זאָל איבערנעמען די עקזיסטירנדיקע בענק. מוניציפּאַלע בענק לויט דער בירמינגהאַמער מוסטער-באַנק קאָנען ווערן קאָנקורענץ-בענק; אָבער ווען א נאַציאָנאַלע באַנק וועט זיך עפענען, וועט ער זיך עפענען דורכן נאַציאָנאַליזירן די עקזיסטירנדיקע פּריוואַטע בענק.

עס איז פאַראַן נאָך א סיבה צו זיין קעגן א קאָנקורענץ-מעטאָדע. אויב די מלוכה זאָל קאָנקורירן מיט פּריוואַטע אונטערנעמונגען מוז ער דערלויבן, אַז פּריוואַטע אונטערנעמונגען זאָלן קאָנקורירן מיט אים. אָבער כדי אַרויסצובאַקומען דעם פולן נוצן פון נאַציאָנאַליזאַציע איז עס נישט פּראַקטיש.

די פּאָסט האָט די מעגלעכקייט איינצופירן אין יעדן דאָרף א פּאָסט-ביוראָ און אַן אָפּטיילונג צו שיקן פּעקלעך, און כמעט אין אַלע דערפער איינצופירן טעלעפאָן און טעלעגראַף, און צו רעכענען פאַר דעם פּענעס און האַלבע פּענעס בלויז מיטן תנאי, אַז קיין פּראָפיטירער וועט נישט טאָרן קומען און אויסקלויבן די גרינגסטע טייל פון דער אַרבעט און אַזויאַרום זיי עקספּלאָאַטירן. דער הויפּט-פּאָסט-מייסטער טוט זאכן פאַר דער נאַציע, וואָס קיין

שום פראָפּעטירער וואָלט נישט געוואָלט, אָדער נישט געקאָנט טון.
אָבער זיין געזעץ איז „אַלץ אָדער גאָרנישט".

דער הויפּט-באַנקיר פון די נאַציאָנאַליזירטע בענק וואָלט
אויך געמוזט פאָדערן די אייגענע געזעצן. ער וואָלט געגרינדעט
בענק, אויב נישט פּאַקטיש אומעטום, ווייניקסטנס אין הונדערטער
ערטער, ווו די פּריוואַטע בענק וואָלטן פּונקט אַזוי נישט געחלומט
צו עפענען קיין פיליעס אפילו נישט אַזעלכע, וואָס זענען נור
אָפן איינמאָל א וואָך, ווי צו בויען א גראַנד-אָפּערע-הויז. אָבער
ער וואָלט אויך געזאָגט „אַלץ אָדער גאָרנישט", איך וועל נישט
דערלאָזן אַז א וועלכער עס איז אינטעליגענטער יידישער דזשענטל-
מאַן, אָדער וועלכער עס איז רויבזיכטיקער קריטט, וואָס האָט
זיך געלערנט אינם אינטעליגענטן יידנס ביורא זאָל קומען אַרויס-
נעמען די פּלוימען פון מיין „פּודינג".

פונדעסטוועגן דאַרפט איר נישט מיינען, אַז אַלע מלוכהשע
אַרבעטן וועלן זיין מלוכה-מאָנאָפּאָלן, דאָס הייסט: זיי וועלן אַלץ
מאָנאָפּאָליזן. פּאַקטיש וועט מען גאָר מיטן נאַציאָנאַליזירן די
בענק פאַרגרעסערן די מעגלעכקייטן פון פּריוואַטער אַקטיוויטעט
אויף פאַרשידענע אופנים. אָבער אַזויווי די עפנטלעכע דינסט
וועט מוזן זיין פאַרשפּרייט איבעראַל און רעכענען ווייניקער ווי
עס קאָסט אין איין אָרט און מער אין אַן אַנדער אָרט, מוזן זיי
זיין באַשיצט קעגן סעקציאָנעלער פּריוואַטער קאָנקורענץ. אַנדערש
וועלן מיר האָבן דאָס, וואָס עס הערשט איצט ביים מוניציפּאַלן
הייזער-בוי, ווי אַלע איינטראָגנדיקע קאָנטראַקטן בויען הייזער
פאַר רייכע, די ביוראָס פון די קאַפּיטאַליסטן, די קירכן, אינ-
סטיטוציעס א. א. וו, פאַלן אַריין אין די הענט פון פּריוואַטע
אַרבעטסגעבער, בעת די מוניציפּאַליטעט בויט הייזער פאַר אָרעמע-
לייט און פאַרלירט געלט דערביי, וועלכע זיי דערלייגן פון די
שטייער-צאָלער דורך אויסגעשטראָכענע ציפערן בנוגע דעם ווערט
פון דער ערד אויף וועלכע זיי בויען. מוניציפּאַלער הייזער-בוי,
איז תמיד א פאַרלוסט. ווען עס וואָלט געווען מאָנאָפּאָליזירט וואָלט
עס זיך געקאָנט דערלויבן צו מאַכן פון יעדער שטאָט אינם
לאַנד א גן-עדן פאַר די שטייער-צאָלער און אייגנטימער.

בײַ דער געלעגנהייט מוז איך אײַך דערמאָנען, אַז יעדע נאַציאָנאַליזאַציע פֿון אַן אינדוסטריע דערוועקט די פֿראַגע מכּוח אַן אָקופּאַציע פֿון ערד בײַם שטאַט. דידאָזיקע ערד וואָלט תּמיד געדאַרפֿט נאַציאָנאַליזירט ווערן, דורך אָפּקויפֿן אײַנגאַנצן די ערד און פֿאַרגיטיקן די אייגנטימער. מחמת אויב זי איז בלויז געדונגען — איז עס פֿאַרדריסט מ׳יך צו זאָגן, אַז טײל־מאָל איז עס טאַקע אַזוי — מוז דאָס פּובליקום באַצאָלן פֿאַר די רענטע וואָס עס נעמט דער אייגנטימער פֿון דער ערד, ווו דידאָזיקע הײַזער זענען געבויט און פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס געלט מוז מען באַקומען דורך העכערן דירה־געלט. דער פּועל־יוצא דערפֿון איז, אַז דער אייגנטימער פֿונעם שטיקל ערד האָט די אמתע טובֿה פֿון אַזאַ האַלבע נאַציאָנאַליזאַציע.

איך האָב נאָך גאָרנישט געזאָגט מכּוח דער אכזריותדיקער ווירקונג פֿון פֿאַרניכטן אַן אינדוסטריע דורך קאָנקורענץ אַנשטאַט אָפּצוקויפֿן איר. דער פּראָצעס שטיצט זיך פֿונדאַמענטאַל אויף דעם, וואָס די אייגנטימער פֿון פֿאַרניכטעטן געשעפֿט ווערן ביס־לעכווײַז פֿאַראָרעמט און רויִנירט. קאַפּיטאַליזם איז אַן אכזר אויף דעם געביט; זײַן פּרינציפּ איז „יעדער פֿאַר זיך" דעם שוואַכן מעג נעמען דער טײַוול! אָבער דער שטאַט מוז אין זינען האָבן דעם געליטענעם אַזויווי דעם זיגער. מ׳טאָר קיינעם נישט גורם זײַן פֿאַראָרעמט צו ווערן. מען מוז זען, אַז דער געליטענער, דער פֿאַרלירער זאָל נישט פֿאַרלירן מער, ווי עס איז אַבסאָלוט נייטיק דורך געבן אים לײַכטע באַדינגונגען און דאָס איז נור מעג־לעך דורך אַ סיסטעם פֿון אָפּקויפֿן און געבן קאָמפּענסאַציע.

LVIII

# אײנלײטונג צו נאַציאָנאַליזאַציע

איר זעט איצט ווי נאַציאָנאַליזאַציע און מוניציפּאַליזאַציע זענען אַזוי געוווּנטשן אַלס מיטלען צו פאַרביליקן די זאַכן, וואָס מיר אַלע געברויכן, אַז די שטאַרקסטע אַנטיסאָציאַליסטישע פאַרלאַמענטן און מוניציפּאַלע קאָרפּאָראַציעס האָבן שוין אין דער פאַרגאַנגענהייט געגרינדעט נאַציאָנאַליזירטע און מוניציפּאַליזירטע אינדוסטריעס, און זיי וועלן עס געוויס אויך טון אין דער צוקונפט, אונטער אַ וואַל־דרוק פון קאָנסערוואַטיווע וויילער. איר זעט אויך, אַז די טענה, דאָס כּדי אויסצוקויפן די געשעפטן פון פּריוואַטע אייגנטימער דאַרף מען האָבן אומגעהויער גרויסע סומען, אַז די הוצאות זענען געוואַלטיק, ווי עס האָט פאַרזיכערט אַ קוילן־קאָמיסיאָנער, וואָס האָט דאָס געוואָלט אָנגעבן אַלס אַ זיכערן מאָטיוו נישט צו נאַציאָנאַליזירן די קוילן־מינעס — זענען אַ ליגנט, וואָרום הגם די קוילן־אייגנטימער (פאַרבייגייענדיק מוז איך אייך זאָגן, אַז איך בין איינער פון זיי) וועלן באַקומען אַ פולע באַפרידיקונג וועט דער פאַרמעגלעכער קלאַס אין אַלגעמיין באַצאָלן דעם רעכענונג, דאָס געלט דערויף וועט מען אַרויסנעמען פון זייערע נישט פאַרדינטע הכנסות און די נאַציע וועט ווערן פון דערדאָזיקער טראַנזאַקציע רייכער אַנשטאַט אָרעמער. איז בכן ווידער גוט, טעאָרעטיש איז נאַציאָנאַליזאַציע פּערפעקט אויסגעהאַלטן.

פּראַקטיש איז עס, ווי מ'זאָגט, אַ שווערער ענין. סתּם אַ דערקלערונג, אַז אַזאַ און אַזאַ אינדוסטריע איז נאַציאָנאַליזירט, קאָן נישט טון מער ווי אָפּשטעלן איר. איידער אַ וועלכע עס איז אינדוסטריע אָדער דינסט זאָל קאָנען נאַציאָנאַליזירט ווערן, עס זאָל האָבן אַ ווירקונג, מוז געשאַפן ווערן אַ נייער דעפּאַרטמענט פון דער ציווילער דינסט, וואָס זאָל דערמיט אָנפירן. מיר וואָלטן נישט געקאָנט האָבן קיין אַרמײַ, ווען מיר וואָלטן נישט געהאַט קיין אָפּטיילונג פאַר קריגס־ענינים (אַ וואָר אָפיס), ווייל דער סאָלדאַט וואָלט נישט געהאַט ווו אײַנצונעמען זיין געהאַלט, ווו צו נעמען זיין אוניפאָרם און זיין וואָפן. מיר וואָלטן נישט געהאַט קיין פלאָט, ווען מיר וואָלטן נישט געהאַט קיין אדמיראַליטעט (קאָמאַנדירשאַפט). אָן אַ הויפּט־פּאָסט־ביוראָ און אָן אַ פּאָסט־מייסטער וואָלטן מיר נישט געקראָגן קיין בריוו יעדן פרימאָרגן. אָן אַ מינץ־פאַבריק וואָלטן מיר נישט געהאַט קיין געלט. אָן „סקאָטלאַנד־יאַרד" אין לאָנדאָן און די אויפזעערישע קאָמיטעטן אין די דערפער און שטעטלעך – וואָלטן מיר נישט געהאַט קיין פּאָליציי. און אַזוי ווי עס איז איצט, אַזוי וועט זיין אין דער צוקונפט. אָן אַ גרויסער אויסברייטונג פון דער שאַץ־קאַמער קאָנען די בענק נישט נאַציאָנאַליזירט ווערן, אויך נישט די קוילן־מינעס, סיידן מען זאָל גרינדן אַ סך אַ גרעסערן דעפּאַרטאַמענט פאַר מינעס, ווי דער פון „האָלץ און וואַלד" וואָס עקזיסטירט איצט. מיר וואָלטן נישט געקאָנט האָבן קיין באַנען אָן אַ באַן־דירעקטאָר, וואָס זענען פּונקט אַזוי וויכטיק, ווי אַ הויפּט־פּאָסט־ביוראָ און אַ הויפּט־פּאָסט־מייסטער.

נור באַשטענדיקע און העכסט־אָרגאַניזירטע שטאַטן קאָנען גרינדן אַזעלכע אינסטיטוציעס. דאָס באַדייט – נור אָט דאָ ליגט די פּאָליטישע מאָראַל דערפון – אַז דאָס קאָן נישט געטון ווער דורך רעוואָלוציעס אָדער דורך אַ נישט צוגעגרייטער דיקטאַטאָרשאַפט אָדער אפילו דורך באַשטענדיקע שטאַטן, אַזוי־ווי אין אַמעריקע אַ שטייגער, ווו די ציווילע דינסט ווערט אין מאַנכע פאַלבאַטראַכט ווי דאָס אייגנטום פון דער רעגירונג. נייע צאָל־באַאַמטע פאַרטרייבן די אַלטע יעדעס מאָל, וואָס די אָפּאָזיציע פאַר־

טרייבט די רעגירונג. וואָס א רעוואָלוציע קאָן טון פאַר נאַציאָנאַליזאַציע איז צוצעשטערן די פּאָליטישע מאַכט פון דעם קלאַס, וועלכער איז קעגן נאַציאָנאַליזאַציע. אָבער אַזאַ רעוואָלוציע קאָן נישט גורם זיין קיין נאַציאָנאַליזאַציע און די נייע רעגירונג, וואָס זי גרינדעט קאָן אַמאָל זיין אומפעיק אָנצופירן אפילו מיט די נאַציאָנאַליזירטע דינסטן, וואָס עקזיסטירן שוין און זי זאָל זיין געצוואונגען זיי איבערצולאָזן צו פּריוואַטע אונטערנעמונגען.

א נאַציאָנאַליזירנדיקע רעגירונג מוז אויך זיין פינאַנציעל ערלעך און אנטשלאָסן צו דערפירן די נאַציאָנאַליזאַציע צו א דערפאָלג, נישט באַרויבן איר, כדי צו פאַרגרעסערן די אַלגעמיינע הכנסות און נישט באַפלעקן און רויִנירן איר, כדי צו האָבן א גוטן תירוץ צוריקצוגעבן די נאַציאָנאַליזירטע דינסטן צו פּריוואַטע פּראָפיטירער. מלוכה־באַנען האָבן אונדז שוין אַמאָל באַוויזן, וויאַזוי זאַכן אָנגעפירט פון דער מלוכה קאָנען אויסזען אין דעם ערגסטן מצב. די רעגירונגען אנשטאַט צו האַלטן די באַנען אין א געהעריקן צושטאַנד, כאַפּט אַריין דאָך גאַנצע געלט, וואָס דאָס פּובליקום האָט באַצאַלט פאַר שפּעזן און פאַר פראַכט. דאָס געלט האָט זי אָנגעווענדט אויף צו פאַרקלענערן די אַלגעמיינע שטייערן, זי האָט פאַרנאַכלעסיקט די באַן־סטאַציעס און די מאַשינען. ביז זייערע באַנען זענען געוואָרן די ערגסטע אויף דער וועלט און עס איז אנשטאַנען אַן אַלגעמיינער פאַרלאַנג זיי זאָלן זיין נאַציאָנאַליזירט. פּריוואַטע פּראָפיטירנדיקע אונטערנעמונגען זענען זיך צופאַלן אויף שטיקלעך אויפן זעלבן אופן און ערגער נאָך: נור אַזויווי זיי זענען נור פאַראַנטוואָרטלעך געווען פאַר זיך אַליין, האָבן זייערע מיסברויכן און שווינדלערייען נישט געצויגן קיין אויפמערקזאַמקייט, בעת די מיסברויכן און שווינדלערייען פון דער רעגירונג האָבן אַרויסגערופן גרויסע אַגיטאַציעס און אפילו רעוואָלוציעס. די מיסהאַנדלונגען פון דער רעגירונג זענען עפנטלעך און זעען זיך לייכט אַרויס: די מיסהאַנדלונגען פון פּריוואַטע סוחרים זענען כמעט ווי אומזיכטבאַר און דערפאַר האָט זיך געשאַפן אַן אילוזיע אַז רעגירונגען זענען אומערלעכער פון פּריוואַטע סוחרים, און אויך נישט אַזוי ווירקזאַם ווי יענע.

עס איז נישט מער, ווי אַן אילוזיע; אָבער אַלציינס, ערלעכ-קייט און צוטרויען זענען אַ נויטווענדיקייט אין נאַציאָנאַליזירטן מסחר ווי אין פּריוואַטן. אונדזער בריטיש נאַציאָנאַליזירטע דינסט האַלט מען פאַר א מוסטער פון פאָלשטענדיקער גאַנצקייט; דאָך רעכנט אונדז דער הויפּט-פּאָסט-מייסטער אַביסל צו טייער פאַר איבערשיקן בריוו און דער פאַרדינסט גייט אין די קעשענעס אַריין פון דעם פאַרמעגלעכן קלאַס אין א פאָרם פון פאַרקלענערטן הכנסה-שטייער; און די שיף-אַדמיראַלן פירן כסדר א קאַמף קעגן דער טענדענץ צו פאַרקלענערן הכנסה-שטייערן דורך אויסהונגערן דעם פלאָט.

דידאָזיקע רויבערייען באַטרעפן נישט קיין סך, דאָך אילוס-טרירן זיי און ווייזן אָן, וואָס מ'קאָן אַלץ טון, ווען די ווײלער זענען נישט גענוג וואַך און גוט באַהאַוונט.

## LVIV

# קאָנפיסקאַציע אָן פאַרגיטיקונג

אונדזער שטודיום איבער נאַציאָנאַליזאַציע דורך קאָמפּענסאַציע אָדער צעטיילטער קאָנפיסקאַציע האָט אייך אָן אַ ספק באַפרייט פון דער מורא פאַר א נויטווענדיקייט פון א נאַציאָנאַליזאַציע אָן פאַרגיטיקונג. אָבער עס איז תמיד פאַראַן א פּאָליטישע גרופּע שרייערס מיט א געפיל פון באַרעכטיקטן צאָרן, וואָס זענען נאָך אַלץ אָנגעזעטיקט מיט די רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס פון ליבעראַליזם, וועלכער איז קעגן קאָמפּענסאַציע. אויב, טענהן זיי, דער פאַרמעגלעכער אייגנטימער איז א גנב, טאָ פאַרוואָס זאָל מען אים פאַרגיטיקן דערפאַר וואָס מען צווינגט אים צו טון, וואָס איז גוט אנשטאָט שלעכט? אויב מיר קאָנען דורך שטייערן צווינגען דעם גאַנצן קאַפּיטאַליסטישן קלאַס צו געפינען גענוג געלט אויף אויסצוקויפן די מינעס פון די קוילן-אייגנטימער און אזוי אַרום אין אַ געוויסער מאָס איבערטראַנספּאָרטירן זייער פאַרמעגן צו דער נאַציע — טאָ פאַרוואָס נישט נעמען אויך דאָס איבעריקע וואָס זיי פאַרמאָגן און, בלויז לשם איבערגעבן, אויך אָוועקגעבן דער נאַציע?

אונדזערע פאַרייניקטע אַקציען-געזעלשאַפטן אַרבעטן פונקט אזוי גוט מיט איין חברה אַקציאָנערן ווי מיט אַנדערע. פּאַקטיש בייטן זיך זייערע אַקציעס אויפן געלט-מאַרק כסדר, אזוי אַז זיי האָבן קיינמאָל נישט די אייגענע אַקציאָנערן, נור יעדן טאָג אַנ-

ערע. ווען אַלע באַן־אַקציעס אין לאַנד וואָלטן געהערט מאָנכיט צו די איינוויגער פון פאַרקליין און דינסטיק צו דער ענגלישער רעגירונג, וואָלטן אַלץ די באַנען געלאָפן מיטן זעלבן סדר. אזוי וואָלטן אַלע גרויסע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, וואָס געהערן איצט צו די פאַרבונדעטע אַקציען־געזעלשאַפט, פונקציאָנירט מיטן זעלבן סדר, ווי פריער. ווען אַ גוטבאַזיצער וואָלט געמוזט איבערגעבן די דאָקומענטן פון אַ האַלבן טוץ פערמעס אין אַ שטאָטישער גאַס צום קאַנצלער פון דער שאַץ־קאַמער, וואָלטן פונדעסטוועגן די פאַרמערס געטון זייער אַרבעט פונקט ווי פריער און די איינוווינער וואָלטן ווייטער געוווינט אין דער גאַס; עס וואָלט אויף זיי נישט געמאַכט דעם מינדסטן איינדרוק, דאָס וואָס זיי וועלן פון איצט אָן מוזן צאָלן דירה־געלט צו אַ רעגירונגס־אָנגעשטעלטן אנשטאט דעם, וואָס זיי האָבן ביז איצט געצאָלט צו אַן אַגענט פון אַ פירשט, אָדער אַ וועלכן עס איז אַנדערן פּלוטאָקראַט. די געשעפטן אין אַ באַנק וואָלטן זיך געגאַנגען פונקט אַזוי גלאַטיק דערנאָך, ווי פריער, איידער די אייגנטימער פון דער באַטרעפנדיקער באַנק האָט איבערגעגעבן דאָס איינמאָנען די פּראָפיטן צום קאַנצלער פון דעם שאַץ־קאַמער. טאָ פאַרוואָס זאָל מען נישט גלייך אַרויפוואַרפן אַזעלכע שטייערן, אז דער קאַפּיטאַליסטישער שטייער־צאָלער, זאָל נישט האָבן גענוג געלט צו צאָלן, מוזן איבערגעבן דער רעגירונג זיינע אַקציען־פּאַפּירן, זיינע פּראָצענטער פון דער מלחמה־הלוואה אין אַלע זיינע דאָקומענטן פון דעם וואָס ער פאַרמאָגט? די אַקציען־פּאַפּירן וואָלטן אויף דער בערזע נישט ווערט געווען קיין פּרוטה, מחמת עס וואָלטן דאָרט געווען בלויז פאַרקויפער און קיין איינציקער קויפער, אָבער זיי וואָלטן פונדעסטוועגן נישט אויף אַ האָר ווייניקער געטראָגן דאָס רעכט פון אַ דאָקומענט אויף דער הכנסה פונעם קומענדיקן שניט־צייט פון לאַנד און אויב די רעגירונג וואָלט געקאָנט גלייך פאַרנוצן דידאָזיקע הכנסה לטובות דער נאַציע וואָלט באמת ווערט געווען צו נעמען זיי אַזוי ווי זיי זענען, לויט זייער געשריבענעם ווערט.

זי וואָלט זיך נאָך אפילו בשעת־מעשה געקאָנט אַרויס־

הייזן פאַר א גרויסמוטיקע מחמת זי וואָלט געקאָנט זאָגן צום
קאַפּיטאַליסט: „איר זענט שולדיק דעם שטייער-באַאַמטן טויזנט
פ׳נט” (לאָמיר זאָגן), אָבער אנשטאט מיר זאָלן דיר מאַכן אַ לי-
ציטאַציע האָבן מיר אים אויטאָריזירט דיר צו געבן אַ קבלה
נישט אויפן געלט נור אויף צען אַקציען-פּאַפּירן אויף הונדערט
פונט יעדער, פאַר וועלכע דער בעסטער מעקלער אין לאָנדאָן
וועט נישט קאָנען אַרויסבאַקומען קיין צוויי פענעס”. אָבער —
שרייט אויס דער צוגעדריקטער קאַפּיטאַליסט — וואָס וועט ווערן
פון מיין הכנסה? פונוואַנען וועל איך נעמען פרנסה? „אַרבעט
אויף פרנסה, אַזויווי אַלע אַנדערע מענטשן” — וועט מען אים
ענטפערן.

בקצור לויטן שטאַנדפונקט פון אירע פאַרטיידיקער איז
שטייער פון קאַפּיטאַל, הגם עס איז אַן אַבסורד אַלס אַ מיטל צו
באַקומען גרייט געלט פאַר די הוצאות פון דער רעגירונג, אַ וועג
צו קאָנפיסקירן אָן פאַרגיטיקונג די אַלע דאָקומענטן און איינפירן
אַן אַבסאָלוטע נאַציאָנאַליזאַציע פון דער ערד קוילן-מינעס,
באַנען און אַלע אַנדערע אינדוסטריעס וואָס די קאַפּיטאַליסטן
האַלטן ביז איצט פאַר זייער פריוואַט-פאַרמעגן.

די זאַך איז גענוג פשוט.

## LX

## רעוואָל־וציע פונם פאַראַזיטישן פּראָל־עטאַריאַט

אָבער קעגן דעם איז פאַראַן א טענה. און מיט דערדאָזיקער טענה וועט אַרויס די נאַרישסטע פּרוי אין גאַס, וואָס איר וועט אַ פרעג טון מכּוח דעם. זי וועט אייך זאָגן, אַז איר טאָרט נישט אַוועקנעמען דאָס אייגנטום פון די רייכע, מחמת „זיי גיבן באַשעפטיקונג". אין גרונט גענומען איז נאַריש צו זאָגן, אַז אַן אומפּראָדוקטיווער רייכער פּערזאַן, קאָן געבן באַשעפטיקונג אין אַן אַנדער זין, ווי אַ משוגענע גיט באַשעפטיקונג איר אויפזעערין. אַ רייכע ליידיקגייערין קאָן נישט געבן קיין פּראָדוקטיווע באַשעפטיקונג. און די באַשעפטיקונג, וואָס זי גיט יאָ איז אַן אַרויסגעוואָרפענע. אָבער אַרויסגעוואָרפן אָדער נישט, זי גיט עס און באַצאָלט פאַר דעם. זי האָט געקאָנט נישט האָבן פאַרדינט דאָס געלט, מיט וואָס זי באַצאָלט; אָבער פאַר איר געלט וועט איר אַרבעטערין קאָנען קויפן ברויט און מלבושים, אַזוי גוט ווי פאַר דעם געלט, וואָס איז פאַרדינט געוואָרן אויפן ערלעכסטן אופן אין דעם גאַנצן לאַנד.

דער ליידיקגייער איז אַ פאַראַזיט; און דעם ליידיקגייערס אָנגעשטעלטע, ווי אַרבעטזאַם זיי זאָלן נישט זיין זענען פאַראַזיטן פון אַ פאַראַזיט; ווען איר זענט גורם, אַז דער פאַראַזיט זאָל אָרעם ווערן, פאַראָרעמט איר צוזאַמען מיט איהם, די פאַראַזיטן פונם פאַראַזיט; סיידן איר האָט עפּעס אַ פּראָדוקטיווע

אַרבעט גרייט פאַר זייערטוועגן, אויב נישט וועלן זיי מוזן הונגערן, גנבענען אָדער בונטעווען זיך; און אַזוי ווי זיי וועלן געוויס נישט אויסקלויבן דאָס ערשטע, דאָס הייסט צו הונגערן, וועלן די אַנדערע צוויי ברירות (וואָס זיי וועלן קאָמבינירן צוזאַמען) אומוואַרפן די רעגירונג, אויב עס וועלן זיין פון זיי אַ גענוגנדיקע צאָל. און עס וועלן זיין, דאָס איז אַ פאַקט, גאָר אַ גרויסער צאָל. דאָס קאָנט איר זען פון דער צאָל שטימען, אויב איר זאָלט זיי איבערציילן, וואָס די קאָנסערוואַטאָרן באַקומען ביי יעדער אַלגעמיינע וואַלן, פון מענטשן, וואָס אַרבעטן פאַר אַ וועכנטלעכן געהאַלט ביי אבסאָלוטע אָדער טיילווייז פּאַראַזיטישע באַשעפטיקונגען. און דאָס אַוועקגעריבטע פון פּראָלעטאַריאַט ווערט אויף אַ פיינעם שטייגער מפלומרשט געטיילט מיטן פּראָלעטאַריאַט. ווען אונדזערע קאַפּיטאַליסטן וואָלטן נישט געקאָנט באַרויבן אונדזער פּראָלעטאַריאַט, וואָלטן אונדזערע פּראָלעטאַריער מיט זייערע אָרגאַניזאַטאָרן, דער מיטל־קלאַס, די קונסט־הענדלער און יוועלירער פון באַנדסטריט ביזן שיק־יינגל פון באָרנמוט נישט געקאָנט לעבן פון דער קאַפּיטאַליסטישער קונדשאַפט. דאָס איז די סיבה, פאַרוואָס מ'קאָן נישט איינרעדן נישט באַנדסטריט און נישט באָרנמוט, אַז זיי זאָלן שטימען פאַר אוועקנעמען דאָס אייגנטום פון די רייכע אָן קאָמפּענסאַציע און פאַר וואָס, זיי וואָלטן געקעמפט קעגן דעם, ווען מען זאָל דאַרפן קעמפן אָנשטאָט שטימען.

די צרות וואָלטן זיך אָנגעהויבן נישט פון די נאַציאָנאַליזירטע אינדוסטריעס נאָר פון די אַנדערע, ווי מיר האָבן שוין געזען. די מינעס, די בענק און די באַנען, וואָס זענען שוין אָרגאַניזירט אויף אַ פיינעם שטייגער און אָנגעפירט פון דירעקטאָרן, אויסגעוויילטע דורך די שטימען פון די אַקציאָנערן, וואָלטן געקאָנט קאָנפיסקירט ווערן דורך אַרויפלייגן אויף די אַקציאָנערן אַזעלכע שווערע שטייערן, אַז זיי זאָלן זיין געצוווּנגען איבערצוגעבן זייערע אַקציעס דער רעגירונג פאַר די שטייערן. און די הכנסות, וואָס עס וואָלטן אַריינגעבראַכט די דאָזיקע אַקציעס, וואָלטן אַריין אין דער רעגירונגס־קאַסע אַנשטאַט אין די קיש־

נעס פון די אַקציאָנערן. אַזוי אַרום וואָלטן די האַנדלס-קרעפטן פון די אַקציאָנערן אַריבער צו דער רעגירונג, און יעדער קראָם אָדער פאַבריק, וואָס וואָלט געווען אָפּהענגיק פון זייער קונדשאַפט, וואָלט זיך געמוזט שליסן און אָפּזאָגן אַלע זייערע אָנגעשטעלטע. די מאַכט צו שפּאָרן, וואָס די אַקציאָנערן האָבן און וואָס באַדייט ווי מיר פאַרשטייען שוין איצט, די מאַכט צוצושטעלן דאָס אָפּגעשפּאָרטע געלט, וועלכעס איז נויטיק, כּדי אָנצוהייבן נייע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען און צו פאַרגרעסערן די אַלטע, כּדי נישט אונטערשטעליק צו בלייבן דער ציוויליזאַציע וואָלט אויך אַריבער צו דער רעגירונג. די דאָזיקע קרעפטן, וואָס מוזן כּסדר זיין אַקטיוו און נישט אונטערגעבראָכן ווערן אויף איין רגע אפילו, אָפּערירן דורך כּסדרדיקע אויסגאַבן (הויפּטזעכלעך שטוב-אויסגאַבן) און כּסדרדיקע אינוועסטיציעס פונם געוואַלטיקן סך-הכּל פון אַלע אונדזערע פּריוואַטע הכנסות.

וואָס וואָלט די רעגירונג געקאָנט אויפטון מיט אָט דעם סך-הכּל? ווען זי זאָל אים פּשוט אַריינלייגן אינם נאַציאָנאַלן שופלאָד און אים נישט רירן, וואָלט ער פאַרניכטעט געוואָרן דורך אַ נאַטירלעכער פאַרדאַרבונג; און גלייכצייטיק וואָלט אויך געליטן אַ גרויסע צאָל מענטשן. עס וואָלט אויך אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכע מגפה אויף באַנקראָטן און אַרבעטסלאָזיקייט. דער שטראָם פון אומגליק און עלנט וואָלט אָפּגעשווענקט יעדער רעגירונג, סיידן זי וואָלט זיך דערקלערט אַלס דיקטאַטור און זי וואָלט באַשעפטיקט, לאָמיר זאָגן אַ דריטל פון דער באַפעלקערונג מיט דערשיסן אַן אַנדער דריטל פון דער אייגענער באַפעלקערונג, בעת דאָס איבערגעבליבענע דריטל וואָלט געטון דאָס, וואָס וואָלט זיך צומוייניקסטן אָנגעזען, זיי וואָלטן געאַרבעט. וואָס וואָלט די רעגירונג געקאָנט טון, כּדי דאָס אויסצומיידן, אַ חוץ אָפּצוגעבן די קאָנפיסקירטע פאַרמעגנס צו זייער אייגנטימער מיט תּחנונים, מ'זאָל איר מוחל זיין, דערפאַר וואָס זי האָט פון זיך געמאַכט חוזק.

## LXI

# זיכערהייטס־טירלעך

זי וואָלט געקאָנט צעטיילן דאָס געלט אין אונטערשטיצונגען פאַר אַרבעטער; אָבער דאָס וואָלט בלויז פאַרשפּרייט דאָס סאַמע ערגסטע, וואָס מען האָט געשטרעבט אויסצוראָטן דורך קאָנפיסקאַציע, דאָס הייסט די שלעכטע רעזולטאַטן פון די אַלטע פאַרדינטע הכנסות. אַ פיל אויסגעהאַלטענער פּלאַן וואָלט געווען (און פאַרגעסט עס נישט, ווען איר קריגט אַ מאָל אַ סענטימענטאַלן אָנפאַל, אוועקצוגעבן אַ פינפער-פוגט אַ בעטלער אָנשטאָט איר זאָלט עס אַריינלייגן אין באַנק) אַריינצולייגן דאָס גאַנצע געלט אין די קאָנפיסקירטע בענק אַריין און עס אַרויסצולייען צו אַרבעטסגעבער אויף אַ גאַנץ קליינעם פּראָצענט. נאָך אַ פּלאַן וואָלט געווען, צו העכערן, ווי געהעריק, דעם אַרבעטסלוין אין די קאָנפיסקירטע אינדוסטריעס. נאָך אַ פּלאַן, וואָס איז אָן שום ספק דער פאַרצווייפלסטער, פון אַלע פריערדיקע פּלאַנען און לגמרי נישט אויסגעשלאָסן, וואָלט געווען צו מאַכן אַ מלחמה און אויסגעבן די גאַנצע הכנסה אויף אַן אַרמעע, אויף דעם אָרט, וואָס מען האָט זי פריער אַרויסגעוואָרפן פאַר דער פּלוטאָקראַטיע.

די דאָזיקע פּלענער שליסן נישט אויס איינער דעם אַנדערן. אונטערשטיצונגען, ביליקער קאַפּיטאַל, וואָס מען זאָל קאָנען באַקומען אין דער רעגירונגס אייגענע בענק, און העכערע שכירות,

וואָלטן געקאָנט ווערן אַ מיטל פאַר גלייכצייטיקער צעטיילונג פון די כוחות צום האַנדל און אַרבעט. די שטיצעס און פענסיעס וואָלטן געהאָלפן די אָפּגעזאָגטע דינער, וואָס פלעגן דינען ביי די רייכע און האָבן נישט געהאַט די פעיקייט אָנצונעמען אַנדערע באַשעפטיקונגען און די רויִנירטע גבירים אַליין, איבערצוקומען דאָס רעשט ביסל יאָרן. און די געלטער וואָלט מען געקאָנט אַרויסבאָרגן אויף זייער אַ קליינעם פּראָצענט פון די מלוכה-בענק. דאָס וואָלט געגעבן אַ מעגלעכקייט די אַרבעטסגעבער אָנצוהויבן נייע געשעפטן אָדער אויסבעסערן די אַלטע. זיי וואָלטן געשאַפן פאַרן אַרבעטער, וואָס וואָלט געהאַט די מעגלעכקייט אויסצוגעבן מער, ווייל זיינע שכירות זענען פאַרגרעסערט געוואָרן. שאַפן באַשעפטיקונג פאַר די וואָס האָבן פאַרלוירן די באַשעפטיקונגען אין באָרנמוט אָדער אין באַנדסטריט, די קונסט-הענדלער וואָלטן געקאָנט פאַרקויפן בילדער, דער נאַציאָנאַל-גאַלעריע אָדער אין די פּראָווינציעלע מוניציפּאַלע גאַלעריעס. עס וואָלט געווען אַ קריזיס. אָבער ווען וואָלט עס געאַרט? קאַפּיטאַליזם האָט גענוג אָפּט גורם געווען, אַז מען זאָל נישט האָבן די מעגלעכקייט אויסצוגעבן, צוקויפן און גרויסע קערפערשאַפטן פון איינוווינער זאָלן פאַרלירן זייערע פּרנסות און זאָלן אָנגעוויזן ווערן אויף שטיצעס אין דער פאָרם פון די „מענשן-הויז-פאָנדן" א. ד. ג. וואָס זיי האָבן געמאַכט פאַר אַ מין זיכערהייטס-טויער (די פאָנדן) צו פאַרלייכטערן דעם דרוק, בעת די אַרבעטסלאָזע הויבן אָן צו פּאָגראָמירן און ברעכן פענצטער: איז פאַרוואָס-זשע זאָלן מיר אויך נישט באַנוצן זיך מיט זיי?

גוט, מיר קאָנען טאַקע, אָבער ווי גרויס דער ערגסטער קריזיס פונם קאַפּיטאַליזם זאָל נישט האָבן געווען, וועט ער קיינמאָל נישט זיין אַזוי גרויס ווי דער קראַך, וואָס וועט קומען נאָך קאָנפיסקאַציע. ווען די רעגירונג זאָל קאָנפיסקירן דאָס פאַרמעגן פון דעם גאַנצן פאַרמעגלעכן קלאַס, אָן שום צוגרייטונגען פאַר באַלדיקער פּראָדוקטיווער באַשעפטיקונג, נישט בלויז פאַר די, ביי וועמען מען האָט צוגענומען זייער אייגנטום (וועלכע זענען אַ

צו קליינע צאָל, אז מ׳זאָל זיך מיט זיי דאַרפן שטאַרק רעכענען), נור פון פּאַראַזיטישן פּראָלעטאַריאַט, וואָס פּראָדוצירט זייערע לוקסוס-זאַכן — צי וואָלטן די זיכערהייטס-טירלעך געווען גענוג שנעל אין זייער האַנדלונג און צו וואָלטן זיי זיך געעפנט שנעל גענוג? דאָס מוזן מיר אויספאָרשן איידער מיר קאָנען משפּטן.

א ציוויליזירט לאַנד איז אזוי אָפּהענגיק פון דער צירקולאַציע פון אירע געלטער, ווי אַ לעבעדיק באַשעפעניש איז אָפּהענגיק פון דער צירקולאַציע פון איר בלוט. אַן אַלגעמיינע קאָנפיסקאַציע פון פּריוואַט-אייגנטום און אירע הכנסות, וואָלט אין לאָנדאָן גורם געווען אַן אומגעהויערן שטילשטאַנד א מין געשוויר, ווו עס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אַלע בלוטן. לאָנדאָן איז דאָס אָרט, ווו די נאַציאָנאַלע קאַסע באַשטייט פון די געלטער פונם גאַנצן קעניגרייך און עס וואָלט זיך פאַרוואַנדלט אין א פראַגע פון טויט און לעבן פאַר דער רעגירונג צוריק און אזוי גיך ווי מעגלעך אויסצופּאָמפּען דאָס אָנגעזאַמלטע געלט און עס אומקערן צו די עקסטרעמען פון לאַנד. געדענקט, אַז דער סך-הכּל פון דער גאַנצער אָנגעזאַמלטער סומע וואָלט געווען א סך גרעסער ווי אונטערן קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם, מחמת די קאַפּיטאַליסטן גיבן אויס מער געלט פון זייערע הכנסות, ווי זיי שפּאָרן איין. די גרויסע סומען וואָס זיי גיבן אויס, וואָלטן אַרייַנגעפלאָסן אין דער רעגירונגס-קאַסע.

און איצט, די זיכערהייטס טירלעך. אַן אומגעהויער גרויסע סומע פונם צונויפגעזאַמלטן געלט קומט פון די גרונט-רענטעס (פאַר דער ערד אויף וועלכער די הייזער זענען געבויט) פון אונדזערע שטעט. די איצטיקע אייגנטימער גיבן אויס דאָסדאָזיקע געלט וויאַזוי און אויף וואָס זיי ווילן און זייער זעלטן האָבן זיי חשק עס אויסצוגעבן אין די ערטער, ווו זיי האָבן עס באַקומען דורך דער אַרבעט פון די איינוווינער. א פּלוטאָקראַט קלייבט נישט אויס צו וווינען אין בוטל, ווען ער האָט די פרייהייט צו וווינען אין ביאַריץ. די איינוווינער פון בוטל באַקומען נישט קיין שום נוצן פון די געלטער, וואָס ער גיט אויס אין דער מערב-זייט פון לאָנדאָן (וועסט ענד אויף לאָנדאָן; א

זייער עלעגאַנטער געגנט) און פּאַרוויילונגס־ערטער און ספּאָרט־פּלעצער פאַר דער גאַנצער וועלט. הגם עס קאָן זיין, אז עפּעס געניסט די שטאָט אויך דערפון, אויב זי פאַבריצירט גראָד א פיינע קוואַליטעט שוכוואַרג, רייט־הויזן, „ברִיטשעס און פּאָלאָ מאַ־מאַלעטס". (א מין שטאָק פאַר א שפּיל פון בריטישע אָפיצירן אין אינדיע: מען וואַרפט א באַל ז'צנדיק אויפן פערד צווישן צוויי פּונקטן און מען באַמיט זיך זי צו כאַפּן) די איינוווינער פון שטאָט געניסן אין א גרויסער מאָס פון מוניציפּאַלן קאָמוניזם; אָבער זיי מוזן דערפאַר באַצאָלן מיט שטייערן, וואָס זענען היינט צו טאָג אומעטום שווער. און זיי וואָלטן געווען נאָך שווערער, ווען די רעגירונג וואָלט נישט געגעבן געוויסע הנחות פאַר קהלשע צוועקן.

אַ העכסט וואַרשיינלעך זיכערהייטס־טירל וואָלט געווען, ווען די מלוכה־קאסע זאָל אַליין צאָלן די שטייערן און געבן אַ סך גרעסערע הנחות. אויב איר האַלט א הויז, פאַר וועלכן איר מוזט צאָלן שטייערן און אייער הויז־ווירט וואָלט אייך פּלוצלינג אָנגע־זאָגט, אז פון היינט אָן און ווייטער וועט ער צאָלן די שטייערן וואָלט איר זיך שטאַרק דערפרייט מיט די פּערספּעקטיוון, אז איר וועט האָבן די מעגלעכקייט צו נוצן דאָס געלט, וואָס איר פלעגט מוזן אוועקצאָלן פאַר שטייערן אויף אייגענע צוועקן. אַן ענלעכער אָנזאָג פונם קאַנצלער פון דער שאַץ־קאַמער וואָלט גע־ווען פונקט אזוי אָנגעלייגט, עס וואָלט באַפרייט די מלוכה־קאַסע פון דער מאַסע אָנגעזאַמלטע בלוטן און וואָלט אויף אזא אופן אוועקגעשיקט אַן א מגעהויערע סומע געלט פונם האַרץ פון דער מלוכה־קאַסע איבערן גאַנצן לאַנד.

דאַן איז פאַראַן די קאָמבינאַציע פון געהעכערטן שכירות אין די קאָנפיסקירטע אינדוסטריעס מיט א צופלוס פון ביליקן קאַפּיטאַל. דאָס הייסט א קאַפּיטאַל מיט א קלייגעם פּראָצענט, וואַס מ'וואָלט אויסגעפּאָמפּעוועט דורך די קאָנפיסקירטע בענק פאַר אַלע האנדלס צענטערן. די געהעכערטע שכירות וואָלטן אָפּגע־שטעלט אביסל דעם איבערפלוס פון די איינקונפטן, וואָס קומען אַריין אין דער מלוכה־קאַסע דורך פאַרקלענערן די דיווידענדן

און דאָס פאַרקלענע־ן דעם פראָצענט פאַר געבאָרגטן קאַפּיטאַל וואָלט געגעבן די מעגלעכקייט עס זאָלן זיך עפענען נייע מסחרים און די אַלטע זאָלן אזוי אויסגעבעסערט ווערן, אז זיי זאָלן קאָ־נען אַנטקעגנקומען די פאָדערונגען, וואָס וואָלטן זיך געשאַפן אַ דאַנק דעם פאַרגרעסערטן איינקויף צוליב דעם טאַשן־געלט פון די לוין־אַרבעטער און די באַפרייטע שטייער־צאָלער.

חוץ לזה איז תמיד פאַראַן א שיין ביסל אַרבעט אויפן געביט פון עפענטלעכע הוצאות, ווי למשל, אויף אויסצובעסערן די גאַסן, אויף צו באפרייען די שטיקער לאַנד, וואָס דער ים האָט פאַרגאָסן, אויף פלאַנצן וועלדער, אויף בויען „דאַמס" (גרויסע שוץ־ווענט צו פאַרהאַלטן אַן איבערפלוס פון די טייכן) איבער די טאָלן און געוויסע „דאַמס", וואָס זאָלן קאָנצענטרירן דעם וואַסער־שטראָם אַרום די קרייזל־רעדער, בויען סטאַציעס פאַר דער צעטיילונג פון די עלעקטרישע קרעפטן, וואָס האָבן זיך אַזויאַרום באַקומען, אויף אַראָפּוואַרפן די שטעט, וואָס זענען געבויט גע־וואָרן פאַר אָרעמע־לייט, וועלכע וואָלטן גאָר קיינמאָל נישט גע־דאַרפט געבויט ווערן און אויף אויפשטעלן אויף זייער אָרט נייע גוט געפלאַנטע היגיענישע שטעט מיט פּרעכטיקע גערטנער און אויך א הונדערט אַנדערע זאַכן, וואָס דער קאַפּיטאַליזם חלומט אפילו נישט צו טון, ווייל די אַלע טובות וואָס וועלן דערפון אַרויסקומען וועט אים נישט אַריינברענגען קיין שום קאָמערציעלן פּראָפיט. די פאָדערונג פון אַרבעט וואָס וועט זיך שאַפן דורך אַזעלכע אָפּעראַציעס וועט באַשעפטיקן אַלע אַרבעטס־פעיקע, וואָס זענען איצט אַרבעטסלאָז און איבערלאָזן בלויז די אָפּגעלעבטע און אַלטע לייט, וואָס לעבן שוין פון פענסיעס און די אומהייל־באַרע, נישט־פעיקע צו קיין שום אַרבעט, צו לעבן פון שטיצעס און פאַרשטייט זיך די קינדער, אויף וועמען מען וואָלט געקאָנט און געדאַרפט אויסגעבן א סך מער געלט ווי ביז איצט, וואָס וואָלט געברענגט דער קינפטיקער גענעראַציע א גרויסן, נישט קאָמערציעלן פּראָפיט.

דאָס אַלץ זעט אויס גאַנץ פשוט און עס קאָסט כמעט גאָרנישט צו באַשרייבן עס אויפן פּאַפּיר. אָבער א קלענער רע־

פּלעקס אויף אַ פּאָר מינוט וועט פאַרטרייבן אַלע האָפּענונגען. פאַרשטייט זיך אַז דאָס אַלץ קאָן באַלד און מיט פרייען ווילן אויסגעפירט ווערן, אויב מען זאָל נור דורכפירן דאָס געזעץ, אַז אַלע עקזיסטירנדיקע אַקציעס און רעכטן אויף יצרד א. א. וו. זאָלן איבערגעגעבן ווערן דער רעגירונג אָן שום קאָמפּענסאַציע. דער געזונדהייטס-מיניסטער וואָלט דאַן געמוזט שאַפן אַן אומגעהויערן פּלאַן פון די באַשטייערונגען לטובות די שטעט; אין פּאַרלאַמענט וואָלט מען זיך חדשים-לאַנג ארומגעריסן וועגן דעם און וואָס שייך די עקזיסטירנדיקע בענק איבערגעפילט מיט אָפּגעשפּאַרטע געלטער אויף אַרויסצולייען אָן שום ווייטערדיקע אַריינמישונג וואָלטן זיי גורם געווען, אַז עס וואָלט געוואָרן אַן אָרגיע פון קאָנקורירנדיקע אונטערנעמונג צווישן איבער-קאַפּיטאַליזאַציע און איבערפּראָדוקציע, עס וואָלטן זיך געעפנט קראָמען, וואָס האָבן נישט קיין שום אויסזיכטן פון אומדערפאַרענע, נאַרישע מענטשן, אָדער פלאַטער-קעפּ, אָדער מענטשן מיט אַלע דריי מעלות צוזאַמען. בקצור, עס וואָלט געווען אַ וואַקכאַנאַליע, וואָס קומט תמיד נאָך אַ טויטן שטילשטאַנד און וואָס ברענגט תמיד נאָך זיך אַרבעטסלאָזיקייט, באַנקראָט א. א. וו. און כדי צו האַלטן דעמדאָזיקן טייל פונם פּראָגראַם אונטערן קאָנטראָל וואָלט נויטיק געווען צו עפענען אַ נייע אָפּטיילונג אין דער מלוכה-קאַסע, וואָס זאָל פאַרנעמען דאָס אָרט פון דער איצטיקער באַנדע רויבערישע דירעקטאָרן; צו עפענען בענק אומעטום, ווי די פּאָסט מאַכט גוטע און ממשותדיקע געשעפטן, און אָנצונעמען אין די נייע בענק אַ פּערסאָנאַל פון ספּעציעל געלערנטע און צווילע באַאַמטע. און דאָס אַלץ וואָלט געדויערט אַ סך לענגער ווי עס דויערט אַ דונירטן בירגער אויסצוגיין פון הונגער.

און בנוגע דאָס העכערן אינדוסטריעלע שכירות און דאָס פאַרקלענערן די פּרייזן, כדי אונטערצוברענגען פּראָפיטן — איז עס אויך אַזאַ שטאַרקער קעגנזאַץ צו דער טאַקטיק, וואָס די איצטיקע אינדוסטריעלע פירער האָבן געלערנט און געוווינט געוואָרן צו פּראַקטיצירן — אַז מען וואָלט אויף זייער אָרט — דאָך וועלן זיי מיר אַליין מודה זיין — אויך געמוזט באַשטימען צי-

ווילע באאמטע, וואָס זענען ספּעציעל געלערנט געוואָרן דערויף פּונקט, ווי אין פאַל פון די בענק. אזא ענדערונג וואָלט נור געקאָנט דורכגעפירט ווערן אלס א טייל פון א גוט אויסגעארבעטן פּלאַן, וואָס וואָלט נעפאָדערט מ'זאָל זיך זייער גוט פאַרטראַכטן וועגן דעם מיט א פּראַקטישע צוגרייטונג, וואָס וואָלט גורם געווען אַן איינריכטונג פון נייע עפנטלעכע אומגעהייער גרויסע אָפּטיילונגען.

אפילו מיט עפנטלעכע ארבעט קאַן מען נישט אַזוי גלייך דורכקומען; אָנהויבן אשטייגער ווי פּעטער דער גרויסער האָט געטון ווען מען האָט אים געפרעגט, וואָסער מאַרשרוט עס וואָלט געווען צומבעסטן לויט זיין מיינונג דורכצולייגן אַ וועג צווישן מאָסקווע און פּעטראָגראַד. האָט ער גענומען אַ ווירע און האָט אָנגעצייכנט א גלייכע ליניע אויף דער וועלט-מאַפּע פון מאָסקווע צו דער נעווא. ווען פּעטער וואָלט געדאַרפט דורכפירן א פאָרשלאָג אין פּאַרלאַמענט אויפצובויען א שוץ-וואַנט פאַר א קרייזל-ראָד און ער וואָלט געהאַט פאַר זיך א בינטל וועלישע היץ-קעפּ וואָס האָבן פעסט באשלאָסן אז עס זאָל דווקא אוועקגעשטעלט ווערן איבער דעם טייך סעווערן און א בינטל העפּטיקע שאָטלענדער, וואָס ווילן נישט אנדערש, נור עס זאָל אַוועקגעשטעלט ווערן אין קיעל-אָף-טאַנג, וואָלט עס אים גענומען חדשים, ביז ער וואָלט געקאָנט אָנהויבן די אַרבעט.

איך מיין, אז עס איז נישטאָ מער קיין נויטווענדיקייט איך זאָל אייך אויסמאַטערן מיט נאָך מער משלים. הורט-נאַציאָנאַליזאַציע אָן קאָמפּענסאַציע, וואָלט געווען קאַטאַסטראָפאַל. דער פּאַציענט וואָלט געשטאָרבן, איידער די רפואה וואָלט אָנגעהויבן צו ווירקן. אויב איר ווילט, וועל איך אייך געבן א מיכאַנישע פאַרגלייכונג, דער קעסל וואָלט געפּלאַצט ווייל די פאַרזיכערונגס-טירלעך וואָלטן געווען פאַרהאַקט. דער פּרווו, איינצופירן נאַציאָנאַליזאַציע וואָלט דערפירט צו א רעוואָלוציע. איר קאָנט זאָגן „נו אדרבה פאַרוואָס נישט? דאָס וואָס איך האָב ביז איצט געלייענט אין דעם בוך, האָט מיך באַוועגט, אז איך זאָל וואַרטן מיט אומגעדולד אויף א רעוואָלוציע. פּאַקטיש וואָלט יעדע רע-

פאָרם וואָס קאָן גורם זיין א רעוואָלוציע, געוועזן זייער א גע־וווּנטשטע זאַך".

אויב דאָס איז אייער מיינונג, איז עס א כּבוד פאַר אייך צו האָבן אזעלכע געפילן: א סך גוטע בירגער טיילן זיך אָדער האָבן זיך געטיילט מיט אייערע געפילן. אָבער ווען איר זאָלט אייך גוט אריינטראַכטן אין דער זאַך, וועט איר פאַרשטיין אז רעוואָלוציעס נאַציאָנאַליזירן גאָרנישט, און זיי זענען אָפּטמאָל גורם שוועריקייטן ביים נאַציאָנאַליזירן זאַכן, וואָס וואָלטן א סך גרינגער אָנגעקומען אָן א רעוואָלוציע, ווען די באַפעלקערונג וואָלט נור געהאַט א ביסל בילדונג אויפן געביט פון פּאָליטישע עקאָנאָמיע. ווען א רעוואָלוציע זאָל געבוירן ווערן פון א נישט געשיקטן סאָציאַליזם (אַלע אונדזערע פּאַרלאַמענטאַרישע פּאַרטייען זענען נאָך דערווייל געפערלעך אומגעשיקט) בעת א שטורמי־שע האַרטנעקיקע קאַפּיטליסטישע אָפּאָזיציע, וואָלט זי פּראָדוצירט רעאַקציע אנשטאַט פּראָגרעס און זי וואָלט געגעבן דעם קאַפּי־טאַליזם א נייעם לעבנס־קאָנטראַקט. דער נאָמען פונם סאָציאַליזם וואָלט געשטאַנען אין די נאָזלעכער פאַר א גאַנצער גענעראַציע. און דאָס איז גראָד דער סאָרט רעוואָלוציע וואָס א פּרוּוו צו נאַציאָנאַליזירן דאָס גאַנצע אייגנטום על־רגל־אחת וואָלט ארויס־גערופן. איר מוזט זיך אלזאָ ארויסשלאָגן פון קאָפּ א רעוואָלוציע, וואָס וואָלט געקומען דורך אַן אומקאָמפּענסירטער און נישט צו־געגרייטער, אַלגעמיינער נאַציאָנאַליזאַציע, אנשטאַט א פאָרזיכטיק צוגעגרייטער און קאָמפּענסירטער נאַציאָנאַליזאַציע פון איין אינ־דוסטריע נאָך דער אנדערער.

שפּעטער וועלן מיר זיך פאַרנאַנדערריידן א ביסל מכּוח דעם, וואָס רעוואָלוציעס קאָנען יאָ אויפטון און וואָס נישט. דערווייל נעמט עס אין באַטראַכט ווי א רעגל פון דער נאַציאָנאַליזאַציע, (עקאָנאָמיסטן האָבן ליב אָנצורופן זייערע רעגלען פאַר ארבעט — „קאַנאָנס") אז יעדע נאַציאָנאַליזאַציע מוז זיין צוגעגרייט און קאָמפּענסירט. דאָס וועט זיין א ווירקנדיקער שוץ קעגן פּרוּוו צו וועלן נאַציאָנאַליזירן אלץ מיטאַמאָל.

מיר וואָלטן אפילו געוואָלט זאָגן קעגן נאציאָנאליזירן מער ווי איין זאך אויף א מאָל. נור מיר טאָרן נישט פארגעסן, אז די אינדוסטריעס זענען אזוי פארבינדן איינער מיט דער אנדערער, אזוי צוזאמענגעפלאָכטן, איידער זיי זענען רייף פאר נאציאָנאליזאציע, אז עס איז פשוט נישט מעגלעך צו נאציאָנאליזירן איינע נישט נאציאָנאליזירנדיק מיט איר, ווייניקסטנס נאָך א האלב טוץ אנדערע אינדוסטריעס, וואָס זענען מיט איר פארבונדן. איר וואָלט ממש געשטוינט, ווען איר זאָלט וויסן מיט וויפיל אנדערע זאכן א באַן-קאָמפּאניע פארנעמט זיך א חוץ טרייבן באַנען. און אויב איר זענט אמאָל געפאָרן אויפן ים אין א גרויסער שיף, האָט איר זיך אפשר אמאָל ארומגעקוקט און געטראכט, אז איר ווילט וויסן צי די אונטערנעמונג צו בויען אזא שיף הייסט ש י ף-ב ו י ע ן אָדער ה אָ ט ע ל-ב ו י ע ן נישט דערמאָנענדיק שוין מכּוח דער אינזשיניערן-ארבעט.

## LXII

# פאַרוואָס קאָנפיסקאַציע האָט געהאַט דערפאָלג ביז איצט

איצט ווען מיר האָבן אַוועקגעגעבן אַזאַ לאַנגע צייט, כּדי אייך אויפצוקלערן דעם רעגל פון נאַציאָנאַליזאַציע און אייך אויפגעוויזן, אַז דער פּאַרלאַמענט מוז תּמיד אויסקויפן פון די אייגנטימער און טאָר נישט אַוועקנעמען זייער פאַרמעגן דורך שטייערן (אויסשטייערן זיי), בין איך גרייט צו הערן, אַז דער רעגל איז טויט אַנטקעגן די פאַקטן, מחמת דאָ שפּילט אַ ראָל דער דירעקטער אָנגריף אויף אייגנטום דורך פּשוטער קאָנפיסקאַציע: דאָס הייסט דאָס אַוועקנעמען דאָס געלט פון די קאַפּיטאַליסטן און עס אַריינלייגן אין דעם פאָלקס־שאַצקאַמער. דאָס איז שוין אַמאָל געטון געוואָרן, מען האָט פּשוט געצוווּנגען די קאַפּיטאַליסטן אַוועקצוגעבן זייער אייגנטום און עס האָט נישט אַרויסגערופן קיין שום רעאַקציע אָדער רעוואָלוציע. דאָס האָבן געטון קאָנסערוואַטיווע און ליבעראַלע רעגירונגען און אויף אַזאַ אופן, וואָס וואָלט אויסגעקומען שרעקלעך און אומגליקלעך אין די אויגן פון די שטאַטס־מענער פונם נײַנצענטן־יאָרהונדערט, ווי גלאַדסטאָן למשל. איר קאָנט הייסט עס פרווון וועלכע רעפאָרם איר ווילט פון סאָציאַליזם אָדער קאָמוניזם אין ענגלאַנד אַזוי לאַנג, ווי איר רופט עס מיט אַן אַנדער נאָמען. שלאָגט פאָר אַ סאָציאַליסטישע קאָנפיסקאַציע אויף די הכנסות פון די

רייכע, און דאָס גאַנצע לאַנד וועט אויפשטיין קעגן אַזאַ רוסי־שער רשעות. רופט עס אָבער הכנסה־שטייער, איבער־שטייער, שטייער פון גיטער, און איר קאָנט אַרויסבאַקומען גענוג הונ־דערטער מיליאָנען פון די קעשענעס פונם פאַרמעגלעכן קלאַס אַזוי, אַז דער סאָוויעט פון דער רוסישער פאַריייניקטער רעפּובליק זאָל גרין און געל ווערן פון קנאה.

נעמט איין פאַל אָדער צוויי פאַלן אין ציפערן. גלאַדס־טאָן בעת ער איז געווען דער פינאַנץ־מיניסטער האָט עס באַ־טראַכט פאַר אַ טריומף, וואָס ער האָט פאַרקלענערט די הכנסה־שטייערן ביז צוויי פּענעס פון פונט, און ער האָט געהאָפט אויף דער מעגלעכקייט אינגאַנצן אונטערצוברענגען דידאָזיקע שטייערן. נור אנשטאָט אונטערצוברענגען, זענען זיי אין 1920 אַרויף ביז זעקס שילינג אויפן פונט און זענען אַזוי פאַרבליבן נור דער־פאַר וואָס מען האָט עס געמאַכט פאַר אַ צוזאַץ צו אַ שטייער, וואָס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן נור אויף גרעסערע פאַרמעגנס (סאַפּערטעקס אָדער סאַרטעקס) און אַזוי ארום אונטערגעברענגט טיילווייז ירושה־רעכט, וואָס מאַכט דאָס פאָלק צו יורש אויף אַן אָנגעזעענעם טייל פון אונדזער פאַרמעגן, אויב מיר פאַרמאָגן נאָך עפּעס פאַרן טויט. שטעלט אייך נור פאָר, וואָס פאַר אַ טומל דאָס וואָלט גורם געווען, ווען דאָס זאָל פאָרגעלייגט ווערן דורך אַ סאָציאַליסטישן פּרעמיער־מיניסטער, אַלס קאָנפיסקאַציע, דאָס הייסט אָװעקצונעמען אייגנטום און נאַציאָנאַליזאַציע פון ירושה לויט די קאָמוניסטישע פּרינציפּן פון לערער קאַרל מאַרקס! אָבער אַזוי, אין דעם פריערדערמאָנטן פאַל האָבן מיר עס אויפגענומען ווי די לעמעלעך, שאַ שטיל.

איר האָט אפשר נישט באַמערקט, ווי אַזוי עס קומט פאָר אין פאַרלאַמענט דאָס אַרויפלייגן דידאָזיקע שטייערן היינט צו טאָג. דער פינאַנץ־מיניסטער דאַרף אַראַנזשירן דאָס נאַציאָנאַלע באַלעבאַטישקייט. פאַרן יאָר, ער מוז אַרויסבאַקומען אַ צושטימונג פונם הויז־אָף־קאָמאַנס וואָס האָט נישט דערצו קיין גרויס חשק. ער מוז אַרויפלייגן שטייערן אויף אונדז צו דעקן די הוצאות פון דער באַלעבאַטישקייט; מחמת אַ חוץ דעם פּראָצענט פון

געווויסע אקציעס אינם סועץ-קאנאל און ביי א צען קאמפאניעס, וועלכע מען האט געמוזט ארויסהעלפן אין משך פון דער מלחמה כדי זיי זאלן קאנען עקזיסטירן — האט די נאציע נישט קיין שום איינקונפט פון פארמעגנס. אויף ווען ער וועט האבן די דערלויבניש ארויפצולייגן די שטייערן, ווענדט זיך אין דעם, וואסער דעפוטאטן עס וועלן אויסגעווילט ווערן פארן פארלאמענט, און זייער צושטימונג קאן זיין בודזשעט, ווי ער רופט זיינע פארשלאגן פאר שטייערן, נישט אריין אין געזעץ. און ביז עס איז נישט אריין אין געזעץ קאן מען קיינעם נישט צווינגען צו צאלן שטייערן. אין גלאדסטאנס צייטן איז דער פארלאמענט באשטאנען כמעט פון בלויז גוטבאזיצער, קאפיטאליסטן און ארי־בעטסגעבער; די עטלעכע ארבעטער-דעפוטאטן זענען תמיד ארויס־געשטופט געווארן פון די דריי סעקציעס, יעדער פון די דריי סעקציעס האט געפרווט ארויפווארפן די לאסט פון שטייערן אויף דער צווייטער, אויף וויפיל עס האט זיך געלאזט, פאר־שטייט זיך. און אלע דריי זענען ויי געווען הארציק איינשטי־מיק ארויפצווארפן עס אויף דעם ארבעטער-קלאס, וויפיל מען האט נור געקאנט אבי מען זאל דערביי נישט פארלירן קיין צופיל ארבעטער-שטימען ביי די קומענדיקע וואלן. דערפאר איז דער הכנסה-שטייער די לעצטע זאך, וואס די ארבעטער-דעפוטאטן וואלטן איינפירן, ווייל יענע אלע דארפן גלייך צאלן דידאזיקע שטייערן און דעם לוין-ארבעטער מיידט עס אויס, מחמת דער געזעץ האט נישט קיין שום שייכות מיט קיין קליינע הכנסות. אזויארום איז דער הכנסה-שטייער געווארן א מין אפזאץ-שטייער אדער א לעצטער צופלוכט: א צרה, וואס מען האט געמוזט בא־שטיין אויף איר, ווען אלע אנדערע וועגן, ווי אזוי צו שאפן געלט האבן זיך ארויסגעוויזן נישט צופרידנשטעלנדיק. ווען גלאד־סטאן האט עס רעדוצירט פון זעקס פענעס אויף פיר פענעס. און פון פיר פענעס אויף צוויי און ער האט אויסגעדריקט זיין מיינונג, אז ער האט בדעה זיך אינגאנצן צו באגיין אן דעם, האט מען אים געהאלטן פאר זייער א גוטן קאנצלער, פאר א גרויסן מענטש. ער האט אבער געמוזט שאפן געלט דורך ארויפ־

ליגן שטייערן אויף עסנווארג, אויף משקעות, אויף טאבאק, אויף לעגאלע דאקומענטן פון אלערליי מינים, אפילו פון געוויינטלעכע אונטערשריפטן, אז מען האט דערהאלטן די און די סומע, פון קאנטראקטן, פון טשעקן, ביז וועקסלען אקציע-פאפירן (שער סערטיפיקאטן) פון חתונות און ד. גל, — דאן איז נאך געווען אלערליי אפצאלונגען פאר אויסלענדישע סחורות, וואס זענען אריינגעקומען אין לאנד. די אינדוסטריעלע ארבעטסגעבער וואס זענען געווען גרויסע אפנעמער פון אויסלענדישן רוי-מאטעריאל און זיי האבן געוואלט, אז לעבנסמיטל זאל זיין ביליק מחמת ביליק לעבנס-מיטל באדייט קליינע שכירות — האבן געטענהט: „זאל נישט זיין קיין אפצאל אויף אויסלענדישע סחורות, לייגט בעסער ארויף שטייער אויף לאנד און הייזער". די פריצים ווידער, האבן געזאגט: „לייגט ארויף א שטייער אויפן אימפארט, ספעציעל אויף קארן און אנטוויקלט אזוי ארום די אגריקולטור אין לאנד" דאס האט געשאפן דעם גרויסן ויכוח מכוח „פרייעם האנדל", צוליב וואס די „טאריעס" (קאנסערוואטארן) האבן געפירט א קאמף מיט די ליבעראלן אזוי פיל יארן. אבער ביידע פארטייען זענען געווען איינשטימיק דערמיט, אז הכנסה-שטייערן זאלן נישט ארויפגעלייגט ווערן, אזוי לאנג, ביז מ'וועט נישט אויסנוצן אלע אנדערע מיטלען צו באקומען געלט און דעמאלט ערשט זאל מען ארויפלייגן דעם קלענסטן שטייער וואס איז נור מעגלעך.

ווען דער סאציאליזם איז געווארן פאפולאריזירט און ער האט אנגעהויבן באאיינפלוסן דעם פארלאמענט דורך א נייער פראלעטארישער לייבאר-פארטיי, האט די דורכפירונג פון דעם בודזשעט אנגענומען אן אנדער כאראקטער. די לייבאר-פארטיי האט געפאדערט, אז די קאפיטאליסטן זאלן זיין די ערשטע צו צאלן, נישט די לעצטע און עס זאלן ארויפגעלייגט ווערן העכער שטייערן אויף נישט קיין פארדינטע הכנסות, ווי אויף יא פארדינטע. (הכנסות, אויף וועלכע מען ארבעט נישט) דאס האט גורם געווען, אז מען זאל פארקלענערן די הוצאות פון דער רעגירונג און מיט דעם די שטייערן אויף וויפיל עס איז נאר

מעגלעך. ווען שטייערן באַשטייען אין אַוועקנעמען געלט פון מענטשן, וואָס האָבן עס נישט פאַרדינט און עס אומקערן צו די וואָס האָבן עס בפועל־ממש פאַרדינט און מען פאַרזאָרגט זיי מיט שולן, בעסערע הייזער, אויסגעבעסערטע שענערע שטעט און סובסידיעס פאַר דער באַפעלקערונג אויף אַלערליי געביטן — דאַן הייסט עס, וואָס מער שטייערן אַלץ בעסער פאַר דער נאַציע. נישט ווי גלאַדסטאָן האָט געשריגן: „איך האָב אָפּגעראַטעוועט נאָך אַ מיליאָן פאַר די הכנסה־שטייער־צאָלער פון לאַנד. הורא!" אַן אַרבעטער־פינאַנץ־מיניסטער וועט שרייען „איך האָב אַרויס־געקוועטשט נאָך אַ מיליאָן פון די „סאָפּערטעקס" לטובת דער באַפעלקערונג! הורא!" לײדיקגייער

אַזוי האָבן מיר פאַר די לעצטע 15 יאָר געהאַט אין פאַר־לאַמענט אַ כסדרדיקן קאַמף צווישן דער קאַפּיטאַליסטישער און לייבאָר־פּאַרטיי: די ערשטע האָט געפּרוּווט קלענער מאַכן די הכנסה־שטייערן, די „סאָפּערטעקס", די ספּעציעלע שטייערן אויף גיטער און די אַלגעמיינע הוצאות פאַר פאָלקס־צוועקן און די לעצטע האָבן זיי געפּרוּווט פאַרגרעסערן. די יערלעכע דעבאַטן אַרום דעם בודזשעט קערן זיך תמיד לסוף אום צו דעמדאָזיקן פּונקט, הגם מען שטעלט זיך נישט פריי אָפּ דערויף; און די קאַפּיטאַליסטן זענען ביסלעכווייז באַזיגט געוואָרן, ביז איצט (אין די ניינצן—צוואָנציקער יאָרן) האָבן מיר אַוואַנסירט פון גלאַדס־טאָנס הכנסה־שטייער פון צוויי פּענעס פונם פונט ביז אויף אַ שטייער פון פיר ביז זעקס שילינג פונם פונט און פון אַן הכנסה וואָס איז העכער פון צוויי טויזנט פונט ווערט אַרויפגעלייגט אַ שטייער, וואָס באַטרעפט פון אַכצן פּענעס ביז זעקס שילינג, דאָס ווענדט זיך שוין אין דעם, ווי גרויס די הכנסה איז; און ווען עס שטאַרבט אַן אייגנטימער פון אַ פאַרמעגן מוזן זיינע יורשים אָפּגעבן דער רעגירונג אַ טייל פון זיין פאַרמעגן, וואָס מאַכט אויס איין פּראָצענט פון זיין צוגעטראַכטן קאַפּיטאַל אויב עס איז עפּעס איבער הונדערט פונט. און ביז פערציק פּראָצענט אויב עס איז אַ פאַל, ווו עס האַנדלט זיך אין מיליאָנען. דאָס הייסט, אויב אייער פעטער האָט אייך איבערגעלאָזט פינף גינעס

אַ יאָר מוזט איר אָוועקצאָלן דער רעגירונג גאַנצע דריי־און זי־בעציק־טעג אייער הכנסה. אויב איר לאָזט אייך איבער הונדערט טויזנט אַ יאָר באַצאָלט איר אַכט יאָר און איר הונגערט די גאַנ־צע אַכט יאָר סיידן איר פאַרזעצט אייער צוקונפטיקע הכנסה אָדער איר פאַרזאָרגט זיך דורך אַספּקורירן אייער לעבן מיט אַ שווערער פּרעמיע, פון וואָס די גאַציע האָט נישט קיין רעה.

איצט לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז דידאָזיקע הכנסה פון הונדערט טויזנט פונט אַ יאָר, געהערט צו אַן אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע, אין וועלכער מיליטער־דינסט איז אַ חוק ולא יעבור, ווי מען מוז האָבן ווייניקסטנס איין אָפיציר אין דער משפחה. אין דער מלחמה־צייט איז עס גאַנץ מעגלעך, ווי מיר האָבן גע־זען אין דער לעצטער מלחמה, אַז דער אייגנטימער פון אַזאַ הכנסה און זיינע צוויי ברידער זענען איינער נאָכן אַנדערן גע־הרגעט געוואָרן אין משך פון עטלעכע חדשים. דאָס וואָלט אַראָפּגעבראַכט די הכנסה פון הונדערט טויזנט פונט אַ יאָר אויף צוועלף טויזנט, מחמת דאָס איבריקע וואָלט די רעגירונג קאָנ־פיסקירט. ווען מיר וואָלטן געלעזן אין דער מאָרגינג־פּאָסט, אַז דער רוסישער סאָוויעט האָט אָוועקגענומען ביי אַ פּריוואַטער פאַ־מיליע 78,000 פונט אַ יאָר און איר נישט געגעבן קיין פּענע קאָמפּענסאַציע, וואָלט דער גרעסטער טייל פון אונדז געדאַנקט גאָט, וואָס מיר וווינען נישט אין אַזאַ לאַנד. ווו ס'זענען מעג־לעך אַזעלכע קאָמוניסטישע שרעקלעכע מעשים. און דאָך, איז עס ביי אונדזערע אַנטיסאָציאַליסטישע רעגירונגען, ביי ביידע סיי די קאָנסערוואַטיווע סיי די ליבעראַלע אַ גאַנץ געוויינטלעכע דער־שיינונג, הגם זייער פינאַנץ־מיניסטער האָט כסדר רעדעס קעגן רוסישער קאָנפיסקאַציע, פונקט ווי אויסער רוסלאַנד וואָלט קיי־נער קיינמאָל נישט געחלומט אפילו צו טון אַזאַ זאַך:

דאָס איז פאַר אונדז זייער כאַראַקטעריסטיש, מיר הערן נישט אויף צו שרייען, אַז קאָמוניזם איז אַ פאַרברעכן, דאָך באַשטעטיקט יעדער גאַסן־לאַמטערן, יעדער טראָטואַר, יעדער וואַ־סער־קראַן און יעדער פּאָליציאַנט, אַז מיר וואָלטן אפילו איין טאָג נישט געקאָנט עקזיסטירן אָן דעם. בעת מיר שרייען, אַז

סאָציאַליסטישע קאָנפיסקאַציע פון די הכנסות בײַ רײַכע לײַט איז רויבערײַ און מוז זיך ענדיקן מיט אַ בלוטיקער רעוואָלוציע. טוען מיר עס אין אַ סך אַ גרעסערן פאַרנעם פון אַנדערע אײַנגעאָרדנטע לענדער, אַזוי, אַז אַ סך פון אונדזערע קאַפּיטאַליסטן וווינען זיבן חדשים אין יאָר אין דרום־פראַנקרײַך, כדי עס אויסצומײַדן, הגם זיי פאַרזיכערן אײַך, אַז זיי זענען געוואַלטיק איבערגעגעבן צו זייער לאַנד און אויך, אַז זיי זינגען דעם נאַציאָנאַלן הימן אויף דער ריוועריע יעדן זונטאָג ווי אַ טייל פון דער ענגלישער גאָטעס־דינסט. אין דער זעלבער צײַט בעט דער פינאַנץ־מיניסטער בײַ גאָט, אַז ער זאָל אַרײַנגעבן עפּעס אַ גליקלעכן געדאַנק ווי אַזוי זיך אַן עצה צו געבן מיט זייערע גנבשע שפּיצלעך, ביז וואַנען ער וועט באַקומען דאָס לעגאַלע רעכט אָפּצושטעלן זייער כיטרע אַרויסדרייען זיך פון די שטייערן.

אָבער ווי שרעקלעך עס וואָלטן פון דעם וויקטאָריאַן־שטאַנדפּונקט אויסגעקומען די סומען, וואָס ווערן יערלעך אַוועקגענומען בײַ די רײַכע — האָבן זיי בסך־הכל דאָך נישט גענומען מער, ווי די אייגנטימער פון פאַרמעגנס קאָנען זיך דערלויבן אָפּצוצאָלן פון זייערע הכנסות אין באַר געלט, וואָס די רעגירונג וואָלט דורך אירע באַלדיקע הוצאות גרייט געווען באַלד צוריק אַרויסצולאָזן אין צירקולאַציע ווען זי וואָלט עס געהאַט. זיי האָבן טיילמאָל דערפירט דערצו, אַז דער אָרעמער קלאַס איז בכוח געווען צו קויפן און אויסצוגעבן מער פון דעם רײַכן פּראָדוצירנדיק קלענערע קאָמערציעלע קריזיסן דאָ און דאָרט און אָפּט פאַראָרעמט די רײַכע, אָבער זיי זענען באַגלייט געוואָרן פון אַזאַ אַנטוויקלונג אינעם קאַפּיטאַליזם, אַז הײַנט זענען פאַראַן מער און גרעסערע גבירים ווי עס זענען געווען; און פאַרשטייט זיך, אַז אַ דאַנק דעם האָבן די לוקסוס־פאַכן זיך געמוזט פאַרמערן — און פאַרגרעסערן און נישט פאַרקלענערן — און געבן מער באַשעפטיקונג אַנשטאָט ווייניקער. און זיי האָבן באַוויזן, אַז מ'קאָן רויִק קאָנפיסקירן הכנסות פון אייגנטום, אויב מ'קאָן זיי נור גלײַך צעטיילן צוריק. אָבער מ'קאָן נישט אַרויפלייגן אַזעלכע שטייערן, אַז די אייגנטימער זאָלן שטיין, ווי מ'זאָגט,

אויף הינערשע פיסלעך, אַז דער מינדסטער קלאַפּ זאָל מאַכן פון זיי אַ תּל. מען מוז תּמיד פּאָרזיכטיק איבערטראַכטן, ווי ווייט און ווי שנעל מ׳קאָן זיך דערלויבן צו גיין און נישט גיין צו גרונט. דער רעגל, אַז די רעגירונג טאָר נישט אַרויפלייגן קיין שטייערן אויף קיין שום זאַך, סיידן זי האָט אַ באַלדיקע באַדערפעניש פאַרן געלט איז פונדאַמענטאַל: עס איז אויסגעהאַלטן אין יעדן פאַל. דער כּלל, אַז אויב די רעגירונג וויל עס נוצן כּדי צו נאַציאָנאַליזירן אַ שוין עקזיסטירנדיקע קאָמערציעלע אינדוסטריע אָדער דינסט מוז זי האָבן גרייט אַ נייעם דעפּאַרטמענט אויף איבערצונעמען דאָס געשעפט און זי מוז געבן קאָמפּענסאַציע די אייגנטימער, פון וועמען זי נעמט עס איבער איז אויך נישט אָפּצופרעגן. ווען דער אָביעקט איז נישט נאַציאָנאַליזאַציע נור פּשוט צו צעטיילן די הכנסות אינם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם אָוועקצונעמען די מעגלעכקייטן (איינצוקויפן זאַכן) פון איין קלאַס מענטשן און זיי אָוועקגעבן אַן אַנדערן, מערסטנטייל פון דעם רייכערן קלאַס צו דער אָרעמערן און אַזוי אַרום ענדערן די פאָדערונג פון טייערע לוקסוס-סחורות אויף ביליקע נויטווענדיקייטן טאָר דער פּראָצעס נישט דורכגעפירט ווערן אין איילעניש נור מוז געבן די געשעפטן אַ געלעגנהייט זיך צוצוגרייטן פאַר דער דאָזיקער ענדערונג, אויב נישט, קאָן אַזאַ פּראַצעס גורם זיין געניג באַנקראָטן און מאַכן דער רעגירונג זייער אומפּאָפּולער צו די קונפּטיקע וואַלן.

לאָמיר שטודירן אַ סענסאַציאָנעלן פאַל: מיר האָבן אַרייַנגעקריגן אַ געוואַלטיקע אומפּאַרדינטע הכנסה און די מאַסע פילט די לאַסט פון אָט די הכנסה, אַזוי שטאַרק, אַז אונדזערע רעגירונגען וואָס זיי זאָלן נישט זיין לייבאָר אָדער קאָנסערוואַטיוו וועלן זיך נישט קאָנען ווידערשטעלן די אַבסאָלוטע פאָדערונג, די דאָזיקע הכנסות צוריק פאַרנאַנדערצעטיילן אַזוי, אַז די מאַסע זאָל נישט פילן דעם דרוק דערפון.

## LXIII

## וויאַזוי מען האָט באַצאָלט די מלחמה־קאָסטן

אין 1914 זענען מיר אריין אין דער מלחמה, א מלחמה קאָסט שרעקלעך טייער און זי מאכט אָן א שרעקלעכן חורבן; דער פועל־יוצא איז תמיד א טויטלעכער פארלוסט אין געלט, אלץ מוז באצאָלט ווערן אין באר געלט, מחמת איר קאָנט נישט הרגענען קיין דייטשן מיט קיין וועקסלען אָדער היפּאָטעקן אָדער נאציאָנאלע חובות; איר מוזט האָבן ממשותדיקע לאַגערן מיט עסנווארג, מלבושים, וואָפן אַמוניציע, סאָלדאַטן, קראנקן־וועכטער, אויטאָבוסן און פרויען פון מיליטערישן עלטער, וואָס זאָלן ארבעטן ביי דער אַמוניציע. ווען די ארמיי האָט אָפּגעטראָגן די מלבושים, אויפגעגעסן די צוגעגרייטע שפּייז, אויסגעשאָסן די אַמוניציע און פארגאָסן איר בלוט טייכנווייז — בלייבט גאָרנישט איבער אזוינס, וואָס מ׳זאָל קאָנען עסן און טרינקען, אָנטון; בקיצור, עפּעס אַזוינס, וואָס מ׳זאָל קאָנען ווייזן, אז דאָס האָט אונדז די מלחמה געגעבן; קיין שום זאך נישט וואָס מ׳זאָל קאָנען זאָגן, וואָס זאָל זיין ממשותדיק, א חוץ חורבן און פאַרוויסטונג. די רעגירונג האָט זיך שטארק פארשולדיקט, בעת זי האָט געמוזט איינשאַפן די אלע נויטווענדיקייטן פאר דער מלחמה פון 1914—1918. זי האָט גענומען דאָס בלוט און די ארבעט פון די יונגע־לייט, ווי א גאַנץ פארשטענדלעכע זאך; זי האָט זיי געצוואונגען צו דינען, צי זיי האָבן יאָ חשק געהאַט אָדער נישט—

דערמיט האָט זי זיך נישט גערעכנט. זי האָט זיי אָפּגעריסן פון די געשעפטן וואָס א גרויסער טייל פון זיי האָט געהאַט און נישט געגעבן זיי קיין שום קאָמפּענסאַציע. נור אלס א קאַפּיטאַליסטישע רעגירונג אויף דעם זעלבן אופן נישט גענומען ביי די קאַפּיטאַליסטן דאָס גאנצע געלט, וואָס זי האָט נויטיק געהאַט. א טייל דערפון האָט זי גענומען דורך שטייערן, אָבער די גרעסטע טייל האָט זי געבאָרגט.

נאטירלעך האָט די לייבאָר-פּאַרטיי שטאַרק פּראָטעסטירט קעגן דעם, וואָס מען האָט באַפרייט די רייכע פון געלט-צאָלן בעת די אָרעמע-לייט האָט מען געצוואונגען צו צאָלן מיט זייער לעבן, מיט זייערע פּרנסות, מיט זייערע גלידער. מען האָט זיך אָבער קנאַפּ-וואָס גערעכנט מיט זייערע פּראָטעסטן. דאָס אָפּגעשפּאָרטע געלט וואָס מען האָט נויטיק געהאַט פאר דער אַרמיי און פאר די ארבעטער וואָס האָבן געשאפן שפּייז און אַמוניציע פאר זייערטוועגן, האָט מען אנשטאט אינגאַנצן צוצונעמען דורך שטייערן נישט געבנדיק קיין שום קאָמפּענסאַציע, האָט מען דעם גרעסטן טייל געבאָרגט ביי די קאפּיטאַליסטן און זייער פּרייז איז געווען דאָס רעכט אָפּצונעמען פינף פונט א יאָר פאר יעדער הונדערט פונט, וואָס זיי האָבן געבאָרגט און אָן שום ארבעט נעמען פינף פונט א יאָר פון דער לאַנד-הכנסה ביז מען וועט זיי אומקערן צוריק די גאַנצע הונדערט פונט.

וואָס עס איז געשען לפּי-ערך אין אין קיילעכיקע ציפערן איז אָט וואָס: די רעגירונג וואָס איז אין יאָר 1914 שולדיק געווען בלויז 660 מיליאָן פונט פון פריערדיקע מלחמות — האָט פארגרעסערט אירע חובות אויף 7000 מיליאָן. ביז מיר וועלן קאָנען אויסצאָלן דידאָזיקע סומע דאַרפן מיר בלויז פארן וואַרטן אָפּצאָלן יעדעס יאָר 350 מיליאָן פונט צו די, ביי וועלכע מען האָט דאָס געלט געליען און אזויווי אויף די אויסגאַבן פון אונדזער ציווילער דינסט (300 מיליאָן) און אונדזער ארמיי, אונדזער פלאָט, לופט-שיפן און אלע אנדערע סאָציאַלע נאַציאָנאַליזירטע אנשטאַלטן, וואָס קאָסטן מער ווי, צווייִמאָל אזויפיל מוז דער פינאַנץ-מיניסטער האָבן א בודזשעט פון העכער צוויי מילז

יאָן פונט א טאָג און ער מוז זען ארויסקריגן דאָס געלט פון אונדזער טייסטער אויף וואָסער אופן עס וואָלט זיך אים צום בעסטן איינגעבן און אזיווי עס איז נוצלאָז זיך צו ווענדן צום פּראָלעטאַריאַט אין א צייט ווען אפשר א מיליאָן אָדער אַן ערך אזא צאָל, איז ארבעטסלאָז און מען מוז אים נאָך געבן שטיצע פון די שטייערן אנשטאט צו נעמען שטייערן ביי אים, איז ער דער פינאַנץ-מיניסטער געצווונגען אַרויפצולייגן שטייערן (סאַפּער-טעקס) און „גיטער-פליכטן" אויף די אייגנטימער פון פּארמעגנס זיי דארפן הייסט עס ארייַנטראָגן א קאָנטרעבוציע פון 380 מיליאָן פונט א יאָר: דאָס מאכט אויס: איין מיליאָן מיט פופציק טויזנט פונט א טאָג, אָדער מער ווי א העלפט פון די גאַנצע שטייערן. דאָס הייסט אַלזאָ: קאָנפיסקאַציע.

צי איז עס אייך געוואָרן אויפפאַלנדיק, אז עפּעס איז דאָ נישט גלאטיק ארום דעמדאָזיקן מסחר, ווו מען באָרגט די גרעסטע טייל פון די 7000 מיליאָן פונט ביי אונדזערע אייגענע קאַפּיטאַליסטן צוזאָגנדיק זיי צו צאָלן לאָמיר זאָגן 325 מיליאָן פונט א יאָר דורך דער גאַנצער צייט, וואָס זיי וועלן דארפן ווארטן, ביז מ'וועט זיי באַצאָלן דאָס געלט און דערנאָך ארויפלייגן שטייערן ביז 382 פונט א יאָר אזוי אז זיי זאָלן האָבן אומצוקערן נישט נור זייערע אייגענע פּראָצענטער, וואָס זיי באקומען פאר יווארטן, נאָר אפילו די פּראָצענטער פון די אויסלענדישע מלווים אויך? זיי צאָלן אויס העכער פופציק מיליאָן פונט א יאָר מער ווי זיי קריגן און דעריבער זענען זיי אלס א קלאַס די פארלירער ביי דידאָזיקע טראַנזאַקציע. די רעגירונג צאָלט זיי מיט איין האנט און נעמט עס צוריק מיט דער אנדערער. פארוואָס נעמען זיי עס אויף אַזוי רויק? פארוואָס באַשטייערן זיי זיך דערויף?

דאָס לאָזט זיך לייכט אויפקלערן. ווען די רעגירונג וואָלט צוריקגענומען פון יעדן, וועמען זי איז שולדיק אַ מלחמה-חוב, פונקט אזויפיל, וויפיל זי האָט אים געצאָלט מיט א צולאָג פון דריי שילינג און זעקס פּענעס אינם פונט — וואָלטן זיי אלע אויסגעשריגן „א דאנק דיר פאר דעם, וואָס דו צאָלסט אונדז מיט

ערגערס נאָך ווי גאָרנישט: מיר וועלן בעסער אויסשטרייכן דעם חוב און וואָס וועסטו האָבן דערפון? — גאָרנישט". אָבער נישט דאָס קומט פאָר אין דערווירקלעכקייט. די, וועמען די רעגירונג איז שולדיק מלחמה-חובות, זענען נור א טייל פון דער גאנצער קערפערשאפט וואָס פארמאָגט אייגנטום; אָבער צאָלן שטייערן און טויטן-שטייערן מוזן אלע, וואָס האָבן אייגנטום, און אויב זייער הכנסה איז העכער פון 2000 פונט, מוזן זיי צאָלן סאָפּערטעקס אויך. די, וועלכע האָבן נישט געליען דער רעגירונג קיין געלט אויף דער מלחמה, באקומען דערפון גאָרנישט. די וואָס האָבן יאָ געליען, באקומען די 325 מיליאָן פונט א יאָר. אָבער צו די שטייערן וואָס זיי צאָלן אָפּ פון דעם געלט, גיבן צו שטייער אנדערע אייגנטימער פון פארמעגנס אויך. דערפון איז געדרונגען, אז הגם דער פארמעגלעכער קלאַס אין אלגעמיין פארלירט ביי דער טראַנזאַקציע, געווינען אָבער די, וואָס האלטן מלחמה-אַקציעס. דאָס הייסט די וועמען די רעגירונג איז שולדיק געלט. זיי געווינען אויפן חשבון פון די, וועמען זי איז נישט שולדיק. די רעגירונג בארויבט נישט בלויז דעם קאַפּיטאַליסט פּעטער, כדי צו באצאָלן דערמיט דעם קאַפּיטאַליסט פּאָול, נור זי בארויבט ביידע אויף א סך מער ווי זי באצאָלט פּאָולן; דאָך הגם פּעטער און פּאָול צוזאַמען זענען אָרעם, איז אָבער פּאָול פאר זיך רייכער פון פּעטערן און דעריבער שטיצט ער די רעגירונג און אירע פּלענער, בעת פּעטער האלט זיך אין איין באקלאָגן, אז די לאַסט פון די שטייערן איז נישט אויסצוהאַלטן.

לאָמיר עס פּרווון אילוסטרירן: מיין ווייב און איך זענען מיר ביידע קאַפּיטאַליסטן, נור איך האָב געווויסע מלחמה-אַקציעס, דאָס הייסט די רעגירונג איז מיר שולדיק געלט, בעת איר גאַנץ געלט ליגט אין די בענק, באַנען און נאָך אנדערע אַקציעס. מיר צאָלן ביידע גענוג שטייערן, צו באצאָלן מיר דעם פּראָצענט פאר וואַרטן אויף מיין געלט; אָבער אזויווי מיר צאָלן די רעגירונג א פּראָצענט און איר נישט, געווין איך ביי דערדאָזיקער טראַנזאַקציע אויף מיין ווייבס רעכנונג, אזוי אז ווען מיר וואָלטן נישט געווען מאַן און ווייב, וועמעס צוזאַמענלעבן איז, אגב

אויך אוועקגעשטעלט אויף קאָמוניסטישע יסודות, וואָלטן מיר קיינמאָל נישט געווען איינשטימיק אין דעם. דער רוב קאַפּיטאַליסטן פאַרשטייען נישט די דאָזיקע קאָמבינאַציע און דער סוף איז, אַז זיי ווערן באַשווינדלט; אָבער די וואָס פאַרשטייען עס אפילו יאָ, ווען קיינמאָל נישט איינשטימען דערויף מען זאָל עס באַקעמפן און דעריבער קאָן עס נישט האָבן קיין שעדלעכע ווירקונג בעת די וואַלן.

אָט די משונהדיקע לאַגע גיט דער לייבאָר־פּאַרטיי אַ געלעגנהייט צו דעמאָנסטרירן איר מיינונג, אַז עס וואָלט דעם פּאַרמעגלעכן קלאַס בכלל בעסער געלוינט, אויסצושטרייכן דעם חוב און מאַכן אַ סוף צו דעם אַבסורד, אַז אַ גאַנצע נאַציע זאָל זיך האַלטן אין איין באַקלאָגן זיך, אַז זי וואַקלט זיך און ברעכט זיך ממש אונטער דער שווערער לאַסט פון חובות, בעת דעם גאַנצן שווערן חוב כמעט איז זי שולדיק טאַקע זיך אַליין. דאָס סילוקן דעם חוב (אַ חוץ די קליינע סומע וואָס קומט אויסלאַנד) וואָלט פּשוט געווען אַ מין צוריקצעטיילן די הכנסות צווישן אירע בירגער און דער נאַציע אין אַלגעמיין זאָל נישט קאָסטן קיין פּרוטה.

דער פּלאַן, אַרויסצוקריגן געלט פאַרן „עפנטלעכן געברויך דורך באָרגן געלט ביי די קאַפּיטאַליסטן, אנשטאָט צו קאָנפיסקירן עס דורך דירעקטע שטייערן — רופט זיך פאָנדן אויף ענגליש „פאנדינג” דאָס הייסט אָפּלייגן געלט פאַר אַ געוויסן צוועק, און באָרגן געלט דער רעגירונג פלעגט הייסן אָרייַנלייגן געלט אינם פאָנד, און אַזוי ווי ס׳איז איינגעפירט, אַז דער וואָס באָרגט דער רעגירונג דאָס געלט דאַרף באַקומען אַן איינקונפט אומזיסט, פאַר וואַרטן, ביז ער באַקומט צוריק דאָס געלט— באקומען זיך אַזעלכע פענאָמענאַלע פּראָצענטניקעס וואָס אָנשטאָט אויסצוקוקן די צייט, ווען זיי וועלן שוין צוריק קריגן זייער געלט, שרעקן זיי זיך פאַר קיין שום זאַך נישט אַזוי שטאַרק, ווי פאַר אָט דער צייט: אַזוי אַז די רעגירונג מוז, ווען זי וויל באַקומען אַן הלוואה, צוזאָגן, אַז זי וועט נישט אָפּגעבן דאָס געלט ביז אַ געוויסער צייט — וואָס לענגער, אַלץ בעסער.

לויט דער קאַפּיטאַליסטישער מאָראַל, הייסט אַזעלכער וואָס לעבט פֿון זיין קאַפּיטאַל, אָנשטאָט פֿון פּראָצענט (אַזוי הייסט דאָס געלט וואָס מען באַקומט פֿאַרן וואַרטן) אַ שאַרלאַטאַן, אַן אויסברענגער. דער קאַפּיטאַליסט טאָר קיינמאָל נישט קאָנסומירן זיין אָפּגעשפּאָרטן אינהאַלט, אַפילו ווען דאָס איז אַזאַ מין אינהאַלט, וואָס וועט זיך האַלטן, ביז ער וועט נאָך אַמאָל הונגעריק ווערן. ער מוז עס געברויכן אויף קויפן עפּעס אַן חכנסהלע; און אויב דער קונה הערט אויף צו צאָלן דאָס הכנסהלע, נור גיט אָפּ די סומע וואָס מען האָט אים געבאָרגט, טאָר ער דאָס נישט פֿאַרנוצן, נור ער מוז גלייך זוכן אַן אַנדער בעלן אויף זיין געלט, אָדער ווי מיר רופֿן עס אינוועסטירן. דאָס הייסט ער מעג עסן בלויז דעם פּראָצענט, אָבער נישט דאָס געלט גופא.

דאָס איז נישט בלויז אַ פֿאַל פֿון אויסגערעכנטקייט, נור פֿון נויטווענדיקייט; מחמת אינוועסטירן קאַפּיטאַל הייסט אַוועקבאָרגן עס, מען זאָל עס קאָנסומירן, איידער עס ווערט קאַליע. באמת, קאָן מען עס קיינמאָל נישט צוריק אומקערן דעם, וואָס האָט עס אַוועקגעבאָרגט. אינוועסטירן דאָס געלט הייסט ווי מיר האָבן שוין פֿריער געזאָגט: דערלויבן אַ גרופּע אַרבעטער אויפֿצועסן עס, בעת זיי זענען פֿאַרנומען מיט צוגרייטן אַ געווויסן הכנסה-ברענגער, ווי למשל אַ באַן, אַ פֿאַבריק א. א. וו., אָבער קוים איז עס איינמאָל קאָנסומירט — קאָן עס קיין שום ערדישע קראַפֿט נישט צוריק אומקערן צום עקזיסטענץ. אויב איר טוט אַ טובה אַ מענטשן, אָדער אַ געזעלשאַפֿט, אָדער אַ קאָמפּאַניע און גיט א י ם, אָדער א י ר, אָדער ז י י די מעגלעכקייט צו פֿאַרברויכן דאָס, וואָס איר האָט היינטיקס יאָר אָפּגעשפּאָרט, קאָן ע ר, אָדער ז י, אָדער ז י י אייך טון די זעלבע טובה, אויב זיי קאָנען עס אָפּשפּאָרן אין צוואַנציק יאָר אַרום, און דערווייל אייך צאָלן פֿאַרן וואַרטן, אָבער זיי קאָנען אייך קיינמאָל נישט אומקערן די אייגענע זאַך, וואָס איר האָט זיי געבאָרגט בפֿועל ממש.

די מלחמה האָט אויסגעגעבן אונדזער אָפּגעשפּאָרט געלט

נישט אויף קיין זאַכן וואָס ברענגען עפּעס א נוצן, נאָר אויף זאַכן וואָס צעשטערן, ברענגען חורבן און אונטערגאַנג. אין די ביכער פון די „בענק אָף ענגלאַנד" זענען פאַרשריבן די נעמען פון א צאָל מענטשן, די אייגנטימער פון א קאַפּיטאַל וואָס באַטרעפט ביז 7000 מיליאָן פונט. מ'זאָגט פשוט: „אַז זיי זענען ווערט 7000 מיליאָן פונט" פאַקטיש זענען זיי אָבער נישט ווערט קיין אויסגעבלאָזן איי. זייערע 7000 מיליאָן פונט האָט מען שוין לאַנג אויפגעגעסן, אויסגעטרונקען, אָפּגעטראָגן און צעריסן אויף פּיק־פּיצלעך, צוזאַמען מיט א סך אַנדערע פאַרמעגנס און מענטשלעכע לעבנס אויף די שלאַכט־פעלדער פון דער גאַנצער וועלט. מיר געפינען זיך דעריבער אין דער נאַרישער לאַגע און רעדן זיך איין, אַז אונדזער לאַנד איז באַרייכערט מיט 7000 מיליאָן פונט, אינדערצייט וואָס מיר זענען פאַקטיש אָרעמער, שוין צוליב דעם, וואָס מיר מוזן אויסצאָלן יעדעס יאָר 350 מיליאָן פונט צו מענטשן, וואָס טוען נישט פאַר דעם קיין האַנט אין קאַלט וואַסער. דאָס הייסט מענטשן וואָס קאָנסומירן א ריזיק פאַרמעגן און פּראָדוצירן גאָרנישט. עס איז פּונקט ווי מען זאָל פרעגן א באַנקראָטניק, צי ער האָט עפּעס איבערגעבליבענע ווערט־זאַכן און ער שרייט אויס מיט שטאָלץ: „אָ! ניין, איך האָב געמאַכט אַש און בלאָטע פון אַלע מיינע ווערט־זאַכן; אָבער דערפאַר האָב איך א ריזיקע צאָל חובות". דער 7000 מיליאָן־קאַפּיטאַל, וואָס איז פאַרשריבן אויף די אַקציאָנערן פון מלחמה־חוב אין די „בענק אָף ענגלאַנד", איז נישט קיין רייכטום נאָר א חוב. ווען מיר וואָלטן עס איינגאַנצן אויסגעמעקט, וואָלט די נאַציע נישט נאָר רייכער געוואָרן מיט 350 מיליאָן פונט א יאָר. נאָר אויך מיט דער אַרבעט, וואָס די אַלע אַקציאָנערן וואָלטן געמוזט טון, כּדי זיך אויסצוהאַלטן מיט פּרנסה, ווען זייער יערלעכער פּראָצענט וואָלט אויפגעהערט אַריינקומען. דאָס אויסמעקן דעם חוב האָט קעגנער נישט דערפאַר ווייל עס וואָלט געהייסן, אַז די רעגירונג האָט געבראָכן איר קאָנטראַקט, און קיינער וואָלט איר קיינמאָל מער נישט געליען קיין געלט. שוין נישט גערעדט דערפון וואָס די פּאַרייניקטע־שטאַטן, וועמען מיר זענען שולדיק טויזנט מיליאָן

פון די 7000, וואָלטן אפשר געפרוווט אָפּנעמען איר חוב מיטן כוח פון וואָפן. דעריבער פּראָטעסטירן מיר קעגן אַזא פאָרשלאָג און מיר טעהנהן, אז קיין שום סיבה וואָלט אונדז נישט געברענגט דערצו מיר זאָלן באַגיין אזא אַקט פון צינישער אומערלעכקייט. אָבער דאָס שטערט אונדז לחלוטין נישט, אז אויף וויפיל דער חוב האָט א שייכות צו אונדזערע אייגענע קאַפּיטאַליסטן, זאָלן מיר זיי ערלעך צאָלן מיט איין האנט און געצוווּנגענערהייט צוּריקנעמען עס ביי זיי — נאָך מיט א צולאָג פון 17 פּראָצענט — מיט דער אַנדערער האנט.

פאַרבייגייענדיק, וויל איך אייך זאָגן, סיידן עמיץ זאָל קומען און אייך פאַרזיכערן, אז די אַלע ציפערן זענען נישט גענוי און אז איך בין נישט באַגלויבט, אז דידאָזיקע ציפערן זענען נישט קיילעכיקע סומען, אז זיי ענדערן זיך פון יאָר צו יאָר דורך אָפּצאָלן און דורך ענדערונגען אינם קורס, אז די טויזנט מיליאָן פונט, וואָס מיר האָבן געבאָרגט ביי די פאַרייניקטע-שטאַטן, האָבן מיר אוועקגעבאָרגט אונדזערע קריגס-פאַרבונדענע, פון וועלכע א טייל קאָנען אונדז אינגאַנצן נישט צאָלן, מחמת זיי זענען שטאַרק פאַראָרעמט און די וואָס צאָלן יאָ עפּעס, צאָלן אַזוי ווייניק, ווי עס לאָזט זיך נור פון די בענק באַקומען אויף אזא אופן, אז אַראָפּגעבראַכטע סטאַטיסטיקער האָבן באַוויזן, אז מיר האָבן זיך פאַרשוּלדיקט אויף צוויימאָל אַזויפיל כמעט ווי מיר האָבן פאַרברויכט, אז די שטייגערונג אויף אָפּגעשפּאָרט געלט פונם געוויינטלעכן מאַרק-פּרייז האָט געמוזט גורם זיין, די קאַפּיטאַליסטן זאָלן געווונען א סך מער, ווי זיי האָבן פאַרלוירן דורך די מלחמה-שטייערן. בקיצור, אז די איינפאַכקייט פון דער זאַך קאָן פאַרהוילן ווערן דורך א הונדערט אומגויטיקע אומשטענדן, אויב די כוונה איז צו פאַרהוילן און נישט קלאָר צו מאַכן. נור אַזויווי מיין כוונה איז קלאָר צו מאַכן האָב איך זיי אַלע ארויסגעלאָזט, מחמת איך וויל אייך ציינגן די נעסט און נישט דעם פלויט.

די זאַך באַשטייט אין דעם, וואָס די מלחמה האָט פאַרשלונגען א געוואַלטיק גרויסן קאַפּיטאַל און דערדאָזיקער קאָנסומענט

האָט נישט געווירקט אויף דעם עס זאָלן זיך פאַנאַנדערוואַקסן אונדזערע פאַבריקן און אַלערליי אַנדערע אינדוסטריעס, אַז מיר זאָלן באַקומען אַ גרעסערע קאָמוניקאַציע און נייע פּראָיעקטן, ווי־אַזוי צו פאַרגרעסערן אונדזערע רייכטימער — נור פאַרקערט, ער האָט גורם געווען אַן אַנגראָ־חורבן אויף אָט דעם אַלעם און איבערגעלאָזט די וועלט פאַר אָרעמע מיט ווייניקער הכנסות צום צעטיילן ווי פריער. דער פאַקט, אַז די מלחמה האָט אַ תל געמאַכט פון דריי אימפּעריעס און האָט איינגעפירט רעפּובליקאַניזם אַנשטאַט מאָנאַרכיזם, וואָס איז איצט די פאָרם פון די מערסטע אייראָפּעיִשע מלוכות און ברענגט אַזוי־אַרום אייראָפּע אויף איין ליניע מיט אַמעריקע אַלס אַ רעפּובליקאַנישן קאָנטינענט — קאָן זיך אייך אַמאָל אויסדוכטן, אַז אָט דער פאַקט איז ווערט דאָס געלט; אָדער, אַזויווי דאָס איז בכלל נישט, וואָס די בריטישע, אָדער אַוועלכע עס איז אַנדערע פון די מלחמה־באַטייליקטע האָבן געוואָלט, קאָן עס אייך אויסווייזן צו זיין אַ סקאַנדאַליעזער חורבן אָבער דאָס איז אַ זאַך וואָס האָט צו טון מיט סענטימענטן און נישט מיט עקאָנאָמיזם. צי איר באַטראַכט דעם פּאָליטישן רעזולטאַט פאַר צופרידנשטעלנדיק צי פאַרקערט — זענען די קאָסטן פון דער מלחמה אַלץ די אייגענע און אויך די ווירקונג פון אופן באַצאָלן די מלחמה־קאָסטן מיט דער צעטיילונג פון דער נאַציאָנאַלער הכנסה בלייבט די אייגענע. מען האָט אויף אונדז אַלע אַרויפגעלייגט שווערע שטייערן, כדי צו געבן אָט דער סעקציע פון דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס, וועלכע האָט אינוועסטירט געלט אין דער מלחמה־הלוואה אויף פינף פּראָצענט (אַ גרויסער פּראָצענט פאַר אַזעלכע ערבים) אַ מעגלעכקייט אַרויסצונעמען פון היינט אָן און ווייטער אַ מיליאָן פונט אַ טאָג פון דער פּראָדוקט פון אונדזער טעגלעכער אַרבעט, נישט געבנדיק קיין שום פאַרגיטיקונג פאַר איר. אמת: מיר קריגן צוריק אַזויפיל און אפשר מער פון דעם גאַנצן קאַפּיטאַליסטישן קלאַס דורך שטייערן, אַזוי, אַז באמת קומט דאָ בלויז פאָר אַ צעטיילונג פון דער הכנסה צווישן דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס, ביי וואָס דער פּראָלעטאַריאַט געווינט מער ווי ער פאַרלירט, הגם עס איז צום באַדויערן, נישט

דער סאָרט צעטיילונג, וואָס מיינט גלייכהייט פון הכנסות, אָדער פאראַכטונג צו לײדיקגייער, אָבער עס אילוסטרירט דעם ענין פון דעמדאָזיקן קאַפּיטל, אַז אַ ווירקלעכע קאָנפיסקאַציע פון קאַפּיטאַל וואָס האָט באַטראָפן טויזנטער מיליאָנען האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין גאַנץ מעגלעך, די רעגירונג האָט געהאַט גרייט באַשעפטיקונג אין דער פאָרם פון נאַציאָנאַלער דינסט, אפילו ביי אַרבעט פון צעשטערונג, פאַר אַן אומענדלעכער צאָל פּראָלעטאַריער פון ביידע געשלעכטער. עס זענען דאַן געווען פרידלעכע רויִקע טעג ווען נישט די בלוט-פאַרגיסונגען.

## LIV

# נאַציאָנאַל־ער חוב, באַפרייען שטייערן

פון דעם, וואָס ארויפלייגן שטייערן אויפן קאַפּיטאַל האָט נישט קיין זין איז נאָך נישט געדרונגען פונדעסטוועגן, אז יעדער פאָרשלאַג וואָס ווערט געמאַכט אין דערדאָזיקער ריכטונג מוז דורכויס זיין אומפּראַקטיש. עס איז אמת, אז אויב די רעגירונג דארף האָבן גרייט געלט, קאָן זי עס באַקומען דורך קאָניפיסקירן הכנסות. אָבער דאָס שליסט נישט אויס פארשידענע אָפּעראַציעס, וואָס קאָנען אויסגעפירט ווערן אזוי, אז מען זאָל נישט דאַרפן קיין מזומן געלט. אויך שטערט דאָס נישט דער רעגירונג אָנצונעמען נישט נור דעם אייגנטימערס הכנסה, נור דעם מקור פון דער הכנסה. דאָס הייסט זיין פארמעגן אויך, לאָמיר נעמען עפּעס אַזוינס וואָס קאָן אַמאָל ווערן, אייערע א פּאַקטישע דערפאַרונג; לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אז עס איז פאַראַן א מעגלעכקייט, די רעגירונג זאָל זיין געצוווּנגען אויסצושטרייכן דעם נאַציאָנאַלן חוב, אָדער א טייל פון אים, צי דערפאר ווייל די שטייערן, וואָס זענען נויטיק, כדי צו באַצאָלן דעם פּראָצענט שטערן די קאַפּיטאַליסטן אין זייערע אונטערנעמונגען — דאָס וואָלט געווען דער מאָטיוו פאַר א קאָנסערוואַטיווער רעגירונג — אָדער צוליב א גלייכער הכנסה־צעטיילונג—וואָס וואָלט געווען דער מאָטיוו פון א סאָציאַליסטישער רעגירונג! כדי צו באַצאָלן וואָס מיר האָבן משמעות געבאָרגט אַמעריקע און אַנדערע פרעמדע

מלווים צו וועלכער נאַציאָנאַליטעט זיי זאָלן נישט גע-
הערן, וואָלטן מיר געדאַרפט האָבן מזומן געלט; און דעריבער
איז נישט מעגלעך אויסצושטרייכן דעם טייל פונם נאַציאָנאַלן
חוב, סיידן מיר זאָלן זיך פשוט אָפּזאָגן פונם צאָלן, וואָס וואָלט
גורם געווען, מיר זאָלן פאַרלירן דעם קרעדיט אין אויסלאַנד
און נאָך דערצו אפשר פאַרוויקלען זיך אין א מלחמה. אָבער
דער טייל פונם חוב וואָס מיר זענען שולדיק זיך אליין, וואָלט
געקאָנט אויסגעשטראָכן ווערן אָן א פאַרדינג מיט גרייט געלט. ווען
מ'זאָל אַריינטראָגן א פאָרשלאַג, אז מ'זאָל אַרויפלייגן א שטייער
אויף קאַפּיטאַל, אָדער גיכער א „לעווי", אויף קאַפּיטאַל, (כּדאי צו
דערקלערן, אז דאָס מיינט נישט קיין יערלעכן שטייער, נאָר פון צייט
צו צייט). נעמט דעם מלחמה-חוב פאַר אַן אילוסטראַציע פון
דער מעגלעכקייט אלס אַן אַבסאָלוטער אויסשטרייכונג. כּדי
צו קאָנען מאַכן דעם ענין פשוטער, לאָמיר זיך פאָר-
שטעלן, אז דער נאַציאָנאַלער חוב, וואָס די רעגירונג איז שול-
דיק אירע אייגענע בירגער, איז הונדערט פונט און דאָס האָט
זי געבאָרגט ביי איין פרוי (לאָמיר זי רופן מערי, אַנאַ) אויף
מלחמה-הוצאות, וואָס זענען פאַרשטייט זיך, שוין לאַנג אויסגע-
געבן געוואָרן און צעשמעטערט אויף פּיצפּיצלעך, איבערלאָזנדיק
אונטער זיך גאָרנישט, א חוץ פאַרפליכטונגען פון דער רעגירונג
אויסצוצאָלן מערי—אַנאַן 5 פונט א יאָר פון די שטייערן. מאָלט
אייך אויס, אז אין לאַנד איז נור פאַראַן נאָך איין קאַפּיטאַליסט-
קע (לאָמיר זאָגן סאַראַ—דזשעין), וועמעס פאַרמעגן באַשטייט פון
100 פונט, וואָס ברענגען איר אַריין פון בהמות אויפן לאַנד, אַן
הכנסה פון 5 פונט א יאָר, דאָס הייסט צו סאַראַ—דזשעין געהערט
די גאַנצע אינדוסטריעלע איינריכטונג פונם לאַנד; און מערי—
אַנאַ איז די איינציקע היימישע קרעדיטאָרין (אויסגעשלאָסן אויס-
לענדישע קרעדיטאָרן) דאָס הייסט: דעם גאַנצן נאַציאָנאַלן חוב,
איז די רעגירונג שולדיק מערי—אַנאַן. דער פינאַנץ-מיניסטער
שלאָגט פאָר א שטייער אויף קאַפּיטאַל פון הונדערט פּראָצענט
און פאַרלאַנגט 100 פונט פון מערי—אַנאַ. קיין איינע פון ביי-
דע קאָנען נישט באַצאָלן דעם שטייער מיט באַר-געלט. פון די

פינף פונט א יאָר קאָנען זיי עס נישט אַרויסנעמען; נור סאַראַדזשעין קאָן איבערגעבן דער מלוכה אירע אַלע ווערט-פּאַפּירן, אַקציעס א. א. וו. און פון מערי—אַנאַ קאָן די מלוכה איבערנעמען די 100 פונט פון דער מלחמה-הלוואה. מערי און סאַראַ זענען געבליבן אָרעם און וועלן מוזן אָנהויבן אַרבעטן צו פאַרדינען אויף פּרנסה און די גאַנצע אינדוסטריעלע איינריכטונג פונם לאַנד וועט אַריבער אין די הענט פון דער רעגירונג. דאָס הייסט: נאַציאָנאַליזירט ווערן.

אין דער דאָזיקער טראַנזאַקציע איז נישט פאַראַן קיין פיזישע אוממעגלעכקייט, קיין פאַרקויפן פון ווערטלאָזע אַקציעס-פּאַפּירן פאַר גרייט געלט. וואָס עס עקזיסטירט גאָרנישט אין דער ווירקלעכקייט, קיין וואַקלעניש פונם קורס אויף די בענק — גאָרנישט א חוץ איינפאַכע קאָנפיסקאַציע פון אייגנטום. דער פאַקט, אַז די 200 פונט זענען טויזנטער מיליאָן און אַז עס זענען פאַראַן א סך מעריס און א סך סאַראַס יעדע מיט איר קאָמפּלימענט פון טאָמאַס און דיקס, ענדערט טאַקע די מאָס פון דער טראַנזאַקציע אָבער עס ענדערט נישט איר בילאַנס. דאָס וואָלט מען געקאָנט טון. אויב דאָס פּלוצלינגע אַוועקנעמען פונם אייגנטום פון דעם פאַרמעגלעכן קלאַס וואָלט גורם געווען צופיל אויפרודער, וואָלט מען עס געקאָנט טון ראַטעסווייז, לויט א געוואונטשטער באַשטימונג. די הונדערט פּראָצענט אויף קאַפּיטאַל וואָלטן געקאָנט ווערן 50 פּראָצענט אָדער 5 פּראָצענט אָדער 2½ פּראָצענט איינמאָל אין צען יאָר אָדער ווי אייך געפעלט. אויב 100 פּראָצענט וואָלט געמיינט א קאַטאַסטראָפע און 10 פּראָצענט בלויז א קוועטש, וואָלט זיך די רעגירונג צופרידנגעשטעלט בלויז מיט א קוועטש.

דורך אַזאַ לעווי (שטייער) וואָלט די רעגירונג געקאָנט אַראָפּנעמען דעם שטייער וואָס זי האָט פריער גענומען אויף אָפּצושטעלן די מלחמה-הלוואה-פּראָצענטער אינדערהיים און מיט די דיווידענדן פון די קאָנפיסקירטע אַקציעס וואָלטן זיי זיך געקאָנט באַנוצן צו באַצאָלן דעם פּראָצענט פון אונדזער מלחמה-חוב אין אַמעריקע, אַראָפּנעמענדיק אויך דעם שטייער, וואָס באַ-

צאָלט דעמדאָזיקן פּראָצענט. אויב עס האָלט געהלען א קאָנסער־
וואַטיווע רעגירונג, וואָלט זי עס געטון אין א פאָרם פון פאר־
קלענערן הכנסה־שטייערן סאַפּערטעקס (ספּעציעלע שטייערן) שטיי־
ערן אויף פּראָפיט, צי ווען עס איז פאראַן וועלכע עס איז טויט־
פּליכטן און אנדערע שטייערן אויף אייגנטום און גרויסע מסחרים.
א לייבאָר־רעגירונג ווידער וואָלט איבערגעלאָזט די אלע שטייערן
אומבאַרירט, און זי וואָלט אָפּגענומען די שטייערן פון עסנוואַרג
אָדער זי וואָלט פארגרעסערט איר בודזשעט בנוגע די פאָנדן
פאר ארבעטסלאָזע זי וואָלט באשטימט גרעסערע סומען פאר מו־
ניציפּאַלער ארבעט לטובות דעם פּובליקום אָדער אנדערע זאַכן,
פון וואָס דער פּראָלעטאַריאַט וואָלט געווען צופרידן און עס זאָל
גורם זיין א גלייכהייט אין די הכנסות. אזוי־אַרום וואָלט די לע־
ווי געקאָנט מאַניפּאָלירט ווערן, רייכער צו מאַכן די רייכע אַזוי
גרינג, ווי צו דערהייבן דעם אַלגעמיינעם מצב צו א גלייכן וווּל־
שטאַנד און דערפאר איז גראָד אזוי מעגלעך, אז עס זאָל עס
טון אַ קאַפּיטאַליסטישע רעגירונג. ווי אַן אַרבעטער־רעגירונג ביז
דער היימישער מלחמה־חוב וועט — וועלן מיר זאָגן — ליקווי־
דירט ווערן.

דער עיקר פילט זיך אַן אַנטיפּאַטיע צו אַט אזעלכע
פּראַקטישע לעווים, ווייל דאָס איז גיכער אַן אָנפאַל אויף פּרי־
וואַט־אייגנטום איידער א לאַנגזאַמע סיסטעמאַטישע איבערבויונג
פון פאָלקס־אייגנטום. דער געפיל קעגן אָנפאַלן אויף יענעם נעמט
זיך דערפון, וואָס דאָס צעשטערט דעם זיכערהייטס־געפיל, וואָס
צווינגט דעם אייגנטימער צו אינוועסטירן זיין פארמעגן, איידער
עס צו פארהוילטייען. א געפיל פון אומזיכערקייט נעמט אַפּ דעם
מוט ביי די וואָס קאָנען זיך דערלויבן צו שפּאָרן געלט און עס
דערפירט זיי צו אויסברענגערישקייט, אויסצוגעבן עס אָן שום
פאָרזיכטיקייט. אויב איר האָט טויזנט פונט, וועלכע איר קאָנט
אָפּשפּאָרן און איר האָט נישט דעם מינדסטן צווייפל, אז דורך
אינוועסטירן די טויזנט פונט פארזיכערט איר זיך א קינפטיקע
הכנסה פון 50 פונט א יאָר, פון וועלכער איר וועט בלויז מוזן
אָפּצאָלן אַן הכנסה־שטייער, וועט עס אייך באַוועגן, איר זאָלט

דורכויס אינוועסטירן. אויב אָבער איר וועט וויסן אַז ס'איז פּונקט
אַזוי מעגלעך ווי אוממעגלעך, אַז די רעגירונג זאָל עס איגניכן
בּיי אייך אַוועקנעמען, אָדער אַ גרויסן טייל דערפון אונטער אַן
אויסרייד פון אַ חוב, וועלכע זי מוז אויסלייזן דורך איינפירן
לעווים, וועט איר מסתמא קומען צום באַשלוס, אַז עס איז גליי-
כער, איר זאָלט עס גלייך אויסגעבן, אַזוי לאַנג, ווי איר זענט
דערמיט זיכער. עס וואָלט אַ סך בעסער געווען, סיי פאַרן לאַנד,
סיי פאַר אייך, ווען איר זאָלט קאָנען זיין זיכער, אַז אויב די
רעגירונג זאָל בּיי אייך צונעמען אייער פאַרמעגן, וועט זי אייך
באַצאָלן דערפאַר דעם פולן מאַרק-פרייז, אָדער, אויב דאָס וואָלט
צוליב אַ געוויסן מאָטיוו נישט געווען פּראַקטיש, וועט זי אייך
געבן אַ פולע קאָמפּענסאַציע. עס איז אמת, ווי מיר האָבן געפוי-
נען, ווען מיר האָבן באַהאַנדלט די קאָמפּענסאַציע-פּראַגע, אַז
אויף דעמדאָזיקן אין פלוג קאָנסערוואַטיוון אופן, ווי דאָס ווערט
געטון, איז עס פּונקט אַזאַ עקספּראָפּריאַציע, ווי די דירעקטע לעי-
ווי, מחמת די מלוכה באַקומט געלט אויסצוקויפן די אייגנטימער
אויף קאָמפּענסאַציע דורך דעם וואָס זי לייגט אַרויף שטייערן
אויף אייגנטום; אַזוי, אַז די אייגנטימער קויפן זיך אויס איינער
דעם אַנדערן, אָבער אַלס אַ קערפּערשאַפט אַלס אַ קלאַס זענען
זיי בכלל נישט קאָמפּענסירט; דער געפיל פון אומזיכערקייט, וואָס
שאַפט זיך דורך טעראָריסטישע מעטאָדן, איז אַ דעמאָראַליזירנדי-
קער; דאָס וועט איר פאַרשטיין, אויב איר וועט לייענען טהאָק-
סידיס באַשרייבונג פון דער מגפה אין אַטן, וועלכע באַ-
ציט זיך צו יעדער מגפה, פּאַטאָלאָגיש אָדער פינאַנציעל. מגפות
צעשטערן דעם זיכערהייטס-געפיל פון לעבן; מענטשן באַקומען
אַ געפיל, אַז עס איז מעגלעך, זיי זאָלן סוף וואָך שוין זיין טויט
און זיי וואַרפן אַוועק זייער גאַנצע רעפּוטאַציע צוליב איין טאָג
פאַרגעניגן, פּונקט אַזוי וואַרפן קאַפּיטאַליסטן אַוועק זייער געלט,
ווען עס הערט אויף צו זיין פאַרזיכערט. אַן אָנפאַל אויף אייגנ-
טום, וואָס עס אונטערשיידט זיך פון די יערלעכע הכנסה-שטיי-
ערן איז אויף דעם געביט פּונקט, ווי אַ מגפה. עס ווירקט אויך
ווי אַ שלעכטן ביישפּיל און פירט איין אַ מין אַנפאַלערישע געוויג-

הייט. אזוי, אז אויסלייזן היימישע חובות דורך איינפירן לעווים, הגם פיזיש איז עס פראקטיש, איז עס אבער נאריש און נישט בארעכטיקט.

## LXV

## דער קאָנסטרוקטיווער פּראָבלעם געלייזט

איר מעגט זיך איצט אָפּשטעלן און אָפּאָטעמען אַביסל; ווייל איר פאַרמאָגט ענדלעך אין אייער האַנט נישט בלויז דעם אָביעקט פון סאָציאַליזם, וואָס איז פשוט גלייכהייט פון הכנסות, נאָר אויך פון די מעטאָדן, ווי אַזוי אים צו דערגרייכן. איר ווייסט שוין איצט, פאַרוואָס די קוילנמינעס און די בענק דאַרפן נאַציאָנאַליזירט ווערן, און ווי אַזוי דאָס אוועקנעמען דאָס פאַרמעגן פון די מינעס־און בענק־אייגנטימער קאָן קאָנפענסירט ווערן אַזוי, אַז עס זאָל נישט גורם זיין קיין שום אומגערעכטיקייט, קיין שום עוולה בנוגע דעם אינדיווידיום, און עס זאָל אויך נישט צעטרייסלען דעם זיכערהייטס־געפיל, וואָס איז נויטיק, כדי מענטשן זאָלן נישט אויפהערן ווייטער אָפּצושפּאָרן זייערע איבריקע געלטער, אַלס קאַפּיטאַל. איצט ווען איר האָט שוין די פאָרמולעס פון די צוויי אופנים פון נאַציאָנאַליזירונג: איינע פאַר מאַטעריעלע אינדוסטריע, וועלכע שאַפט שווערע, מאַטעריעלע אַרבעט און די צווייטע, אַ דינסט וועלכע ווערט דורכגעפירט מיט געלאַסענער אַרבעט — האָט איר אַ פאָרמולע פאַר אַלע אופנים פון נאַציאָנאַליזירן. און האָבנדיק די פאָרמולע פאַר אַ קאָנסטיטוציאָנעלער קאָנפענסירטער עקספּראָפּראַציע פון די מינעס און בענק־אייגנטימער דורך שטייערן, האָט איר די פאָרמולע, ווי אַזוי צו עקספּראָפּרירן אַלע אייגנטימער. וויסנדיק ווי אַזוי צו נאַציאָנאַליזיר

די אינדוסטריע, ווייסט איר, ווי אַזוי צו באַשטימען די מלוכה אַלס קאָנטראָלער איבער דער צעטיילונג פון הכנסות, וואָס די אינדוסטריע פּראָדוצירט. מיר האָבן נישט בלויז אויסגעפונען די דאָזיקע פאָרמולעס, נור מיר האָבן געזען, ווי מען האָט זיי אויספּרובירט אין דער פּראַקטיק ביי אונדזערע עקזעסטירנדיקע אינסטיטוציעס און מיר האָבן גענוג געזען, כדי נישט צו צווייפלען אַז זיי זענען דורכפירבאַר און זיי וועלן ווירקן; פּונקט ווי מיר האָבן נישט קיין שום סיבה צו קלערן צו דער היי-יאָריקער בודזשעט וועט ווירקן אָדער נישט. דעריבער דאַרפן מיר זיך נישט לענגער רעכענען מיט קיין פאָדערונגען בנוגע דעם וואָס מענטשן רופן קאָנסטראַקטיוון פּראָגראַם. אָט איז עס פאַר זייערע אויגן; און וואָס עס וועט זיי נאָך מער איבעראַשן איז דאָס, וואָס עס אנטהאַלט נישט קיין פּיצל נייעס. די שוועריקייט און די נייעס זענען נישט, ווי זיי שטעלן זיך פאָר אין דעם פּראַקטישן טייל פון די ביזנעס, אַזוי צו זאָגן, וואס ווייזט זיך אַרויס צו זיין גאַנץ איינפאַך, נור אין דעם מעטאַפיזישן טייל: דאָס הייסט, אין דער שטרעבונג צו גלייכהייט. מיר ווייסן, ווי אזוי אַרויסצונעמען די פאַרוואַלטונג, איבער דער נאַציאָנעלער הכנסה פון די פּריוואַטע אייגנטימערס הענט, און עס איבערגעבן אין די הענט פון דער מלוכה-קאָנטראָל. אָבער די מלוכה קאָן עס אמאָל נישט גלייך צעטיילן, אויב עס וועט זיך איר פאַרגלוסטן אַזוי צו טון. אנשטאָט צו מאַכן אַ סוף מיט דער איצטיקער אומגלייכהייט, קאָן זי נאָך פאַרשטאַרקן. זי קאָן אויפהאַלטן אַ פּריווילעגירטן קלאַס ליידיקגייער מיט ריזיק - גרויסע הכנסות און זיי געבן אַ שטאַטס-פאַרזיכערונג אויף עולמות.

אָט דידאָזיקע מעגלעכקייט איז די סיבה וואָס קאָן גורם זיין, אַז עס זאָלן זיך אָנשליסן אָדער וואָס האָבן געוויסערמאַסן שוין אָנגעשלאָסן די אנטשלאָסענע קעגנער פון סאָציאַליזם אָן דעם געדאַנק פון נאַציאָנאַליזאַציע, עקספּראָפּראַטיווע שטייערן און די גאַנצע קאָנסטרוקטיווע פּאָליטישע מאַשינעריע פון סאָציאַליזם אַלס אַ מיטל נאָכאַמאָל צוצעטיילן די הכנסות. דער שווינדל אָבער באַשטייט אין דעם וואָס זיי שטרעבן נאָכאַמאָל

צוצעטיילן די הכנסות, נישט דערפאַר, ווייל זיי שטרעבן צו אַ גלייכער צעטיילונג נור צו אַן אומגלייכער צעטיילונג, וואָס זאָל זיין גאַראַנטירט פונם שטאַט. דזשאָן באַניאַן מיט זיין קרענקלעכן אָבער טיפן בליק האָט שוין לאַנג אָנגעוויזן, אַז עס איז פאַראַן אַ וועג צום גיהנום, אַפילו דורך די טויערן פון גן-עדן; אַז דער וועג צום גן־עדן איז דערפאַר אויך דער וועג צום גהינום; און אַז דער נאָמען פונם דזשענטלמען, וואָס גייט אין גיהנום אַריין דורך דעמדאָזיקן וועג, איז אומוויסנהייט. דער וועג צו סאָציאַליזם, אויב מען זאָל גיין אויף אים בלינדערהייט, קאָן אונדז נאָך אַמאָל דערפירן צום מלוכה-קאַפּיטאַליזם.ביידע מוזן זיי גיין דעם אייגענעם וועג; און דאָס איז עס, וואָס לענין וויי־יקער אינספּירירט ווי באַניאַן, האָט נישט באַגריפן בשעת ער האָט פאַראורטיילט די פאַביאַן-מעטאָדן אַלס מלוכה-קאַפּיטאַליזם. נאָך מער, מלוכה-קאַפּיטאַליזם פּלוס קאַפּיטאַליסטישע דיקטאַטור (פאַשיזם) וועט מאכן אַ קאָנקורס, בכדי זיך איבערצוצייגן, וואָס איז געווינטשטער כדי אָפּצורייניקן אַ טייל פון די שמוציקסטע באַדינגונגען פון דער איצטיקער אָרדנונג; למשל, העכערן שכירות פאַרקלענערן ירושה אָפּצאָלונגען עפענען קאַריערעס פאַר טאַלאַנטן; און אומברחמנותדיק אויסראָטן אַלץ וואָס איז אומנוצלעך אַבי זיך נישט צו מוזן סוף-כל-סוף אונטערוואַרפן דעמדאָזיקן סדר פון אומגלייכהייט, קעגן וועלכן קיין שום ציוויליזאַציע קאָן זיך נישט ווידערשטעלן.

און דאָס אייגנטלעך איז די סיבה וואָס איר האַלט נאָך אַלץ נישט ביי די לעצטע אַכט זייטלעך פון מיין בוך, הגם איר זענט שוין דאַכט זיך פולשטענדיק צוגעגרייט מיט אַ קאָמפּלעטער פאַרטיידיקונג לטובת די, וועלכע פאָדערן, נישט אָן באַרעכטיקונג פונם סאָציאַליזם, קאָנסטרוקטיווע פּלענער, פּראַקטישע פּראָגראַמען, אַ קאָנסטיטוציאָנעלע פּאַרלאַמענטאַרישע אָרדנונג א. א. וו. מיר האָבן נאָך צו דיסקוטירן נישט מכוח פּסעוּדאָסאָציאַליזם, קעגן וועלכן איך האָב אייך נור וואָס געוואָרנט, נור מכוח אַנדערע זאַכן, וועלכע איך קאָן נישט דורכלאָזן, נישט איבערלאָזנדיק אייך מער — ווייניקער אומבאַשיצט קעגן דעם

טומלער, וואָס אנשטאט צו זיין שכלדיק און מיושב מכּוח קאָנסטרוק־
טיווע מעטאָדן — איז ער אַבסאָלוט איבערצייגט, אַז די וועלט
וואָלט אין איין טאָג געקאָנט איבערגעקערט ווערן מיטן קאָפּ־
אַראָפּ און מיט די פיס ארויף פון אַן אומגעוואַשענעם רוס אין
אַ רויטן קראַוואַט און אַ נישט געקעמטער פרוי מיט אַ קענדל
נאַפט אין האַנט, אויב זיי וואָלטן נור געוועזן גענוג געמיין. די־
דאָזיקע אָרעמע צעשראָקענע נפשות וועלן אייך פרעגן און וואָס
וועט זיין מכּוח רעוואָלוציע? וואָס מכּוח חתונה האָבן? מכּוח קינ־
דער? מכּוח דעם געשלעכט? ווען — ווי זיי נעמען אָן — סאָ־
ציאַליזם וועט האָבן צעשטערט אַלע אונדזערע אינסטיטוציעס און
אויפן אָרט פון אונדזער איצטיקער באַפעלקערונג וואָס איז גע־
גליכן צו אַ סטאַדע שאָף, וועלן זיי אונדז געבן אַ באַנדע משוּ־
גענע צעיושעטע הינט. עס איז קיין ספק נישט, אַז איר קאָנט
זיי הייסן גיין; איר קאָנט זיי הייסן רעדן מכּוח אַזעלכע ענינים,
וועלכע זיי זענען פעיק צו פאַרשטיין; נור איר וועט אָבער אויס־
געפינען, אַז זיי זענען אַן עקסטרעמער ביישפּיל פון דעם איצ־
טיקן אָנגענומענעם אופן פון טראַכטן בכלל. נישט נור אַ סך
פון אייערע קליגסטע פריינט וועלן חשק האָבן צו האַלטן
וכּוחים און מכּוח די טעמעס וואָס האָבן אַ שייכות מיט
סאָציאַליזם, נור איר אַליין וועט זיין פונקט אַזוי שטאַרק פאַר־
אינטערעסירט אין דעם ווי זיי. אַלזאָ, אַזוי ווי מיר ווייסן שוין
איצט גענוי, צו וואָס דער סאָציאַליזם צילט און ווי אַזוי ער
קאָן דערגרייכט ווערן, איז לאָמיר דאָס אַלץ איבערלאָזן אַלס
דערליידיקט און לאָמיר זיך צוגרייטן צו אַן אַלגעמיינע קאָנ־
ווערסאַציע מכּוח און אַרום דערדאָזיקער טעמע.

## LXVI

# פאַר־שער סאָציאַליזם

די מלחמה האָט אונדז געוויזן, ווי לייכט עס איז פאַר אַ מלוכה צו קאָנפיסקירן די הכנסות פון איין טייל איינוווינער און עס איבערגעבן אַן אַנדער טייל אָן דער מינדעסטער טענדענץ פאַר גלייכהייט־צעטיילונג אָדער נאַציאָנאַליזאַציע פון אינדוסטריעס אָדער דינסטן. אויב עס גיט זיך איין וועלכן ס'איז קלאַס, אָדער פאַך, אָדער קליקע צו באַקומען די קאָנטראָל איבערן פאַרלאַמענט און קאָן זיך באַנוצן מיט דער מאַכט אויף צו באַרויבן אַן אַנדער קלאַס, אָדער פאַך, אָדער קליקע שוין נישט רעדנדיק פון דער נאַציע בכלל, פאַר זיין אייגענעם נוצן זענען אַזעלכע אָפּעראַציעס פאַרשטייט זיך תמיד פאַרמאַסקירט אַלס רעפאָרמען פון אַ געוויסן מין אָדער אַלס פּאָליטישע נויטווענדיקייטן; אָבער באמת זענען זיי אינטריגעס צו באַנוצן זיך מיט דעם שטאַט פאַר אייגנוציקע צוועקן; פונדעסטוועגן רעכנט מען זיי נישט דערפאַר פאַר קיין שעדלעכע עלעמענטן; מיט אָט די דאָזיקע אויסוואורפן כדי נישט צו שאַרפן זייערע העק, מוז מען באַנוצן פּאָפּולערע רעפאָרמען אַלס צוציונגס־מיטלען צו כאַפּן שטימען פאַר אַזעלכע געזעצן אין פאַרלאַמענט, פאַר וועלכע זיי האָבן באַשטימטע פּערזענלעכע אינטערעסן. אַ חוץ דעם, איז יעדע רעפאָרם פאַר עמעצן אַ געווינס. למשל, די הויזווירטן קאָנען זיין די וואַרעמסטע אונטערשטיצער פון דער אידעע, אויס-

צובעסערן די גאַסן און פון יעדן עפענטלעכן פראָיעקט צו פאַר־ שענערן די שטאָט פאַר די איינוווינער און טוריסטן, מחמת דאָס גאנצע געלט, וואָס עס האָט געקאָסט אויסצובעסערן די שטאָט האָבן זיי צובאַקומען דורך העכערן דירה־געלט. ווען מ'עפנט אויף אַ נייעם עפעטלעכן פארק ווערט טייערער דאָס דירה־ געלט פון די אַלע הייזער, וואָס די פענצטער גייען אַריין אין אָט דעם פּאַרק, ווען אַ צוקונפטיקער כּלל־טוער שענקט אַ גרוי־ סע פאָלקס־שול מיטן צוועק, אַז בילדונג זאָל קאסטן ביליקער, איז ער נישט ווילנדיק גורם, אַז אַלע פריוואַטע הייזער אין און ארום דער געגנט זאָלן טייערער ווערן. און דער סוף איז אַז די אייגנטימער פון דער ערד נעמען פון אונדז אוועק אַלס רענטע, אין אַזאַ פאָרם אָדער אַן אַנדערער אַלק, וואָס איז אונדז נור נישט אַבסאָלוט נויטיק. אָבער די אויסבעסערונגען בלייבן פונדעסטוועגן אויסבעסערונגען. קיינער וואָלט נישט צע־ שטערט די באַוווסטע שולן פון בעדפאָרד, דערפאר וואָס רענ־ טעס זענען דאָרט טייערער ווי אין אַזעלכע שטעט, וואָס האָבן נישט אַזעלכע אויסגעצייכנטע מעלות. ווען פאַוסט האָט געפרעגט מעפיסטאָפעלען, וואָס ער איז, האָט מעפיסטאָפל געענטפערט, אַז ער איז אַ טייל פון אַ קראַפט, וואָס וויל אַלעמאָל טון שלעכטס און טוט כּסדר גוטס; און הגם אונדזערע הויזווירטן און קאַפּי־ טאַליסטן ווילן נישט אַלעמאָל טון שלעכטס און זיי טוען נישט כּסדר קיין גוטס, דאָך האָט דער קאַפּיטאַליזם זיך באַרעכטיקט און איז אַדאָפּטירט געוואָרן אַלס אַן עקאָנאָמישער פּרינציפּ. דער־ דאָזיקער פּרינציפּ איז די אייגננוציקייט. אַ מענטש הייסט עס לויטן קאַפּיטאַליזם איז נישט מחויב צו טון קיין שום גוטע זאַך, אויב ער האָט נישט קיין אייגננוציקע מאָטיוון און הגם מיר זענען מחויב צו טון גוטס לשם־שמים, ווי אַ טייל פון אונדז זאָגן, אָדער כּדי צו פאַרלענגערן דאָס לעבן און אויסצו־ בעסערן די מענטשלעכע ראַסע, ווי אַנדערע דריקן זיך אויס, דאָך איז עס זייער אמת, אַז אויב איר ווילט עפּעס דורכפירן אַ פילאַנטראָפּישע זאַך, דורך אַן עפנטלעכער קערפּערשאַפט, פאַרלעמענטאַריש אָדער מוניציפּאַל, וועט איר זיך באַלד איבער־

צייגן, אז דאָס וועט אייך גרינגער אָנקומען דורכצופירן אויב איר וועט געבן די כיטראַקעס דערביי צו פאַרדינען איידער צו רירן פון אָרט, די פילאַנטראָפּן עפּעס צו טון, כדי צו פרעדיקן קעגן די כיטראַקעס. פאַר כיטראַקעס, רוף איך אָן די מענטשן, וועלכע וועלן זיך נישט צורירן צו קיין זאַך, סיידן עס וועט זיי גופא ברענגען עפּעס אַ נוצן; זיי זענען אָפּטמאָל ווירקלעכע מענטשן פון טאַט, בעת אידעאַליסטישע רעדנער פאַרזייען גאָר ווינט און לאָזן איבער פאַר די מענטשן פון קומענדיקן דור צו שניידן דעם שטורם.

עס איז שוין אַן אָנגענומענע פעסטע מעטאָדע פונם קאַפּיטאַליזם, זיך צו ווענדן צו דער רעגירונג זי זאָל זיך זאָרגן פאַר באַשטימטע פּריוואַטע אונטערנעמונגען, אויפן גרונט וואָס זיי זענען נוצלעך פאַר דער געזעלשאַפט. אַ סך גוטע זאַכן זענען אויף אַזאַ אויפן געשאַפן געוואָרן: למשל, אַ טייל פון אונדזערע מאָדערנע גאָרטן-שטעט און פּאָר-שטעט וואָלטן נישט געווען געקאָנט אויסגעבויט ווערן, ווען די געזעלשאַפטן, וואָס האָבן זיי געבויט וואָלטן נישט אַרויסגעהאָלפן געוואָרן דורך דעם אינדוסטריעלן און פאַרזיכערונגס-געזעלשאַפטס-געזעץ, צו באָרגן אַ גרויסן טייל פון זייער קאַפּיטאַל בײַ דער רעגירונג מיט דער פאַרשטענדניש, אַז די אַקציאָנערן זענען אָרעמע מענטשן, וואָס האָבן נישט אַרײַנגעלייגט מער ווי צו צוויי הונדערט פונט יעדער. אָבער דער לימיט (גרענעץ) איז נישט מער ווי אַן אילוזיע מחמת, די געזעלשאַפטן קאָנען אַרויסלאָזן נישט מער, ווי צו צוויי הונדערט פונט אַן אַקציע, פאַר יעדן אינדיווידיום קאָנען און טוען טאַקע אַזוי; זיי באָרגן אומבאַגרענעצטע סומען דורך דעם וואָס זיי שאַפן דאָס, וואָס מען רופט „לאָן סטאָק”; און דער אייגענער פאַרשוין, וועמען עס איז נישט דערלויבט צו האָבן מער פון אַ צוויי-הונדערט-פונטיקע אַקציע, קאָן האָבן אַ צוויי הונדערט מיליאָן פונט אין „לאָן סטאָק” אויב די בוי-געזעלשאַפט קאָן זיי געברויכן. דער פועל-יוצא איז, אַז רידאָזיקע גאָרטןשטעט, וואָס זענען אָן און פאַר זיך זייערע לויב ווערטע אונטערנעמונגען זענען פונדעסטוועגן דאָס אייגנטום פון רייכע קאַ-

פּיטאַליסטן. אַזוי ווי איך האַלט אַליין אַ היפּשן טייל געלט דאָרט, בין איך גענייגט צו זאָגן, אַז די אייגנטימער דערפון זענען באַזונדער פילאַנטראָפּישע מענטשן, וואָס זענען פאַראינטערעסירט אין טובת־הכלל און זיי האָבן מיטן אייגענעם גוטן ווילן איינוועסטירט זייער פאַרמעגן דאָרט, ווו עס וועט ברענגען דעם גרעסטן נוצן און נישט דאָרט ווו עס וועט ברענגען דעם גרעסטן פּראָפיט פאַר זייערטוועגן; אָבער זיי זענען נישט אומשטערבלעך; און מיר האָבן נישט קיין גאַראַנטיע, אַז זייערע יורשים וועלן ירשענען זייער אומאייגננוציקע נאַטור. דערווייל בלייבט דער פאַקט, אַז זיי האָבן אָנגעקליבן זייער פאַרמעגן מערסטנס מיטן פאָלקס־געלט, דאָס הייסט, מיט געלטער, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן דורך העכערן די שטייערן און אַז דאָס מאַכט נישט די נאַציע זאָל ווערן די אייגנטימערן פון אָט די שטעט און נישט אפילו צו האַלטן אַקציעס אין זיי. און די מלוכה איז איינפאַך אַ מלווה, וועמען מען וועט סוף־כל־סוף אויסצאָלן דעם חוב און די שטעט וועלן בלייבן אין די הענט פין זייערע קאַפּיטאַליסטישע אייגנטימער. און די איינוווינער — הגם זיי זענען גענייגט צו גלויבן, אַז זיי וועלן באַקומען אַ געוויסן טייל פון די פאַרדינסטן פון די שטעט, געפונען תמיד איין, אַז פאַקטיש ווערן אַזעלכע פארדינסטן פאַרברויכט אויף נייע אונטערנעמונגען לטובות פרישע אַקציאָנערן. די גאָרטן־שטעט און פאָרשטעט זענען אין די פאַבריק־שטעט אַ געוואַלטיקער פאָרשריט. פאַרפיינערט אויסשליסלעך פון פריוואַטע אונטערנעמונגען; אָבער אַזוי ווי זיי ברענגען זייערע אייגנטימער נישט קיין גרעסערן נוצן פון די אָרעמע אָנגעפּיקעוועטע שטעט און פאָרשטעט און אפשר נאָך אַ קלענערן — איז גאַנץ מעגלעך, אַז די צוקונפטיקע אייגנטימער וועלן אויספילן די ליידיקע ערטער אין דאָרט אנבויען אַזוי געדיכט מיט הייזער, אַז זיי וועלן סוף־כל־סוף ווערן אָרעמע שמוציקע שטעט; כדי צו פאַרזיכערן זיך, אַז אָט די שטעט זאָלן תמיד בלייבן ווי זיי זענען היינט צו טאָג, וואָלט אַ סך בעסער געווען, אַז די רעגירונג זאָל אויסקויפן די שטעט ביי די אַקציאָנערן, איידער די אַקציאָנערן זאָלן איר אויסצאָלן די חובות, הגם דאָס וואָלט אויך

נישט געהאַט קיין דערפּאָלג, אויב די מלוכה זאָל האַנדלען לויט די קאַפּיטאַליסטישע פּרינציפּן און פאַרקויפן די שטעט צו די, וואָס שלאָגן פאָר דעם העכסטן פּרייז.

אַ נאָך מער ספּקותדיקע אַנטוויקלונג אין שייכות מיט עקספּלאָאַטירן דעם שטאַט מצד די קאַפּיטאַליסטן און דעם טרייד-יוניאָניזם (פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען) איז די סובסידיע פון 10,000,000 פונט, וואָס די רעגירונג האָט געגעבן די קוילנמינעס-אייגנטימער אין יאָר 1925, כּדי צו פאַרמיידן אַ סטרייק. די מינעס-אַרבעטער האָבן געזאָגט, אַז זיי וועלן נישט אַרבעטן, סיידן זיי וועלן באַקומען אַזאַ און אַזאַ פּרייז. די אייגנטימער האָבן געטענהט, אַז זיי קאָנען נישט צאָלן — עס לוינט זיי נישט און זיי וועלן מוזן פאַרמאַכן די מינעס, סיידן די אַרבעטער זאָלן באַשטיין אויף וויניקער; און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסער פּאָליטישער קאַמף מצד דער פּרעסע; מען האָט געליאַרעמט און אונדז געוואָלט איינרעדן, אַז דאָס לאַנד שטייט אין אַ געפאַר רויגירט צו ווערן, אויב מ'וועט צאָלן צו גרויסע שכירות, בעת פאַקטיש האָט זיך דאָס לאַנד געפונען אין אַזאַ מצב, וואָס אין אַ סך פריערדיקע פעריאָדן וואָלט עס באַשריבן געוואָרן אַלס אַ פריילעכער צושטאַנד און אַ שפע. סוף-כּל-סוף האָט די רעגירונג — כּדי צו פאַרמיידן אַ סטרייק וואָס וואָלט פאַראַליזירט די הויפּט-אינדוסטריעס אין לאַנד — געמוזט: אָדער אַרויסבאַקומען דאָס געלט וואָס די אַרבעטסגעבער האָבן געדאַרפט האָבן אויף העכערן די שכירות לויט די פאָדערונג פון די אַרבעטער, אָדער נאַציאָנאַליזירן די קוילנמינעס. אַלס אַ קאַפּיטאַליסטישע רעגירונג האָט זי באַשלאָסן גאָרנישט צו נאַציאָנאַליזירן און האָט אויסגעוויילט צו באַקומען די שכירות דורך שטייערן. ווען די 10,000,000 פונט האָבן זיך אויסגעלאָזט, האָבן זיך די צרות אָנגעהויבן אויפסניי. די רעגירונג האָט זיך אָפּגעזאָגט צו באַנייען די סובסידיע; די אַרבעטסגעבער האָבן געפאָדערט נאָך געלט, סיידן די אַרבעטער זאָלן באַשטיין אויף אַן אַכט-שעהדיקן אַרבעטס-טאָג אנשטאָט אַ זיבן-שעהדיקן; די אַרבעטער האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו אַרבעטן מער נאָר נעמען קלענערע שכירות; עס איז גע-

קומען צו אַ גרויסן סטרייק אין וועלכן עס האָבן תּחילת אַן
אנטייל גענומען די אַרבעטער פון עטלעכע אַנדערע אינדוסטריעס
אַלס „סימפּאַטיקער", ביז זיי האָבן אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז דורך
דעם וואָס זיי פאַרנוצן די פאָנדן פון די טרייד־יוניאָנס דער־
מיט, וואָס זיי מוזן צאָלן די סטרייקער – שטערן זיי די קוילן־
סטרייקער אנשטאָט זיי צו העלפן. און אַ סך אָנשטענדיקע מענטשן
האָבן זיך, ווי געוויינטלעך אין אַזעלכע צייטן, שטאַרק איבער־
געשראָקן און האָבן אָנגעהויבן גלויבן, אַז דאָס לאַנד שטייט
ביים ברעג פון אַ רעוואָלוציע. און מען קאָן זיי נישט נעמען
פאַר אומגוט, מחמת אונטער אַ פול־אנטוויקלטן קאַפּיטאַליזם, איז
די ציוויליזאַציע תּמיד ביים ברעג פון רעוואָלוציעס. מיר לעבן
ווי אין אַ ווילִיע אויפן וועזוווו.

אין משך פונם סטרייק איז דער שטייערצאָלער נישט
עקספּלאָאַטירט געוואָרן פון די קוילנמינעס־אייגנטימער; אָבער
דער שטייערצאָלער איז עקספּלאָאַטירט געוואָרן פון די אַרבעטער.
מחמת ווען אַ מאַן סטרייקט, האָט ער נישט קיין רעכט אויף
קיין „אוט דאָר רעליף"; (אַ שטיצע וואָס ווערט פאַרטיילט צווישן
די אָרעמעלייט פון דער קירך אין יעדן געגנט און די געל־
טער באַקומען די קירכן פון דער מוניציפּאַלער קאַסע, אָבער
זיין ווייב און קינדער האָבן יאָ דאָס רעכט דערצו. דער פועל־
יוצא איז, אַז אַ פאַרהייראַטער קוילן־גרעבער, וואָס האָט צוויי
קינדער קאָן זיך פאַרלאָזן, אַז ער וועט באַקומען אַ פונט אַ וואָך
אויף די הוצאות פון דעם שטייערצאָלער (אָפּצאָלער פון אומ־
באַוועגלעכע גיטער) אינדערצייט, וואָס ער וועט זיך אָפּזאָגן צו
אַרבעטן. די אנטוויקלונג פון דעמדאָזיקן קאָמוניזם אין די באַ־
צירק־קירכן, וואָרצלט באמת אויס דעם שורש פונם קאַפּיטאַליס־
טישן סיסטעם, וועלכער באַשטייט דערויף, אַז דער אַרבעטער
זאָל זיין געצוווּנגען אומברחמנותדיק צו אַרבעטן פאַר אַ הונגער־
לוין אָדער איינגעשפּאַרט צו ווערן אויף אַרבעט און עקלהאַפטע
באַדינגונגען אינם „וואַרק האוז" (אָרעם־הויז) אַזוי אַרום האָט
איר שוין געהאַטביידע פאַלן סיי די „אוט דאָר רעליף" (די צען
מיליאָן סובסידיע וואָס די רעגירונג גיט אַרויס די קוילנגראָבן־

איינגעטימעט אויף דעם טאַקסי-צאָלערס רעכנונג און די לאָקאַלע אויטאָריטעטן, געבנדיק די אייגענע שטיצע דעם פּראָלעטאַריאַט אויפן שטייערצאָלערס רעכנונג, די רעגירונג, וואָס באַשטייט מערסטנס פון קאַפּיטאַליסטן און די לאָקאַלע אויטאָריטעטן פון פּראָלעטאַריער.

* *

*

עס איז געווען אין די לאָנדאָנער אַרבעטער-קוואַרטאַלן נעמלעך פּאָפּולער; ביי די אויפזעער פון דעם „אָרעם-געזעץ", אַן אָרט, ווו מ'גיט אַרויס שטיצע פאַר אָרעמע, האָבן די ערשטע געפאָדערט דאָס רעכט אַרויסצוגעבן אַ פולע שטיצע, וואָס זאָל זיין גענוג צו דערנערן די אַלע, וואָס זענען געווען אַרבעטסלאָז און אַזוי אַרום באַשיצן דעם פּראָלעטאַריאַט פון הונגער-נויט און זיי העלפן אויסהאַלטן אַ סטרייק אַזוי לאַנג, ביז זיי וועלן באַקומען דעם העכסטן שכירות, וואָס מ'האָט געקאָנט ביי זייער פאַך דערגרייכן. די קוילנמינעס-קוואַרטאַלן האָבן זיי אין משך פונם קוילן-סטרייק אין יאָר 1926 נאָכגעטון. די רעגירונג האָט געפּרוווט באַקעמפן דאָסדאָזיקע רעכט און זי האָט געפּרוווט אַוועקנעמען דאָס רעכט פון די לאָקאַלע קירכן אַרויסצוגעבן די שטיצעס און עס איבערגעבן דעם צענטראַלן געזונטהייטס-מיניסטעריום. דער מיניסטער האָט דורך די איבערזעער פון פאָלקסגעלטער באַלאַסטעט די אויפזעער פונם אָרעם-געזעץ מיט דעם טייל אוט-דאָר-רעליף, וועלכע זיי האָבן באַטראַכט אלס איבעריק; נאָר אַזוי ווי די אויפזעער וואָלטן נישט געקאָנט אַקעגנקומען אָט די איבערלאַסטונג, אפילו ווען די קעגנמיטלען, וואָס זענען אָנגענומען געוואָרן, וואָלטן נישט דורכגעפאַלן,—האָט די מלוכה גענומען די אַדמיניסטראַציע פונם אָרעם-געזעץ אין אירע אייגענע הענט אַריין און זי האָט געשאַפן געזעצן, וואָס האָבן איר געגעבן די מאַכט צו טון וואָס זי האָט געוואָלט. דאָס האָט די קאַפּיטאַליסטישע צענטראַלע רעגירונג געפונען פאַר נויטיק, כדי צו פּרוון אַוועקשטעלן צוריק די וואָפן פון הונגער, וואָס די פּראָלעטאַרישע לאָקאַלע אויטאָריטעטן האָבן אַרויסגענומען פון די

קוילנמינעס-אייגנטימערס זהענט. אָבער עס איז שוין אַריבער די צייט פון די אולטראַ-קאַפּיטאַליסטישע געזעצן בנוגע שטיצעס פונם ניינצעטן-יאָרהונדערט, ווען — ווי איך געדענק נאָך גאַנץ גוט — דער הויפּט־רעגיסטראַטאָר פלעגט אָנגעבן די סיבות פון די טויטפאַלן אינם משך פונם יאָר און „געשטאָרבן פון הונ- גער" פלעגט פאַרצייכנט ווערן ווי אַ גאַנץ געוויינטלעך און פאַרשטענדלעך געשעעניש. די קלענסטע שטיצע, וואָס די רע- גירונג וואָלט פאָרגעשלאָגן, וואָלט אויסגעוויזן ביי אַזעלכע טיפּן וואָס דיקנס האָט פערדאַמט אין 1854, ווי די גרעדגרינס אין די באַנדערביס, אַ רוינירנדיקע אויסברענגערײ און דעמאָראַליזאַציע.

וואָס שייך דער דעמאָראַליזאַציע, וואָלטן, זיי נישט געווען אַזוי אינגאַנצן אומגערעכט. מחמת אויב די מינעס-אייגנטימער אָדער וועלכע עס איז אַנדערע אייגנטימער וועלן זיך אַרומזען, אַז עס אַנטשטייען עפּעס שוועריקייטן, מעג די סיבה זיין פויל- קייט אָדער אומוויסנהייט אָדער גיריקייט אָדער אָפּגעשטאַנענקייט אָדער אַלע פיר צוזאַמען, און זיי וועלן איינשמועסן דער רעגי- רונג, אַז זי זאָל קאָנפיסקירן די טאַקסי-צאָלערס הכנסות אויף סובסידיעס, וואָס זאָלן זיי אַרויסהעלפן פון די שוועריקייטן, וועלן די שוועריקייטן ווערן ערגער און ערגער. ווען די קוילן-גרע- בער וויִדער אָדער וועלכע עס איז אַנדערע אַרבעטער וועלן אויסגעפינען, אַז די לאָקאַלע אויטאָריטעטן וועלן קאָנפיסקירן די הכנסות פון די שטייערצאָלער, כדי זיי צו דערנערן, בעת זיי וועלן נישט אַרבעטן, וועלן זיי פאַרלירן דעם חשק צו אַרבעטן, כדי זיך צו קאָנען אויסהאַלטן אָדער וויניקסטנס וועלן זיי נישט אַרבעטן אַזוי אינטענסיוו ווי עס דאַרף צו זיין. דאָך קאָן מען זיך נישט איינפאַך אָפּזאָגן פון אָט דער קאָנפיסקאַציע. אויב די נאַציע וועט נישט אַרויסנעמען אירע אינדוסטריעס פון די פּרי- וואַטע אייגנטימערס הענט מוז זי זיי געבן די מעגלעכקייט צו פירן, צי זי קאָן זיי יאָ צווינגען צו צאָלן אָדער נישט. אויב די אייגנטימער ווילן נישט צאָלן אַזעלכע שכירות, פון וואָס די אַר- בעטער זאָלן זיך קאָנען דערנערן מוז עס די נאַציע טון; ווייל זי קאָן זיך נישט דערלויבן צו לאָזן אירע קינדער אויסהונ-

געוואָרן אירע ציווילע און מיליטערישע כּוחות אָפּגעשוואַכט געוואָרן, הגם זי איז געווען נאַריש גענוג צו דענקען אַזוי אין דער קעניגן וויקטאָריאַס צייטן. סובסידיעס און שטיצעס פאַר אַרבעטסלאָזע דעמאָראַליזירן ביידע, סיי די אַרבעטסגעבער, סיי די פּראָלעטאַריער. אָבער זיי שטויסן אָפּ דעם סאָציאַליזם, וואָס מענטשן האַלטן ווייזט אויס פאַר ערגער פון וואַגאַבונדיזם און באַנקראָט — איין גאָט ווייסט פאַרוואָס!

פונדעסטוועגן, טאָרן די רעגירונגען בשום-אופן נישט זיין אַזוי שעדלעך און ווייניק האַנדלספעיק ווען עס האַנדלט זיך מכּוח סובסידיעס. דאָס געבן סובסידיעס האָט זיך אָנגעהויבן ביי דער ענגלישער רעגירונג אין דער צייט פון דער מלחמה, ווען געוויסע פירמעס האָבן געמוזט עקזיסטירן ביי אַלע אומשטענדן: רווח אָדער נישט רווח, ווארום מען האָט געמוזט האָבן זייער אַקטיוויטעט; מען האָט זיך אָן זיי נישט געקאָנט באַגיין. דאָס איז געווען קעגן אַלע קאַפּיטאַליסטישע פּרינציפּן; אָבער אין מלחמה-צייט וואַרטן מען אַרויס עקאָנאָמישע פּרינציפּן פאַרן ווינט פונקט ווי קריסטלעכע פּרינציפּן; און די מלחמה-קראַנקהייטן ווערן נישט אויסגעהיילט באַלד נאָך די וואָפנשטילשטאַנדן. אינם יאָר 1925, ווען די רעגירונג האָט זיך געלאָזט גרינג אַריינגאַרן צו געבן די צען מיליאָן ל"א-יחרץ געלט צו די מינעס-אייגנטימער, בעת דאָס געלט האָט זי גענומען פונם אַלגעמיינעם שטייערצאָלער — (אייער געלט און מיינס) האָט זי ווייניקסטנס געמעגט פאַרזיכערן אַ גלייכן טייל פּראָצענטער אין די מינעס פאַר אונדזערטוועגן. זי וואָלט זיי אפשר געווען געצוווּנגען צו פאַרזעצן זייער פאַרמעגן ביים פאָלק, כּדי צו קאָנען עקזיסטירן, וואָס זיי וואָלטן געווען געמוזט טון, ווען זיי וואָלטן געדאַרפט אַרויסבאַקומען דאָס געלט אויף אַ געוויינטלעכן קאָמערציעלן אופן. און וואָס שייך די מינעס-אַרבעטער האָט די רעגירונג נישט געפילט קיין שום פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זיי, ווייל אַזוי ווי די אייגנטימער האָבן געקויפט אַרבעט אויפן מאַרק, פונקט ווי זיי קויפן פלאָקנס אונטערצושטיצן די גרובן, האָבן זיי נישט געהאַט קיין שום אויסרייד צו פאַרלאַנגען פון די אַרבעטער, זיי זאָלן זיך פאַרבינדן

אין שייכות מיט דער סובסידיע, פונקט ווי זיי האָבן עס נישט געקאָנט פאַרלאַנגען פון די סוחרים, ביי וועמען זיי האָבן געקויפט די קראָקוועס.

לויט יעדן קאַפּיטאַליסטישן פּרינציפּ, האָט די רעגירונג געדאַרפט: אָדער זיך אָפּזאָגן אַריינצומישן זיך און איבערלאָזן די, אין פאַרגלייך מיט אַנדערע, נישט פּראָדוקטיווערע קוילן־גרובן, וועלכע האָבן נישט געקאָנט צאָלן דעם געווינטלעכן פּרייז, פאַר אַ געוויינטלעכן אַרבעטס־טאָג — אונטערצוגיין. אָדער זי האָט זיי געדאַרפט געבן די נויטיקע סומע, נעמענדיק ביי זיי אַ משכּון, נישט בלויז די ווערטלאָזע ערבות פון די מינעס וואָס ברענגען נישט קיין רווח, נאָר פון אַלע קוילן־גרובן, סיי גוטע סיי שלעכטע. די פּראָצענטער פון די משכּנות וואָלטן אין דעם פאַל געווען אָפּגעצאָלט די גאַציע; דאָס הייסט, די גוטע קוילנגרובן וואָלטן פאַרגיטיקט דעם פאַרלוסט פון די שלעכטע; און אויב די פּראָצענטער וואָלטן נישט געצאָלט געוואָרן, וואָלט די רעגירונג לסוף געווען געקאָנט נאַציאָנאַליזירן די קוילנמינעס, דאָס הייסט, פּשוט אַוועקנעמען זיי פון די אייגנטימער אָנשטאָט אָפּקויפן זיי.

אָבער קאַפּיטאַליסטן האָבן בכלל נישט ליב, ווען עס האַנדלט זיך וועגן שטאַט־ענינים, צו האַנדלען לויט די קאַפּיטאַליסטישע פּרינציפּן. און אַ חוץ דעם, פאַרוואָס זאָלן די גליקלעכע אייגנטימער פון די מינעס, וואָס ברענגען רווח אַרויסהעלפן די אייגנטימער פון מינעס וואָס זענען באַנקראָט? אויב די רעגירונג וויל געבן סובסידיעס די אייגנטימער פון שלעכטע קוילנמינעס, מוז זי זיך צופרידנשטעלן מיט זייערע גאַראַנטיעס. (די גאַראַנטיעס פון די שלעכטע מינעס). עס האָט זיך געענדיקט דערמיט, וואָס די רעגירונג האָט געגעבן די אייגנטימער אַ מתּנה פון צען מיליאָן פונט. די אייגנטימער האָבן געמוזט אַוועקגעבן דידאָזיקע מתּנה צו די אַרבעטער אַלס שכירות: דאָס איז געווען ווייניקסטנס, די אידייע; און עס איז טאַקע, מער אָדער ווייניקער פאַקטיש געשען. אָבער סיי דאַן, ווען מיר באַטראַכטן עס אַלס אַ סובסידיע פאַר די אַרבעטער אָדער פאַר די אייגנטימער אָדער

פאַר ביידע צוזאַמען — בלייבט אַלץ דער פאַקט, אַז דאָס געלט איז גענומען געוואָרן פונם אַלגעמיינעם שטייערצאָלער און איבערגעגעבן געוואָרן, אַלס אַ נדבה, צו אויסדערווײלטע פערזאָנען.

די מענטשן, וואָס זאָגן, אַז אַזעלכע סובסידיעס זענען אין הסכּם מיטן סאָציאַליזם, סיי דאַן ווען זיי מיינען דערמיט אָראָפּצורייסן אים, און סיי דאַן ווען זיי מיינען דערמיט אים צו לויבן — רעדן שטותים; זיי קאָנען פונקט אַזוי זאָגן, אַז די אײביקע פּענסיעס וואָס טשאַרלס דער צווייטער פלעגט געבן זיינע אומגעזעצלעכע קינדער זענען געווען צוליב סאָציאַליסטישע מאָטיוון. דאָס איז אָפענע עקספּלאָטאַציע לגבי דעם שטייערצאָלער פון באַנקראָטירטן קאַפּיטאַליזם און זיינע פּראָלעטאַרישע אָנהענגער. סאָציאַליסטישע אַגיטאַטאָרן, וואָס זענען ווייט פון אונטערצושטיצן אַזעלכע סובסידיעס, וועלן ליאַרמען, אַז איר צאָלט אַ טייל פון די אַרבעטערס שכירות, בעת די מינעס־אייגנטימער האָבן דעם גאַנצן רווח; זיי וועלן טענהן, אַז אויב איר גייט איין דערויף וועט איר איינגיין אויף אַלץ אין דער וועלט; אַז איר באַצאָלט פאַר נאַציאָנאַליזאַציע, אינדערצייט ווען איר באַקומט עס נישט; אַז מען לייגט אויף אייך אַרויף אַ געוואַלטיקן עול, אַ גיגאַנטישן סיסטעם פון צאָלן אויט־דאָר־רעליף פאַר די גבירים אַ צולאָג צו די רענטעס און דיווידענדן זייערע, און חוץ דעם מוזט איר נאָך צאָלן די שטיצעס פאַר אַרבעטסלאָזע; אַז די רייכע, די קאַפּיטאַליסטן האָבנדיק אויסגעפּלינדערט אַלץ: לאַנד, קאַפּיטאַל, און אַרבעט, פּלינדערן זיי איצט די מלוכה־קאַסע; און טאָמער איז זיי נאָך ווייניק דאָס וואָס זיי בעמען ביי אייך איבער אויף יעדן אַרטיקל, וואָס איר קויפט, לייגן זיי נאָך איצט אַרויף אויף אייך שטייערן דורך דער רעגירונג און אַזוי ווי זיי וועלן מוזן אַוועקגעבן אַ טייל פון דעם, וואָס זיי נעמען ביי אייך אין שכירות זענען די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען פאַרזיכטיק און זיי היטן גוט אָפּ, אַז די לייבאָר־פּאַרטיי זאָל שטיצן די סובסידיעס אין פּאַרלאַמענט.

דערווייל הערט מען פון אַלע זייטן ווי מען פאַראורטיילט דעם פּאָפּלאַריזם אַלס א מיטל, דורך וועלכן דער שטייער-קאָלעקטער זאָל אייך קאָנען באַרויבן אייער שווער פאַרהאָרעוועט געלט. אָפּטמאָל נעמט מען ביי אייך צו ביז פיראונצאנציק שילינג פון יעדן פונט, וואָס אייער הויז איז ווערט, כדי אויסצוהאַלטן א חברה געזונטע אַרבעטער, וואָס גייען אַרום ליידיק און עסן זיך אויף, ווי מ׳זאָגט, די קעפּ און וואָס לעבן אפשר ברייטער ווי איר קאָנט זיך דערלויבן צו לעבן אין אייער אייגן הויז.

דאָס אַלץ, א חוץ א געהעריקע פּלאַטפאָרם — כ׳מיין, מיט שיינע ווערטער פּרוּוון אויפצוהאַלטן דורך סיבסידיעס צוזאַמען מיט פּאָפּלאַריזם א סיסטעם וואָס מוז דורכפאַלן — הייסט געברענט דאָס ליכט פון ביידע עקן און עס מוז דערפירן צו אַן אינדוסטריעלן באַנקראָט. אָבער אויב איר האָט שכל וועט איר נישט אויסברענגען אייערע כוחות אויף כּעסן זיך. די קאַפּיטאַליסטן זוכן נישט באַוואוסטזיניק אייך צו באַרויבן. זיי זענען די מאַשינען אויפן טרייב-ראָד פון זייער אייגענעם סיסטעם, וועלכן זיי פאַרשטייען גראָד אַזוי ווייניק, ווי איר האט אים פאַרשטאנען, איידער מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אים שטודירן. אַלץ וואָס זיי ווייסן איז, אַז טרייד-יוניאָניזם (פּראָפעסיאָנעלער פאַריין) שפּילט זיין אייגענע פּאָליטיק קעגן זיי, מיט אזא דערפאָלג, אז אַלץ מער און מער ווערן די איבערגעטריבענע פּרייזן וואָס איר צאָלט פארווענדט אויף שכירות אנשטאט, וואס פריער איז עס געווען ריינער פּראָפּיט פאר זייערטוועגן. זיי שרייען, אז די רעגירונג זאָל זיי ראַטעווען און זי ראַטעוועט זיי (אויף אייערע הוצאות) אַביסל צוליב מורא פאר א גרויסן סטרייק און אַביסל דערפאר, ווייל זי וויל אויפהאַלטן די ברירה, נישט צו מוזן — ווי לאַנג עס וועט זיך נור לאָזן — איינפירן נאַציאָנאַליזאַציע. טיילווייז אויך דערפאר, ווייל זי מוז זיך רעכענען מיט די שטימען פונם פּראָלעטאַריאַט ביי די קינפטיקע אַלגעמיינע וואַלן און דער עיקר דערפאַר, ווייל זי איז נישט פעיק צו טראַכטן פון עפּעס בעסערס אין די זעלטענע סעקונדן ווען זי־

האָט בכלל צייט צו טראַכטן. די בריטישע אַרבעטסגעבער, די בריטישע טרייד-יוניאָניסטן און די בריטישע מלוכה האָבן נישט קיין טיפע מחשבות. ביז איצט איז עס דערווייל ווי מ׳זאָגט אַ געשעפט פון האַנט צום מויל. און מכּוח דער צוקונפט, ווערט ווייניק וואָס געזאָרגט. איר דאַרפט אַלזאָ נישט האָבן קיין מאָראַלישע יסורים בנוגע זיי. אָבער כ׳בעט אייך, נאָטירט דאָס וואָרט „בריטיש”, וואָס מיר האָבן דריי מאָל איבערגעחזרט און אויך די ווערטער „ביז איצט”. די אַמעריקאַנער אַרבעטסגעבער און פינאַנסיסטן, זענען אַ סך מער באַוווּסטזיניק ווי אונדזערע סוחרים און אַרבעטער און די אַמעריקאַנער לערנען אונדז זייערע מעטאָדן. די מאָדערנע וויסנשאַפטלעכע דערפינדונגען האָבן גורם געווען, זיי זאָלן אָנהויבן חלומען פון אַן אומגעהויערן וווּקס אין דער פּראָדוקציע און זיי האָבן איינגעזען, אַז די וועלט איז אָפּהענגיק פון מענטשן וואָס אַרבעטן פיזיש אָדער גייסטיק און דורך קאָמבינאַציעס קאָנען זיי אויסמיידן, אַז די פוילע און אומפּעיִקע לאַנד-און קאַפּיטאַל-אייגנטימער זאָלן פון אַט דער פאַרגרעסערטער פּראָדוקציע נישט געניסן מער, ווי עס איז אַבסאָלוט נויטיק. זיי ווייסן. אַז זיי קאָנען נישט פאַרווירקלעכן זייער חלום און אויך נישט קאָמבינירן ווי געהעריק, באַנוצנדיק זיך מיט זייער אייגענעם מאַרק און זיי צאָלן דערווייל גרויסע שכירות צו מענטשן מיט שאַרפע מוחות, וועמעס איינציקע אַרבעט איז צו דענקען פאַר זייערטוועגן. שטעלט אייך פאָר: ווען איר זאָלט זיין דער דירעקטאָר פון אַ גרויסער פירמע און איר וואָלט באַשלאָסן נישט צו טאָלערירן קיין טרייד-יוניאָניזם צווישן אייערע אַרבעטס-מענטשן און איר באַהאַנדלט זיי דעריבער אַזוי גוט, אַז עס זאָל זיך נישט וועקן ביי זיי קיין שום געפיל פאַר אַ נויטווענדיקייט צו האָבן אַ פאַריין. וואָלט מען אין ענגלאַנד גערופן אייער האַנדלס-הויז „אַ רעט-הויז” (אַ הויז פאַר שטשורעס) און אין אַמעריקע וואָלט עס געהייסן פּשוט אַ הויז אָן אַ יוניאָן. שטעלט אייך פאָר, איר ווערט באַזוכט פון אַ פיין אָנגעטוּענער דאַמע, אָדער דזשענטלמען מיט אַ לייכטער חנעוודיקער באַנעמונג פון אַ מענטש מיט זיכערער דערפאַרונג און אַ באַוווּסטזיין פון

זיין אייגענער פעיקייט און קאָמפּעטענץ. זי (מיר וועלן זי אָנבעמען פאַר א דאַמע) איז געקומען אייך מאַכן א פאָרשלאַג, אז איר זאָלט אַרויסגעבן א באַפעל צו אלע אייערע אַרבעטער, אַז זיי זאָלן זיך אָנשליסן אינם פּראָפעסיאָנעלן פאריין פון זייער פאך, ווי זי, די דאַמע איז די באַליבטע פאָרשטייערין... איר גלאָצט אויס א פּאָר אויגן — איר וואָלט איר זיכער געהייסן גיין, ווען איר וואָלט געוואגט; אָבער ווי קאָן מען ווייזן די טיר אַ מענטשן פון העכערן שטאַנד, וואָס איז דערצו אזוי זיכער מיט זיך? זי הויבט אייך אָן אויפצווייזן, בעת איר קוקט זי אַזוי אָן און זי זאָגט אייך, אַז עס וועט אייך זיכער לוינען, אַז איר פאריין איז גרייט אריינצולייגן א פרישן קאַפּיטאַל אין אייער געשעפט אַריין און אז מען וועט מאכן מיט אייך א פריינטלעכן אָפּמאַך אין שייכות מיט די פארשידענע באַגרענעצונגען אינם מסחר, וואָס זענען אייך אזוי שטאַרק דערווידער; זי ווייזט אייך אָן, אז אנשטאט צו ארבעטן כּדי צו פאַרגרעסערן די דיווידענדן פון אייערע נישט-טעטיקע אַקציאָנערן, וואָלט איר זיי בלויז געדאַרפט געבן דאָס וואס זיי זענען געווינט צו באַקומען און פאַרנוצן דעם איבריקן רווח אויף אויסצובעסערן דעם מצב פון די מענטשן וואָס שאַפן, וואָס אַרבעטן (איר אַליין אריינגערעכנט) און אזוי אַרום, וואָלט דער מסחר באקומען א פרישן שטראָם בלוט און איר מיט אלע מיטווירקנדיקע קרעפטן אינם געשעפט, וואָלטן פאַרדינט א סך מער געלט. זי לייגט אייך פאָר אזעלכע אופנים, וויאַזוי עס דורכצופירן, פון וועלכע איר וואָלט קיינמאָל נישט געחלומט. איז צי קאָנט איר זען וועלכע עס איז סיבה, א חוץ נאַרישן קאָנסערוואַטיזם, אָפּצוּוואַרפן אַזאַ פאָרשלאַג?

דאָס איז נישט קיין בילד פון דער פאַנטאַזיע. עס האָט ווירקלעך פּאַסירט אין אַמעריקע, דאָס איז געווען א רעזולטאַט פון דעם, וואָס די טרייד-יוניאָנס האָבן באַשעפטיקט ערשט-קלאַסיקע האַנדלס-מוחות, דאָס הייסט, מענטשן מיט טיפע ידיעות אין מסחר — זיי זאָלן טראַכטן פאַר זייערטוועגן און זיי האָבן זיי נישט געקארגט צו צאָלן א לוין, וואָס האָט באַטראָפן אַזויפיל, וויפיל די שכירות פון אַ טוץ אַרבעטער. ווען די ענגי-

לישע טרייד־יוניאָניסטן וועלן אַמעריקאַניזירט ווערן, אַזוי ווי עס ווערן איצט אַמעריקאַניזירט די גרויסע ענגלישע געשעפטן, וועלן זיי אויך טון דאָס אייגענע. אונדזערע גרויסע געשעפטס־הייזער קלויבן שוין איצט אויס מענטשן מיט מוחות פון די אוניווערזי־טעטן און עפנטלעכע אינסטיטוציעס צו טון פאַר זייערטוועגן אָט די דאָזיקע אַרבעטן. ביידע, סיי גרויסע מסחרים, סיי געניטע אַר־בעט וועלן איינגיכן פירן זייערע געשעפטן מיט דער הילף פון דער וויסנשאַפט, אַנשטאָט צו שלעפּן זיך שווער און אָן אַ ברעקל פאַנטאַזיע אויף דעם וועג פון אָפּגעשטאַנענקייט. און ווען דאָס וועט דורכגעפירט ווערן, וועלן זיי פאַרשקלאַפן דעם נישט גע־ניטן, דעם נישט אָרגאַניזירטן פּראָלעטאַריאַט, אַריינרעכנענדיק, ווי מיר האָבן געזען, די, וואָס געהערן צו דעם מיטל־קלאַס און האָבן נישט קיין פעיִקייט, אָדער געלעגנהייט צו מאַכן פאַרמעגנס. זיי וועלן פאַרשקלאַפן די מלוכה און זיי וועלן עס מערסטנטיילס טון דורך סאָציאַליסטישע מעטאָדן, מאַכנדיק אַזאַ געוואַלטיק־גוטן איינדרוק און אַזעלכע וווּנדערלעכע אויסבעסערונגען לגבי דער באַקוועמלעכקייט פון דער מאַסע, אַז עס וועט הייסן נישט מענטש־לעך און קעגן יעדן הומאַניסטישן פּרינציפּ צו שטערן זיי אין זייער פיינער אַרבעט. די אָרגאַניזירטע אַרבעטער וועלן נישט וווינען אין קיין ענגע שמוציקע געגנטן, נור אין אַזעלכע ערטער ווי פּאָרט סאַנלייט, באורנוויל און די נייע גאָרטן־שטעט. אַזעל־כע אַרבעטסגעבער ווי מיסטער פאָרד, לאָרד לעווערהולם און מיסטער קעדבורע וועלן נישט זיין קיין אויסנעם און דער זין פון אַ הילפלאָזער אָפּהענגיקייט פון זיי, וועט וואַקסן אויף דעם חשבון פון זייער אינדיווידועלער געוואַגטקייט. דער אַלטער אַל־געמיינער געשריי מכּות הויכע שטייערן און היגיענישע שטעט, וועט זיך פאַרוואַנדלען אין מיסטער פאָרדס געשריי: מכּות הוי־כע שכירות און קאָלאָסאַלע פּראָפיטן.

די דאָזיקע פּראָפיטן זענען שטיינער אינם שטראָם פון גליק. אויב זיי זענען נישט גלייך צעטיילט, קאָנען זיי צעברעכן דעם סיסטעם, וואָס האָט זיי פּראָדוצירט און אַריינשלעפּן די נאַציע אין אַ קאַטאַסטראָפע. צוליבעס די אַלע מכלומרשטע טריומפן

פונם פאַרגרעסערטן האַנדל און זיינע כוחות, וועלן די סאָציאַ־ליסטן נאָך אַלץ מוזן פאָדערן אַן עפנטלעכע קאָנטראָל איבער דער צעטיילונג און גלייכע הככנסות. אָן דעם וועלן די קאַפּיטאַ־ליסטישע גרויסע מסחרים פאַרייניקט ווערן מיט דער אַריסטאָ־קראַטיע פונם טרייד־יוניאָניזם, זיי וועלן קאָנטראָלירן די רעגירונג אַזוי, אז אַלץ זאָל זיין לטובות זייער אייגענע פּריוואַטע צילן; און אייך אַלס ווילער קאָן אַמאָל זיין זייער שווער אונטערצו־שיידן צווישן דעם אמתן סאָציאַליזם, ווען צי ס'איז אז אונ־דזערע אינדוסטריעס זאָלן איבערגיין פון פּריוואַט־אייגנטום צו עפנטלעכן באַזיץ, דאָס הייסט, זיי זאָלן געהערן צו דער נאַציע; און צווישן דעם פאַלשן סאָציאַליזם, וואָס קאָנפיסקירט דאָס געלט פון איין טייל פון דער באַפעלקערונג נישט געבנדיק איר דער־פאַר קיין שום פאַרגיטיקונג, כדי עס אַוועקצוגעבן אַן אנדער טייל, נישט כדי אונדזערע הכנסות זאָלן אויסקומען מער וויניקער גלייכע, נור כדי צו געבן נאָך מער די, וועלכע האָבן שוין אזוי אויך צופיל.

## LXVII

# קאַפּיטאַליזם אין אייביקער באַוועגונג

און איצט, געלערנטע לעזערין (מחמת איצט ווייסט איר שוין א סך מער וועגן דער לעבנס-געשיכטע און די איצטיקע סאָציאַלע פּראָבלעמען פון אייער לאַנד און דער וועלט איידער א דורכשניטלעכער פּרעמיער-מיניסטער) באמערקט איר ביי דער אומאויפהערלעכער אַקטיוויטעט וועלכע איז אונדז אַלע מפרנס, גיט אונדז מלבושים אָנצוטון, הייזער צום וווינען און א טייל פון אונדז, אפילו מער וויפיל מיר באַדאַרפן – אַז קיין שום זאַך שטייט נישט אויף קיין אָרט? די מענטשלעכע געזעלשאַפט איז ווי אַן אייז-באַרג: עס זעט אויס, ווי אַן אומבאַוועגלעך אייביק אייז-פעלד; אָבער אינדערמתן פליסט עס ווי אַ טייך; און די איינציקע ווירקונג פון זיין גלעזערנער גלאַטיקייט איז וואָס זיין אומאויפהערלעך באַוועגן זיך איז אַליין גורם, עס זאָל זיך שפּאַלטן אויף טיילן, אויף וועלכע עס איז א סכנה צו גיין, נאָך מער דערפאַר, וואָס זיי זענען נאַטירלעך אָפּגעווייסט פון אַ פּרעכטיקער דעק פון שניי. אייער פאָטערס, אייער מאַנס, אָדער אייער אייגענער באַנקראָט קאָן אייך יעדע רגע אראָפּשטויסן און אוועקשטעלן אייך אויף אזאַ אָפּגעריסן שטיק אייז – אַ גרויסער שפּאַלט קאָן פאַרשלינגען א גאַנצע אימפּעריע, ווי אין טויזנט נײַן הונדערט אַכצן, ווען עס זענען פאַרשלונגען געוואָרן גאַנצע דריי אויב איר זענט, ווי עס איז העכסט וואַרשיינלעך, דערצויגן געוואָרן

מיטן גלויבן, אז די וועלט איז אַן אָרט פון אייביקע רעגירונגען, באַשטימטע אינסטיטוציעס און אומפאַרענדערלעכע גלויבנס, וועלכע אַלע אנשטענדיקע מענטשן גלויבן און האַלטן אז זיי קאָנען נישט פאַרביטן ווערן מחמת זיי זענען געשאַפן געוואָרן, כדי זיי זאָלן עקזיסטירן אייביק, באַגרינדעט אויף „מעגנאַקאַרטאַ״ (אַ פּריווילעגיום־שריפט פונם קעניג דזשאָן צום פאָלק אין יאָר 1225) און „העיבעס קאָרפּוס געזעץ״, (אַ געזעץ, אז דער קעניג קאָן נישט פאַרמשפּטן אָן אַ געריכט. דאָסדאָזיקע געזעץ האָט פאַרפאַסט שאַפטסבורי, בעת דער הערשאַפט פון טשאַרלס דעם צווייטן) די רייד פון די אַפּאָסטאָלן און די עשרת־הדברות — איז נאָכדעם וואָס איר האָט דאָ געלערנט מכוח די כסדרדיקע און אומדערוואַרטע ענדערונגען און די וואַקלענדיקע איבערגאַנגען פון אונדזער סאָציאַלער אָרדנונג, דאָס איבערגיין פון דער מאַכט פון איין קלאַס צו אַן אַנדערער, די מיינונגס־פאַרשידנהייטן וואָס האָבן פאַראורזאַכט, אז דאָס וואָס מ׳האָט אין אָנהויב פונם נײַנצעטן יאָרהונדערט באַטראַכט פאַר אַ שפע, אַ כבוד, אַ גאָטס־פאַרכטיקייט איז אינם סוף פון אייגענעם יאָרהונדערט באַטראַכט געוואָרן פאַר אַן אייגננוציקע גיריקע נידערטרעכטיקייט און דאָס וואָס איז פאַרמשפּט געוואָרן אינטער דזשאָרדזש דעם פערטן אַלס קרימינעלע קאָנספּיראַציע, איז אונטער דער רעגירונג פון דזשאָרדזש דעם פופטן באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ לעגאַלע פּריווילעגירטע קאָמבינאַציע. — קאָן דאָס אַלץ גורם זיין, אז איר זאָלט פרעגן צוליב וואָס זיך מאַטערן מיט די אַלע באַשרייבונגען אין אויפקלערונגען, אַז עס איז גאַנץ מעגלעך, אז ביז איך וועל האָבן דורכגעלייענט אָט דאָס בוך, זאָל זיך שוין אַלץ האָבן געענדערט? איך קאָן אייך בלויז פאַרזיכערן, אז דער וועג צו פאַרשטיין די ענדערונגען, וואָס קומען פאָר, איז צו פאַרשטיין די ענדערונגען וואָס זענען פאָרגעקומען אין דער פאַרגאַנגענהייט, און אייך וואָרענען, אַז אַ סך פרויען האָבן אַ תל געמאַכט פון זייער אייגן לעבן און האָבן פאַרפירט זייערע קינדער אויף אַן אומגליקלעכן אופן, צוליב דעם וואָס זיי האָבן נישט פאַראַט די דאָזיקע ענדערונגען.

א חוץ דעם זענען די זאַכן, וואָס איך האָב דאָ באַשריבן נאָך נישט אינגאַנצן פאַרביי. עס זענען נאָך היינט אויך פאַראַן אַזעלכע אַלטמאָדישע נאָבל־לייט, וועלכע הערשן איבער דערפער, פונקט ווי זייערע אָבות האָבן געטון הונדערטער יאָר צוריק, טיילמאָל אויף א ווילדעטיקן שטייגער און טיילמאָל טרייבן זיי אַרויס די איינוווינער פון זייערע דערפער, כדי צו מאַכן אָרט פאַר שעפּסן אָדער הערשן, ווייל אַזוי פאַרגלוסט זיך זיי גראָד. עס זענען, נאָך אַלץ פאַראַן פאַרמעס, גרויסע און קליינע. עס זענען, נאָך איצט אויך דאָ קליינע אומבאַדייטנדיקע אַרבעטסגעבער וואָס פירן געשעפטן אַליין אָדער צוזאַמען מיט א צוויי דריי שותפים. עס זענען נאָך אַלץ פאַראַן פאַרייניקטע געזעלשאַפטן ווי יעדער האָט אַריינגעלייגט א געוויסן חלק און זיי האָבן זיך נישט פאַרביטן אויף קיין טראָסטן. עס זענען נאָך אַלץ פאַראַן אָן א שיעור אַרבעטער, וואָס באַלאַנגען נישט צו קיין טרייד־יוניאָן און מען יאָגט פון זיי אַרויס די נשמה, זיי שוויצן אויף וואָס די וועלט שטייט, ווי יענע פרויען וואָס זענען געזעסן איינגעהילט אין נישט וויבלעכע שמאַטעס און האָבן געזונגען דאָס ליד פונם העמד (זיי האָבן געחלומט פון א העמד). עס זענען נאָך איצט אויך ־דאָ קינדער און יונגע מענטשן וואָס מען אַרבעט מיט זיי אָפּ בער די כוחות, אויף אַן אכזריותדיקן אופן צולהכעיס די געזעצן אין פאַרלאַמענט, וועלכע דערגרייכן בלויז אין די פאַבריקן און די גרעסערע אַרבעטס־הייזער. די וועלט אין אַלגעמיין, הגם זי באַשטייט פון לאָנדאָן, פאַריז און ניו־יאָרק, פאַרמאָגט זי נאָך קליינע פרימיטיווע שטעטלעך, ווו גאַז, עלעקטרישע באַלויכטונג, וואַסער־לייטונג און קאַנאַליזאַציע, איז זיי פונקט אַזוי אומבאַקאַנט ווי זיי זענען געווען דעם קעניג אַלפרעד. אונדזערע בארימטע אוניווערסיטעטן, ביבליאָטעקן און בילדער־גאַלעריעס, געפונען זיך אויף אַ דערגרייכבאַרן מרחק פון ווילדע באַנדעס, פון קאַניבאַלן (מענטשן־פרעסער) און פון באַרבאַרישע אימפעריעס. אַזוי־אַרום קאָנט איר זען אַרום זיך לעבעדיקע מוסטערן פון אַלע שטופן אינם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם וועלכן איך האָב באַשריבן. באמת, אויב איר קומט אַרויס, אָדער

אייערע עלטערן זענען ארויסגעקומען (ווי מיינע) פון איינע פון די פאמיליעס, וואס האבן מער ווי א טוץ קינדער און זיי גע־הערן צו יענעם אריסטאקראטישן „בן־זקונים־קלאס". וועלכע זע־נען אין פריערדיקע צייטן געווען מער ווי היינט, האט איר זי־כער אויסגעפונען — נישט גייענדיק אפילו ווייטער פון אייערע עלטערן, אייערע ברודער און שוועסטער, אייערע פעטערס און מומעס, אייערע קוזינס קוזינען און זיך אליין — מוסטערן וואס שפיגלען אפ די לעבנס־באדינגונגען, וועלכע דער קאפיטא־ליזם האט געשאפן אין דעמדאזיקן קלאס אין משך פון צוויי יאר־הונדערטער נישט־רעדנדיק פון דער פריערדיקער האלב מיטל־אלטערלעכער פאזע, לויט וועלכער די מערסטע, העכסט־אנשטענ־דיקע, אפגעשטאנענע פרויען לעבן נאך עד־היום.

א חוץ די וואס בייטן זיך און די וואס האבן זיך געביטן, זענען נאך פאראן די וועלכע האבן זיך נאכנישט געביטן. און אין אונדזער טעגלעכער פראקטיק, מוזן מיר האנדלען מיט אלע דריי. אזוי לאנג ווי מיר וועלן נישט וויסן גענוי, וואס איז פאר־געקומען מיט די, וואס האבן זיך געענדערט, וועלן מיר נישט וויסן, וואס עס וועט פארקומען מיט די, וועלכע האבן זיך נאך נישט געענדערט, און מיר קאנען אמאל מיט די בעסטע טענ־דענצן מיטווירקן צו שלעכטע ענדערונגען אדער זיך אקעגנשטעלן און רוינירן אזעלכע ענדערונגען, וואס וואלטן געווען לטובה. אויב מיר וועלן ווארטן, אז עס וועלן אונדז ווייזן דעם וועג די ארטיקלען אין די פארטייאישע צייטונגען (וועלכע לעבן אגב פון די אנאנסן פון פראפיטירער) אדער די רעדעס פון פארטיי־פאליטיקער אדער די מוטלערייען פון אונדזערע קלאסן־פאראור־טיילערישע שכנים און קרובים וואס האבן אגב נישט קיין שום ידיעה אין פאליטיק, זענען מיר זיכער אדער צו ווערן פארפירט און חרוב אדער גאר פארביטערט.

נעמט זיך פאר א ווארנונג די ריזיקאלישע אונטערנעמונגען פונם קאפיטאליזם אינם געיעג נאך פראפיטן, וואס איך האב פאר אייך געמאלן אין קאפיטל 37 און עטלעכע קאפיטלען שפעטער. מען באשרייבט אייך תמיד דידאזיקע אונטערנעמונגען אין ביכער

אין צייטונגען אַלס די געשיכטע פון דער בריטישער ראַסע, אַלס די געוואַגטקייטן פון דער פראַנצויזישער נאַציאָן (אין פראַנקרייך) אַלס די גרויסע אַלטע דייטשע און לאַטיינישע פאַרזאָרגער אין דייטשלאַנד אָדער איטאַליען און מען שטעלט אָן ספק אַרויס די גלענצנדיקע ווערטיקייט און אירע טאַלאַנטן, וועלכע פאַרשפרייטן ציוויליזאַציע אינדערהיים און צווישן די היידן אין אויסלאַנד. קאַפּיטאַליזם קאָן זיין זייער פיין אויפן פּאַפּיר. אָבער היט אייך נישט צו דערלאָזן, אַז אייער טרוקענע פאַנטאַזיע זאָל אייך אַריינוואַרפן אין אַ מין פאַראַכטונג צו אַלץ און אין אַ ציניזשן אומגלויבן צו קיין שום זאַך. אונדזערע אַנטציקנדיקע זייטלעך און שפאַלטן פון נאַציאָנאַלע ליבעזאַנגען און קעגנזייטיקע באַווונדערונג טאָרן נישט אַוועקגעמאַכט ווערן מיט דער האַנט אַלס איינפאַכער שווינדל. אָן גרויסע דערפינדער, אַנטדעקער און „עקספּלאָרער“ (אויספאָרשער) גרויסע אָרגאַניזאַטאָרן, אינזשעניערן און סאָלדאַטן, מיזאַמע און ריזיקירנדיקע מאַטראָזן, גרויסע קענער פון סעמעסטריע, גרויסע מאַטעמאַטיקער, איבערגעגעבענע מיסיאָנערן און פאַרצווייפלטע ריזיקאַנטן, וואָלטן אונדזערע קאַפּיטאַליסטן נישט געפונען זיך אין קיין בעסערער לאַגע היינט צוטאָג ווי ווען זיי וואָלטן געוועזן פאַרבליבן אין גרענלאַנד אָדער אין טיבעט. אָבער יענע אויסערגעווייטלעכע מענער, וועמעס פאָרשונגען עס האָבן רייך געמאַכט די קאַפּיטאַליסטן זענען אַליין נישט געווען קיין קאַפּיטאַליסטן. אפילו די בעסטע פון זיי האָבן קוים באַקומען אַ קליינע שטיצע און טיילמאָל גאָרנישט קיין שטיצע פון די קאַפּיטאַליסטן וואָס זאָלן זיי אויפמונטערן צו דער אַרבעט, ווייל זייער זעלטן זענען געווען פּערספּעקטיוון אויף באַלדיקע רווחים פון זייער אַרבעט און אונטערנעמונגען, און אַ סך פון זיי זענען געווען און זענען נישט נור אָרעם נור מען האָט זיי נאָך פאַרפאָלגט. און ווען עס קומט די צייט, מערסטנס שוין נאָך זייער טויט, אַריינצוברענגען זייערע אַנטדעקונגען און זייערע זיגן אינם טאָגטעגלעכן לעבן און מען הייבט זיי אָן נוצן־ ווערט די אַרבעט געמאַכט פון די הונגעריקע: די קאַפּיטאַליסטן שטעלן בלויז צו זייער איבעריק שפּייז, וואָס זיי האָבן נישט גע-

זייט און נישט געשניטן נישט געבאַקן און נישט געבראָטן נור בלויז צוזאַמענגענומען פון די הונגעריקע אַלס רענטע אָדער פּראָצענטער און אַוועקגענומען דאָס ביסל אייגנטום פון זיי אונטער געזעצן, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן פון קאַפּיטאַליסטישע געזעצגעבער פאַר דעם צוועק. בריטיש געהירן, בריטישער געניאַליטעט, בריטישער מוט און רעזאָלוציעס האָבן געשאַפן דעם גרייסן רום פאַר ענגלאַנד אַזוי גוט, ווי די זעלביקע מעלות פון אַנדערע פעלקער האָבן געשאַפן יענע לענדער זייערע נאַציאָנאַלע רעפּוטאַציעס: אָבער די קאַפּיטאַליסטן, אַלס אַזעלכע, האָבן נישט צוגעשטעלט נישט קיין מאַרק, נישט קיין גאונישטקייט, נישט קיין מוט אָדער רעזאָלוציעס. זייער קאָנטריבוציע איז געווען דאס שפּייז פון וועלכע די גאונים האָבן זיך דערנערט. און אַפילו דאָס האָבן נישט די קאַפּיטאַליסטן פּראָדוצירט: זיי זענען בלויז געווען די פאַרמיטלער אינדערצייט, ווען דאָס איז איבערגעטראַנספּאָרטירט געוואָרן צו די הונגעריקע, וועלכע האָבן עס קאָנסומירט.

איך זאָג נישט, אַז די קאַפּיטאַליסטן אַלס אַזעלכע; מחמת עס קאָן זיך טרעפן, אַז אַ מענטש זאָל גראָד זיין ביידע: אַקאַפּיטאַליסט און אַ גאון, פּונקט אַזוי לייכט ווי עס קאָן זיך טרעפן אַז איינער זאָל זיין ביידע צוזאַמען: אַ שלעפּער און אַ גאון. די נאַטור רעכנט זיך נישט מיט קיין געלט. עס איז נישטאָ קיין שום וואַרשיינלעכקייט, אַז אַ געבוירענער קאַפּיטאַליסט (דאָס הייסט אַ יורש פון אַ פאַרמעגן) וועט זיין אַ גאון, מחמת עס איז נישט מעגלעך מען זאָל וויסן צו איינער וועט געבוירן ווערן אַ גאון אָדער נישט. די נאַטור האָט עס אַזוי איינגעאָרדנט, אַז פענאָמענען ווערן זעלטן געבוירן; אָבער עס קאָן טרעפן, אַז פון צייט צו צייט זאָלן ביי די קאַפּיטאַליסטן געבוירן ווערן גאונים, פּונקט ווי עס האָט זיך געטראָפן ביי פּרינצן. די קעניגן עליזאַבעט איז פעיק געווען צו זאָגן צו אירע מיניסטאָרן, אַז ווען זיי וואָלטן איר אַרויסגעוואָרפן אויף דער גאַס אָן אַ שום זאַך, אין איר בלויזן אונטערקלייד, וואָלט זי געקאָנט מאַכן אַ לעבן מיט די בעסטע פון זיי. בעת די קעניגן מערי פון שאָטלאַנד ווידער,

האָט איבערצייגט אירע מיניסטאָרן, אַז ווען מען זאָל זי אַרויס-
וואַרפן אויף דער גאַס מיט אַ הונדערט מיליאָן פונט אין געלט
און אַן אַרמעע פון פופציק טויזנט סאָלדאַטן, וואָלט זי זיכער
געמאַכט אַ תּל פון אַלעם, און זי וואָלט געהאַט אַ שלעכטן סוף.
אָבער דאָס וואָס זיי זענען געווען קעניגינס האָט דערמיט גאָר-
נישט צו טון; בלויז זייער פּערזענלעכע קוואַליטעט אַלס פרויען
איז עס געווען, וואָס האָט געשאַפן דידאַקטישע דיפערענץ. פּונקט
אַזוי קומט פאָר ווען איינער אַ געבוירענער קאַפּיטאַליסט איז
גראָד אַ גאָנעף, און אַ צווייטער אַן אויסברעכער, אַ הולטיי. דאָס
הייסט נישט, אַז דער קאַפּיטאַל פּראָדוצירט די פעיקייט אָדער
די אומוווערטיקייט. נעמט אַוועק זייער קאַפּיטאַל וועלן זיי זיין
פּונקט די אייגענע: פאַרטאָפּלט עס און איר וועט דאַדורך נישט
פאַרטאָפּלען זייערע פעיקייטן נישט זייערע שוואַכקייטן. דער נאַ-
רישסטער מענטש אין לאַנד קאָן גראָד זיין דער רייכסטער. דער
קלוגסטער און דער גרעסטער קאָן אַמאָל נישט וויסן ווו ער
וועט נעמען מאָרגן אויף אַ מיטאָג. איך חזר נאָך אַמאָל איבער,
אַז קאַפּיטאַליסטן אַלס אַזעלכע דאַרפן נישט האָבן קיין שום ספּע-
ציעלע פעיקייטן און זיי פאַרלירן גאָרנישט, ווען זיי האָבן עס
נישט. אויב זיי זענען אויס ווי זיי וואָלטן געהאַט די פעיקייט
צו שפּיזן דעם אַרבעטער ראובן — איז עס נור דערפאַר ווייל
זיי האָבן איינגענומען דאָס שפּייז פון דעם פאַרמער שמעון; און
אפילו דאָס האָבן זיי נישט געטון מיט זייערע אייגענע הענט:
זיי האָבן באַצאָלט לוין דעם אַגענט, ער זאָל עס טון פאַרזיי-
ערטוויגן, און דעם געהאַלט האָט ער געהאַט פון דעם קרעמער
יהודה. און ווען ראובן איז אַ קאַנאַל-אַרבעטער, שמעון אַן אינ-
זשעניער לוי דער דירעקטער פון אַ טראָסט און יהודה איז אַ
באַנקיר—בלייבט די סיטואַציע דורכויס נישט קיין פאַרענדערטע.
ראובן, שמעון, לוי און יהודה טוען די גאַנצע אַרבעט: דער
קאַפּיטאַליסט טוט גאָרנישט, אַ חוץ וואָס זי נעמט צו אַזויפיל
געלט, וויפיל זי קאָן, פון דעם וואָס זיי פאַרדינען, און זי לאָזט
זיי נישט פאַרהונגערן (זי הרגעט הייסט עס, נישט די גאַנדז,
וואָס לייגט די גאָלדענע אייער).

דעריבער דאַרפֿט איר זיך נישט רעכנען מיט קיין איינצי־
קער פֿון זיי, נישט מיט די קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען, וואָס
שרייען, אַז דער גאַנצער דערפֿאָלג פֿון אונדזער געשיכטע איז
די פּרוכט פֿון קאַפּיטאַליסטישע ווערדע און טאַלאַנט, נישט מיט די
אַנטיקאַפּיטאַליסטישע צייטונגען, וועלכע וואַרפֿן אַרויף די גאַנ־
צע חרפּה און געמיינהייט פֿון אונדזער געשיכטע אויף דער גי־
ריקייט פֿון די קאַפּיטאַליסטן. פֿאַלט נישט אַריין אין קיין אַנט־
ציקונג און נישט אין קיין צאָרן. וואָס מער איר וועט פֿאַרשטיין
דעם סיסטעם, אַלץ מער וועט איר זיך איבערצייגן, אַז די אי־
בערגעגעבנסטע פּערזענלעכע יושרדיקייט קאָן דערצו גאָרנישט
העלפֿן, סיידן עס זאָלן פֿאָרקומען פּאָליטישע ענדערונגען, וואָס
זאָלן באַפֿרייען די גאַנצע נאַציע.

פֿונדעסטוועגן, הגם די קאַפּיטאַליסטן אַלס אזעלכע טוט
גאָרנישט, אַחוץ וואָס זי אינוועסטירט איר געלט טוט דער קאַ־
פּיטאַליזם שוין גאָר אַ סך. בעת די היימישע מאַרקן זענען פֿיל
מיט די אַלע געוויינטלעכע סחורות, וואָס פּשוטע מענטשן קאָנען
זיך דערלויבן צוקויפֿן לויט זייערע פֿאַרדינסטן און מיט די אַלע
מאָדערנע לוקסוס־זאַכן, וואָס די רייכע, פֿאַרשטייט זיך, קויפֿן —
מוז דאָס אָפּגעשפּאָרטע געלט, וואָס זאַמלט זיך דערווייל אָן,
זוכן פֿרישע אונטערנעמונגען, נייע און מער ריזיקאַלישע אונטער־
נעמונגען, און אַזוי אַרום ווערט דער קאַפּיטאַליזם געוואַגטער
און מער עקספּערימענטאַל; ער הערט זיך צו צו די פּלענער
פֿון די הונגעריקע מענער די גרויסע דערפֿינדער, אינזשעניערן
אָדער כעמיקער! און גרינדעט נייע אינדוסטריעס און עפּנטלע־
כע דינסטן ווי טעלעפֿאָן, אויטאָבוסן, לופֿט־פּאַרקער, ראַדיאָ־קאָנ־
צערטן א. א. וו. דערגאָך הייבט ער אָן צו באַטראַכטן די פֿראַגע
מכּוח פֿאָרטן, אויף וואָס ער וואָלט זיך נישט אומגעקוקט, ווען
עס וואָלט נאָך געווען אָרט אינדערהיים פֿאַר נייע דיסטלעריעס,
וועגן וועלכע מיר האָבן שוין פֿריער גערעדט. לעצטנס האָט אַן
ענגלישע געזעלשאַפֿט אונטערגענומען זיך צו בויען אַ האַפֿן, וואָס
קאָסט איר אָפּ אַ מיליאָן פֿונט פֿאַר אַ פּאָרטיגעשן אינדזל אינם
אַטלאַנטישן ים, און דערצו נאָך אַ פֿרייען האַפֿן (דאָס הייסט,

נישט צו רעכנען אפילו קיין שום אָפּצאָלונגען), מיטן באַדינג, אַז די רעגירונג פון יענעם אינדזל זאָל זיי לאָזן איינקאַסירן דעם טאַריף פון די סחורות פאַר זיך.

הגם די קאַפּיטאַליסטן זענען שטאַרק אין כּעס, ווען די הונגעריקע ווענדן זיך אַמאָל צו דער רעגירונג נאָך אַ וואָסער עס איז הילף, האָבן זיי נישט קיין פּיצל חרפּה אַליין זיך צו ווענדן צו דער רעגירונג נאָך הילף. די באַן-געזעלשאַפט פאַרלאַנגט, אַז די רעגירונג זאָל גאַראַנטירן זייערע דיווידענדן; די לופט-שיף-געזעלשאַפטן פאַרלאַנגען פון דער רעגירונג, זי זאָל זיי אונטערשטיצן מיט גרויסע סומען געלט, כּדי זיי צו העלפן אויפהאַלטן זייערע אַעראָפּלאַנען און זיי זאָלן קאָנען מאַכן געלט דערפון? די קוילן-גרובן-אייגנטימער, צוזאַמען מיט זייערע אַרבעטער ציען אַרויס סובסידיעס פון דער רעגירונג און זיי דראָען מיט אַ סטרייק אויב זיי וועלן נישט באַקומען און די רעגירונג מיטן נעזעץ פונם „טרייד פאַסיליטעס אַקט" (אַ געזעץ צו פאַרלייכטערן דעם מסחר) גאַראַנטירט די הלוואות פאַר פּריוואַטע קאַפּיטאַליסטן, נישט פאַרזיכערנדיק קיין שום טייל פון אָט די אונטערנעמונגען פאַר דער נאַציע, וועלכע פאַרזאָרגט זיי מיט קאַפּיטאַל אויף קליינע פּראָצענטער און מוז נאָך פונדעסטוועגן צאָלן פאַר די סחורות און דינסטן, וואָס זי קויפט מיט טייערע פּראָפיטירנדיקע פּרייזן. עס איז קוים פאַראַן אַזאַ אונטערנעמונג וואָס די קאַפּיטאַליסטן זאָלן זיך פון איר אָפּזאָגן, אויב זיי קאָנען נור קריגן דאָס אָפּגעשפּאָרטע געלט דערויף; און ווען זיי קאָנען נישט, זענען זיי שטענדיק גרייט אַרויסצוקריגן עס פון דער רעגירונג — דאָס הייסט אַרויסצוקריגן עס פון דער באַפעלקערונג דורך צווינגען זיי צו צאָלן שטייערן— און דערביי פאַרזיכערן זיי יעדן איינעם, אַז די רעגירונג אַליין קאָן פאַרן פאָלק גאָרנישט טון און די מענטשן מוזן תּמיד אָנקומען צו די קאַפּיטאַליסטן, אַז זיי זאָלן אַלץ טון פאַר זייערטוועגן, זיי מיט אַלעם פאַרזאָרגן און אַז דערפאַר באַקומען די קאַפּיטאַליסטן די ריזיקע פּראָפיטן, דיווידענדן און רענטעס. זייערע אָפּעראַציעס זענען אַזוי אימגעהויער גרויס, אַז דאָס ענדערט די מאָס און די מיי-

נונג פון דעם, וואָס מיר רופן אונדזער לאַנד. קאַפּיטאַליסטישע האַנדלסגעזעלשאַפטן האָבן באַוועגט די רעגירונג, זי זאָל זיי געבן די פּריווילעגירטע פרייהייטן צוצונעמען גרויסע און געדיכט באַפעלקערטע אינדזלען ווי באָרניאָ, און גאַנצע אימפּעריעס, ווי אינדיע און גרויסע שטרעקעס לאַנד ווי ראָדעסיאַ צו הערשן דאָרט און אויסהאַלטן אַרמעען, מיטן צוועק צו מאַכן דאָרט אַזוי פיל געלט וויפיל עס איז נאָר מעגלעך. און דערפאַר היטן זיי געטריי, עס זאָל דאָרטן פלאַטערן בריטאַניעס פאָן, באַנוצנדיק זיך דירעקט אָדער אומדירעקט מיט דער בריטישער אַרמעע און פלאָט, אויפן רעכנונג פון די בריטישע שטייערצאָלער, כדי צו פאַרטיידיקן דידאָזיקע נצחונות זייערע; און לסוף האָט טאַקע די בריטישע מלוכה געמוזט איבערנעמען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט וואָס האָט אייגנטלעך געדאַרפט זיין בלויז זייערע, און אַריינמען אָט די אינדזלען און מדינות וואָס זיי האָבן פאַרנומען און צורעכנען, זיי צו דעם וואָס מען רופט בריטישע אימפּעריע; מיט דעם קוריאָזן רעזולטאַט, וואָס דאָס בריטישע פאָלק האָט באמת נישט געמיינט, אַז דער צענטער פון דער בריטישער אימפּעריע זאָל היינט זיין אינם מזרח אנשטאָט אין גרויס-בריטאַניען. און פון יעדער הונדערט פון אונדזערע מיטבירגער זענען בלויז עלף ווייסע אָדער אַפילו קריסטן. אַזוי־אַרום פירט אונדז דער קאַפּיטאַליזם צו אַלערליי אונטערנעמונגען, סיי אין אינדערהיים סיי אין אויסלאַנד, איבער וועלכער מיר האָבן נישט קיין קאָנטראָל און מיר פאַרלאַנגען עס לגמרי נישט. דידאָזיקע אונטערנעמונגען מוזן נישט תמיד זיין אומבאַדינגט שלעכט: א טייל פון זיי האָבן זיך אפילו אַרויסגעוויזן צו זיין באמת פיין; אָבער די צרה איז דאָס, וואָס די קאַפּיטאַליסטן גייט קנאַפּ וואָס אָן, צו עס וועט זיך אויסלאָזן גוט אָדער נישט. זיי מוזן ברענגען די אַקציאָנערן דעם צוגעזאָגטן פּראָפיט. ערגער איז נאָך, וואָס מען ווייסט נישט, וואָס זיי וועלן נאָך ווייטער טון און מיר קאָנען נישט גלויבן קיין איין וואָרט וואָס די צייטונגען דערציילן אונדז וועגן זייערע האַנדלונגען, אינדערצייט ווען דער אמת איז אַזוי נישט געווּנטשן, און מען האָט אים אַזוי נישט ליב.

עס איז אמת שווער צו גלויבן, אַז איר זאָלט זיך אויפכאַפּן אין איין שיינעם פרימאָרגן און זיך דערוויסן, אַז דער פּאַרלאַמענט מיטן קעניג, האָבן זיך איבערגעצויגן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אָדער גאָר קיין באַגדאַד אָדער גאָר קיין זאַנזיבאַר און די אומבאַמערקטע אינדזל זאָל פון היינט אָן בלייבן נישט מער, ווי אַ מעטעראָלאָגישע סטאַציע, אַפּרו-אָרט פאַר פייגל און אַן אָרט פאַר עולה-רגלניקעס, אַמעריקאַנער טוריסטן א. א. וו. אָבער וואָס וואָלט איר געקאָנט טון, ווען דאָס וואָלט יאָ פּאַסירט? דאָס וואָלט געווען אַן אַבסאָלוט לאָגישע אַנטוויקלונג מצד דעם קאַפּיטאַליזם. און דאָס איז נישט ווייניקער מעגלעך, ווי דאָס איבערטראַנספּאָרטירן די מעכטיקע רוימישע אימפּעריע פון רוים קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. אַלץ וואָס איר וואָלט געקאָנט טון, אויב איר וואָלט געוואָלט זיין פּאָרגעשריטן, אָדער אויב אייערע געשעפטן אָדער אייער מאַנס געשעפטן וואָלטן נור געקאָנט געפירט ווערן אין אַ גרויסן מעטראָפּאָליטישן צענטער, וואָלט געווען, אָדער אויך אַריבערצוציען זיך אויפן מזרח דאָס הייסט נאָכפאָלגן דעם קעניג מיטן פּאַרלאַמענט אדער אין מערב, קיין אַמעריקע און ווערן אויס בריטישע בירגער.

איר דאַרפט אייך פונדעסטוועגן נישט נעמען דערוויל פּאַקן. נור וואָס איר דאַרפט יאָ טון, איז צו באַפרייען אייער געדאַנק פון דער אידייע, אַז בלויז דער קאָנסערוואַטיזם אין זיין אַלגעמיינעם זין פון ליבע צו די אַלטע וועגן און אינסטיטוציעס אין וועלכע איר זענט דערצויגן געוואָרן—וועט איר זיך קאָנען אויף וואָס פאַר עס איז אופן אַנטקעגנשטעלן דעם קאַפּיטאַליזם. דער קאַפּיטאַליזם אין זיין אומאויפהערלעכן אַרומזוכן ערטער, ווו צום בעסטן צו אינוועסטירן זיינע געלטער, זיין אַבסאָלוטע דרינגלעכקייט, צו געפונען הונגעריקע מענטשן, וואָס זאָלן אויפעסן זיין אָפּגעשפּאָרט ברויט. איידער עס ווערט אַלט, ברעכט דורך יעדע שטערונג אין וועג, רייסט זיך דורך, דורך יעדער גרענעץ, פאַרשלינגט יעדן גלויבן וואַרפט אום יעדער אינסטיטוציע, וואָס איז אים אין וועג און שטעלט אַוועק אַזעלכע געזעצן בנוגע דער מאָראַל, וואָס זאָלן אים צום בעסטן לוינען, פונקט אַזוי נשמהלאָז, ווי ער עפנט אויף

בענק און פּאַרציט טעלעגראַף־דראָטן און עס מוז אייך געפעלן, איר מוזט עס באַשטעטיקן, אויב איר ווילט נישט רויִנירט ווערן און נאָך אפשר אַריינגעוואָרפן ווערן אין דער תפיסה אָדער גאָר אויפגעהאָנגען ווערן.

# LXVIII

## ער קויפט, דער קאַפּיטאַליסטישער אויטאָמאָביל

קאַפּיטאַליזם האַלט אונז אַלזאָ אין אייביקער באַוועגונג. מילא באַוועגונג איז נישט קיין שלעכטע טבע: באַוועגונג איז לעבן, עס איז דער קעגנזאַץ פון אָפּגעשטאַנענקייט, פּאַראַליז און טויט. עס איז ניי און במילא פּאַרקערט פון איינזייטיקייט און מיר נויטיקן זיך אזוי שטאַרק אין אַלץ וואָס איז ניי, אַז ווען איר זאָלט נעמען די בעסטע זאַך, וואָס איז אונדז דערגרייכבאַר (לאָמיר זאָגן די בעסטע שפּייז, די בעסטע מוזיק, דאָס בעסטע בוך, דעם בעסטן געדאַנק, אָדער וואָס עס זאָל נישט זיין פונם בעסטן, וואָס ווערט נישט קאַליע) און זיך האַלטן דערמיט אַ לענגערע צייט, וועט עס אייך אָנהויבן עקלען. פּרויען, למשל, וואָס בייטן זיך, זענען דערטרעגלעכער, ווי אייבטאָניקע, ווי נישט אנגענעם זייערע ענדערונגען קאָנען אמאָל זיין, זיי ווערן טיילמאָל אפילו דערהרגעט, אָבער מען פאַרלאָזט זיי זעלטן; אינם פאַרהייראַטן לעבן איז אויך נאָר דאָס איבערווערטלען זיך מיטן איבערבעטן זיך, וואָס מאַכט עס אַביסל דערטרעגלעכער. ווען מענטשן שאָקלען מיט די קעפּ דאַרויף, וואָס מיר לעבן אין אַן אומרויִקער צייט, פרעגט זיי, וויאַזוי עס וואָלט זיי געשמעקט צו לעבן אין א שטילער צייט, וואָס זאָל זיך קיינמאָל נישט ענדערן. קיינער זאָגט נישט, בעת ער קויפט אַן אויטאָמאָביל „וואָס פאַרמעגלעכער אַלץ בעסער", באַוועגונג פרישט אָפּ, אויב מען ווייסט

באַר ווי אַזוי זי צו קאָנטראָלירן, רירן און אָפּשטעלן, ווען זי הויבט
אָן צו ווערן געפערלעך.

נישט קיין קאָנטראָלירטע באַוועגונג איז שרעקלעך. שטעלט
זיך נאָר פאָר אין אַן אויטאָמאָביל, וועלכן איר ווייסט נישט ווי-
אַזוי צו קירעווען און איר קאָנט אים נישט אָפּשטעלן. דער אוי-
טאָמאָביל, וועלכער איז פאַרזאָרגט מיט מער ווי גענוג גאַזאָלין,
לויפט פופציק מייל א שעה איבער אַן אינדזל וואָס איז פאַר-
שפרייט מיט פעלזן און אַרומגערינגלט פון בערג און טאָלן! אָט
דאָס איז דאָס געפיל וואָס עס באַקומט זיך לעבנדיק אונטערן קאַ-
פּיטאַליסטישן סיסטעם, ווען מען הויבט אים אָן צו פאַרשטיין.
קאַפּיטאַל לויפט מיט אונדז. דאָס הייסט, ער שלעפט אונדז נאָך
און מיר ווייסן פון דער דערפאַרונג, אַז עס האָט זיך תמיד גע-
ענדיקט מיטן וואַרפן די פּאַסאַזשירן איבערן ברעג פון די טאָלן,
צופוסנס דעם באַרג, ווו עס ליגן צעשפרייט די רויִנען פון אים-
פּעריעס. דער איצטיקער, פאַרצווייפלט-דרינגענדיקער פּראָבלעם
פאַר אַלע מלוכות איז, וויאַזוי צו באַקומען דעם קאָנטראָל איבער
אָט דער באַוועגונג; צוגרייטן געזיכערטע וועגן פאַר אירעטוועגן
און פירן זי איבער דידאָזיקע וועגן. ווען מיר וואָלטן זי נור
געקאָנט אָפּשטעלן בעת מיר זעצן זיך אוועק דענקען! אָבער
ניין, דער אויטאָמאָביל וויל זיך נישט אָפּשטעלן, פאַרקערט, ער
גייט אַלץ שנעלער און שנעלער, וואָס מער דער קאַפּיטאַל זאַמלט
זיך, איין שטאַטס-מאַן גאָכן אַנדערן כאַפּט זיך אָן אינם ראָד
און פרוווט זיין האַנט דערויף. קעניגן פרוווון זייער האַנט, דיק-
טאַטאָרן, דעמאָקראַטישע פרעמיער-מיניסטאָרן, קאָמיטעטן און
סאָוויעטן פרוווון זייער האַנט. און מיר קוקן א רגע אַרויף צו זיי
מיט האָפענונג, עס דאַכט זיך אונדז, אַז זיי האָבן שוין די קאָנט-
ראָל, ווייל זיי טוען עס מיט א אויטאָריטעטישע מינע און פאַר-
זיכערן אונדז, אַז אַלץ וועט זיין גוט אויב מיר וועלן זיך נור
רויִק פאַרהאַלטן. אָבער דער קאַפּיטאַל לויפט אַלץ ווייטער, אַנט-
לויפט מיט זיי אַלע און אונדזערע הערצער קלאַפּן צווישן שרעק
און האָפענונג, מיר דערפרייען זיך. ווען אונדזער אומבאַהערשטע
מאַשין שטעלט זיך גראָד אָפּ אויף א גליקלעכן אויבערפלאַך

און מיר קומען אַריין אין פֿאַרצווייפֿלונג, ווען מיר הערן דאָס רוישן פֿון די כוואַליעס אינם טאָל ביים באַרג, אַלץ העכער און העכער, אַנשטאָט עס זאָל אָפּשטאַרבן אין דער דיסטאַנץ. געבענטש זענען דעמאָלט נור די, וואָס פֿאַרשטייען נישט און קאָנען נישט דענקען, זיי דאַכט זיך, אַז דאָס לעבן איז אַ לוסט־רייזע מיט אַ פּאָר אַנגענעמע אינצידענטן, וואָס מוזן פּאַסירן. טיילמאָל זענען אַזעלכע די בעסטע הערשער, פּונקט ווי די בעסטע באַן־סיגנאַליסטן זענען די, וואָס פֿאַרשטייען נישט זייער געוואַלטיקע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, כּדי זיך צו שרעקן און פֿילן זיך נערוועזש, אָבער סוף־כּל־סוף איז די ציוויליזאַציע אָפּהענגיק דערפֿון, ווי אונדזערע רעגירונגען זאָלן געווינען אַ באַוווסטזיניקן קאָנטראָל איבער די קרעפֿטן, וואָס לויפֿן מיטן קאַפּיטאַליזם און כּדי דאָס צו דערגרייכן, דאַרף מען אים קודם־כּל גוט פֿאַרשטייען. סתּם שטאַרקער כאַראַקטער און ענערגיע, וויפֿיל מיר זאָלן דאָס נישט באַוווּנדערן, איז שעדלעך, אויב עס פֿעלט אינטעלעקט און וויסן.

אונדזערע איצטיקע שוועריקייטן נעמען זיך דערפֿון, וואָס קיינער פֿאַרשטייט נישט, אַ חוץ עטלעכע סטודענטן, וועמעס ביכער, קיינער אַ חוץ זיי אַליין לייענט נישט, אָדער אַ מין נביא דאָ און דאָרט, וואָס שרייט אין דער מדבר און ווערט אָדער איגנאָרירט פֿון דער פּרעסע, אָדער מען קוקט אויף אים ווי אויף אַ מענטשן מיט צעדרייטע געדאַנקען. אונדזערע הערשער זענען פֿול מיט אילוזיעס פֿונם געלט־מאַרק, רעכנענדיק פֿינף פֿונט אַ יאָר פֿאַר הונדערט. אונדזערע ווילער זענען נאָך אַזוי ווייט אויך נישט דערגאַנגען, מחמת ביין פֿון יעדער צען, פֿרוי אָדער מאַן, האָבן נישט מער דערפֿאַרונג אין קאַפּיטאַל, ווי אַ שעפּסל אין אַ פֿאַבריק פֿון וואָל, הגם די וואָל קומט פֿון זיין אייגענעם רוקן.

אָבער צווישן די הערשער און די, איבער וועלכע מען הערשט, איז פֿאַראַן זייער אַ וויכטיקער אונטערשיד. די רעגירונגען ווייסן נישט, וויאַזוי צו הערשן, אָבער זיי ווייסן, אַז מען נויטיקט זיך אין רעגירונגען און מען מוז דערפֿאַר גוט באַצאָלן.

די ווײלער באַטראַכטן דאָס רעגירן ווי אַ טיראַנישע אַרײַנמישונג
אין זײער פּערזענלעכע פרײַהײט און שטײַערן באַטראַכטן זײ,
ווי אַ מין אױספלינדערן פונם פּריוואַטן בירגער דורך אָנגעשטעל-
טע פון אַ טיראַנישן שטאַט. אַמאָל האָט דאָס נישט שטאַרק אױס-
געמאַכט, מחמת דאָס פאָלק האָט נישט געהאַט קײן שטים. די
קעניגן עליזאַבעט, למשל, האָט געזאָגט צום פּשוטן פאָלק און
אפילו צו די געריכטס-געשװאָרענע און צו די גראַפן פון די
באַצירקן, װעלכע האָבן צונויפגעשטעלט דעם פּאַרלאַמענט אין
זײער צײַט, אַז שטאַטס-ענינים האָבן נישט קײן שום שײַכות מיט
זײ און עס איז נישט זײער עסק, װי מ'זאָגט, און עס איז אַ
גראָבקײט און אַן אומגעבילדעטער שטאָלץ פון זײער זײַט צו
װעלן האָבן אַן אײגענע מײנונג בנוגע אַזעלכע ענינים. און טאָ-
מער האָבן זײ געפּרוּװט אַרגומענטירן, האָט זי זײ גלײַך אַרײַנ-
געװאָרפן אין תּפיסה נישט װאַקלענדיק זיך אפילו קײן אײנ-
ציקע רגע. דאָך האָט זי אפילו נישט געקאָנט אַרויסקריגן גענוג
געלט דורך שטײַערן, כּדי צו קאָנען דורכפירן אירע פּאָליטישע
נצחונות. זי האָט קוים באַװיזן צו האַלטן זיך בײַ דאָס איריקע,
זײַענדיק גאַנץ גערעכט בנוגע דעם פאָלק און די ריטער, װען
זי האָט געטענהט, אַז זײ זענען אַבסאָלוט נישט קאָמפּעטענט,
װײַל זי אַלײן איז געװען די קאָמפּעטנטסטע פּערזאָן אין איר
צײַט. דידאָזיקע צװײ מעלות האָבן איר געגעבן די מעגלעכקײט
צו זײַן אומאָפּהענגיק פון די גרויסע אַרמײען, אויף װעלכע אַנ-
דערע דעספּאָטן האָבן זיך כּסדר געשטיצט. זי האָט געקאָנט רע-
כענען אויף דער לאָיאַליטעט פונם פאָלק, מחמת זי איז געװען
פּעיִק, װי מ'זאָגט, צוצושטעלן די סחורה. װען אירע טראָנפאָלגער
האָבן געפּרוּװט זײַן אַזױ דעספּאָטיש װי זי איז געװען, מיטן
חילוק, װאָס זײ האָבן נישט געקאָנט „צושטעלן די סחורה" האָט
מען אײנעם געקעפּט און דעם צװײטן האָט מען אַרויסגעטריבן
פון לאַנד. קראָמװעל האָט זיך מיט איר אויסגעגלײַכט אין פּע-
יִקײטן; דאָך, הגם ער איז געװען אײנער פון פּאַרלאַמענט, איז
ער געצװוּנגען געװען צו האַלטן אַ שטאַרקע האַנט איבערן פּאַר-
לאַמענט און הערשן מיטן כּוח פון געװער.

וואָס שייך דעם פשוטן פאָלקס־מענטש, איז די טענה אַז דערפאַר, וואָס ער איז אָרעם און האָט נישט קיין ידיעה אין פּאָליטיק קאָן ער נישט קוואַליפיצירט ווערן צו באַטייליקן זיך אין דער רעגירונג פונם לאַנד, אָט די טענה איז אָנגענומען גע־וואָרן ביז דאָ נישט לאַנג אין מיין אייגענער צייט. אין מיין פאָטערס צייט איז די טענה, אַז געבן יעדן מאַן א שטים (שוין נישט רעדנדיק וועגן יעדער פרוי), איז א שטות און ווען מען זאָל עס דורכפירן וואָלט עס געווען געפערלעך — געווען אָנגע־נומען ווי א זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, נישט נאָר ביי קאָנסער־וואַטאָרן, ווי דער דאָק אָף וועלינגטאָן, נור ביי עקסטרעמע רע־וואָלוציאָנערן ווי דער יונגער פּאָעט שעלי למשל.

ס'דאכט זיך מיר ווי עס וואָלט נעכטן געווען, ווי מיסטער ווינסטאָן טשערטשל האָט דערקלערט, אַז די לייבאָר איז נישט פעיק צו הערשן.

מעגלעך, אַז איר שטימט אפשר איין מיט דער קעניגין עליזאַבעט, קראָמוועל, וועליגטאָן, שעלי און מיסטער ווינסטאָן טשערטשל. אַלנפאַלס, אויב עס איז אזוי, זענט איר גאַנץ גע־רעכט, דערפאַר וואָס, הגם מיסטער רעמזי מאַקדאָנאַלד האָט לייכט איבערגעצייגט דאָס לאַנד, אַז א לייבאָר־רעגירונג קאָן לפחות פירן אזוי גוט, ווי די ליבעראַלע אָדער די קאָנסערוואַטי־ווע רעגירונגען, וועלכע האָבן געהאַט מיסטער טשערטשלס אונ־טערשטיצונג, איז דער אמת, אַז זיי קאָנען קיינס נישט פירן די מלוכה ווי געהעריק: דער קאַפּיטאַליזם אנטלויפט מיט זיי אַלע, שלעפט זיי אַלע מיט. די האָפענונגען וואָס מיר האָבן געלייגט צו פאַרברייטערן די פרייהייט צום ערשטן לגבי די אַרבעטער (מענער) און דאַן די פרויען וואָס עס באדייט, אַז עס וואָלט דערגרייכט אַלע דערוואַקסענע מענטשן — איז געווען אַן אַנטוישונג אויף אַזויפיל, וויפיל עס האָט א שייכות מיטן קאָנטראָלירן דעם קאַ־פּיטאַליזם און פּאַקטיש אויך אויף א סך אַנדערע געביטן. דעם ערשטן געברויך וואָס די פרויען האָבן געמאַכט פון זייערע שטי־מען איז געווען אַרויסצוּשטויסן מיסטער מאַקדאָנאַלד פון פּאַר־לאַמענט, צו שטימען דערפאַר אַז מען זאָל אויפהענגען דעם

קייזער און צווינגען דייטשלאַנד זי זאָל באַצאָלן די קאָסטן פון דער מלחמה. ביידע אַזעלכע אוממעגלעכקייטן וואָס האָבן אפילו נישט געטאָרט אַרויפגעלייגט ווערן אויף א מאַן—אַ ווײלער. זיי האָבן באַקומען שטים-רעכט ווייל זיי האָבן געטענהט, אז זיי זענען פונקט אזוי קאָמפּעטענט אין פּאָליטישע ענינים, ווי די מענער און אזוי גיך, ווי זיי האָבן עס באַקומען האָבן זיי גלייך באַוויזן אז זיי זענען פונקט אזוי אומקאָמפּעטענט. דעם איינציקן ציל וואָס זיי האָבן דערגרייכט ביי די וואַלען איז געווען דאָס, וואָס דער זיג איבער מיסטער מאַקדאָנאַלד דורך זייערע שטימען אין לייסעסטער האָט באַוויזן, אַז זיי זענען נישט, ווי זייער נאַרישסטער קעגנער האָט זיך אויסגעדריקט זיכער צו שטימען פאַרן שענסטן מאַנספּערשוין.

דאָס פאַרגרעסערן די פּאָליטישע מאַכט פון דער גאַנצער „קאַמיניטע" (דעמאָקראַטיע ווי זיי רופן עס) האָט גורם געווען, עס זאָל זיך ווידער פאַרשטאַרקן דער ווידערשטאַנד קעגן דער רעגירונג און קעגן שטייערן אין א מאָמענט, ווען נור אַן אויסגעברייטערטע רעגירונג און שטייערן קאָנען האָבן א וועלכע עס איז האָפנונג צו קאָנטראָלירן דעם ראַשיקן לויף פונם קאַפּיטאַליזם צום אָפּגרונט. און דאָס האָט באַשאַפן א טענדענץ, וואָס די אַלטע סופראַזשיסטקעס און סופראַזשיסטן האָבן אפילו נישט געחלומט און צו וואָס זיי וואָלטן אפילו נישט צוגעהאָלפן, ווען זיי וואָלטן דערפון יאָ געחלומט: נעמלעך פאַנאַנדערצולאָזן די פאַרלאַמענטאַרישע רעגירונג און איינפירן אויף איר אָרט א דיקטאַטאָרישע מלוכה. פאַרצווייפלט דערפון וואָס עס איז איר נישט געלונגען אינם פאַרלאַמענט אַרויסצוראַטעווען די אינדוסטריע פון די פּראָפיטירער און דעם געלט-קורס פון די פינאַנסן (וואָס מיינט די לעבנס-מיטלען פונם פאָלק פון דער ריין רויבערישער זייט פונם קאַפּיטאַליזם) האָט אייראָפּע אָנגעהויבן ליאַרמען נאָך פּאָליטישע דיסציפּליניסטן וואָס זאָלן זי ראַטעווען. דאָס זיגערישע פראַנקרייך, וועמעס געלט-קורס עס ליגט אין רינשטאָק, בעט כמעט, קאָן מען זאָגן, אויף אַ נאַפּאָלעאָן אָדער א פּאָליטישן משיח. איטאַליען האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם פאַרלאַמענט און האָט

איבערגעגעבן די בייטש מוסאָלינען, ער זאָל דערשלאָגן די איטאַליענישע דעמאָקראַטיע און ביוראָקראַטיע און שאַפן אַווירקזאַמע קראַפט און עפּעס אַ שטיקל אָרדנונג. אין שפּאַניען האָט דער קעניג מיטן מיליטערישן הויפּט-קאָמאַנדיר זיך אָפּגעזאָגט ווייטער צו דודלען דעם דעמאָקראַטישן נאָנסענס און זיי האָבן גענומען דאָס געזעץ אין זייערע אייגענע הענט אַריין. אין רוסלאַנד האַלט אויף אַ מינאָריטעט פון איבערגעגעבענע מאַרקסיסטן מיט פּשוטן צוואַנג אַזאַ רעגירונג, וואָס איז מעגלעך אין די צייַן פון אַן אומצופרידענעם פּויערנטום. אין ענגלאַנד וואָלט מען וואַרעם אויפגענומען אַ קראָמוועל, ווען נישט צוויי אורזאַכן: ערשטנס איז קיין קראָמוועל נישט פאַראַן, צווייטנס, ווייל די געשיכטע לערנט אונדז, אַז אויב מיר וואָלטן געהאַט אַ קראָמוועל און ער וואָלט ווידער געהערשט איבער אונדז מיטן כּוח פון מיליטער, וואָלט ער נאָכן אויספּרובירן יעדן סאָרט פּאַרלאַמענט איינגעפונענדיק איינעם ערגער פונם צווייטן, אויסגעמאַטערט געוואָרן אָדער גאָר געשטאָרבן אין משך פון עטלעכע יאָר; דאַן וואָלטן מיר זיך צוריק אומגעקערט ווי דאָס חזיר, צו וואַלגערן זיך אין דער בלאָטע און איבערגעלאָזט די תּחית-המתים אויפגעשטאַנענע פּראָפּיטירער נקמה צו נעמען אינם מת פונם אויסגעמאַטערטן הערשער. אויסצוגיסן דעם גרימצאָרן, וואָס זיי האָבן נישט געוואַגט אַרויסצווייזן בשעת ער האָט געלעבט. אונדזער אומפעיקייט צו הערשן איבער אונדזער אייגן לאַנד, שטעלט אונדז אַוועק אין אַזאַ לאַגע, אַז מיר זענען צופרידן איבערצוגעבן דעם „דזשאַב" (די אַרבעט) וועמען עס איז, אַבי נור ער איז גענוג שטאַרק עס אונטערצונעמען; אָבער דאָס נישט וועלן באַהערשט ווערן בכלל, איז גורם אַז מיר זאָלן קוקן אויף אָט די שטאַרקע, קראָמוועלס אָדער מוסאָליניס ווי אויף אומדערטרעגלעכע טיראַנען און מיר פאַלן צוריק אַריין אין אַפּאַטיע, אַזוי גיך ווי ער קערט זיך אָפּ פון אונדז, אָדער ער שטאַרבט. מיר שרייען, אַז מיר דאַרפן האָבן אַ דעספּאָטישע דיסציפּלין, ווייל מיר קאָנען נישט פאַרטראָגן די טרויעריקע פאָלגן פון אַנאַרכיע און ווען מיר באַקומען די דיסציפּלין, שרייען מיר, אַז מיר קאָ-

נעָן נישט פאַרטראָגן די שטרענגע געזעצן, מיט וועלכע מען וויל רעגולירן די אָרדנונג און מיר לעכצן נאָך דעם, וואָז מיר רופן פרייהייט. אין יעדן בלינדן געיעג נאָך עקסטרעמיטעטן גיסן מיר אויס דאָס קינד פון באָד, צוזאַמען מיטן וואַסער. מיר לערנען גאָרנישט פון די דערפאַרונגען, מיר באַקומען נור ביישפילן פון דער שלעכטער באהאַנדלונג, מצד דער מאַכט און פון די שרעקן פון אָט די פרייהייטן, נישט באשטימענדיק קיין גרענעץ פאַר קיין איינע פון זיי.

לאָמיר זען, צו מיר קאָנען נישט אָפּרייניקן אָט דעם ענין וועגן דער מלוכהס „ווערטיס ליבערטע" איידער מיר גייען זיך אָפּזאָגן פון דער מענטשלעכער ראַסע, אַלס פּאָליטיש האָנוגסלאָז.

# LXIV

## די נאַטירלעכע גרענעץ פאַר פרייקייט

איינמאָל פאר אלעמאָל, מיר זענען נישט געבוירן געוואָרן פריי און מיר קאָנען נישט זיין פריי כל־זמן אַלע מענטשלעכע טיראַנען וועלן נישט אויסגעראָטן אָדער אַראָפּגעזעצט ווערן פון טראָנען, אָבער דאַן וועט נאָך אַלץ בלייבן איין טיראַן, וועלכן מען קאָן נישט דערשלאָגן און נישט אויסראָטן. דערדאָזיקער טיראַן איז די נאַטור. ווי לייכט די נאַטור באַגייט זיך מיט אונדז אויף די אינדזלען ביים דרום־ים, זוו איר קאָנט זיך וואַרעמען אויף דער זון און בלויז אַראָפּבייגן זיך כדי צו באַקומען שפּייז און אפילו דאָרט מוזט איר זיך אויסבויען אַ כאַטע און אויב איר זענט א פרוי מוזט איר טראָגן, האָבן און דערנערן קינדער מיט מי און מאַטערניש. און אַזויווי די מענער זענען דאָרט שיין, האָבן זיך ליב אַרומצודרייסן, זענען שטאַרק אייפערזיכטיק און האָבן נישט מער וואָס צו טון, א חוץ האַלטן אין איין פאַרפירן ליבעס פאַרוויילט מען זיך מיט גימנאַסטיק, און א מין ספּאָרט, וואָס מ׳הרגעט זיך אויס איינער דעם צווייטן און איר מוזט זיך כסדר פאַרטיידיקן מיט אייערע אייגענע הענט.

אָבער אין אונדזערע געגנטן איז די נאַטור אַ שווער פּרוווּ־מוסטער. אין די פּרימיטיווע צייטן איז דער מצב געווען אַזעלכער, אַז נור דורך שווערער ארבעט פון באַגינען ביז שפּעט אינדערנאַכט האָבן מיר געהאַט די מעגלעכקייט, זיך צו נערן,

קליידן ווי עס איז און האָבן א אָפּדאַך, זיך צו באַשוצן און איבערצוהאַלטן אונדזער שטרענגן קלימאַט. נישט איינמאָל זענען מיר אומגעקומען פון הונגער און פאַרפלייצונגען, פון וועלף און ווילדע שטורעמס און רעגנס און אין בעסטן פאַל האָבן די פרויען געמוזט טראָגן האָבן און דערציען גרויסע פאַמיליעס, כּדי צו פאַרגיטיקן די געוואַלטיקע שטערבלעכקייט צווישן די קינדער. זיי האָבן געמוזט אַליין שפּינען און נייען די מלבושים פאַר דער גאַנצער פאַמיליע, באַקן דאָס ברויט און קאָכן די מאָלצייטן פאַר זייערטוועגן. אַזויפיל פרייע צייט וויפיל עס געניסט א היינטיק מאָדערנע פרוי איז געווען נישט נור א חרפּה: עס איז געווען אָן אוממעגלעכקייט. א שעף האָט געמוזט שווער ארבעטן פאַר זיין מאַכט און פּריווילעגיע אַלס געזעצגעבער, אַדמיניסטראַטאָר און שעף פון דער פּאָליציי און וואָלט אפילו זיין צעלאָזנסטע פרוי געפּרוווט וועלן נעמען זיך אַזויפיל פרייע צייט און לעבן אַזוי אויסברענגעריש, ווי עס טוען היינט טויזנטער געוויינטלעכע פרויען אָן שום פאַרוואורף — וואָלט ער זי זיכער אויסגעבעסערט מיט א שטעקן, וואָס וואָלט געווען אַזוי דיק ווי זיין גראָבער פינגער און מען וואלט געקוקט דערויף נישט נור ווי אויף אַן אומשולדיקן טאַט. נור מען וואָלט אים נאָך באַטראַכט פאַר א מענטשן וואָס איז אַקטיוו און ווייסט, וויאַזוי אויסצונוצן זיינע פליכטן. אויך פון די פרויען האָט מען פאַרלאַנגט זיי זאָלן טון דאָס אייגענע מיט זייערע טעכטער, און נישט לערגען זיי צו טון ווי די דאַמען פון וויקטאָריעס צייטן, אז צו ארבעטן און צו טון עפּעס, וואָס איז נוצלעך, איז א חרפּה און אויב עס קאָן אויסגעמיטן ווערן און מען מוז טון עפּעס א נוצלעכע אַרבעט — זאָל מען אָנקלינגען נאָך דער דינסט און נישט דערוועגן חלילה צו טון עס מיט דער אייגענער האנט.

איצט האָט די קאָמערציעלע ציוויליזאַציע כּסדר אָפּגעגעבן זיך מיט דערגרונטעוועז און אויפצופּענען ווענן, וויאַזוי צו טון די פליכטן, וואָס די נאַטור לייגט אויף אייך אַרויף מיט ווייניקער צרבעט. וויסנשאַפטלעכע מענער שטרעבן צו אַנטדעקן דערפאַר, ווייל זיי ווילן דערגיין די סודות פון דער נאַטור; אָבער

אזעלכע באַקאַנטע אַנטדעקונגען, ווי דער[illegible]בויגן און די שפּיז, דער רידעל און די לאָפּאַטע און דאָס אַקער-אייזן, דאָס ראָד און די געוועלבן קומען דערפון, וואָס מען האָט געזוכט אַ מיטל צו פאַרגרינגערן די אַרבעט אינדרויסן. אינעווייניק אין הויז, מאַכט דאָס שפּין-ראָד און דאָס שפּין-העלצל, די פייערפאַן און דאָס פייער-אייזן, די רייב-באַרשט און דער זייף, די נאָדל און די פאַרזיכער-נאָדל גרינגער די הויז-אַרבעט. אַ טייל אַנטדעקונגען מאַכן די אַרבעט אפשר שווערער, אָבער דערפאַר קורצער און שכלדיקער, אָדער אַז נישט מאַכן זיי מעגלעך אַזעלכע אָפּעראַציעס, וואָס זענען פריער אוממעגלעך געווען: למשל, דעם אַלפאַבעט, אַראַבישע ציפערן, אַליין-רעכנער אַלגעבראַ. אנשטאָט זיך אַליין איינצושפּאַנען צו דער אַרבעט, שפּאַנט איר בעסער איין דאָס פערד, דעם אָקס, זאָלן זיי זיך ברעכן דעם רוקן; און שפּעטער זעט איר גאָר, אַז דאַמף, אויפרייסנדיקער שפּירטוס און עלעקטריציטעט זאָלן טון די אַרבעט פון די געבויגענע רוקנס, מען האָט שוין דערגרייכט דערצו, אַז מענטשן זאָלן קאָנען טון אנשטאָט מער אַרבעט ווי עס איז געזונט פאַר זיי — ווייניקער. פון דער נאָדל ווערט אַ ניימאַשין, פון דער קערבאַרשט — אַ שטויבזויגער און ביידע ווערן זיי געטריבן דורך אַ קנעפּל אין דער וואַנט פון אַ מאַשין, וואָס געפינט זיך מיילן ווייט, אנשטאָט צו דאַרפן טרעטן מיט די פיס און באַוועגן מיט די הענט. אינם קאַפּיטל 42 האָבן מיר געכאַפּט אַ בליק אויף דעם, ווי אַזוי מיר האָבן פאַרלוירן די אַלטע פעיקייטן צו פיזישע אַרבעט און די אַלטע געניטקייט אין האַנדל, און מבינית אויף סחורות, צוערשט דורכן צעטיילן די אַרבעט (זייער אַ וויכטיקע דערפינדונג) און דערנאָך דורכן איינפירן מאַשינעריע. אויב איר האַלט הײַנטיקע צייטן אַ דינסט, וועלכע מען האָט געלערנט אין אַן ערשטקלאַסיקע אינסטיטוציע ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט דער מאָדערנע מאַשינעריע פאַר הויז-אַרבעט און איר ווילט איר אַרויסנעמען אויפן דאָרף — איך וועל נאָך נישט גיין אַזוי ווייט, צו זאָגן, אַז הגם זי ווייסט, ווי אַזוי צו נוצן דאָס קנעפּל פון אַן אויטאָמאַטישע עלעקטרישע ווינדע אָדער אַרויפגיין און אַראָפּגיין פון

אַן „עסקעלעטאָר" און נישט פאַלן אויף דער נאָז, קאָן זי נישט אַראָפּגיין אָדער אַרויפגיין אויף די שטיגן — אָבער עס איז מעגלעך, אַז עס וועט אינגיכן קומען דערצו. נור דערווייל וועט איר האָבן פאַר זיך אַן איבערציוויליזירטע פרוי, וועלכע איר וועט צופרידן זיין אויסצוטוישן אויפן ערשטן בעסטן פּרימיטיוון דאָרפסמיידל. אויב עס זענען נאָך איבערגעבליבן פּרימיטיווע דערפער אין אייער געגנט.

אָבער לאָמיר זיך האַלטן ביי אונדזער געליבטער טעמע, מכּוח דעם קלאַס לײדיקגייער און אונדזער פּערזענלעכע פרייהייט.

וואָס איז פרייהייט? — פרייע צייט. וואָס איז פרייע צייט? — פרייהייט. אויב איר קאָנט אַ זאָג טון — ווען עס פאַלט אייך איין: „איך קאָן מיר טון, וואָס איך וויל אין אַ שעה אַרום" דאַן זענט איר אין אַט דער שעה פריי. אויב איר זאָגט: „אינם משך פון דער און דער שעה מוז איך טון אַזאַ און אַזאַ אַרבעט צי איך וויל אָדער נישט" – זענט איר אין יענער שעה נישט פריי צולהכעס די מאַגנאַ קאַרטאַ, די דעקלעראַציע פון רעכטן אָדער אומאָפּהענגיקן, און אַלע אַנדערע פּאָליטישע דאָקומענטן אין שייכות מיט אייער אַזוי גערופענער פרייהייט.

צי מעג איך אייך נאָכגיין אין אייער טעגלעכן מאַרשרוט און איר זאָלט מיך נישט האַלטן פאַר קיין מענטשן וואָס מישט זיך אין יענעמס געשעפטן? מען וועקט אייך אויף אינדערפרי, צי איר ווילט יאָ אָדער נישט; אָדער עס וועקט אייך די דינסט, אָדער דער נערוונדערשיטערנדיקער אָבשײלעכער וועק-זייגער... איר מוזט אויפשטיין מאַכן פייער, אָפּוואַשן זיך, אָנטון זיך, צוגרייטן זיך און עסן אָנבייסן. אַלזאָ ביז איצט נישט קיין פרייהייט – איר מוזט עס טון. דאַן מוזט איר פאַרבעטן דאָס בעט, אָפּוואַשן די כּלים פונם אָנבייסן, אויסקערן און צורוימען די שטוב, דאַן זיך אַליין אין אָרדנונג ברענגען, דאָס הייסט, אַז איר מוזט זיך ווידער אַמאָל וואַשן און אָנטון זיך מער — ווייניקער, איר זאָלט אויסזען געוויינלעך אָנשטענדיק אַרויסצוגיין אייננקויפן פרישע פּראָדוקטן און אַנדערע נויטיקע זאַכן. יעדער מאָלצייט, וואָס איר עסט פאָדערט צוגרייטונג, קאָכן און אָפּוואַשן

נאָכן עסן אריינגערעכנט. אינם משך פון אָט דערדאָזיקער אַרבעט מוזט איר גיין פון אָרט צו אָרט, וואס אפילו אין הויז איז עס אַ קאַטאָרגע־אַרבעט, אַראָפּ און אַרויפקריכן אויף די טרעפּן, איר מוזט זיך אָפּרוען אַביסל פון צייט צו צייט און לסוף מוזט איר זיך לייגן שלאָפן אויף אַכט שעה.

טאָמער איז עס נאָך ווייניק, מוזט איר נאָך פארדינען דאָס געלט, כדי צו האָבן פאַר וואָס איינצוקויפן און צו באַצאָלן דירה־געלט און שטייערן. דאָס קאָנט איר טון אויף צווייערליי אופנים: איר קאָנט ארבעטן אין וואָסער עס איז געשעפט, וויניקסטנס אַכט שעה א טאָג מיט א צולאָג, דאָס פאָרן צו און פון דער ארבעט, אָדער איר קאָנט חתונה האָבן און אין אזאַ פאַל וועט איר מוזן צוגרייטן פאר אייער מאַן און קינדער אלע מאָל־צייטן, קאָכן איינקויפן ד. ה. אַלץ וואָס איר פלעגט טון פאַר זיך וואַשן און אָנטון די קינדער ביז זיי וועלן זיין גענוג גרויס; זאָלן זיך קאָנען אַליין וואַשן און אָנטון און טון די אַלע אנדערע ארבעטן, וואָס געהערן צו דער באשעפטיקונג פון ווייב און מוטער, אריינגערעכנט די אַדמיניסטראַציע איבער די פאַמיליע־הכנסות. אויב איר וועט צוזאַמענרעכנען די אַלע שעהן, וואָס איר זענט געצווּנגען צו פארברענגען אויף אזא אופן און אַראָפּרעכנען זיי פון די פיראונצוואנציק שעה. וואָס די באַטור האָט אייך געגעבן אויף צו טון אין זיי אייער אַרבעט, וועט די איבערגעבליבענע צייט הייסן אייער פרייע צייט דאָס הייסט אייער פרייהייט. היסטאָריקער, זשורנאַליסטן און פּאָליטישע רעדנער קאָנען אייך זאָגן, אז דער זיג איבער דער אַרמאַדאַ, דאָס אָפּשניידן דעם קעניג טשאַרלס דעם קאָפּ און דאָס ארויפזעצן דעם האָלענדישן ווילהעלם אנשטאט דעם שטאָטישן דזשעמס אויפן טראָן דאָס דורכפירן דאָס געזעץ וועגן דעם אייגנטום פון א פאַרהייראַטער פרוי, דער זיג פון די סופראַזשיסטקעס בנוגע שטים־רעכט פאַר פרויען, האָבן אייך געשאַפן פרייהייט; און אין ענטוזיאַסטישע מאָמענטן, וואָס אזעלכע פארזיכערונגען זענען גורם, קאָנט איר אפשר זינגען מיט אייפער. אז „די בריטן וועלן קיינמאָל, קיינמאָל נישט זיין קיין שקלאַפן”. אָבער הגם דידאָזיקע געשע

ענישן האָבן אייך אפשר געהאָלפן צו באפרייען זיך אביסל פון אויספארשידענע אומאנגענעמלעכקייטן וואָס איר וואָלט געמוזט אויסשטיין ווען זיי וואָלטן נישט פאָרגעקומען, האָבן זיי אייך נישט צוגעגעבן גאָרנישט צו אייער פרייער צייט און במילא נישט צו אייער פרייהייט. די איינציקע געזעצן פון פארלאמענט, וואָס האָבן באמת געשאפן אביסל מער פרייהייט, דאָס הייסט, זיי האָבן פארמערט די מינוטן אין וועלכע די צייט פון דער פרוי געהער צו איר, זענען די פאבריק-געזעצן, וואָס פארקלענערן די שעהן פון איר אינדוסטריעלע באשעפטיקונג. די געזעצן בנוגע זינטיק-ארבעט, וועלכע פארבאָטן קאָמערציעלע ארבעט יעדן זיבעטן טאָג און די „בענק-האָלידיי-געזעצן". געוויסע יום-טובים, מערסטנס זומער, ווען דער עולם איז פריי פון דער ארבעט א פאָר טעג.

איר זעט אלזאָ, אז דאָס רעדן פון פרייהייט, א שטייגער ווי מיר אלע וואָלטן געווען אָדער אבסאָלוט פריי, אָדער פארשקלאפט, איז א נארישע געוווינהייט. די נאטור דערלויבט קיינעם פון אונדז נישט קיין אבסאָלוטע פרייהייט. אין באצוג צום עסן, טרינקען, וואשן און, קליידן זיך שלאָפן און אלע אנדערע מענטשלעכע פיזישע נויטווענדיקייטן איז דער אומפארבעסערלעכער שלעפער, וואָס איז מקריב יעדער אָנשטענדיקייט און יעדע ערלעכקייט פאר דער פרייהייט, פונקט אזא שקלאף ווייניקסטנס א צען צוועלף שעה א טאָג, ווי א קאָנסטיטוציאָנעלער קעניג, וועלכער מוז לעבן כמעט דאָס גאנצע לעבן לויט א מין דיקטאטור. א נעגערין וואָס איז א שקלאפין און האָט נישט מער ווי זעקס שעה א טאָג פאר זיך, האָט מער פרייהייט פון א פרייע ווייסע פרוי וואָס האָט נישט מער ווי דריי שעה א טאָג פאר זיך. די ווייסע פרוי האָט די פרייהייט צו שטרייקן און די נעגער-פרוי נישט, דערפאר קאָן אָבער די צווייטע זיך טרייסטן מיט איר פרייהייט צו קאָנען באגיין זע׳בסמאָרד (פונדאמענטאל איז עס די אייגענע זאך) און מיט איר רחמנות צו דער ענגלישער פרוי, וואָס האָט אזויפיל ווייניקער פרייע צייט פון איר, און זיך טראכטן אז זי איז דאָך נישט מער נעבעד ווי אן אָרעמער ווייסער „טרעש" (א נידריקער מענטש).

פאַרשטייט זיך, אַז שטרעבנדיק אַליין צו פרייהייט, האָבן מיר אַלע רחמנות אויפן שלעפּער. דער חילוק צווישן אונדז און אים — אויב עס איז פאַראַן אַ חילוק — איז דאָס, וואָס לעכצנדיק אַזוי נאָך אַ ביסל פרייע צייט, קאָנען מיר אפשר אַרבעטן שווערער ביי זאַכן, וואָס מיר האָבן ליב-איידער אַלע שקלאַפן-אַ חוץ ביי דער ברוטאַלסטער צוואַנג אַרבעט — ביי זאַכן וואָס זיי מוזן טון. דער בראָדיאַגע ברענגט אויס זיין פרייע צייט אויף גאָרנישט און עס איז אים שלעכט. מיר ווילן אויספילן אונדזער פרייע צייט אַזוי, אַז מיר זאָלן זיך פילן גליקלעך, מחמת איר מוזט געדענקען, אַז פרייע צייט הייסט נישט רוען. אַזאַ רו, ווי שלאָפן, איז אַ געצוווּנגענע רו. אמתע פרייע צייט הייסט, קאָנען טון, וואָס עס געפעלט אונדז און נישט גאָרנישט טון. בעת איך שרייב דידאָזיקע שורות, האָט זיך צעפלאַקערט אַ שרעקלעכע מחלוקה צווישן די קוילן-גרעבער און די אייגנטימער פון די קוילן-מינעס, צוליב דעם פאַרקלענערן די אַרבעט אין די מינעס פון זיבן שעה אַ טאָג אויף אכט, מען זאָגט, אַז די מינעס-אַרבעטער ווילן האָבן אַ זיבן-שעהדיקן אַרבעטס-טאָג. דאָס איז פאַלש אויסגעדריקט. די אַרבעטער ווילן אייגנטלעך נישט זיבן שעה אַרבעט, נור זיבעצן שעה נישט אַרבעטן, פון וועלכער די נאַטור וועט זיך אַראָפּנעמען וויינציקסטנס צען שעה פאַר אירע באַדערפענישן און די באַוועגונגען וועלן פאַרנעמען נאָך איינע. אַזוי-אַרום וועט דער מינעס-אַרבעטער, אויב ער וועט פאָרזיכטיק פאַנאַנדערטיילן זיין צייט, נישט אַרומטרייבן זיך און אויב ער וועט נאָך האָבן מזל מיטן וועטער אין דעם סעזאָן, וועט ער אפשר קאָנען האָבן זעקס שעה פרייע צייט פון די גאַנצע פיראונצוואַנציק אויפן באַזיס פון אַ זיבן-שעהדיקן אַרבעטס-טאָג. ער וועט אַזוי-אַרום האָבן זיבן שעה אויף פאַרדינען, עלף שעה אויף שלאָפן דערהאָלן זיך און באַוועגונג. עס איז אַלזאָ די זעקס שעה פרייהייט, וואָס ער וויל אַרויסקריגן. אויב אפילו דער איצטיקער אָביעקט פאַר פאַרלאַנגען קורצערע אַרבעטס-שעהן, איז בלויז אַ לאָפּקע פאַר זיין אמתן ציל, וואָס איז צו אַרבעטן די אייגענע שעהן, נור צו באַקומען באַצאָלט פאַר אַן איבערשעה (איבער-

שעהן צאָלן זיך פאַר אנדערטהאַלבן)— איז אויך זיין אמתע מיי־
נונג, אייגנטלעך כּדי צו פאַרדינען מער געלט אויף אויסצוגעבן
אין דער פרייער צייט. אַ שטיק־אַרבעטער, ווען דער פּרייז פון
שטיק־אַרבעט ווערט געהעכערט און ער קאָן פאַרדינען אין פיר
טאָג דאָס וואָס ער איז געוווינט געווען צו פאַרדינען אין אַ וואָך
וועט אפשר גיכער אַראָפּנעמען אַ פּאָר טעג פון זיין אַרבעטס־
צייט איידער ארבעטן אזוי לאנג ווי פריער פאר טאָפּל געלט.
ער וויל גיכער פרייהייט איידער געלט.

נור דער אַנטשיידנסטער ביישפּיל איז דער, וואָס האָט אַ
שייכות מיט אייגנטום. פרויען שטרעבן צו פאַרמעגנס נור צוליב
דעם, וואָס מיט דעם פאַרזיכערן זיי זיך דעם מאַקסימום פריי־
הייט. אַ פאַרמעגלעכע פרוי דאַרף נישט אויפשטיין זעקס אַ זייגער
אינדערפרי און איינהייצן דעם אויוון. זי דאַרף נישט צוגרייטן
אָנבייסן פאַר איר מאַן און נישט פאַר זיך אליין. זי דאַרף נישט
וואַשן די כּלים, נישט אויסגיסן דאָס וואַסער און נישט צו בעטן
דאָס בעט. זי דאַרף נישט גיין אין מאַרק אריין איינקויפן אָדער
קויפן אַנדערע זאַכן, סיידן זי האָט עס ליב צו טון. זי דאַרף
זיך נישט זאָרגן וועגן אירע קינדער, מער ווי זי האָט חשק. זי
דאַרף זיך אפילו נישט קעמען אירע אייגענע האָר און אויב זי
מוז דאָך עסן, שלאָפן, זיך אַרומוואַשן און באַוועגן זיך פון אָרט
צו אָרט ווערן אָט די אָפּעראַציעס אויסגעפירט מיט אזויפיל לוק־
סוס, ווי עס איז נור מעגלעך. זי קאָן רעכנען אויף ווייניקסטנס
צוועלף שעה פרייע־צייט יעדן טאָג. זי קאָן אפשר ארבעטן
שווערער ביים אָנמעסטן נייע קליידער, יאַגד, טאַנצן, גיין אויף
באַזוך, אויפנעמען געסט, ברידזש, טעניס, קלעטערן אויף בערג,
אָדער וועלכע עס איז אנדערע זאכן, וואָס זי קאָן גראָד ליב
האָבן צו טון מער ווי אָן אַרבעטערס ווייב, וואָס אַרבעט ביי
איר געצווונגענע הויז־אַרבעט; אָבער זי ארבעט ווען זי וויל, און
נישט ווייל זי מוז. און האָבנדיק איר מאָס פרייהייט, איז זי,
געוויינטלעך אַ הייסע אונטערשטיצערין פון יעדער פּאָליטישער
באוועגונג, וואָס שטרעבט צו באשוצן איר פּריווילעגיע און אַ
שטאַרקע און טיילמאָל אַ שטאַרק־פּאַרביסענע קעגנערין פון יע־

רער פּאָליטישער באַוועגונג, וואָס דראָט צו באַרויבן איר פון איר פרייער צייט אָדער פאַרקלענערן דעם קוואַנטום געלט אויף איר הוצאות און אפשר־איר פאַרמעגן. זי האַלט זיך פעסט אָן איר פּאָזיציע, ווייל דאָס גיט איר די גרעסטע פרייהייט, וואָס איז נור מעגלעך; איר איינציקע זאָרג איז דאָס, וואָס זי קאָן נישט אַזוי לייכט געפונען קיין דינסטן, אָדער אויב זי געפונט זיי שוין האַלטן זיי זיך נישט לאַנג ביי איר, נישט געקוקט אויף דעם וואָס זי שלאָגט זיי פאַר העכער שכירות און בעסער עסן, אַ שענער חדר און אַ פיינערע אומגעבונג, ווי זיי קאָנען האָבן אַלס אינדוסטריעלע אַרבעטערינס. שלאָגט זי זיי גלייכצייטיק פאָר ווייניקער פרייע־צייט. זייער צייט, ווי זיי דריקן זיך אויס, איז קיינמאָל נישט זייערע, אַ חוץ אין געוויסע אָוונטן, ווען זיי האָבן די דערלויבעניש אַרויסצוגיין. אַמאָל זענען פרויען פון אַלע קלאַסן, פון גובערנאַנטקעס ביז די איינפאַכסטע דינסט־מיידלעך, געגאַנגען אַרבעטן ביי הויז־אַרבעט; מחמת די איינציקע ברירה וואָס זי האָט געהאַט איז געווען גראָד גראָבע אַרבעט אין אַ רויער סביבה. און דערפאַר וואָס נישט געקוקט אויף דעם וואָס אין פאַרגלייך מיט יענע האָבן זיי געהאַט מער איידעלע נאַטורן, האָבן זיי פאָרט נישט געטויגט צו קיין אינדוסטריעלער אַרבעט; ווייל זיי זענען געווען אַנאַלפאַבעטן און אומוויסנדיקע. היינטיקע צייטן זענען זיי איינגעשפּאַרט אין שולן ווייניקסטנס ניין יאָר און זענען שוין נישט מער קיין אַנאַלפעבעטן און עס זענען אָפן פאַר זייערטוועגן אַ סך באַשעפטיקונגען (ווי למשל, ביוראָס אין דער סיטי) וועלכע זענען פריער געווען אויסשליסלעך אַ באַשעפטיקונג פאַר מענער. אפילו ביי רויער אַרבעט איז די געזעלשאַפט שוין נישט אַזוי רוי, ווי זי פלעגט צו זיין און אַ חוץ דעם, איז היינטיקע צייטן אַ פרוי מיט אַן איידעלער דערציונג נישט אַזוי פיזיש אומפעיִק, ווי זי פלעגט צו זיין אין וויקטאָריעס צייטן, צוליב דעם אופן פון איר קליידונג און געוווינהייט, וואָס פלעגט מאַכן פון אַ וויקטאָריאַ־פרוי כמעט אַ קריפּל. מיט אַ הונדערט יאָר צוריק איז געווען אַזאַ חילוק צווישן אַ דינסט־מיידל און אפילו אַ הערינג־שניידערין אָדער אַ שמאַטע־קלייבערין

אז פאר אַלע אנדערע האַנדלס-צווײַגן איז זי געווען אַ מין חיה פון אַן אַנדער מין. היינט זענען זיי אַלע „יונגע דאַמען״ אין זייער צייט; און בלויז דער איינציקער פאַקט, וואָס אַ דינסטמיידל האָט ווייניקער פרייַ-צייט פון אַן אינדוסטריעלער ארבעטערין איז שוין די סיבה, פארוואָס ס׳איז נישט מעגלעך צו קריגן קיין דינסטמיידל אין אַ פאַבריק-שטאָט, וואָס זאָל זיין פידיש אָדער גייסטיק „מיט אַלעמען״ און אפילו אַזעלכע איז נישט גרינג צו באַקומען אין אַ פיש-האָפן.

דאָס אייגענע איז מיט מענער, אָבער איר דאַרפט עס נישט האַלטן פאַר אַן אַקסיאָמע, אַז אַלע פרויען און אַלע מענער האָבן ליבער די פרייהייט, ווי אַלץ אינדערוועלט. טייל מענטשן שרעקן זיך דווקא גאָר שטאַרק פאַר דער פרייהייט, זיי ציטערן אַזוי, טאָמער קאָנען זיי זיך אַליין נישט קיין עצה געבן, סיי אינדוסטריעל, סיי מאָראַליש, אז די איינציקע זיכערע לאַגע פאַר זיי איז צו האָבן עמיצן, אָן וועמען זיך אָנצושפאַרן, אַזוי צו זאָגן; זיי מוזן, פילן זיי, תמיד האָבן עמיצן, וואָס זאָל זיי נישט נאָר זאָגן וואָס צו טון, נור אויך וויאַזוי זיך צו האַלטן. פרויען פון דעם מין גייען דינען אויף שטעלעס און מענער פארשרייבן זיך פאר סאָלדאַטן נישט געקוקט אויף דעם וואָס זיי פארלירן זייער פרייהייט. ווען נישט אָט דערדאָזיקער פאַקטאָר, וואָלט נאָך שווערער געווען צו באַקומען דינסט-מיידלעך און סאָלדאַטן, ווי עס איז היינט. פונדעסטוועגן איז נישט דער אידעאַל פון אַ דינסט אָדער אַ סאָלדאַט כסדר באַשיצט צו ווערן און צו דינען: זייער אידעאַל איז שוין און אַ הוליאַנקע פון צייט צו צייט. ביידע ווילן זיי זיין אזוי פריי, ווי זיי קאָנען זיך נאָר דערוועגן.

און די סאַמע לעצטע זאַך וואָס אַ געוויינטלעכער אינדוסטריעלער אַרבעטער וואָלט געוואָלט, איז צו דאַרפן טראַכטן מכוח זיין אַרבעט. דאָס איז דעם אויפזעערס אַרבעט, ער וויל בעסער טראַכטן מכוח פארברענגען. צוליב דעם חיל ער אז זיין אַרבעטס-צייט זאָל זיין אזוי קורץ און זיין שפּיל-צייט, אַזוי צו זאָגן, אַזוי לאַנג, ווי ער קאָן זיך נור דערלויבן. פרויען מיט אַ נייגונג צו באַלעבאַטישקייט און הויז-אַרבעט, זענען גיכער געווינט

צו טראַכטן מכּוח זייער אַרבעט, ווי מענער, מחמת אַ באַלעבאָס־טע מוז טוןביידע זאַכן, אַרבעטן און זיין די אויפזעערין פונם הויז; אָבער אויך זי איז צופרידן, ווען זי איז די אַרבעט שוין איבערגעקומען.

דער גרויסער פּראָבלעם פון איינטיילן די נאַציאָנאַלע הכנסות ווערט אַזוי־אַרום אויך אַ פּראָבלעם פון איינטיילן די נויטיקע אַר־בעט און דאָס איינטיילן די פריי־צייט אָדער די פרייהייט. און אָט דידאָזיקע פריי־צייט אָדער פרייהייט, איז דאָס, צו וואָס מיר אַלע שטרעבן: די פריי־צייט איז דער מיטלפּונקט פון ראָמאַנטיק און אומענדלעכע מעגלעכקייטן, בעת די אַרבעטס־צייט איז די ספערע פון אַ צוגעשניטענעם און טרוקענעם, געצוווּנגע־נעם רעאַליזם. אַלע אַנטדעקונגען, אַלע מיטלען, אַז די אַרבעט זאָל געמאַכט ווערן שנעלער און זאָל זיין פּראָדוקטיווער, ווערן אויפגענומען מיט ענטוזיאַזם און ווערן אָנגערופן פּראָגרעס, ווייל זיי גיבן אונדז די מעגלעכקייטן צו געווינען מער פריי־צייט. צום באַדויערן צעטיילן מיר אָט די פריי־צייט, וואָס מיר גע־ווינען דורך דעם וואָס מען האָט אויסגעפונען די כּלערליי מאַשינען, אויף אַ געוואַלטיק אַבסורדן אופן. נעמט די פאַרמעגלע־כע פרוי, וועגן וועלכער מיר האָבן נור וואָס גערעדט מיט אירע פופצן שעה פריי־צייט, וואָס זי באַקומט אַרויס פון די פיר־און־צוואַנציק. וויאַזוי באַקומט זי די פריי־צייט? נישט דורך דעם וואָס זי האָט עפּעס דערפינדן, נור דורך דעם וואָס זי פאַר־מאָגט מאַשינען וואָס אַן אַנדערער האָט דערפינדן. זי האַלט די גאַנצע פריי־צייט פאַר זיך און די וואָס אַרבעטן טאַקע אויף אָט די מאַשינען האָבן נישט מער פריי־צייט ווי פריער. באַ־שולדיקט איר נישט, זי קאָן זיך נישט העלפן. אָרעמע דאַמע! דאָס איז דאָס געזעץ פון קאַפּיטאַליזם.

נעמט דאָס אין אַ ברייטערן נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב: די מאָדערנע מעטאָדן פון פּראָדוקציע מאַכן מעגלעך, אַז יעדער מענטש פון דער נאַציע זאָל פּראָדוצירן אַ סך מער ווי ער דאַרף קאָנסומירן, כּדי זיך צו דערהאַלטן ביים לעבן און נאָך צו שאַפן אַן איבערפּראָדוקציע. דאָס הייסט, אַז מאָדערנע מעטאָדן פּראָ־

דוצירן נישט נור אַ נאַציאָנאַלן פאָנד פון רייכטום, נור אויך אַ פאָנד פאַר נאַציאָנאַלער פרייער צייט אָדער פרייהייט. און פונקט אַזויווי איר קאָנט צעטיילן די רייכטימער, אַז עטלעכע זאָ׳ן זיין אומגעהויער רייך און אַלע איבריקע זאָלן בלייבן אַזוי אָרעם ווי פריער, אַזוי קאָנט איר צעטיילן די צייט אויף אַזאַ אופן, אַז עטלעכע זאָלן האָבן פופצן שעה א טאָג פרייע-צייט און אַלע איבריקע זאָלן בלייבן פונקט ווי פריער ביי קוים פיר שעה אַ טאָג, אין וועלכע זיי זאָלן קאָנען טון דאָס וואָס זיי ווילן. און דאָס איז עס, געגוי, וואָס די אינסטיטוציע פון פריוואַט-אייגנטום האָט אויפגעטון און פאַרוואָס עס איז אַנטשטאַנען אַ פאָדערונג אונטערצוברענגען דידאָזיקע אינסטיטוציע און איינצופירן א גלייכע צעטיילונג פון דער פרייער צייט, אָדער פרייהייט צווישן דער גאַנצער באַפעלקערונג און פאַרוואָס די פראַגע האָט זיך דערהויבן אונטער א סאָציאַליסטישער פאָן.

לאָמיר זיך פרווון מאַכן אַן אויבערפלעכלעכע פאָרשטעלונג פון דעם, וואָס עס וואָלט געשען ווען פרייע-צייט און פראָדוקטיווע אַרבעט וואָלטן צעטיילט געוואָרן אויף גלייך. לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז מיר אַלע אַרבעטן פיר שעה א טאָג, פינפאונדרייסיק יאָר נאָכאַנאַנד. און יעדער פון אונדז וואָלט געקאָנט לעבן אזוי באַקוועם, ווי די וואָס האָבן היינט צו טאָג ווייניקסטנס טויזנט פונט א יאָר. לאָמיר זיך פאָרשטעלן אַז דידאָזיקע זאַך איז צושטאַנדגעקומען און באַפעסטיקט געוואָרן מיט אַן אַלגעמיינער צושטימונג, אַזן עס איז געמאַכט געוואָרן א קאָמפּראָמיס צווישן די מענטשן, וואָס ווילן נישט מער אַרבעטן ווי צוויי שעה א טאָג און לעבן אויף א קלענערן שטייגער פאַר פינפהונדערט פונט א יאָר בלויז און צווישן די וואָס ווילן אַרבעטן פיר שעה א טאָג און לעבן פאַר צווימאָל אַזויפיל א שענער לעבן! עס וועלן אַנטשטיין שוועריקייטן, מחמת געוויסע אַרבעטן וועלן זיך נישט איינפאַסן אין קיין ראַטעס, ווי מען זאָגט, פון פיר שעה אַ טאָג. לאָמיר זיך פאָרשטעלן, איר זענט פאַרהייראַט, און אייער מאַן, למשל, איז אין א געשעפט, ווו ער האָט נישט קיין שום אומאָנגענעמלעכקייטן. ער ארבעט אזוי יעדן טאָג אַזוי

ווי היינט שבת: דאָס הייסט, ער הויבט אָן ניין א זייגער אינדערפרי און הערט אויף א זייגער איינס בײַטאָג. אָבער וואָס איז מכּוח אייער אַרבעט? די וויכטיקסטע זאַך אין דער וועלט איז האָבן און נערן קינדער, מחמת אָן דעם וואָלט די מענטשלעכע ראַסע באַלד אָפּגעמעקט געוואָרן פֿון דער וועלט. אַלע פּריווילעגיעס פֿאַר פֿרויען זענען באַזירט אויף אָט דעמדאָזיקן פֿאַקט, פֿאַרשטייט זיך, אַז א פֿרוי קאָן נישט שוואַנגערן פֿיר שעה א טאָג און די איבעריקע צייט פֿונם טאָג זײַן נאָרמאַל. זי קאָן אויך נישט זויגן און אָפּהיטן איר ניי־געבוירן קינד בלויז פֿיר שעה א טאָג און נישט אומקוקן זיך דערויף די איבעריקע צייט, ביז צומאָרגנס אינדערפֿרי; אמת איז, אַז שוואַנגערן נעמט נישט אַוועק די גאַנצע מעגלעכקייט צו קאָנען טון א חוץ דעם עפּעס אַנדערש אויך: פּאַקטיש איז עס באַוויזן געוואָרן פֿון דערפֿאַרענע מענטשן, אַז עס איז געפֿערלעך פֿאַר א שוואַנגערע פֿרוי באַהאַנדלט צו ווערן אויף אַזאַ אופֿן (דאָס הייסט מען זאָל איר הייסן די גאַנצע צייט פֿון איר שוואַנגערן גאָרנישט טון, נישט באַוועגן זיך א. א. וו.) ווי טייל שרייבער האָבן זיך נישט גאַנץ עלעגאַנט אויסגעדריקט, עס איז נישט קיין אַרבעט, וואָס נעמט צו בײַ אייך די גאַנצע צייט. אָפּגעבן זיך מיט א קינד איז גיכער א כּסדריקע אַרבעט, וואָס מוז געטון ווערן, נישט ערגער ווי די קינדער אין די אינסטיטוציעס וואָס באַקומען בלויז — ווי אומווויסנדיקע מענטשן דריקן זיך אויס — די גויטיקע אויפֿמערקזאַמקייט און שטאַרבן מכּלומרשט כּסדר אויס. אינדערצייט, ווען מיט היימישע קינדער גיט מען זיך אָפּ, מען שפּילט זיך מיט זיי מען גלעט זיי, מען וויגט זיי, מען שאָקלט זיי און מען געוווינט זיי איין אויסצוהאַלטן אפֿילו ווען עס קומט זיי אויס צו האָבן א צווי שמוציקע שמאַטקעס פֿאַר קליידלעך און א שטרוי־באַדעקטע כאַטע מיט איין שטוב מיט א ליימענעם דיל פֿאַר א וווינונג.

א פֿיר־שעהדיקער אַרבעטסטאָג הייסט אַלזאָ נישט, אַז יעדער קאָן אָנהויבן זײַן אַרבעט ניין אינדערפֿרי און אויפֿהערן איינס א זייגער בײַטאָג. שוואַנגערשאַפֿט און קינדער־האָדעווען, זענען בלויז קלײנע בײַשפּילן אין דער לאַנגער רייע פֿון אַבסאָ־

לוט וויכטיקע אַרבעטן, וועלכע קאָנען נישט איבערגעריסן און
ווידער פאַרגעזעצט ווערן, ווען דאָס פאַבריק־פייפל רופט. אין אַ
פאַבריק איז מעגלעך צו האָבן גרייט זעקס פערסאָנאַלן, וואָס
זאָלן כסדר פאַרטרעטן איינער דעם אנדערן אינם משך פון פיר־
אונצוואנציק שעה, אזוי, אַז יעדן פערסאָנאַל זאָל נור אויסקומען
צו אַרבעטן פיר שעה א טאָג. אָבער אין א שיף, וואָס איז גלייכ־
צייטיק א וווינונג און אַן אַרבעטספּלאַץ צוזאַמען — קאָן מען
נישט אויפהאַלטן קיין זעקס מאַנשאַפטן. ווען מיר זאָלן אפילו
בויען קריגס־שיפן, וואָס זאָלן זיין גענוג גרויס אויפצונעמען 5000
און מיטפירן שפּייז פאר זייערטוועגן, וואָלט די מאַנשאַפט נישט
געקאָנט זיך צוריקציען יעדער פאָר שעה פון דער יוטלאַנד־שלאַכט.
אויך איז נישט מעגלעך צו האָבן דיזעלבע פרייע־צייט אויפן
וואַסער ווי אויף דער יבשה, די ליידיקגייער, די פּאַסאַזשירן מיט
זייערע נאַרישע שפּילערייען אויפן דעק פון שיף מיט זייער
משוגענעם אַרומלויפן אַהין און צוריק לשם איבונג, ווייסן עס
גאַנץ גוט.

דאַן זענען נאָך פאראַן באַשעפטיקונגען, וואָס קאָנען נישט
פאַרטרעטן ווערן, וואָס איין מענטש מוז זיי טון די גאַנצע צייט
ווען זיי זאָלן אפילו אָנשטרענגען דאָס מענטשלעכע געדולד זיינס
ביז צום פּלאַצן. א כעמיקער אָדער אַ פיזיקער, בעת ער באַטראַכט
אַן עקספּערימענט, אַן אַסטראָנאָם בעת ער באַטראַכט א ליקוי־
חמה, א דאָקטאָר אָדער א קראַנקן־שוועסטער בעת זי האַלט אַן
אויג אויף א געפערלעכן חולה, אַ מיניסטער, וואָס איז באַשעפטיקט
מיטן אויפנעמען די נייעס בעת א מלחמה, כדי צו וויסן גענוי
וויאַזוי צו האַנדלען, א פאַרמער, בעת ער וויל אָפּראַטעווען דאָס
היי פון א נישט גינסטיקן וועטער־אָנזאָג, אָדער א חברה גאַסנרויי־
ניקער, ביים אָפּרייניקן אַ שניי־פאַל מוזן טון זייער ארבעט ביז
זיי פארענדיקן; פיר שעה אָדער נישט פיר שעה. הענדעלס ווען
וויאַזוי צו שאַפן אַן אָראַטאָריע, איז געווען צו אַרבעטן ביי איר
טאָג און נאַכט, ביז ער האָט זי געענדיקט, האַלטנדיק זיך וואַך
וויפיל ער האָט נור געקאָנט. פאָרשער זענען ממש מזלדיק, אויב

זיי שטאַרבן נישט פון לאַנגער אָנשטרענגונג און אויסגעהאַלטנקייט און אַ סך זענען טאַקע געשטאָרבן בעת זייער אַרבעט.

א פיר־שעהדיקער אַרבעטס־טאָג אָדער די פינף־טאָגיקע אַר־בעטס־וואָך, וואָס איז דער לעצטער געשריי, איז דעריבער אין דער פּראַקטיק נישט מער ווי א באַזיס אויף רעכנען אין פאבריק און ביי ביוראָ־אַרבעט ביי פאַרייניקטער באַשעפטיקונג חוץ ביי זיך אין שטוב קאָן עס דורכגעפירט ווערן בפועל־ממש. דאָס קאָן זיין קליינע און אָפטע יום־טובים אָדער לאַנגע און זעלטענערע. איך ווייס נישט וויאַזוי עס איז ביי אייך אין דעם פאַל, נור אין מיין אייגענעם פאַל בין איך צולהכעיס אַלע אייפעריקע רע־זאָלוציעס, איינצוואָרדנען מיין ארבעט מער שבליק און הגם פּאַק־טיש קאָן די אַרבעט פון א מחבר איינגעטיילט ווערן אין געווי־סע טעגלעכע פעריאָדן בין איך געוויינטלעך געצוואונגען צו אַר־בעטן ממש ביז איך קאָן שוין נישט מער, ביזן ברעג פון אַן אַבסאָלוטן שטילשטאַנד און דערנאָך אָוועקפאָרן אויף לאַנגע וואָכן, ביז עס קומט ווידער עפּעס אויפן געדאַנק. אַכט אָדער ניין חדשים איבעראַרבעטן זיך און דריי אָדער פיר חדשים פאַר אָפּוועקסלונג און גענוג פרייע־צייט, איז א גאַנץ געוויינטלעכע זאַך ביי פּראָפעסיאָנעלע מענטשן.

דאָן איז נאָך פאַראַן א וויכטיקער אונטערשיד צווישן רוטין־אַרבעט און וואָס מען רופט שעפערישע אָדער אָריגינעלע אַרבעט. ווען איר האָרט למשל פון איינעם, וואָס האָט זיך דער־וואָרבן רום דורך דער אַרבעט פון זעכצן שעה אַ טאָג אין משך פון גאַנצע דרייסיק יאָר, קאָנט איר באַוואונדערן דעם אין פלוג אומגאַטירלעכן העלדנטאַט, אָבער איר קאָנט דערפון נישט אַרויס־דרינגען אז ער האָט נאָך עפּעס אַנדערע פעיקייטן; פאַרקערט, איר קאָנט זיין זיכער, אז ער איז בכלל נישט פעיק צו טון עפּעס אזוינס, וואָס איז נאָך פריער נישט געטון געוואָרן און אַז ער קאָן נור טון זיין אַרבעט אויפן אַלטן שטייגער, ער דאַרף קיינמאָל נישט טראַכטן אָדער אַנטדעקן. ביי אים איז די היינ־טיקע אַרבעט אַן איבערחזרונג פון דער נעכטיקער אַרבעט. פאַר־גלייכט אים מיט נאַפּאָלעאָנען, למשל. אויב איר זענט פאַראינטערעסירט

אינם לעבן פון אַזעלכע מענטשן, זענט איר מסתמא שוין פאַר־מאַטערט הערנדיק, וויאַזוי נאַפּאָלעאָן האָט געקאָנט זיצן און אַרבעטן מיט דער גרעסטער ענערגיע בשעת אַלע מיטגלידער פון זיין קאַבינעט זענען שוין געווען אַזוי אויסגעמאַטערט, אַז זיי האָבן שוין נישט געפּרוווט צו מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זיי זענען נאָך וואַך. אָבער אויב איר שטודירט די זעלטענע מעמוּאַרן פון זיין סעקרעטאַר בוריען, וועט איר דאָרט זען, אַז נאַפּאָלעאָן האָט זיך אָפּטמאָל אַרומגעדרייט אַ וואָך צייט נאַכאַנאַנד און גאָרנישט נישט געטון אַ חוץ געשפּילט זיך מיט די קינדער, געלייענט ביליקע ליטעראַטור און סתם אַזוי אַרויסגעוואָרפן זיין צייט. אינם משך פון זיין געצוווּנגענעם אָפּרו אויפן אינזל סאַנט־העלענאַ, פון וואָס ער האָט אַזוי ווייניק הנאה געהאַט, איז ווען מען האָט אים גע־פרעגט, ווילאַנג אַ גענעראַל לעבט, האָט ער געענטפערט: „זעקס יאָר". אַן אַמעריקאַנער פּרעזידענט האָט שאַנסן צו לעבן נישט מער ווי פיר יאָר. אין ענגלאַנד, ווו עס איז נישטאָ קיין געזעץ וואָס זאָל פאַרווערן אַן אויסגעהאָרעוועטן עובר־בטלניק צו זיין אַ פּרעמיער־מיניסטער, האָט אפילו אַזאַ ווונדערלעכע פּאַרלאַמענ־טאַרישע פיגור ווי גלאַנדסטאָן, געמוזט זיין פּשוט אויסטערליש אַלט, כּדי צופּרוון פאַרזעצן אין די אַכציק־ניינציקער יאָרן די אָנפירערישע אַקטיוויטעט, וואָס האָבן אים שוין געהאַט אויסגע־מאַטערט נאָך אין די זיבעציקער יאָרן. אָט וויל איך אייך געבן נאָך מער פּשוטע ביישפּילן: איר קאָנט נישט מאַכן, אַז אַן „אקאוטאַנט" זאָל קאָנען אַרבעטן אַזוי לאַנג ווי אַ בוכהאַלטערין און אַ היסטאָריקער אַזוי אַן אויפהער ווי אַ געלט־מעקלער, אָדער אַ מאַשין־שרייבערין, הגם זיי פירן אַדורך דיזעלבע אַריט־מעטישע און פיזישע אָפּעראַציעס. איינע וועט אויסגעמאַטערט ווערן אינם משך פון דריי שעה און די אַנדערע וועט אַרבעטן אַכט שעה און עס וועט איר גאָרנישט אָרן, אַבי נור זי וועט כאַפּן אַ ביסן און האָבן אַ גלעזל טיי אינצווישן, וואָס זאָל איר אַביסל אויפרישן פון דער פסדרדיקער נודנער אַרבעט. ווען עס זענען פאַראַן אַזאַלכע דיפערענצן, קאָנט איר נישט צעטיילן קיין אַרבעט גלייך און אייגפאָרמיק אין קוואַנטומס, וואָס זאָלן געמאָסטן

ווערן מיט דער צייט. דאָס וואָס איר קאָנט יאָ טון איז צו געבן די אַרבעטער אין אַלגעמיין גלייכע פרייע־צייט און בשעת־מעשה געדענקען, אַז רו און צייט כּדי צוריקצובאַקומען די פעיִקייט, הייסט נישט קיין פרייע־צייט, און אויך, אַז ווארטן אויף דער נויטיקער צוריקקערונג פון די כּוחות צו דער ווייטערדיקער אַרבעט, איז אויך אַן אַרבעט און אָפטמאָל זייער אַ פּאַסקודנע אַרבעט פאַר די, וואָס זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן פון צוריקקערן זיך צו דער אַרבעט דורך אַן אויסערגעוויינטלעכער איבערגעטריבענער פּראָלאָנגאַציע.

דער סך־הכּל ווייזט אונדז אַלזאָ, אַז אַבסאָלוטע פרייהייט, אַ גרויסע אַלגעמיינע און קאָמפּלעטע פרייהייט האָט נישט קיין אָרט אין דער נאַטור. די פּאַקטישע פראַגן וואָס דערהויבן זיך אין איר נאָמען, זענען ערשטנס, וויפיל פרייע־צייט קאָנען מיר זיך דערלויבן צו האָבן? און צווייטנס, ווי ווייט קאָנען מיר זיך דערלויבן צו באַנוצן מיט דער פרייער צייט? צום ביישפּיל: צי מעגן מיר גיין אויף יאַגט נאָך הירשן אויפן דאַרטמור? אַ טייל פון אונדז זאָגן ניין; און אויב דידאָזיקע מיינונג אין דער פראַגע ווערט אַ געזעץ וועט די פרייהייט צו גיין אויף יאַגט אויפן דאַרטמור צוגענומען ווערן, ביז וואַנען מען וועט עס אינגאַנצן פאַרווערן. צי מעגן מיר שפּילן אין גאָלף זונטאָג אינם משך פון די קירכן־שעהן? די קעניגן עליזאַבעט וואָלט נישט נור געזאָגט ניין, נור זי וואָלט אַרויסגעגעבן אַ געזעץ, אַז מען זאָל מוזן גיין אין קירך אַריין און אַזוי אַרום וואָלט זי גורם געווען, אַז זונטאָג זאָל בלויז זיין אַ האַלבער יום־טוב, אַנשטאָט אַ גאַנצער. היינטיקע צייטן געניסן מיר די פרייהייט צו שפּילן גאָלף אים זונטאָג. אונטער טשאַרלס דעם עלפטן, ווידער, האָט מען נישט ערלויבט קיין פרויען צוזאַמענצוקומען זיך צו די קוואַקער־מיטינגען; און ווען מען האָט זיך דערוווּסט, אַז זיי זענען זיך יאָ צוזאַמענגעקומען, האָט מען זיי געשמיסן. פּאַקטיש איז יעדע רעליגיעזע דינסט געווען פאַרבאָטן, און פאַר געהערן צו אַ וועלכער עס איז קירך, אַחוץ צו דער ענגלישער, איז מען שטרענג באַשטראָפט געוואָרן; און הגם עס איז דעמדאָזיקן געזעץ נישט

מעגלעך געווען פולשטענדיק אַרויפצוצווינגען אויף די רוימישע קאַטאָליקן און אויף די ייִדן, האָט מען פונדעסטוועגן אַרויפגעלייגט אַ שווערע שטראָף אויף דזשאָרדזש פאָקס און דזשאָן בּאַניאַן, הגם דער קעניג טשאַרלס האָט סימפּאַטיזירט מיט זיי. עס האָט אונדז געקאָסט אַ רעוואָלוציע, כּדי צו גרינדן אַ פאַרהעלטנישמעסיקע „געוויסנפרייהייט” און איצט קאָנען מיר שוין בּויען און גיין צו די גאָטעס-דינסטן פון פּרעכטיקע טעמפּלען, קירכן פון קריסטלעכע וויסנשאַפטסמענער און פון אָפּגעזונדערטע סעקטעס אויב עס גלוסט זיך אונדז נור.

און פאַרקערט ווידער, אַזעלכע זאַכן, וואָס מיר האָבן פריער געהאַט די פרייהייט צו טון זענען אונדז היינט פאַרבאָטן אין ענגלאַנד איז געווען איינגעפירט בּיז דאָ נישט לאַנג, און אין איטאַליען איז עס נאָך היינט אַ געזעץ, אַז ווען אַ פרוי האָט חתונה, געהערט איר גאַנץ פאַרמעגן צו איר מאַן: און אויב זי האָט געהאַט דאָס אומגליק חתונה צו האָבן מיט אַ שיכּור, אַן אויסוואורף, האָט ער זי געקאָנט איבערלאָזן מיט די קינדער, זי זאָל אַרבּעטן פאַר זיך און פאַר זייערטוועגן און דערנאָך האָט ער נאָך געקאָנט צוריקקומען און צונעמען אַלץ, וואָס זי פאַרמאָגט, כּדי עס אויסצובּרענגען דורך שיכּרות און אויסגעלאַסנקייט. ער האָט עס געקאָנט טון איינמאָל נאָכן אַנדערן און טייל־מאָל האָט ער עס טאַקע געטון אויך. מאַכן אַ פּרווו אויסצובּעסערן דאָסדאָזיקע איז פאַראורטיילט געוואָרן פון גליקלעך־פאַרהייראטע און פרומע מענטשן; זיי האָבן דאָס בּאַטראַכט ווי אַן אָנגריף אויף דער הייליקייט פונם הייראַטס־בונד; און פרויען, וואָס האָבן אונטערגעשטיצט די רעזאָלוציע מען זאָל ענדערן אַזאַ געזעץ, זענען דערקלערט געוואָרן פאַר נישט ווייבּלעך; ענדלעך האָט דער געזונטער מענטשנפאַרשטאַנד און די אָנשטענדיקייט געזיגט; און אין ענגלאַנד איז היינט צו טאָג אַ פאַרהייראַטע פרוי אַזוי גוט בּאַשיצט קעגן פּלינדעריי און רויב מצד איר מאַן, אַז עס האָט זיך שוין אָנגעהויבּן אַן אַגיטאַציע פאַר די רעכט פון פאַרהייראַטע מענער.

אַבּי נאָר נישט אינדערהיים, האָט אַ פאַבּריק־אייגנטימער

געמעגט און ער האָט טאַקע געאַרבעט מיט קליינע קינדער ביז ער האָט זיי פאַרמאַטערט צום טויט אָן שום שטראָף. אין זיין אייגענער פאַבריק האָט ער געמעגט טון אָדער נישט טון וואָס ער האָט געוואָלט. היינט קאָן ער אַזוי נישט טון וואָס אים פאַרגלוסט זיך אין זיין אייגענער פאַבריק, פונקט ווי איר קאָנט עס נישט טון אין וועסטמינסטער אַבעי. ער איז געזועצלעך געצוווּנגען אויפצוהענגען אַ לאַנגע ליסטע פון די זאַכן, וואָס ער מעג יאָ און וואָס ער טאָר נישט טון און דווקא אויף אַזאַ אָרט ווו מען וועט עס לייכט דערזען צי ער האָט יאָ חשק עס צוטון אָדער נישט. און אפילו דעמאָלט, ווען ער רוט, איז ער אַלץ אונטערגעוואָרפן געוויסע געזעצן וואָס באַשרענקן זיין פרייהייט און לייגן אויף אים אַרויף פליכטן און תקנות. ער טאָר נישט טרייבן זיין אויטאָמאָביל שנעלער, ווי צוואָנציק מייל אַ שעה (הגם ער טוט עס תמיד), ער מוז אים טרייבן לינקס און אַריבערפאָרן מוז ער רעכטס אין ענגלאַנד, און אין פראַנקרייך מוז ער טרייבן רעכטס און אַריבערפאָרן דאָס הייסט, אויסמיידן זיך מיט אַן אָנקומענדיקן אויטאָמאָביל, מוז ער לינקס. אין דער עפנטלעכקייט מוז ער טראָגן אַ וואסער עס איז מלבוש, אַפילו דעמאָלט, ווען ער מאַכט זיך אַ זון־באָד. ער טאָר נישט שיסן קיין ווילדע פייגל אָדער כאַפּן פיש פאַר ספּאָרט, סיידן אין געוויסע סעזאָנען אין יאָר; און קיין קינדער טאָר ער בכלל נישט שיסן אויב ער זאָל חשק האָבן זיך צו מאַכן אַזאַ מין ספּאָרט. און דערדאָזיקער געזעץ איז חל אויף פרויען, אַזוי גוט ווי אויף מענער. זייער פרייהייט איז, אין שייכות מיט דעם פונקט, אַזוי באַגרענעצט, ווי די מענערס.

איך דאַרף נישט באַלעסטיקן מיט נאָך מער ביישפּילן. איר קאָנט אַליין האָבן גאַנצע טוצן. באַגנוגנט אייך דערמיט, אַז אָן פרייער צייט איז נישטאָ קיין פרייהייט און אָן געזעצן קאָן מען זיך נישט פאַרזיכערן קיין פרייהייט. אין אַן אידעאַלן פרייען שטאַט וואָלט אַ בירגערין אָפּגעשטעלט געוואָרן פון אַ פּאָליציאַנט (מאַן אָדער פרוי) אויב זי וואָלט געפּרוּווט אין איר פרייער צייט, טון עפּעס אַזוינס, וואָס ווערט באַטראַכט פון אירע מיטבירגער

פאַר אַן עבֿרה קעגן זיי אָדער אַפֿילו קעגן איר אַליין; אָבער געהייסן וואָלט עס, אַז זי האָט דאָס היילּיקסטע רעכט צו טון װאָס זי װיל װי מאָדנע און קאַפּריזנע איר טאַט זאָל נישט אויסזען, אויב עס איז נור נישט קיין להכעיסדיקער. אָננעמען אָבער אַ כּלל, אַז זי טאָר נישט טון וואָס זי וויל סיידן, זי האָט אַ ספּעציעלע דערלויבעניש דערויף, אַזוי ווי אַ קליין קינד, וואָס מוז קומען פרעגן דער מאַמען, צי זי מעג עס טון און ווען עס ווילט זיך איר טון אַ זאַך וואָס איז מחוץ דער טעגלעכער פּראַקטיק, דאָס צעשטערט די פרייהייט. אין דער נאַטור פונם בריטישן מענטשן, און מסתּמא אין דער נאַטור פון אַלע מענטשן, איז דאָ אַ געוויסער ווונטש, אַז זאַכן זאָלן זיין פאַרבאָטן. איר טאָרט נישט פאַרגעסן, אַז ווען די קינדער אין „פּאַנטש” האָבן געקלערט, ווי אַזוי זיך צו פאַרווײַלן האָבן זיי באַשלאָסן אויסצוקוקן, וואָס דאָס קלענסטע קינד טוט און אים זאָגן, אַז מ'טאָר נישט. פאַרבאָט איז די איבונג פון מאַכט; און מיר האָבן אַלע אַ נייגונג צו פערזענלעכער מאַכט. וואָס איז תּמיד אין קאָנפליקט מיט דעם ווילן צו סאָציאַלער פרייהייט. עס וואָלט געווען רעכט, מען זאָל זיך אײַפריק אַקעגנשטעלן קעגן דעם, אויב עס פירט צו נישט-פאַראַנטוואָרטלעכער טיראַנישקייט. נור ווען אַלץ איז שוין יאָ אַרויסגעזאָגט געוואָרן, זענען פאַראַן אַזעלכע וואָס ליאַרמען, אַז מען מוז האָבן פרייהייט, און נישט פאַרשטייענדיק אירע גרענעצן רופן זיי אָן דעם סאָציאַליזם אָדער וועלכן עס איז אַנדערן פאָרשריט אין דער ציוויליזאַציע שקלאַפעריי, דערפאַר ווייל צוזאַמען מיט די נייע פרייהייטן שאַפן זיי אויך געוויסע נייע געזעצן — די זענען פונקט אַזאַ שטערונג אינם אויסברייטן די פרייע-צייט אָדער די פרייהייט, ווי די קרבּנות פון דער מאַניע, מען זאָל האַלטן אין איין פאַרווערן. די לעצטע זענען מער אין צאָל און זיי וואָלטן געבונדן יעדן איינעם, אַבי נישט צו ריזיקירן מיט זייערע אייגענע געזער.

LXX

## אַ רענטע פון פעיקייטן

איצט, אַז מיר האָבן אַרומגערעדט די פרייהייטס-פראַגע און מיר האָבן אויף אַ ווייל איבערגעריסן דעם געדאַנק (וואָס האָט געמוזט זיין אַ דערלייכטערונג) ווי אַזוי קאַפּיטאַל אַנטלויפט מיט אונדז, וואָלט אפשר נאָך אַזאַ אָפּווייכונג, ס'הייסט אַוועקגיין פון פּונקט צו אַ נאָך מער פאַרפּלאָנטערטער פראַגע, — נעמלעך, מכּוח די דיפערענצן און מעגלעכקייטן צווישן איין מענטש און דעם אַנדערן— געווען אויפן פּלאַץ; מחמת די אייגענע מענטשן, וואָס האַלטן זיך אין איין שרעקן זיי זאָלן נישט אַמאָל פאַרלירן זייער פרייהייט, וואָס לרוב האָבן זיי גאָרנישט, זענען די, וואָס ליידן פון דידאָזיקע דיפערענצן. מיט יאָרן צוריק האָב איך אָנגעשריבן אַ קליין ביכל מיטן נאָמען „סאָציאַליזם און גרויסע קעפּ" וואָס איז נישט נויטיק דאָ איבערצוחזרן, ווייל מ'קאָן עס נאָך איצט אויך קריגן. עס איז געווען אַן ענטפער דעם פאַרשטאָרבענעם ווילִיאַם האַרל מעלאָך, וועלכער האָט וואַרשיינלעך געהאַלטן פאַר נאַטירלעך, אַז דער אמתער וועג, ווי אַזוי אַרויסצוווייזן די חכמה אויף דער וועלט, איז אויסצונוצן די נאַרישע מענטשן, און זען אַרויסבאַקומען אַ גרעסערן טייל פון די נאַציאָנאַלע הכנסות. ווי געמיין דערדאָזיקער געדאַנק זאָל נישט זיין איז ער צופיל פאַרשפּרייט, מען זאָל אים קאָנען איגנאָרירן; דער ריכטיקער וועג, ווי אַזוי אויסצונוצן די מוחות איז צו

טראַכטן, ווי אַזוי צו פֿאַרגרעסערן די רייכטימער, כדי עס זאָל זיין, וואָס צו צעטיילן, און נישט כדי אַריינצוכאַפּן אַן אומערלערכן טייל, אַן אומגערעכטן; איינע פֿון די שווערסטע פּראָבלעמען פֿאַר אונדזער פּאָליציי — איז נישט צו דערלאָזן אָט דאָס אַריינכאַפּן, מחמת עס איז אַ קאַפּיטאַליסטישער פּרינציפּ, אַז יעדער איינער זאָל זיך באַנוצן נישט נור מיט זיין לאַנד און זיין קאַפּיטאַל, נור אויך מיט זיין כיטרעקייט, כדי אַריינצוכאַפּן אַזוי פֿיל געלט, וויפֿיל עס איז נור מעגלעך. קאַפּיטאַליזם צווינגט אים פּראַקטיש אַזוי צו טון צוליב דעם, ווייל ער האָט נישט קיין אַנדער וועג פֿאַר דער חכמה, ווי אַרויסצובאַקומען דורך איר וואָס עס לאָזט זיך נור.

לאָמיר אָנהויבן דערמיט וואָס מיר וועלן נעמען אַזעלכע ביישפּילן וואָס דערפֿרייען און באַלעבן אונדז: דאָס הייסט מיט אַזעלכע וואָס באַזיצן אַ געוויסן הכנסהדיקן פּערזענלעכן טאַלאַנט. אַ דאַמע מיט אַ ווונדערלעכע שטים קאָן אָפּדינגען אַ קאָנצערטזאַל און אַריינלאָזן נור די, וואָס באַצאָלן פֿאַר דער דערלויבעניש אַריינצוגיין הערן איר זינגען. אַ דזשענטלמען, וואָס קאָן מאָלן פּאָפּולערע בילדער, קאָן אויפֿהענגען זיין בילד אין אַ גאַלעריע, ווו מ׳קאָן נור אַריינגיין איינציקווייז, כדי צו קאָנטראָלירן די באַזוכער, זיי זאָלן נישט אַריין אומבאַצאָלט. אַ כירורג, וואָס קאָן דורכפֿירן אַ וויכטיקע אָפּעראַציע, קאָן זאָגן צו זיין פּאַציענט „דיין געלט אָדער דיין לעבן". ריזן, קאַרליקעס, צוזאַמענגעוואַקסענע צווילינגען, און צווייקעפּיקע זינגער מאַכן אַן אויסשטעלונג פֿון זיך און שטעלן זיך פֿאַר אַלס מאָנסטערס. שיינע אָנציענדיקע דאַמען באַקומען מתנות גענוג, כדי צו זיין רייכער פֿון די שכנים זייערע וואָס זענען נישט אַזוי שיין אָדער אַזוי אומפּאַרזיכטיק. דאָס אייגענע איז מיט שיינע מאַנסלייט, גוטע טענצער. פּאָפּולערע אַרטיסטקעס ווילן דווקא (טיילמאָל) מען זאָל זיי באַלעווען, מען זאָל זיי לאָזן אָפּטון אַלערליי באַרישקייטן און איבערגעטריבענע אויסבערענגעריי, מיטן אויסרייד, אַז זיי מוזן דאָס האָבן, כדי צו קאָנען אויפֿהאַלטן זייער אייגנטימלעכן רייץ און דאָס פּובליקום אונטערשטיצט גערן זייערע פֿאַרלאַנגען.

דידאָזיקע פאלן דאַרפן אונדז נישט באַאומרויקן, מחמת זיי
זענען געבויג זעלטן: און וואָלטן זיי געשען אָפט וואָלטן זיי פאַר-
לוירן זייערע מעגלעכקייטן רייך צו מאַכן, זייער מאַכט וואָלט
פאַרשווונדן. זיי האָבן נישט קיין שייכות מיט קיין אינדוסטריע-
לער מאַכט אָדער מיט פּאָליטישע פּריווילעגיעס; די וועלט ווערט
נישט געפירט פון קיין פּרימאַדאָנעס אָדער מאלערס, צווייקעפּי-
קע נאַכטיגאַלן און כירורגן, באַראָנען—ווי זי ווערט געפירט פון
פינאַנסיסטן און אינדוסטריעלע אָרגאַניזאַטאָרן. גאונים און מאָנ-
סטערס קאָנען פאַרדינען אַ סך געלט; אָבער זיי מוזן אַרבעטן
דערויף. איך אַליין האָב דערפון, וואָס איך האָב צופעליק מיט מיין
איינטרעגלעכן טאַלאַנט טיילמאָל געמאַכט מער ווי הונדערט מאָל
אַזוי פיל געלט אין איין יאָר, ווי מיין פאָטער האָט געמאַכט אין
זיין גאַנצן לעבן; אָבער ער, אַלס אַן אַרבעטסגעבער, האָט גע-
האַט מער מאַכט איבער אַנדערע מענטשנס לעבנס, ווי איך. אַ
פּראַקטישע פּאָליטישע מאַכט וואָלט תיכף אָפּגעשטעלט מיין פּראָ-
פעסיאָנעלע קאַריערע. אמת אַז איך אָדער אַ וועלכער עס איז
אַנדערער אייגנטימער פון אַן איינטרעגלעכן טאַלאַנט אָדער אייגנ-
שאַפט וואלטן געקאָנט קויפן לאַנד אָדער אַנדערע אינדוסטריעלע
הכנסות פאַר אונדזער ביז איצט אָפּגעשפּאָרט געלט און אַזוי
אַרום ווערן ווירטסלייט און קאַפּיטאַליסטן. נור ווען דידאָזיקע קוועל וואָלט
אָפּגעשניטן געוואָרן דורך סאָציאַליזם אָדער אַנדערע ענדערונ-
גען אין דער אַלגעמיינער קאָנסטיטוציע פון דער געזעלשאַפט —
בין איך מסופק צי עס וואָלט אונדז ווער מקנא געווען מיט
אונדזער געלט. אַ פּרווו מצד דער רעגירונג אַרויפצולייגן אַ שטיי-
ער אויף אונדזערע פאַרדינסטן און אונדז צו דערפירן צו דער
שטופע פון אַ פשוטן שטערבלעכן, וואָלט וואַרשיינלעך נישט
געווען שטאַרק פּאָפּולער, מחמת די פאַרגעניגנס וואָס מיר געבן,
זענען אנגענעם און אַ דערפרייאונג, וואָס איז פאַרשפּרייט, ווייט
און ברייט, בעת דער שאָדן וואָס מיר זענען גורם דורך אונ-
דזערע איינבילדונגען, אָנפאַלן פון אומבאַגרינדעטן כעס, קנאה
און צעבאַלעוועטקייט איז אַן ענג-באַגרענעצטער און רירט נור
אָן די עטלעכע אומגליקלעכע, וואָס קומען מיט אונדז אין פער-

זענלעכן קאָנטאַקט. אַ פּרימאַדאָנע, וואָס טראָגט אַ שנור פּערל־צען פוס לאַנג און אַ קאַראַנעט פון טייערע שטיינער, איז נישט גורם קיין שום פאַרערגערונג אינם לעבן פונם פּשוטן מיידל, וואָס טראָגט נישט מער, ווי אַ שנירל קרעלן אויפן האַלדז הגם דערמיט וואָס זי באַצאָלט פינף שילינג פאַר אַ בילעט אַריינצו־גיין אין טעאַטער, העלפט זי פונדעסטוועגן קויפן אָט די פּערל־פּאַרקערט, זי איז גורם, אַז דעם מיידלס לעבן זאָל ווערן אינ־טערעסאַנטער, ווייל זי באַצויבערט איר.

אַ חוץ דעם ווייסן מיר פון אייגענער דערפאַרונג, נישט נור פון פּרימאַדאָנעס נור פון סתם מיליאָנערן, אַז מיט רעגולע־רע טעגלעכע פּערזענלעכע אויסגאַבן קאָן מען נישט פאַרברויכן מער געלט פון אַ געוויינטלעכן קאַפּיטאַליסט. מענטשן וואָס זענען אַזוי רייך ווי למשל סעסל ראָדס אַנדרעי, קאַרנעי גיע, און אַלפרעד נאָבל דער דערפינדער פון דינאַמיט (דאָס רעכנען מיר בלויז פאַרשטאָרבענע) קאָנען נישט אויסגעבן אַזוי פיל וויפיל זייערע הכנסות באַטרעפן און זיי זענען געצוווּנגען אָוועקצוגעבן געלט אין מיליאָנען פאַר גאַלעריעס און מוזעומס, וועלכע זיי פילן אָן מיט פּרעכטיקע קאָלעקציעס און דאָס איבריקע ערשט לאָזן זיי איבער אויף געזעלשאַפטלעכע צוועקן, אויף אוניווערזיטעטן, קירכן, פּריזן אָדער סובסידיעס פאַר פעיקע שילער, אָדער אַנדע־רע געזעלשאַפטלעכע אָביעקטן וואָס אינטערעסירן זיי גראָד. ווען עס וואָלט געהערשט אַן אַלגעמיינע גלייכהייט אין דער הכנסה־צעטיילונג, וואָלט אַ געוויסע זייטיקע ספּעציעלע הכנסה דאָ און דאָרט נישט געגעבן די מעגלעכקייט דעם אייגנטימער צו קאָנען לעבן אַנדערש פון אַלע אַנדערע מענטשן. אַ באַרימטע סאָפּראַנ־זינגערין וואָלט געקאָנט זינגען הונדערט נעכט כסדר פאַר אַ גע־פּאַקטן פּובליקום אין „אַלבערט האָל" און יעדער זאָל צאָלן אַ גינע פאַר אַ בילעט; דאָך זאָל זי נישט קאָנען באַקומען קיין פּריילן, וואָס זאָל איר באַדינען, סיידן אַזעלכע פּריילנס וואָלטן געווען אַ מין סאָציאַלע אינסטיטוציע. זי וואָלט אויך נישט גע־קאָנט איבערלאָזן קיין אייגציקן פאַרדינג פאַר אירע קינדער, סיידן ירושות וואָלטן געווען אַ סאָציאַלע אינסטיטוציע. זי וואָלט

אויך נישט געקאָנט קויפן קיין אומפאַרדינטע און פאַרלויפיק נישט עקזעסטירנדיקע הכנסה פאַר זייערטוועגן סיידן קאַפּיטאַליזם וואָלט געווען אַ סאָציאַלע אינסטיטוציע. אַזוי, אַז הגם עס איז תמיד אַ גרינגע זאַך פאַר אַ מלוכה, אָפּצושטעלן וועלכן עס איז פּרוּוו מצד אַ יחיד צו ווערן רייכער, פון זיינע שכנים דורך אַרויפלייגן ספּעציעלע שטייערן אויף אים אָדער פאַרווערן זיינע מעטאָדן איז עס אַ ספק צי עס וועט זיך ווען עס איז לוינען אַזוי צו טון דאָרט, ווו דער מעטאָד איז אַן איבונג פון אַ פּאָפּולערן פערזענלעכן טאַלאַנט.

אָבער ווען מיר האַלטן שוין דערביי, ביי אָט דעם טאַלאַנט, וועלכער מאַכט זיין געלט דורך מאַכן איבונגען מיט אַנדערע מענטשנס טאַלאַנטן, באַקומט די טעמא אַן אַנדער פּנים דער פאַל איז גאָר אַ פאַרדריסלעכער. צו דערלאָזן, אַז קלעאָפּאַטראַ זאָל מאַכן געלט דורך איר כּשופדיקן רייץ, איז איין זאַך און צו דערלאָזן, אַז אַ סוחר זאָל ווערן אומגעהויער רייך דערפון, וואָס ער וועט באַשעפטיקן פינף הונדערט קלעאָפּאַטראַס צו צען פונט אַ וואָך יעדע אָדער ווייניקער נאָך, און זיי פאַרדינגען כּסדר פאַר צען פונט אַ טאָג אָדער מער, איז אַן אַנדער זאַך. מיר קאָנען אַמאָל מוחל זיין אַ גנב צוליב דעם, וואָס מיר באַוווּנדערן זיין פעיקייט און זיין מוט; אָבער צו דעם באַשיצער זיינעם וואָס מאַכט געלט דערפון, וואָס ער קויפט אָפּ די גנבות פאַר אַ צענט-חלק פון זייער אמתן ווערט — איז אוממעגלעך צו פילן אַ וואָסער עס איז סימפּאַטיע. ווען מיר באַטראַכטן די לאַגע גוט געפונען מיר, אַז בכבודיקע פרויען און ערלעכע מענער ווערן אויך עקספּלאָאַטירט אויף אַזאַ אופן. די ציוויליזאַציע פאַרערגערט נאָך די אומשטענדן אין דעם פּרט, מחמת ציוויליזאַציע מיינט די איינטיילונג פון אַרבעט. געדענקט די שפּילקע-מאַכער און די שפּילקע-מאַשינען. אין אַ געזעלשאַפט, ווו די קאָנדיציעס פון לעבן זענען פּרימיטיווע שפּאָרט דער אַרבעטער אָפּ געלט פון אַ געוויסן אַרטיקל, כּדי צו קויפן די מאַטעריאַלן וואָס זענען נויטיק פאַרן דאָזיקן אַרטיקל. ער קלויבט זיי אויס, ער קויפט זיי אין האָבנדיק פאַרטיק געמאַכט דאָס אַרטיקל פון

אַט די מאַטעריאַלן פאַרקויפט ער עס צו דעם, וואָס נוצט עס אָדער קאָנסומירט עס. היינט איז דאָס באַקומען געלט צו קויפן די אַרטיקלען אַ באַזונדער מסחר; דאָס אויסקלויבן און קויפן דאָס אַרטיקל, ווידער אַן אַנדער מסחר. די אויסאַרבעטונג ווערט צעטיילט צווישן עטלעכע אַרבעטער אָדער אַז נישט ווערט די אַרבעט געטון מיט אַ מאַשין און אַ יינגל אָדער אַ מיידל גיט אַכטונג אויף דער אַרבעט; דאָס פאַרקויפן איז ווידער אַן אַנדער מסחר. פאַקטיש איז עס נאָך אַ סך קאָמפּליצירטער, מחמת די באַזונדערע עסקים פון קויפן די מאַטעריאַלן און פאַרקויפן די פּראָדוקציע, זענען שוין אַליין אויך איינגעטיילט אין עטלעכע באַזונדערע מסחרים, אַזוי, אַז צווישן דעם אָריגינעלן פּראָדוקט פון רויען מאַטעריאַל פון דער נאַטורס האַנט ביז דער אויסגע־אַרבעטער פּראָדוקציע, וואָס איר קויפט אין קראָם — קאָנען זיין גאַנצע טוצן פאַרמיטלערס, אויף וועמען איר האָט זיך צו באַ־קלאָגן מחמת יעדער פון זיי נעמט אַן אומדירעקטן אָפּצאָל, וואָס איז גורם, איר זאָלט צאָלן הויכע פרייזן און עס איז נישט מעגלעך, איר זאָלט זיין ביכולת אויסצוגעפינען, וויפיל פון זיי עס זענען נויטיק, אַלס אַגענטן אינם פּראָצעס און וויפיל עס זענען אונטערגראָבער און פּאַראַזיטן.

די אייגענע קאָמפּליקאַציעס וועט איר געפינען אין דעם גרויסער טייל פון דער אַרבעט וואָס באַשטייט נישט אין אויס־אַרבעטן זאַכן, נור אין דער לייסטונג פון אַלערליי דינסטן. די פרוי, וואָס פלעגט אַמאָל נעמען די וואָל פונם מאַנס האַנט, בעת ער האָט נורוואָס פאַרענדיקט שערן די שעפּסן און מיט די איי־גענע הענט אויסאַרבעטן דערפון קליידער און פאַרקויפן, אָדער מאַכן מלבושים פאַר איר אייגענער פאַמיליע — איז היינט נישטאָ. איר אָרט פאַרנעמט היינט אַ פינאַנסיסט, אַן אייגנטימער פון שיפן צו טראַנספּאָרטירן זיינע סחורות, אַ וואָל־מעקלער, אַ וועבעריי אַן אנגראָסיסט א קליינהענדלער, אַ קרעמער אַן עקספּי־דיענט און גאָט ווייסט וויפיל נאָך א חוץ זיי, יעדער אייגער איז פעיק צו טון איר טייל אינם פּראצעס און איז אבסאָלוט אומ־ווויסנדיק בנוגע די אַנדערע טיילן פון דער אַרבעט, אַז אפילו

איר אייגענע אַרבעט קאָן זי נישט טון, סיידן אַלע אַנדערע מיטאַרבעטערינס טוען אין דער אייגענער צייט זייער טייל. יעדער איינע פון זיי וואָלט אָן דער אַנדערער אויסגעזען, ווי אַן אַרטילעריסט אָן אַ קאַנאָן אָדער ווי אַן עקספּידענטקע אָן סחורה צום פאַרקויפן.

איצט, ווען מיר זענען נאָכאַמאָל דורכגעגאַנגען די אַלע נויטווענדיקע טיילן וועגן אינדוסטריע אָדער דינסט, וועט איר זיך אָפּשטעלן אויף אונדזער פראַגע פון אויסערגעוויינטלעכער פעיקייט אין איר דרינגענדיקסטער און געפערלעכסטער פאָרם. איר וועט, למשל, אויסגעפונען, אַז אויב אַ געזונטע נאָרמאַלע פרוי קאָן אויסגעלערנט ווערן צו זיין אַ קאָמפּיטענטע עקספּידיענטקע אָדער אַ סטענאָגראַפּיסטן און אַ מאַשין־שרייבערן אַן אָפּעראַטאָרן פון אַ רעכנמאַשין (אַריפמעטיק ווערט היינטיקע צייטן געמאַכט דורך אַ מאַשין) אָדער אַ פאַבריק־מיידל, אַ לערערקע א. אַ. וו. וועט איר אָבער זען, אַז קוים פינף פון יעדער הונדערט קאָן אַליין פירן אַ מסחר אָדער פאַרוואַלטן אַ גוט אָדער וויסן, ווי זיך צו באַגיין מיט אַ גרויסן קאַפּיטאַל. די צאָל מענטשן, וואָס קאָנען טון, וואָס מען זאָגט זיי, איז אַלעמאָל אַ שטאַרק איבערגעטריבענע אין פאַרגלייך מיט דער צאָל, וואָס קאָנען לערנען אַנדערע וואָס צו טון. אויב אַ געלערנטע פרוי פאַרלאַנגט אין אַ געשעפט מער ווי פיר אָדער פינף פונט אַ וואָך, פרעגט איר קיינער נישט, צי זי איז אַן אָרנטלעכע פרוי אָדער אַן אויסגעלאַסענע; די פראַגע איז נור צי עס איז פאַראַן אַ פּאָסטן פאַר אירעטוועגן, ווי זי וועט דאַרפן קאָנען אָפּשליסן און דורכפירן געשעפטן, און אויב עס איז פאַראַן, איז צי קאָן מען זיך פאַרלאָזן אויף איר, אַז זי וועט זיי קאָנען דורכפירן? אויב דער ענטפער איז יאָ, וועט מען איר צאָלן אַ לוין, וואָס וועט איר זיין גענוג נאָך מער ווי אויף פרנסה; אויב ניין, איז פאַרשטייט זיך, אַז גאָרנישט.

ווען ס׳איז אפילו נישטאָ קיין אָרט פאַר קיין אָרגינעלע אויפטואונגען, און אַלץ וואָס עס איז פאַראַן צו טון, איז צו האַלטן אַן אויג אויף אַנדערע בעת זיי אַרבעטן שווער און בי-

טער און זען, אַז זיי זאָלן אַרבעטן און אויפהאלטן אַ דיסציפּלין
אין אַלגעמיין, דידאַזיקע פעיקייט האָט אויך נישט יעדער, דאָס
איז אויך אַ בעגאַבטקייט, וואָס האָט אַ ספּעציעלן ווערט. עס קאָן
טאַקע זיין אַ פעיקייט, וואָס פאַרדינט נישט קיין שום באַוווּנדע-
רונג, עס קאָן פּשוט זיין אַ פּועל-יוצא פון אַ קאָמבינירטער ברו-
טאַלער ענערגיע מיט אַ נשמהלאָזע גלייכגילטיקייט צו די גע-
פילן פון אַנדערע; אָבער דער ווערט דערפון איז אלציינס אַ
-כערער: דידאַזיקע פעיקייט מאַכט דעם אייגנטימער פון איר
פאַר אַן אויפזעערן אָדער אַן אויפזעער אין אַ פאַבריק, פאַר אַ
טורמע-וועכטערן, אַ מאַטראָנע אין אַ וווילטעטיקע אינסטיטוציע,
אַן אָפיציר אין דער אַרמעע, אַ הויפּט-לערערקע אין אַ שול
א. ד. גל. ביידע, סיי די אָנפירערקעס, סיי די פּשוטע אויפ-
זעערקעס ווערן מערסטנס שטאַרק געהאַסט, מען האָט זיי טאַ-
קע פיינט; נור מען נויטיקט זיך אין זיי שטאַרק און אויב
עמעץ איז גראָד געבליבן מיט אַ פּערזאָנאַל געוויינטלעכע
מענטשן אָן אַ פירער, וועט ער זיי גלייך צונעמען. אַ באַנדע
ים-רויבער, וואָס איז נישט אונטערגעוואָרפן קיין שום געזעצן
אַ חוץ די געזעצן פון דער נאַטור, וועלן זיך אויסקלויבן אַן
אָנפירער וואָס זאָל באַפעלן איבער זיי און אַ קאַפּיטאַן, וואָס
זאָל זיין דער אָנפירער זייערער און זאָל זיי ווייזן וווּאַהין צו
זעגלען, מעג איינער זיין דער אומדערמרעגלעכסטער גראָביאַן
און דער צווייטער דער אויסוווּרף און דער גרעסטער טיראַן אויף
דער שיף. אין נאַפּאָלעאָנס רעוואָלוציאָנערע אַרמעע איז אַן
אויסערגעוויינטלעכע טרופּע דראַגונערס געווען אונטער דער קאָ-
מאַנדע פון אַן אָפיציר און ער האָט לסוף אָנגעהויבן שרעקן און
כאָטש ער האָט געפּרוווט אָפּלייקענען, אַז ער איז קראַנק, האָט
ער דווקא געוואָלט, אַז דער יונגסטער פון זיי, אַ בחורל פון
זעכצן יאָר זאָל איבערנעמען די קאָמאַנדע, ווייל ער איז געווען
אַן אַריסטאָקראַט און זיי זענען געווינט געווען, אַז אַריסטאָ-
קראַטן זאָלן דענקען פאַר זייערטוועגן. ער איז דערנאָך געוואָרן
גענעראַל מאַרבאָט: איר וועט געפינען דעמדאָזיקן אינצידענט
דערמאָנט אין זיינע מעמואַרן, יעדער פרוי ווייסט, אַז די פרוי

וואָס האָט אַ פעסטערן כאַראַקטער פון די אַנדערע הויזמענטשן קאָן ווערן דער טיראַן פון הויז, וואָס איז טיילמאָל די הערשערן פון שרעק. אָן דירעקטאָרן וואָלטן די מערסטע פון אונדז געווען ווי לויזע פערד אין אַן ענגער גאַס. דער פילאָזאָף הערבערט ספענסער, הגם ער איז געווען זייער אַ קלוגער מענטש, האָט ער פונדעסטוועגן געהאַט א ליבנסווערטיקן שטריך אין זיין כאַראַקטער: ער האָט שרעקלעך פיינט געהאַט צוואַנג. ער האָט אפילו נישט געקאָנט פועלן ביי זיך, צו צווינגען זיין פערד עס זאָל גיין; און דער פועל-יוצא איז געווען, אַז ער האָט געמוזט פאַרקויפן זיין פערד און גיין צו פוס, ווייל דאָס פערד נישט פילנדיק איבער זיך קיין שום צוואַנג האָט זיך נאַטירלעך כסדר אָפגעשטעלט און זיך געפאַשעט אויפן גראָז. טאָלסטוי ווידער, אויך אַ פראָפעסיאָנעלער הומאַניסט האָט געקאָנט צוימען און פירן די ווילדסטע פערד; און דערצו האָט ער זיך באַנוצט מיט דער געוויינטלעכער מעטאָדע. ער האָט דעם פערד אַזוי לאַנג פאַרשאַפט אומאַנגענעמלעכקייטן, ביז עס האָט אים לסוף געפאָלגט.

אויך מיט מענטשן איז דאָס אייגענע, ווי מיט פערד. זיי זענען זעלטן קעגן דעם, אז מען זאָל הערשן איבער זיי. מערסטנס זענען זיי נאָך מער ווי צופרידן זיך איינצובערגען די אַרבעט פון טראַכטן און צו פלאַנעווען פאַר זיך. מענטשן וואָס לאָזן נישט הערשן איבער זיך, זענען אַן אויסנאַם. ווען מען וואַרפט שמוץ אויף דער אויטאָריטעט און אונטערגעוואָרפנקייט, הייסט אַ דערנידערונג, זיי זענען דעמאָלט ביידע באַליידיקטע, דאָס קאָן צופירן צו א רעוואָלוציע און אַן אויפשטאַנד. אָבער עס איז נישטאָ קיין שום ביישפיל אין דער געשיכטע, אַז אַ נוצלעכע, טאַקטיש געאיבטע אויטאָריטעט זאָל האָבן אמאָל אַרויסגערופן אַן אויפשטאַנד. אונדזערע גייסטיקע פוילקייט, איז א גאַראַנטיע פאַר אונדזער געהאָרכזאַמקייט. די מוטער וואָס זאָגט: „וויאַזוי דערוועגעטו זיך דאָס אַרויסצוגיין און מיך נישט פרעגן קיין דערלויבעניש”? קאָן באַלד נאָכדעם הערן ווי זי אַליין שרייט: „פאַרוואָס קאָנסטו נישט אַליין טראַכטן, נור דו קומסט מיט יעדער קלייניקייט צו מיר”? אָבער זי וואָלט זיך שטאַרק געוואונדערט,

ווען אַ נישט־העפלעכער אויטאָמאָביל פֿאַבריקאַנט זאָל צו איר אַ
זאָג טון: „פֿאַרוואָס קאָנט איר זיך נישט אַליין מאַכן קיין אוי־
טאָמאָביל, נור איר מוזט קומען צו מיר יעדעס מאָל, ווען איר
דאַרפֿט האָבן אַן אויטאָמאָביל.

איך אַליין בין פּראָפעסיאָנעל דאָס, וואָס מען רופֿט אַן
אָריגינעלער דענקער. מיין געשעפט איז אויסצופרעגן און אויס־
צופּרווון, צו דערגיין אַלע עקזיסטירנדיקע גלויבנס און אַלע גע־
זעץ־ביכער, אויף וויפֿיל זיי זענען גילטיק און אויף וויפֿיל זיי
זענען שוין, ווי מ׳זאָגט, אָפּגענוצט, אָדער פֿאַרוואָרפֿן אפילו, מאַכן
פּראָיעקטן פֿאַר נייע גלויבנס און געזעץ־ביכער, אָבער גלויבנס
און געזעץ־ביכער זענען נישט מער, ווי צוויי פֿון די הונדערטער
נוצלעכע אַרטיקלען. וואָס מ׳דאַרף האָבן, כּדי איינצואָרדנען זיך
אַ גוט לעבן. די אַלע איבעריקע אַרטיקלען מוז איך נעמען אַזוי־
ווי מען לייגט זיי מיר פֿאָר, פֿאַרלאָזנדיק זיך אויף דער אויטאָ־
ריטעט פֿון די, וואָס פֿאַרשטייען זיך אויף זיי, אַזוי אַז הגם אַ
סך מענטשן, וועלכע קאָנען נישט פֿאַרטראָגן, אַז די עקזיסטירנ־
דיקע גלויבנס און געזעצן זאָלן באַרירט ווערן, אָדער מ׳זאָל
פֿרעגן קשיות, באַטראַכטן מיך פֿאַר אַ געפֿערלעכן רעוואָלוציאָנער
אומגעהאָרכזאַמען פֿאַרשוין, מוז איך פֿאָרט אין די מערסטע פֿאַלן
זיין אַזוי געהאָרכזאַם, ווי איר קאָנט זיך נור ווינטשן. ווען אַ
באַן־פּאָרטיער ווייזט מיר אָן צו גיין צו דער פּלאַטפֿאָרם נומער
צען, וואַרף איך אים נישט אַנידער און שריי נישט אויס: „נידער
מיט דער טיראַניי”! און לויף מיט כּעס צו דער פּלאַטפֿאָרם
נומער איינס, איך נעם אָן זיין אָנווייזונג, ווייל איך וויל ער
זאָל מיר אָנווייזן, ווייל איך וויל אַריין אין דעם ריכטיקן צוג.
פֿאַרשטייט זיך, ווען דער פּאָרטיער זאָל אָנפֿאַלן אויף מיר און
זאָל באַליידיקן און איך זאָל נאָכדעם, וואָס איך האָב מיך אונ־
טערגעוואָרפֿן דעם אַלעם ערשט אויסגעפֿונען אַז מיין באַן גייט
גאָר אַוועק פֿון פּלאַטפֿאָרם נומער זיבן און אַז פֿון נומער צען
פֿירט מיך גאָר די באַן קיין פּאָרטסמוט, בעת איך האָב גאָר גע־
דאַרפֿט פֿאָרן קיין בירמינגהאַם, — וואָלט איך בלי־ספֿק אויפֿגע־
הויבן אַ געוואַלט קעגן אָט דעם פּאָרטיער און איך וואָלט געטון

וואָס איך וואָלט נור געקאָנט, כדי צו זען ער זאָל אַראָפּגעזעצט ווערן פון זיין פּאָסטן, אָבער ווען ער איז געווען מענטשלעך, העפלעך און האָט מיך געפירט אויפן ריכטיקן וועג, וואָלט איך אים נאָך פאַרטיידיקט אויב עמיץ וואָלט אים געפּרוווט שלעכטס טון. איך מוז אָנקומען צו מענטשן, זיי זאָלן פירן מיין הויז, איך דאַרף אַ מאָל אָנקומען צו אַ דאָקטאָר צו אַ קראַנקן-שוועסטער און בכלל באַהאַנדלט ווערן, ווי אַ קינד אין אַלערליי סיטואַציעס, וווּ איך קאָן זיך נישט אָריענטירן און ווייס נישט, וואָס כ'האָב צו טון און אַזויווי איך בין ווייט דערפון אַז איך זאָל זיך פילן באַליידיקט פון אַלע פירער און טוער פאַר מיינעטוועגן, בין איך נאָך מער ווי צופרידן זיך צו באַנוצן מיט אָט דער הילף. בעת איך בין דאָס ערשטע מאָל אַריין אין איינער פון די עלעקטרישע ווינדעס, ווו די פּאַסאַזשירן גייען אַליין אַנשטאָט עס זאָל זיי אַרויף און אַראָפּפירן אַ קאָנדוקטאָר און געדאַרפט בעת-מעשה אַליין ציען אַ שטריק, האָב איך שיעור נישט געוויינט פאַר מורא און איך האָב ממש פריי אָפּגעאָטעמט, ווען כ'בין אַרויס פון דאָרט אַ לעבעדיקער.

איר וועט אפשר טראַכטן, אַז איך גיי אַוועק פון ענין, אָבער פון דערפאַרונג ווייס איך צו גוט, אַז עס איז גאַנץ מעגלעך איר זאָלט אין אַ ווינקל פון אייער מוח אַ טראַכט טון, אַז עס ליגט אין אונדזער נאַטור פיינט צו האָבן אויטאָריטעט און אונטערגעוואָרפנקייט אַלס אַ זעלכע. און אַז נור מיט פיינטלעכן און שטרענגען צוואַנג קאָן מען זיי אויפהאַלטן. האָב איך דען פּאַקטיש נור וואָס געזוכט אַ מיטל אייך איבערצוצייגן אַז דער טרויעריקער מצב פון דער היינטיקער וועלט האָט אַ סך צו פאַרדאַנקען אונדזער קעגנשטעלן זיך, נישט קעגן דער שלעכטער הערשאַפט, נור קעגן דעם מען זאָל בכלל הערשן איבער אונדז? אָבער איר מוזט אונטערשיידן. עס איז אמת אַז מיר האָבן פיינט מען זאָל זיך אַריינמישן אין אונדזער לעבן און מיר ווילן קאָנען טון דאָס וואָס מיר ווילן, דעמאָלט ווען מיר ווייסן וואָס מיר האָבן צו טון, אָדער מיר מיינען לכל-הפּחות, אַז מיר ווייסן; אָבער ווען עס איז טאַקע דאָ עפּעס צו טון, און נור פינף

פון יעדער הונדערט ווייסן וויאַזוי עס צו טון, וועלן דעמאָלט די איבריקע פינפאונניינציק, נישט נאָר מיט חשק געפירט ווערן פון די פינף, נור זיי וועלן זיך בעטן, מען זאָל זיי פירן און זיי וועלן הרגענען, אויב עס וועט נויטיק זיין דעם, וואָס וועט וועלן שלעכטס טון אָדער צונעמען די פירער. דאָס איז די סיבה, פאַרוואָס עס קומט אָן אַזוי גרינג די אַמביציעזע שווינדלער צו ווערן פירער. קיין ספק נישט, אַז קאָמפּעטענטע פירערשאַפט קאָן זיך פאַרהאַסן צוליב שלעכטע זיטן און צוליב פּרעטענציעס אויף גרויסקייט און ווילן האָבן די מאַכט איבער אַלץ און אַלעם און אָפּהענגיקייט ווידער קאָן ווערן אומדערטרעגלעך, אויב מען ברענגט צו אַזאַ מצב עס זאָל הייסן אַ דערנידערונג צו זיין אָפּהענגיק בכלל. פירער, וואָס ברענגען צו אַזעלכע רעזולטאַטן, דאַרפן אָן שום רחמנות באַזייטיקט ווערן, נישט קיין חילוק ווי קאָמפּעטענט ער זאָל נישט זיין אויף אַנדערע געביטן, מחמת זיי צעשטערן דעם זעלבסטרעספּעקט און די רו און זיי שאַפן אַ געפערלעכע פיינטלעכע אַטמאָספערע, וואָס העלפט פאַרקלענערן זייער קאָמפּיטענץ און זיי רייצן אויף די געמיטער פון די וועמען זיי פירן, אָבער איר קאָנט זיין זיכער, אַז קאָמפּיטענץ און אָפּהענגיקייט אַליין זענען נישט פאַראַכט און מען קאָן זיין זיכער, אַז אפילו נאָך דער גרעסטער סאָציאַלער קאָנוווּלסיע וועלן זיי נאָך אַלץ צוריקגעשטעלט ווערן און געפונען זייער אָרט אויב עס איז פאַראַן פאַרוואָס זיך צו שרעקן איז עס ווייניקער פאַר זייער חורבן, ווי פאַר דעם אידעאַליזירן די פירער, וואָס ווייסן וויאַזוי צו באַנוצן זיך מיט זייער קאָמפּעטענץ, כדי עס זאָל זיי ברענגען דערפאָלג. נעלסאָן איז אידעאַליזירט געוואָרן פון זיינע ים-קאָלעגן; לענינען האָט דאָס רעוואָלוציאָנערע רוסלאַנד מקבר געווען אַלס אַ הייליקן; סעניאָר מוסאָליני איז שטאַרק געאַכט אַלס דער פירער פון איטאַליען, אָבער קיין שום אַנאַרכיסטישער פריידיקער, וואָס האָט זיך געפּרוּווט אַקעגנשטעלן דעם אויטאָריטעט אַלס אַזעלכער, איז נישט געווען ווען עס איז פּאָפּולער און וועט קיינמאָל נישט זיין.

צום אומגליק, איז איינע פון די ערגסטע זינד פון דעם

קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם דאָס, וואָס ער צעשטערט די סאָציאַלע
גלייכהייט, וועלכע איז א נויטווענדיקייט סיי פאר דער אויטאָרי-
טעט, סיי פאר דער אָפּהענגיקייט. דאָס וואָרט אָפּהענגיקייט, וואָס
וואָלט אייגנטלעך געדאַרפט הייסן צוזאַמענאַרבעט, פאַרלירט דידאָ-
זיקע פאַרדאָרבנקייט, וואָס אונטער דעם פאַרקויפט מען אויטאָרי-
טעט אין מאַרק, ווי פיש, און ווי א „סאַרגעאָן" איז עס אויך
טייער ווייל עס איז נישט שטאַרק בנמצא. צוליב דעם וואָס מען
צאָלט דעם פירער מער ווי די וואָס מען פירט, שאַפט זיך א
קלאַסן אונטערשייד צווישן זיי און א דיפערענץ אין קלאַס, ענ-
דערט גלייך א דירעקציע אָדער א קאָמאַנדע, וואָס וואָלט אויף
א נאַטירלעכן אופן נישט נור נישט פאַרהאַסט געוואָרן, נור וואָלט
באַך געווען געווונטשן און מען וואָלט עס פאַרלאַנגט. „ווער זענט
איר דאָס פאַר איינער, וואָס איר זאָלט מיר באַפעלן? איך בין פונקט
אזאַ יחסן ווי איר!" איז אַן אויסדרוק וואָס געשעט קיינמאָל נישט
ווען קאָלאָניעל סמיט גיט א באַפעל צום לייטענאַנט דעם דיוק-
אָף-טענקאַונטיעס. אזאַ אויסדרוק לייגט זיך זייער אָפט אויף מי-
סעס היקס ליפּ (הגם זי רעדט עס אפשר נישט ארויס צוליב
העפלעכקייט אָדער צוליב דער מורא פאר קאָנסעקווענצן). ווען
די היקס, וועלכע וווינט אין אַן אָרעמער געגנט באַקומט א באַ-
פעל פון מיסעס האַנטינגדאָן, וועלכע וווינט אין א סקווער, מעג דער
באַפעל זיין מיסעס היקס לטובה. פונדעסטוועגן איז עס אזוי, אויב
ער איז געגעבן געוואָרן אין אזאַ טאָן. וואָס דריקט אויס און מיינט
אויסצודריקן דער מאַמעס באַוווסטזיין, אַז מיסעס היקס איז אַ מין ניד-
ריקע חיה. און ווידער, ווען ליידי ביליאַנהאַם וויל נישט זיין קיין
פריינט מיט מיסעס האָווארד און זי מאכט זיך, אַז זי קאָן איר
גאָרנישט פילט מיסעס האוואַרד, אַז לאָרד ביליאנהאם איז גאָר-
נישט, אַז זיין גאַנצן כבוד האָט ער דערפאַר, וואָס ער האָט
געלט און א י ר מאַן, האַנטינגדאַן איז דער גרויסער מענטש.
און זי וואָלט זיך געפילט גליקלעך צו האָבן די געלעגנהייט צו
דערנידריקן איר שכנה וואָס האָט אַ קאָלאָסאַלע הכנסה. אָבער
ווען מיסעס היקס און מיסעס האַנטינגדאָן האָווארד און ליידע
ביליאַנהאַם וואָלטן אַלע געהאַט גלייכע הכנסות אין זייערע קינ-
דער וואָלטן זיך געקאָנט משדך זיין צווישן זיך און עס זאָל

נישט וויסן קיין דערנידערונג, וואָלטן זיי אַפילו נישט געחלומט זיך צו קריגן דערפאַר, וואָס זיי (אָדער זייערע מענער) וואָלטן געזאָגט איינער דעם אַנדערן, וואָס צו טון, אויב זיי וואָלטן אַליין נישט געוווּסט. אויב מען זאָגט איינעם, וואָס ער זאָל טון באַפרייט מען יענעם פון דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון די קאָנסעקווענצן פון זיין טאַט; און די, וואָס האָבן מורא, אַז גלייכע מענטשן וועלן זיך פילן באַליידיקט, אויב מען וועט זיי זאָגן, וואָס צו טון און וואָס נישט, קאָנען זיי זייער ווייניק די מענטשלעכע נאַטור.

דאָס ערגסטע איז, וואָס דער קאַפּיטאַליזם האָט פּראָדוצירט אַ קלאַס מענטשן, וועלכע זענען צוליב זייערע טרויעריקע אומשטענדן אַזוי דערנידעריקט, אַז זיי קאָנען פּשוט נישט אויספירן קיין באַפעל אויב ער ווערט געגעבן אין אַ העפלעכן טאָן. זיי מוזן פריער שרעקלעך באַליידיקט ווערן, מען דאַרף זיי שעלטן און שטויסן, איידער מען קריגט פון זיי אַרויס אַביסל אַרבעט; און די אָרעמע צעקנאָדערטע נשמות שאַפן אין קעגנזאַץ, אַ קלאַס שקלאַפן-טרייבער, וועלכע קאָנען נישט קיין אַנדער מעטאָדע אויפצוהאַלטן דיסציפּלין. דער איינציקער אויסוועג איז נישט צו פּראָדוצירן אַזעלכע מענטשן. זיי זענען מפּל-קינדער פון דער נויט און זיי וועלן פאַרשווינדן, ווען די נויט וועט פאַרשווינדן.

דער ווידערווילן קעגן באַפעלן, הערשן איז אַן ערנסטע שוועריקייט. ווען מ׳שיקט אַוועק צוויי סאָלדאַטן אויסצופירן געוויסע פליכטן, מוז מען איינעם פון זיי מאַכן פאַר אַן עלצטן פאַר דער צייט מחמת איינער פון זיי מוז זיין דער פאַראַנטוואָרטלעכער, דער וואָס פירט דורך די פליכט לויט זיין אָנטשיידונג. אין ס׳רוב פאַלן פרוּוון זיי ביידע אַרויפוואַרפן די לאַסט איינער אויפן אַנדערן. ווען זיי פאַרליידן איינער פון אַנדערן, איז עס אַ פלאַטאָניש געזעץ, אויסצוקלויבן דעם וואָס ווייזט אַרויס דעם ווידערווילן צו זיין דער עלצטער פאַר דער צייט, מחמת דער אַמביציעזער איז שוין געוויס אַן איינגעבילדעטער שוטה, וועלכער פילט נישט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט, ווייל ער פאַרשטייט זי נישט. אָט אַזאַ מין אָפּנייגונג קאָן מען נישט

איבערקויפן מיט מער געלט. מען קאָן אים נישט נייטן צו טון דאָס, וואָס מען הייסט אים דורך צוואַנג, ווי עס איז דער פאַל מיט די פשוטע געשווירענע ריכטער. אויב איר זענט אַ דירעקטער שטייערצאָלער קאָנט איר זיך ריכטן יעדע מינוט צו באַקומען פלוצלינג אַן איינלאַדונג (גיכער אַ באַפעל) צו ווערן איינער פון די געשווירענע ריכטער פונם היינטיקן פּראָצעס און העלפן באַשטימען איינעמס שאַנד אָדער רעכטפערטיקייט, זיין אַרעסט אָדער פרייהייט, זיין לעבן אָדער טויט און אויך העלפן אויפצוהאַלטן דאָס רעכט פון די געשווירענע קעגן דער כסדר־דיקער טענדענץ פון די ריכטער צו דיקטירן זייער אייגענעם באַשלוס. מען באַצאָלט אייך נישט פאַר דערדאָזיקער אַרבעט: מען צווינגט אייך דאָס צו טון, פונקט אַזוי ווי מען פלעגט אַמאָליקע צייטן צווינגען מענער אַריינצוטרעטן אינם פלאָט אַלס מאַטראָזן, אָדער צו זיצן אין פּאַרלאַמענט קעגן דעם אייגענעם ווילן און קעגן דעם ווילן פון די מיטגלידער פון דער קאָנסטיטוציע.

פונדעסטוועגן, הגם אין דעם לעצטן פאַל בלייבט צוואַנג נוצלעך אַלס אַ מיטל צו צווינגען דער באַפעלקערונג אונטערצונעמען אַזעלכע פליכטן, פון וועלכע זיי וואָלטן אַנטלאָפן ווען זיי וואָלטן געקאָנט, האָט זיך אָפט אַרויסגעוויזן אין דער פּראַקטיק, אַז פעיקייט צו אַ געוויסער ספּעציעלער אַרבעט טראָגט מיט זיך אַ חשק צו אָט דער אַרבעט אַ ווילן זי דורכצופירן אפילו זי זאָל קאָסטן אַן ערנסטן מאַטעריעלן פאַרלוסט. מאָצאַרט האָט געקאָנט פאַרדינען מער געלט אלס קאַמערדינער איידער אַלס דער גרעסטער קאָמפּאָזיטער פון זיין צייט (ער איז טאַקע געווען איינער פון די גרעסטע קאָמפּאָזיטאָרן פון אַלע צייטן) נישט קוקנדיק דערויף האָט ער אויסגעקליבן צו זיין אַ קאָמפּאָזיטאָר נישט קיין קאַמערדינער. ער האָט געוווּסט, אַז ער וואָלט נישט געווען קיין גוטער קאַמערדינער און ער האָט געגלויבט, אַז אַ קאָמפּאָזיטער וועט ער זיין אַ גוטער; און דאָס האָט איבערגעוויגן אַלע געלט־חשבונות ביי איב. נאַפּאָלעאָן איז געווען אַן אויבער־אָפיציר האָט ער נישט געהאַט קיין שום דערפאָלג. ווען נעלסאָן איז געווען אַ קאַפּיטאַן האָט מען אים געפונען אַזוי נישט צופרידנשטע־

לבדיק, אַז מען האָט אים איבערגעזאָגט אַן אַ שיף און מיט אַ העלפט שכירות אויף אַ שיינע פּאָר יאָר. אָבער באַפעלעאָן האָט זיך ערשט אַרויסגעוויזן אין זיין גאַנצער גרויסקייט ווען ער איז געוואָרן אַ גענעראַל און געלסאָן אַן אַדמיראַל; און איך בין אויף אַ האָר נישט מסופק און מסתמא איר אויך נישט. אַז ווען מען וואָלט געווען געצווונגען נאַפּאָלעאָנען און נעלסאָנען זיי זאָלן אויסקלייבן וואָס זיי ווילן זיין, צי אַן איינפאַכער פּויקער, אַ קאָ-יוטע-דינער אָדער אַ גענעראַל און אַן אַדמיראַל פאַר דעם איי-גענעם געלט, וואָלטן זיי געוויס געווען אויסגעקליבן דאָס, ביי וואָס זייער גאונות וואָלט זיך געקאָנט אינגאַנצן אויסלעבן. ווען זיי וואָלטן נישט געקאָנט באַקומען זייער אייגנטלעכע אַרבעט סיידן זיי זאָלן אַקצעפּטירן ווייניקער געלט, וואָלטן זיי זיכער באַשטאַנען דערויף. האָבן מיר דען שוין נישט אָנגעוויזן אינם קאַפּיטל זעקס ווי אַזוי צוליב דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם בלייבן מענער מיט אויסערגעוויינטלעכע גאָט-געבענטשטע טאַלאַנטן אָרעם, בעת גאָרנישטן און גיריקע געלטפּרעסער ווערן אַבסורדיש רייך?

לאָמיר אַלזאָ אויפהערן מורא צו האָבן, אַז מענטשן מיט אויסנעמלעכע פעיקייטן דאַרפן האָבן ספּעציעלע פּריווילעגיעס כדי אויסצואיבן זייערע פעיקייטן ביזן לעצט. די דערפאַרונג האָט געוויזן, אַז די ערגסטע שטערונגען און אפילו שטראָפן האָבן נישט באַוויזן אָפּצוציען זיי פון פּרווון אויסנוצן זייערע פעיקייטן. לאָמיר זיך אומקערן צו דעם אמתן סאָציאַלן פּראָבלעם, מכוח דעם נישט צו דערלאָזן, אַז זיי זאָלן זיך באַנוצן מיט דער נויט-ווענדיקייט און דעם רעלאַטיוון מאַנגל פון געוויסע מינים פעי-קייטן און אַרויסציען דורך דעם איבערגעטריבענע הכנסות.

ביי אַ סאָציאַליזירטער לייסטונג הויבן זיך נישט אויף אַזעלכע שוועריקייטן. דער ציווילער באַאַמטער, דער ריכטער, דער שיף-קאַפּיטאַן, דער פעלדמאַרשאַל, דער אַרכיבישאָף, ווי אויסערגעוויינטלעך פעיק זיי זאָלן נישט זיין, באַקומען זיי נישט קיין גרעסערן געהאַלט פון וועלכן עס איז אַנדערן פּראַקטיצירער פון זיין ראַנג און הויך. פון אַן אמתן דזשענטלמען דערוואַרט

מען, אַז ער וועט זיך נישט פאַרקויפן דעם וואָס באָט אים אָן דעם העכסטן פּרייז: ער פאַרלאַנגט פון זיין לאַנד גענוג פּראָ־וויאַנט און אַ בכבודיקע שטעל, אַלס אַ באַלוינונג. פאַר דער בעס־טער אַרבעט, וואָס ער איז פעיק צו טון. אַן אמתע ליידע קאָן אויך פאַרלאַנגען דאָס אייגענע. אָבער לויט דעם סיסטעם פון קאַפּיטאַליסטישן קאָמערץ זענען זיי ביידע געצוווּנגען צו זיין גיריק, דאָס הייסט צוריק צו האַלטן זייערע פעיקייטן, ביז עס וועט קומען איינער, וואָס נויטיקט זיך שטאַרק אין זייער אַרבעט און וועט זי אויסקויפן פאַר מער געלט און אַזוי אַרום וועלן זיי באַקומען די מעגלעכקייט רייך צו ווערן אויף יענעמס חשבון. דער איינפאַכער פאַרוואַלטער קאָן קיין סך נישט דער־גרייכן, מחמת פאַרוואַלטן עפּעס פון אַזאַ אָדער אַן אַנדער מין, זענען פאַראַן און זיי פילט זיך נישט קיין שטאַרקער מאַנגל. אָבער דער אָרגאַניזאַטאָר און דער פינאַנסיסט — זייער פּאָזיציע איז אַ שטאַרקע. דער אייגנטימער פון אַ גרויס געשעפט אויב זיינע אָנגעשטעלטע פאַרלאַנגען עפּעס מער ווי דעם לוין, פון וועלכן מען קאָן באמת נישט מער, ווי לעבן בעת זייער טייל פון די איינקונפטן פונם דאָזיקן געשעפט, ווייזט זיך אַרויס צו זיין אַ גרעסערער — קאָן צו יעדער צייט אַ זאָג טון:

„מילא, אויב איר זענט נישט צופרידן נעמט איבער דאָס געשעפט און אַרבעט אָן מיר.” דאָס קאָנען זיי אָבער נישט טון. דער פּראָפעס־אָנעלער פאַרייך צו וועלכן די אָנגעשטעלטע באַ־לאַנגען קאָן אפשר חשק האָבן אים צו האַלטן ביים וואָרט; אָבער ער געפינט גלייך, אַז ער קאָן עס נישט דורכפירן, מחמת ער האָט נישט קיין שום ידיעה אין דעמדאָזיקן געשעפט און ער קאָן נישט זיין דער אנפירער דערפון. דאָס ווירקט! „איר זעט שוין, אַז איר קאָנט זיך אָן מיר נישט באַגיין; מוזט איר אַלזאָ אַרבעטן אויף מיינע באַדינגונגען.” זיי גיבן אים אַן אמתן ענט־פער „אָבער איר קאָנט זיך אָן אונדז אויך נישט באַגיין: לאָמיר זען איר זאָלט אָרגאַניזירן אַ געשעפט אָן אַרבעטער.” אָבער ער איז דער זיגער; און די סיבה איז נישט דאָס ווייל ער קאָן זיך גיכער באַגיין אָן זיי ווי זיי אָן אים (אָדער איר) נאָר דערפאַר

ווייל נישט מיט זיי האָט ער געשלאָסן דעם מסחר, וואָס גיט אים די מעגלעכקייט אויסצואיבן זיינע פעיקייטן נור מיט די ווירטסלייט וועמעס לאַנד ער נוצט פאַר זיין מסחר און מיט די קאַפּיטאַליסטן, וואָס לייען אים געלט אויף צו קאָנען דורכפירן זיינע אונטערנעמונגען. און צו זיי קאָן ער אַ זאָג טון, אַז זיי זאָלן אים נישט האָבן וואָס צו ענטפערן „איר ווייסט, אַז איר קאָנט זיך אָן מיר נישט באַגיין.״ זיי וועלן פאַרשטייט זיך ענטפערן: „מיר קאָנען זיך יאָ באַגיין אָן אייך, מיר קאָנען זאָגן צו די אַרבעטער, אַז זיי זאָלן אָפּגעבן אַלץ וואָס זיי קאָנען אַרויסבאַקומען פון אונדזער לאַנד און אונדזער קאַפּיטאַל צו אונדז אַחוץ דאָס וואָס זיי מוזן האָבן אויף צו דערהאַלטן זיך ביים לעבן און קאָנען ברענגען נייע דורות ווידער צו באַגייען דאָס אייגענע אויב נישט וועלן זיי אויסגיין פון הונגער, מחמת אָן לאַנד און אָן קאַפּיטאַל קאָנען זיי נישט פּראָדוצירן גאָרנישט און מיר האָבןביידע״. „דאָס איז אמת – ענטפערט דער פעיקער אָרגאַניזאַטאָר־פינאַנציסט – אָבער ביטע צו געדענקען, אַז מיט נישט קיין גוט אויסגעאַרבעטן פּלאַן און אַ וויסנשאַפטלעך־אָרגאַניזירטע אַרבעט קאָנען זיי העכסטנס פּראָדוצירן אַ ביסל קרעמלעך און מענטשלעך, וואָס פאַרמאָגן צו שטיקלעך פעלד מיט איין קו, אָדער סערפּן ווי אין צענטן יאָרהונדערט. אין דער צייט ווען איך אָרגאַניזיר פאַר אייערטוועגן סיי אינדוסטריעל סיי פינאַנציעל, און די פּראָדוקציע ווערט פון אייערע מיטלען טויזנטפאַך פאַרגרעסערט, און אויב איר צאָלט מיר אפילו אָפּ אַ גרויסן טייל פון אָט דעם וווקס אין אייערע געשעפטן, זענט איר נאָך אַלץ רייכער ווי איר וואָלט געווען אָן מיר.״ און אויף דעם איז נישטאָ קיין ענטפער. אַזוי אַרום וואַקסן אונטערן קאַפּיטאַליזם נישט נור רענטעס פאַר לאַנד און קאַפּיטאַל נור אויך רענטעס פון פעיקייטן (די ערשטע רופט זיך פּראָצענט און די צווייטע רופט זיך פּראָפיט) און פונקט, ווי עס איז נויטיק, אַז כדי צו פאַרזיכערן גלייכהייט פון הכנסות זאָל מען נאַציאָנאַליזירן לאַנד און קאַפּיטאַל, אַזוי איז נויטיק צו נאַציאָנאַליזירן פעיקייטן. עס ווערט שוין טיילווייז געטון דורך די שטייערן אויף פּראָפיטן. נור קאָמפּלעט פירן מיר עס דורך אין דער לייסטונג

פון די ציוילע באַאַמטע מיר געבן אַזוי אַוועק די פעיקייטן צו לייסטן עפעס פאַר די מלוכה און ווירטשאַפטלעכע אַרבעטן.

נאָטירט אייך, אַז רענטע פון פעיִקייטן איז באמת א פאָרם פון ארבעט. רענטע איז א וואָרט, וואָס איז זייער נויטיק, מען זאָל עס פארשטיין, אָבער בלויז געציילטע מענטשן פארשטייען עס: זיי מיינען אז רענטע איז דאָס, וואָס מען דאַרף צאָלן דעם הויז־ווירט אָדער פעלד־אייגנטימער, בעת טעכניש איז רענטע גאָר עפעס אַנדערש. רענטע איז א פרייז וואָס שטייגט תמיד, ווען עס אַנטשטייט א דיפערענץ צווישן דעם ריווח פון א געוויסער קוועל פאר רייכטימער, בעת עס איז פאַראַן אַ נאַטיר־לעכער חילוק פון איין פעלד און דעם אַנדערן, אָדער צווישן איין קוילן־מינע און דער אַנדערער, אָדער אינם פּלאַץ אויפצו־בויען א הויז. מענטשן וועלן פארשטייט זיך צאָלן טייערער פאר דער זייט פּלאַץ, ווו עס איז בעסער פאַרן געשעפט און אָט די־דאָזיקע דיפירענץ הייסט רענטע. איר קאָנט נישט מבטל מאַכן רענטע, מחמת איר קאָנט נישט מבטל מאַכן דעם חילוק פון איין קאָרנפעלד און דעם אַנדערן, צווישן איין קוילנפעלד פונם אַנ־דערן, אָבער איר קאָנט עס נאַציאָנאַליזירן דורך דעם וואָס איר וועט נאַציאָנאַליזירן די ערד, די מינעס און די אַרבעט פונם לאַנד אָדער דירעקט אָדער דורך אַ נאַציאָנאַלער קאָנפיסקאַציע פון זייער פּראָדוקציע דורך שטייערן און צו דער לעצטער מע־טאָדע ווי מיר האָבן געזען איז פאַראַן אַ גרענעץ. אַזוי לאַנג ווי דאָס איז נישט געטון געוואָרן, וועלן די רענטעס פון פעי־קייטן צו פּראָפיטירן אַזוי רייך מאַכן זייערע אייגנטימער, אַז עס וועט זיין גענוג צו מאַכן זייערע קינדער פאר ליידיקגייערישע באַלעבאַטים און קאַפּיטאַליסטן און צוצעשטערן די עקאָנאָמישע גלייכהייט. גרויסע אַסטראָנאָמיקער, כעמיקער, שריפטשטעלער, מאַ־טעמאַטיקער, פיזיקער, פילאָזאָפן, פאָרשער, אַנטדעקער, לערער, פריידיקער, סאָציאָלאָגן און הייליקע, קאָנען זיין אַזוי אָרעם, אַז זייערע פּרויען זאָלן אויסגעמאַטערט ווערן פונם אייביקן קאַמף אויפצוהאַלטן אַן אנשטענדיק אויסזען און צו קאָנען דורכקומען די וואָך; אָבער האַנדלס־אָרגאַניזאַטאָרן זאַמלען אָן מיליאָנען

און זייערע אומגליקלעכע טעכטער טראָגן אויף זיך די מענטשן און סויבלען, כּדי צו רעקלאַמירן זייערע עלטערנס רייכטימער און טרינקען שאַמפּאַנער און „קאָקטיילס״, ביז זיי הייבן אָן צו קרענקען אינעווייניק און באַצאָלן קאָלאָסאַלע סומען צו כירורגן זיי זאָלן זיי אויפשניידן די בייכער און אויסגעפונען וואָס מיט זיי איז געשען. אויב איר וואַרפט פאָר דידאָזיקע אָרגאַניזאַטאָרן פאַר זייערע משוגנהדיקע פאַרדינסטן, זאָגן זיי אייך, אָדער זיי וואָלטן אייך געזאָגט, ווען זיי וואָלטן פאַרשטאַנען זייער אייגענע שטעלונג און זיי וואָלטן זיך געקאָנט אויסדריקן אויף אַ אינטעליגענטן אופן, אַז יעדע פּענע וואָס זיי מאַכן קומט דערפון וואָס זיי מאַכן געלט פאַר אַנדערע מענטשן אויך, אַז איידער זיי קאָנען אויסגעבן איינאײנציקן פאַרדינג, מוזן זיי פריער מאַכן געלט כּדי צו באַצאָלן דעם ווירט פּראָצענטער פאַר קאַפּיטאַליסטן און שכירות פאַר אַרבעטער און אַז מען וואָלט זיך אָן זיי נישט געקאָנט באַגיין און אַז ענגלאַנד איז היינט פעיק צו שטיצן פינף מאָל אַזויפיל מענטשן, ווי זי האָט געקאָנט מיט אַ הונדערט יאָר צוריק, מחמת איר אינדוסטריע איז אַ סך בעסער אָרגאַניזירט און זי באַקומט גענוג קאַפּיטאַל צום געשעפט אַ דאַנק זיי און זייערס גלייכן. דאָס איז אמת; אָבער איר דאַרפט אייך נישט פאַרשעמען, ווייל ווער פון אונדז דאַרף דאָס נישט אָנגרייטן געלט פאַרן ווירט, פּראָצענטער פאַרן קאַפּיטאַליסט און שכירות פאַר די אַרבעטער איידער מיר קאָנען אויסגעבן אַ פּענע אויף זיך? און פאַרוואָס זאָל מען דעם אָרגאַניזאַטאָר—קאַפּיטאַליסט געבן מער פאַר זיין געשיקטקייט, ווי אונדז, וואָס מיר דאַרפן אויך מיטהעלפן מיט אונדזערע ספּעציעלע פעיקייטן, אַז ער זאָל זיך קאָנען באַנוצן מיט זיינע. בעת ער דאַרף אָנקומען צו אונדז, איידער ער קאָן פּראָדוצירן אַ ברויטל אָדער אַ גלאָז מילך? עס איז נישט קיין שום נאַטירלעכע נויטווענדיקייט, בלויז דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם גיט אים די מעגלעכקייט אַריינצוכאַפּן מער ווי זיינע מיטאַרבעטער פון דער קאָנקורינדיקער קאָמערץ־שיסל. און אַזוי לאַנג ווי דאָס וועט דויערן וועט איר הערן, ווי דעם פינאַנסיסטס טאָכטער וועט זאָגן צום גאַסנקערערס טאָכטער: וואָס

וואָלט אייער פּראָסטער שמוציקער פּאָטער געטון אָן מיין פּאָטער, ווען מען גייט מאַכן פאר א לאָרד? און דעם גאַנקערערס טאָכטער וועט אָפּענטפערן: „וואָס וואָלט אייער גיריקער רויבע־רישער פּאָטער געטון אָן מיין פּאָטער, ווער וואָלט געהאַלטן ריין די גאַסן פאר זייַנעטוועגן?" פארשטייט זיך, אז איר האָט נאָך קיינמאָל נישט געהערט, אז א יונגע דאַמע אָדער א יונגער דזשענטלמען זאָל אזוי רעדן און מעגלעך איר וועט דאָס קיינמאָל נישט הערן. זיי זענען צו העפלעך און צו געדאַנקענלאָז צו דיסקוטירן מכּוח די לאַגעס פון זייערע עלטערן. א חוץ דעם, וואָס זיי רעדן בכלל קיינמאָל נישט איינער צו דער אַנדערן, אָבער ווען זיי וואָלטן יאָ געערדט צווישן זיך און זיי וואָלטן איבער עפּעס אין כּעס געוואָרן, וואָלטן זייערע לעצטע ווערטער, כּדי זיך קעגנזייטיק ווי צו טון, געווען די ווערטער, וואָס איך האָב מיר נאָר וואָס פאָרגעשטעלט. אויב איר צווייפלט אין דעם, טאָ לייענט, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען זאָגן מכּוח טרייד־יוניאָניזם און סאָציאַליסטן — און וואָס די פּראָלעטאַרישע צייטונגען זאָגן מכּוח ווירטסלייט, קאַפּיטאַליסטן און ארבעטסגעבער. צי מיינט איר אַז די וועשין, וועלכע האָט געאַרבעט אויף איר אייגענעם אופן איר גאַנץ לעבן, אזוי שווער אָדער שווערער פון וועלכן עס איז פינאַנסיסט און האָט לסוף גאָרנישט איבערצולאָזן פאר איר טאָכטער א חוץ איר איימער און רייבבאַרשט גלויבט באמת אָדער וועט ווען עס איז גלויבן, אז ליידי ביליאנהאַם, וועלכע האָט געירשנט א קאָלאָסאַלן פארמעגן פון איר פּאָטער דעם פינאַנסיסט האָט א וואָסער עס איז מאָראַלישע רעכט אויף איר געלט? אָדער למשל, ווען אייער פּאָטער האָט אַנטדעקט און אויסגעאַרבעט די טעאָריע פון רעלאַטיוויטעט און איז אנערקענט געוואָרן פון דער גאנצער וועלט, פאר דעם גרעסטן דענקער אינדערוועלט זינט ניוטאָן, צי וואָלט איר דאָס באטראַכט פאר מאָראַליש צופרידנשטעלנדיק, אז איר זאָלט זיין געצוווּנגען זיך אָנצוכאַפּן מיט ביידע הענט אין א שידוך וואָס א טשיקאַגער חזיר־קעניג האט אייך פאָרגעשלאָגן כּדי צו געבן אייער בארימטן פּאָטער א מעגלעכקייט צו האָבן מער ווי איין אנשטענדיקן אנצוג, וויסנדיק כּשעת־מעשה,

אז אָן די ארבעט פון אזעלכע מענער ווי אייער פאָטער אויפן חיסנשאפטלעכן געביט, וואָלט זיך אין דער גאנצער קאָלאָסאַלער מאָדערנער מאשינעריע קיין ראָד נישט איבערגעדרייט. וואָלט קיין שיפל־אייגנטימער נישט געקאָנט פאָרן שנעלער פון מארקאָ־פאָלאָן? אָפנעמען די רענט פריוואַט, וואָלט געשאפן, ווי מ׳זאָגט שלעכט בלוט און פון שלעכט בלוט שטארבן ציוויליזאציעס. דע־ריבער איז מיין הייליקע פליכט צו זען דערפירן דערצו, אז לידי ביליאנהאם זאָל נישט באקומען מער פון איינשטיינען און ביידע נישט מער פון דער וועשין איר קאָנט נישט פארגלייכן זייערע פעיקייטן. אָבער צום גליק קאָן מען פארגלייכן זייערע הכנסות ביליאנהאמס האלבע קראָן איז אזוי גוט ווי איינשטיינס צוויי שי־לינג און זעקס פענס און דער וועשינס דרייסיק פענס וועלן קויפן פונקט אזויפיל ברויט, ווי זייער געלט. גלייכט זיי אויס אויף דעמדאָזיקן געביט און זייערע זין און טעכטער וועלן זיך קאָנען משדך זיין צווישן זיך, דאָס וועט זיין זייער א גוטע זאַך און עס וועט פירן צו אַן אומגעהויערע פארבעסערונג אינם מענטשלעכן מין צו דער גלייכהייט, וואָס איז די וויכטיקסטע זאַך אין דער וועלט.

## LXXI

## פאַרטייען־פּאָליטיק

איר האָט שוין איצט א גענוגנדיקע ידיעה אין סאָציאַליזם און אין קאַפּיטאַליזם, כדי צו קאָנען פאַרשטיין, וואָס עס קומט פאָר אין דער וועלט, סיי אינדוסטריעל, סיי פּאָליטיש. איך וואָלט אייך נישט געראָטן צו דיסקוטירן וועגן דידאָזיקע ענינים מיט אייערע פריינט. זיי וואָלטן אייך שווייגנדיק, אומרויִק אויסגעהערט און דערנאָך אָוועקגעגאַנגען צו אייערע שכנים און דערציילט אַז איר זענט א קאָמוניסט, א באָלשעוויק.

עס איז מעגלעך אַז איר אַליין זענט גאָר פאַראינטערעסירט אין א פּאַרטייאישע פּאָליטיק אויף אַזוי ווייט, אַז איר גייט אפשר צו פּאַרטייאישע מיטינגען, אַפּלאָדירט פּאַרטייאישע קאַנדידאַטן, קלויבט שטימען פאַר זייערטוועגן און איר קאָנט שוין אַלע עמאָציעס וואָס פּאַרטייאישער ענטוזיאַזם איז גורם, ווי פּאַרטיי־לאָיאַליטעט און פּאַרטיי־איבערצייגונג, אַז די אַנדערע פּאַרטיי און אירע קאַנדידאַטן זענען שונאים פון דער מענטשלעכער ראַסע. אויב ס'איז אַזוי מוז איך אייך געבן א וואָרנונג.

באַשליסט נישט צו גיך, אַז סאָציאַליזם וועט זיך עטאַבלירן, דורך א סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און אַז ער וועט להיפוך, אונטערגיין דורך אַן אַנטי־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. איך האָב אין מיין אייגענער צייט געזען, וויאַזוי די קאָנסערוואַטאָרן האָבן זיך העפטיק אַקעגנגעשטעלט און אויסגערעדט אַלדאָס בייז אויף א

פראָיעקט וואָס די ליבעראלן האָבן פאָרגעשלאָגן און שפּעטער,
אַז זיי האָבן גראָד באַזיגט די ליבעראַלן און אַליין באַקומען די
מאכט, האָבן זיי דעמדאָזיקן פראָיעקט אדורכגעלאָזט בנוגע א גע-
וויסן געזעץ נאָר אין א גרעסערן פארנעם. און איך האָב אויך
געזען ווי די ליבעראלן האָבן געטון דאָס אייגענע און דערצו
נאָך דעמאָלט, ווען די פראגן האָבן געהאט נישט קיין קליינע
קאָנסעקווענצן, נור ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין אזעלכע
וויכטיקע סאָציאלע ענדערונגען ווי פרייער-האנדל, געבן דעם
ארבעטער-קלאַס שטימרעכט לטובת דער דעמאָקראַטיזירונג פון דער לאָ-
קאַלער מלוכה און דאָס אויסקויפן די גיטער פון די אירלענדי-
שע אייגנטימער. די שפּאנישע דאמע אין בייראָנס פּאָעמע, וועל-
כע האָט שווערנדיק אַז זי וועט קיינמאָל נישט איינווילִיקן, איינ-
געוויליקט, איז געווען א מאָדעל פון פעסטן ווילן אין פארגלייך
מיט אונדזערע פארטייאישע רעגירונגען. פאָרלויפיק האָבן מיר
א קאפּיטאליסטישע פארטיי, וועמעס קעגנער עס איז די לייבאָר-
פארטיי, אָבער עס איז גאנץ מעגלעך, אַז אַלע געזעצגעבערישע
שריט לגבי דעם סאָציאליזם וועט מען ערשט אָננעמען דעמאָלט,
ווען די אנטי-סאָציאליסטישע פארטיי וועט באַקומען די מאכט
און איך בין גאנץ זיכער אַז ווייניקסטנס א העלפט פון זיי
וועלן אַזוי־אַרום דורך. אויב שריט וועלן פאָרגעשלאָגן ווערן
פון א קאפּיטאליסטישער רעגירונג, וועט זיך אַקעגנשטעלן די
לייבאָר-אָפּאָזיציע און אויב זיי וועלן פאָרגעשלאָגן ווערן פון
א לייבאָר-רעגירונג וועט זיך אַקעגנשטעלן די קאפּיטאליסטישע
אָפּאָזיציע דערפאר „ווייל פאר אַן אָפּאָזיציע איז א חוב זיך
אַקעגנצושטעלן".

עס איז פאַראַן נאָך א מעגלעכקייט, וואָס וועט אפשר אַנ-
טוישן אייערע דערוואַרטונגען. די לייבאָר-פּאַרטיי „וואַקסט ווי
אויף הייוון". מיט צוואנציק יאָר צוריק האָט זי נישט עקזיסטירט
אָפיציעל אין פּאַרלאַמענט, היינט איז זי די אָפיציעלע אָפּאָזיציע.
אויב זי זאָל ווייטער וואַקסן מיט אַזא גיכקייט ווי ביז איצט,
איז שוין נישט ווייט די צייט, ווען זי וועט פּאַקטיש איבער-
נעמען אַ[illegible]פלעטן באַזוץ פונם הויז אָף קאָמאנס. די קאָנסער-

וואַטאָרן מיט די ליבעראַלן, וואָס וועלן איבערבלייבן וועלן אפילו פאַרייניקטערהייט זיין צו קליין אין צאָל צו קאָנען אוועקשטעלן אַווירקנדיקע אָפּאָזיציע. און, פאַרשטייט זיך, אז א סך ווייניקער נאָך וועלן זיי האָבן די מעגלעכקייט צונויפצושטעלן אַ רעגירונג. אָבער היט אייך פאַר דער אילוזיע אַז דער רעזולטאַט וועט זיין אַן איינשטימיק הויז אָף קאָמאָנס מיט אַן אַרבעטער-רעגירונג אָן אַן אָפּאָזיציע, וואָס וועט אַלץ דורכפירן זיך לטובה. אַז די לייבאָר-פאַרטיי וועט זיך אפשר שפּאַלטן אין צוויי פאַרטייען, איינע וועט זיין אַ קאָנסערוואַטיווע און די אַנדערע אַ פּראָגרעסיווע; דאָס וואָלט געווען די גליקלעכסטע פון אַלע מעגלעכקייטן. די געפאַר באַשטייט אינדעם, וואָס זיי וועלן זיך אפשר שפּאַלטן אין אַ האַלבן טוץ אָדער נאָך מער צעריסענע גרופּן און וועלן גורם זיין, אַ פּאַרלאַמענטאַרישע מלוכה זאָל ווערן אַן אוממעגלעכקייט. אַזאַ זאַך איז געשען אינם „לאַנגן" פּאַרלאַמענט פון זיבעצנטן יאָר הונדערט, ווען מענטשן זענען געווען פּונקט דאָס וואָס זיי זענען היינט, מיטן חילוק וואָס זיי האָבן נישט געהאַט קיין טעלעפאָנען מיט קיין לופט-שיפן. דער לאַנגער פּאַרלאַמענט איז תחילת געווען פאַראייניקט מיט דער אָפּאָזיציע צום קעניג. נור ווען זיי האָבן אָפּגעשניטן דעם קעניג דעם קאָפּ און זיי האָבן פאַרלוירן די אָפּאָזיציע האָבן זיי זיך באַלד געשפּאַלטן און קראָמוועל, פּונקט ווי היינט סעניאָר מוסאָלינע, האָט געמוזט אונטערדריקן די שטרייטן מיטן כוח פון געווער, און הערשן מיט מער דעספּאָטיזם ווי דער קעניג האָט ווען עס איז געוואַגט. ווען קראָמוועל איז געשטאָרבן האָבן זיי זיך פאַרזאַמלט אין פּאַרלאַמענט און האָבן זיך ווידער געשפּאָלטן נאָך אויף אַן ערגערן אופן ווי ווען עס איז פריער, אַריינברענגענדיק די רעגירונג אין אַזאַ האָפנונגסלאָזן צושטאַנד, אַז עס איז נישט געווען קיין אַנדער וועג זיך אויסצופּלאָנטערן פון דער קאַשע, וואָס זיי האָבן פאַרקאָכט ווי צו שיקן נאָכן פאַרשטאָרבענעם קעניגס זון און אים צו נוצן אונטערן פּאַטערס טיטל, אַלס דעם פּאָרשטייער, דעם קאָפּ פון אַ פּלוטאָקראַטישער אָליגאַרכיע. און די אַלטע קעניגלעכע מאַכט האָט ווידער אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן נאָך אין אַ גרעסערן פּאָרנעם.

אויב עס זאָלן דורך זעקסהונדערט לייבאָר-דעפּוטאַטן ביי די קינפטיקע וואַלן ווערט זיך אפשר די געשיכטע איבערחזרן. די סאָציאַליסטן די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען טרייד-יוניאָניסטן, וועלכע זענען נישט קיין סאָציאַליסטן; די קאָמוניסטן; וועלכע זענען נישט קיין קאָמוניסטן נור פּסיידאָ-באָלשעוויקעס, די רעפּובליקאַנער, די קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיסטן, די אַלע פּאַרלאַמענטאַרישע געהילפן, וואָס זענען ריינע אָפּאָרטוניסטן און די אידעאַליסטן וועלכע זענען קעגן קאָמפּראָמיסן, שוין נישט רעדנדיק וועגן די קירך-מיטגלידער און די אַנטי-קלעריקאַלן (עפּיסקאָפּאַלאַנטן און סעפּעראַטיסטן) די גלויביקע און די אַטעיסטן וואָלטן זיך גלייך פאַרוואַנדלט אין א בינטל נארישע בולוואַנעס און זיך גענומען אַרומרייסן. ווי איך זע, קאָן לויט מיין מיינונג קיין שום זאַך נישט שטערן עס זאָל פאָרקומען אַן איבערחזרונג פון דער קאַטאַסטראָפע אינם זיבעצנטן יאָרהונדערט אָדער די מאָדערנע איטאַליענישע און שפּאַנישע קאַטאַסטראָפעס, סיידן א סאָלידע סאָציאַליסטישע מאַיאָריטעט פון מיטגלידער, וואָס ווייסן באמת וואָס סאָציאַליזם באַטייט און זענען גרייט אונטערצוואַרפן אַלע זייערע טראַדיציאָנעלע, פּאָליטישע און רעליגיעזע חילוקי-דעות פאַרן סאָציאַלן באַשטאַנד. צום אומגליק, ווייסט דער גרעסערער טייל מענטשן וועלכע רופן זיך סאָציאַליסטן אפילו נישט וואָס סאָציאַליזם איז אַזוינס און זיי פאַריניקן זייער נאָמען מיט אַלערליי גלויבנס, ודויים און שטותים, וואָס האָבן נישט קיין שום שייכות מיט סאָציאַליזם. א טריומף פון דער לייבאָר-פּאַרטיי ביי די וואַלן קאָן זיך אמאָל ענדיקן אָדער מיט א צווייטן קראָמוועל, א נאַפּאָלעאָן דער דריטער א מוסאָליני, מיט א גענעראַל פּרימאָ-דע-ריווערא, אָדער אויב עס איז גראָד נאָך פּאַראַן א זעלכער ביי דער האַנט — מיט דער מאכט פון א וואָסער עס איז פּאַרטיי וואָס איז גענוג סאָליד זיך צו האַלטן פאַריניקט און שטימען פאַריניקטערהייט, אַפילו איר סאָלידאַריטעט זאָל זיין א סאָלידאַריטעט פון א שעפּסענע נאַיִוויטעט אָדער פון א פּאַניק-צעשראָקענע צוריקצוציען זיך. שוטים און פחדנים פאַרלירן קיינמאָל נישט אַזאַ געלעגנהייט. איר האָט זיכער באַמערקט צווישן

אייערע באַקאַנטע, אז די שטארק קאָנוועַנציאָנעלע האָבן אלץ די אייגענע מיינונג און זענען אומצוגענגלעך לגבי נייע מיינונגען, בעת די נישט קאָנוועַנציאָנעלע טראָגן זיך אַרום מיט אַלערליי מיינונגען און זענען נישט איינשטימיק און זיי פאראַטן זיך איינער דעם אַנדערן. דאָס איז די סיבה וואָס הגם פראָגרעס איז אָפּהענגיק פון די נישט קאָנויענציאָנעלע מענטשן, וועלכע ווילן, אז די אומשטענדן זאָלן זיך ענדערן, האָבן זיי פונדעסטוועגן אזא קליינעם פּאָליטישן איינפלוס. זיי ציען דעם שטריק שטארק אָבער זיי ציען אים נישט אלע צוזאַמען און זיי ציען אים אין פארשידענע ריכטונגען. די מענטשן וועלכע איר רופט אָן, ווען איר פארלירט דאָס געדולד צוזעענדיק זייער אָפּגעשטאַנענקייט— „שטעקנס וואָס זענען געבליבן פארזונקען אין דער בלאָטע" ציען אלע צוזאַמען און אין איין ריכטונג (אין אַלגעמיין צוריקוועגס) אָדער נאָך ערגער, זיי שטייען אויף אַן אָרט אלע צוזאַמען סאָליד און אין אלע פיר עקן און זאָגן זיך אָפּ א ריר צו טון זיך. זיי ווילן נישט אוועק אין קיין שום ריכטונג. קעגן דעם שטות האָט שילער געזאָגט. קעמפן די געטער אליין אפילו, אומזיסט. נאָך א לאַנגע צייט פאר שילערן האָט שלמה המלך געזאָגט: „עס איז בעסער צו באַגעגנען א בער, וואָס איז נור וואָס באַרויבט געוואָרן פון זיינע קינדער, אײדער צו באַגעגנען א נאר אין זיין שטות". זיי האָבן ביידע געהאַט רעכט.

דאָך איז אן אומזין צו שטימען פאר נאראָנים אויפן גרונט, וואָס נאַראָנים פירן נישט קיין מחלוקת צווישן זיך. אין די גרענעצן פון זייער קאָנסערוואַטיזם פירן זיי גרעסערע מהלוקתן און זענען שווערער אויסצוגלייכן, מחמת זיי זענען מער אומגערעכט, אין פארגלייך מיט די פארשטענדיקע מענטשן. דערפאַר רופן מיר זיי גראָבע קעפּ, ווייל אויב מען וואָלט פון זיי אויסגעוויילט, זעקסהונדערט ביי די וואַלן, אזוי אז זיי זאָלן מער נישט מורא האָבן פאר קיין לייבאָר-פּאַרטיי, פאר קיין ליבעראַליזם אָדער אַן אנדער סעקציע וואָלט זיי נישט גרינגער געווען צו האלטן פארייניקט ווי די פּראָלעטאַריער. אין יאָר 1924 איז דאָס לאַנד באַאיינפלוסט געוואָרן פון א שרעקלעך לאַכעוודיקער

מורא פאר די רוסן און עס איז אַנטשטאַנען אַן אַנטי-רוסישע אַגיטאַציע, וואָס האָט גורם געווען, אַז עס זענען געווילט גע-וואָרן אזויפיל רעכטע, אַז עס זענען געווען העכער ווי צוויי אַנטי-סאָציאַליסטן קעגן איינעם. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז מיר האָבן נישט געהאַט קיין זייער סאָלידע מלוכה, נור זייער א פראַגמענטארישע. זי האָט זיך באַלד געשפאָלטן אויף „דייהארד קאָנסערוואַטאָרן, „דייהארד" מיינט מען שטאַרב שווער „קאָערשיאַניסטס" (אַלטע עכטע קאָנסערוואַטאָרן, „דייהארד" מיינט מען שטאַרב שווער „קאָערשיאַניסטס"—באַצווינגער) שרעקעוודיקע קאָמפּראָמיסן, פּאַרזיכטיקע אָפּאָרטוניסטן פאַר פּראָטעסטאַנטן, אַנ-קליקא-קאַטאָליקן, מידלענדישע פּראָטעקציאָנערן, אָנהענגער פון פּרייעם האַנדל, דאָרפס-פּריצים, סיטי-באַלעבאַטים, אימפּעריאַליסטן, באַזונדערע ענגלענדער, וואָס האלטן, אַז טרייד-יוניאָניזם דאַרף מען אויסראָטן ווי שלאַנגען-נעסטן; פּראַקטישע ביזנעס-מענער, וואָס ווייסן, אַז מען קאָן זיך אין מסחר אָן זיי נישט באַגיין, פאַרטיידיקער פון קאָלאָסאַלע מלוכה-בזדזשעטן אויפצוהאַלטן אַרמעען, וואָס זאָלן שיצן די אימפּעריע, בלינדע קעגנער פון שטייערן (דאָס הייסט סתם קעגנער) אַלס אַזעלכע „אינפלאַציאָנערן", „גאָלדבאַגס"*), „היכע טעאָריעס" וואָט וואָלטן געוואָלט אַז די מלוכה זאָל האָבן א געוואַלטיקע אויטאָריטעט אומעטום זיך אריינצומישן, לייזע פּאָליטיקער און גאָט ווייסט וויפיל נאָך, אַלע האָבן זיי געצויגן דעם מיניסטאָרן-קאַבינעט אין פאַרשידענע ריכטונגען, פּאַראַליזירט אים און אַליין זענען זיי געוואָרן גלייכגילטיק צום גאַנצן עסק, בעת דער לויפנדיקער אויטאָמאָביל פונם קאַפּיטאַליזם האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן אין איין לויפן, פליען און פאַרשלעפן זיי אויף נייע ערטער און אין געפערלעכע נייע סיטואַציעס.

אינם משך פון א העלפט פון מיין אייגענעם לעבן, דאָס הייסט: אינם משך פון דער לעצטער העלפט פונם נייצנטן יאָר-הונדערט, זענען די קאָנסערוואַטיוון און די ליבעראַלע פאַרטייען געווען א סך מער פּאַראַלעל ווי היינט. די מלוכות האָבן זיך בעמוזט גוט אויפפירן, ווייל די מאַיאָריטעטן זענען געווען קליי-נע. דער פּאַלאַמענט איז געווען מעכטיק און מען האָט אים רעספּעקטירט. מיט דער מלחמה אין צפון-אַפריקע האָט זיך אָנ-

---

*) אזעלכע, וואָס לאָזן זיך באַשטעכן...

געהויבן א פּעדיאַר פֿון גרויסע מאַיאָריטעטן, באַלד דערויף האָט דער פּאַרלאַמענט אָנגעהויבן פֿאַלן און עס איז אַנטשטאַנען אַזאַ באַציונג, וואָס עס איז געווען א באַליידיקונג אין פֿאַרגלייך מיט דער פֿריערדיקער. די מאַיאָריטעטן זענען געווען אזוי גרויס אז יעדע רעגירונג האָט געפֿילט, אז זי קאָן טון וואָס זי וויל. דאָס קור־יאָזע געוויסנהאַפֿטיקע וואָס די ענגלישע שטאַט־מענער האָבן דערפֿונדן, כּדי זיך אויפֿצופֿירן הערלעך און עס א נאָמען גע־געבן עפֿנטלעכע מיינונג, האָט מען אַוועקגעוואָרפֿן ווי אַן אָפּגע־לעבט געטשל. און דאָס אומבאַוווּסטזיין, זכרון־לאָזיקייט און שטות מצד די ווילער, האָט מען אויסגענוצט אויף א ציניש אופֿן, ביז די עטלעכע דענקענדיקע מענטשן, וועלכע האָבן געלייעגט די רע־דעס פֿון די פּאָליטישע פֿירער און געהאַט א בעסערן זכרון און געדענקט א גאַנצע וואָך פֿון וואָס עס זענען באַשטאַנען די רע־דעס, די פֿאַרפֿליכטונגען און די דערקלערונגען — האָבן ממש געשטוינט; זיי האָבן זיך דערפֿילט סקאַנדאַליזירט פֿונם אופֿן ווי מען באַשווינדלט דעם עולם מיט אַזאַ אָפֿענע פֿרעכקייט. די ספּעציעלע פֿאָרברייטונגען צו א מלחמה מיט דייטשלאַנד האָט מען באַהאַלטן פֿון פֿאָלק און שפּעטער, ווען דער חשד האָט זיך פֿאַרשאַרפֿט, האָט מען עס אָפּגעלייקנט; און ווען מיר זענען לסוף אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער שרעקלעכער נעץ פֿון דער מלחמה 1914—18 וואָס האָט באַהערשט די ענגלישע קירך און די גרויסע אייראָפּעישע אימפּעריעס זענען צעבראָקלט געוואָרן אויף רעפּוב־ליקלעך, וואָס מאַטערן זיך אויפֿצוהאַלטן ווי עס איז (די לעצטע זאַך, וואָס די, וועלכע האָבן געפּלאַנט די מלחמה האָבן געוואָלט) די וועלט האָט אַזוי פֿאַרלוירן דעם צוטרוי צו די פּאַרלאַמענט־אַרישע מלוכות, אז אין איטאַליע און שפּאַניען און אין רוסלאַנד האָט מען זיי ליקווידירט און אויף זייער אָרט אַוועקגעזעצט דיקטאַטאָרן און דאָס האָט צומאָלט נישט דערוועקט קיין פּראָ־טעסטן מצד דער אַלגעמיינער דעמאָקראַטיע, א חוץ אפֿשר א צי־מיטן אַקסל. די אַלטע פּאַרלאַמענטאַרישע דעמאָקראַטן זענען גע־ווען פֿעיִקע און פּראַכטפֿולע רעדנער, אָבער זייער נישט רעאַלע טעאָריע, אז קיין שום פּאָליטישע אַרבעט טאָר נישט דורכגעפֿירט

ווערן, ביז עס וועט נישט פאַרשטאַנען ווערן און עס וועט נישט געפאָדערט ווערן מצד דער מאַיאָריטעט פון פאָלק (וואָס האָט אייגנטלעך געמיינט אז קיין שום פּאָליטישע אַרבעט טאָר בכלל נישט געטון ווערן) האָט זיי געמאַכט אומפעיִק צו זיין ווי מ'זאָגט, מענער פון טאַט; און ווען צופעליקע קערפערשאַפטן פון אומגעדולדיקע און אומפאַראַנטוואָרטלעכע פּראָלעטאַרישע מענער פון טאַט האָבן געפרווט צעברעכן דעם קאַפּיטאַליזם, נישט וויסנדיק וויאַזוי עס צו טון און וויאַזוי צו שעצן די מעטאָדע און די נויטווענדיקייט פון א מלוכה — האָבן זיי דערלאָזט זיך פאַרשפרייטן אזאַ אַטמאָספערע, וואָס זאָל געבן א מעגלעכקייט א מוסאָליני צו ווערן אַן אַבסאָלוטער פירער און דירעקטאָר (דיקטאַטאָר) פון דער איטאַליענישער נאַציע, אלס איר רעטער פון דער פאַרלאַמענטאַרישער אימפּאָטענץ און דעמאָקראַטישער אומפעיִקייט צו דיסציפלין. אָבער סייוויסיי קאָן דער סאָציאַליזם נישט אונטערגיין פון אָט די פּאָליטישע שטורעמס און ענדערונגען. די סאָציאַליסטן האָבן זיך משדך געווען מיט דער דעמאָקראַטיע און זיי האָבן אפילו אָנגערופן דעם סאָציאַליזם — סאָציאַל-דעמאָקראַטיזם, כדי צו באַטאָנען, אז די צוויי זענען איינס און דאָס זעלבע. און פונקט אזוי שכלדיק קאָנען זיי אַרגומענטירן, אַז די ביידע האָבן אַבסאָלוט גאָרנישט קיין צוזאַמענהאַנג. דער סאָציאַליזם האָט זיך נישט אָוועקגעגעבן קיינעם. ער באַגעגנט די צעזאַרס און די סאָוויעטן, פּרעזידענטן און פּאַטריאַרכן, בריטישע מיניסטאָרן-קאַבינעטן און איטאַליענישע דיקטאַטאָרן; אָדער פויבסטן נאָבלמענער, אָליגאַרכן און פּראָסטע דעמאַגאָגן מיט זייערע פעסטע דעמאָנסטראַציעס, אז זיי קאָנען נישט האָבן קיין פעסטן און רעכטן שטאַט סיידן עס זאָל עקזיסטירן גלייכהייט פון הכנסות. אַנדערע קאָנען זיך טענהן, אז אזאַ גלייכהייט איז לעכערלעך. אָבער דאָס וועט זיי נישט ראַטעווען פון די קאָנסעקווענצן פון אומגלייכהייט, זיי מוזן, אָדער שאַפן גלייכהייט אָדער אונטערגיין. דאָס איז פונקט אזוי נוגע דעם דעספּאָט, וואָס ציטערט פאַר זיין קאָפּ, ווי דעם פאָלק, וואָס וויל האָבן גלייכהייט. איך וואָלט גערופן דעם סאָציאַליזם נישט דעמאָקראַטיזם, נור איינפאַך — קאַ-

טאָליציזם, ווען מיט דעמדאָזיקן נאָמען וואָלטן זיך נישט באַנוצט אַזויפיל קירכן, אומזיסט און אומנישט, אַזוי אַז קיינער וואָלט מיך נישט פאַרשטאַנען.

## LXXII

# דאָס פּאַרטייען־סיסטעם

אונדזער פּאַרטייען־סיסטעם באַדייט נישט תּמיד, ווי אַ סך מענטשן גלויבן, אַז מיינונגס־פאַרשידנהייטן צעטיילן דעם מענטשלעכן מין אויף פּאַרטייען. מיינונגס־פאַרשידנהייטן האָבן עקזיסטירט אַ כּך דורות פריער נאָך איידער מען האָט געחלומט פון פּאַרטייען־סיסטעם.

עס באַדייט אָבער אַז אונדזערע מאָנאַרכן האָבן נישט די מעגלעכקייט אויסצוקלויבן זיך די מענער, וואָס זיי ווילן און מאַכן זיי פאר מיניסטאָרן זיי צו העלפן און געבן עצות, ווי צו הערשן אינם לאַנד, נור זיי מוזן זיי קלייבן פון דער פּאַרטיי, וואָס האָט די מאַיאָריטעט אינם פּאַרלאַמענט. זיי, די מאָנאַרכן מעגן ווי פיינט האָבן, די וואָס זיי מוזן קלויבן, מעגן נישט האָבן קיין צוטרוי צו זייערע פעיִקייטן און מעג עס זיין קלאָר, ווי דער טאָג, אַז אַ פיל בעסערער מיניסטאָרן־קאַבינעט וואָלט געקאָנט געפאָרעמט ווערן, ווען מען זאָל פשוט אויסקלויבן די פעיִקסטע מענער פון ביידע פּאַרטייען.

דערדאָזיקער סיסטעם טראָגט מיט זיך געוויסע קוריאָזע קאָנסעקווענצן. נישט נאָר דער קעניג מוז באַשטימען אויף הויכע פּאָסטנס מענטשן, וועלכע ער פריוואַט האַלט פאר אומגליקלעכע אידיאָטן, נור אפילו אזעלכע, וועמעס פּאָליטישע און רעליגיעזע פּרינציפּן זענען אים אַבסאָלוט דערווידער. דער געוויינטלעכער

דעפוטאַט אין פּאַרלאַמענט און דער פּראָסט-פּשוטער מענטש, וואָס גיט זיין שטים בעת די וואַלן, זענען אויך אַוועקגעשטעלט אין אזא שווערער לאַגע, מחמת יעדע שטים וואָס ווערט געגעבן אינם פּאַרלאַמענט אָדער בשעת די וואַלן, ווערט א שטים בנוגע דער פראגע, צי וועט א געוויסע פּאַרטיי בלייבן אויף איר שטעל אָדער זי וועט אַראָפּגעזעצט ווערן. למשל די רעגירונג האָט אַריינגעטראָגן א פּראָיעקט, אז פרויען זאָלן באקומען דאָס רעכט צו שטימען אין דעם אייגענעם עלטער וואָס מענער, אָדער אז מען זאָל אַרויפלייגן א שטייער אויף אומפאַרהייראַטע מענער, אָדער אז מען זאָל באַשטימען פּענסיעס פאַר אלמנות מיט קינדער, אָדער צו בויען נאָך צען קריגסשיפן, אָדער מען זאָל מבטל מאַכן דאָס רעכט זיך צו גטן, אָדער פאַרברייטערן דידאָזיקע רעכט אָדער פאַרלענגערן דעם פּעריאָד פון צוואַנגס-שול, אָדער העכערן צו פארקלענערן די שטייערן אָדער וואָס איר ווילט נור אַליין. אויב דערדאָזיקער פּראָיעקט איז אריינגעטראָגן געוואָרן פון א קאנסערוואַטיווער רעגירונג און איר זענט אליין א קאָנסערוואַטיווער דעפּיטאַט, מעגט איר גראָד באַטראַכטן דעם-דאָזיקן פּראָיעקט פאר דעם ערגסטן און פארהאַסטן פּראָיעקט וואָס איז ווען עס איז פּאָרגעלייגט געוואָרן; אָבער קוים שטימט איר קעגן אים כּדי דער פּראָיעקט זאָל דורכפאלן, וועט די קאָנסערוואַטיווע מלוכה נישט האָבן מער קיין מאַיאָריטעט אָדער ווי מיר זאָגן, זי וועט מער נישט האָבן דעם פולן צוטרוי צום פּאַר-לאַמענט און דעריבער וועלן זיי מוזן צוריקקומען צום קעניג און רעזיגנירן, דער קעניג וועט נאָך דעם פאַנאַנדערלאָזן דעם פּאַר-לאַמענט און עס וועלן זיך אָנהויבן די וואַלן צו א נייעם פּאַר-לאַמענט. איר וועט ווידער מוזן אַרויסשטעלן אייער קאַנדידאַטור (וואָס וועט אייך קאָסטן א שיין ביסל געלט און אפשר זיך נאָך ענדיקן פאר אייך מיט א דורכפאַל) און דאָן איז, אויב איר זענט אַן עכטער קאָנסערוואַטאָר, פילט איר תּמיד, אז ווי שטארק דער אָדער יענער פּראָיעקט זאָל אייך נישט געפעלן, וועט עס נאָך אַלץ זיין בעסער עס זאָל דורכגיין און אריין אין געזעץ, איידער א דורכפאַל פון דער קאָנסערוואַטיווער רעגירונג, וואָס

קאָן אַמאָל גורם זיין, אַז די לייבאָר-פּאַרטיי זאָל פאַרנעמען איר אָרט. דעריבער שליגגט איר אָראָפּ דעם פּראָיעקט מיט אַ פאַר־קרימטע פּנים און שטימט פּונקט אַזוי ווי די רעגירונג הייסט אייך לחלוטין קעגן אייערע אייגענע איבערצייגונגען.

נור לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז איר זענט גאָר אַ לייבאָר־דעפּוטאַט און אייך געפעלט דער פּראָיעקט. זענט איר דעמאָלט אויך אין די אייגענער לאַגע: איר מוזט שטימען קעגן דעם פּראָיעקט, ווייל איר האַלט אַז ווי גוט דער פּראָיעקט זאָל נישט זיין, איז אָבער נאָך בעסער, אַז די רעגירונג זאָל דורכפאַלן און און עס זאָלן זיך אָנהויבן נייע וואַלן, וואָס וועלן געבן דער לייבאָר־פּאַרטיי אַ שאַנס, אפשר צוריקצובאַקומען די מאַכט. און אַ חוץ דעם, אויב דער פּראָיעקט איז אַ גוטער, וועט דאָך די לייבאָר־רעגירונג אים קאָנען נאָכאַמאָל אַריינטראָגן און אים דורכ־פירן ווען זי וועט געווינען די מאַיאָריטעט.

און אויב איר זענט בלויז אַ ווייל̇ער, ווערט איר אויך אַריינגעשלעפּט אין דער אייגענער בלאָטע. מעג ביי אייך זיין קלאָר ווי דער טאָג, אַז דער קאַנדידאַט פון אייער פּאַרטיי איז אַ שוואַכער פּאָליטיקער, אַ פּרעכטיקער טנאָב, אַ וווּלגאַרער פּראָ־זיאַלאָג, יאַ באַוווּסטער אייגנוציקער עגאָיסט און וואָס נור איר האָט פיינט און זיין קעגנער איז אַן ערלעכער, אינטעליגענטער מענטש, וואָס איז באמת פאַראינטערעסירט אינם מצב פונם פאָלק. עס איז נישט קיין שום חילוק: איר מוזט שטימען פאַר דעם קאַנדידאַט, וואָס אייער פּאַרטיי האָט אַרויסגעשטעלט, מחמת אויב איר טוט עס נישט וועט אפשר די פּאַרטיי אייערע דורכפאַלן און די אַנדערע פּאַרטיי וועט באַקומען די מאַכט. און יעדנפאַלס, ווי אומדערטרעגלעך אייער קאַנדידאַט קאָן זיין פּערזענלעך, ווען ער איז אין פּאַרלאַמענט, מוז ער שטייען אַזוי ווי די פּאַרטיי ווהיפּ*) הייסט אים; אַזוי, אַז זיינע פּערזענלעכע חסרונות אָדער מעלות האָבן דאָ נישט קיין שום וויכטיקייט.

---

*) דער אינסטרוקטאָר פון אַ פּאַרטיי.

די טובה פון אָט דעם סיסטעם איז דאָס, וואָס א פּאַרלאַמענט וועלכער באַשטייט פון אן ערך א טוץ פּעיִקע מיניסטאָרן און זייערע קעגנער און אינגאַנצן לאָמיר זאָגן, פינפאונצוואנציק ווירקזאַמע און 590 אידיאָטן מיט פונקט גענוג פארשטאַנד, אויף אַריינצוגיין אין פּאָדערהויז, ווו דער וויפּ האָט זיי אָנגעוויזן און אָנגעגעבן זייערע נעמען ביי דער טיר, אַזא פּאַרלאַמענט קאָן פירן די מלוכה פון לאַנד גאַנץ גלאַטיק, בעת 615 אָפּהענגיקע מענטשן מיט אייגענע מיינונגען און איבערצייגונגען, וואָס וואָלטן במילא געשטימט לויט זייערע מיינונגען און איבערצייגונגען, וואָלטן געמאַכט אוממעגלעך עס זאָל עקזיסטירן א פּאַרטייאישע מלוכה. נור יעדנפאַלס איז דער פּאַרטייען־סיסטעם נישט אַנטשטאַנען אויפן גרונט פון דעם, הגם דאָס העלפט אויפהאַלטן דעמדאָזיקן סיסטעם. ער איז אַנטשטאַנען דערפאר, וואָס אונדזער האָלענדישער קעניג ווילהעלם דער דריטער מיט זיין רומרייכן אָפּגעהיטענעם אומשטערבלעכן אָנדענקען האָט אנטדעקט, אז ער קאָן נישט פירן קיין מלחמה מיטן פראַנצויזישן קעניג לויס דעם XVI le Roisoleil מיט א הויז אָף קאָמאנס, וואָס זאָל זיך אָפּזאָגן אים צוצושטעלן פּראָוויאַנט און זאָל פארקלענערן די אַרמעע ווען א דעפּוטאַט וועט עס האלטן פאר ריכטיק. א פּעיִקער שטאַטסמאַן אין זיין צייט, מיטן נאָמען ראָבערט ספּענסער, דער צווייטער לאָרד פון זאנדערלאנד, האָט אים אויפגעוויזן, אז ווען ער זאָל תמיד אויסקלויבן די מיניסטאָרן פון די, וואָס זענען אין דער שטאַרקסטער פּאַרטיי אינם הויז אָף קאָמאנס, — דעמאָלט איז עס צופעליק געווען די „וויפּ פּאַרטיי” די ליבעראַלע פּאַרטיי אין ענגלאַנד — וואָלט דידאָזיקע פּאַרטיי אים געמוזט שטיצן אינדערצייט פון קריג און צווינגען זייערע נאָכפאָלגער צו טון דאָס אייגענע, פונקט ווי איך האָב אייך באשריבן. דער קעניג ווילהעלם האָט געהאַסט די „וויפּס”. זייענדיק אַליין א שטאַרקער קאָנסערוואַטאָר און עס איז אים נישט געפעלן זאנדערלאַנדס עצה. אָבער ער האָט זי אָנגענומען און אַזויאַרום איינגעפירט א פּאַרטייען־סיסטעם אונטער וועלכן מען הערשט איבער אונדז עד־היום.

צי איז פאַראַן אַ פּראַקטישע עצה צום פּאַרטייען־סיסטעם? לאָמיר זיך פאָרשטעלן למשל, אז עס האָט זיך אויפגעהויבן אַן אַלגעמיינער ווידערשטאַנד קעגן דעם צוואַנג צו ווײלן מאַנעקינס און נאַראָנים, פּראָסטאַקעס; און אומאָפּהענגיקע קאַנדידאַטן זענען געוואָרן אַזוי פּאָפּולער, אז אַלע פּאַרטייאישע קאַנדידאַטן פאַלן דעריבער דורך אָדער, אויב איר דענקט, אז דאָס הייסט שוין געגאַנגען אביסל צו ווייט, וועלן מיר זיך פאָרשטעלן אז אומאָפּהענגיקע קאַנדידאַטן ווערן אויסגעוויילט אין אַזאַ גרויסער צאָל, אַז זיי קאָנען גורם זיין אַ דורכפאַל פון אַ רעגירונג, דורך אַקעגנשטעלן זיך די שטימען אינם הויז אַף קאַמאַנס קעגן דער רעגירונג. ווי די אַלטע איירישע נאַציאָנאַלע פּאַרטיי האָט געטון! אַזאַ ווידערשטאַנד איז שוין אַמאָל געווען און ער וועט תמיד זיין. דער פּועל־יוצא פון די אַלגעמיינע וואַלן וועט נישט אַנטשטייען פון די ווײלער, וועלכע ווײלן תמיד פאַר זייער פּאַרטייגוט אָדער שלעכט, נור דורך אַ צופלוס פון אומאָפּהענגיקע ווײלער, וואס ווײלן לויט זייערע אינטערעסן און פּרעפערענצן און זייער אָפּט שטיצן זיי ביי די ערשטע וואַלן איין פּאַרטיי און ביי די צווייטע וואַלן אַ קעגנערישע. אָט די אומאָפּהענגיקע מענטשן וואָס געהערן נישט צו קיין שום פּאַרטיי, געווינען דעם טריק און באַשטימען וועלכע פּאַרטיי עס זאָל רעגירן. מיט זיי געשעעט אט וואָס: אָדער זיי וויסן בכלל נישט פון קיין פּאַרטייסיסטעם, אָדער זיי לאַכן זיך אויס פון אים און ווײלן דעם וואָס זיי געפעלט. עס איז גאַנץ מעגלעך, אז זיי זענען גרעסער אין צאָל פון די פּאַרטייאישע ווײלער הגם זיי ווײלן נור אויס פּאַרטייאישע קאַנדידאַטן, קיין אנדערע ווערן נישט אויסגעקליבן פון די פּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציעס, אַרויסצושטעלן זייער קאַנדידאַטור. עס איז זייער זעלטן פאַראַן אַן אומאָפּהענגיקער קאַנדידאַט פאַר וועמען צו שטימען.

עס איז גאַנץ מעגלעך, אז דער קעניג קאָן אַמאָל אין אַ שיינעם פרימאָרגן זיך געפונען פּנים אל פּנים מיט אַ פּאַרלאַמענט אין וועלכן קיין שום פּאַרטיי זאָל נישט האָבן קיין מאַיאָריטעט און די וויכטיקסטע פראַגן זאָלן אנטשיידט ווערן פון מיטגלידער

וואָס געהערן נישט צו קיין שום פּאַרטיי, אין אַזאַ פֿאַל קאָן זיין מאַיעסטעט זיך אומזיסט ווענדן צו די פּאַרטייאישע פירער, אַז זיי זאָלן פֿאָרמען אַ רעגירונג. אַזאַ לאַגע איז לעצטנס אַנטשטאַנען עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד אין פראַנקרייך, ווו עס זענען געווען אַזויפיל פּאַרטייען אינם פראַנצויזישן פּאַרלאַמענט, אַז קיין איינציקע האָט נישט געהאַט קיין מאַיאָריטעט. אין אַזאַ פֿאַל קאָן אַ פירער פֿאָרמען אַ רעגירונג נור דורך באַאיינפלוסן עטלעכע פּאַרטייען, זיי זאָלן זיך פֿאַרייניקן אויף אַ ווילע און אַזויאַרום מאַכן דאָס, וואָס מען רופט אַ בלאָק. אָבער דאָס איז נישט תמיד גרינג דורכצופירן און אַז אפילו ווען עס געלונגט שוין און דער וואָס האָט צוזאַמענגעשטעלט דעם בלאָק פֿאָרעמט שוין אַ רעגירונג, איז אַזוי שווער צו האַלטן אים צוזאַמען, דעם בלאָק, אַז קיינער דערוואַרט גאָרנישט אַז אַזאַ רעגירונג זאָל עקזיסטירן גאַנצע פינף יאָר אַזויווי אונדזערע פּאַרטיי-רעגירונגען. לענגער ווי פון אַ וואָך ביז זעקס חדשים, קאָן זי נישט לעבן. אין פראַנקרייך זענען לעצטנס געווען מאָמענטן וואָס פון איין טאָג ביז אַנדערן האָט מען נישט געוווּסט ווער עס איז פּרעמיער-מיניסטער, צי בריאַן, צי העריאָט, פּאַינלעווע, אָדער מ. פּאונקאַרע. און דאָס אייגענע, וואָס האָט פּאַסירט אין פראַנקרייך קאָן געשען אין ענגלאַנד, אָדער צוליב אַן איבער-געוועלטיקטע פּאַרטיי-מאַיאָריטעט, וואָס זאָל גורם זיין אַז די פּאַרטיי זאָל זיך שפּאַלטן אין אַ סך פיינטלעכע גרופּן און אַזויאַרום שאַפן אויף איר אָרט אַ האַלב טוץ פּאַרטייען און אַלע זאָלן זיי זיין אַ מינאָריטעט פֿאַר די צוויי פּאַרטייען, וואָס זענען נויטיק פֿאַר דער אַרבעט לגבי אַ פּאַרטיי-סיסטעם — אָדער מ'זאָל ווילן אַזויפיל אומפּאַרטייאישע קאַנדידאַטן אַז זיי זאָלן צוברענגען דערצו, אַז יעדע פּאַרטייאישע מלוכה זאָל זיין אָפּהענגיק פון זיי. איר וועט דעריבער האָבן רעכט מיך צו פרעגן: צי דער פּאַרלאַמענט קאָן נישט עקזיסטירן מיט אַן אַנדער סיסטעם נאָר דווקא מיט אַ פּאַרטייאישן.

פּאַקטיש האָבן מיר אין אונדזער מדינה, אַ חוץ דעם הויז אָף קאָמאָנס, פּאַרלאַמענטן אויף טריט און שריט, מיר האָבן די

גרויסע סיטי־קאָרפּאָראַציעס די ווירטשאַפטלעכע אָפּטיילונג פון די באַצירקן דעם געמיינדע־ראַט די באַצירקס־ראַטן א. א. וו. ביז צו די געמיינדע-מיטינגען אין די שטעטלעך און קיינער פון זיי אַרבעט נישט לויטן פּאַרטייען-סיסטעם. זיי באַגייען זיך גאַנץ גוט אָן אים. אָבער זאָגט איר דאָס, וועט מען עס אייך גלייך אָפּלייקענען, ווייל אין אַ סך פון אַט די קערפּערשאַפטן פילט זיך אַ שטאַרקע בייגונג צום פּאַרטיזאַנישן. די מיטגלידער האַלטן אָפּ פּאַרטיי־מיטינגען. די מחלוקתן צוליב די וואַלן ווערן געפירט מיט פּאַרטיי-געוואַלטן. די ווייל/עיר זעט מען אַריינצוקריגן מיט דער הילף פון אַ פּאַרטייאישן אונטערשלאַק און טיילמאָל ווערט אַ מיטגליד, דערפאַר, וואָס די פּאַרטיי צו וועלכע ער געהער איז אַ מינאַריטעט, אויסגעשלאָסן פונם קאָמיטעטן־אַמט פאַר פּאָרזיצער, וואָס איז דער נאַענסטער פּאָסטן צו אַ מיניסטאָרן שטעל. און הגם אַזעלכע אויסשליסונגען, אויב זיי גייען צו ווייט, ווערן זיי באַטראַכט פאַר צו שאַרף געשעעט עס טאַקע, אָבער דאָס אַלץ מאַכט נישט דעם פּאַרטייען־סיסטעם, פונקט ווי אַ טעפל מאַרמעלאַד מיט אַ פונט מעל מאַכן נישט אַליין קיין „ראָלי פּאָלי פּודינג". דאָ איז נישטאָ קיין פּרעמיער-מיניסטער און נישט קיין מיניסטאָרן־קאַבינעט. דער קעניג מישט זיך נישט אין אַזעלכע ענינים, ער שיקט נישט רופן די פּראָמינענסטע מענער, כדי זיי. צו באַפעלן זיי זאָלן פאָרמען אַ רעגירונג, אינם פּאַרלאַמענטאַרישן זין פון וואָרט איז גאָר נישטאָ קיין רעגירונג, הגם די שטאָט און די באַצירקן ווערן פּרעכטיק גוט פאַרוואַלטעט, אַזוי אַז דער פּאַרלאַמענט קאָן זיך פאַרשעמען אין פאַרגלייך מיט זיי יעדער מיטגליד קאָן ווייל/ן וועמען ער האַלט פאַר גוט, נישט ריזיקירנדיק דערביי אויף אַ האָר, טאָמער וועט צוליב דעם זיין פּאַרטיי האָבן אַ דורכפאַל און עס זאָל גורם זיין, אַז עס זאָלן זיך אָנהויבן נייע וואַלן. אויב אַ פאָרשלאַג פאַלט דורך רעזיגנירט קיינער נישט צוליב דעם. אויב ער ווערט אָנגענומען ענדערט עס נישט קיינעמס שטעל. מ'טוט נישט אַלצדינג אויף אַזאַ רעטזלהאַפטן אופן.

דאָס ווערט אַלץ געטון אויף אַ גאַנץ פּשוטן שטייגער, די

שטאָט־פּאַרוואַלטונג ווערט געוויילט אַלע דריי יאָר און ביז די דריי יאָר זענען נישט אריבער, קאָנען קיין אַלגעמיינע וואַלן נישט פאָרקומען. מיט די שטאָטישע ענינים זענען זיך מתעסק קאָמיטעטן וואָס גיבן זיך אָפּ מיט דער סאַניטאַרשער אַרבעט אין שטאָט און אין די באַצירקן, קאָמיטעטן פון דער עלעקטרישער באַלייכטונג, פינאַנסיעלע קאָמיטעטן א. א. וו. דידאָזיקע קאָמיטעטן האַלטן אָפּ זייערע מיטינגען באַזונדער און זיי באַשטימען יעדעס מאָל אין אַ סעריע רעזאָלוציעס וואָס די פּאַרוואַלטונג האָט צו טון אין זייערע דעפּאַרטמענטן ווען די גאַנצע פּאַרוואַלטונג האָט אַ מיטינג. ווערן די רייען רעזאָלוציעס אַריינגעטראָגן אַלס די ראַפּאָרטן פון די קאָמיטעטן און זיי ווערן דאַן באַשטעטיקט, אָדער אָפּגעוואָרפן, אָדער אויסגעבעסערט דורך אַן אַלגעמיינער אָפּשטימונג. אַ סך פון אונדזערע לייבאָר־דעפּוטאַטן פונם הויז אָף קאָמאַנס האָבן געדינט זייער לערצייט, אַזוי צו זאָגן, ביי פּראָלעטאַרישער אַרבעט בנוגע לאָקאַלע קערפּערשאַפטן אויף אָט אַזאַ גלייכן און אָפנהערציקן שטייגער.

הגם דידאָזיקע צוויי סיסטעמען זענען היינט אַזוי פאַרשידן איינער פון אַנדערן, האָבן זיי אָבער איין שורש. נאָך איידער זאַנדערלאַנד האָט איבערגערעדט ווילהעלמען איינצופירן דעם פּאַרטייען־סיסטעם, פלעגט דער קעניג באַשטימען קאָמיטעטן, וואָס זאָלן זיך אָפּגעבן מיט פאַרשידענע אָפּטיילונגען פון דער רעגירונג און דידאָזיקע קאָמיטעטן האָבן געהייסן קאַבינעטן. דידאָזיקע קאַבינעטן זענען געווען זיינע קאָמיטעטס־פּאַרוואַלטונגען, און אויף אַזאַ אופן זענען זיי געווען דער מאָדעל פון די מוניציפּאַלע קאָמיטעטן, וועגן וועלכע איך האָב נאָרוואָס גערעדט. די סעקרעטאַרן פון דידאָזיקע קאַבינעטן, שטאָטס־סעקרעטאַרן ווי מען האָט זיי גערופן, פלעגן אָפּהאַלטן מיטינגען אויף וועלכע זיי פלעגן באַהאַנדלען זייערע אַקטיוויטעטן. און דידאָזיקע אַקטיוויטעטן, וואָס זענען פריער אָפּגערעדט געוואָרן צווישן זיך האָבן געפאָרעמט זייער פּאָליטיק; זיי אַליין, זייענדיק, אַלע קאַ־

בינעט־מיניסטאָרן האָט מען אָנגעהויבן רופן די קאַבינעטן און דאָסדאָזיקע וואָרט האָט נאָכדעם נישט געהאַט קיין שום שייכות צו קיין שום אַנדערע קערפּערשאַפטן. אין פּאָליטיק באַדייט עס נאָך איצט אויך נישט עפּעס אַנדערש. די אַלטע קאַבינעטן רופט מען היינט „אָפיסעס" (האָם־אפיס, וואָר־אפיס, פאָרן־אָפיס א. א. וו אינערן־מיניסטעריום, קריגס־מיניסטעריום, אויסערן־מיניסטעריום) „באַרדס" (אַ קערפּערשאַפט פון פאַרוואַלטערס) „טשאַנסעריעס" (דאָס העכסטע געריכט אַ חוץ דעם פּאַרלאַמענט) „טרעזשוריעס" (שאַץ־קאַמערן) אָדער ווי איר ווילט.

די שוועריקייט פון דעם פּאַרטייען־סיסטעם, ווי מיר האָבן געזען, איז אָפּהענגיק פון דעם קאָנווענט און ווי נור די רעגירונג פאַלט דורך צוליב דער שפּאַלטונג אינם הויז אויף קאָמאַנס מוז זי זיך „ווענדן צום לאַנד": דאָס הייסט — די קאַבינעט־מיניסטאָרן מוזן רעזיגנירן און דער קעניג לאָזט פאַנאַנדער דעם פּאַרלאַמענט און מען מוז וויילן אַ נייעם. אָבער דאָס פירט צו די אומגעלומפּערטסטע קאָנסעקווענצן. ווייל די פראַגע פונם אויסגאַנג איז נישט וויכטיק, און די שטימען ווערן גענומען בעת דער אָפּוועזנהייט פון אַ סך מיטגלידער, און אין משך פון אַ שטיקל צייט ברענגט דאָס אַראָפּ די מיטגלידער צו אַזאַ שפלה מדרגה און עס מאַכט פון זיי אַזעלכע וויילער־מאַשינען, אַז אויב דאָס דאַרף אָנהאַלטן ביזן בעסערן סוף, מעגן שוין די מיטגלידער בעסער זיצן אינדערהיים און שטימען דורך שטעלפאַרטרעטערס, וואָס קאָנען צושיקן פּאָסטקאַרטלעך צו די „וועהיפּס", ווי עס טוען אַקציאָנערן, בעת אַ קאָמפּאַני־מיטינג. אַזאַ שקלאַפעריי איז צופיל, אַז פּאַרלעמענטאַריש בלוט און פלייש, שוין נישט רעדנדיק וועגן געהירן, זאָל קאָנען פאַרטראָגן. צוליב דעם זענען מלוכות געצוווּנגען צו געבן זייערע פאַרטרעטער אַביסעלע פרייהייט דורך דעם, וואָס מ׳דערקלערט פון צייט צו צייט, אַז דער פּראָיעקט וועגן וועלכן עס פירן זיך איצט דיסקוסיעס „איז נישט קיין פּאַרטיי־פראַגע און שאַפט אָפּ די וועהיפּס", וואָס עס באַדייט אַז די מיטגלידער קאָנען וויילן ווען זיי געפעלט אָן שום מורא טאָמער וועלן זיי גורם זיין זייער פּאַרטיי אַ דורכפאַל און

עס וועלן זיך אָנהויבן נייע וואַלן. דידאָזיקע פּראַקטיק האָט אַ מעגלעכקייט פאַנאַנדערצעוואַקסן זיך וואָס מער די מיטגלידער ווערן אומאָפּהענגיקע און דעריבער מער גענייגט צו שפּאַלטן זיך אין גרופּן. עס איז שוין איצט פאַראַן אַ טענדענץ, אַז אַ רעגי־רונג זאָל רעזיגנירן נור אין דעם פאַל, ווען זיי ווערן באַזיגט צוליב אַ קלאָרער באַוווסטזיניקער באַוועגונג קעגן זיי, אָדער ווען זיי האָבן פאַרלוירן דעם צוטרוי פונם הויז אַף קאַמאַנס, סיידן, פאַרשטייט זיך, ווען די שפּאַלטונג איז איינע פון די הויפּט־שטאַנדפּונקטן אין דער פּאָליטיק, ווו מ'איז גרייט זיך צו ווענדן צום לאַנד דערפאַר, וואָס מ'האָט באַשלאָסן דורכויס צו גיין קעגן דער רעגירונג.

עס איז קיין ספק נישט, אַז די וויהיפּס וועלן ווייטער פּרוּוון אָפּשרעקן די מיטגלידער מיט אַ שוואַכן כאַראַקטער, אַז די מינדסטע באַוועגונג פאַר אומאָפּהענגיקייט וועט ברעכן די רעגירונג; און די וואָס זייער הוצאות פאַר די וואַלן ווערן באַצאָלט פון פּאַרטיי־פאָנדן, וועלן אויסגעפונען, אַז אויב די פּאַר־טיי באַצאָלט דעם אונטערשפּילער כאַפּן די וויהיפּס אויף דעם טאָן; אָבער איך גלויב, אַז איר מעגט זיין זיכער, אויב איר פאַרטראַכט זיך וועגן פּאַרלאַמענטאַריזם, אַז דאָס הויז אָף קאַמאַנס ווערט אַלץ ווייניקער און ווייניקער ענלעך צו אַ סצענע אויף וועלכער אַן אָפּערע־כאָר דרענגען זיך אַרום עטלעכע שטאָלצע סאָלאָ־שפּילער און עפּענען קיינמאָל נישט זייערע הונדערט מיילער אַ חוץ דאַן ווען מ'דאַרף צו געבן אַן עכאָ צום געזאַנג פון זייערע פּרינציפּאַלן און געבן זיי אַ געלעגנהייט אָפּצואָטע־מען. עס איז שוין קלאָר ווי דער טאָג, אַז וואָס מער פּרוּוען עס וועלן זיצן אין פּאַרלאַמענט, אַלץ מער ווידערשטאַנד וועט זיין אַנטקעגן די לאָגישע עקסטרעמען פון פּאַרטייען־דיסציפּלין. און אַלץ שנעלער וועלן פּאַרטיי־פראַגן ווערן אויסנאַמען און זיי וועלן זיך פאַרוואַנדלען אין פראַגן, וואָס וועלן באַטראַכט ווערן אויסער דעם פּאַרטייאישן שטאַנדפּונקט.

נור דאָ מוז איך וואָרנען פאַר אַנדערע מעגלעכ־קייטן. די צוויי פּאַרלאַמענטס־הייזער זענען אַזוי אָפּגעשטאַנען

אַלס אינסטרומענטן אָנצופירן מיט די עפנטלעכע ענינים פון אַ מאָדערנער געמיינדע, ווי צוויי פערד צו פירן אַן אויטאָבוס. אין יאָר 1920 האָבן צוויי באַרימטע סאָציאַליסטן, פּראָפעסאָרן פון פּאָליטישער וויסנשאַפט, סידניי און ביטרעס וועב אַרויסגעגעבן אַ קאָנסטיטוציע פון דעם סאָציאַליזם פון גרויס-בריטאַניען. אין דערדאָזיקער קאָנסטיטוציע ווערט די אידייע צו אַרבעטן ווייטער מיט אונדזער פאַרעלטערטער פּאָליטישער מאַשינעריע און וועסטמינסטער דערקלערט פאַר אומפּראַקטיש; און דער איצטיקער צושטאַנד ווערט דאָרט געזאָגט איז אַזאַ, וואָס הייבט שוין אָן פּאַראַליזירט צו ווערן. דאָרט ווערט געמאַכט אַ פאָרשלאַג, אַז אויף זייער אָרט זאָל מען גרינדן צוויי פּאַרלאַמענטן, איינעם אַ פּאָליטישן און איינעם אַן אינדוסטריעלן, דער פּאָליטישער זאָל פאַרזעצן דעם קאַבינעט-סיסטעם און דער אינדוסטריעלער זאָל אויפהאַלטן אַ מוניציפּאַלן סיסטעם. איך קאָן זיך דאָ נישט אָפּשטעלן אויף די פּרטים פון אַזעלכע ענדערונגען; איר וועט זיי געפינען אינם בוך. איך דערמאָן עס נור, ווייל איך וויל אייך פאַרברייטן צו אַזעלכע געשעענישן. דאָס איז זיכער, אויב אונדזער אַלטע וועסטמינסטער-מאַשין וועט מוזן אָנהויבן קעמפן מיט דער מאָדערנער אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם וועט איר דער קאַפּיטאַליזם חרוב מאַכן. און דאַן ערשט וועט מען מוזן צוטראַכטן און גרינדן עפּעס אַזוינס וואָס זאָל זיין מער צוגעפּאַסט; צי מיר ווילן עס יאָ אָדער נישט.

## LXXIII

## חלוקי־דעות אין דער לייבאָר־פּאַרטיי

איצט זעט איר שוין, ווי שטאַרק נויטיק עס איז, אַז צו דער אַרבעט פון אונדזער פּאַרלעמענטאַרישן סיסטעם אונטער אַ לייבאָר אָדער אַ וועלכע עס איז אַנדערע רעגירונג, דאַרף דער קאַבינעט האָבן אונטער זיך אַ פֿאַראייניקטע פּאַרטיי. וואָס זאָל זיין גענוג אין צאָל, כּדי צו קאָנען צונויפֿנעמען מער שטימען פון אַלע אונדזערע פּאַרטייען צוזאַמען. איר זעט אויך, אַז אויב די פּאַרטיי איז נישט גענוג גרויס, כּדי צו האָבן אַ זיכערע מאַיאָריטעט איז זי תּמיד אין איין מורא פאַר אַ דורכפאַל, אַ פּאַרטיי, וואָס איז אַזוי גרויס, אַז דער גאַנצער פּאַרלאַמענט געהער כּמעט צו איר, הערט בכלל אויף צו זיין אַ פּאַרטיי און האָט אַ זיכערע טענדענץ זיך צו צעשפּאַלטן אין גרופּן, וועלכע מוזן זיך פֿאָרמען אין אַ בלאָק פון גרופּן, כּדי צו האָבן די מעגלעכקייט צוזאַמענצושטעלן אַ רעגירונג, וואָס זאָל האָבן אַ ממשות. אינם ביינצנטן יאָרהונדערט זענען מיר אַלע געווען זיכער, אַז אַזעלכעס קאָן נישט פֿאָרקומען. אינם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איז עס אַזוי זיכער, ווי דער טאָג, אַז אַזעלכעס קאָן געשען. און דער פּראָלעטאַריאַט וועט פֿאַרגרעסערן זיין איצטיקן איינפלוס אין פּאַרלאַמענט אַזוי לאַנג ביז ער וועט דערגרייכן אַ פֿולשטענדיקן נצחון. דעריבער ווילן מיר בעסער באַהאַנדלען אַ פּאַר

פראַגן וועגן דער איצטיקער לפּנים פּאַרייניקטער לייבאָר-פּאַרטיי וואָס איז אייגנטלעך אַ ליגן.

כּדי אייך צו פאַראינטערעסירן האָב איך חשק אָנצוהויבן מיט דער פראַגע וועגן אַן אַבסאָלוטער אויסשליסונג פון פרויען פון געוויסע באַשעפטיקונגען. היינט אינדערפרי האָב איך דער־האַלטן אַ בריוו פון אַ מלוכה-אוניווערזיטעט פון לאַהאָ אין די פּאַנדזשאַב*) מיט דידאָזיקע ווערטער: „די צאָל מענטשן אין אינדיען וואָס רעדן אורדיש אין אַלערליי דיאַלעקטן ציילן ביז אַרום 96 מיליאָן פון דערדאָזיקער צאָל זענען 46 מיליאָן פרוי־ען, וועלכע זענען שטענדיק אין „פּורדא״ און קומען לחלוטין אין ערגעץ נישט״. איך וואָלט זיך נישט דערוועגט צו זאָגן אייך, ווען איך וואָלט אפילו געוווסט, וויפיל מיטגלידער פון דער לייבאָר - פּאַרטיי עס גלויבן, אַז דער ריכטיקער פּלאַץ פאַר פרויען איז אין פּורדא, עס זענען אַלנפאַלס פאַראַן גענוג אַזעלכע, וועלכע וואָלטן גרייט געווען אָנצוהייבן אַ קאַמף מיט די, וועלכע וואָלטן געוואָלט אָפּשאַפן יעדן אונטערשייד צווישן מענער און פרויען. אָבער איך מוז דאָס פאַרבייגיין, מחמת ווי וויכטיק דידאָזיקע פראַגע זאָל נישט זיין, וועט זי נישט גורם זיין קיין שפּאַלטונג אין דער לייבאָר-פּאַרטיי. מער ווי דאָס, וואָס זי האָט צעטיילט די עלטערע פרויען. אויב מענער האָלטן לויטן געזעץ געווען דאָס אייגנטום פון דער פרוי (וואָס אַ טייל זענען טאַקע) אָדער ווען פרויען וואָלטן געווען דאָס אייגנטום פונם מאַן (ווי עס פלעגט געזעצלעך זיין אַזוי) וואָלט עס פּאַק־טיש נישט געווירקט אויף דער ענדערונג פונם קאַפּיטאַליזם צו סאָציאַליזם. לאָמיר אַלזאָ באַטראַכטן אַזעלכע פראַגן, וואָס וואָלטן יאָ געהאַט אַ ווירקונג.

דער גרונט-געדאַנק פון סאָציאַליזם איז, אַז קיין לייד־ייערס זאָל נישט טאָלערירט ווערן ביי קיין שום באַדינגונגען. און דער טרייד-יאַניאַניזם, ווידער, איז באַגרינדעט דערויף, אַז

---

*) אַ געגנט אין אינדיע.

דער אַרבעטער זאָל האָבן דאָס רעכט אַנידערצוליייגן זיין געצייג
צו יעדער מינוט און זיך אָפזאָגן צו טון א ריר מיט אַ פינגער,
ביז זיינע פאָדערונגען וועלן נישט באַפרידיקט ווערן. עס איז
זיך אוממעגלעך פאָרצושטעלן נאָך אַן איינפאַכערע סתירה. און די
פראַגע מכּוח דעם רעכט צו שטרייקן פאַרשאַרפט זיך מיט יעדן
יאָר. מיר האָבן געזען וויאַזוי קליינע געשעפטן זענען זיך פאַ־
באַנדערגעוואקסן און זענען געוואָרן גרויסע און די גרויסע מסחרים
האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין טראָסטן וועלכע קאָנטראָלירן גאַנצע
אינדוסטריעס. און די טרייד־יוניאנס האָבן מיטגעהאַלטן מיט זיי.
פון די קליינע יוניאָנס זענען געוואָרן גרויסע אזן די גרויסע
האָבן זיך פאַרייניקט אין גרויסע פעדעראַציעס, א דאַנק דעם
זענען פון קליינע שטרייקן געוואָרן שרעקלעך גרויסע שטרייקן.
א מאָדערנער שטרייק ביי די אַרבעטער פון עלעקטרי, א באַן־
אַרבעטער־שטרייק, א קוילן־שטרייק, קאָן ברענגען דידאָזיקע אינ־
דוסטריעס און טוצן אנדערע אינדוסטריעס וואָס זענען אָפהענגיק
פון זיי, צו אַן אַבסאָלוטן שטילשטאַנד און גורם זיין אומדער־
טרעגלעכע אומבאַקוועמלעכקייטן און צרות פאר דער גאַנצער נאַציע.

כּדי שטרייקן זאָלן האָבן א גרעסערע ווירקונג, האָט זיך
אנטוויקלט א נייער טרייד־יוניאָן, וואָס מ׳רופט דער אינדוסטריע־
לער יוניאָן אונטערצושיידן פון די האַנטווערקער־יוניאָנס. די
האַנטווערקער־יוניאָנס האָבן פאַרייניקט אַלע אַרבעטער וואָס
האָבן געלעבט פון א געוויסן פאַך: די טישלער, די מויערער,
די גאַרבער א. א. וו. אָבער עס קאָנען זיין מענער פון אַ טוץ
אַנדערע פאַכן באַשעפטיקט אין איין גרויסער מאָדערנער אידוסט־
ריע. די בוי־אינדוסטריע באַשעפטיקט: טשעשלער, מויערער, מו־
לאַרעס, טישלער, קאַנאַליזאַציע־אַרבעטער, בלעכערס, טאַפּעצירער,
און אַלערליי מיני שוואַרץ־אַרבעטער, שוין נישט רעדנדיק פונם
פּערסאָנאַל ביוראַליסטן. און אויב יעדער פון זיי וואָלט געהאַט
א באַזונדער יוניאָן און ביי איינעם פון זיי וואָלט אויסגעבראָכן
א שטרייק, וואָלט ער נישט געקאָנט האָבן די ווירקונג וואָס ער
האָט איצט, ווען זיי שטרייקן אַלע. איבער דעם האָבן זיך גע־
בילדעט יוניאָנס, (וועלכע מ׳רופט אינדוסטריעלע יוניאָנס) וואָס

געמען אַריין די גאַנצע אינדוסטריע, נישט רעכנענדיק זיך צו וועלכן פאַך זיי געהערן. מיר האָבן איצט אַזעלכע קערפּערשאַפטן, ווי דער טראַנספּאָרט-אַרבעטער-יוניאָן און די נאַציאָנאַלע באַן-אַרבעטער-יוניאָן, ביי וועלכע גאַנצע מחנות אַרבעטער פון פאַרשידענע פאַכן זענען פאַראייניקט; זיי קאָנען פּאַראַליזירן די גאַנצע אינדוסטריע דורך אַ שטרייק. אינם ניינצנטן יאָהונדערט זענען עטלעכע שטרייקן אָדער לאָקאַוטן געווען גענוג גרויס, כּדי שטאַרק באַמערקט צו ווערן פון דער באַפעלקערונג. אינם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט זענען שוין פאָרגעקומען עטלעכע שטרייקן פון אַזאַ פאַרנעם, אַז זיי האָבן גורם געווען אַ נאַציאָנאַלן אומגליק און די רעגירונג איז געצוווּנגען געווען אַריינצומישן זיך, אָדער פּרוּוון אָפּקויפן די צדדים מיט סובסידיעס, אָדער באַוועגן די אַרבעטסגעבער און די שטרייקער צו קומען צו אַ וואָסער עס איז איינפאַרשטענדניש. נור אַזויווי די רעגירונג האָט נישט די מאַכט צו צווינגען די אַרבעטער צוריקצוגיין צו דער אַרבעט און אויך נישט די אַרבעטסגעבער נאָכצוגעבן די פאָדערונגען פון די אַרבעטער, האָט איר אונטערוועניק נישט געהאַט קיין גרויסע ווירקונג און זי האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין דערפאָלג, ביז עס האָט נישט גורם געווען גרויסע שאָדנס. דעריבער האָט מען געמוזט זוכן אַן עצה און מען האָט און יאָר 1927 באַגרענעצט די רעכט. דאָס הייסט, מען האָט אַרויסגעגעבן אַ געזעץ, וועלכער פאַרווערט סימפּאַטיע-שטרייקן און לאָקאַוטן, די לאָקאַוטן האָבן זיי איינגעשלאָסן, כּדי צו געבן דעמדאָזיקן געזעץ אַן אויסזען פון אַ גערעכטער האַנדלונג (דאָס הייסט חזיר-פּיסל כּשר), נור אַזויווי דערדאָזיקער געזעץ, פאַרבאָט נישט די גרינדונג פון אינדוסטריעלע פאַראיינען און נעמט אויך נישט אַוועק דאָס רעכט צו שטרייקן בכלל און לאָקאַוטן דאַן ווען זיי קאָנען גורם זיין צרות (וואָס זיי קאָנען פאַרשטייט זיך תמיד), איז עס נור אַ פּאָזע פון אימפּאָטענטער רציחה, וואָס ברענגט נישט קיין שום נוצן, נור עס באַווייזט אַז ביי דעם פאָלק וואַקסט דער ווידערווילן צו טאָלערירן גרויסע שטרייקן. זיי זענען אַ ציווילע מלחמה צווישן

קאַפּיטאַל און לייבאָר און צוליב וועלכער עס ליידט דאָס גאַנצע לאַנד.

די סאָציאַליסטישע עצה צו דער דאָזיקער געפערלעכער אָנישיקעניש איז קלאָר. דער סאָציאַליזם וואָלט איינגעפירט געצוווּנגענע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט פאַר אַלע אַרבעטספעיִקע בירגער, פונקט אַזוי ווי מען האָט איינגעפירט אינם משך פון דער מלחמה געצוווּנגען מיליטער־דינסט, פאַר אַלע מענער פון מיליטערישן עלטער. אין ענגלאַנד עקזיסטירט נישט אין פרידנסצייט קיין געצוווּנגען מיליטער־דינסט, אָבער אין מלחמה־צייט האָט קיין שום מאַן נישט דאָס רעכט צו קומען זאָגן, אז ער האָט טויזנט פונט א יאָר איינקונפט און דעריבער דאַרף ער נישט זיין קיין סאָלדאַט, ער האָט אַזוי אויך פּרנסה. ער מעג אפילו האָבן פופציק טויזנט מוז ער טון זיין פליכט צוזאַמען מיט אַלע איבעריקע. עס וועלן אים נישט העלפן זיינע טענות, אז ער איז א דזשענטלמען און וויל זיך נישט אויסמישן מיט קיין פּראָסטע סאָלדאַטן אָדער אָוועקגעשטעלט ווערן אין איין קלאַס מיט זיי, אויב ער איז נישט קיין געענדיקטער אָפיציר, מוז ער ווערן א פּראָסט־פּשוטער סאָלדאַט אין עס איז גאַנץ מעגלעך, אז דער פעלדפעבל פון זיין אָפּטיילונג, איז געווען זיין קאָמערדינער און אז זיין לייטענאַנט און זיין מאַיאָר, זיין קאָלאָנעל און זיין בריגאַדיר זענען, איר זאָלט מיר מוחל זיין, געווען זיין שניידער, זיין שוסטער, זיין אַדוואָקאַט און דער אויפזעער פון זיין באַליבטן גאָלף־האָטעל. די שטראָף פאַר פאַרנאַכלעסיקן אויסצופירן זיינע פליכטן ריכטיק און פּינקטלעך, אפילו דאַן ווען עס איז פאַרבינדן מיט א באַלדיקער סכנה פאַרוווּנדעט צו ווערן אָדער צעריסן צו ווערן אויף שטיקער — איז טויט. די באַרעכטיקונג לגבי מיליטער־דינסט, איז אַזוי צווייפלהאַפט, אז דער וואָס זאָגט זיך אָפּ דערפון צוליב דעם וואָס מלחמה איז קעגן זיין געוויסן, קאָן זיך באַרעכטיקן מיטן פאָרשלאַג, וואָס דער פילאָזאָף קאַנט האָט געפרווּט מאַכן. דאָס הייסט; ער קאָן זאָגן, אז ווען אַלע מענטשן וואָלטן זיך אָפּגעזאָגט עס צו טון, וואָלט די וועלט געווען זיכערער, גליקלעכער און בעסער.

אָבער אָפּזאָגן זיך פון סאָציאַלער אַרבעט קאָן ער נישט מיט אַזאַ תּירוץ. ווען יעדער איינער וואָלט זיך אָפּגעזאָגט צו אַרבעטן, וואָלטן ניין־צענטל פון די איינוווינער אויף די דראָזיקע אינדזלען אויסגעשטאָרבן אין משך פון איין חודש, און די איבערגעבליבענע וואָלטן צו שוואַך געווען זיי צו באַגראָבן. און זיי וואָלט אויך דערוואַרט דער אייגענער גורל: עס האָט נישט קיין ווין, אַז אַ דאַמע זאָל זאָגן, אַז זי האָט גענוג געלט און זי קאָן לעבן אָן אַרבעט. אויב זי פאַרדינט נישט אַליין אויף איר שפּייז, קליידער און אַ וווינונג, מוזן עס אַנדערע מענטשן אָפּאַרבעטן פאַר אירעטוועגן און אויב זי פירט נישט דורך עפּעס אַן ענלעכע לייסטונג פאַר זייערטוועגן באַרויבט זי זיי איינפאַך. עס וואָלט נעווען פון איר אַן אַבסורד זיך איינצורעדן, אַז זי לעבט פון דעם, וואָס איר אַרבעטזאַמע באָבע האָט אַמאָל אָפּגעשפּאָרט, ווייל נישט נור זי זאָגט אין דעם פאַל אַזוינס וואָס איז אַן אוממעגלעכקייט, נור עס איז נישט קיין מאָטיוו אין דער וועלט, מען זאָל איר דערלויבן, צוליב פוילקייט, קאַליע צו מאַכן דאָס, וואָס איר באָבע האָט געשאַפן דורך איר אַרבעטזאַמקייט. געצוווּנגענע סאָצ־אַלע אַרבעט איז אַזוי באַגרונדעט, און באַרעכטיקט, אַז די ערשטע אַבסאָלוטע פליכט פון יעדער מלוכה איז צו זען, אַז יעדער איינער זאָל אַרבעטן און פאַרדינען גענוג אויף אויסצוהאַלטן זיך און נאָך אָפּשפּאָרן אַביסל לטובות דעם לאַנד און אויסצובעסערן די וועלט. און דאָך איז עס היינט די לעצטע פליכט, וואָס אַ רעגירונג וואָלט זיך אונטערגענומען צו טון. וואָס די מלוכות טון היינט איז דאָס, וואָס זיי שטעלן אַוועק די מאַסע מיטן כוח פון וואָפן אין אַזאַ לאַגע, אַז זיי זאָלן מוזן אָדער אַרבעטן פאַר די קאַפּיטאַליסטן, אָדער שטאַרבן פון הונגער, איבערלאָזנדיק די קאַפּיטאַליסטן פריי פון וועלכע עס איז פליכטן, וואָס זאָלן האָבן אפילו אַ ווייטע ענלעכקייט צו דער פליכט וואָס זיי וואָלטן געדאַרפט האָבן, אַזוי אַז די קאַפּיטאַליסטן קאָנען זיך דערלויבן נישט נור אַרומצוגיין ליידיק, נור צו פּראָדוצירן נאָך אַ קינסטלעכן איבערפלוס פון מענטשן דורך צוריקציען אַרבעט פון פּראָדוקטיווער אינדוסטריע און זיי פרייען זיך נאָך מיט

זייער ליידיקגייערײ און זענען שטאָלץ מיט דעם, וואָס זיי האָבן דאָ אויפגעטון. דאָס רופן אונדזערע קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען באַשיצן דאָס פּריוואַט־אייגנטום און פּערזענלעכע פרייהייט; אָבער די סאָציאַליסטן גלויבן, אַז אַזאַ אייגנטום איז פּשוטע גנבה און צו דערלויבן אַזאַ פּערזענלעכע פרייהייט הייסט נישט בלויז דערלויבן אַרומצוגיין ליידיק, נור דערלויבן צו הרגענען מענטשן.

מיר מעגן זיך אַלזאָ ריכטן, אַז ווען אַ לייבאָר־פּאַרלאַמענט וועט זיין געצוווּנגען צו האַנדלען ראַדיקאַל מיט מאַנכע צעשמעטערנדיקע נאַציאָנאַלע שטרייקן, וועלן די סאָציאַליסטן פון דער לייבאָר־פּאַרטיי דערקלערן, אַז דער איינציקער מיטל איז איינצופירן אַ געצוווּנגענע סאָציאַלע דינסט פאַר אַלע געזונטע, אַרבעטספעיקע מענטשן. און די רעשטלעך פון די אַלטע פּאַרטייען און טרייד־יוניאָניסטן אין דער לייבאָר־פּאַרטיי, וואָס זענען נישט קיין סאָציאַליסטן, וועלן זיך באַלד פאַרייניקן קעגן דעמדאָזיקן פאָרשלאַג און וועלן אָנשטאָט דעם פאַרלאַנגען אַ סובסידיע אויף אָפּצוקויפן די שטרייקנדיקע. סובסידיע אָדער נישט סובסידיע די טרייד־יוניאָניסטן וועלן זיך אָפּזאָגן אויפצוגעבן דאָס רעכט צו שטרייקן אפילו אין די סאָציאַלע אינסטיטוציעס. דער שטרייק איז דאָס איינציקע געווער, וואָס דער טרייד־יוניאָניסט האָט. און די אַרבעטסגעבער וואָלטן זיין פונקט אַזוי אַנטשלאָסן צו דערהאַלטן זייער רעכט אויף לאָקאַוטן. און בנוגע די ווירטסלייט און די קאַפּיטאַליסטן — זייער שרעק קאָן מען זיך שוין פאָרשטעלן. זיי וועלן האָבן אַ פיל גרעסערן אינטערעס ווי די אַרבעטסגעבער און פינאַנסיסטן, מחמת אַרבעטסגעבער און פינאַנסיסטן זענען אויך אַרבעטער. אַ שטרענגע פליכט אַז זיי מוזן אַרבעטן איז ביי זיי נישט פאַרבונדן מיט קיין שוועריקייטן, אָבער אונדזער מין ליידיס און דזשענטלמענס, וואָס האָבן נישט קיין שום באַגריף אין אַרבעט אָדער האַנדל און זענען דערצויגן געוואָרן צו קוקן אויף פּראָדוקטיווער אַרבעט, ווי אויף אַ זאַך וואָס דערנידעריקט דעם יעניקן וואָס באַשעפטיקט זיך דערמיט. איינגעשפּאַרט זיין אין ביוראָס, אין פאַבריקן, זיין געצוווּנגען אויפצושטיין פאַרטאָג,

פֿרעמקייט, ווולגאַריטעט, שלעכטע מאַניערן, רויקייט, שמוץ און
און שווערע אַרבעט צו וועלכן זיי זענען בכלל נישט געוווינט
געוואָרן — וואָלט, פארשטייט זיך, גורם געווען, זיי זאָלן זען
אין געצוווּנגענער סאָציאַלער אַרבעט דעם סוף פון זייער קלאַס
און פון דער וועלט בכלל, וואָס ווען, צום גליק אין אַ געוויסן
זין טאַקע אַזוי זיין. די לאַגע פון אַ סך פון זיי וואָלט געווען
אזא טרויעריקע (אָדער זיי וואָלטן זיך ווייניקסטנס פאַרגעשטעלט
אַזוי), אַז זיי וואָלטן זיך געמוזט פאַרזאָרגן מיט אַ מעדיצינישע
ציינגיש, אַז מען זאָל זיי אָננעמען פאר אומפעיק צו דער אַר-
בעט, ביז זיי וואָלטן אויסגעשטאָרבן, מחמת סוף-כּל-סוף איז עס
דאָך נישט זייער שולד, וואָס זיי זענען דערצויגן געוואָרן אַלס
ליידיקגייערס, אויסברענגער און אומנוצלעכע עלעמענטן; און ווען
דערדאָזיקער סיסטעם פון לעבן (וואָס עס ווייזט זיך זיי אייגנטלעך
טייל־אָל אויס פאר איבעראַשנדיק אַרבעטספּעציק) וועט אפגע-
עאַ:ט ווערן, זענען זיי אייגנטלעך לאָגיש בארעכטיקט צו בעטן
מען זאָל זיי באַהאַנדלען ווי אַנדערע מענטשן וואָס זייערע באַ-
שעפטיקונגען האָט דאָס נייע געזעץ דערקלערט פאר אומנוצלעך
און נישט דערלויבט ווייטער צו עקזיסטירן. מיר קאָנען זיך דער-
לויבן צו זיין גרויסמוטיק צו זיי.

אָבער ווי עס זאָל נישט זיין, איז זיכער, אַז דידאָזיקע
אומנוצלעכע קלאַסן וועלן זיך אָנשליסן אין די טרייד-יוניאָנס,
צוליבן משוגענעם צאָרן אקעגן געצוווּנגענער סאָציאַלער אַרבעט.
אויב די אַרבעטער-מיניסטאָרן זאָלן זיין, וואָס זיי זענען מערכט:ס
היינט צו טאָג, סאָציאַליסטן און וואָלטן געפּרוּווט אריינצוטראָגן
אַ פּראָיעקט איינצופירן געצוווּנגענע סאָציאַלע אַרבעט, וואָלטן זיי
אפשר דורכגעפאַלן און אין אַזא פאַל וואָלטן זיך אָנגעהויבן אל-
געמיינע וואַלן בנוגע דער פראַגע; און ביי די אַלגעמיינע וואַלן
וואָלט דער שטרייט נישט געווען צווישן דער לייבאָר-פּאַרטיי און
די קאַפּיטאַליסטן נור צווישן דעם קאָנסערוואַטיון אָדער דעם
טרייד-יוניאָניסטישן פליגל, פון דער לייבאָר-פּאַרטיי, וואָס וואָלטן
זיך גערופן די רעכטע, און דער סאָציאַליסטישער פליגל, וועלכן
מען וואָלט גערופן די לינ„ע, אַזוי אַז אויב די איצטיקע קאָנ-

סערוואַטיוון וואָלטן אײנגאַנצן ארויסגעיאָגט געוואָרן פונם פּאַרלאַ־
מענט און עס וואָלט נישט געבליבן פון זיי קיין שריד ופליט,
וואָלט נאָך אַלץ געקאָנט זיין א מעגלעכקייט, עס זאָלן זיין צווײ
שטרייטנדיקע פּאַרטייען, וואָס וואָלטן געשטרעבט צו דער מאַכט
און די אינטעליגענטע פרוי וואלט זיך נאָך אַלץ געפונען אַרומ־
גערינגלט פון א חברה אַגענטן, וואָס וואָלטן איר געפּרווט משפּיע
זיין, צו שטימען פאַר רעכטע אָדער לינקע אָדער גאָר פאַר ווײַ־
סע אַדער רויטע, פונקט ווי מ׳אַגיטירט איר היינט צו שטימען
פאַר די קאָנסערוואַטאָרן אָדער לייבאָר.

## LXXIV

## רעליגיעזע חלוקי־דעות

נור ווי עס זאָל נישט זיין, וואָלטן צוויי פּאַרטייען נישט געקאָנט ברענגען קיין שאָדן דעם הויז אָף קאָמאנס מחמת די מיטגלידער זענען דאָרט צעטיילט אויף צוויי אָפּטיילונגען. איין אָפּטיילונג אַרבעט, פּירט די מלוכה און די אַנדערע האַלט זי אין איין קריטיקירן, פּרוּוון איר ארויסשטופּן און אַליין ווערן די רעגירונג. דערדאָזיקער צוויי־אָפּטיילונג־סיסטעם, איז באמת נישט אין דעם זין, ווי א צוויי־פּאַרטייען־סיסטעם, וועלכע פירן א באַזונדערע פּאָליטיק. זיי קאָנען זיך אַמאָל אונטערשיידן נישט אין קיין שום אַנדער זאַך ווי דאָס ווייסט יעדע פרוי וואס וויל אַליין האָבן די מאַכט, אנשטאט יענע זאָלן זיי האָבן.

פונם פּראָלעטאַרישן שטאַנדפּונקט, איז דער חילוק צווישן די ליבעראַלן און קאָנסערוואַטאָרן זינט דעם יאָר 1832 געווען נישט מער ווי א חילוק צווישן צוויי פּלוידערזעק, וואָס האָבן געפּלאַפּלט אַהין און געפּלוידערט אַהער, אָבער דאָס האָט א סך נישט אויסגעמאַכט, מחמת דער עיקר פון דעמדאָזיקן סיסטעם איז געווען אז די רעגירונג זאָל אומברחמנותדיק און אומאויפהערלעך קריטיקירט ווערן פון אקעגנערישער באַנדע פּאָליטיקער, וואָס זענען פאַרעקשנט גישט דורכצולאָזן אומבאַרירט קיין ווינקל ווו ס'קאָן זיך אפשר געפונען אַביסל שפינוועבס. די רעגירונג און אירע קעגנער וואָלט מען געקאָנט אָנגעמען פאר א פּאַרשטע־

לונג מיט קריטיקער, וועלכע טוישן זייערע ראָלן, ווען נור דאָס לאַנד צייגט זיך איבער, אַז די קריטיקער זענען גערעכט און די וואָס שפּילן אומגערעכט.

די צעטיילונג פונם הויז אָף קאָמאַנס אויף צוויי פּאַרטייען מיט קעגנגעזעצטע מאָטיוון אין דער פּאָליטיק איז גאַנץ גוט צוגעפּאַסט צו דערדאָזיקער סיטואַציע. אָבער מען זאָל אים צעטיילן אויף אַ האַלבן טוץ פּאַרטייען, וואָלט שוין גאָרנישט געווען צוגעפּאַסט צו דער סיטואַציע און עס וואָלט אפשר ווי מיר האָבן שוין פריער געזען, אינגאַנצן פּאַראַליזירט די פּאַרלאַמענטאַרישע מ וכה, עס איז פאַראַן מער ווי גענוג מאַטעריאַל פאַר אַ טוץ פּאַרטייען אינם בריטישן פּראָלעטאַריאַט. נעמט למשל די פראַגע מכוח רעליגיע, וואָס איז אומאויפהערלעך פאַרבונדן מיט דעם פּראָלעטאַרישן בילדונגס-פּראָבלעם, מיט דער בילדונג אין די עלעמענטאַר-שולן. עס איז נישט מעגלעך, אַז אַ פּראָלעטאַרישער פּאַרלאַמענט זאָל וועלן דערליידן מען זאָל לערנען דער נאַציעס קינדער די קאַפּיטאַליסטישע און די אימפּעריאַליסטישע מאָראַל אונטער אַ רעליגיעזער מאַסקע. און דאָך, אין דער רגע, וואָס די-דאָזיקע פראַגע ווערט באַרירט הויבט זיך אויף אַ געפערלעכער טומל. עלטערן האָבן אַן איינגעוואָרצלטע געוווינהייט צו וועלן, אַז זייערע קינדער זאָלן אָננעמען די רעליגיע, וואָס זיי וועלן זיי דיקטירן און אַלס עלטערן האַלטן זיי עס פאַר נאָך מער ווי זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז זיי האָבן דאָס רעכט דערויף. אין אָט דידאָזיקע רעכט האָט גאָר קיינער קיינמאָל נישט געצווייפלט סיידן זיי עלטערן זענען אָפענע אַטעיִסטן. אַזוילאַנג ווי אַלע קינדער וואָס האָבן בכלל באַזוכט אַ שול זענען געווען אָדער אין ביבלישע פּריוואַט-שולן, אָדער אין הויכשולן און אוניווערזיטעטן, ווו די אָנגענומענע רעליגיע איז געווען די שטאַטס-רעליגיע. הייבט צו טאָג זענען פאַראַן יוניטאָריאַנער*)-שולן, קוועקערשולן, קאַטוילישע שולן, מעטאָדיסטישע שולן, טעאָזאָפישע שולן

---

*) אַ רעליגיעזע סעקטע וואָס גלייבט נישט אין דער דרייאייניקייט.

און אפילו קאָמוניסטישע שולן און די עלטערן אָדער אפיטרופסים
(נישט די קינדער) קאָנען זיך אויסקלייבן אזא שול וואָס זאָל
זיך אָמבעסטן פּאַסן פאר זייער פּריוואַטן רעליגיעזן שטאַנדפּונקט.

אָבער ווען בילדונג ווערט א נאַציאָנאַלע אינסטיטוציע און
די מלוכה בויט שולן איבערן גאַנצן לאַנד און צווינגט די גרוי־
סע מאַיאָריטעט קינדער, וועמעס עלטערן עס קאָנען זיך נישט
דערלויבן צו שיקן זיי אין קיין אַנדער שול א חוץ אין די רעגי־
רונגס־שולן — אז זיי זאָלן באַזוכן יעדן טאָג די שולן, הייבן
זיך אָן קאָנפליקטן וועגן די קינדערס נשמות, וואָס פאר א רע־
ליגיע זאָל מען לערנען אין די רעגירונגס־שולן. די רוימישע
קאַטאָליקן זעען זיך ארויסצודרייען פון שיקן זייערע קינדער
אין די רעגירונגס־שולן, דורך זאַמלען געלט צו בויען קאַטוילישע
שולן זייט ביי זייט מיט די רעגירונגס־שולן; און די אַנדערע
סעקטעס, די ענגלישע קירך איינגעשלאָסן, טוען דאָס אייגענע,
סיידן זיי באַקומען שטיצע פון דער רעגירונג און דאָס הייסט
פארזאָרגט ווערן מיט געלט דורך שטייערן אויף דער גאַנצער
בירגערשאַפט אָן אויסנאַם. און דאַן קאָנען זיי זיך נישט דער־
לויבן אַרייננצונעמען אַלע קינדער אָדער צו געבן די קינדער,
וואָס זיי האָבן שוין אריינגענומען, א געהעריקע בילדונג. און
אַזוי גיך, ווי מען מאַכט א פּאָרשלאַג אין פּאַרלאַמענט צו געבן
זיין געלט פון די שטייערן און טאַקסעס, הויבן זיך אָן די אמתע
מחלוקת. איידער צו באַצאָלן שטייערן כדי צו מאַכן פון ענגלי־
שע קינדער רוימישע קאַטאָליקן אָדער אפילו אַנגלאָ־קאַטאָליקן,
וואָלטן עכט פּראָטעסטאַנטישע שטייער־צאָלער בעסער געוואָלט
מען זאָל לויט א פאַראָרדונג פון מאַגיסטראַט אויספאַרקויפן זיי־
ער מעבל. זיי וואָלטן ליבערשט געלאָזט זיך פארברענען, איידער
אויסצוגעבן זייערע הייליקע פּרוטות, צו דער „שאַרלאַך־רויטער
פרוי" און פארפירן די קינדער אין אייביקן כף־הקלע. מחמת
נישט בלויז אין אירלאַנד אַליין מייגען די רוימישע קאַטאָליקן
און די פּראָטעסטאַנטן יעדער, אז דער אנדערער וועט אויפן
עולם־אמת זיך מוזן אייביק טובלען אין א טייך פון ברענענדיקן
שוועבל. די פאַנאַטיקער פון דער ענגלישער קירך גלויבן, אז די

קליינשטעטלדיקע אַפּיקורסים וועלן אויף יענער וועלט נאָך האָבן אַן ערגערע מפּלה פון די רוימישע קאַטאָליקן.

די חלוקי-דעות פון די צדדים זענען אזוי שטארק און קיינער וועט דעם אנדערן נישט אָפּטרעטן חלילה אויף א האָר און די שנאה איז אַזוי ליידנשאַפטלעך און ווילד, אז די רעגירונג — איינמאָל איינגעפּירט צוואַנגס-שול דירעקט אין אירע שולן אָדער דורך סובסידיעס אין אַנדערע שולן — איז געצווונגען פאַרצולייגן עפּעס א נייטראַלע רעליגיע, אָדער בכלל פארבאָטן צו דערמאָנען אין די שולן רעליגיעזע פראַגן. א ביישפּיל פון דעם ערשטן פלאַן אין שייכות מיט דעם איז דער „קוואַפּער טעמפּל פּאַראַגראַף" אינם בילדונגס-געזעץ פונם יאָר 1870, וואָס זאָגט, אַז מען זאָל לייענען די ביבל אין די שולן אָן שום אונטערשיד פון די קינדערס גלויבן, אָדער זייער אָפּשטאַמונג פון וועלכע עס איז סעקטע.

דערדאָזיקער פּלאַן איז באקאנט אונטערן נאָמען „דער וועלטלעכער פּלאַן פון בילדונג". מער ווי אומעטום האָט מען אים געפּרוּווט דורכפירן אין אויסטראַליע.

דער קוואַפּער טעמפּל-פּלאַן איז אָבער נישט אין הסכם מיט דער קאַטוילישער רעליגיע, וועלכע דערלויבט נישט סתּם א צוזאָץ צו דער ביבל און אויך נישט מיט דער יודישער רעליגיע און מען קאָן זיך גאָרנישט ריכטן, אז די יידן זאָלן אָנערקענען דעם נייעם טעסטאַמענט פאר א רעליגיעזן אונטערריכט. חוץ דעם, אויב מען זאָל אָנהויבן לערנען מיט די קינדער מער ווי די דריי רעליגיעזע וויסנשאַפטן, וואָלט מען זיי געדאַרפט לערנען קופּערניקס אַסטראָנאָמיע, עלעקטראָ-פיזיק און עוואָלוציע. פארשטייט זיך, אז עס האָט נישט קיין זין צו צען א זייגער איינדערפרי זאָל מען וועלן איינרעדן דעם קינד, אז עס איז א מצווה צו גלויבן, אַז די ערד איז פלאַך און זי שטייט אויף איין אָרט און דער הימל איז דער סופיט איבער איר און אין הימל איז פאראַן א גן-עדן, וואָס איז אויסגעשטאַט, ווי א קעניגלעכער פּאלאַץ — און אַרום עלף זאָל מען אים זאָגן, אַז די ערד דרייט זיך ארום דער זון אין אַן אומבאַגרענעצטן רוים,

צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע קוילן. אויך קאָנט איר נישט דערקלערן אינם משך פֿון דער שעה אין וועלכער איר גיט זיי די רעליגיעזע לעקציע, אַז אַלץ וואָס לעבט איז באַשאַפֿן געוואָרן אינם משך פֿון זעקס טאָג, איינגעשלאָסן דאָס אַרויסנעמען אַ פֿול אַנטוויקלטע פֿרוי פֿון אַ מאַנספּערשוינס ריפּ און ווען עס קלינגט דער זייגער זאָל מען זיי אָנהויבן אויפֿקלערן, ווי עס האָט געדויערט ביי דער נאַטור מיליאָנען־יעריקע עפּאָכעס צו מאַכן עקספּערימענטן, ביז זי האָט פּראָדוצירט די פֿאַרשידענע פֿאָרמען פֿון לעבן, פֿון ריזיקע מאָנסטערס, ביז קוים אָנזעעוודיקע פּיצינקע ברואימלעך און פֿון זיי אַלע צוזאַמען האָט זיך לסוף אַנטוויקלט אַ זייער קאָמפּליצירטער און בכלל נישט אַ צופֿרידנשטעלנדיקער פֿאָרם, וואָס רופֿט זיך פֿרוי, און אַזוי האָט זיך ספּעציאַליזירט אין אַ ביסל אַן אַנדער סאָרט בריאה, וועלכע איז אין געוויסע הינזיכטן נאָך ווייניקער צופֿרידנשטעלנדיק און רופֿט זיך מאַן. דאָס וואָלט נישט געשאַדט ווען דער לערער זאָל דערקלערן די קינדער, אַז אַזוי ווי די אַסטראָנאָמיע און די ביאָלאָגיע איז נישט אין איינקלאַנג מיט יענער צייט און מיר האַלטן, אַז היינט פֿאַרשטייען מיר אַלצדינג בעסער, האָט מען דעריבער אויפֿגעהערט צו גלויבן אין דעם פּונקט ווי אין די באַרבאַרישע מאָראַלן פֿון די איזראַעליטישע מלאכים און דעם אָפּגאָט, צו וועלכן זיי פֿלעגן ברענגען מענטשלעכע קרבנות. אָבער אַזעלכע אויפֿקלערונגען וואָלטן דאָך געמאַכט אַ סוף צו דעם קוואַפּער־טעמפּל־פּאַראַגראַף, לויט וועלכן מען דאַרף איבערלאָזן די קינדער אַליין אויסצוגעפֿינען, אויב זיי וועלן קאָנען די סתירות צווישן זייערע רעליגיעס און די וועלטלעכע אינסטרוקציעס. געוויינטלעך ווערן ביי די קינדער געלעזן די פֿראַגן דורך דעם, וואָס זיי טראַכטן בכלל נישט וועגן דעם אויב די עלטערן זייערע לאָזן זיי צורו. טעמאַ, איז אַ זאַך, וואָס איז ביי זיי אַ זעלטנהייט.

דער פּלאַן אַז מען זאָל בכלל נישט געבן די קינדער קיין רעליגיעזע אינסטרוקציעס און זיך האַלטן ביים כּלל. אַז מען דאַרף די קינדער געבן בלויז אַ וועלטלעכע בילדונג און אַ בילדונג, וואָס איז באַגרינדעט אויף פֿאַקטן – איז באמת אַ נישט מעגלע־

בער פלאן, מחמת מען מוז לערנען די קינדער ווי זיך אויפצופירן, אזוי גוט ווי אריפמעטיק. און די באשטימונג בנוגע דער אויפפירונג, איז א מעטאפיזישע. באנוצנדיק זיך מיט אט דער הויכער פראזע מיין איך, אז פון א ריינעם פראקטישן שטאנדפונקט איז נישט קיין חילוק צווישן א טאג גנבענען און א טאג ערלעכע ארבעט, צווישן געלאסענער אומוויסנקייט און דאס געיעג נאך וויסן לשם וויסן. צווישן די געוווינהייט ליגן צו זאגן — און אמת זאגן: דאס זענען אלץ מענטשלעכע האנדלונגען אבער נישט האנדלונגען פון וועלכע מען דארף אויסקלייבן די וואס זענען אנגענעמער אדער זיי לוינען זיך בעסער מאטעריעל אן א שום גרונט, פארוואס מען זאל געוויסע האנדלונגען אויסדערוויילן און אנדערע פארקערט. ווען איר כאפט אייערע קינדער טון א זאך, וואס זיי טוען זייער אפט (פונקט ווי די עלטערע טוען), וואס איז גאנץ וועלטלעך, זאגן ליגנט, גנבענען, אדער ארומגיין ליידיק. מוזט איר זיי געבן: אדער א פאקטישן אדער א רעליגיעזן מאטיוו, פארוואס זיי זאלן אויפהערן צו טון שלעכטס און זיך צוגעוווינען צו טון גוטס. דעם פאקטישן מאטיוו איז רייצנדיק-לייכט צו פאבריצירן: איר קאנט זאגן צום קינד: „אויב איך וועל דיך כאפן אז דו וועסט עס נאכאמאל טון, וועל איך דיר דעם קאפ צעברעכן, אדער איך וועל דיך אפשמייסן, אדער די וועסט מוזן גיין שלאפן אן וויעטשערע, אדער איך וועל שוין וויסן, וואס מיט דיר צו טון א זאך וואס וועט דיר נישט שטארק געפעלן" ליידער זענען די וועלטלעכע מאטיוון, גענוג לייכט זיך ארויסצודרייען פון זיי דורך כיטרעקייט צבועות, מיט א צולאג פון אביסל ליגן הגם זיי זענען גרינג צו דערקלערן און דורכצופירן און אפשר אגגענעם אויך, אויב איר האלט פון זיי. איר ווייסט, דאכט זיך, וואס עס ווערט פון דער פאלשער מאראל וואס איר באקומט ארויס דורך שמיץ, אזוי גיך ווי איר דרייט זיך אוועק. און וואס פאר א ווערט האט אזא לעבן, ווען איר דארפט פארברענגען אייער צייט מיט נאכשפיאנירן אייערע קינדער מיט א שטעקן אין האנט? עס לוינט זיך קוים צו לעבן. סיידן איר געהערט צו די מענטשן, וואס האבן הנאה צו שלאגן פונקט

ווי די וואָס האָבן הנאה פון אומנאַטירלעכע תאוות, צוליב וועלכן איר קאָנט אַמאָל אַריינפאַלן אין די הענט פון דיזער געזעלשאַפט, אָפּצוהיטן קינדער פון אכזריות וואָס וועט מאַכן אַ גיכן סוף צו אייערע מאָראַלישע פּרעטענציעס. אַלנפאַלס וועט איר שטאַרק חשק האָבן צו שלאָגן אייערע קינדער, נישט צוליב דעם, איר זאָלט זיי צווינגען זיך גוט אויפצופירן אַזוי, אַז עס זאָל אייך זיין צום באַקוועמסטן, וואָס דאָס איז נישט תמיד און אפילו נישט אָפט איין און די זעלבע זאַך.

סוף־כל־סוף, אויב איר זענט נישט קיין עגאָיסט און נישט קיין אכזר, וועט איר פאַרשטיין, אַז איר מוזט די קינדער געבן אַ געוויסן מאָטיוו. פאַרוואָס זיי זאָלן זיך גוט אויפפירן, אַפילו דעמאָלט ווען קיינער זעט נישט און זיי האָבן נישט וואָס מורא צו האָבן טאָמער וועט מען זיי כאַפּן ביי דער מעשה, אָדער אויב זיי וועלן עס פאָרט טון, נישט געקוקט אויף קיין קלעפּ דאַרפט איר זיי דערקלערן די סיבה פאַרוואָס זיי זאָלן עס בעסער נישט טון און נישט באַשטראָפט ווערן איידער יאָ טון און באַשטראָפט ווערן.

איר מעגט זיי זאָגן, אַז גאָט זעט תמיד וואָס זיי טוען און ווען זיי וועלן שטאַרבן, וועט ער זיי זיכער באַשטראָפן דערפאַר. אָבער איר וועט אפשר געפינען, אַז אָפּגעלייגטע שטראָפן זענען נישט גענוג נאָענט און נישט גענוג רעאַל. אָפּצושרעקן אַ חוצפהדיק קינד. סוף־כל־סוף מוזט איר אים אָפּשרעקן מיט עפּעס אַ שאָדן פון אַ טייל פון דעם, וואָס מ׳רופט נשמה, וועגן וואָס איר קאָנט בשום־אופן נישט געבן קיין פיזישע דערקלערונג ווי איר זאָלט נישט פּרוּוון. איר דאַרפט זיך נישט באַנוצן מיטן וואָרט נשמה, איר קאָנט עס איבערלאָזן אויפן קינדס „געוויסנהאַפטיקייט”, איז אָבער זיין געוויסנהאַפטיקייט אַזאַ אָרגאַן, וואָס עס איז נאָך נישט געלונגען קיין שום אַנאַטאָמיסט אויסצושניידן אים און אים האַלטן אין אַ פלאַש שפּירטוס צוליב אינסטרוקציעס פאַר קינדער. ווען ס׳קינד טוט עפּעס אַן עבֿרה קאָנט איר עס אויסזידלען, אָנשרייען דערויף און עס אָנרופן, אַ שלעכט שמוציק, כיטרע באַשעפעניש. אָדער איר קאָנט עס געבן אַ פּריידיקט און

ס געלאַסענערהייט דערציילן „אַז עס איז אַן עבֿרה צו גנבֿענען אַ שפּילקע" א. א. וו. אויב אָבער דאָס קינד איז אַזאַ באַשעפעניש, וואָס ווייסט נישט פון גאָרנישט אַ חוץ פאַקטן, קאָן עס אַמאָל פון ביידע נישט געריררט ווערן, נישט פונם זידלען און נישט פונם פּריידיקן; און עס קאָן אייך גאָר אַ פרעג טון: „וואָס איז דען? וואָס איז עס אַזוינס זינד? וואָס מיינט איר דערמיט וואָס איר רופט מיך שלעכט, כיטרע? איך פאַרשטיי, וואָס עס הייסט שמוציק. אָבער פאַרוואָס זאָל איך מיר וואַשן די הענט, ווען איך פיל מיך גאַנץ באַקוועם און עס אַרט מיך נישט וואָס זיי זענען שמוציק? איך פאַרשטיי וואָס מען מיינט עגאָיסטיש; אָבער אַז איך האָב ליב שאָקאָלאַד, איז פאַרוואָס זאָל איך אַוועקגעבן מיין העלפט דזשעגען"? איר קאָנט אים שאַרף אָפּענטפערן „האָסטו גאָרנישט קיין געוויסן?" אָבער דער פּראַקטישער פאַקט ענטפערט אייך: „וואָס איז עס אַזוינס געוויסן?" אַוועקגעשטעלט קעגנאיבער דעמדאָזיקן פּראַקטיש-פאַקטישן סקעפּטיציזם, ווערט איר בֿמילא געטריבן צו ריינער מעטאַפיזיק און איר מוזט לערנען אייער קינד, אַז אויפפירונג איז נישט קיין ענין, וואָס האָט אַ שייכות מיט פאַקטן נור מיט רעליגיעזע פליכטן. גוטע אויפפירונג איז עפּעס אַזאַ מיסטישע זאַך, פאַר וועלכן איר זענט זיך אַליין אַ דאַנק-שולדיק, הגם איר ווייסט נישט פאַרוואָס; און מענטשן לאָזן זיך פירן, לויט דער פּראָפּאָרציע פון אָט דעם זעלבסט רעספּעקט, וואָס זיי פאַרמאָגן. ווען איר ווילט מוסרן אַ דערוואַקסענעם מענטשן, זאָגט איר צו אים: „האָסט גאָרנישט קיין שום זעלבסטרעספּעקט?" נור מען זאָגט נישט אַזוי צו קיין קינד. אויב אַ קינד זאָגט אַ ליגנט, ווערט איר אים נישט זאָגן: „עס איז אייער חובֿ צו זיך אַליין, איר זאָלט זאָגן דעם אמת", ווייל דאָס קליינע חיהלע האָט נישט קיין הוש פאַר אַ זעלכע מיני אָבליגאַציעס, הגם ווען עס ווערט אויפוואַקסן ווערט עס אפשר יאָ האָבן אָט דעם חוש. אויב איר זאָגט „דו זאָלסט נישט זאָגן קיין ליגנט, מחמת אויב דו וועסט עס יאָ טון ווערט דיר קיינער קיינמאָל נישט גלויבן וואָס דו וועסט זאָגן" פילט איר, אַז איר זאָגט אַליין אַ גרויסן ליגנט. ווייל איר ווייסט גאַנץ גוט

אַז דער גרעסטער טייל שקרים האָבן אַ גאַנץ גוטן דערפֿאָלג, און אַז די מענטשלעכע געזעלשאַפֿט, וואָלט נישט געקאָנט עקזיסטירן אָן אַ שיין ביסל גוטגעמיינטע ליגנס. אויב איר זאָגט: „דו טאָרסט נישט זאָגן קיין ליגנט, ווייל אויב יאָ, וועט דיר זיין אוממעגלעך צו גלויבן, וואָס עמעץ וועט דיר זאָגן" וועט איר גיכער זיין נאָענט פֿונם אמת; אָבער דאָס איז אַן אמת וואָס קיין קינד קאָן נישט פֿאַרשטיין; איר וואָלט אים שוין גיכער געמעגט דערציילן דעם אמתן אמת, מכּוח דעם, אַז עס איז פֿאַראַן אין אונדז עפּעס אַמיסטעריעזע זאַך, וואָס מען רופֿט נשמה און אַז עבֿרות־במזיד הרגענען אָט די נשמה און אַז קיין שום מאַטעריעל געווינסן קאָנען נישט מאַכן דאָס לעבן דערטרעגלעך אָבער ס'איז שווער זיך צו ריכטן אַז דאָס זאָל ווירקן אויף אַ שלעכט קינד. אויב איר וועט זאָגן „דו טאָרסט נישט זאָגן קיין ליגנט, מחמת דיינע טייערע עלטערן וועלן האָבן דערפֿון עגמת־נפֿש דאַן וועט די ווירקונג זיין אָפּהענגיק דערפֿון, וויפֿל עס גייט בכּלל דעם קינד אָן, צי זיינע עלטערן וועלן יאָ האָבן עגמת־נפֿש אָדער נישט. אַלנפֿאַלס ביי דעם גרעסטן טייל יינגע קינדער זענען די עלטערן, ווי געטער; צו גרויס צו קאָנען האָבן עגמת־נפֿש, אַזוי לאַנג ווי די עלטערן פּאַסן זיך צו לויט זייער אַרט לעבן צו די קינדערס באַגריפֿן. אויך איז שווער אויסצופֿירן ביידע זאַכן צוזאַמען, דאָס הייסט מען זאָל אייך ליבהאָבן און מורא האָבן פֿאַר אייך אין איין און דער זעלבער צייט; עלטערן וועלכע טוען זיך אָן אַ מאַיעסטעטישן מאַנטל און ווילן זיין געטער אין די אויגן פֿון זייערע קינדער, קאָנען נישט צולאָזן די פֿאַמיליאַרע איבערגעגעבנקייט, און זיי זענען נאָך גליקלעך, אויב די קינדער זייערע האסן זיי נישט. עס וואָלט געווען זיכערער און באַקוועמער צו באַשאַפֿן אַ פֿאָטער, וואָס איז אַ גרויסער פֿאָטער פֿון יעדן איינעם, אַפֿילו פֿון דעם פּאַפּאַ אַליין. און ער זאָל זיך פֿאָרשטעלן דעם קינד, ווי אַ גאָט. און ער מוז זיין אַזאַ גאָט, וואָס קינדער זאָלן זיך אים קאָנען פֿאָרשטעלן. ער טאָר נישט זיין קיין אַבסטראַקציע. אָדער אַ מין פּרינציפּ. אָדער אַלעבנס־קרעפֿטיקער אימפּולס, אַ לעבנס־קראַפֿט, אָדער אַ גאָט פֿון דער

ענגלישער קירך, וועלכער האָט נישט קיין גוף, קיין שטים, און
קיין ליידנשאַפטן. ער מוז זיין, ווי דער אמתר פּאַפּאַ, אַ דער־
וואַקסענער פּערזאָן אין זינטאָגדיקע מלבושים, וועלכער איז זייער
און זייער אַ גוטער, אַ שרעקלעך מעכטיקער און אַלץ זעט ער;
דעריבער זעט ער תּמיד וואָס די טוסט הגם קיינער זעט נישט.
און אויף אַזאַ אופן ווערט דערצויגן דאָס קינד, וואָס איז נאָך
צו יונג צו האָבן אַ גענוג אנטוויקלטן זעלבסטרעספּעקט און
פאַרשטאַנד צו באַגרייפן דעם זין פון ערנהאַפטיקייט. בקצור אַ
געוויסן ווערט געשאַפן דורך אַ קינסטלעכער צוגרייטונג און אין
אַ גרויסער מאָס אַ צוגעטראַכט געוויסן, כּדי דאָס קינד צו־
צובינדן אין זיין מינדעריעריקייט, ביז עס וועט ווערן גענוג
אַלט צו קאָנען פאַרייניקן אַן ערנסטן באַגריף מיט דער אידייע
פון גאָט.

אין די פּרעבל־שולן איז עס אַנטדעקט געוואָרן. אַלאַנגע
צייט, איידער וואָלטער האָט עס געזאָגט: „אַז אויב עס וואָלט
נישט געווען קיין גאָט, וואָלט מען אים געדאַרפט צוטראַכטן".
נאָך וואָלטערס טויט, איז די פראַנצויזישע רעגירונג אַריינגעפאַלן
אין די הענט פון פּראָפעסיאָנעלע דזשענטלייט, וואָס האָבן גע־
שטאַמט פון מיטלקלאַס און האָבן געהאַט זייער הויכע פּרינציפּן
בנוגע קיין שום מלוכה־דערפאַרונג און זיי האָבן לסוף געמאַכט
אַזאַ תּל פון דער מלוכה, אַז ווען נישט דאָס, וואָס זיי האָבן
זיך אויף אַ גליקלעכן אופן אַליין קעגנזייטיק אָפּגעשניטן די
קעפּ צוליב הויכע פּרינציפּן, וואָלט פראַנקרייך געווען רויִנירט;
דער העכסטער פּרינציפּיעלסטער פון זיי אַלע, אַ זייער בכבודי־
קער אַדוואָקאַט, מיטן נאָמען ראָבעספּיער, וועלכער האָט געפּרוווט
הערשן אָן גאָט, צוליב דעם וואָס אַ סך פון די מעשהלעך'
וואָס מען האָט דערציילט די קינדער מכּוח גאָט זענען וואַרשייַנ־
לעך נישט געווען אַבסאָלוט אמת — האָט איינגעפונען, אַז רע־
גירונגען, וואָס האָבן צו טון מיט פעלקער, קאָנען זיך פּונקט
אַזוי נישט באַגיין אָן גאָט, ווי עלטערן מיט פאַמיליעס. ער האָט
אויך דערקלערט איבערחזרנדיק וואָלטערן, אַז ווען עס וואָלט
נישט געווען קיין גאָט, וואָלט מען אים נויטיק געדאַרפט צו־

טראַכטן. פאַרבייגייענדיק, וויל איך באַמערקן, אַז ער האָט פרי־ ער געפּרווט אַ געטין, וועלכע ער האָט גערופן די געטין פון שכל; אָבער זי האָט נישט געבראַכט קיין שום נוצן, נישט דערפאַר, ווייל זי איז געווען אַ געטין (אָט האָבן די רוימישע קאַטוילישע קינדער אַ גרויסע מאַמע אָדער דער מאמעס מאַמע, וועלכע איז יעדערנס מאַמע און דורך איר איז גרינגער איינ־ צוהאַלטן די קינדער, פונקט ווי דורך א גרויסן טאַטע). נור דערפאַר, ווייל גוטע אויפפירונג ווערט נישט דיקטירט דורכן שכל נור דורך אַ הייליקן אינסטינקט, וואָס שטייט העכער פון שכל. דער שכל אַנטדעקט בלויז די קורצסטע וועגן; אָבער ער אַנטדעקט נישט די באַשטימונג פון די מזלות. עס וואָלט געווען גאַנץ שכלדיק אַרויסצוגנבענען דאָס געלט פון אייער שכנהס קעשענע, בעת איר זענט זיכער, אַז איר וואָלט געבּרענגט מער נוצן מיט דעם געלט, ווי זי, נור עפּעס וואָלט עס נישט געווען ערנהאַפטיק; ערנהאַפטיקייט איז הייליק: עס איז מעטאַפיזיק, עס איז רעליגיע, עס קאָן אַמאָל אין אַ שיינעם טאָג ווערן אַ ווּיסנשאַפטלעכע פּסיכאָלאָגיע; נור פּסיכאָלאָגיע איז נאָך דערווייל אַזוי צו זאָגן אין די וויקעלעך. און ווען זי וועט אויפוואַקסן וועט זי העכסט וואַרשיינלעך זיין צו שווער צום פאַרשטיין, נישט נור פאַר קינדער נור פאַר אַ סך דערוואַקסענע מענטשן, ווי די איבּריקע פאַרבאָרגענע ווּיסנשאַפטן.

דערווייל מוזן מיר געדענקן, אַז אונדזערע גלויבנס גייען כּסדר איבער פון די מעטאַפיזישע און לעגענדאַרישע מדרגות צו מער ווּיסנשאַפטלעכע. ווען אין כינע איז אַ ליקוי־חמה לויפן אַרויס אַלע אינטעליגענטע און ענערגישע פרויען מיט שאַר־ אייזנס, שופלעס, טאַצן און שטאַרצן און זיי קלאַפּן מיט זיי אַלע פאַראַמאָל, כּדי אָפּצושרעקן דעם טייוול, וואָס פאַרצערט די זון; און דער דערפאָלג פון דידאָזיקע מיטלען, וועלכער האָט זיך תּמיד אַרויסגעוויזן צו זיין אַן אַבסאָלוטער באַווייזט זיי, אַז דאָס איז די איינציקע זאַך, וואָס מ׳דאַרף טון. אָבער איר, וואָס איר ווייסט אַלץ מכּוח לקוי־חמהס, זעצט זיך גאַנץ קאַלט־ בלוטיק און קוקט אויף זיי דורך שטיקלעך פאַרייכערט גלאָז,

ווייל אייער גלויבן אין זיי איז אַ וויסנשאַפטלעכער און נישט קיין מעטאַפיזישער. איר טראַכט, מסתמא, אַז די פרויען, וואָס קלאַפּן מיט די פאַנען אין כינע זענען נאַראָנים; אָבער זיי זע־נען עס נישט; איר וואָלט געטון דאָס אייגענע, ווען איר וואָלט געוווינט אין אַ לאַנד, ווו די אַסטראָנאָמיע געפינט זיך נאָך אויף אַ מעטאַפיזישער מדרגה.

איר מוזט זיך אָבער אויך היטען צו באַשליסן, אַז דער־פאַר וואָס זייער אויפפירונג איז אין אייערע אויגן א שטות און איר ווייסט, אַז עס איז נישטאָ קיין דעמאָן. איז אויך נישטאָ קיין ליקוי־חמה. איר קאָנט אפשר זאָגן, אַז קיינער קאָן נישט האָבן אַזאַ טעות; אָבער איך פאַרזיכער אייך, אַז זייער אַ סך מענטשן, זעענדיק וויפיל פאַבעלן און אומגעלומפּערטע נאַרישע צערעמאָניעס מען האָט צוגעשריבן צום באַגריף פון הייליקייט, האָבן אין איילעניש באַשלאָסן, אַז עס עקזיסטירט בכלל נישט אַזאַ זאַך, ווי הייליקייט. ווען זיי זענען שוין געוואָרן צו אַלט צו גלויבן, אַז גוט איז אַן אַלטער דזשענטלמען מיט אַ ווייסער באָרד, האָבן זיי געטראַכט, אַז זיי זענען שוין פּטור פון דעם אַלעם, וואָס דער אַלטער דזשענטלמען האָט רעפּרעזענטירט אין זייערע קינדערשע מוחות; פאַרקערט, זיי זענען געקומען אַביסל נענטער צו דער אמת, מכּוח דעם אַלעם.

נו, די ענגלישע נאַציע באַשטייט פון אַ סך מיליאָנען עלטערן און קינדער און פון זיי אַלע האָבן אפשר קוים צוויי מענטשן די זעלבע באַגריפן און גלויבנס אין דער הייליקייט פון אַ גוטער אויפפירונג. אַ סך פון די עלטערן זענען נאָך אויף דער מדרגה פון קליינע קינדער אין שייכות מיט זייערע באַגריפן, מכּוח אויפפירונג. אַ סך פון די קינדער זענען שוין אויף אַ פאַרהעלטנישמעסיק וויסנשאַפטלעכע מדרגה, און די מערסטע טראַכטן בכלל נישט וועגן דעם, זיי טוען דאָס, וואָס אַלע טוען און זיי גלויבן אין דעם, וואָס זייערע שכנים זאָגן, אַז זיי גלויבן; אָבער די, וואָס אינטערעסירן זיך יאָ, אונטער־שיידן זיך זייער שטאַרק און זייער ווייט. נעמט למשל די, וואָס נעמען נישט אָן דעם ערשטן כּלל פון דער ענגלישער

קירך, און שרייבן צו צום וואָרט גאָט דעם באַגריף פֿון אַ הער־שער איבערן גאַנצן אוניווערסום מיט אַ קערפּער, אַ קול און מענטשלעכע ליידנשאַפֿטן, נור מיט אומבאַגרענעצטן וויסן און מאַכט. דאָ קאָנט איר ווייניקסטנס מיינען, אַז מיר האָבן איינשטימיקייט, אָבער ניין. עס זענען פֿאַראַן צוויי שטאַרק פֿאַר־שידענע צדדים בנוגע דעמדאָזיקן גלויבן. איינער פֿון זיי גלויבט אין אַ גאָט אַ בייזן, וואָס צווינגט אונדז זיך גוט אויפֿצופֿירן דערמיט, וואָס ער אויב מיר׳ן זיך נישט גוט אויספֿירן דראָט אונדז אַריינצוואַרפֿן אויף אייביק אין אַ שרעקלעכן גיהנום אַריין. אַנדערע גלויבן אין אַ גאָט, וואָס איז פֿיל מיט ליבשאַפֿט און זיי זאָגן גאַנץ אָפֿן, אַז ווען מען זאָל זיי קאָנען ברענגען דערצו, זיי זאָלן גלויבן אין אַ גאָט, וואָס איז פֿעיק אָנצוווענדן אַזעלכע אכזריותדיקע מיטלען ווי גיהנום, וואָלטן זיי אים גע־שפּיגן אין פּנים אַריין. אַנדערע האַלטן, אַז אויפֿפֿירונג האָט גאָרנישט צו טון מיט דעם אַלעמען און הגם עס איז דאָ אַ גהינום קאָן עס אָבער יעדערער אויסמיידן ווי זינדיק ער זאָל נישט זיין, אויב נור ער גלויבט, אַז גאָט האָט אָנגענומען זיין אכזריותדיקן טויט פֿון זיין אייגענעם זון אַלס אַ כּפּרה פֿאַר דעם מענטשנס עבֿרות. אָבער קיינער קאָן נישט אויסמיידן דאָס גיהנום, — מעג ער זיין, ווי חשובֿ און ווי אָרנטלעך — אויב ער האָט נאָר דעם מינדסטן צווייפֿל, אַז ער עקזעסטירט. אַנדערע זאָגן, אַז נישט קיין אויפֿפֿירונג און נישט קיין גלויבן דעצידירט, נאָר אַז יעדער מענטש איז געבוירן געוואָרן אין זיין מזל, אָדער אַריינצופֿאַלן אין גהינום אָדער אַריינצוגיין גלייך אין גן־עדן אַריין, ווען ער שטאַרבט און קיין שום ווערטער אָדער מעשׂים גלויבן אָדער נישט־גלויבן קאָן זיי גאָר־נישט העלפֿן. וואָלטער האָט אונדז ענגלענדער באַשריבן אַלס אַ פֿאָלק מיט דרייסיק רעליגיעס און נור איין שורש; און הגם דאָס איז געווען אַ גרויסער קאָמפּלימענט פֿאַר דער אַקטיוויטעט און פֿאַר דער אומאָפּהענגיקייט פֿון אונדזער געדאַנק, האָט ער נישט געהאַט אין זיך קיין שום האָפֿנונג, אַז מיר זאָלן ווען עס איז זיין איינשטימיק בנוגע רעליגיע. ווען מיר וואָלטן

אפילו נעקאָנט באַגרענעצן רעליגיעזע אינסטרוקציעס מיט קעגנשטאַנדן, וואָס מען האַלט, אַז זיי זענען אַריבער פון מעטאַפיזישע צו וויסנשאַפטלעכע מדרגות, וואָס די אונטערשטיצער פון וועלטלעכער בילדונג מיינען אייגנטלעך, וואָלטן מיר נאָך אַלץ נישט געווען נענטער צו קיין הסכם; מחמת נישט נור דערפאַר וואָס אונדזערע וויסנשאַפטלעכע פאַנאַטיקער האָבן פונקט אזוי פיל חלוקי־דעות, ווי די סעקטעס און קירכן און זיי פרוון באַקומען די מאַכט פון דער רעגירונג צו אַן אומברחמנותדיקער פאַרפאָלגונג, נאָר אויך דערפאַר וואָס די פרעטעציעס צו האָבן אַוואַנסירט פון מעטאַפיזיק צו וויסנשאַפט זענען אָפט נישט מער ווי אַ באַהאַלטענער צוריקגאַנג צו דער צייט פון פאַר דער מעטאַפיזישער מדרגה פון כוח, פאַרצייטישע וואָרזאָגעריי און אַפריקאַנישע „מעדיצין".

קורץ גערעדט, האָט די רעגירונג, בעת זי האָט בדעה אַרויפצוצווינגען בילדונג אויף דעם פאָלק צו טון מיט דריי מינים פאַנאַטיקער: ערשטנס מיט די, וואָס גלייבן אינם גאָט פון צאָרן און זעען אין יעדער ערד־ציטערניש, אין יעדער מגפה, יעדער מלחמה, קורץ אין יעדן אומגליק פון איינדריקלעכן אָדער שרעקלעכן פאַרנעם אַ באַווייז פון גאָטס שרעקלעכער מאַכט און אַ וואָרנונג צו די זינדיקע; צווייטנס מיט די וואָס גלייבן אין גאָט פון ליבע און וועלכער איז אין אַ קאָנפליקט מיט אַ שלעכטער קראַפט, וואָס מען רופט אַן טייוול; און דריטנס מיט די מכשפים און זייערע נאַרישע אָנהענגער, וואָס גלייבן נישט אין גאָט און נישט אינם טייוול און טענהן, אַז נאָכפאָלגנדיק דער וויסנשאַפט איז מען אבסאָלוט פריי פון מאָראַלישע געזעצן און זיי פרעטענדירן צו שאַפן וווּנדער, וואָס מען רופט די ווונדער פון דער וויסנשאַפט, מיט וועלכע זיי האַלטן די שליסלען פון לעבן און טויט אין זייערע הענט און זיי זאָגן צו צו קאָנען באַפרייען די מענטשהייט, אויב זיי וועלן נאָר האָבן די אַבסאָלוטע קאָנטראָל איבער אונדזערע גופים.

אַ סך פרויען זענען נאָך אַזוי פרימיטיוו און פערזענלעך אין רעליגיעזע פראַגן, אַז זייער ערשטער אימפולס, ווען זיי

הערן בכלל דיסקוסירן וועגן זייערע רעליגיעס, איז צו דערקלערן, אַז זייער גלויבן איז דער אייגציקער אמתער גלויבן, וועלכן יעדער איינער מוז אַנערקענען, און אַלע וואָס גלייבן אין אַנדערע רעליגיעס דאַרפן באַשטראָפט ווערן אַלס שרעקלעכע אפּיקורסים זיי באַטראַכטן נישט יעהאָווא, אַללאַ, בראַמהאַ, ווי פאַרשידענע נעמען פאַר גאָט. אויב זיי רופן זייער גאָט בראַמהאַ, באַטראַכטן זיי יעהאָוואָ און אַללאַ, ווי מיאוסע אָפּגעטער און אַלע קריסטן און מאכמאדאנער פאַר זינדיקע געצנדינער, מיט וועמען קיין שום אנשטענדיקער מענטש וואָלט נישט געהאט קיין מגע־ומשא, אויב זייער גאָט וואָלט געווען יעהאָוואַ, וואָלטן זיי באַטראַכט די מאַכמאַדאנער און אינדיער פאַר די געצנדינער. זיי שיקן ארויס מיסיאָנערן אַפּצושמדן זיי. דידאָזיקע קינדערשע איינבילדונג וואָלט רויִנירט די בריטישע אימפּעריע, אויב אונדזערע הערשער וואָלטן זיך אריינגעלאָזט אין דעם. בלויז אַן ערך 11 פּראָצענט בריטישע אונטערטאַנען זענען קריסטן; די אומגעהייערע מאַיאָריטעט רופן גאָט אַלאַ אָדער בראַמהאַ און זיי אונטערשיידן נישט יעזוסן פון א וועלכן עס איז אַנדער נביא אָדער זיי האָבן גאר קיינמאָל נישט געהערט פון אים. דעריבער אויב א פרוי ווערט א דעפּוטאַטין אין פּאַרלאמענט, דאַרף זי איבערלאָזן אַלע אירע סעקטאנטישע טיילן פון איר רעליגיע הינטער זיך און נור נעמען אין אכט דעם טייל, וואס איז אָנגענומען אומעטום צווישן אַלע סעקטן און קירכן. ווי די נעמען זאָלן נישט זיין פארשידן. ליידער איז דאָס די לעצטע זאך, וואָס אַן אויסגעווײלטע אין פּארלאמענט חלומט צו טון. זיי פּרווון אַלע, דווקא ארויפצוצווינגען זייערע לאָקאַלע מנהגים, נעמען, אינסטיטוציעס און אַפילו שפּראַכן, אויף די שול־קינדער דורך די היפּש־מאכט.

עס איז פאַראַן אַ סיבה צו דעם, וואָס זיי מאַכן דידאָזיקע אָנשטרענגונגען און פאַרענטפערן זיי, ווייל יעדער פּראָגרעס באַשטייט אין אינספּערירן די קינדער צו אַ שענער גלויבן און שאַפן נייע בעסערע אינסטיטוציעס ווי די, וואָס מיר האָבן היינט. למשל, יעדער סאָציאַליסט האַלט, אַז קאָמוניזם איז אַן איידעלע־

רע אינספּיראַציע און איז בעסער אין פּראַקטישן לעבן איידער פּריוואַט-אייגנטום און קאָנקורענץ. איר אָביעקט בעתן אַריינטרעטן אין פּאַרלאַמענט איז אַרויפצוצווינגען דעמראָזיקן גלויבן אויפן גאַנצן לאַנד. דורכצופירן, אַז מען זאָל דעמדאָזיקן גלויבן לערנען מיט די קינדער אין די שולן, אַזוי אַז זיי זאָלן אויפוואַקסן מיטן גלויבן, אַז דאָס איז אַ נאָרמאַלער העכסט וואַרשיינלעכער אמת און אויסווייכן קאַפּיטאַליזם ווי אַן אומגליקלעכע געצנדינערײַ. דערווייל געפֿונט זיך דידאָזיקע אידייע אַרומגערינגלט פֿון אַן אָפּאָזיציע פֿון שטאַטסמענער וואָס האָבן דאָ לעצטנס אויסגעגעבן אַ הונדערט מיליאָן ענגליש פֿאָלקס געלט, אונטערצושטיצן מיליטערישע אָנפֿאַלן אויף דער רוסישער רעגירונג, דערפֿאַר וואָס עס איז אַ סאָציאַליסטישע רעגירונג. בײַ אַזעלכע שטאַטסמענער האָט דאָס וואָרט סאָציאַליסט, קאָמוניסט און באָלשעוויק די אייגענע באַדײַטונג, וואָס אויסוואורף, גנב, מערדער. און ווידער פֿאַרקערט, די סאָציאַליסטן פֿאַרגלייכן די אַרבעט, וואָס ווערט עקספּלאָדירט פֿון ווירטסלייט און קאַפּיטאַליסטן, צו יעזוסן, וואָס איז אויפגעהאָנגען געוואָרן צווישן צוויי גנבים. ביידע זאָגן זיי, מיר משפּטן נישט לענגער אין נאָמען פֿון דער רעליגיע; אָבער דאָס באַדײַט בלויז, אַז זיי זאָגן זיך אָפּ אָנצורופֿן די מיינונגען, וואָס זיי פֿאַרפֿאָלגען רעליגיע, בעת צו דעם גלויבן, וואָס זיי רופֿן יאָ רעליגיע זענען זיי געוואָרן גאַנץ גלייכגילטיק. אַקעגנצושטעלן זיך אויפשטאַנדן, פּאָגראָמען און אַטאַקעס אויף אייגנטום, און פֿון דער אַנדערער זייט, ווידער, צו מאַכן אַ סוף צום באַרויבן פֿון די אָרעמעלייט אונטערצוברענגען אומפֿאַרשעמטע לײַדיקגייערײַ און אומקערן די ערד וואָס גאָט האָט באַשאַפֿן פֿאַר אונדז אַלע, פֿאַר אַלע מענטשן, זעט, דאַכט זיך, אויס אַ פּשוטע אײַנפֿירונג פֿונם מאָראַלישן געזעץ און נישט קיין פֿאַרפֿאָלגונג; דעריבער דענקען די וואָס טוען עס, אַז זיי זענען נישט קיין פֿאַרפֿאָלגער און כּדי אונדז איבערצוצייגן אין דעם ווייזן זיי אונדז אָן אויפֿן פֿאַקט, וואָס זיי דערלויבן אונדז צוגיין אין קירך אַרײַן אָדער נישט גיין, ווי מיר ווילן, צו גלויבן אָדער נישט צו גלויבן, ווי עס געפֿעלט אונדז. לאָוט אייך נישט

נאָרן פֿון די מאָדערנע פּראָפֿעסיאָנעלע טאָלערירער! פֿרויען זענען נאָך אַלץ די אייגענע, וואָס זיי זענען געווען דעמאָלט, ווען איין שוועסטער האָט געלאָזט פֿאַרברענען פּראָטעסטאַנטן און די אַנדערע פֿלעגט לאָזן פּייניקן יעזויטן מיט פּייניקונגס-מאַשין, אָדער זיי שיקן צו דער תּליה; ווען די פֿאַרטיידיקער פֿון שקלאַפֿן-אייגנטום פֿלעגן אין רוים אַוועקשטעלן קרייצן אין די גאַסן מיט די גופֿים פֿון געקרייציקטע גליאַדיאַטאָרן, שקלאַפֿן-אָנהענגער פֿונם רעוואָלוציאָנער ספּאַרטאַקוס, וועלכע זענען אויסגעשטאָרבן אויף דידאָזיקע קרייצן אין די טויזנטער; ווען דער הייליקער טאָרקוועמאַדע פֿלעגט פֿאַרברענען יעדן ייד, וואָס ער האָט נאָר געקאָנט פּאַקן מיט דער אייגענער פֿרומקייט וואָס ער פֿלעגט זאָגן זײַנע תּפֿילות.

דער חילוק צווישן דער קעגנערישער מיינונג וועגן דעם סאָציאַליזם, די יידישע מיינונג וועגן דעם קריסטנטום און פֿאַרקערט, די קריסטלעכע מיינונג וועגן יידנטום, די רוימיש-קאַטוילישע און די פּראָטעסטאַנטישע ליגט נישט אין דעם. די מאָדערנע פֿאַנאַטיקערן איז מער טאָלעראַנט אָדער ווייניקער אכזריותדיק פֿון אירע עלטערעלטער באָבעס און זיידעס, און אפֿילו נישט צוליב דער סיבה, וואָס די פּראָלעטאַריער זענען צו גרויס אין צאָל און די אייגנטימער צו שטאַרק צו קאָנען זיי פֿאַרפֿאָלגן. אויב די מיינונגס-פֿאַרשידנהייטן צווישן זיי וואָלטן געקאָנט דערליידיקט ווערן דורך דעם, וואָס יעדער פּאַרטיי זאָל אויסראָטן די אַנדערע, וואָלטן זיי ביידע געטון דאָס ערגסטע, וואָס זיי וואָלטן נאָר געקאָנט, כּדי עס צו דערליידיקן אויף אַזאַ אופֿן. די געשיכטע לאָזט אונדז נישט איבער קיין אילוזיעס פֿון גוטמוטיקייט אויף דעם געביט. זינט דער מאַסן-אויסשעכטונג, וואָס איז פֿאָרגעקומען נאָך דער אונטערדריקונג פֿון דער פּאַריזער קאָמונע אין יאָר 1871, ביז די אומגעהויערע און אַבסאָלוט אומזיסטע רדיפֿות אין די אַמעריקאַנער פֿאַראייניקטע שטאַטן נאָך דער מלחמה פֿון 1914 אויף רוסן, ווען מיידלעך זענען פֿאַרמשפּט געוואָרן אויף שרעקלעכע טערמינען תּפֿיסה פֿאַר אַ באַמערקונג, וואָס וואָלט געקאָנט אַרויסגעזאָגט ווערן פֿון אַ לערערין פֿון רע-

ליגיע... עס זענען פאַראַן איבער געגוג באַווייזן, אַז די מאַ-דערנע דייהאַרטס *) זענען נישט בעסער פון די מיטלאַלטערלע-כע פאַנאַטיקער און אויב מען וועט זיי נישט לאָזן פאַרפלייצן די וועלט אין בלוט און טאַרטור, לויטן אַלטן שטייגער, וועט עס נישט זיין צוליב דעם, וואָס מיר וואָלטן זיך זיי אפשר פאָרגע-שטעלט, אַז זיי האָבן דערגרייכט אַ געוויסן פּראָגרעס אין טאָ-לעראַנץ אָדער הומאַניטעט. הייגט צו טאָג (1927) האָט דער פאַרמעגלעכער קלאַס נישט קיין שום אַנדער פאַרשטעלונג וועגן דער רוסישער סאָוויעטן-מלוכה און אירע סימפּאַטיקער, ווי ווע-רים, וואָס מען דאַרף אומברחמנותדיק אויסראָטן; און ווען די רוסישע קאָמוניסטן און זייגע אימיטירער פונם מעריב רעדן פון די אייגנטימער און זייערע פּאָליטישע אונטערשטיצער ווי פון בורזשועו, זוכן זיי אפילו נישט צו מאַכן קיין סוד דערפון, אַז זיי באַטראַכטן זיי אַלס די שונאים פון דער מענטשלעכער ראַ-סע. דער גייסט פונם באַרימטן מאַניפעסט פון 1792 אין וועלכן דער פירשט פון בראַנזוויק האָט געמאָלדן אינם נאָמען פון אייראָ-פעישע מאָנאַרכן, אַז ער וויל אונטערברעגגען די פראַנצויזישע רעפּובליקאַנישע מלוכה, און די שטעט, וואָס זענען געווען טאָ-לעראַנט צו איר, איבערגעבן אַ מיליטערישן געריכט און דער-נאָך זיי בכלל צו רויגירן, אָט דער גייסט האָט געגוי אָפּגע-שפּיגלט אין די רעדעס פון אונדזערע אייגענע שטאַטסמענער ביים אונטערשטיצן דעם פּראָיעקט פון אַן עקספּעדיציע קעגן דער פאַרייניקונג פון די סאָוויעטן-רעפּובליקן, וועלכע האָט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געמוזט צוריקגערופן ווערן נור אַ דאַנק דעם וואָס דער ווידערווילן מצד דעם בריטישן פּראָלעטאַריאַט בנוגע דעם, איז געוואָרן אַזוי דייטלעך, אַז די צוגרייטונגען מצד די קאַפּיטאַליסטן צו דעם הייליקן צוג האָבן געמוזט גיך אָפּגע-שטעלט ווערן.

עס איז דערפאַר זייער שטאַרק נויטיק, איך זאָל אייך

*) פּאַרביסענע קאָנסערוואַטאָרן.

דערקלערן, פאַרוואָס אַן אַרבעטער־פּאַרטיי קאָן נישט איינפירן קיין סאָציאַליזם דורך אויסראָטן זייערע קעגנער און פאַרוואָס זייערע קעגנער קאָנען נישט אונטערברענגען דעם סאָציאַליזם דורך אויסראָטן די סאָציאַליסטן.

## LXXV

# רעוואָלוציעס

איך מוזט פריער גוט פארשטיין דעם חילוק צווישן רע־וואָלוציעס און סאציאלע ענדערונגען. א רעוואָלוציע גיט איבער די פּאָליטישע מאכט פון איין פארטיי צו דער אנדערער אָדער פון איין קלאַס צום אנדערן אָדער אפילו פון איין אינדיווידום צו אן אנדערן, פונקט ווי א נצחון אין דער מלחמה גיט זי איבער פון איין נאציע אָדער ראסע צו אן אנדערער. עס קאָן אויסגעפירט ווערן און עס ווערט טאקע אָפט אויסגעפירט דורך געוואלטטאַטן אָדער דורך דראָונג מיט געוואלטטאטן. פון אונדזערע צוויי רעוואָלוציעס אינם זיבצנטן יאָרהונדערט, דורך וועלכע די פּאָליטישע מאכט אין ענגלאנד איז איבערגעגאנגען פונם טראָן צום פּארלאמענט האָט די ערשטע געקאָסט א ציוויל קריג; די צווייטע איז דורך אָן בלוט־פארגיסונגען, נור דער־פאר, ווייל דער קעניג איז אנטלאָפן. און אָפּשרעקן מיט געוואלט־טאטן איז גענוג געווען דורכצופירן די רעוואלוציע פון ניינצנטן יאָר הונדערט אין 1832, דורך וועלכער די פּאָליטישע מאַכט איז אַריבער פון די גרויסע אַגריקולטורעלע גוטבאַזיצער צו די אינ־דוסטריעלע שטאָטישע אַרבעטסגעבער. די דרום־אַמעריקאַנער רע־וואָלוציע, וואָס האָבן אויסגעטוישט איין פּארטיי אָדער איין פּרע־זידענט אויף אַן אַנדערן, זענען געווען אַלגעמיינע וואלן, וואָס באַשטימען דעם רעזולטאַט דורך שיסן, אָנשטאָט וויילן.

איצט האָט דער איבערגאַנג פון פּאָליטישער מאַכט, אין וועלכן ס'איז לאַנד פון אונזערע קאַפּיטאַליסטן צו אונזער פּראָלעטאַריאַט — וואָס אָן דעם וואָלט די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע אונטערדריקט געוואָרן פון דער מלוכה אלס אַן אויפשטאַנד; און סאָציאַליסטישע געזעצגעבונג וואָלט געווען אוממעגלעך — שוין אָנגענומען א פאָרם. די פּראָלעטאַריער קאָנען אַרויסשטופּן די קאַפּיטאַליסטן פון פּאַרלאַמענט מיט אַ מערהייט פון שטימען און זיי באַהערשן, ווען עס פאַרגלוסט זיך זיי. ווען אַלע פּראָלעטאַריער זאָלן אין קאַמף צווישן דעם סאָציאַליזם און קאַפּיטאַליזם זיין פאַרן סאָציאַליזם און אַלע קאַפּיטאַליסטן פאַרן קאַפּיטאַליזם, וואָלט דער קאַפּיטאַליזם שוין לאַנג געמוזט אונטערהאַנדלען מיט אַ געוואַלטיק איבערוועגנדיקער צאָל. אָבער די פּראָלעטאַריער, וואָס לעבן פון די קאַפּיטאַליסטישע הכנסות, ווי זייערע דינער און דינסטן, זייערע קרעמער און זייערע אָנגעשטעלטע די לוקסוס-פּאַכן, זייערע אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים א. א. וו. שוין נישט דערמאָנענדיק דאָס מיליטער, וואָס זיי נעמען צוגויף. שטאַטן זיי אויס מיט אוניפאָרם און געווער און צאָלן זיי, אַז זיי זאָלן באַשיצן זייערע פאַרמעגנס (אין אַמעריקע זענען פאַראַן פּריוואַטע אַרמעען פון דעם מין) זענען נאָך מער פייערדיקע קאָנסערוואַטאָרן ווי די קאַפּיטאַליסטן אַליין, א סך פון זיי, ווי ראָבערט אָוען, וויליאַם מאָריס, שוין נישט רעדנדיק פון מיר אַליין, זענען געווען און זענען הייסע סאָציאַליסטן. די פירשטין פון וואַרוויק איז א באַוווּסטע סאָציאַליסטן; האָט איר אַלזאָ געזען א סאָציאַליסטישע פירשטין (אָדער ווייניקסטנס איר בילד) אָבער האָט איר שוין אַמאָל געזען, אַז א שניידערין, וואָס נייט פאַר א פירשטין זאָל זיין א סאָציאַליסטקע? ווען די קאַפּיטאַליסטן זאָלן זיך אָפּזאָגן פון א פּאַרלאַמענטאַרישע אַנטשיידונג קעגן זיי אין זיך נעמען צום געווער, ווי למשל טשאַרלס דער ערשטער, וואָלטן זיי אין א סך ערטער געהאַט א מאַיאָריטעט פון אַרבעטער אויף זייער זייט.

אויב אייך שאָקירט אַביסל די פאָרשטעלונג, אַז אונדזערע קאַפּיטאַליסטן וואָלטן געהאַנדלט אזוי נישט קאָנסטיטוציאָנעל, טאָ

סוט א קוק וואָס עס איז געשען אין אירלאַנד, נאָך דרייסיק יאָר פּאַרלעמענטאַרישער טעטיקייט און כּלומרשער דערליידיקונג פון דער אויטאָנאָמיער „האָם רול"-פראַגע דורך אַן אַקט פון פּאַרלאַמענט, האָט די גרינדונג פון דעם איירישן פרייען-שטאַט, נישט געקאָנט אנטשטיין אַנדערש ווי דורך שחיטות און פייער און די זיגער זענען געווען די, וואָס האָבן באַוויזן צו פאַרברענען א גרעסערע צאָל הייזער פונם קעגנערישן צד.

פּאַרלעמענטאַרישער קאָנסטיטוציאָנאַליזם האָט א ווערט ביז א געוויסער גרענעץ און די גרענעץ ליגט אויף דעם פונקט וויאַזוי די מענטשן וואָס האָבן נישט באַקומען געבויג שטימען וועלן אויפנעמען זייער דורכפאַל. אין א סך פראַגן פילן מענטשן אַזוי שטאַרק, אָדער זיי האָבן אין דעם אַזאַ געוואַלטיקן אינטערעס, דאָס הייסט זיי פאַרלאָזן זיך אויף אים אַזוי לאַנג ווי זיי דערנקען, אַז זיי וועלן דאָרט געווונען. אויב דער פּאַרלאַמענט שטימט קעגן זיי און זיי זעען א שטיקל שאַנס אויף א דערפאָלגרייכן ווידערשטאַנד שליידערן זיי אַוועק דעם פּאַרלאַמענט און קעמפן עס אויס.

אינם משך פון די דרייסיק יאָר פונם פּאַרלאַמענטאַרישן קאַמף פאַר דער אירלענדישער אויטאָנאָמיע, זענען אַלעמאָל געווען מענער פון דירעקטער האַנדלונג, וועלכע האָבן געזאָגט „עס איז נוצלאָז זיך צו ווענדן צום ענגלישן פּאַרלאַמענט, די יוניאָניסטן וועלן קיינמאָל נישט אָפּטרעטן זייער מאכט איבער אירלאַנד, סיידן זיי וועלן זיין געצוווּנגען עס צו טון; און איר וואָלט געמעגט אָנהויבן קעמפן דערפאַר פריער אדער שפּעטער" און די דאָזיקע מענער הגם מען האלט זיי פאַר לייכטזיקע אונטערצינדער, זענען גערעכט. די פראַנצויזן האָבן געמוזט אָפּשניידן די קעפּ ביידע, דעם קעניג מיט דער קעניגין, ווייל דער קעניג האָט נישט געקאָנט קאָנטראָלירן דער קעניגין, און די קעניגין האָט בשום אופן נישט געוואָלט אַקצעפּטירן קיין קאָנסטיטוציאָנעלע רעוואָלוציע זי האָט אויך נישט געוואָלט אויפהערן איבערעדן די אַנדערע אייראָפּעישע קעניגן, אַז זיי זאָלן ארויסשיקן אַרמעען קיין פראַנקרייך און אויסשלאַכטן די ליבעראַלן פאַר אירעט-

חעגן. אין ענגלאַנד האָבן מיר אָפּגעהאַקט אונזער קעניג דעם קאָפּ, דערפאַר וואָס ער האָט נישט געוואָלט אנערקענען דעם ליבעראַלן פּאַרלאַמענט און זיך באַציען ערלעך אפילו נאָכ־דעם ווי ער האָט געקעמפט און פאַרלוירן. אין שפּאַניען האָבן אָט־איצט דער קעניג און די אַרמעען צעטריבן דעם פּאַרלאַמענט און זיי הערשן דורך א מיליטערישער מאַכט אויף א באַזיס פון הייליקן רעכט. דאָס איז פּונקט דאָס אייגענע, וואָס קראָמוועל האָט געטון אין ענגלאַנד, נאָכדעם, ווי ער האָט געלאָזט אָפּ־שניידן דעם קעניג טשאַרלס דעם קאָפּ פאַר פּרוּוון טון אַזאַ זאַך. סעניאָר מוסאָליני, א סאָציאַליסט, איז באַפאַלן דעם פּאַרלאַמענט אין איטאַליען און צוזאַמען מיט זיינע אָנהענגער האָט ער גע־שאַפן ווי מ׳רופט עס א רעגירונג פון טעראָר און אָפענער גע־וואַלטטאַט.

אָט דידאָזיקע צעשיידונג מיט קאָנסטיטוציאָנאַליזם אין שפּאַנ־יען און איטאַליען איז געשען, נישט כדי אויסצוווירקן וועלכע עס איז סאָציאַלע ענדערונג, נור צוליב דעם וואָס די שפּאַנישע און איטאַליענישע מלוכות זענען געוואָרן אַזוי אומדערטרעגלעך נישט צופרידנשטעלנדיק, אַז דער בעסטער וועג צוריקצושטעלן די אָרדנונג איז נעווען, אַז געוויסע געננג־ענערגישע יחודים זאָלן נעמען די מאַכט אין זייערע הענט אַריין און גאָר פּשוט צע־ברעכן דעם קאָפּ יעדערן וואָס וועט זיך דערוועגן נישט אויפצוּ־פירן ווי געהעריק. און עס קאָן גאַנץ מעגלעך פּאַסירן, אַז אין אונדזער לאַנד זאָלן אויסגעוויילט ווערן די ריכטיקע רעפּרעזענ־טאַנטן פונם פאָלק און עס זאָלן דורכגיין א רייע פאַביאַן־געזעצן אין פּאַרלאַמענט אין שייכות מיט דער פאַרפאָלקאָמונג פונם קאָנ־סטיטוציאָנעלן סאָציאַליזם און דאָס לאָרדן־הויז זאָל עס אָראָפּ־שלינגען מיט זויערע פּנימער און דער קעניג זאָל עס באַווייליקן און אַז דעמאָלט זאָלן ערשט די קאַפּיטאַליסטן, פּונקט ווי סעניאָר מוסאָליני, באַשולדיקן דעם פּאַרלאַמענט אין מלוכה־פאַראַט אין שעדלעכקייט און פאַלשקייט און דאַן ערשט פּרוּוון מיט מאַכט נישט צו דערלאָזן, אַז די פאַביאַן־געזעצן זאָלן דורכגעפירט ווערן. וואָלט אַנטשטאַנען א ציווילער קריג און מיט די קאַפּיטאַליסטישע

כוחות, וואָלט מען געבריינגט די קאָאָפּעראַטיווע געשעפטן, און די פּראָלעטאַריער וואָלטן געבריינגט די דאָרפישע הויפּן פּונקט ווי אין אירלאַנד, א צולאָג צו די שטענדיקע טאָג-טעגלעכע מלחמה-מיטלען פון אויסראָטונגען און רציחות.

ווי מיר זעען אַלזאָ, וואָלטן זיך די קאַפּיטאַליסטן נישט אַזוי שטאַרק דערשראָקן פאַר קיין פּראָלעטאַרישע מחנות. די מלחמה וואָלט נישט געווען דאָס וואָס די אָנהענגער פון דער מאַרקסיסטישע לערע שטעלן זיך פאָר אַלס א קלאַסן-קאַמף. בשעת מיר האָבן באַטראַכט די ווירקונג פון א נישט גלייכער הכנסה-צעטיילונג האָבן מיר אויסגעפונען, אז נישט בלויז די רייכע, וועלכע לעבן אויפן חשבון פון די אָרעמע-לייט, נור אויך די דינסטן און די קרעמער, וואָס לעבן פונם געלט, וואָס די רייכע גיבן אויס האָבן זיך זייערע דינסטן און קרעמער. אין די רייכע פאָרשטעט און אין די צענטראַלע קוואַרטאַלן פון די גרויסע שטעט און איבער גאַנץ דרום-ענגלאַנד, ווו די שענ-סטע הייזער זענען צעזייעט איבער די באַקוועמסטע ערטער פון די ענגלישע באַצירקן, איז פּונקט אזוי שווער צו באַקומען אַן אַרבעטער-דעפּוטאַט, ווי אינם אָקספאָרד-אוניווערסיטעט. ווען די אומפאַרדינטע הכנסות פון די רייכע וואָלטן בטל געוואָרן, וואָלטן אַזעלכע ערטער, ווי באַרנמוט, אָדער אונטערגעגאַנגען ווי נינוה און בבל, אָדער די איינוווינער וואָלטן — ווי זיי וואָלטן זיך אויסגעדריקט—געאַרבעט פאַר אַן אַנדער קלאַס מענטשן און א סך פון זיי וואָלטן רויִנירט געוואָרן, איידער זיי וואָלטן זיך באַוויזן צו-צופּאַסן צו די נייע באַדינגונגען. צו דידאָזיקע קאָנט איר צו-רעכענען די יונגע-לייט וואָס זענען אַרבעטסלאָז און וועלן זיך שלאָגן פאַר יעדן וואָס וועט זיי גוט באַצאָלן פאַר אַן אינטערע-סאַנטן אויפרעגנדיקן צייט-פאַרטרייב, מיט די אַלע וואָס ציטערן פאַר יעדער ענדערונג, אָדער מיט די, וואָס זענען באַאיינפלוסט פון די צייטונגען און זיי באַטראַכטן סאָציאַליסטן פאַר אויסוואורפן, אָדער מיט די, וואָס זענען צו גאַריש צו פאַרשטייען אזא בוך ווי דאָס, אויב זיי וואָלטן זיך בכלל נעלאָזט איבערעדן צו ליי-ענען וואָס עס איז, א חוץ ביליקע צייטונגען; און איר וועט

גלייך זען, אז די גרענעץ וואָס זונדערט אָפּ די, וועלכע לעבן
פון רייכע קונים, פון די, וועלכע לעבן פון אָרעמע. מיט אַנדע-
רע ווערטער: וועלכער זונדערט אָפּ די, וואָס זענען פאַראינטע-
רעסירט אין דער עקזיסטענץ פון די רייכע און די וואָס זענען
פאַראינטערעסירט, אַז אַן אַנדער קלאַס מענטשן זאָלן פאַרנעמען
אָט די ערטער דורך א סאָציאַליסטישער ענדערונג, איז א גרע-
נעץ וואָס ציט זיך נישט צווישן רייכע און אָרעמע, קאַפּיטאַליסטן
און פּראָלעטאַריער, נור צווישן דעם מיטלקלאַס-פּראלעטאַריער ביז
צו די אָרעמסטע שיכטן פון פאָלק. פאַרשטייט זיך, אַז אין א
ציווילער מלחמה פאַר דער עקזיסטענץ פון קאַפּיטאַליזם, וואָלטן
די קאַפּיטאַליסטן געפונען מאַסן אונטערשטיצער צווישן אַלע
שיכטן פון דער באַפעלקערונג און דערפאַר, וואָס די פירער פון
דער לייבאָר-פאַרטיי ווייסן דאָס, זענען זיי אומגעדולדיק, לגבי
די עקסטרעמיסטן, וועלכע רעדן מכּוח אַזאַ מלחמה, אַזוי ווי עס
וואָלט גאָר בכלל געווען אַזאַ זאַך ווי א קלאַסן-מלחמה אין פלוי-
דערן נאָך שעליס פאַרפירערישן קופּלעט ווו ער זאָגט: „איר זענט
א סך און זיי זענען עטלעכע". און די קאַפּיטאַליסטן ווייסן עס
אויך, ממחת מען דערמאַנט זיי וועגן דעם ביי אַלע וואַלן צו-
ליב דער גרויסער צאָל שטימען, וואָס זיי באַקומען פון די אָרע-
מע קלאַסן. איך קאָן אייך נישט צוגעבן קיין מוט און אייך פאַר-
זיכערן, אַז ווען די לייבאָר-פאַרטיי וועט זיי פריער אָדער שפּע-
טער מנצח זיין, וואָס איז אומפאַרמיידלעך וועלן זיי אויפנעמען
דעם דורכפאַל זייערן מיט פאַרלייגטע הענט. נישט געקוקט אויף
דעם וואָס מען זאָגט אויך אַז זיי זענען נישט אַקטיוו און נישט
פעיק אויף א דירעקטער האַנדלונג. אָבער עס איז נישט קיין
חילוק אויף וואָס פאַר אַן אופן די רעגירונג זאָל נישט אריבער
מיט איר גאַנצע צענטראַל-מאַכט פון די קאַפּיטאַליסטן צו די
סאָציאַליסטישע פּראָלעטאַריער, צי דורך פרידלעכע פּאַרלאַמענטאַ-
רישע אונטערהאַנדלונגען, אָדער דורך די בלוטיקע ציווילע מלחמות
וואָס מען קאָן זיך נור פאָרשטעלן, וועלן די איבערגעבליבענע
פון דערדאָזיקער מלחמה זיך אַרומזען, אַז זיי זענען נאָך אַלץ
אויפן זעלבן ארט, ווי בשעת זיי האָבן אָנגעהויבן דעם קאַמף,

אויף וויפיל דאָס האָט א שייכות מיטן פּראַקטישן קאָמוניזם. ווען די סאָציאַליסטן זאָלן אפילו באַקומען די מאַיאָריטעט, וועט דאָס נאָך נישט זיין גענוג צו ענדערן דעם גאַנצן עקאָנאָמישן סיסטעם פונם לאַנד אויף אַזויפיל, אַז מען זאָל צוליב דעם קאָנען אויסגלייכן די הכנסות פונם לאַנד. נאָך ווייניקער וועט דאָס פאַרברענגען און צעשטערן הייזער. אומברענגען עטלעכע קעגנער פונם סאָציאַליזם און עטלעכע סעציאַליסטן וואָס וועלן דערביי אומקומען, העלפן דערגרייכן קאָמוניזם. איר קאָנט נישט ארומגיין איבערן לאַנד און פאָכן מיט א שטעקל און זאָגן: „זאָל זיין סאָציאַליזם", לכל הדעות וועט דערפון גאָרנישט ארויסקומען.

דער פאַל מיט רוסלאַנד, איז א גוטע אילוסטראַציע דערצו. נאָך דער גרויסער פּאָליטישער רעוואָלוציע פון 1917 האָבן די מאַרקסיסטישע קאָמוניסטן געהאַט אַזא קאָמפּלעטן נצחון, אַז זיי האָבן געהאַט די מעגלעכקייט צו פאָרמען א סך א שטאַרקערע רעגירונג ווי דער צאַר איז ווען עס איז געווען. נור אַזוי ווי דער צאַר האָט נישט דערלויבט צו פאָרמען קיין פּאַבּיאַן-פּאַרייען אין רוסלאַנד און דערגרייכן סאָציאַליזם דורך א געזעצלעכן סיסטעם, האָט די נייע רוסישע רעגירונג נישט געוווּסט וואָס צו טון און נאָכדעם וואָס זי האָט אויסגעפּרוּווט אַלערליי אַמאַטאָרישע עקספּערימענטן, וועלכע האָבן צו גאָרנישט דערפירט, א חוץ צו דער איינרעדעניש, אַז עס עקזיסטירט דאָרט קאָמוניזם, בעת דאָרט איז באמת גאָרנישט געווען, א חוץ א צעשטערטער קאַפּיטאַליזם און צעטיילטע ערד צווישן די פּויערים וועלכע האָבן באַלד אָנגעהויבן פאָדערן מען זאָל זיי דערלויבן פון דערדאָזיקער ערד צו מאַכן פּריוואַט-אייגנטום, האָבן זיי זיך גלייך געמוזט אַראָפּלאָזן און איבערגעבן די אינדוסטריע פון לאַנד אין די הענט פון פּריוואַטע אַרבעטסגעבער, פּונקט אַזוי ווי אונדזערע רייכע ווירטסלייט לאָזן איבער די אַרבעט פון די געשעפטן פאַר זייערע לאָקאַטאָרן. א חוץ דעם האָבן זיי דערלויבט זייערע פּויערים-פּאַרמער צו האַלטן זייערע שטיקלעך לאַנד און צו פאַרקויפן זייערע פּראָדוקטן פּונקט ווי פראַנצויזישע פּויערן-לאַנד-אייגנטימער אָדער ענגלישע פּאַרמערס טוען.

דאָס הייסט נאָך נישט אַז די רוסישע רעוואָלוציע איז געווען אַ דורכפאַל. אין רוסלאַנד הערשט היינט אַ באַשטימטער געדאַנק, אַז קאַפּיטאַל איז געמאַכט געוואָרן פאַר מענטשן און נישט מענטשן פאַרן קאַפּיטאַליזם. מען לערנט דאָרט מיט די קינדער די קריסטלעכע מאָראַל פון קאָמוניזם, אַנשטאָט די מאַמאָניסטישע מאָראַל פון קאַפּיטאַליזם. די פּאַלאַצן און די פאַרוויילונגס־ערטער פון די פּלוטאָקראַטן נוצט מען פאַר אָפּרו־פּלעצער פאַר אַרבעטער אַנשטאָט פאַר פוילנצער און אויסבּרענגער. אויף פוילע דאַמען און הערן קוקט מען דאָרט מיט אַ געזונטער פאַראַכטונג בעת די אַרבעטער־בלוזע איז ווי געהעריק אָפּגעשאַצט. דעם ווערט פון קונסט. ווייסט מען דאָרט וויאַזוי ריכטיק אָפּצושאַצן און צו האַלטן מיט אַ קולטורעלן באַוווסטזיין, וואָס ברענגט נאָך בולטער אַרויס אונדזער חרפּה, אין שייכות מיט די רויבערישע אָנפאַלן אויף כינע. ביי אונדז קאָן יעדער איינער צעברעכן די הייליקייט אַליין, וואַנדאַליזם איז ביי אונדז אַ געוויינטלעכע דערשיינונג. די גריכישע קירך איז טאָלערירט (די באָלשעוויקעס האָבן זיך צוריקגעהאַלטן פון אָפּשניידן די קעפּ פון אַרכיבישקופן ווי מיר אַ שטייגער אָפּצושניידן זייערע ליב־געזאַנגען) אָבער זיי דערלויבן נישט ווי די ענגלישע קירך אָפּצונאַרן מיט דער ביבל קליינע קינדער מיט אַן אויסרייד אַז זיי גיבן זיי רעליגיעזע אינסטרוקציעס. עס איז אויך נישט דערלויבט דאָרט צו לערנען די קינדער צו פאַרהייליקן די רייכע פאַר אַזוי צו זאָגן בעסערע מענטשן. דידאָזיקע מין לערע איז אָפיציעל נישט אַנערקענט ווי אַ מיטל אויף צו פאַרדרייען די קעפּ.

דאָס אַלץ זעט אונדז אויס צו זיין עפּעס צו גוט, אַז עס זאָל קאָנען זיין אמת. עס שטעלט אַוועק די ראַטן־מלוכה אינם סאַמע אויבן אָן פון קולטורעלער ציוויליזאַציע אויף וויפל עס האַנדלט זיך אין אַ גוטער טענדענץ. אָבער עס איז נאָך נישט קיין סאָציאַליזם. עס איז נאָך אַלץ פאַראַן גענוג אומגלייכהייט אין הכנסות, אַז ס'זאָל סוף־כל־סוף צעשטערן צוריק דאָס וואָס עס איז דערגרייכט געוואָרן. עס זענען נאָך אַלץ פאַראַן גענוג סיבות וואָס קאָנען דערנידעריקן די קאָמוניסטישע רעפּובליק צו אַזאַ

שטופּע ווי די קאַפּיטאַליסטישע רעפּובליקן פון פראַנקרייך און אַמעריקע. בקצור, הגם רוסלאַנד האָט געמאַכט איינע פון די גרעסטע אומענדערונגען אין דער פּאָליטישער מאַכט, וועלכע זע־נען דער אָביעקט פון רעוואָלוציעס און הגם דידאָזיקע ענדע־רונגען זענען דערגרייכט געוואָרן דורך איינפאַכן צוואַנג, שחיטות און טעראָר, און הגם דידאָזיקע פּאָליטישע ענדערונגען האָבן פאַרגרעסערט רוסלאַנדס זעלבסטרעספּעקט און האָבן פארביטן די מאָראַלישע שטעלונג פונם רוסישן שטאַט פון פּראָ־קאַפּיטאַליסט אויף אַנטי־קאַפּיטאַליסט — האָט עס נאָך אַלץ נישט דערגרייכט צו דעם פּראַקטישן קאָמוניזם, וויפיל מיר האָבן שוין דאָ אין ענגלאַנד און זי האָט נאָך אפילו נישט דערפירט דערצו, אַז רו־סישע שכירות זאָלן זיך קאָנען פאַרגלייכן מיט ענגלישע.

דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס קאָמוניזם קאָן זיך אַזוי צו זאָגן פאַנאַנדערשפּרייטן נור אויף אַזוי פיל, וויפיל דער קאַ־פּיטאַליזם קאָן: דאָס הייסט דורך אַנטוויקלען די עקזעסטירנדיקע עקאָנאָמישע ציוויליזאַציע, אָבער נישט דורך נעמען און פּלוצלינג אַ תל מאַכן פון איר אויפן גרויסן שטייגער. עס איז נויטיק נישט צו צעשטערן און אַ תל צו מאַכן פון דער נוצלעכער מאַטעריע־לער ירושה, וואָס מ׳האָט געירשנט פון די קאַפּיטאַליסטן, נור אַ נייער וועג ווי אַזוי זי צו פאַרוואַלטן און ווי אַזוי צו צע־טיילן די רייכטימער, וואָס דידאָזיקע ירושה פּראָדוצירט. אָבער אַזאַ אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם, וואָס זאָל זיך געפינען אין אַזאַ מצב אַז ער זאָל זיין רייף פאַר סאָציאַליזאַציע איז אין רוסלאַנד נישט געווען. די קאָמוניסטישע באָלשעוויסטישע זיגער פון 1917 האָבן נישט געהאַט קיין גוט אָרגאַניזירטע קאַפּיטאַ־ליסטישע אינדוסטריע, אויף וואָס צו בויען, זיי האָבן נעהאַט אין זייערע הענט אַן אומגעהויער גרויס אַגריקולטורעל לאַנד מיט אַ באַפעלקערונג פון אומציוויליזירטע פויערים, וואָס זענען געווען אומוויסנדיקע אַנאַלפאַבעטן, אַבערגלויביש, אַכזריותדיק און אויסגע־הונגערט; לעכצנדיק נאָך אַ שטיקל ערד. די שטעט, נישט קיין סך און וויים איינע פון דער אַנדערער, מיט זייערע רעלאַטיוו אומוויכטיקע אינדוסטריעס, וואָס זענען אָפּט געפירט געוואָרן פון

אויסלענדער, און זייערע שטאַטישע פּראָלעטאַריער, לעבנדיק פון
אַזעלכע שכירות ווי פינף שילינג און דריי פּענעס אַ וואָך — ווע-
נען געווים געווען רעוואָלוציאָנער געשטימט קעגן אַזאַ אומ-
גלייכהייט און פאַר צעטיילן די רייכטימער און די פרייע צייט;
אָבער זיי זענען געווען אַזוי ווייט פון צו זיין אָרגאַניזירט, כּדי
אָנצוהייבן סאָציאַליזם, אַז נור אין זייער אַ באַגרענעצטן זין האָט
מען געקאָנט בכלל רעדן מכּוח אָנהייבן איינצופירן אַ שטאַטישע
ציוויליזאַציע. עס זענען דאָרט נישט געווען קיין „פּאָרט סאַנ-
לייטס" און קיין „באָרנוויללס", נישט קיין פּאָרד-פאַבריקן, ווו אַר-
בעטער פאַרדינען צו ניין פונט אַ וואָך אין אַ פינף-טאָגיקער
אַרבעטס וואָך און האָבן אייגענע אויטאָמאָבילן, נישט קיין אינ-
דוסטריעלע טרוסטן פון גרויסער נאַציאָנאַלער וויכטיקייט, נישט
קיין פאָלקס-ביבליאָטעקן, נישט קיין גרויסע פאָלקס דערפּאַרט-
מענטן, אָנגעפירט פון געקליבענע און אויסגעפּרוּווטע, ציווילע
באַאַמטע. נישט קיין ריזיקע צאָל מענער, געלערנט און פעיק צו
פאַרוואַלטן מיט אינדוסטריעלער אַרבעט און מסחרים, וואָס קוקן
אויס אויף באַשעפטיקונג, נישט קיין נאַציאָנאַליזירטע און מוני-
ציפּאַלע אָנשטאַלטן מיט אַ גרויסן און קאָמפּעטענטן אָפיציעלן
פּערסאָנאַל, נישט קיין נאַציאָנאַלע פאַרזיכערונגס-קאַסעס, נישט
קיין ריזיקע פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניקטע אָרגאַניזאַציעס, וואָס
שטעלן מיט זיך פאָר מיליאָנען אַרבעטער, וועלכע האָבן די מעג-
לעכקייט אַרויסצובאַקומען סובסידיעס פון קאַפּיטאַליסטישע מלוכות
דורך דעם וואָס זיי דראָען אָפּצושטעלן דעם בּאַן-פאַרקער און אָפּ-
שטעלן דעם קוילן-צופיר, נישט קיין פופציק-יאָר צוואַנגס-שול
מיט אַ צוגאָב פון אַ פערציק-יעריקער אומאויפהערלעכער פּראָ-
פּאַגאַנדע פון פּאָליטישער וויסנשאַפט, דורך פאַביאַן-און אַנדערע
פאָרלעזער נישט קיין איבערוועלטיקנדיקע פאָרשטייערשאַפט פון אַן
אָרגאַניזירטער אינדוסטריע איבער אַן אינדיווידואַליסטישער אַג-
ריקולטור, נישט קיין אויסזיכטן אויף אַ מפּלה פונם קאַפּיטאַליזם
אונטערן דרוק פון דער מלחמה, נישט קיין טריומפירנדיקע אויס-
לייזונג פונם סאָציאַליזם, וועלכער האָט דעמאָנסטרירנדיק באַוויזן
אַז אפילו יענע פאָלקס-דעפּאַרטאַמענטן, וואָס מען האָט געהאַלטן

פאַר נישט קיין קאָמפּעטענטע, זענען נאָך אַלץ געווען אַ סך מער ווירקזאַם און פעיק איידער די קאָמערציעלע ריזיקאַנטן וואָס האָבן זיי אויסגעלאַכט. הער טראָצקי קאָן מיט רעכט זאָגן, אַז דער סוד פונם אַבסאָלוטן נצחון פון דער רוסישער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע איבער דער רוסישער קאַפּיטאַליסטישער ציוויליזאַציע איז געלעגן אין דעם, וואָס עס איז נישט געווען דאָרט קיין ווירקנדיקע קאַפּיטאַליסטישע ציוויליזאַציע, איבער וועמען צו טריומפירן און אַז דאָס רוסישע פאָלק האָט אויסגעווייכט די קאָרופּציע פון בורזשואַזע־אידייען, נישט צוליב דער באַרימטער מעטאַפיזישער לאָגיק, וועלכע מאַרקס האָט געירשנט פון דעם פילאָזאָף העגעל, נור צוליב דעם, וואָס זיי זענען נאָך דאָרט אַלץ גענוג פּרימיטיוו און נישט פעיק אויפצונעמען קיין מיטל־קלאַס־אידייען. ווען דער סאָציאַליזם וועט פאַרווירקלעכט ווערן אין ענגלאַנד, וועט ער אויפהענגען זיין רויטן פאָן אויפן שפּיץ פון אַ צוגעגרייטער שוין־אויפגעבויטער פּיראַמידע; אָבער די רוסן מוזן אָנהויבן בויען, אַזוי צו זאָגן, פונם זאַמד. מיר מוזן פריער אויפבויען דעם קאַפּיטאַליזם, איידער מיר קאָנען אים איבערמאַכן אויף סאָציאַליזם. נור דערווייל מוזן מיר לערנען, ווי אַזוי אים צו קאָנטראָלירן, אָנשטאָט מיר זאָלן דערלאָזן, אַז ער זאָל אונדז דעמאַראַליזירן, אויסהרגענען און האַלב־רוינירן, ווי מיר פלעגן אַמאָל טון, ווען מיר זענען נאָך געווען אינגאַנצן אומוויסנדיק.

אין דאָס איז טאַקע די סיבה וואָס די ראַטן האָבן צוריקגעמוזט אייבגיין אויף אַ קאָנטראָלירטן קאַפּיטאַליזם מיט בורזשואַזיע־אונטערנעמונגען, נאָכדעם ווי זיי האָבן אים אַזוי שרעקלעך פאַראורטיילט אונטערן צאַריזם, באַנוצנדיק זיך מיט די אייגענע פּ־אַזן, וואָס קאַרל מאַרקס, בעת ער האָט פאַראורטיילט אָדער בעסער געזאָגט פאַרפלוכט, דעם ענגלישן קאַפּיטאַליזם; דערפון איז נאָך נישט געדרונגען, אַז מיר וועלן מוזן טון דאָס אייגענע ווען מיר וועלן האָבן פאַרפאָלקאָמט אונדזער איבערבוי און איבערגעגעבן די פּאָליטישע מאַכט פון דעם פאַרמעגלעכן קלאַס און זייערע נאָכפאָלגער צום סאָציאַליסטישן פּראָלעטאַריאַט

אַט דעם מין קאַפּיטאַליזם, וואָס נישט נאָר די רוסישע רעגירונג טאָלערירט, נור שטיצט נאָך אונטער וואָלט געווען פאר אונדז דאָ, אפילו ביים קאַפּיטאַליזם, ווי אַ פּראָבע צוריק צו ריקן דעם זייגער. מיר וואָלטן נישט געקאָנט צוריקגיין צו איִם, ווען מיר וואָלטן אפילו געפּרוווט עס טון, סיידן מיר זאָלן צעברעכן אונדזער מאַשינעריע, איבערייסן אונדזערע אינדוסטריעלע אָרגאַניזאַציעס; פאַרברענען אַלע פּלענער און דאָקומענטן, פון וועלכע מ'וואָלט דערנאָך געקאָנט צוריק אויפבויען און אויסזען ווי אַ באַפעלקערונג פונם אַכצנטן יאָרהונדערט אנשטאַט דעם צוואַנציקסטן.

פון דעם אַלעמען דאַרפן מיר לערנען אַ מוסר-השכל, אַז נישט קיין ווילדע רעוואָלוציע און נישט קיין פרידלעכע אַקצעפּטירונג פון אַ רייע פאַרלאַמענטאַרישע רעפאָרמען וועלן נישט פון זיך אַליין שאַפן קיין סאָציאַליזם; הגם אַ פּאָליטישע רעוואָלוציע וועט אפשר זיין אַ נויטווענדיקייט, כדי צו ברעכן די מאַכט פון קעגנער פון סאָציאַליזם, אין פאַל ווען זיי וועלן זיך אָפּזאָגן צו אַקצעפּטירן די ענדערונג, אַלס אַ פאַרלאַמענטאַרישן רעפאָרם און וועלן זיך אַקעגנשטעלן אָדער דורך אַ פאַררייניקונג, וואָס מען רופט היינט צו טאָג פאַשיזם אָדער אַ comp d'etat און וועלן שטרעבן צו גרינדן אַ דיקטאַטאָרישע מאַכט פון קאַפּיטאַליסטן. ווייל סאָציאַליזם איז נישט קיין מלחמה-געשריי און נישט קיין וואַלן-טריב נאָר אַן אויסגעאַרבעטע פאָרם אין אונדזער פּראָדוקציע און דער צעטיילונג פון די רייכטימער אויף אַזאַ אופן, אַז יעדן אייגעמס הכנסה זאָל זיין גלייך. דאָס איז די סיבה, פאַרוואָס סאָציאַליסטן, וואָס פאַרשטייען, אַזוי צו זאָגן זייער ביזנעס, זענען תמיד קעגן בלוטפאַרגיסונגען; זיי זענען נישט ווייכהאַרציקער פון אַנדערע מענטשן, נור זיי ווייסן, אַז דורך בלוט-פאַרגיסונגען וועלן זיי נישט דערגרייכן דאָס, וואָס זיי ווילן און אויך, אַז פון צעשטערונג און ציווילע מלחמות, קאָן מען זיך גיכער ריכטן אַן אפּהאַלט איידער אַ דערגרייכונג. מיסטער סידניי וועבס אַ סך מאָל איבערגעחזרטע און אין טייל קוואַרטאַלן אויסגעלאַכטע פראַזע פון אומפאַרמיידלעכקייט פון

שטופנפראָגרעס איז אַ פֿאַקט נישט אָפּצולייקענען נור ליידער שליסט ער נישט איין קיין אומפֿאַרמיידלעכקייט פֿון פֿרידן. עס קאָן אויסקומען, אַז מיר זאָלן זיך דאַרפֿן שלאָגן צוליב יעדן טריט פֿון דעמדאָזיקן לאַנגזאַמען פּראָצעס. אויב מיר וועלן נישט זיין גענוג קלוג עס אויסצומיידן. מיר קאָנען האָבן אַ בעוואָפֿנטן קאַמף פֿאַר דער פּאָליטישער מאַכט, צווישן דעם פּאַראַזיטישן פּראָלעטאַריאַט און דעם סאָציאַליסטישן פּראָלעטאַריאַט, אויב די קאַפּיטאַליסטישע פֿירער פֿונם פּאַראַזיטישן פּראָלעטאַריאַט וועלן פֿאַרוואַרפֿן דעם פּאַרלאַמענט און די קאָנסטיטוציע און זיך אַרויסזאָגן פֿאַר אַן אָפּשטימונג פֿון בלוט און שווערט אַנשטאָט אַן אָפּשטימונג דורך שטימען. אָבער צום סוף פֿונם קאַמף, וועלן מיר אַלע זיין אָרעמער. נישט קלוגער און אַ סך פֿון אונדז טויטער. אויב די סאָציאַליסטן וועלן געווינען, וועט אפשר דער וועג צו סאָציאַליזם זיין אָפּגעריינקט; אָבער דער טראָטואַר וועט זיין צעבראָכן און דער ציל-פּונקט אַזוי ווייט פֿון אונדז, ווי ער איז פֿריער געווען.

ביי אַלע ביז איצטיקע געשעענישן גיבן אונדז אַ גוטן ביי־שפּיל דערפֿון. אַ מאָנאַרכיע קאָן אַ מאָל איבערגעבויט ווערן אויף אַ רעפּובליק אָדער אַן אָליגאַרכיע אויף אַ דעמאָקראַטיע אָדער עס קאָן זיין, אַז איין אָליגאַרכיע זאָל זיך אַרויפֿזעצן אויף דער אַנדערער, אויב די, וועלכע ווילן איינפֿירן עפּעס אַן ענדערונג, קאָנען אויסהרגענען גענוג מענטשן פֿון דעם קעגנערישן צד, כּדי איבערצושרעקן די איבעריקע און זיי פֿאַרמאַכן די מיילער; און ווען די ענדערונג איז שוין געמאַכט קאָנט איר האָבן פֿאַר־טייען, וואָס שלאָגן זיך צוליב אַ הויכן פּאָסטן אָדער צוליב כּבֿוד און מאַכט ביז עס זאָל זיין ווי אין דרום-אַמעריקע, אינם ניינ־צעטן יאָרהונדערט, ווען רעוואָלוציעס און געוואַלטטאָטן זענען געוואָרן אַזאַ געוויינטלעכע זאַך, אַז אַנדערע לענדער האָבן זיי שוין גאָרנישט געשענקט קיין שום אויפֿמערקזאַמקייט. אָבער קיין שום געשלעגן אָדער אפֿילו די מוראדיקסטע שחיטות קאָנען נישט ענדערן דאָס צעטיילן פֿון די רייכטימער אָדער אויסבעסערן די מיטלען ווי אַזוי צו שאַפֿן רייכטימער. דאָס וואָס מען האָט בעת

דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע אָפּגעהאַקט אויף דער גילאָטינע פיר טויזנט מענטשן די קעפּ אין משך פון אַכצן חדשים, האָט געווירקט, אַז די מענטשן זאָלן זיין אָרעמער נאָך ווי פריער און ווען דער פּראָקוראָר, וועלכער האָט געשיקט די גרעסטע טייל פון די פיר טויזנט אויף דער גילאָטינע איז אַליין אַהינגעשיקט געוואָרן און די מענטשן האָבן אים געשאָלטן בעת ער איז געגאַנגען צו דער עקזעקוציע, האָט ער געזאָגט: „צי וועט דען מאָרגן אייער ברויט זיין ביליקער, אידיאָטן וואָס איז זענט" דאָס האָט נישט געמאַכט קיין שום איינדרוק אויף די קאַפּיטאַליסטן, וואָס האָבן אַרויסגערופן די פראַנצויזישע רעוואָלוציע און זיי האָבן אפילו נישט בדעה געהאַט צו מאַכן ביליקער דאָס ברויט פון די אָרעמע מענטשן; זיי האָבן געוואָלט, אַז די רעגירונג פונם קעניג מיט זיינע נאָבעלייט זאָל אַריבער צום מיטלקלאַס. אָבער ווען זיי וואָלטן געווען סאָציאַליסטן וואָס שטרעבן צו מאַכן אַלצדינג ביליקער, אַ חוץ מענטשלעכע לעבנס, וואָלטן זיי געמוזט מודה זיין, אַז בירגער פּאָקיער טינוויל, איז גערעכט געווען בעת ער האָט געזאָגט אָט די ווערטער. און ווען ווילהעלם פּיט און די אייראָפּעישע מאָנאַרכן וואָלטן זיך נישט אַריינגעמישט אין דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע וואָלט עס געווען דורכגעגאַנגען אַזוי פרידלעך און פּאַרלאַמענטאַריש, ווי אונדזער רעוואָלוציאָנערער רעפאָרמיסטישער געזעץ-פּראָיעקט פון 1832, און וואָלט געהאַט פּונקט אַזאַ ווערט ווי מ'זאָל צוגיסן נאָך פּאַר אַ פּעני מילך אין אַ גרויסער שיסל.

שטענדיק, ווען אונדזערע שטאָטישע פּראָלעטאַריער פּאַרן „דאָיל"*) לאָמיר זאָגן 1885, זענען געטריבן געוואָרן צוליב אַרבעטלאָזיקייט צו דראָען די גבירישע הייזער מיט אונטערצינדן, האָבן די סאָציאַליסטן געזאָגט:

„ניין, אויב איר זענט געניגט נאַריש צו מיינען, אַז מיט דעם וואָס איר וועט פּאַרברענגען הייזער וועט מען מאַכן אַ סוף

*) שטיצע פּאַר אַרבעטסלאָזע.

צו אַרבעטסלאָזיקייט, טאָ האָט ווייניקסטנס גענוג פֿאַרשטאַנד צו פֿאַרברענגען בעסער אייערע אייגענע הייזער וואָס טויגן, צום גרעסטן טייל נישט פֿאַר מענטשן, צו וווינען אין זיי. די הייזער פֿון די רייכע זענען גוטע הייזער. מיר האָבן נור צו ווייניק אַזעלכע הייזער."

דער קאַפּיטאַליזם האָט נישט בלויז געשאַפֿן די אָרעמע, שמוציקע געגנטן, נור אויך געגנטן פֿון פּרעכטיקע ווילעס, נישט בלויז קליינע, ענגע ווערקשטאַטן, נור ערשטקלאַסיקע פֿאַבריקן, האַפֿנס צו בויען שיפֿן, דאַמפֿשיפֿן, דראָטלאָזן טעלעגראַף צום נוצן נישט נור נאַציאָנאַל נור אויך אינטערנאַציאָנאַל. דער קאַפּיטאַל האָט אויך פּראָדוצירט אַ גרויסן טייל קאָמוניזם, אָן וועלכע זיי וואָלטן זיך נישט געקאָנט באַגיין קיין איין טאָג (עס איז נישט נויטיק איך זאָל איבערחזרן די אַלע ביישפּילן, וואָס מיר האָבן שוין פֿריער געגעבן: די גאַסן, די בריקן א. א. וו.) וועלכער סאָציאַליסט, אויב ער איז נור ביים פֿולן פֿאַרשטאַנד, וואָלט דאָס געבעטן אויף אַ ציווילער מלחמה, וואָס זאָל צעשטערן אַלץ אָדער אַפֿילו אַ טייל פֿון דעם און עס זאָל בלייבן בלויז זיין פּאַרטיי, וועלכע זאָל ירשענען נישט מער ווי שוואַרצע רוינען מיט אַן אויסזען פֿון אייטערנדיקע בית־עולמס — אַפֿילו ווען דידאָזיקע פּאַרטיי וועט שוין האָבן דערפֿאָלג? קאַפּיטאַליזם האָט דערפֿירט צום סאָציאַליזם דורך דעם, וואָס זי בייט אויס די אינדוסטריעס פֿון לאַנד פֿון קליינינקע אונטערנעמונגען אָנגעפֿירט פֿון קליינינקע אייגנטימער אויף ריזן־גרויסע טראַסטן, אָנגעפֿירט פֿון אָנגעשטעלטע פּראָלעטאַריער, וואָס גיבן אַכטונג אויף גאַנצע אַרמעען אַרבעטער, וועלכע אָפּערירן מיט מיליאָנען־קאַפּיטאַל אויף ריזיקע שטיקער לאַנד — בקיצור קאַפּיטאַליזם שטרעבט תּמיד צו אַנטוויקלען אינדוסטריעס ביז זיי נעמען אָן אַ כאַראַקטער פֿון פֿאָלקס-אינטערעסן און זיי זענען רייף איבערצוגיין אין די הענט פֿונם פֿאָלק. צעשטערן דאָס, וואָלט געהייסן צעברעכן די לאָזונגען פֿונם סאָציאַליזם. אַפֿילו די אייגנטימער, וועלכע דענקן, אַז אַזאַ איבערגאַנג וואָלט געווען אַ רויבעריי קאָנען זיך ווייניקסטנס טרייסטן, אַז דער גנב צעשטערט נישט דאָס פֿאַר-

מעגן פון דעם. וואָס ער באַרויבט, מחמת ער האָט פונקט אַזוי־פיל אינטערעס אין דעם, ווי דער, פון וועמען ער וויל עס אַוועקנעמען. וואָס שייך פּאַרוואַלטערס, וועט דער סאָציאַליזם דאַרפן האָבן אַ סך, מער ווי עס זענען איצט פאַראַן. און ער וועט זיי געבן מער געזיכערטע פּאָסטנס און אַ פיינערע שטעלונג אין דער געזעלשאַפט, ווי דער גרעסטער טייל פון זיי קאָן ווען עס איז האָפן צו באַקומען אונטערן קאַפּיטאַליזם.

איצט, גלויב איך, איז שוין גאָר קיין פראַגע נישט צי דאָס אומקערן זיך פון אַן אַנטשיידנדיקע מאַיאָריטעט סאָציאַליסטן אין פּאַרלאַמענט אַריין וועט אַדורך אָן אַ ווירקונג אויף די נישט־קאָנסטיטוציאָנעלע געוואַלטטאַטן פון די קאַפּיטאַליסטן און זייערע אונטערשטיצער. די דאָזיקע פראַגע, צי עס וועט מאַכן די געווונטשטע ווירקונג אָדער נישט, קאָן זיין פון געהאַלטיקער וויכטיקייט פאַר די אומגליקלעכע וואָס וועלן אפשר פאַרלירן זייער אייגנטום — אָדער זייערע לעבנס אינם קאַמף, אויב עס וועט קומען דערצו. אָבער ווען די שיסערייען, די הריגות און דאָס אונטערצינדן וועט שוין זיין פאַרביי, וועלן די איבערגעבליבענע מוזן באַשטימען אַ וואָסער עס איז פאָרם פון אַ פעסטער רעגירונג. און די חורבה וועט אפשר מוזן אָפּגערייניקט ווערן פון אַ דיקטאַטור, ווי אַמאָל נאַפּאָלעאָן דער דריטער, קעניג אלפאָנס, קראָמוועל, נאַפּאָלעאָן, מוסאָליני אָדער לענין; אָבער דיקטאַטאָרישע שטאַרקע מענער שטאַרבן באַלד אָפּ אָדער זיי פאַרלירן די קראַפט. און קעניגן, גענעראַלן, און פּראָלעטאַרישע דיקטאַטאָרן געפינען דעסגלייכן באַלד אויס, אַז זיי קאָנען נישט לאַנג פירן אָן ראַטן־פּאַרוואַלטונגען אָדער פּאַרלאַמענטן פון אַ וואָסער מין עס זאָל נישט זיין און אפילו זיי וועלן נישט קאָנען אַרבעטן, סיידן סיי וועלן זיין פאַרטרעטן פון פאָלק; ווייל ווען די באַפעלקערונג מאַכט יד־אחת מיט דער פּאָליציי, מוז די שטאַרקסטע מלוכה צוזאַמענברעכן, ווי די ענגלישע מלוכה אין אירלאַנד אַ שטייגער. סוף־כל־סוף מוזט איר צוריק האָבן אייער פּאַרלאַמענט און אייער שטענדיקע פעסטע קאָנסטיטוציע; און די אויפשטאַנדן און די רעוואָלוציעס, מיט אַלע זייערע בלוט־

בעדער, שרפות און הריגות פון פאַרמשפּטע צום טויט קאָן מען אויסמעקן פונם סדר-היום אויף וויפיל עס האָט אַ שייכות מיט פּאָזיטיוו-קאָנסטרוקציאָנעלער אַרבעט. מיר קאָנען אַלזאָ איגנאָרירן אַלע מלחמות, וואָס ווען יאָ אָדער נישט אַנטשטיין און זיך ווייטער נעמען באַטראַכטן, וואָס קאָן ווערן פון דער איצטיקער לייבאָר-פּאַרטיי, אויב דער איצטיקער קאָנסטיטוציאָנעלער וווקס וועט פאָרטגעזעצט און באַפעסטיקט ווערן דורך אַ דערגרייכונג פון אַן אַנטשיידענער סאָציאַליסטישער מאַיאָריטעט אין פּאַרלאַמענט וועלכע וועט איבערגעמען די רעגירונג נישט ווי אין 24־1923 ווען די צוויי קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען האָבן זי לפנים צוגעלאָזט און כסדר געהאַט זייערווירקנדיקע קאָנטראָל איבער איר, נאָר זי וועט מיט דער פולער מאַכט געמען דורכצופירן אַ פּראָלעטאַרישן פּראָגראַם, און מאַכן סאָציאַליזם פאַר דער עטאַבּלירטער קאָנסטיטוציאָנעלער אָרדנונג אין בריטאַניען.

## LXXVI

## די ענדערונג מוז קומען דורכן פאַרלאַמענט

לאָמיר זיך אַלזאָ פאָרשטעלן, אַז מיר האָבן רעזיגנירט, וואָס מיר וועלן מוזן פריער אָדער שפּעטער, און זיך אונטערגעגעבן אַ פאַרלאַמענטאַרישער אויסגלייכונג אין דער מחלוקה צווישן די קאַפּיטאַליסטן און די סאָציאַליסטן. הערט: איך קאָן עס נישט טון, סיי פרויען, סיי מענער, נישט קיין חילוק, וואָס זיי זענען — זאָגן אייך צו און זיי גיבן אייך אַן ערלעכע פאַרזיכערונג, אַז אַזוי וועט עס זיין און דערצו אָן די אַלע געוויינטלעכע טייוואָלאָנישע שטיקלעך. אַלע מעגלעך פאַלשע און געמיינע וועגן קאָנען אויסגעפּרוווט ווערן אַזוי לאַנג, ווי מיר האָבן נישט זייערע פאָלגן, אַזוי לאַנג ווי מען קאָן זיין אָן אויפרופן בעת אַן אַלגעמיינעם שטרייק, וואָס איז אַ פאָרם פון נאַציאָנאַלן זעלבסטמאָרד, קעגן וואָס יעדער מיושבדיקער מענטש וואָלט געוויס גרייט געווען זיך אַקעגן צושטעלן מיט אַלע כוחות, ווען מען זאָל זיך אפילו דאַרפן באַנוצן מיט שאַרפע מיטלען, קאָן ברענגען דערצו, אַז די רעגירונג זאָל פּראָקלאַמירן קריגס־צושטאַנד, נישט קיין חילוק צו אַן אַרבעטער אָדער אַ קאַפּיטאַליסטישע רעגירונג, און די פאָלגן וועלן זיין, פאַרשטייט זיך, אַ מאַסן־שחיטה טעראָריסטישע אָנפאַלן אויף שטעט (ווי ס'איז געווען אין דובלין), פאַרברענען און צעררויבן די דערפער, שיסן אויף דער פּאָליציי, ווי אויף מונדירטע שונאים פונם פאָלק. אין אַ פאַרצערג־

דיקע פיבערהאַפטע צייט איז פאַר די וואָס האַסן, האָבן ליב צו שלאָגן און הרגענען אַ וואונדערלעכער ספאָרט, וואָס צוליב דעם לוינט זיך צו לעבן און אפילו צו שטאַרבן. און ווען דאָס מאָדערנע מאַשינען־געווער, באָמבע־וואַרפנדיקע עראָפּלאַנען, און די גאַז־פאַרגיפטיקטע קוילן וועלן אָנעמען אַזאַ פאָרם, אַז מען וועט זיך נישט קאָנען מער אַקעגנשטעלן די מיליטערישע אָנפאַלן, אָדער ווען מען וועט שוין האָבן אַריינגעשאָסן אין די שטרייקער געגוג שכל, כדי צו זען, אַז אַ בלאָקאַדע און אַ בויקאָט זענען נישט קיין גוטע טאַקטיק פאַרן פראָדוקטיוון פּראָלעטאַריאַט, ווייל זיי אַליין זענען תמיד די ערשטע קרבנות דערפון — קאָנען זיי נאָך חוץ דעם געפונען דעם פאַרלאַמענט אַזוי צעשפליטערט אויף שטרייטנדיקע גרופן, אַז זיי זאָלן נישט האָבן די מעגלעכקייט צו פונקציאָנירן און אַזוי אַרום צווינגען די נאַציע אַרונטערצופאַלן אונטער אַ דיקטאַטור. דער דיקטאַטאָר קאָן זיין אַ צווייטער ביסמאַרק, וואָס זאָל הערשן אינם נאָמען פון אַ ראָיאַלער פערזענלעכקייט, אָדער אַ מעכטיקער אינדיווידיום זאָל זיך אויפהויבן פון די מאַסן, ווי מאַכמעד, בריגאַם יונג, אָדער סעניאָר מוסאָליני אָדער אַ גענעראַל, ווי צעזאַר, נאַפּאָלעאָן אָדער פרימאַ די ריוועראַ.

אין משך פון אזעלכע סאָציאַלע קאָנוווּלסיעס קאָן איך און איר, פונקט ווי יעדער אנדערער שוין זיין באַליידיקט, געשאָסן אָדער ארויסגעטריבן פון הויז און היים און די הייזער פארברענט אָדער פארגיפטעט מיט גאַז אָדער פינאַנסיעל רוינירט. מיר מוזן זיך אונטערגעבן אזעלכע עפּידעמיעס פון מענטשלעכער קאַמפגיריקייט און עגאָיזם, פונקט ווי מיר מוזן זיך אונטערגעבן עפּידעמיעס פון מאַזלען. מאָזלען זענען אָבער פאָרט נישט אזוי שרעקלעך, ווייל מיר האָבן קיינמאָל גאָרנישט געטון בכדי זיי צו דערהאַלטן, בעת מיר האָבן אָן שום אָפּהאַלט געלערנט אונדזערע קינדער צו פארערן קאַמפּלוסטיקייט און אנערקענען דעם העכערן קלאַס מיט זייערע ראַנגען און האַלטן די אָרעמע־לייט דערנידעריקט כדי ארויפצוקוקן צו די רייכע. דאָס איז גורם אזא

קראַנקהאַפטן צושטאַנד אין דער פאָלקס־מאָראַל, אַז דאָס שאַפט אומפאַרמיידלעכע פעריאָדישע אויסברוכן פון געוואַלטטאַט און קלאַסן־האַס.

און פריער אָדער שפּעטער וועלן אָט די אומברחמנותדיקע שונאים פאַרניכטן איינער דעם אַנדערן פונקט ווי די ווילדע קעץ, מחמת נאָכדעם, ווי די שטאַרקע פּאַרטיי האָט אומגעבראַכט אַלע אַנדערע פּאַרטייען ברענגט זי זיך אַליין אויך אונטער. די דיקטאַטאָרן שטאַרבן אויס אַזוי־ווי קראָמוועל למשל, אָדער זיי ווערן אַלט און מ'שיקט זיי אין מיסטקאַסטן אַריין און זייער אָרט פאַרנעמען יונגע, אַמביציעזע מאָנאַרכן, ווי ביסמאַרק אַ שטייגער און די דיקטאַטאָרן פּונקט ווי די אַמביציעזע מאָנאַרכן געפינען איין, אַז אויטאָקראַטיע איז היינטיקע צייטן נישט קיין פּראַקטישע פאָרם פון הערשן, סיידן ביי קליינע שבטים, ווי בריגהאַם יונגס לעצטע „סאַינטס” און אפילו דאָרט נישט אַזוי אינגאַנצן.

די נאָענטסטע פאָרם פון אויטאָקראַטישער הערשאַפט, וואָס קאָן זיך נאָך האַלטן איז די פּרעזידענטשאַפט פון די אַמעריקאַנער פאַרייניקטע שטאַטן. און אפילו ער, דער אויטאָקראַט פון פיר־יאָריקער הערשאַפט מוז אַרבעטן מיט אַ מיניסטאָרן־קאַבינעט, האָבן צו טון מיט אַ קאָנגרעס און אַ סענאַט און אָפּוואַרטן דעם רעזולטאַט פון וואַלן. סוף־כל־סוף מוזן מיר אַלע אָננעמען אָט דעם פּאַרלאַמענטאַרישן פּרצוף. אַ יעדער אידיאָט האַלט זיך פאַר אַ געבוירענעם הערשער איבער מענטשן; יעדער סנאָב האַלט, אַז דעם פאָלקס־מענטש מוז מען זען כסדר צו האַלטן אויף זיין איציקן שטאַפּל, אָדער דערשיסן אים אויב עס ווערט נויטיק, כדי צו האַלטן די געזעלשאַפט; יעדער פּראָלעטאַריער, וואָס פילט די באַליידיקונג פון זיין איציקן מצב, וואָלט געוואָלט טון עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל געבן צו פילן זיין מאַכט שטאַרקער, ווי דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם. און ווען זיי האָבן שוין אַלע אָפּגעטון דאָס ערגסטע וואָס זיי האָבן נור געקאָנט, מוז מען דאָך באַגראָבן די טויטע וואָס זיי האָבן דערשלאָגן און מען מוז צוריק אויפבויען די הייזער וואָס זיי האָבן פאַרברענט און אַ הונדערט

אנדערע חורבות וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזט מוז אָפּגערייניקט ווערן דורך פרויען און מענער, וועלכע האָבן גענוג פארשטאַנד צו באראַטן זיך איינער מיטן אנדערן און זען עס זאָל נישט קומען צו קיין געשלעגן, און וועלכע האָבן גענוג האַנדלס-פעיקייטן צו אָרגאַניזירן די אַרבעט פון די געמיינדעס. און דידאָזיקע קלוגע זענען אפשר נישט תמיד געווען אזוי קלוג: א טייל פון זיי האָבן אפשר א שטארקן אנטייל גענומען אין די אומגליקן אויף דער וועלט, איידער זיי זענען געקומען צום שכל דורך ביטערע דערפארונגען, אָדער שרעקלעכע בילדער, רעזולטאַטן פון דער אַנאַרכיע. און צווישן די נאַטירלעך פארשטענדיקע מענטשן און די וואָס זענען ערשט געקומען צום שכל נאָך א סך טרויעריקע דערפארונגען וועט סוף-כל-סוף מוזן עקזיסטירן א וואָסער עס איז פּאַרלאַמענט, וואָס זאָל אָנפירן די ענינים פון דער נאַציע, סיידן די ציוויליזאַציע איז אויף אַן אמת אזוי צעבראָכן געוואָרן צוליב די פּאַרלאַמענטאַרישע מחלוקתן, אַז עס איז נישטאָ מער קיין נאַציע וועגן וועלכער עס זאָל זיך לוינען צו טראכטן אפילו און דאַן במילא אויך נישט קיין נאַציאָנאַלע ענינים דורכצופירן; אזעלכע זאכן זענען אָפּט געשען.

אָבער ווי עס זאָל נישט זיין, לאָמיר זיך דערווייל ארויסשלאָגן אָט די אלע אומאָנגענעמע מעגלעכקייטן פון אונדזערע קעפּ און באטראכטן, וויאזוי סאָציאַליזם וואָלט זיך געקאָנט אנטוויקלען אין א פּאַרלאַמענט, וואָס זאָל געהאַלטן ווערן אין א גוטן צושטאַנד, ווו די ארבעט זאָל צוגיין גלאטיק און מיט א סדר געבילדעט פון צוויי הויפּט-פּאַרטייען, וואָס קאָנקורירן צווישן זיך צו באקומען די מאכט און הערשאַפט: איינע וואָס שטעלט זיך אַנטקעגן יעדן פּראָגרעס ווען זי באקומט די מאַכט און די אַנדערע, וואָס באמיט זיך אים צו פארגרעסערן, נור זייענדיק געצוווּנגען צו באקומען א וואָסער עס איז קאָנטראָל איבער דעם לויפנדיקן קאַפּיטאַליסטישן אויטאָמאָביל מוזן זיי ביידע אָננעמען אַזעלכע שריט, וואָס זיי האָבן פריער בעת זיי זענען געווען אין דער אָפּאָזיציע, שטארק פּאראורטיילט און סוף-כל-סוף באשטייערן זיי זיך ביידע גלייך צום אויפבויען פון די נאַציאָנאַלע הכנסות

און איינפירן נאַציאָנאַליזאַציע, אנשטאט פּריוואט־אייגנטום אין לאַנד אין שייכות מיט דער אינדוסטריעלע אָרגאַניזאַציע.

שרעקט אייך נישט, מיינט נישט אז איך גיי אייך אָנוואַרפן אַ קאָמפּלעטן פּראָגראַם. ווען איך וואָלט אים אפילו געקאָנט פאָרויסזען האָב איך נאָך אויך גענוג שכל, נישט אויסצומאַטערן אייך אַזויפיל. אַלץ וואָס איך האָב בדעה איז צו געבן אייך אַ באַגריף פון די געזעצן וואָס מען וואָלט געקאָנט איינפירן און וואָס פאר א מין אָפּאָזיציע עס וואָלט דערוועקט; אַזוי, אז דאָס וועט אייך אפשר העלפן צו באַשליסן, פאר וועלכער פּאַרטיי איר זאלט שטימען בעת די וואַלן אָדער אויב איר טרעט אַריין אין פּאַרלאַמענט און איר באַקומט דאָרט אַן אָרט צווישן אַ לאָקאַלער אָדער צענטראַלער קערפּערשאַפט, וואָס רופט אייך צו אַקטיווע אַרבעט. איר מוזט פארשטיין, אז איך האָב נישט קיין שום כּוונות צו מאַכן פון אייך אַ גוטע פּאַרטיי־פרוי, איך באַמי זיך גיכער אייך צו באַקומען פאר אַ צוגאָב צו דעם מין ווייַלער וואָס געהערן נישט צו קיין שום פּאַרטיי און זיי האָבן די ברירה צו ווייַלן היינט פאר דער פּאַרטיי און מאָרגן פאר דער קעגנערישער. אויב איר מיינט, אז דער באַלאַנס פון נעווונטן מענטשן־פארשטאנד און פּראַקטישע פעיִקייטן האָט זיך געביטן (מעגלעך צוליב דעם וואָס די פירער זענען עלטער געוואָרן) אָדער אז איר האָט ביי די פריערדיקע וואַלן געמאַכט אַ פאַלשן שריט בעת מען האָט געמאַכט געוויסע פאָרשלאַגן פון אַ ברייטן פארנעם און גרויסער וויכטיקייט. איבערגעגעבענע פּאַרטיי־מענטשן האַלטן אַזאַ פרייקייט פאר נישט לאָיאַל, אַ חוץ דאַן ווען עס האַנדלט זיך מכּוח דער טובה פון פאָלק. נור אַלנפאַלס, אויב איר דענקט צו שטימען פאר איין פּאַרטיי ביי אַלע אימשטענדן, ווי מ'זאָגט, עס פאַרוואָס זאָלט איר זיך נישט צוזאַמענרעדן מיט עמיצן, וואָס האָט באַשלאָסן צו טון דאָס אייגענע, לגבי דער קעגנערישער פּאַרטיי? דאַן קאָנט איר, ווי זיי דריקן זיך אויס אין פּאַרלאַמענט, זיך פאַרייניקן מיט איר דאָס הייסט איר קאָנט זיך אָפּשמועסן בכלל קיינמאָל נישט צו געבן אייער שטים, וואָס וועט האָבן די אייגענע ווירקונג ווי איר וואָלט געשטימט אין צוויי אָפּאָזיציאָנעלע

ריכטונגען, דאַן וועט אירביידע קיינמאָל מער נישט האָבן קיין
צול פון געבן שטימען.
מיר שטימען איין — לאָמיר זאָגן — זײַן דעם אַז פּראַק-
טישער סאָציאַליזם מוז זיך אָנהויבן דערמיט, וואָס די מלוכה
וועט נאַציאָנאַליזירן אונדזערע אינדוסטריעס, איינע נאָך דער אַנ-
דערער און געבן די קאָמפּענסאַציע די, פון וועמען זי וועט
לויט דער ריי אַוועקנעמען דאָס אייגנטום נאָך אַן ערנסטער
צוגרייטונג דאָס הייסט נאָך דעם, ווי זי וועט צוזאַמענשטעלן
א קערפּערשאַפט פון ציווילע באַאַמטע פאַר דער אַדמיניסטראַציע
וואָס וועט באַשטיין על-פּי-רוב פון די געוועזענע באַאַמטע מיט
דעם אונטערשיד וואָס איצט וועט די רעגירונג האָבן די קאָנ-
טראָל און זי וועט פינאַנסיעל פאַרזאָרגן די רעגירונגס-אַנשטאַלטן
וואָס דאַרפן געפירט ווערן פון מענטשן, וועלכע זאָלן זײַן א סך
פעיקער פונם דורכשניטלעכן באַאַמטן און בעסער צוגעגרייט, מיט
מער דרך-ארץ פאַר זיך און פאַרן פאָלק, אָבער נישט פאַר די
קאָמערציעלע פּראָפיטירטער און פינאַנציעלע אַזאַרט-שפּילער אויף
וועמעס גנאָד מיר זענען אָנגעוויזן צו פאַרדינען אויף חיונה.
דידאָזיקע צוגרייטונג און דאָס נאַציאָנאַליזירן גופא וועלן
מעגלעך זײַן דאַן ווען די וויילער וועלן האָבן ווייניקסטנס
אַן אויבערפלעכלעכן באַגריף פון אַלץ וואָס די רעגירונג טוט און
וועלן געבן זייער צושטימונג. מעגלעך, אַז זיי וועלן אפשר
אינגאַנצן נישט פאַרשטיין סאָציאַליזם, אָבער זיי וועלן פאַרשטיין
וואָס עס מיינט נאַציאָנאַליזירן די קוילן-מינעס אויף אַזויפיל, אַז
זיי וועלן שטימען דערפאַר און אַזויאַרום העלפן דורכפירן, אויב
נישט צוליב דעם, אַז קוילן זאָלן ביליקער ווערן. און דאָס איי-
גענע איז מיט די באַנען און מיטן אַלגעמיינעם טראַנספּאָרט-פאַר-
קער: דער גרעסטער קאָנסערוואַטאָר מיט די שטאַרקסטע פאַר-
אורטיילן קאָן פונדעסטוועגן שטימען דערפאַר, אַז מען זאָל זיי
נאַציאָנאַליזירן, פשוט צוליב דעם, וואָס ער וועט קאָנען פאָרן
פאַר ווייניקער געלט, און צוליב די קלענערע קאָסטן פון פראַכטן
פאַר אינלענדישע פּראָדוקטן. עטלעכע אַזעלכע גרויסע נאַציאָנאַ-
ליזאַציעס דורך דער ווירקונג פון אַזאַ מין פּאָפּולערער אונטער-

שטיצונג, וואָלטן גורם געווען אַז, נאַציאָנאַליזאַציע זאָל ווערן אַזאַ נאָרמאַלער טייל פון אונדזער סאָציאַלער פּאָליטיק, ווי עס זענען היינט צו טאָג פּענסיעס פאַר אַלטע לייט, הגם עס דאַכט זיך, אַז דאָס איז ערשט נעכטן געווען, ווען מען האָט דעם פּראָיעקט אַליין געהאַט דערקלערט פאַר קלאַסן-קאָמוניזם, וואָס באמת איז עס טאַקע אַזוי.

דערפאַר קאָנען די היגע קאַפּיטאַליסטן נישט דערוואַרטן דאָס, וואָס האָט גורם געווען אַזויפיל שוועריקייטן די סאָוויעטן, מחמת דאָס רוסישע פאָלק איז נישט געווען קאָמוניסטיש און זיי וואָלטן נישט געאַרבעט אויף קיין קאָמוניסטישן סיסטעם, ווען מ'וואָלט זיי נישט געווען געצוווּנגען דערצו, אַ זאַך וואָס איז אוממעגלעך געווען צו טון אין דעם ריכטיקן מאַסשטאַב, ווייל אַזאַ סיסטעם וואָס קאָן נור עקזיסטירן דורך דעם, וואָס איין העלפט פון די געזונטע, פעיקע מענטשן פונם לאַנד וועלן באַקומען באַצאָלט פאַר שטייען איבער דער אַנדערער העלפט איבערן קאָפּ מיט דער ביקס אין האַנט; דאס איז נישט קיין פּראַקטישער סיסטעם און מען וואָלט אים געמעגט אָפּוואַרפן נאָך איידער מען האָט אים גענומען דורכפירן. אָבער דאָ וואָלט מען אַ רייע גוט-צוגעגרייטע נאַציאָנאַליזירונגען נישט נור פאַרשטאַנען, נור מענטשן וועלכע וואָלטן נישט געווען צופרידן, ווען מען זאָל זאָגן אויף זיי, אַז זיי זענען סאָציאַליסטן — וואָלטן געשטימט פאַר אָט דער נאַציאָנאַליזאַציע און זיך צוגעפּאַסט צו דער נאַטור פון די מאַסן, וואָס נעמען זייער ברויט אויף וואָס פאַר אַן אופן זיי קאָנען עס באַקומען און קלערן בכלל נישט וועגן זאַכן פון עפנטלעכן כאַראַקטער. ביי זיי וואָלטן די ענדערונגען געווען, ווי אַן ענדערונג פון די האַרן, צו וועלכע זיי זענען אַזוי צוגעוווינט, אַז זיי וואָלטן גאָרנישט באַמערקט צי עס איז געשען אַזאַ ענדערונג בכלל, בעת אינדעראמתן וואָלט עס געווען אַן ענדערונג אין שכירות, אויפפירונג און זיכערקייט אויף כסדרדיקע אַרבעט, צו וואָס זיי לעכצן אַזוי שטאַרק. דאָס באַזייטיקט די שוועריקייטן, וואָס זענען אַזוי גוט באַקאַנט אַלע רעפאָרמאַטאָרן, וואָרום עס איז אַ סך גרינגער צו באַוועגן מענטשן, זיי זאָלן טון זאַכן

צו וועלכע זיי זענען צוגעוווינט, הגם דאָס וואָס זיי טוען איז אַ שטאַרקערע רעה פאַר זיי, איידער פּרוּוון איינפירן אַ נייעם סיסטעם־מעג ער צוזאָגן צו זיין אויסגעצייכנט גוט פאַר זיי.

סאָציאַליסטישע געזעצן וועלן אַלזאָ נישט זיין סתם אַן ענין פון פאַרווערן מענטשן צו זיין רייך און צורופן אַ פּאָליציאַנט אויב זיי וועלן ברעכן דאָס געזעץ, נור אַן אַקטיווע אונטערווענץ מכוח די פּראָדוקטן און אין דער צעטיילונג פון דער פּאָלקס־הכנסה. און יעדער טריט וואָס וועט געמאַכט ווערן צו דעם, וועט פאָדערן אַ נייעם דעפּאַרטאַמענט אָדער אַ פאַרגרעסערונג פון די צאָל ציווילע, אָדער מוניציפּאַלע באַאַמטע וואָס זאָלן עס דורכפירן. ווען מיר וואָלטן געהאַט גענוג שכל אַרויסצוגעבן אַ געזעץ אַז יעדעס אָרעם און פאַרלאָזן קינד, זאָל האָבן גענוג ברויט און מילך און אַ גוט הויז, פאַר אַן אָפּדאַך, וואָלט דערדאָזיקער געזעץ געבליבן אַ טויטער בוכשטאַב, כּל־זמן אַלע בעקערייען, מילך־געשעפטן און בוי־מייסטערס, וואָלטן נישט גרייט געווען דערצו. ווען מיר גיבן אַרויס אַ געזעץ, אַז יעדער אַרבעטס־פעיִקער מענטש זאָל אַרבעטן יעדן טאָג פאַר זיין אָדער איר לאַנד וואָלטן מיר נישט געקאָנט דורכפירן דאָס געזעץ ביז מיר וואָלטן נישט געהאַט אַרבעט פאַר יעדן איינעם. קאָנסטרוקטיווע און פּראָדוקטיווע געזעצן זענען אינגאַנצן אַנדערש פון די עשרת־הדברות: זיי מיינען די באַשעפטיקונג פון מאַסן מענטשן, דאָס איינאָרדנען פון אַרבעטס־ביוראָס, דאָס צוגרייטן גרויסע סומען געלט, מיט וואָס אָנצוהייבן און די לייטונג פון מענטשן מיט ספּעציעלע פעיקייטן, וואָס זאָלן פירן און אָנווייזן. אָן דעם זענען אַלע ראָיאַלע אָדער דיקטאַטאָרישע פּראָקלאַמאַציעס, אַלע באַפעלן און אַלע קאָמוניסטישע מאַניפעסטן, בלויז פּאַפּיר צו פאַרפּאַקן. אויף וויפיל עס האָט נישט קיין שייכות מיט דער עטאַבלירונג פון פּראַקטישן סאָציאַליזם.

איר קאָנט דעריבער פאַרשטיין, אַז אַן ענדערונג פון אומגלייכהייט אויף גלייכהייט פון הכנסות — הגם זי וועט געשאַפן ווערן אויף אַ געזעצלעכן אופן און הגם אַנדערש קאָן עס גאָרנישט געשען — וועט נישט געמאַכט ווערן דורך דעם, וואָס מען

וועט דורכפירן אין פּאַרלאַמענט א געזעץ, וואָס וועט באַפעלן, אַז אַלע זאָלן האָבן גלייכע הכנסות מיט אַריטמעטישער פּינקטלעכקייט אין יעדן פּאַל. גאַנצע טוצן פון ציווילע און מוניציפּאַלע אַר־בעטן וועלן מוזן פאַרגרעסערט ווערן, טוצן דערפּאָלגרייכע נאַצי־יאָנאַליזאַציעס דורכגעפירט ווערן, טוצן יערלעכע בודזשעטן פאַר אַלע באַגייסטערט צוגעשטימט, צוליב אזא אָדער אַן אנדער גרונט, כּדי אונדז צו ברענגען אַלץ נענטער און נענטער צו דער גלייכהייט פון הכנסות, ביז וואַנען מיר וועלן שוין זיין אַזוי נאָנט דערצו. אז דער חסרון וואָס געוויסע קליינינקייטן האָבן זיך נישט געלאָזט אויסגלייכן, וועט נישט מאַכן קיין שום ערנסטן איינדריק און עס וועט גאָרנישט ווערט זיין, מען זאָל זיך זאָרגן וועגן דעם היינט צו טאָג, ווען איין קינד האָט הונדערט טויזנט פונט א יאָר און הונדערט אַנדערע קינדער שטאַרבן אויס צוליב מאַנגל אין דערנערונג, איז ווערט צו קעמפן פאַר גלייכהייט פון הכנסות און אפילו צו שטאַרבן דערפאַר, אויב ס'איז נויטיק. אָבער ווען יעדעס קינד האָט זיינע באַדערפעענישן, וואָלט דער פאַקט, אז דעם אָדער יענעמס קינדס פאָטער אָדער מוטער האָט אפשר אָפּגעגליקט אריינצוכאַפּן א פינף שילינג אָדער א פונט מער — נישט געווען קיין ענין, וואָס זאָל באַוועגן אַ מענטשן, אין יענער זייט גאַס כּדי עס נישט צו דערלאָזן.

אַלע סאָציאַלע רעפאָרמען שטעלן זיך אָפּ נישט ביי קיין אַבסאָלוטער לאָגישער גאַנצקייט אָדער אַריטמעטישער פּינקטלעכ־קייט, נור ביי א פונקט, ווו זיי האָבן דורכגעפירט די אַרבעט אויף אַזויפיל, כּדי צו האָבן דערגרייכט דעם ציל. ביי אַן אָרע־מער פרוי איז דער חילוק צווישן א פונט א וואָך אַן ערנסטע פּראַגע, מחמת א שילינג איז ביי איר א גרויסע סומע געלט, אָבער א פרוי וואָס האָט צוואַנציק פונט א וואָך, וואָלט זיך נישט גע־מישט אין קיין ציווילן קריג דערפאַר, וואָס אַן אַנדער פרוי האָט צוואַנציק גינעס. זי וואָלט נישט געפילט דעם אונטערשיד. דערי־בער דאַרפן מיר זיך נישט פאָרשטעלן אזא געזעלשאַפטלעכן צו־שטאַנד, ווי מיר זאָלן רופן פּאָליציי, אויב עמיץ וועט פאַרדינען פּעס מער געלט דירך דעם וואָס ער זינגט לידער אָדער פאַר־ע

קויפט בלומען, הגם מיר וועלן מסתמא אָנהויבן באַטראַכטן אַזאַ האַנדלונג פאַר אַזוי נידריק און נישט דזשענטלמעניש, אַז אפילו די אומפאַרשעמטסטע פרוי וועט עס נישט וואַגן צו טון עפנטלעך. אַזוי לאַנג ווי מיר וואָלטן געווען אַלע גלייך רייך, אַזוי אַז יעדנס טאָכטער זאָל קאָנען הייראַטן וועמעס עס איז זון און עס זאָל דערביי נישט עקזיסטירן קיין פראַגע פון יחוס און „זיינס גלייכן", אָדער „אירס גלייכן" וואָלטן מיר געווען צופרידן און ביי דער צעטיילונג פון דער נאַציאָנאַלער הכנסה וואָלטן מיר זיך נישט געדונגען איבער האַלבע פּענעס. צוליב אָט דעם אַלעם מוז גלייכהייט אין הכנסות בלייבן אַ פונדאַמענטאַלער פּרינציפּ אויף וועלכן עס איז אָנגעזעענער ענדערונג מען וואָלט שטרענג נאָכגעפאָרשט די סיבות און אויב מען וואָלט בכלל טאָלערירט, וואָלט מען עס געטון מיט אָפענע אויגן. עס זענען גאָר נישטאָ קיין גרענעצן אין די מעגלעכקייטן, וואָס עס זענען פאַראַן דאָס אַלצדינג דורכצופירן.

פון דעם אָבער איז נאָך נישט געדרונגען אַז צו די קלוגע איינפאַלן און פּלענער פון סאָציאַליזם איז בכלל נישטאָ קיין גרענעצן: צום ביישפּיל. דער פּראָצעס פון סאָציאַליזירן די אינדוסטריע און איבערנעמען די פּריוואַטע אָנגעשטעלטע פאַר רעגירונג-אָנגעשטעלטע. מיר וואָלטן נישט געקאָנט נאַציאָנאַליזירן אַלץ, ווען מיר וואָלטן אפילו געווען משוגע צוליב נאַציאָנאַליזאַציע און מיר וואָלטן עס אַזוי שטאַרק געוואָלט. עס וועט קיינמאָל נישט קומען אַזאַ וואָך, אין וועלכער די זונטיק-צייטונגען זאָלן מעלדן, אַז אין גרויס-בריטאַניען איז פאַבריקן מיטוואָך עטאַבלירט געוואָרן סאָציאַליזם און צוליב אָט דער געלעגנהייט, האָט די קעניגין געטראָגן אַ רויטן זיידענעם שאַרף פאַרשפּילעט ביים אַקסל מיט אַ בראָש באַזעצט מיט רובינען, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן פאַר איר צוועגן אַלס אַ געשאַנק פונם דריטן אינטערנאַציאָנאַל און אויף דער בראָש איז געווען אַ פּאָרטרעטל פון קאַרל מאַרקס מיט דער באַרימטער מאָטאָ: „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך". עס איז אַ סך גיכער מעגלעך, אַז אין דער צייט ווען נאַציאָנאַליזאַציע וועט שוין זיין די טעגלע-

כע אָרדנונג אין א פּריוואטער אונטערנעמונג — אַן אויסנאַם וועט מען רעדן מכּוח סאָציאַליזם (וואָס איז א שלעכטער נאָמען פאַרן געשעפט) ווי פון א משוגענער רעליגע, קיין זאך ווערט נישט געטון און א סך שטערן דערצו אַזעלכע מענטשן וואָס באַגרייפן נישט, אז אלץ קאָן נישט געטון ווערן אויף דער מינוט.

# LXXVII

## סובסידיעס פאַר פּריוואַטע אונטערנעמונגען

בעת מיר וועלן נאַציאָנאַליזירן די גרויסע אינדוסטריעס, וועלן מיר וואַרשיינלעך מוזן איבערלאָזן אַ גרויסן טייל פון די דעטייל-הענדלער זיי זאָלן זיך פאַרנעמען מיט דער אַרבעט פון קלייניקע צעטיילונגען, כמעט אויפן אייגענעם אופן, ווי זיי טוען עס היינט מיט דעם אויסנעם, וואָס מיר וועלן זיי קאָנען קאָנטראָלירן בנוגע די פּרייזן, אַזוי ווי עס טוען די טראָסטן. און מיר פון אונדזער זייט וועלן זיי געבן די מעגלעכקייט צו לעבן בעסער, ווי עס גיבן זיי די ווירטסלייט די קאַפּיטאַליסטן און אויך באַפרייען זיי פון דער אייביקער מורא פאַר באַנקראָט, וואָס איז נישט קיין זעלטנהייט ביים איצטיקן סיסטעם. מיר וועלן נאַציאָנאַליזירן די מינעס, אַ סך פריער ווי די קליינשטעטלדיקע קוזשניע און מאַכן פון דעם שמיד אַ פאָלקס-באַאַמטן. מיר וועלן האָבן נאַציאָנאַלע און מוניציפּאַלע ליפערונגען פון עלעקטרע, וואָס מיר וועלן איינפירן פון הויז צו הויז, אַ סך פריער איידער מיר וועלן זיך אַריינמישן אין דער אַרבעט פון אינדיווידועלע אַרטיסטן, פאַכמענער און וויסנשאַפטלעכע אַרבעטער, וועלכע וועלן זיך באַנוצן מיט דערדאָזיקער קראַפט, שוין נישט רעדנדיק מכּוח די דינסטמיידלעך, וואָס אַרבעטן מיט אַן עלעקטרישע באַרשט. מיר וועלן נאַציאָנאַליזירן ערד און גרויסע פאַרמעס און גלייכצייטיק נישט באַרירן די עלעגאַנטע פּרוכט-פאַרמעס און קיך-

גערטנער און שוין לאַנג נאָכדעם, ווי דער היינטיקער קאַפּי־טאַליזם, וועט זיין פאַרשוווּנדן אַ סך אבסאָלוטער ווי היינט איז פאַרשוווּנדן דער פעאָדאַליזם,– וועלן נאָך אפשר זיין מער פּרויען און מענער, וואָס וועלן אַרבעטן אין זייערע אייגענע פּריוואַט־געשעפטן, ווי עס איז מעגלעך אונטער אונדזערע איצטיקע שקלאַפּישע באַדינגונגען.

צוליב דער נאַציאָנאַליזאַציע פון די בענק וועלן זיין זייער לייכט צו פירן פּריוואַטע געשעפטן אונטערן סאָציאַליסטישן סיס־טעם ביז אַ געוויסער מאָס, און וואָס וועט זיין „באַקוועם" און פּאַק־טיש וועט שטאַרק רייצן מענטשן צו פירן פּריוואַט־געשעפטן. אויב זיי וואָלטן געהאַט גרעסערע הכנסות פון דער באַשטימטער אָנגענומענער מאָס, וואָלט מען געקאָנט אַרויפלייגן שטייערן און אַזוי אַרום אויסגלייכן זיי. נור די צרה וועט אפשר זיין גאָר פאַרקערט: דאָס הייסט, די מענטשן אין פּריוואַטע געשעפטן וועלן אפשר זיין ווי דער גרעסטער טייל זענען היינט אָרעמער ווי, ווען זיי וואָלטן געווען באַשעפטיקט ביי פאָלקס־ארבעט. אויב מען מאַכט פאַרמעגנס היינטיקע צייטן אין פּריוואַט־געשעפטן איז עס נור צוליב דעם וואָס מען באַשעפטיקט דאָרט אַרבעטער, וועלכע קאָנען נישט עקזעסטירן, סיידן זיי גיבן צושטייער צו די פּראָדוקטן פונעם לאַנד און קאַפּיטאַל און זיי מוזן אָדער אויס־גיין פאַר הונגער אָדער אַרבעטן פאַר די ווירטסלייט און קאַ־פּיטאַליסטן פאַר אַ סך ווייניקער, ווי זייער אַרבעט ברענגט אַריין. אָבער ווען יעדער איינער וואָלט געקאָנט באַקומען אַן אַרבעט אין איינע פון די נאַציאָנאַליזירטע אינדוסטריעס און זיי וואָלטן באַקומען אַן הכנסה, וואָס וואָלט איינגעשלאָסן זיין אָדער איר טייל רענטע פון דער נאַציאָנאַליזירטער ערד און אַ טייל פון די פּראָצענטער פון דעם נאַציאָנאַליזירטן קאַפּיטאַל, וואָלט קיין שום פּריוואַטער אַרבעטסגעבער נישט געקאָנט צווינגען ווע־מען עס איז צו אַרבעטן פאַר זייבעטוועגן פאַר קלענער שכירות ווי ער קאָן באַקומען ווען ער איז באַשעפטיקט ביי פאָלקס־אַר־בעט; דעריבער וואָלט פּריוואַט־באַשעפטיקונג נישט געקאָנט ברענגען קיין אָרעמקייט און דער סוחר וואָלט פּאַקטיש אונטער־געגאַנגען, סיידן ער וואָלט געווען אַזוי קלוג און אַזוי נוצלעך

אַז עס וואָלט אים געלונגען צו ווירקן אויפֿן פּובליקום אַז ער זאָל אים גוט באַצאָלן פֿאַר זיינע פּראָדוקטן אָדער לייסטונגען, אָדער ער וואָלט גאָר געווען צופֿרידן צו אַרבעטן אויף זיין אייגענעם שטייגער און צו פֿאַרדינען ווייניקער ווי ער וואָלט געקאָנט ווען ער וואָלט אַרבעטן אין אַ וואָסערן עס איז נאַציאָנאַלן אַנשטאַלט פֿונם ערשטן בעסטן געסל. כּדי זיינע הכנסות זאָלן זיך אויסגלייכן מיט די נאַציאָנאַלע הכנסות, וואָלט ער געקאָנט פֿאָדערן און אויך באַקומען סובסידיעס פֿון דער רעגירונג. לאָמיר נעמען אַ גאַנץ קליינעם בייִשפּיל: אין אַ פֿאַרוואָרפֿן שטעטל אָדער אַ טאָל, ווו עס וואָלט נישט געווען גענוג מסחרים, אַז עס זאָל זיך לוינען צו צאָלן פֿאַר ברענגען אדער איבערפֿירן זאַכן וואָלט די רעגירונג אָדער די לאָקאַלע אויטאָריטעטן אפֿשר געפֿונען, אַז דער עקאָנאָמישסטער און דער פֿאַרשטענדלעכסטער פּלאַן וואָלט געווען צו צאָלן אַ פֿאַרמער אָדער אַ קרעמער אָדער אַ בעל-אכסניה קאָנטריבוציע לגבי די הוצאות, ער זאָל האַלטן אַן אויטאָבוס, וואָס זאָל דורכפֿירן דידאָזיקע אַרבעט פֿאַר אָט דערדאָזיקער געגנט.

אין גרויסע מסחרים האָט דערדאָזיקער פּראָצעס, ווי מיר האָבן שוין פֿריער געזען, שוין אָנגעהויבן זיך. ווען טרייד-יוניאָניזם האָט באַשטימט די שכירות פֿון די מינעס-אַרבעטער אויף אַזאַ פּרייז, אַז די אייגנטימער פֿון די מאגערע מינעס האָבן נישט געקאָנט ווייטער אַרבעטן, און הגם זיי זענען געטרייע קעגנער פֿונם סאָציאַליזם, האָבן זיי פֿאַרלאַנגט און טאַקע באַקומען אַ סובסידיע פֿון אַ קאָנסערוואַטיווער מלוכה פֿון 10,000,000 פֿונט, כּדי צו האָבן די מעגלעכקייט צו דערליידיקן דעם ענין אַזוי, אַז ביידע צדדים זאָלן זיין צופֿרידן. אָבער עס איז געווען מער ווי לעכערלעך אַרויפֿצולייגן אַ שטייער אויף דער גאַנצער באַפֿעלקערונג, אַז עטלעכע מאגערע קוילן-מינעס זאָלן ווייטער פֿונקציאָנירן און דורך דעם אָנהאַלטן אַזעלכע אומגעהויערע פּרייזן פֿאַר קוילן, בעת אין אַלגעמיין, האָבן די אייגנטימער פֿון אַלע אַנדערע מינעס גאַנץ גוט געקאָנט צאָלן אַן אַרבעטס לוין אַז די אַרבעטער זאָלן קאָנען לעבן ווי מענטשן און דאָס איז

דאָך געווען אַלץ, וואָס די טרייד־יוניאָנס האָבן פאַרלאַנגט. מען האָט אויפגעהערט צו געבן די סובסידיעס איז אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכער לאָקאַוט. דאָס אַלץ וואָלט מען געקאָנט אויסמיידן, ווען מען וואָלט נאַציאָנאַליזירט די קוילן־מינעס און אַזוי אַרום האָבן די מעגלעכקייט צו צאָלן לייטישע שכירות און גלייכצייטיק קלענער מאַכן די פּרייזן פון קוילן פאַר דער באַפעלקערונג. נאָר אַלנפאַלס, נישט מכּוח דעם וויל איך דערווייל רעדן. מיר ווילן בלויז באַמערקן, אַז די קאַפּיטאַליסטן אַליין האָבן איינגעפירט די סאָציאַליסטישע פּראַקטיק פון געבן סובסידיעס פאַר פּריוואַטע מסחרים, אויב זיי טראָגן נישט קיין גענוג פּראָפיט, און צו שטיצן די, וואָס זענען באַשעפטיקט מיט זיי, ווייל זיי זענען צו נוצלעך, אַז מען זאָל זיי לאָזן אונטערגיין. דסאָדאָזיקע בייס, מוז איך אייך פאַרבייגייענדיק זאָגן, איז נור ניי אין שייכות מיט געוויינטלעכע אינדוסטריעס. וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען, בילדונג, רעליגיע, אַ פּאָפּולערער צוזאַץ פון זעלטענע ביכער און בילדער, עקספּלאָרער, נסיעות קיין אויסלאַנד און דאָסגלייכן זענען כּמעט אַלע טיילוויין אָפּהענגיק פון סובסידיעס מצד דער מלוכה, נור זיי טראָגן אַן אַנדער נאָמען.

נאָך מער, די קאַפּיטאַליסטן פאָדערן שוין היינט גאַנץ אָפן מען זאָל זיי געבן סובסידיעס אָנצוהויבן פּריוואַטע אונטערנעמונגען. די עראָפּלאַן־געזעלשאַפטן למשל, האָבן עס גענומען ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, אַז די מלוכה זאָל זיי העלפן, פּונקט ווי זי האָט געהאָלפן דער פאַרב־אינדוסטריע אין דער מלחמה־צייט (וואָס זי האָט שפּעטער באַדויערט). דאָס וויל איך אייך דאָ ספּעציעל אָנווייזן, כּדי איר זאָלט זען די פאַלשקייט פונם קאַפּיטאַליסטישן פּרינציפּ וועגן סובסידיעס פאַר פּריוואַטע אונטערנעמונגען אויפצוהאַלטן אונדזערע אינדוסטריעס; אָבער יאָ סובסידיעס אָדער נישט סובסידיעס — שטייערן לייגט מען סיי־ווי־סיי אויף אונדז אַרויף כּדי די אונטערנעמונגען זאָלן זיין וואָס ווייניקער ריזיקאַליש. און די פּראָפיטן און די פּרייזן זאָלן בלייבן פּונקט אַזוי הויך ווי פריער. אויף אַזאַ אופן באַרויבן זיי אייך טאָפּלט. לאָגיש קאָנען זיי זיך נישט אַקעגנשטעלן (הגם זיי

טוען עס) ווען די אַרבעטער פאַרלאַנגען, אַז די מלוכה זאָל זיי גאַראַנטירן אַ לוין, פון וואָס מען זאָל קאָנען לעבן, פּינקט אַזוי ווי מ׳האָט זיי גאַראַנטירט פּראָפיטן און צו האַלטן הויך די פּרייזן פאַר זייערע באַלעבאַטעם.

ווען סאָציאַליזם וועט שטיין אויפן אָרדנונג וועלן דידאָזי־קע קאַפּיטאַליסטישע עקספּלאָאַטאַציעס פונם שטייערצאָלער האָבן צוגעגרייט געוויג ביישפּילן אין שייכות מיט באַשטימען סובסידיעס פאַר עקספּערימענטאַלע פּריוואַט־אונטערנעמונגען פון נייע אינ־דוסטריעס אָדער דערפינדונגען, נייע מעטאָדן אָדער ווי אינם פאַל מיטן צושטעלן סחורות אין שטעטל אַריין, ווו מען מוז זען, אַז עמעצן זאָל לוינען אונטערצונעמען דידאָזיקע אַרבעט, וואָס לוינט זיך נאָך דערווייל נישט צו נאַציאָנאַליזירן. פּאַקטיש וועט דאָס זיין זייער אַן אינטערעסאַנטער טייל פונם סאָציאַליזם פאַר גע־ניטע סוחרים. דירעקטע און אַפּסאָלוטע נאַציאָנאַליזאַציע וועלן מערסטנס זיין אָפּהענגיק פון אַ גוט איינגעאָרדנטער לייסטונג־רוטינע.

עס זענען דאָ סאָציאַליסטישע דאָקטרינערן, וואָס וועלן זיין שאָקירט פונם פאָרשלאַג, אַז אַ סאָציאַליסטישע רעגירונג זאָל נישט נור טאָלערירן פּריוואַטע אונטערנעמונגען, נור נאָך פינאַנ־ציעל אונטערשטיצן זיי. אָבער דער חוב פון די סאָציאַליסטישע פירער איז נישט אונטערצודריקן פּריוואַטע אונטערנעמונגען נור צו שאַפן און אויפצוהאַלטן גלייכהייט אין הכנסות. דאָס אויס־טוישן פּריוואַטע אונטערנעמונגען אויף פאָלקס־אינסטיטוציעס איז נור איינס פון אַ סך מיטלען צום ציל; און אויב עס זאָל למשל זיין נענטער צום ציל דורך פּריוואַטע אונטערנעמונגען, וועט אַ סאָציאַליסטישע רעגירונג טאָלערירן פּריוואַטע אונטערנעמונגען, געבן סובסידיעס פאַר פּריוואַט־אונטערנעמונגען, אָדער דערציען פּריוואַטע אונטערנעמונגען. דער אמתר סאָציאַליזם וועט זיין עלאַסטישער און מער טאָלעראַנט איידער דער קאַפּיטאַליזם, וואָס וואָלט איבערגעלאָזט יעגע געגנטן, ווו דער מסחר איז צו שוואַך אַז עס זאָל זיך לוינען אַ פּריוואַט־אייגנטימער פון אַן אויטאָ־

בוס, איבערצופירן און צוברענגען זאַכן פאַר די אייגנווינער, אָן אָן אויטאָבוס.

פאַרצייכנט אייך יעדנפאַלס, אַז קוים וועט אַ פּריוואַט-עקס-פּערימענט און ביזנעס האָבן באַקומען דאָס געלט פון דער מלוכה און עס וועט אים אָפּגליקן צו גרינדן אַ נייע אינדוסטריע אָדער דורכצופירן אַ נייע מעטאָדע אָדער אַ דערפינדונג אַלץ אַ טייל פון די נאַציאָנאַלע פּראָדוקציעס און לייסטונגען, וועט מען עס דערנאָך נאַציאָנאַליזירן און מ'וועט איבערלאָזן דעם פּריוואַטן אונטערנעמער ווייטער צו פאַרוואַלטן מיט זיין אייגנטלעכער אַרבעט פון מאַכן פרישע עקספּערימענטן און אנטדעקן נייע לייסטונגען, אַנשטאָט דעם ווי מ'טוט ביז איצט ווען עס שפּרודלט מיט די פּראָפיטן פון אינדוסטריעס, וואָס זענען נישט מער עקספּערימענטאַל. עס איז נאָך מיט יאָרן צוריק למשל, געווען נאַריש איבערצולאָזן די אייזנבאַנען אין די הענט פון פּריוואַטע געזעלשאַפטן, אַני-שטאָט זיי צו נאַציאָנאַליזירן. דערצו נאָך, ווען אפילו דער שטייפסטער ביוראָקראַט, וואָלט נישט געקאָנט זיין אַזוי אַבסאָלוט רעאַקציאָנער, אומדערטרעגלעך און אבסטרוקטיוו ווי עס איז דער גרעסטער טייל פון אונדזערע פּרעטענדירנדיקע אייזנבאַן-דירעק-טאָרן. אַלץ, וואָס מען דאַרף וויסן מכּוח דער אייזנבאַן-באַוועגונג כּדי זי צו קאָנען נאַציאָנאַליזירן, ווייסט מען שוין פון לאַנג. אָבער די עראָפּלאַן-אינדוסטריעס האַלטן נאָך אַלץ אין מאַכן עקספּערימענטן און מען מעג זיי באַהאַנדלען, ווי פּריוואַטע אונטערנעמונגען, וואָס דער שטאַט שטיצט זיי, ביז זייער פּראַקטיק וועט זיין אַזוי גוט אַוועקגעשטעלט און אַזוי גלאַטיק, ווי די אייזנבאַן-פּראַקטיק.

ליידער ווערט דאָס אַזוי ווייניק פאַרשטאַנען, אַז די קאַפּיטאַליסטן פּרווון איצט ווירקן אויף דער קאָנסערוואַטיווער רעגירונג דורך זייערע אַגענטן, אַרבעטסגעבער און פינאַנסיסטן, אַז זי זאָל זיי העלפן פינאַנציעל, אויפן שטייער צאָלערס חשבון און נישט אומקערן אפילו דעם שטייערצאָלער קיין פּראָצענט פון דעמדאָזיקן געשעפט. די 10,000,000 פונטיקע סובסידיע למשל, וואָלט מען געוויס געדאַרפט געבן די קוילן-אייגנטימער נאָר אויף

אַ משכּן, דאָס הייסט, זיי זאָלן פאַרזעצן די מינעס. און פאַר יעדער 100 פונט וואָס די מלוכה האָט באַשטימט פאַר פּריוואַטע אונטערנעמונגען, האָט זי געדאַרפט פאָדערן אַן אַקציען־פאַרזיכע־רונג. אויב נישט, וועט אויסקומען, אַז טאָמער וויל די רעגירונג, ווען עס איז נאַציאָנאַליזירן די מינעס, וועט מען פון איר פאָדערן אַ קאָמפּענסאַציע פאַר איר אייגענעם קאַפּיטאַל; און הגם דאָס, ווי מיר האָבן שוין פריער געזען, מאַכט נישט אַזוי שטאַרק אויס, איז עס אָבער זייער וויכטיק, אַז דער שטאַט זאָל ווייניקסטנס האָבן אַ קאָנטראָל. צו געבן אָן שום באַדינגונגען פּריוואַטע ריזיקאַנטן אַ מתּנה פון די פאָלקס־געלטער — הייסט באַרויבן די שאַצקאַמער און פּלינדערן דעם שטייערצאָלער.

איך פאַרשטייט אַליין, אַז דער חילוק צווישן אַ קאַפּיטאַליסטישער רעגירונג און אַ סאָציאַליסטישער ליגט נישט אין דעם צי מען זאָל טאָלערירן נאַציאָנאַליזאַציע; מחמת קיינער פון זיי וואָלט זיך נישט געקאָנט באַגיין איין טאָג אפילו אָן דעם; עס גייט נור אין דעם, ביז ווי ווייט זאָל מען עס דערלאָזן און ווי גיך זאָל מען עס אונטערשטופּן. קאַפּיטאַליסטישע מלוכות קוקן אויף נאַציאָנאַליזאַציע און מוניציפּאַליזאַציע, ווי אויף צרות, וואָס מען דאַרף זען באַגרענעצן צוזאַמען מיט נישט קיין פּראָפּעטירנדיקער קאָמערציעלער אַרבעט און דאָס פון וואָס מען קאָן פּראָפּיטירן זאָל מען איבערלאָזן פאַר די פּראָפּיטירער. ווען זיי דאַרפן אַמאָל האָבן ערד אויף עפּעס אַן עפנטלעכן צוועק, פאַרקויפן זיי עס דערנאָך, ווען זיי ברויכן עס נישט מער, צו פּריוואַטע פּערזאָנען, און דאָס געלט גייט אויף צו פאַרקלענערן די הכנסה־שטייערן און דערווייל ווערט אַ שטיק נאַציאָנאַלע ערד אַ פּריוואַט־אייגנטום און די אומפאַרדינטע פאַרמעגנס פון די הכנסה־שטייערצאָלער ווערן פאַרגרעסערט צוליב דעם, וואָס זיי צאָלן קלענערע שטייערן. סאָציאַליסטישע רעגירונגען ווידער באַמיען זיך אָפּצוקויפן לאַנד פאַר דער נאַציע אַזוי פיל און אַזוי גיך ווי עס לאָזט זיך נור אויפן חשבון פון די קאַפּיטאַליסטן און זיי שטעלן זיך שטרענג קעגן פאַרקויפן לאַנד צו פּריוואַטע מענטשן. אָבער זיי ווערן אָפט צוריקגעהאַלטן און אפילו אָפּגע־

שטופּט צוריק, פּונקט ווי ס׳איז געווען מיט די רוסישע סאָוויעטן, וואָס האָבן זיך געמוזט עקשנותדיק כּסדר און ענערגיש באַנוצן מיטן לאַנד און קאַפּיטאַל. אויב די רעגירונג נעמט אַן אַקער פּרוכטבאַר לאַנד אָדער אַ טאָן אָפּגעשפּאָרטן איינהאַלט (קאַפּיטאַל) וואָס עס איז נישט גרייט גלייך צו קולטיווירן אָדער שפּייזן פּראָדוקטיווע אַרבעט דערמיט; דאַן מוז זי עס ווילנדיק אָדער נישט ווילנדיק צוריק פאַרקויפן צו פּריוואַטע מענטשן און אַזוי אַרום צוריק האַלטן אַ שטיק צום סאָציאַליזם, וועלכן זי האָט אונטערגענומען נישט זייענדיק גרייט דערצו. בעת דער מלחמה, ווען די פּריוואַטע אונטערנעמונגען האָבן גורם געווען, מען זאָל אופן בעלגישן פּראַנט אויסהערגענען אַן אַ שיער פון אונדזערע יונגע סאָלדאַטן, ווייל מען האָט זיי נישט צוגעשטעלט גענוג געווער, מען האָט פּשוט איבערגעלאָזט די אַרמעע אַן קוילן, האָט מען געמוזט אָנהויבן אַרבעטן די אַמוניציע אין נאַציאָנאַלע פאַבריקן. נאָך דער מלחמה האָט די קאַפּיטאַליסטישע מלוכה פון 1918 פאַרקויפט דידאָזיקע פאַבריקן אַזוי גיך ווי זי האָט נור געקאָנט פאַר אַ שיבוש, נישט רעכנענדיק זיך מיטן פּראָטעסט פון דער לייבאָר-פּאַרטיי. אַ טייל פון די פאַבריקן האָט מען נישט געקאָנט פאַרקויפן, אָדער דערפאַר, וואָס זיי האָבן זיך געפונען אין אַזעלכע אומגינסטיקע ערטער (ווו מען וואָלט זיי געקאָנט באָמבאַרדירן) אָדער, ווייל צוליב דעם וואָס פּריוואַטע אונטערנעמער האָבן געטראַכט, אַז זיי קאָנען אַנדערשוווּ מאַכן בעסערע געשעפטן, אָדער אפשר דערפאַר, וואָס די פּריוואַטע אונטערנעמער זענען געווען אַזוי שלימזלדיק, נישט אונטערנעמעריש. דאָך, ווען עס איז געקומען אַן אַרבעטער-רעגירונג, האָט זי אויך געמוזט פּרווון פאַרקויפן דאָסדאָזיקע „איבערבלייבעכץ" פון דער מלחמה, די פאַבריקן, מחמת עס איז איר נישט געלונגען צו אָרגאַניזירן גענוג נייע פאָלקס-אונטערנעמונגען און געבן זיי באַשעפטיקונג פאַר פרידלעכע צוועקן. דאָס איז געווען נאָך אַן אָביעקטיווע לעקציע, אַז כ׳איז אומעגלעך איבערצונעמען לאַנד פון די לאַנד-אייגנטימער אָדער קאַפּיטאַל פון די קאַפּיטאַליסטן נאָר צוליב דעם, ווייל אַזוי צו טון איז סאָציאַליסטיש. הגם מען איז נישט גרייט

עס צו באַנוצן אזוי, אַז עס זאָל זיין פּראָדוקטיוו. אויב איר וועט יאָ אַזוי טון וועט איר עס מוזן צוריק געבן, אַזוי ווי די מאָסקווער סאָוויעטן זענען געווען געצוווּנגען צו טון. איר מעגט עס נעמען נור דאַן ווען איר קאָנט זיך דערמיט באַלד באַנוצן און איר זענט גרייט אָנצוהויבן אַרבעטן דערמיט באַלד מאָרגן.

ווען ס׳וואָלט אַ בלאָז געטון עפּעס אַ ווינטל פון אַ דערפאָלגרייכער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע און אַ קאַפּיטאַליסטישע רעגירונג וואָלט געצווּנגען געווען צו קאָנפיסקירן מער אייגנטום ווי זי וואָלט געקאָנט פאַרוואַלטן וואָלט זי גאַנץ מעגלעך געצווּנגען געווען עס צוריק אַרויסצולאָזן (און בכלל נישט אומגערן, און מיט טריומפירנדיקע אויסגעשרייען „איך האָב אייך געזאָגט אַזוי״) צו פּריוואַטע אַרבעטסגעבער און אויף אַ סך ערגערע באַדינגונגען פאַר דער נאַציע, ווי די, וואָס מיר האָבן הייַנט.

## LXXVIII

# ווי לאַנג וועט עס דויערן?

און איצט וועגן דער צייט, ווי לאַנג עס קאָן דויערן ביז די ענדערונג וועט אנטשטיין. אויב מען וועט עס צו לאַנג אָפּלייגן, אָדער ארבעטן צו פּאַמעלעך, איז מצגלעך עס זאָל דערווייל אויסברעכן א שרעקלעכע רעוואָלוציע, וואָס עס זאָל שאפן אַזא טרויעריקע גלייכהייט אז — א חוץ די וואָס זענען דערמאָרדעט געוואָרן -- זאָלן אַלע זיין גלייך רויִנירט.

אָבער גלייכהייט וואָס ווערט געשאפן אויף אזא אופן, האלט זיך נישט לאַנג. נור אין א געזונטער היך-ציוויליזירטער געזעלשאפט מיט א פעסטער רעגירונג, מיט גוט אויסגעארבעט שכלדיק צוזאמענגעשטעלטע געזעצן, קאָן דערגרייכט ווערן און זיך האלטן, א גלייכע הכנסה-צעטיילונג. א שטארקע מלוכה הייסט די וואָס האָט א גרויסע באַצאָלטע ארמעע; פארקערט, דאָס ווייזט סימנים פון מורא. שטארק איז נור א מלוכה, וואָס רופט ארויס די מאָראלישע אנערקענונג פון דער שטאַרקערער מאיאָריטעט פון פאָלק. כדי דייטלעכער זיך אויסצודריקן, די וועמעס פּאָליציי און אנדערע מלוכה-באַאַמטע עס קאָנען האָפן אויף דער סימפּאַטיע פונם פאָלק און ווען נויטיק אויך אויף זייער הילף. א מלוכה, וואָס האָט נישט דידאָזיקע מאָראַלישע שטאַרקייט, קאָן זיך נישט לאַנג האלטן און קאָן נישט דורכפירן אזעלכע ענדערונגן, ווי די ענדערונג פונם איצטיקן סיסטעם אויף סאָציאַליזם. דאָס דארף,

זיין לאנגע געשעפטלעכע אומאָרדנונגען און פארגרעסערונגען אין דער ציווילער דינסט. זיי מוזן האָבן א גוטע איבערלייגונג און עס איינציקוויין דורכפירן מיט שכל, זיי מוזן זיין נענוג פּאָפּולער, כדי זיך אוועקצושטעלן אויף א פעסטן באָדן וואָס זאָל זיין צו סאָליד, אז רעגירונגס־ענדערונגען זאָלן זיי קאָנען טרייסלען, ווי א שטייגער אונדזער פּאָסט־סיסטעם אָדער אונדזער קאָמוניזם פון גאסן, בריקן, פּאָליציי, קאַנאַליזאציע און באלייכטונג.

עס איז א גרויסער שאָד, וואָס די ענדערונג קאָן נישט אגטשטיין גיכער, נור מיר מוזן געדענקען, אז ווען משה־רבינו האָט באפרייט די יידן פון זייער שקלאַפעריי אין מצרים זענען זיי געווען אזוי נישט צוגעגרייט צו קיין פרייקייט, אז ער האָט זיי געמוזט לאָזן אַרומוואַנדערן אין דער מדבר גאנצע פערציק יאָר, ביז די וואָס זענען געווען שקלאַפן אין מצרים, זענען שוין כמעט אלע געווען טויט. די צרה איז דאָן נישט באשטאַנען אין דעם מהלך פון מצרים ביז צום פארשפּראָכענעם לאַנד, וואָס מען האָט לייכט געקאָנט דורכגיין אין משך פון פערציק וואָכן, נור די ענדערונג אין דער לאַגע, און די געוווינהייטן אין דעם גע־דאנקען־גאַנג, אין דעם ווידערווילן פון די שקלאַפן, וועלכע זע־נען גוט באהאנדלט געוואָרן און האָבן זיך געפילט זיכער איידער אונטערצוּווארפן זיך דעם געפאר און די נויט אלס פרייע ריזיקאנטן. מיר וואָלטן געהאַט די אייגענע צרה, ווען מיר וואָלטן געפרווט אַרויפצווונגען סאָציאַליזם מיט איין מאָל אויף מענטשן, וועלכע זענען נישט דערצויגן געוואָרן צו דעם. זיי וואָלטן אים צעשטערט צוליב דעם, וואָס זיי וואָלטן אים נישט פארשטאנען און אויך נישט געקאָנט ארבעטן אין זיינע אינסטיטוציעס; א טייל פון זיי וואָלטן אים פּשוט געהאסט. דער אמת איז, אז מיר וואנדערן היינט ארום אין דער מדבר צווישן דעם אַלטן קאָמערציאַליזם און דעם נייעם סאָציאַליזם. אונדזערע אינדוסטריעס, אונדזערע כאַראקטערן, אונדזערע געזעצן און אונדזערע רעליגיעס זענען טיילוויז קאָמערציאליזירט, טיילוויז נאציאָנאַליזירט; און די דער־גאנצונג פון דער ענדערונג, ווערט געשען פּונקט ווי זיי האָבן זיך אָנגעהויבן: דאָס הייסט, אז די נישט אינטעליגענטע פרוי,

וועט אפילו נישט וויסן וואָס עס קומט פאָר. זי וועט אפילו גאָרנישט באמערקן א חוץ דאָס, וואָס טייל אופנים פון לעבן ווערן שווערער און טייל גרינגער, אָדער זי וועט טיילמאָל א זאָג טון, אַז זי ווייסט גאָרנישט וואָסער וועלט עס איז הייַנט, אָדער אַז הייַנט איז א סך בעסער ווי עס פלעגט צו זיין. און די וועלכע שרעקן זיך פאַר דער ענדערונג, קאָנען זיך טרייסטן מיט דער פאַרזיכערונג, אַז עס איז מער געפאַר עס זאָל קומען צו פאמעלעך איידער צו גיך, און וואָס מער פוילקייט — מער צרות. עס איז גאַנץ גוט, וואָס מיר וועלכע זענען נישט פּאַסיק פאַרן סאָציאַליזם, צוליב אונדזער דערציונג, וועלן נישט אייביק לעבן. מיר וואָלטן נור געהאַט א מעגלעכקייט נישט צו פאַרדאַרבן אונדזערע קינדער, וואָלטן אונדזערע פּאָליטישע אַבערגלויבנס און פאַראורטיילן געשטאָרבען מיט אונדז צוזאַמען און דער קומענדי־קער דור וואָלט אפשר צעבראָכן די ווענט פון יריחו. צום גליק זענען די סיבות, וואָס מיר קאָנען געוווּנען דורך סאָציאַליזם פאַרן פּראָלעטאַריאַט, און דער פאקט אז פּראָלעטאַרישע עלטערן זענען א ריזיקע מאַיאָריטעט אין דער ווילער־טעריטאָריע, וועט אפשר זיין די סיבה מען זאָל ווענדן די מאָראָל און די בילדונג אַלץ מער און מער לטובות דער באוועגונג צום סאָציאַליזם.

איך האָב בכיוון אויסגעמיטן נישט אויסצונוצן וועלכן עס איז מאָראַלישן דרוק אויף דער עפנטלעכער מיינונג קעגן עקאָ־נאָמישער אייגנוציקייט. עס איז נישטאָ קיין שום ספק, אז דאָס וועט זיין א טייל פונם נאַציאָנאַלן געצווייסן ביים סאָציאַליזם פּונקט ווי אונטער קאַפּיטאַליזם. קינדער ווערן געלערנט צו דענקען, אַז דערפאָלג אין לעבן הייסט האָבן מער געלט פון אנדערע און נישט אַרבעטן דערויף. און איך ווייס ווי שווער עס וועט אייך זיין צו גלויבן, אז די עפנטלעכע מיינונג קאָן זיך איינגאַנצן ענדערן. איר האָט אפשר באמערקט, אז מענטשן קלויבן הייַנט צו טאָג אויך נישט תמיד אויס דווקא אזא באשעפטיקונג, ביי וועלכער מען קאָן צומערסטן פאַרדינען. זיי וואַרפן טיילמאָל אוועק איינ־טרעגלעכע אַרבעט און הונגערן ביי דעם, וואָס איז זיי מער צום האַרצן, פונדעסטוועגן, קוים האָבן זיי איינמאָל אָנגענומען

די ארבעט, וועלן זיי תמיד פּרוּוון אַרויסבאַקומען פון איר וויפיל זיי קאָנען נור, און וואָס מער זיי קאָנען ארויסבאַקומען אַלץ שטארקער האַלט מען פון זיי. איך נעם אלזאָ אָן, אז זיי וועלן ווייטער אויך אזוי טון, אויב זיי וועלן נור קאָנען (היינט האָבן בלויז געציילטע מענטשן, די פרייהייט דאָס צו טון), הגם איך קאָן מיר פאָרשטעלן, אז אין א סאָציאַליסטישער וועלט אין דער צוקונפט, אויב עמעץ וועט פּרוּוון אויסנוצן די שכנים עקאָנאָמיש וועלנדיק זיין עקאָנאָמיש פּריווילעגירט פון דער גאַנצער געמיינדע, וועט עס מסתמא באטראכט ווערן פאר אזא מיאוסן טאַט, אז קיינער וועט עס נישט קאָנען טון, סיידן ער זאָל פארלירן זיין שטעלונג אין דער געזעלשאַפט, פּונקט ווי היינט א פּראָפעסיאָנעלער קאָרטן-שפּילער.

# LXXIV

## סאָציאַליזם און פרייהייט

די מורא פאר סאָציאַליזם וואָס טייל נערוועישע מענטשן האָבן, ווייל זיי פארשטייען אים נישט, מיינענדיק אַז ביי אַ סאָציאַליסטישן סיסטעם וועלן זיין צופיל געזעצן און אַז אונדזער יעדער באַוועגונג אין לעבן, וועט רעגולירט ווערן פון דער פּאָליציי — לייגט זיך שוין גיכער איינפן שכל ווי די שרעק פון אומוויסנדיקע מענטשן, וואָס מיינען אַז סאָציאַליזם וואָלט געהייסן דער סוף פון אַלע געזעצן בכלל. דערפאר וואָס אונטערן קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם, זענען מיר געוועזן געצווונגען צו שאַפן אַזעלכע באַגרענעצונגען, וואָס וואָלטן אונטער אַ סאָציאַליסטישער נאַציע נישט געהאַט קיין שום זין, פשוט כּדי אָפּצוראַטעווען דעם פּראָלעטאַריאַט פון אונטערגאַנג אָדער ווייניקסטנס פון עקסטרעמען, וואָס וואָלטן זיי דערוועקט צו אויפשאַנדן.

אָט האָט איר אַ ביישפּיל: מיינער אַ פריינט האָט באַשעפּטיקט עטלעכע מיידלעך אין אַן אַרטיסטישן מסחר, קעגן וועלכע עס איז נישט געווען געגנוג קאָנקורענציע, וואָס זאָל אים צווינגען צו אַרבעטן מיט די מיידלעך שווער. האָט ער געדונגען אַ פיין הויז ביים טייך ריווער, זייער שיין דעקאָרירט מיט „מאָריס-טאַפּעטן" און אַזוי איינגעאָרדנט, אַז די מיידלעך האָבן געקאָנט באַקומען זייער טיי אין די שטובן, ווי זיי האָבן געאַרבעט, דערצו גאַנץ באַקוועם שיער נישט ווי אינדערהיים, און אַלץ איז זיך געגאַנ-

געפן כשורה, ביז אין א געוויסן טאָג איז אריינגעקומען א געוויסער הער און האָט זיך פאָרגעשטעלט פאר מיין פריינט, אַלס פאבריק־אינספעקטאָר. ער האָט זיך ארומגעקוקט שטארק פארוואונדערט און א פרעג געטון:

— ווו אַרבעטן די פרויען.

— דאָ, — האָט מיין פריינט געענטפערט מיט א באַרעכטיקטן שטאָלץ אין דער זיכערקייט, אז דער אינספעקטאָר האָט נאָך קיינמאָל פריער נישט געזען אזא פיין - איינגעאָרדנטע פאַבריק.

דער אינספעקטאָר אָבער טוט א פרעג:

— ווו איז די קאָפּיע פון די פאַבריק־געזעצן, וואָס איר זענט לויטן געזעץ מחויב אויפצוהענגען אויף די ווענט אזוי, אז אייערע אָנגעשטעלטע זאָלן עס האָבן פאַר די אויגן.

— איך בין זיכער, אז איר דערוואַרט נישט איך זאָל אויפהענגען אזא מין פאַסקודסטווע אויף דער וואַנט פון א שטוב, וואָס איז אייסגעשטאַט ווי א סאלאָן?—האָט מיין פריינט געזאָגט. מאלט אייך אויס, אז דידאָזיקע טאַפּעטן זענען פון מאָריס־פאַפּיר און איך קאָן נישט מאַכן קיין תל דערפון דורך אויפקלעפּן דערויף אזא מין פלאַקאַט.

— איר וועט שטרענג באשטראָפט ווערן. — האָט געענטפערט דער אינספעקטאָר — נישט נור פאר דעם וואָס איר האָט נישט אויפגעקלעפּט די רעגולאַמינען, נור פאר דעם וואָס איר טאַפּעצירט די ווענט פון אייער פאַבריק, וועלכע דאַרפן לויטן געזעץ גאָר פון צייט צו צייט אָפּגעקאַלכט ווערן.

— כאַפּט עס דער רוח!—האָט מיין פריינט אויסגעשריגן—איך וויל אז אָט דער פּלאַץ זאָל אויסזען שיין און היימיש. איר פארגעסט, אז די מיידלעך אַרבעטן נישט תמיד, זיי טרינקען דאָ זייער טיי אויך.

— דערפאַר וואָס איר האָט דערלויבט אייערע אָנגעשטעלטע צו טרינקען טיי אין דער אייגענער שטוב, ווו זיי אַרבעטן זענט איר באַגאַנגען נאָך א פארברעכן — האָט דער אינספעקטאָר געזאָגט. איר האָט געבראָכן דעם פאבריקס־געזעץ.

איבערלאָזנדיק מיין פריינט ווי א קרימינעלן פאַרברעכער, וואָס מען האָט אים געכאַפּט ביידער מעשה איז דער אינספּעקטאָר ארויסגעגאַנגען.

צופעליק איז דער אינספּעקטאָר געווען א קלוגער מענטש. ער איז נישט געקומען מער, די שטראָפן זענען נישט אויסגעפירט געוואָרן, די מאָרים-טאָפּעטן זענען געבליבן און מען האָט ווייטער דאָרט געטרונקען טיי. נור דער אינצידענט באַווייזט אייך אויף ווי ווייט מיר זענען ביים קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם בארויבט פון פּערזענלעכער פרייהייט צו טון גוטס, פּונקט ווי שלעכטס. דאָרט ווו עס האָט א שייכות מיט פרויען, איז עס אן אָנגענומענער כּלל, אז זיי מוזן מער באשיצט ווערן פון מענער (ווי מענער וואָלטן א שטייגער געווען פרייער אין די פאבריקן ווי פרויען) און צוליב דעם זענען די געזעצן לגבי זיי א סך שטרענגער. אזוי אז פרויען איז אָפטמאָל שווער צו באַקומען אַרבעט דאָרט ווי מענער זענען פאסיקער. א חוץ וואָס די פאַבריקס-אינספּעקטאָרן זענען דאָ די קאָמיסיאָנערן פון דער אינלענדישער-שאַץ-קאַמער, פרעגן זיי זיך אויס מכּוח אייערע פארדינסטן און און אָפטמאָל זענען זיי גורם איר זאָלט פארדינען ווייניקער. די שול-אינספּעקטאָרן ווערן די באַלעבאַטים איבער אייערע קינדער. די אינספּעקטאָרן פון דער לאָקאַלער מלוכה באַפעלן אייך צו בויען, מאַכן די קאַנאַליזאַציע און אנדערע באדערפענישן אין אייער הויז, נישט ווי אייך געפעלט, נור ווי זיי, די באַאַמטע פון אָרעם-געזעץ, די באַאַמטע פונם געזעץ וועגן שטיצע פאר ארבעטסלאָזע, די סאַניטאַר-אינספּעקטאָרן און נאָך אַזעלכע, וואָס איך קאָן גראָד אין דער רגע נישט געדענקען. און די טענדענץ זייערע איז צו האָבן אַלץ מער און מער אזעלכע, פּונקט ווי מיר ווערן אַלץ ווייניקער טאָלערירט צו די באַליידיקונגען פון אונדזער קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם. נור אויב איר וועט זיך בעסער ארייַנטראַכטן, ס'הייסט שטודירן דאָסדאָזיקע אַריינמישן זיך אין אַלצדינג וואָס האָט א שייכות מיט אונדזער פרייהייט, וועט איר זען אז אין דער פּראַקטיק האַלטן זיי זיך אָפּ נישט ארייַנצוקריכן יענעם אין דער נשמה, אויב דער יענער איז רייך און

זיי האַלטן, אַז ער איז פּעזיק אַליין אַכטונג צו געבן אויף זיך. למשל, די שול-אינספּעקטאָרן קומען קיינמאָל נישט אין אַזעלכע הייזער, וואָס זענען אָפּגעשאַצט איבער א געוויסע סומע, הגם די בילדונג פון די קינדער אין יענע הייזער ווערט זייער אָפט שרעקלעך פאַרנאַכלעסיקט אָדער נישט ריכטיק צוגעפּאַסט. און באַאַמטע, וואָס דאַרפן אַכטונג געבן אויף דעם אָרעם-געזעץ, וואָלטן לגמרי נישט עקזיסטירט, אויב עס וואָלטן נישט געווען קיין אָרעמע לייט, אויך וואָלטן נישט געווען קיין באַאַמטע פון דער אַרבעטספּלאַזיקייטס-ביוראָ, ווען מיר וואָלטן אַלע געהאַט הכנסות, צו מיר וואָלטן געאַרבעט אָדער גראָד נישט. אויב קיינער וואָלט גאָרנישט געקאָנט פּראָפּיטירן צוליב דעם, וואָס ער וועט אַרויסיאָגן פון אונדז די נשמות, אָדער דורך דעם, וואָס ער וועט אונדז צווינגען צו אַרבעטן אין אומבאַקוועמע, נישט געזיכערטע און אומסאַניטאַרע פאַבריקן אָדער ווערקשטאַטן — וואָלטן א גרויסע צאָל פון אונדזערע פאַבריקן געזעצן געווען נישט נור איבערגעטריבן, נור אומדערטרעגלעך אַבסטרוקטיוו.

ערשט באַטראַכט די פּאָליציי: וואָס דאַרפן זיין די פּריינט פון דער ערלעכער פרוי און די שונאים, די פאַרפאָלגער פון גנבים שלעפּער, שווינדלער, סקאַנדאַליסטן, שיכּורים און פּראָסטיטוטקעס. דער פּאָליציאַנט מיטן סאָלדאַט זענען היינט מערסטנס פאַרנומען מיט אַזאַ אַרבעט ווי באַקרעפטיקן די לעגאַלע רויבעריייען פון דעם אָרעמען, א זאַך וואָס געשעט יעדעס מאָל, ווען די רייכטימער פון לאַנד וואָס האָבן זיך געשאַפן פון שווערער און ביטערער אַרבעט פון פּראָדוקטיוון אַרבעטער, גייען אַריין אין די קעשענעס פון די ליידיקגייער אָדער דעם ליידיק-גייערס א פּאַראַזיט אין א פאָרם פון רענטעס, פּראָצענטער א. א. וו. מען האָט זיי אפילו געגעבן די מאַכט צו אַרעסטירן אונדז פאַר שלאָפן אונטערן פרייען הימל און פרישער לופט, אַנשטאָט צו באַצאָלן א ווירט פאַר א דערלויבעניש צו שלאָפן. ווערט פּטור פון דעמדאָזיקן טייל פון זייערע פליכטן צוזאַמען מיט דער אָרעמקייט, וואָס האָט געברענגט דערצו און ווערט פּטור פון רער געוואַלטיקער פאַרדאָרבנקייט, ווי גנבענען, סקאַנדאַלעווען, שווינדלערייען

און פראָסטיטוציע, וואָס איז דער פועל-יוצא פון אָרעמקייט, פונקט ווי פּאָקן און טיפוס זענען א פועל-יוצא פון אומסאַניטאַרישקייט און שמוץ און איר ווערט פטור פון דעם אומדערטרעגלעכסטן טייל פון די היינטיקע פּאָליציייִשע אַקטיוויטעט מיט די תפיסות, קרימינאַל-געריכטן און זשורי-פליכטן.

אז מיר וועלן פטור ווערן פון דער אָרעמקייט, וועלן מיר פטור ווערן פון די אומגליקן און זאָרגן, וואָס זי איז אונדז גורם. כדי זיך צו שיצן דערפון, לאָזן זיך פרויען אַזוי גוט ווי מענער, אַריין אין דעם געיעג נאָך פאַלשע פאַרגעניגנס, געקינסטלט גליק, פונקט ווי זיי גיבן זיך אונטער אַלערליי פאַרטויבונגס-מיטלען, ווען זיי דאַרפן דורכגיין א שווערע יסורימדיקע אָפּעראַציע. אַלקאָהאָל שאַפט פאַלש גליק, פאַלשן מוט, פאַלשע פריילעכקייט, א פאַלשע זעלבסט-צופרידנקייט און מאַכט דאָס לעבן דערטרעגלעך פאַר מיליאָנען וואָס וואָלטן אזוי בשום-אופן נישט געקאָנט פאַרטראָגן זייער לאַגע. פאַר זיי איז אַלקאָהאָל א ברכה. נור צוט אומגליק איז עס פונקט פאַרקערט, עס פאַרדאַרבט דאָס געוויסן, דעם קאָנטראָל איבער זיך אַליין און די נאָרמאַלע פונקציע פונם גוף, עס איז גורם פאַרברעכן, קראַנקהייטן און געפאַלנקייט, ביז אזא מאָס, אז מען האָט עס פאַרבאָטן צו פאַבריצירן און פאַרקויפן אין די אַמעריקאַנער פאַרייניקטע שטאַטן און אין ענגלאַנד איז אויך פאַראַן א שטאַרקע באַוועגונג פאַר א „פראָהיבישאָן געזעץ”.

בלויז דער שטאַרקער ווידערשטאַנד אנטקעגן דעמדאָזיקן פרווו, אָפּצושאַפן דאָס קינסטלעכע גליק, באַווייזט ווי שטאַרק נויטווענדיק עס איז געוואָרן ביים קאַפּיטאַליזם. א באַרימטער אַמעריקאַנער פראָהיבישאָניסט (אַן אַנטיילנעמער אינם אָפּשאַפן אַלקאָהאָלישע געטראַנקען) איז באַפאַלן געוואָרן אינמיטן העלן טאָג אין די לאָנדאָנער גאַסן, פון א חברה סטודענטן, וואָס האָבן שטודירט מעדיצין און זיי האָבן אים אזוי צעהרגעט, אז ער האָט זיך קוים אַרויסגעראַטעוועט מיט איין אויג און כמעט א צעבראָכענעם רוקן. אויב ער וואָלט געווען אזוי באַרימט צוליב עפּעס אַנדערש וואָלט די רעגירונג פון די פאַרייניקטע שטאַטן געפאָדערט א פולע פאַרגיטיקונג און אַנטשולדיקונג און א שטרענגע

שטראָף פאר זיינע אָנגרייפער און אויב דידאָזיקע פאָדערונג וואָלט נישט באפרידיקט געוואָרן אָדער אפילו נישט גערן דערפילט געוואָרן, וואָלטן די אַמעריקאַנער היץ־קעפּ געליאַרעמט, אז מען דאַרף צוליב דעם פאַל דערקלערן א מלחמה. אָבער א שונא פון פארשלעפערונגס־מיטל וואָס מאַכט דערטרעגלעך די צרות פון די אָרעמע און דאָס ליידיק אַרומגיין פון די רייכע און ברענגט אַריין אין א מין פארשיכּורטן און פארכּשופטן חלום, וואָס מ'רופט פארוויילונג, האט נישט זיין אייגן לאַנד און נישט אונדזער פאָלקס־געוויסן גערירט אויף אזויפיל, אז מען זאָל ווייניקסטנס אָנזידלען אַביסל די פּאָליציי. עס איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז ווען מען וואָלט אים געווען צעריסן אויף קליינע שטיקלעך, וואָלט דער אַלגעמיינער אורטייל געווען, אז דאָס איז אים געקומען, ווייל ער האָט זיך עס כּשר פארדינט.

נור אַלקאָהאָל איז, ווי עס איז, נאָך זייער א מילדער „דראַנג" (פאַרשיכּורונגס מיטל) אינפאַרגלייך מיט די מערסטע מאָדערנע גליק־פּראָדוצירער. זיי גיבן אייך נישט קיין סתם אויפגעזאָטענע זעלבסטצופרידנקייט און איינבילדונג. זיי ברענגען אייך אַריין אין עקסטאַז. דערנאָך קומט א שרעקלעכע צעבראָכנקייט; אָבער איר קאָנט דאָס ווידער גוט מאַכן דורך נעמען מער און מער, ביז וואנען איר ווערט א לעבעדיקע שרעק פאַר אַלע אַרום אייך; ביז, ענדלעך, איר ווערט אַ טויט־שרעק צו זייער גרויסער דערלייכטערונג. וואָס אנבאלאַנגט דידאָזיקע דראָגס" וואָגן אפילו נישט קיין חברה דאָקטוירים־שטודענטן, וואָס לערנען זיך אויסדריקלעך צו האַנדלען מיטן קינסטלעכן געזונט און גליק, צו פּראָטעסטירן קעגן דעם שטרענגסטן פאַרבאט אַזוי לאַנג ווי מען נעמט נור נישט אַוועק ביי זיי די דערלויבעניש צו פאַרשרייבן דידאָזיקע נאַרקאָטישע מיטלען. נישט געקוקט דערויף איז די פאָדערונג אויף דעם אַזוי גרויס צווישן דעם קלאַס מענטשן, וואָס האָבן צופיל געלד און צווייניק אַרבעט, אַז דער שמוגל, וואָס איז גרינג און איינטרעגלעך האָט גענוג בעלנים, צולהכעיס דער שווערסטער שטראָף; אונדזערע באַמיונגען צו ליקווידירן דעמדאָזיקן האַנדל האָט אונדז שוין פאַרבונדן מיט

אַזאַ אַריינמישן זיך אין פּערזענלעכע פרייהייט, אַז מען דערלויבט אונדז נישט צו קויפן אַ סך מינים נאַרקאָטיק, וואָס מיר דאַרפן גראָד האָבן פאַר די אומשולדיקסטע געברויכן סיידן מיר צאָלן נישט פריער אָפּ (איך מיין נישט צו זאָגן שוחד) אַ דאָקטאָר, ער זאָל עס אונדז פאַרשרייבן.

פונדעסטוועגן האָט די פּראָהיבישן קעגן די שאַרפערע מינים נאַרקאָטיק, די אונטערשטיצונג פון דער עפנטלעכער מיינונג: נור קעגן אַלקאָהאָל רופט אָט דער פאַרבאָט אַרויס אַזאַ אויפריר, אַז די שטאַרקסטע מלוכה האַלט זיך אָפּ דערפון, הגם זי האָט מער ווי גענוג באַוויזן, אַז דאָס האָט פאַרבעסערט די מאַטעריעלע לאַגע דאָרט, ווו מען האָט זיך נור איינגעשטעלט און איינגעפירט פּראָהיבישן. איר באַווייזט די מענטשן, אַז ווען זיי זאָלן נישט טרינקן וואָלטן זיי געוווינט אין זייערע אייגענע הייזער אַ חוץ וואָס זיי וואָלטן געהאַט אייגענע אויטאָמאָבילן, אַ קאָנטאָ אין אַ באַנק און לעבן צען יאָר לענגער. זיי לייקענען עס אָפּ מיט כעס; און אויב איר שלאָגט זייער אָפּלייקענען מיט זיכערע ראיות פון אמעריקאנער סטאַטיסטיקער, זאָגן זיי אייך גאַנץ אָפן, אַז זיי ווילן ליבערשט זיין גליקלעך דרייסיק יאָר אין אַ טענעמענט הויז, אָן אן אויטאָמאָביל אָדער אן אָפּגעשפּאָרטער פּעני אין דער באַנק, איידער צו זיין פערציק יאָר אומגליקלעך, האָבנדיק אפילו די אלע זאכן. איר געפינט אַ פרוי אומגליקלעך, צוליב דעם, וואָס איר מאַן טרינקט און ער רויִנירט איר און די קינדער; און ווען עס געלונגט אייך שוין אָפּצוהאַלטן אים דערפון, וועט איר זיך אַביסל שפּעטער דערוויסן, אַז זי האָט אים אליין צוגערעדט, ער זאָל צוריק אָנהויבן טרינקען, מחמת זיין מרה־שחורה, בעת ער איז ניכטער איז אזוי גרויס, אַז זי קאָן עס נישט פאַרטראָגן, זי קאָן פשוט נישט וווינען מיט אים, און כדי זיין שכּרות זאָל איר זיין דערטרעגלעך הויבט זי אליין אויך אָן צו טרינקען און לעבט מיט אים גליקלעך אין אן אומפאַרשעמטער געפאַלנקייט, ביז זיי שטאַרבןביידע צוזאַמען פון שיכּרות.

אַ חוץ דעם פילן זיך די גרויסע מאַיאָריטעט פרויען

וואָס טרינקן גאָר־ישט ערגער צוליב דעם, מחמת זיי פילן נישט די ספּעציפֿלע פּעיקייטן, וואָס זיי וואָלטן געקאָנט האָבן, וואָס וואָלט זיי פאַרשאַפט פאַרגעניגן, ווען זיי וואָלטן געווען ניכטער. בלויז געציילטע מענטשן זענען געצוווּנגען אַרויסצובאַקומען פון זיך זייער עקסטרעמסטע פּעיקייט בעת זייער אַרבעט. ווען מען גייט עס אָן צי א גערטנערין אָדער א בוכהאַלטערין אָדער א מאַשין־שרייבערין אָדער אַן עקספּידענטין טרינקט אָדער נישט, כּל־זמן זי שיכּורט זיך נור נישט אָן, אַז עס זאָל זיך מערקן? נור ביי א שאָפערין אָדער א פּילאָטין קאָן אַן איבעריק „ביסל" מאַכן א חילוק צווישן טויט און לעבן. דאָס וואָס וואָלט געהייסן ניכטערקייט ביי אַ ביליאַרד־פאַרצייכנערין וואָלט געהייסן רוּינירנדיק שיכּרות פאַר אַ פּראָפעסיאָנעלע ביליאַרד־שפּילערין. דער, וואָס לעבט אויף אַזאַ אַרבעט, ביי וועלכע עס פאָדערט זיך איבונג, מוז זיך פון דעם רייצנדיקן גלעזל אָפּזאָגן, מחמת ווען זי שפּילט גאָלף, למשל, וועט זי באַמערקן, אַז עס שטערט איר אַריינצוטרעפן דעם באַל. דען זעט, אַז מ׳קאָן טיילמאָל ווירקן אויף אַן אַרבעטערין אויפצוהערן טרינקען מיט דעם, וואָס מען גיט איר מער פריי־צייט. מחמת זי זעט אַז אויב אַ פרוי איז אפילו גענוג ניכטער, כּדי צו טון איר אַרבעט ווי געהעריק, איז דאָך נישט קיין סימן, אַז זי איז אויך גענוג ניכטער כּדי צו קאָנען שפּילן אַזוי ווי זי וואָלט געוואָלט. די רגע וואָס מענטשן דערפילן זיך אין אַ פּאָזיציע צו אַנטוויקלען די געשיקטקייט ווי זיי רופן עס ביז אַ מאַקסימום, ביי אַן אַרבעט אָדער ביים שפּילן, הויבן זיי אָן צו באַדויערן דעם מינימום אפילו פון דער אַזויגערופענער געשיקטקייט, וואָס אַלקאָהאָל צע־הרגעט, וואָס ביי בעסערע באַשעפטיקונג איז עס גורם, אַז מען זאָל אָנטשטאָט אַן ערשט־קלאַסיקער אַרבעט מאַכן אַן אַרבעט פון אַ צווייטער מדרגה, ווען דאָס בוך וואָלט עפּעס געהאַט צו פאַר־דאַנקען אַלקאָהאָל אָדער אַוועלכן עס איז אַנדער נאַרקאָטיק, וואָלט עס אויך אפשר בעסער געווען; אָבער עס וואָלט געווען אַ סך אַ סך ווייניקער געוויסנהאַפטיק אינטעלעקטועל און דערפאַר א סך מער געפערלעך פאַר אייער גייסט.

ווען איר זאָלט זיך גוט אַרייַנטראַכטן אין דעם אַלעמען, וועט איר זען, אַז וואָסער עס איז סאָציאַלע ענדערונג, וואָס זאָל אונטערברענגען אָרעמקייט און געבן מער פרייע-צייט פאַר איבונגען וואָלט גורם געווען, אַז אַרבעטער זאָלן פאַרלירן די באַדערפעניש פאַרן קינסטלעכן גליק און זיי זאָלן פאַרמערן די געלעגנהייטן פאַר דעם מין אַקטיוועטעט, ווו מענטשן זענען איבערזיכטיק, נישט צו פאַרקלענערן זייער רייפקייט, צוליב רייצנדיקע געטראַנקן א. א. וו. מיר זענען שוין איצט מודה, אַז דער אַטלעט טאָר נישט טרינקען בעת זיינע איבונגען; און וואָס בענטער: מיר וועלן זיין פון אַ וועלט, ווו יעדער איינער וועט זיך כסדר איבן. אַלע נענטער וועלן מיר זיין פון אַן אַלגעמיינעם טיטאָטעליזם (קיינער וועט נישט טרינקען) און פון דער מעגלעכקייט אָפּצושאַפן די אַלע באַגרענעצונגען צו דער מענטשלעכער פרייהייט. עס איז דער באַהערשנדיקער הונגער נאָך אַ ביסעלע גליק, וואָס צווינגט אונדז היינט זיך צו ווענדן צו אָט די שעדלעכע פאַלשע מיטלען.

וואָס שייך אַזעלכע ערנסטע פּערזענלעכע באַליידיקונגען, פון געצווונגענעם פּאָקן-שטעלן און די אומגעהויערע צאָל געפערלעכע איינשפּריצונגען וואָס מען מאַכט די סאָלדאַטן — און ביי אַ טייל גרענעצן אויך די עמיגראַנטן — דאָס זענען נור פאַרצווייפלטע פּאַרזוכן, צוריקצושטויסן די קאָנסעקווענצן פון שלעכטער סאַניטאַרישקייט. איבערגעפּאַקטקייט. וואָס שטעקט אָן מענטשן מיט קראַנקהייטן; פאַרצווייפלטע פּחדים פון די וואָס זענען געזונט און שטאַרק און האָפן צו אַנטוויקלען אַ נאַטירלעכן ווידערשטאַנד און באַקעמפן יעדע אַנשטעקונג. זיי וועלן האָבן גענוג באַוועגונג, גימנאַסטיק, וואָס זאָל זיי ארויסהעלפן, אינדערצייט פון אַ קראַנקהייט. די אָרעמקייט פון אונדזערע דאָקטוירים ברענגט זיי דערצו, אַז זיי זאָלן אונטערשטיצן אזאַ מין פּראַקטיק, וואָס ליגט אין די ציין פון יעדער דערפאַרענער און אומאינטערעסאַנטער וויסנשאַפט, אָבער ווען מיר וואָלטן פּטור געוואָרן פון אָרעמע דאָקטוירים און אומסאַניטאַרע וווינונגען, וואָלטן מיר פּטור געוואָרן פון דידאָזיקע קראַנקהייטן, וועלכע פירן אונדז אַריין אין

א צושטאנד פון שרעק פאר גראָטעסקע־מכשפה־ריטועלן און קיין שום פרוי וועט נישט גיין געצווונגענערהייט איינשטעלן דאָס לעבן פון איר קינד און איבערלאָזן עס דער סכנה פון א מוראדיקן לאַנגזאַמען, שרעקלעך דיספיגורירנדיקן טויט דורך אַלגעמיינער אימפונג, סיידן, ווען עס ווערט קראַנק אויף פּאָקן, וואָס וואָלט אייגנטלעך שוין געווען בעסער ווי דאָס. די מורא פאר עפּידעמיעס. דאָס הייסט, פאר קראַנקהייטן און פריצייטיקן טויט, האָט געשאַפן א פאַלשן וויסנשאַפטלעכן טיראַניזם, פונקט ווי די מורא פארן גהינום האָט געשאַפן א גלחישן טיראַניזם אין די גלויביקע צייטן. פלאָרענס נייטיגאַל, א קלוגע פרוי, וועמען די דאָקטוירים האָבן נישט געקאָנט אָפּנאַרן און נישט אָפּשרעקן, האָט זיי אַמאָל געזאָגט, אז דער אמתער אומגליק מיט אונדזערע סאָלדאַטן, איז שמוץ, פארדאָרבן שפּייז און אומריין וואַסער; בקיצור דאָס אייגענע וואָס אויפן שלאַכט־פעלד אין א מלחמה, צייט אין די „סלאַמס" (שמוציקע ענגע קוואַרטאַלן) ווען מיר וועלן פטור ווערן פונם דלות, וועלן אונדז די דאָקטוירים נישט קאָנען שרעקן מער מיטן צוואַנג געזעצלעך צו נעמען פּאַטאָגענישע אימפונגען, וואס הרגענען אַוועק מער מענטשן, אויב מען מאַכט עס בעת זיי זענען געזונט, ווי די קראַנקהייט אַליין קעגן וועלכער זיי שוצן אונדז מכלומרשט. און וועלן מיר פטור ווערן פון קאָמערציאַליזם און אימפונגען וועלן מיר אויפהערן צו זיין אָן ענין פון רווחים פאר קאַפּיטאַליסטן, וועלן די צייטונגען אויפהערן רעקלאַמירן דידאָזיקע אימפונגען און אויפהערן צו דערציילן אַלערליי נישט געשטויגענע מעשיות וועגן זיי און אויף זייער אָרט — לאָמיר אזוי האָפן — וועלן דערשיינען וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען, וואָס וועלן זיך באַמיען אויפצוקלערן און דערציילן דעם אמת מכּוח זיי, הגם זיי וועלן נישט זיין קיין בייעס, וועלן זיי האָפנטלעך זיין אינטערעסאַנטער און נוצלעכער פון אָט דעם.

אין וואָס שייך די מאַסע אונטערדריקנדיקע אומגערעכטע געזעצן, וואָס באַשיצן אייגנטום אויפן חשבון פון הומאַניטעט און גיבן אייגנטימער די מעגלעכקייט צו קאָנען אַראָפּטרייבן גאַנצע געמיינדעס פון זייער לאַנד, ווייל זיי, די אייגנטימער

די מעגלעכקייט צו קאָנען אַראָפּטרייבן גאַנצע געמיינדעס פון זייער לאַנד, ווייל זיי, די אייגנטימער, רעכענען אויס, אז שעפּסן אָדער הירשן ברענגען מער רווח, — מכּוח דעם האָב איך שוין געזאָגט גענוג. נאַטירלעך וועלן מיר פון זיי פּטור ווערן, ווען מיר וועלן פּטור ווערן פון פּריוואַט-אייגנטום.

איצט יעדנפאַלס מוז איך צוקומען צו איין פאַל, אין וועלכן די אָפּיציעלע אַריינמישונג אין דער פּערזענלעכער פרייהייט, וואָלט אונטער א סאָציאַליסטישן סיסטעם דערגאַנגען צו אַזאַ מאָס, וואָס מ'חלומט גאָר הייַנט נישט.

מיר קאָנען הייַנט אַרומגיין ליידיק, וויפיל מיר ווילן, אויב מיר האָבן נור געלט אין קעשענע און וואָס מער מיר זעען אויס אַזוי־ווי מיר וואָלטן קיינמאָל נישט געאַרבעט, און מיר קלערן גאָרנישט צו טון אַזאַ זאַך, אַלץ מער דרך-ארץ האָט פאַר אונדז דער באַאַמטער, מיט וועלכן מיר קומען אין קאָנטאַקט, אַלץ מער איז מען אונדז מקנא, אַלץ מער כּבוד גיט מען אונדז אָפּ, אַלץ העפלעכער איז מען צו אונדז, אַלץ אויסדערוויילטער האַלט אונדז יעדער איינער. ווען מיר גייען אַריין אַמאָל אין א דאָרפס-שול, שטייען די קינדערלעך אויף און שטעלן זיך אויס אין אַ רייע, אויפצונעמען אונדז מיט גרויס דרך-ארץ, בעת ווען עס גייט אַריין א סטאָליאַר, אָדער א בלעכער, מאַכט עס אויף זיי קיין שום איינדרוק נישט, זיי זעען אים גאָרנישט. אויב עס גליקט אָפּ א מוטער, אַריינצוכאַפּן אַ רייכן ליידיקגייער פאַר א חתן פאַר איר טאָכטער, איז זי שטאָלץ דערויף. אויב עס גליקט אָפּ א פאָטער צו קומען צו א מיליאָן פונט, נוצט ער אויס דאָס געלט, צו שאַפן רייכע ליידיקגייער פון זיינע קינדער. די אַרבעט איז א קללה, איז א טייל פון אונדזער רעליגיע: אַז עס איז א חרפה, איז דאָס ערשטע אַרטיקל אין אונדזער אַלגעמיינעם געזעץ-בוך. טראָגן א פּעקל איבער דער גאַס איז נישט בלויז שווער, ס'איז א דערנידערונג. דאָרט ווי עס זענען פאַראַן שוואַרצע, וואָס קאָנען עס טון, ווי א שטייגער אין צפון - אַפריקע, וועט איר נישט געפינען קיין ווייסן מענטשן ער זאָל טראָגן אַ פּעקל איבער דער גאַס. אין לאָנדאָן פאַראַכט מען די עקסטרעמע

סנאָבן פון די קאָלאָניעס; אָבער וויפיל טיטולירטע דאַמען וואָלט איר געקאָנט באַוועגן צו טראָגן א קריגל מילך איבער דער „באָנד סטריט*) אין אַן אָוונט אין חודש מאַי אפילו אויף א געוועט?

איצט וועט מיר זעען, וואָס עס באַדייט מענטשלעכע פוילקייט, לייגט זיך נישט אויפן שכל, אז בעתן סאָציאַליזם וועט עמיצער טראָגן א פעקל אָדער א קריגל, אויב זי וועט קענען איינרעדן ווענען עס איז, ער זאָל עס טון פאר אירעטוועגן (לאָמיר זאָגן איר מאַן) אָבער עס וועט קיינעם נישט איינפאַלן צו טראַכטן, אז עס איז א חרפה צו טראָגן א פעקל, דערפאַר וואָס טראָגן א פעקל הייסט אַרבעטן. א ליידיקגייערין וועט באַטראַכט ווערן נישט נאָר פאר א גראָביאַנקע און א וואַגאַבונדין נור פאַר א פארשווענדערין פון די נאַציאָנאַלע פאָנדן, זי וועט באַטראַכט ווערן פאַר דעם געמיינסטן מין גנב. דער פאָליציי וועט נישט שווער זיין צו אַנטדעקן אזא מין פארברעכערין, יעדער איינער וועט איר אויסגעבן, ווייל עס וועט עקזיסטירן א מערקווירדיקער אייפערזוכט לגבי די ליידיקגייערישע בירגער, וואָס וועלן נעמען זייער טייל, נישט טוענדיק „זייער ביסל". די אמתע ליידי וועט הייסן יענע פרוי, וואָס וועט נאָך טון מער ווי עס איז איר חוב צו טון און מאַכן אזויאַרום רייכער איר לאַנד. היינט הייסט קיינער נישט דעם באגריף פון דעם, וואָס מען מיינט אַן עכטע ליידי. בכלל איז אָנגענומען, אז די איידלקייט איז פאַראַן ביי יענער פרוי, וואָס נעמט צומערסטן און גיט צומווינציקסטן.

דער סנאָביזם וואָס עקזיסטירט איצט ביי די אַרבעטער גופא, וועט אויך פארשווינדן. אונדזערע איצטיקע נאַרישע דיפערענצן צווישן פיזישע אַרבעט און מוח-ארבעט, צווישן אַן אַנגראָסוחר און א דעטייל-קרעמער זענען באמת קלאַסן-דיפערענצן. אויב א דאָקטאָר האַלט, אז עס איז אונטער זיין כבוד אַריינצוטראָגן א שופלע מיט קוילן פון איין שטוב אין דער אנדערער און ער איז שטאָלץ אויף זיין פעיקייט דורכצופירן א שמוציקע נישט קיין

*) אַן עלעגאַנטע גאַס אין דער מעריב-זייט פון לאָנדאָן.

אָנגענעמע אָפּעראַציע, איז עס געוויס נישט צוליב דעם ווייל די
ערשטע אַרבעט איז עפּעס מער אָדער ווייניקער פּיזיש פון דער
אַנדערער, נור צוליב דעם, וואָס כירורגישע אָפּעראַציעס זענען
פאַרבונדן מיט דער אָפּשטאַמונג פון יענעם בן-זקונים-קלאַס פון
די רייכע און טראָגן קוילן איז פאַרבונדן מיט א פּראָלעטאַרישער
אָפּשטאַמונג. אויב דעם אייזנקרעמערס טאָכטער ווערט באַטראַכט
פאַר נישט פּאַסיק, אויסגעקליבן צו ווערן פאַר דעם אייזנפאַברי-
קאַנטס זון, איז עס נישט דערפאַר ווייל קויפן שטאָל אין אונצן
און פארקויפן עס אין טאָנען זענען אַטריבוטן פון צוויי באַזונ-
דערע מינים, נור ווייל קליינע אייזנקרעמער זענען געוויינטלעך
אָרעם און אייזנפאַבריקאַנטן רייך. ווען עס וועלן נישט זיין
קיין רייכע און קיין אָרעמע און די אָפּשטאַמען פון דעם געוועזע-
נעם רייכן קלאַס וועלן אויסגעמאָלט ווערן ווי קרימינעלע פאָרגייער וועלן
זיך מענטשן נעמען צו וואָס עס זאָל נישט זיין און זיך
אַקעגנשטעלן קעגן אַזאַ צעטיילונג אין דער ארבעט, וואָס
זאָל זיי באַרויבן פון פיזישער באַוועגונג. מיין אייגענע צופיל
אומבאַוועגלעכע באַשעפטיקונג איז אָפטמאָל גורם, איך זאָל חשק
האָבן צו זיין אַן אָנגעשטעלטער – האַלב-צייט–קאַנאַל-ארבעטער.
(האַלב - צייט מיינט אין ענגלאַנד די צעטיילונג פון געוויסע
אַרבעט צו האַלבע טעג פאַר א מאַן אָנשטאָט גאנצע, מחמת דעם
דוחק אין ארבעט). אָפטמאָל בעט איך מיך ממש ביי מיין גערט-
נער, וועלכער איז א פרעסער אויף אַרבעט, ער זאָל מיר איבער-
לאָזן א ביסל גראָבע אַרבעט; נאָכדעם, ווי איך האָב מיך אַזוי
אָנגעשריבן, אז איך קאָן פשוט נישט מער; און איך קאָן נישט
אַרויסגיין אַרבעטן מיט די קאַנאַל-אַרבעטער, ווייל איך וואָלט
אוועקגענומען דאָס ברויט אַן אָרעמען ארבעטער; איך וואָלט
מיר נישט געווען באַקוועם די קעגנזייטיקע געזעלשאַפט, צוליב
דעם אונטערשיד אין אונדזערע געוווינהייטן, רעדן און דערצי-
ונג, וואָס איז דער פּועל-יוצא פון דער דיפערענץ אין אונדזע-
רע עלטערנס הכנסה און קלאַס, אָבער ווען די שטערונגען זאָלן
פאַרשווונדן א דאַנק דעם סאָציאַליזם, וואָלט איך געקאָנט ארבעט
ביי וואָס איך וואָלט געוואָלט, אויב איך וואָלט נור געהאַט גע

נוג כּוח און געווען גענוג פֿעיק עס צו טון און איך וואָלט גע־
קאָנט העלפֿן מײַנע אַרבעטער־חברים אנשטאט זיי ווײַ צו טון.
א חוץ דעם וואָלט איך געווען אזא גוטער חבר צו זיי ווי איך
בין היינט פֿאַר פּראָפּעסיאָנעלע פּערזאָנען און פֿאַר רײַכע לײַט.
אפֿילו ווי עס זעט איצט אויס, ווערט אַ סך היי געזייט לשם
פֿאַרווײַלונג: און איך בין איבערצײַגט (האָבנדיק אַ שטיקל פֿאַנ־
טאַזיע אַ דאַנק גאָט) אַז בעתן סאָציאַליזם וואָלטן אַזעלכע אַר־
בעטער, וואָס עס וואָלט זיי אויסגעקומען צו אַרבעטן אין דער
פֿרישער לופֿט אונטערן פֿרײַען הימל, געהאַט אַ סך פֿרײַע אונ־
טערהעלפֿער פּרויען אַזוי גוט ווי מענער, נישט באַמיענדיק זיך
אפֿילו אַ פֿײַף צו טון נאָך זיי. מעגלעך, אַז מען וואָלט געמוזט
אײַנפֿירן געזעצן בנוגע טעטיקייט. אַלץ וואָלט געמוזט זײַן אַק־
טיוו נישט ליידיקגייעריש: באמת, עס וואָלט אפֿשר געווען אַ סך
שווערער צו זײַן אַ ליידיקגייער ווי עס איז היינט צו זײַן אַ
קעשענע־גנבֿ. לכל־הדעות, אַזוי ווי ליידיק אַרומגיין וואָלט נישט
נור געווען אַ קרימינעל־פֿאַרברעכן נור אויך נישט מעשה
ליידי אָדער דזשענטלמען ביזן נידעריקסטן גראַד, וואָלט קיינער
נישט געהאַט עפּעס אויסצוזעצן קעגן דידאָזיקע געזעצן און מען
וואָלט נישט געקוקט אויף זיי ווי אויף שטערער פֿון דער נאַ־
טירלעכער פֿרײַהייט.

טאָמער וועט עמיצער פּרוּוון אײַך פֿאַרדרייען בײַ דעם
פּונקט מיט דער אַלטער דעלוזיע, אַז דערפֿאַר וואָס קאַפּיטאַל
קאָן פֿאַרגרעסערן די רײַכטימער קאָנען מענטשן לעבן פֿון קאַ־
פּיטאַל נישט אַרבעטנדיק, לאָזט מיר אויף אַ רגע בלויז אומ־
קערן זיך צוריק צו דעם אופֿן, ווי אַזוי קאַפּיטאַל ווערט פּראָ־
דוקטיוו.

לאָמיר נעמען די פֿאַלן, ווו מען באַנוצט זיך מיט קאַפּי־
טאַל נישט צוליב צעשטערנדיקע צוועקן, ווי אין מלחמה, נור
צוליב דעם, מען זאָל פֿאַרגרעסערן די פּראָדוקציע, דאָס הייסט,
כּדי צו שפּאָרן צײַט און מי אין דער צוקונפֿטיקער אַרבעט. ווען
דער גאַנצער אײַנקויף פֿאַרן לאַנד מוז געבראַכט ווערן פֿון דעם
פּראָדוצענט צום קאָנסומענט אויף פֿערד־און־וואָגן אָדער אויטאָ־

בוסן איבער קרומע זאַמדיקע וועגן, זענען די קאָסטן פון צייט און זאָרגן אין אַרבעט פון מענטש און פערד אַזוי אומגעהויער, אַז דער גרעסטער טייל זאַכן מוז געמאַכט און קאָנסומירט ווערן אויפן פלאַץ. אין איין שטעטל קאָן זיין אַ הונגער און אין אַנ־דערן, הונדערט מייל ווייטער, אַן איבערפלוס פון שפייז, צוליב דער שוועריקייט אַריבערצוברענגען עסנוואַרג פון איין אָרט אין אנדערן. אויב עס איז אָבער פאַראַן געגוג אָפּגעשפּאָרטער אינ־האַלט (קאַפּיטאַל) מיט וואָס אויסצוהאלטן גאַנצע מחנות גאַסן־אַרבעטער, אינזשענירן און אַנדערע אַרבעטער, וואָס זאָלן באַ־דעקן דאָס לאַנד מיט שינעס, קאַנאלן און מעטאַלענע וועגן, דאַמפּמאַשינען, באַנען, שיפן און אויטאָבוסן, שוין נישט רעדנ־דיק וועגן אַעראָפּלאַנען, דאַן קאָנען אַלערליי סחורות איבערגע־שיקט ווערן פון די ווייטסטע ערטער גיך און ביליק, אַזוי אַז דאָס שטעטל, וואָס האָט פריער נישט געקאָנט אַריינקריגן קיין וואָגן ברויט און אַ פּאָר קאַנען מילך, ממש דאָס לעבן צו דער־האַלטן קאָן איצט קויפן תבואה, וואָס איז געוואָקסן אין רוסלאַנד אָדער אַמעריקע, אַרטיקלען פאַר דער הויז־ווירטשאַפט, וואָס ווערן אויסגעאַרבעט אין דייטשלאַנד אָדער יאַפּאַן. דאָס אָפּגעשפּאָר־טע מאַטעריאַל וועט אין דערדאָזיקער אָפּעראַציע אינגאַנצן קאָנ־סומירט ווערן: עס וועט דערפון בלייבן נאָר אַזוי פיל, וויפיל עס איז געבליבן פונם געלט, וואָס מען האָט געבאָרגט אויף מלחמה־הוצאות; אָבער די וועגן איבער דער יבשה און ים וועלן בלייבן די מאַשינעריע וועט בלייבן, און מיט דעם קאָן מיט דער צייט דער אַרבעטער אויפטון מער ווי אָן דעם. צעשטערן דידאָזיקע הילף פאַר אַרבעט וואָלט געווען אַ גרויסע סתירה צו אונדזער יערלעכע קאָנפיסקאַציע לטובת דעם נאַציאָנאַלן חוב דורך שטייערן. עס וואָלט אונדז גורם געווען מער אָרעמקייט און ווייניקער צי־ווילִיזאַציע. פּאַקטיש וואָלטן דער גרעסטער טייל פון אונדז גע־שטאָרבן פון הונגער. מחמת אַ גרויסע מאָדערנע באַפעלקערונג קאָן נישט עקזיסטירן אָן מאַשינען, אייזנבאַנען און אַזוי ווייטער, אָבער וועגן און מאַשינען קאָנען אַליין גאָרנישט שאַפן. זיי העלפן נור צו דער אַרבעט. דער אַרבעטער מוז זיי כסדר פאַריכטן

אָדער מאַכן נייע. אַ לאַנד וואָס איז פול מיט פאַבריקן און מאַ־
שינען, וואָס איז פון אַלע זייטן געקרייצט מיט שאָסעען, טראַמ־
ווייען און אייזנבאַנען, באַלייגט מיט עראָדראָמען גאַראַזשן און
אָנגעשטעלט מיט עראָפּלאַנען, לופטשיפן און אויטאָמאַבילן, וואָלט
גאָרנישט פּראָדוצירט, אַחוץ רויבען, זשאַווער און אונטערגאַנג —
ווען די איינוווינער זאָלן זיך אָפּזאָגן צו אַרבעטן. אַרומגערינגלט
מיט די גרעסטע טריומפן פון דער ציוויליזאַציע, וואלטן מיר
אויסגעגאַנגען פון הונגער מחמת מיר וואָלטן נישט געקאָנט עסן
אויף אָנבייסן דעם ליים אַרום די אייזנליניען און דאָס צווייטע
אָנבייסן פון געקאָכטע עראָפּלאַנען און נישט קיין מיטאָג פון
צוגעברוינטע דאַמף־מאַשינען. די נאַטור זאָגט זיך אַבסאָלוט אָפּ
פון צו געבן אונדז די מעגלעכקייט צו לעבן אָדער צו רעזער־
ווירן אויף שפּעטער פון אירע בעסטע לעבנס־מיטלען פאַר אונ־
דזערטוועגן אָן אַרבעט. פון אַרבעט, וואָס איז שוין פריער גע־
טון געוואָרן, קאָנען מיר אפשר האָבן אַ שטיקל הילף; אָבער
לעבן קאָנען מיר נור פון דעם וואָס מיר אַרבעטן איצט אויס.
דערמיט וואָס מיר הייסן איין טייל אַרבעטער, אַז זיי זאָלן זען
פּראָדוצירן מער, ווי זיי קאָנסומירן און הייסן אַן אנדער טייל,
אַז זיי זאָלן לעבן פונם איבערגעבליבענעם בעת די ערשטע מאַכן
וועגן און מאשינען, קאָנען מיר גורם זיין, אַז אונדזער אַרבעט
זאָל זיין אַ סך פּראָדוקטיווער, און געווינען אָדער קורצערע שעהן
פאַר ארבעט אָדער מער פּראָדיקטיוויטעט פון די אייגענע צאָל
שעהן, ווי פריער; אָבער מיר קאָנען נישט סתם אויפהערן אַר־
בעטן און זיך אוועקזעצן צוקוקן ווי די וועגן און די מאַשי־
נען טוען, ברענגען און טראָגן פאַר אונדזערטוועגן און קיינער
זאָל קיין האַנט אין קאַלט וואַסער נישט אַריינטון. מיר קאָנען
פאַרקלענערן די אַרבעטס־שעהן אויף צוויי שעה אַ טאָג אָדער
פאַרגרעסערן די הכנסות אונדזערע אויף צען מאָל אַזוי פיל אָדער
אפשר צוטראַכטן אַן אופן ווי אַזוי צו טון ביידע צוזאַמען. אָבער
עס איז נישט פאַראַן אויף דער וועלט אַזאַ מין כישוף, וואָס
זאָל מאכן מעגלעך עמעצן אַרומצוגיין ליידיק און נאָך זיין אַן
ערלעכער מענטש. אויב איר זעט איינעם וואָס טוט נישט קיין

שום פּראָדוקטיווע אַרבעט, קאָנט איר זיכער זיין, אַז יענער, זי אָדער ער, לעבן פון חנופה און טעלערלעקעריי, דאָס הייסט פשוט פון אַן אַנדערנס אַרבעט. עס קאָן אפשר לוינען צו דערלויבן געוויסע מענטשן דיראָזיקע פּריווילעגיע אויף אַ שטיקל צייט: טיילמאָל יאָ און טיילמאָל נישט. איך האָב שוין געשריבן וועגן דעם, אַז היינט צו טאָג, אויב איינער האָט דערפונדן אַ מאַשין וואָס ברענגט איין אַרבעט רופט מען עס אַ פּאַטענט: דאָס הייסט אַ רעכט צו באַקומען אַ טייל פון דעם, וואָס די אַרבעטער פּראָדוצירן, מיט דער הילף פון אָט דער מאַשין אין משך פון גאַנצע פערצן יאָר. ווען איינער שרייבט אַ בוך אָדער אַ פּיעסע גיבן מיר אים דאָס וואָס מ׳רופט: דאָס רעכט דערויף, אַז יעדער איינער וואָס לייענט דאָס בוך אָדער זעט שפּילן די פּיעסע זאָל מוזן אָפּצאָלן דערפאַר אַזוי לאַנג ווי ער לעבט און פופציק יאָר דערנאָך צו זיינע יורשים. דאָס טוען מיר, כדי צו דערמוטיקן מענטשן, אַז זיי זאָלן דערפינדן מאַשינען און שרייבן ביכער און פּיעסן אנשטאָט זיך צופרידנצושטעלן מיט די אַלע האַנטווערקער־קראַפט און מיט דער ביבל און שעקספּיר; און אַזוי ווי מיר טוען עס מיט אַ פולן באַוווסטזיין און מיט אַ באַשטימטן צוועק און אַזוי ווי אָט די פּריווילעגיע דויערט נור אַזוי לאַנג ביז אונדזער ציל איז דערגרייכט, קאָן דערפאַר אַ סך געזאָגט ווערן. אָבער צו דערלויבן מענטשן דערפאַר וואָס זייער עלטערזיידע האָט אינוועסטירט אַ פּאָר הונדערט פונט אין דער נייער ריווער קאָמפּאַני בעת דער הערשאַפט פון דזשיימס דעם ערשטן אַרומצוגיין ליידיק און לעבן פון דער אומאויפהערלעכער אַרבעט פון די לאָנדאָנער שטייערצאָלער, איז נאַריש און געמיין. ווען זיי וואָלטן ווירקלעך געאַרבעט ביים פאַרזאָרגן לאָנדאָן טעגלעך מיט וואַסער, וואָלטן זיי געהאַט אַ רעכט צו פאַרלאַנגען אָדער קורצערע שעהן, אָדער מער געלט פאַר זייער אַרבעט, ווי עס פלעגט באַקומען אַ וואַסער־טרעגער אין דער קעניגין עליזאַבעטס צייטן; אָבער זיי האָבן נישט קיין פּיצל אויסרייד נישט צו אַרבעטן בכלל. באַטראַכטן פאַר אַ טיראַניזם מצד דעם סאָציאַליזם, דערפאַר וואָס ער וויל, אַז יעדער איינער זאָל טון זיין טייל

אין דער ח'עלטס שעגלעכער אַרבעט, הייסט זיך מודה זיין, אַז מען האָט אין זיך דעם מאַרך פון אַן אידיאָט אָדער אַן אינ־סטינקט פון אַ ייאַגאַבונד.

בכלל איז אַ טעות צו מיינען, אַז אָפּשאַפן אַ געזעץ איז דאָס אייגענע ווי אָפּשאַפן טיראַניזם. נעמט למשל דעם טיראַניזם פון מאָדעס. דער איינציקער געזעץ, וואָס איז פאַראַן אין שייכות דערמיט, איז אַז יעדער מוז גיין עפּעס אָנגעטון אין דער גע־גנוואַרט פון אַנאַנדער מענטשן. דאָס געזעץ זאָגט נישט, וואָס אַ פרוי זאָל גיין אָנגעטון: עס זאָגט נור, אַז ווען זי איז צווישן מענטשן זאָל זי זיין אַן אַרומגעהילטע פיגור, נישט קיין נאַקע־טע. אָבער צי הייסט דאָס טאַקע אַז אַ פרוי קאָן זיך אָנטון וואָס זי וויל? געזעצלעך יאָ; אָבער געזעלשאַפטלעך איז זי אַן ערגע־רע שקלאַפן ווי יענע, וואס דאָס געזעץ אין שייכות מיט שטוב־רע־גולאַציע וואָלט געקאָנט פון איר מאַכן. אויב זי איז אַ קעלנערין אָדער אַ הויז־פריילין, איז נישטאָ קיין פראגע מכוח דעם; זי מוז טראָגן אַן אוני־פאָרם אָדער פאַרלירן די באַשעפטיקונג און הונגערן אויב זי איז אַ פירשטין מוז זי זיך קליידן שטאַטלעך און מאָ־דערנע אָדער זיך מאַכן לעכערלעך. וואָס איז נוגע דער פירש־טין באַצאָלט זי נישט קיין ערגערן פרייז פאַר נישט טראָגן קיין מאָדערנע קליידער, ווי זיין לעכערלעך. אָבער וואָס איז נוגע פרויען וועלכע מוזן פאַרדינען זייער טעגלעך ברויט אויסערן שטוב מוזן זיי זיך האַלטן אַזוי ווי עס פאָדערט די מאָדע, אויב זיי ווילן דערהאַלטן זייערע פאָסטנס הגם די מאָדע פאַסט זיי אפשר גאָרנישט אָדער זיי האָבן נאָך גוטע קליידער אין שאַנק וואס זענען נישט מאָדערן. און וואָס העכער עס איז דער קלאַס פון זייער באַשעפטיקונג, אַלץ מער צוגעבונדן זענען זיי. אַ שמאַ־טע־קלויבערין האָט די טרויעריקע פריווילעגיע נישט צו מוזן זיין אַזוי פונקטלעך בנוגע אירע אַרבעטס־מלבושים ווי די האָטעל־אויפזעערין: אָבער זי וואָלט געווען מער ווי צופרידן, צו האָבן דער אויפזעערינס פריווילעגיע אַלע מאָל צו זיין פיין אָנגעטון. עס איז אַ פאַקט, אַז נאָנעס און פרויען־פּאָליציאַנטן זענען שטאַרק מקנא אַנדערע פרויען אויף דעם געביט, מחמת פאַר זיי, פונקט

ווי פאַר מענער אויף אָוונט-בעלער און פאַר אָפיצירן אויף פאַראַדן איז פאַראַן אַ צוגעטראַכטער באַשטימטער סאָרט מלבושים לויט רעגולאַציעס און מנהגים און זיי דאַרפן נישט טראַכטן וואָס אָנצוטון.

דידאָזיקע קליידונגס-פראַגע איז נור אַ היימישער ביישפּיל, וואָס באַווייזט ווי ווייט די פּריוואַט-באַשעפטיקונג האָט די מאַכט היינט צוטאָג אַרויפצוצווינגען אויף אונדז אַזעלכע רעגולאַציעס, וואָס זענען אַבסאָלוט אויסער דעם געזעץ, אָבער זיי זענען נאָך שטאַרקער ווי דאָס געזעץ. זיי קאָנען אייך צווינגען צו טון וואָס זיי ווילן. דער מאַן, וואָס איז באַשעפטיקט ביי עפנטלעכער אַרבעט, דער סאָציאַליזירטער מאַן איז אַ סך פרייער פון דעם נישט סאָציאַליזירטן, וואָס ביי פּריוואַטער באַשעפטיקונג. ער מעג פאָרן אין דריטן קלאַס, טראָגן אַ געוויינטלעכן אנצוג מיט אַ ווייכן הוט, וווינען אין די ווילִיעס אויסער דער שטאָט און פאַרברענגען זיינע זונטאָגן ווי אים געפעלט, בעת די אַנדערע, מוזן פאָרן ערשטע קלאַס, טראָגן אַ פראַק מיט אַ צילינדער, וווינען אין אַ פיינעם געגנט און גיין רעגולער אין קירך אַריין. זייערע ווייבער מוזן טון פונקט דאָס אייגענע; אַ פריילין וואָס האָט זיך באַפרייט פון די היימישע באַגרענצונגען און פירט אַן אומאָפּהענגיק לעבן געפינט פונקט די אייגענע דיפערענץ צווישן עפנטלעכע און פּריוואַטע אַרבעטן: ביי עפנטלעכער אַרבעט זענען זיי קיינמאָל נישט אָפּהענגיק פונם גוטן ווילן אָדער קאַפּריזן פון אַ פּריוואַטן אומפאַראַנטוואָרטלעכן מענטשן, ווי ס'איז דער פאַל ביי פּריוואַטער באַשעפטיקונג. די שטופּע צו וועלכע פרויען זענען טיילמאָל געצוווּנגען זיך אַראָפּצולאָזן, כדי צופרידנצושטעלן זייערע פּריוואַטע אַרבעטסגעבער זענען נאָך אַ סך מער סקאַנדאַליעז, ווי למשל די קליינע אומערלעכקייטן, אין וועלכע מענער, אָנגעשטעלטע, זענען אַזוי אָפט געצוווּנגען צו ווערן אָנטיילגעמער.

דאַן קומען די געזעצן בנוגע גיטער: דאָס הייסט פאַראָרדנונגען אַרויפגעצוווּנגען פון פּריוואַטע גוטבאַזיצער אויף זייערע איינוווינער אָן שום לעגאַלער באַקרעפטיקונג. דידאָזיקע פאַרוערן אָפטמאָל צו בויען אויף זייערע פּלעצער היילִיקע געביידעס אַחוץ

אנגליקאַן־קירכן אָדער שענקן. זיי זאָגן זיך אָפּ צו געבן הייזער פֿאַר פּראַקטיצירטע פֿאַך־קענער, וואָס זענען נישט רעגיסטרירטע ביים אַלגעמיינעם מעדיצינישן ראַט. ווירקלעך, זיי טיראַניזירן אונדז אַזוי, אַז ווען דער קעניג וואָלט געפּרוווט אונדז אַזוי טי־ראַניזירן וואָלט עס גורם געווען אַ רעוואָלוציע און באמת האָט אַזאַ מין טיראַניזם געבראַכט דערצו, וואָס מען האָט אינם זיי־בעצנטן יאָרהונדערט אָפּגעשניטן ביי אַ קעניג דעם קאָפּ. מיר מוזן זיך אונטערוואַרפֿן דעמדאָזיקן טיראַניזם דערפֿאַר, ווייל די מענטשן וועלכע קאָנען זיך אָפּזאָגן צו געבן אַרבעט אָדער ערד אויף צו בויען הייזער, האָבן די מאַכט פֿון טויט און לעבן איבער אונדז, און דעריבער קאָנען זיי אונדז צווינגען צו טון דאָס וואָס זיי געפֿעלט, געזעצלעך אָדער נישט געזעצלעך. סאָציאַליזם וואָלט איבערגעגעבן אָט די מאַכט פֿון טויט און לעבן פֿון פּרי־וואַטע הענט אין די הענט פֿון קאָנסטיטוציאָנעלע אויטאָריטעטן און איר אויסרעגולירט דורך אַלגעמיינע פֿאָלקס־געזעצן. דער רעזולטאַט וואָלט געווען אַ וווּקס אין אומאָפּהענגיקייט, זעלבסט־ווערט, מ'וואָלט אויפֿגעהערט אַריינצומישן זיך אין אונדזערע גע־שמאַקן און אונדזערע אופֿנים פֿון לעבן ס'וואָלט בכלל געווען די גאַנצע פֿרייהייט, נאָך וועלכע מיר לעכצן.

מענטשן מיט קינדערשע באַגריפֿן, ווי מיר האָבן שוין גע־זען, ווילן האָבן, אַז זייער גאַנץ לעבן זאָל רעגולירט ווערן פֿאַר זייערטוועגן, מיט אַ יום־טוב פֿון צייט צו צייט, אַ שטיף צו טון און באַפֿרייען זיך פֿון דער מאָנאָטאָנישקייט; און מיר האָבן מודה געווען, אַז זייערע מענער זענען גוטע סאָלדאַטן און גע־זעצטע קאָנווענציאָנעלע אַרבעטער. און ווען זיי האָבן צייט מאַכן זיי געזעצן פֿון מאָדעס, מנהגים, פּונקטן בנוגע עטיקעטע, און „וואָס אנדערע מענטשן זאָגן" קוים איינשטעלנדיק זיך צו זאָגן, אַז זייער נשמה איז זייערס אַן אייגענע, מעגן זיי אפילו זיין גענוג רייך כדי צו קאָנען טון וואָס זיי ווילן. געלט אַלס אַ מיטל פֿאַר פֿרייהייט איז אַרויסגעוואָרפֿן ביי אַזעלכע מענטשן. עס איז גענוג קאָמיש צו הערן ווי זיי דערקלערן אָפּטמאָל, אַז סאָציאַליזם וואָלט געווען אומדערטרעגלעך, מחמת מען וואָלט זיי דיקטירט

וואָס צו עסן, וואָס צו טרינקען און גיין אָנגעטון און מען וואָלט זיי נישט איבערגעלאָזט די בחירה אין שייכות מיט דעם אַלעם. אינדערצייט ווען זיי ווערן געטריבן ווי די אָקסן פון אַן אַלגע־מיינער טיראַניזם וואָס באַשטימט פאַר זייערטוועגן זייערע מאָל־צייטן זייערע מלבושים, זייערע שעהן, זייער רעליגיע און זייער פּאָליטיק מיט אַזאַ אומדערבאַרעמלעכקייט, אַז זיי וואַגן נאָך ווייניקער דורכצוגיין אַ מאָדערנע גאַס מיט אַן אַלטמאָדישן הוט, וואָס איז געזעצלעך נישט פאַרבאָטן, ווי אַרויסצוגיין אינגאַנצן נאַקעט, צוליב וואָס זיי וואָלטן אָפּגעשטעלט געוואָרן פון דער פּאָליציי. מיט מורא און עקל באַטראַכטן זיי יענע עמאַנציפּירטע גייסטער, וואָס אפילו אינמיטן די אַלע באַגרענצונגען בנוגע רעכט, ריינקייט און באַקוועמלעכקייט, אַרט זיי נישט, וואָס זיי טראָגן און זיי פאַרברענגען זייער פּריוואַ־צייט, ווי זיי געפעלט, נישט רעכנענדיק זיך מיט קיינעם.

אָבער מאַכט נישט אַוועק מיט דער האַנט די שעפּסענע חכמה פון די קאָנווענציאָנעלע. קיינער קאָן נישט לעבן אין דער געזעלשאַפט אָן קאָנווענאַנסן. די סיבה, פאַרוואָס פאַרשטענדיקע מענטשן זענען אויך אין אַ געוויסער מאָס קאָנווענציאָנעל איז דערפאַר, וואָס אַ דאַנק די קאָנווענאַנסן פאַרשפּאָרן זיי אַזוי פיל צייט, אַזויפיל טראַכטן, מי, און אַלערליי סאָציאַלע רייבונגען. אַז אַ דאַנק זיי, האָבן זיי מער פּריוואַ־צייט פאַר פרייהייט. גלויבט מיר, סיידן איר קלערט אַוועקצוגעבן אייער גאַנץ לעבן אויף צו פריידיקן קעגן קאָנווענציאָנאַליזם און מאַכן עס פאַר אייער פּראָ־פעסיע, איז וואָס מער קאָנווענציאָנעל איר זענט, נישט דערפירנ־דיק עס אזוי ווייט, אַז עס זאָל אייך מאַכן פאַר אַ נאַר, אַ שקלאַף אָדער אַ מרה־שחורהניצע, אַלץ א גרינגער לעבן וועט איר האָבן, אפילו אַלס אַ פּראָפעסיאָנעלע רעפאָרמאַטאָרקע, ווי וואָלט איך אייך אויך געראַטן, אַז איר זאָלט נישט פּריידיקן מער ווי־קעגן איין פאָרם פון קאָנווענציאָנאַליזם מיט אַמאָל. למשל, אויב איר רעוואָלטירט קעגן הויכע אָפּצאַסן, זייט פאָרזיכטיק, אַז איר זאָלט עס טון אין זייער אַן עלעגאַנטן הוט.

# LXXX

## סאָציאַליזם און הייראַט

בעתן צוזאָגן נייע פרייהייטן זענען די סאָציאַליסטן גענייגט צו פאַרגעסן, אַז מענטשן זענען נאָך שטאַרקערע קעגנער פון נייע פרייהייטן, ווי פון נייע געזעצן. אויב אַ פרוי איז געווינט געוואָרן, איך גאַנץ לעבן צו טראָגן קייטן און זען אַנדערע פרויען אויך טראָגן קייטן, וועט אַ פאָרשלאַג אַראָפּצוגעמען פון איר די קייטן, שטאַרק אָפּשרעקן זי. זי וועט זיך פילן ווי נאַקעט אָן זיי. זי וועט שרייען, אַז די חוצפּהדיקע הור, וואָס פילט זיך נישט צוליב דעם אַזוי ווי זי. דאַרף אַרעסטירט ווערן פון דער פּאָליציי... אין כינע האָבן די מאָנטשו־דאַמען געהאַט אַזאַ מין געפיל, צוליב זייערע פאַרקריפלטע פיס. עס איז גרינגער צו בינדן מענטשן אין קייטן איידער זיי אויפצובינדן, אויב די קייטן זעען נאָר אויס אנשטענדיק.

אין רוסלאַנד אונטער דער הערשאַפט פון צאַר איז הייראַט געווען אַן אומצעברעכלעכע קייט. עס איז נישט פאַראַן געווען אַזאַ זאַך, ווי גט זיך; און ווידער פאַרקערט, איז דאָרט געווען אַ שטאַרקע פּראַקטיק ווי דאָ ביי אונדז די פאַרשפּרייטונג פון פּאָליגאַמיע. אַ פרוי האָט געמעגט וווינען מיט אַ מאַן אָן חופּה, ווי מ׳זאָגט. אַ מאַן האָט געמעגט לעבן אַזוי מיט אַ פרוי. פאַקטיש האָבן זיי געקאָנט האָבן צענדליקער שותּפים. אין דוסלאַנד אונטערן קאָמוניסטישן סאָוויעט איז עס פּונקט פאַר־

קערט. אויב אַ פֿאַרהייראַט פּאָרפֿאָלק קאָן נישט דורכקומען צווישן זיך, קאָנען זיי אַרויסבאַקומען אַ גט, נישט דאַרפֿנדיק זיך פּראָצעסירן און זיך צו באַשמוצן, ווי אין פּראָטעסטאַנטישן ענגלאַנד. דאָ שאָקירט אַ סך ענגלישע ליידיס פֿאַרהייראַטע אָדער נישט פֿאַרהייראַטע וואָס נעמען אָן דאָס געבעט־בוך פֿאַר אַ לעבעדיק געזעץ. אָבער דער סאָוויעט טאָלערירט נישט קיין אומגעזעצ׳עכע פּאַרוואַנדשאַפֿטן. אויב אַ מאַן וווינט מיט אַ פֿרוי אַלס מאַן און ווייב מוז ער מיט איר חתונה האָבן, אויב ער מוז אפֿילו צוליב דעם זיך גטן מיט אַן אַנדער פֿרוי. די פֿרוי האָט דאַן אַ רעכט אַלס זיין ווייב און זי דאַרף עס פֿאָדערן. אַ סך ענגלישע דזשענטלייט האַלטן דאָס פֿאַר אַן אומדערטרעגלעכן טיראַניזם: זיי באַטראַכטן די סאָוויעטישע געזעצגעבער, ווי מאָנסטערס, וואָס מישן זיך אַריין אין דער פֿרייהייט פֿון די מאַנסלייט און זיי האָבן אַ סך פֿרויען־סימפּאַטיזירער.

אַזעלכע לענדער און סעקטעס, ווו פּאָליגאַמיע איז לעגאַל און דאָס געזעץ צווינגט דעם מאַן צו שענקען אַלע זיינע ווייבער אַ גלייכע אויפֿמערקזאַמקייט זענען פּונקט דער היפּך פֿון בריטאַניען, ווו דער מאַן איז היינט נישט געצוווּנגען צו שענקען אַוועלכע עס איז אויפֿמערקזאַמקייט אפֿילו זיין איינציק ווייב און זי אים אויך נישט.

פֿאַרשטייט זיך, אַז הייראַטס־אינסטיטוציעס זענען נישט קיין טייל פֿונם סאָציאַליזם. הייראַט,׳ וועגן וואָס מיר רעדן, ווי עס וואָלט אַ שטייגער געווען אויף דער גאַנצער וועלט איין און די זעלבע זאַך, אונטערשיידט זיך פֿון איין סעקטע ביז דער אַנדערער און פֿון איין לאַנד ביזן אַנדערן אַזוי אַז ביי אַ רוימישן קאַטאָ׳יק אָדער ביי אַן איינוווינער פֿונם שטאַט אין דרום־קאַראָלינאַ באַדייט הייראַט אַ שטרענגע מאָנאָגאַמיע אָן אַ מעגלעכקייט צו גטן זיך, בעת ביי אונדזער הויכער קאַסטע היטבירגער אין אינדיען באַדייט עס אומבאַגרענעצטע פּאָליגאַמיע, אַזוי ווי עס איז געווען ביז דאָ גאָרנישט לאַנג, וואָס איך אַליין קאָן עס נאָך געדענקען פֿאַר די הייליקע פֿון דער „סאַלטלייקע סיטע״. צווישן דידאָזיקע עקסטרעמע זענען פֿאַראַן

א סך גראָדן. עס זענען דאָ חתונות, וועלכע קיינער קאָן נישט ברעכן, סיידן דער טויט אָדער דער פּויפּסט; און עס זענען פּאַראַן גטן, וואָס מ׳קאָן זיי באַשטעלן אין אַ האָטעל, ווי אַ פלאַש שאַמפּאַנער אָדער אין אַן אויטאָמאָביל. עס זענען דאָ ענגלישע חתונות, שאָטישע און אירלענדישע חתונות און אַלע זענען זיי פאַרשידן איינע פון דער אַנדערער עס זענען דאָ רעליגיעזע חתונות און ציווילע חתונות. די ציווילע חתונות האָט מען נאָך לאַנגע ראַנגלענישן אויסגעקעמפט פון דער קירך און ביי פרומע מענטשן ווערן זיי נאָך עד-היום באַטראַכט פאַר נישט גילטיק און פאַר אַ גרויסער עבירה. עס איז דאָ אַן עטאַבלירטע נעגאַטיווע שטעלונג צום חתונה האָבן מצד נאָנעס, גלחים און אַ געוויסע קאָמוניסטישע סעקטע. מיט אַט דעם אַלעם האָט סאָציאַליזם דירעקט גאָרנישט צו טון. אַ גלייכע הכנסה-צעטיילונג איז געמיינט אימפּאָרטיש פאַר אַלע סעקטעס, אַלע שטאַטן און אַלע קאָמונעס פאַר מאָנאָגאַמיסטן און נזירים, פאַר קליינע קינדער, וואָס זענען נישט פעיק חתונה צו האָבן און פאַר אַלטיטשקע לייט, וואָס זענען שוין נישט פעיק דערצו.

דאַן ווידזשע קומט עס, וואָס צווישן עולם איז איינגעוואָרצלט אַ גלויבן, אַז סאָציאַליזם וועט אין אַ געוויסער מאָס ענדערן די פאָרם פון חתונה האָבן אָדער אינגאַנצן איר אונטערברעכן? ווידזשע קומט עס, וואָס גאַנץ אנשטענדיקע ענגלישע צייטונגען זענען נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע פון 1917 ערנסט געקומען צום אויספיר, אַז רוסלאַנד האָט נישט בלויז נאַציאָנאַליזירט לאַנד און קאַפּיטאַל גור, אַז אַ טייל פון איר סאָציאַליסטישער לאָגיק איז געווען אויך צו נאַציאָנאַליזירן פרויען? עס איז קיין שום ספק נישט, אַז דידאָזיקע גוזמא דערקלערט זיך דערמיט, וואָס די קאָנסערוואַטיווע אָנשטענדיקע צייטונגען באַטראַכטן נאָך אַלץ פרויען פאַר אייגנטום, וואָס מען קאָן נאַציאָנאַליזירן אַזוי גוט ווי יעדער אַנדער אייגנטום, און זיי האָבן דעריבער נישט געקאָנט פאַרשטיין, אַז דערדאָזיקער ריין מענלעכער שטאַנדפּונקט איז גאַנץ פרעמד דעם קאָמוניסט. אונטער די אַלע נאָנסענסן אָבער ליגט דער אמת, אַז סאָציאַ-

ליזם מוז האָבן אַ געוואַלטיקע ווירקונג אויף דער חתונה און דאָס פאַמיליען־לעבן. היינט צו טאָג איז אַ פאַרהייראַטע פרוי אַ ווייבלעכער שקלאַף, צוגעבונדן צו אַ מענלעכן שקלאַף. און אַ מיידל איז אַן איינגעשפאַרטער מענטש אין הויז אין די הענט פון אירע עלטערן. ווען די פערזענלעכע קרובהשאַפט צווישן מאַן און ווייב איז אַן אויפריכטיקע און זייער מאַכט ווערט נישט קעגנזייטיק שלעכט אויסגענוצט, גייט זיך אַלץ גאַנץ נישקשה און איז דערטרעגלעך פאַר אַזעלכע מענטשן, וואָס זענען דערצויגן געוואָרן צו קוקן אויף דעם, ווי אויף אַ זעלבסט פאַרשטענדלעכע זאַך. אָבער ווען יעדער פון זיי איז אייגנוציק, טיראַניש, אייפערזיכטיק, אכזריותדיק און נאָך אפשר נישט פארגינערס דערצו מיט פאַרשידענע אינגאַנצן קעגנגעזעצטע געשמאַקן און אידייען און זענען אומפעיק זיך קעגנזייטיק צו פאַרשטיין, בקצור, אַנטיפּאַטיש און אומפאַריינהייטלעך, שאַפט די הייראַט אַן אַשיעור מענטשלעכן אומגליק.

פאַרוואָסזשע שלעפּט מען זיך אַרום מיט דידאָזיקע צרות, אינדערצייט, ווען די טיר איז אָפן און די קרבנות קאָנען זיך אַרויסגיין אויף דער גאַס צו יעדער רגע? משמעות דערפאַר, וואָס אויף יענער זייט טיר דערוואַרט זיי הונגער. נדרים און איינגערעדטע פליכטן וואָס קאָנען אויסזען ווירקנדיק בעת זיי האַלטן אומגליקלעכע פרויען און רעוואָלטירנדיקע טעכטער אין הויז, אַז יענע האָבן נישט קיין אַנדער ברירה. אָבער עס זענען זיכער פאַראַן אָן אַשיעור פאַלן, ווו די פרויען און מענער, מיידלעך און בחורים, וואָלטן אַרויס פון הויז, ווי נאָרא העלמער אין איבסנס באַרימטער פּיעסע, ווען זיי וואָלטן עס געקאָנט טון נישט פאַרלירנדיק דערביי אַפילו קיין איין מאָלצייט, קיין איינציקן נאַכט־לעגער און אָפדאַך און אויך נישט פאַרלירן צוליב דעם קיין האָר אפילו פון זייער שטעלונג אין דער געזעלשאַפט-

אַזוי ווי סאָציאַליזם וואָלט זיי אַוועקגעשטעלט אין אַט דער לאַגע, וואָלטן אַ סך אומגליקלעכע פאָרפעלקער אויפגעבונדן געוואָרן און אַ סך פאַמיליעס אויסגעלייזט געוואָרן פון צרות. אָבער מיר דאַרפן נישט דערוואַרטן, אַז דאַן וועלן זיין

מער גטן, ווי עס וואָלטן געדאַרפט זיין. עלטערן וואָלטן נישט טיראַניזירט זייערע קינדער, ווי אַ סך טוען היינט צו טאָג, ווען זיי וואָלטן געוווסט, אַז די קינדער קאָנען פון זיי אוועק און אפשר אויף אייביק פאַרשווונדן; סיידן זיי האָבן באמת פיינט זייערע קינדער און זיי וואָלטן געוואָלט, אַז דאָס זאָל זיין דער רעזולטאַט: און דאַן איז דאָך אוודאי גוט. אָבער די נאָרמאַלע, פשוטע, האסטיקע עלטערן וואָלטן נור צוריק געקראָגן זייערע קינדער דורך דעם, וואָס זיי וואָלטן איבערגעבעטן זיי און צוגעזאָגט זיי צו פאַרגיטיקן און האַלטן זיי דורך אַ שטרענגערן אייגענעם קאָנטראָל איבער זיך גופא און נישט איבער די קינדער. אויב מענער און ווייבער וואָלטן געוווסט, אַז זיי קאָנען ווינען צוזאַמען נאָר מיטן תנאי, אַז זיי זאָלן זיך קעגנזייטיק גוט בעהאַנדלען, אַזוי אַז זיי זאָלן זיך קאָנען פילן גליקלעך, וואָלטן זיי זיך געמוזט באַגיין אַ סך בעסער איינער קעגן דעם אַנדערן, ווי זיי חלומען אפילו איצט גאָר צו טון. עס וואָלטן געמאַכט געוואָרן אַזעלכע ריזיקע אויסבעסערונגען אינם אַלגעמיינעם פאַמיליען-לעבן, אַז ביי אַ סאָציאַליסטישן סיסטעם וואָלטן אַ סך ווייניקער פאַמיליען - היימען צעבראָכן געוואָרן, ווי עס ווערן איצט. עס וועט זיין אַנדערש ווי עס איז איצט, אָבער די דיפערענץ וועט זיין לטובה. אויב אַ פרוי וועט האָבן די מעגלעכקייט צו פאַרלאָזן איר מאַן נישט אויף עטלעכע טעג אָדער וואָכן נאָר ווייל זיי האָבן זיך צעקריגט אָדער זיי זענען מיד געוואָרן איינער פונם אַנדערן און זי איז אַוועק מיטן געדאַנק מער נישט צוריקצוקומען וועט מוזן זיין אַ גיכערער און כמעט אַן אויטאָמאַטישער גט אויב זיי וועלן עס וועלן אָדער נישט. היינט קאָן אַ פאַרלאָזענע פרוי אָדער אַ מאַן דורך אָפזאָגן זיך פשוט צו געבן אַ גט, צוליב נקמה אָדער אייפערזיכטיקייט אָדער גאָר צוליב אַ קירכלעכן גרונט, שטערן די פאַרלאָזענע נאָך אַמאָל חתונה צו האָבן. מיר וועלן מוזן נאָכטון די גוטע ביישפּילן פון רוסלאַנד וועלכע זאָגט זיך אָפּ, צו טאָלערירן אַזעלכע סיטואַציעס: ביידע צדדים מוזן זיין אָדער פאַרהייראַט אָדער נישט. אַ צווישן-לאַגע, אַז איינער זאָל קאָנען זאָגן צום צווייטן „נו גוט: אויב איך קאָן

דיך נישט האָבן וועט דיך קיינער נישט האָבן" איז געוויס קעגן דער עפּענטלעכער מאָראַל.

און אַט דעמדאָזיקן הייראַטס־ענין וועט דאַכט זיך דער וועלטלעכער שטאַט האָבן דעם גרעסטן סענסאַציאָנעלסטן צוזאַמענשטויס מיט דער קירך מחמת די קירך טענהט, אַז חתונה האָבן איז אַ מעטאַפיזישער ענין, בעהערשט פון אַן אַבסאָלוטן רעכט און אומרעכט, וואָס איז איר אַנטפּלעקט געוואָרן פון גאָט אַליין און אַז דעריבער מוז עס דער שטאַט אומבאַדינגט באַפעסטיקן. אָבער דער שטאַט וועט דערמיט קיינמאָל נישט איינשטימען, סיידן ווען דער קלער וועט זיך האַלטן, ווי מ'דאַרף, אין זיינע ראַמען און ער וועט זיך טיילן מיט די וועלטלעכע הערשער. חתונה האָבן איז ביים שטאַט, פּשוט: אַ דערלויבניש פאַר צוויי בירגער צו האָבן קינדער. צו זאָגן אַז דער שטאַט דאַרף זיך נישט אינטערעסירן פון וויפיל מענטשן אַ געמיינדע זאָל באַשטיין, און, ווען אַן ענדערונג איז געווונטשן, אויף וויפיל מען זאָל פאַרגרעסערן אָדער פאַרקלענערן די צאָל, הייסט זיך באַגיין מיט דער נאַציע אַזוי ווי קיין שום מיושבער מענטש וואָלט אַפילו נישט געחלומט צו באַגיין זיך מיט קיין טייך־איבערפירער. אויב איר זאָלט זאָגן אַ טייך־איבערפירער, אַז גאָט האָט אים אַנטפּלעקט אַז אין זיין שיפל, וואָס קאָן נישט אויפנעמען מער פון צען מענטשן קאָן ער אַריינצעמען אַזוי פיל פּאַסאַזשירן וויפיל עס וועלן נור וועלן איבערפאָרן דעם טייך מעג די צאָל זיין אַפילו טויזנט. וועט ער אייך גאָרנישט ענטפערן און ער וועט זיך גרייטן אַוועקצופאָרן מיט זיינע צען פּאַסאַזשירן, און אויב איר וועט זיך מיט אים אָנהויבן ראַנגלען, און איר וועט וועלן אָפּשטעלן דאָס שיפל און אַריינקריגן נאָך אַ פּאָר פּאַסאַזשירן, וועט ער אייך געבן מיטן רודער איבערן קאָפּ און אָפּפאָרן. און עס איז זיכער, אַז די צען, וואָס זענען שוין אין שיפל, וועלן אים העלפן צוליב זייער אייגענער טובה.

ווען דער סאָציאַליזם וועט פאַרטיק ווערן מיט דער קינסטלעכער איבער־באַפעלקערונג, וואָס דער קאַפּיטאַליזם — ווי מ'ר האָבן שוין געזען — פּראָדוצירט צוליב דעם וואָס ער ציט צוריק

ארבעטער פון פראָדוקטיווער אַרבעט און פאַרווענדט זיי אויף אַרויסגעוואָרפענער אַרבעט, וועט דער שטאַט ענדלעך שטיין פּנים-אל-פּנים מיט דערווירקלעכער באַפעלקערונגס-פראַגע: די פראַגע וויפיל מענטשן עס איז געווונטשן צו האָבן אין לאַנד. פּטור צו ווערן פון דעם מיליאָן אָדער אַן ערך, פאַר וועמען אונדזערע קאַפּיטאַליסטן קאָנען נישט געפונען קיין באַשעפטיקונג, הייסט איז דער שטאַט אָפּהענגיק פון אַ גרויסער שטערבלעכקייטס-פּראָפּאָרציע, ספּעציעל צווישן קינדער, פון מלחמה, און פון עמיגראַנטשאַפט, ווי בײַנען. אַפריקע, אַמעריקע און אויסטראַליען האָבן אַוועקגענומען מיליאָנען פון אונדזערע מענטשן ווי פון בינשטאָקן. אָבער די אַלע ערטער, וואָס זענען נאָך גענוג באַקוועם און רייצן מענטשן צו עמיגרירן ווערן ביסלעכווייז פול; און זייערע איינגעבוירענע ווי למשל די אַמעריקאַנער און די אויסטראַליער. שליסן שוין הײַנט די טויערן פאַר ווייטערדיקע עמיגראַציעס.

אויב אונדזער מענטשהייט וועט זיך נאָך אַלץ האַלטן אין איין פאַרמערן, וועלן מיר נאָך מוזן דיסקוטירן מכוח דער פראַגע, צו מיר זאָלן אָפּהאַלטן דעם וווּקס, ווי מיר האַלטן אָפּ די פאַרמערונג פון קעץ דורך אַרײַנוואַרפן דעם איבערפלוס פון קינדער אין וואַסער אַרײַן, וואָס וואָלט נישט געווען קיין גרעסערע, זינד ווי דאָס צולאָזן אַזאַ געוואַלטיקע שטערבלעכקייט צווישן קינדער און די כירורגישע אַבאָרט-אָפּעראַציעס, וואָס מען מאַכט איצט אין אַזאַ גרויסער מאָס. די עצה וואָלט געווען: אַ שטראָף וואָס זאָל שטרענג אויסגעפירט ווערן, אויב עלטערן וועלן באַגיין אַ פאַרברעכן און האָבן מער קינדער ווי די צאָל וואָס עס וועט זײַן דערלויבט פונם שטאַט. אָבער מיט באַשטראָפן די עלטערן וועלן דאָך נאָך די איבעריקע קינדער נישט פאַרזאָרגט ווערן. די שטרענגסטע שטראָף לגבי מוטערס פון אומגעזעצלעכע קינדער האָט נישט געווירקט אַז קיין אומגעזעצלעכע קינדער זאָלן נישט געבוירן ווערן, הגם עס האָט גורם געווען, אַז אַ סך פון זיי זאָלן זײַן טאָפּלט אומגעוווּנטשן, צוליב דעם פּײַניקן זיי פאַר דער זינד און שוואַכקייט מיט חרפּה און אָרעמקייט. יעדער שטאַט, וואָס וואָלט באַגרענעצט די צאָל קינדער, דאָס הייסט, באַשטימט וויפיל

קינדער אַ פאַמיליע זאָל האָבן, וואָלט געצוווּנגען געוועזן, נישט נור צו טאָלערירן געבורטס־קאָנטראָל, נאָר עס צו לערנען און געבן פרויען אינסטרוקציעס און מעטאָדן. און דאָס וואָלט באַלד געבראַכט צו אַ קאָנפליקט מיט דער קירך. צי דער שטאַט וואָלט אונטער אַזעלכע אומשטענדן פּשוט איגנאָרירט די קירך אָדער וואָלט אַרויסגעגעבן אַ געזעץ דורך וועלכן אירע פרייִדיקער זאָלן קאָנען באַשטראָפט ווערן פאַר אויפשטאַנדן, וואָלט געווען אינגאַנצן אָפּהענגיק פון דעם ערנסקייט אין דער לאַגע און נישט פון די פּרינציפּן פון פרייהייט. טאָלעראַנץ, פרייהייט פון געוויסן א. א. וו. ווערן וואָס מען האָט אַזוי הויך געבלאָזן דעם טראָמפּייט אין ענגלאַנד אינעם אַכצנטן יאָרהונדערט, ווען די באַפעלקערונג איז געווען זייער קליין.

אין פראַנקרייך שטרעבט דערווייל דער שטאַט צו פאַרגרעסערן די באַפעלקערונג. זי געפינט זיך אַזוי אָרום אין דער לאַגע פון דעם פאָלק ישראל אין דעם צוגעזאָגטן לאַנד און אין דער לאַגע דזשאָזעף סמיט און זייַנע מאָרמאָנען אין דער שטאַט איליגאָיס אין 1843 בעת נור אַ שנעלער וווּקס אין דער באַפעלקערונג וואָלט זיי געקאָנט אָפּראַטעווען נישט צו זיין אויף אַזוי פיל קלענער אין צאָל פון זייערע שונאים. דזשאָזעף סמיט האָט געטון דאָס וואָס אברהם־אבינו האָט געטון: ער האָט זיך געווענדט צו פאָליגאַמיע, מיר, וואָס מיר זענען נישט אין קיין שום געפאַר אויף דעם געביט, האָבן אין דעם געזען נישט מער, ווי אַ נאַרישן, אומאָנשטענדיקן שפּאַס; אָבער עס זענען נישטאָ קיין סך פאָליטישע רעקאָרדן, וואָס זאָלן האָבן געמאַכט אַ גרעסערע ווירקונג ווי בריגהאַם יאָנגס באַשרייבונג פון דעם שרעק, מיט וועלכער ער האָט אויפגענומען דזשאָזעפס גזרה, אַז עס איז גאָטס ווילן זיי זאָלן אַלע נעמען אַזויפיל ווייבער וויפיל עס איז נור מעגלעך. ער איז דערצויגן געוואָרן און געוווינט געווען, צו באַטראַכטן פאָליגאַמיע פאַר אַ שטערבלעכע עבֿרה און ער האָט עס באמת געהאַלטן פאַר אַ גרויסער עבֿרה. און דאָך האָט ער געגלויבט; אַז סמיטס אַנטפּלעקונגען זענען געווען פון גאָט. אין זיין פאַרלעגנהייט דערציילט ער אונדז, האָט ער געפלעגט מקנא זיין

דעם מת ווען ער האָט געזען פאַרבייגיין אַ לוויה (נאָך אַן עברה); און עס איז נישטאָ קיין שום סיבה צו גלויבן, אַז ער איז נישט געווען ערלעך. וואָרום סוף-כל-סוף איז עס נישט קיין געזעץ, אַז אַ פאַרהייראַטער מאַן מוז האָבן אַ ווײַב, וועלכן עס איז מאָראַלן אָדער רעליגיעזן ווידערווילן צו פּאָליגאַמיע און זיך דערשרעקן פאַרן געדאַנק, צו האָבן נאָך אַ צוואַנציק ווייבער „אָפּגעזיגלט" פאַר זיינעטוועגן. בריגהאַם יאַנג איז איבערגעקומען די שרעק, און ער האָט חתונה געהאַט איבער דרייסיק מאָל. און די ערלעכע פרומע מאָרמאָנישע פרויען, וועמעס פאָראורטיילן עס זענען נאָך געווען שטאַרקער פון די מענער׳ס האָבן זיך פּונקט אַזוי געלאָזט באַאיינפלוסן און אָפּשמדן זיך אין שייכות מיט פּאָליגאַמיע ווי בריגהאַם.

הגם דאָס באַווייזט, אַז די מערבדיקע ציוויליזאַציע איז פּונקט אַזוי פעיק אויפצונעמען פּאָליגאַמיע, ווען עס איז נויטיק, ווי די, פונם מזרח. די פראַנצויזישע מלוכה, האָט צוליב געוויסע סיבות נישט פאָרגעלייגט דער פראַנצויזישער באַפעלקערונג, אַז זיי זאָלן אָננעמען פּאָליגאַמיע, ווי אַ מיטל צו פאַרגרעסערן דאָס פראַנצויזישע פאָלק. אין פראַנקרייך זענען די מיטלען — פּריזן און אויסצייכנונגען פאַר עלטערן פון גרויסע פאַמיליעס, אַ פאַמיליע פון פופצן פערזאָן מאַכט מען אַ גרופּן-פּאָרטרעט אין די אילוסטרירטע צייטונגען און מען מאַכט זיי קאָמפּלעמענטן צוליב זייער שטאַרקן פּאַטריאָטיזם מ׳גיט זיי מתנות, באַפרייט זיי פון צאָלן שטייערן, שרעקלעכע פאַרפאָלגונגען פאַר געבורט-קאָנטראָל, אַלס אַ נישט מאָראַלישן טאַט, גרינגער מאַכן גטן, וואָס קאָן אַלץ צוגערעכנט ווערן צו אַ מין אויסדערווײלטער פּאָליגאַמיע אַלץ טענדענצן צו שאַפן אַ חשק ביי פאָרפעלקער צו ווערן עלטערן פון קינדער, וואָס זעט אויס צו ווערן אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך אין אַלע לענדער, מיט אַ צולאָג פאַרשטייט זיך צו דערמוטיקן געווונטשענע עמיגראַנטן. קעגן אַזעלכע מיטלען וועט פאַרשטייט זיך קיין שום קירך גאָרנישט נישט האָבן סיידן זיי זאָלן באמת האַלטן, אַז אַסקעטיזם איז אַ געזעצלעך מיטל, צו בעפרייען פון זינד, אַ דאָקטרין, וואָס האָט נאָך קיינמאָל נישט געפונען גענוג פּראַקטיצירער,

צו קאָנען אָפּשרעקן אַ מאָדערנע נאַציע מיט אומפּרוכטבאַרקייט. געצוווּנגענע עלטערנשאַפט איז פּונקט אַזוי מעגלעך, ווי געצוווּנגען מיליטער דינסט; און פּונקט אַזוי ווי פאַר דעם זעלנער מוז דער שטאַט באַצאָלן פריער פאַר אַלעמען, פּונקט אַזוי וועט מען נישט קאָנען דערוואַרטן פון אַ פרוי וואָס מען צווינגט איר צו ווערן אַ מוטער, אַז זי זאָל עס טון אויף איר אייגענער הוצאות.

אָבער אויפהאַלטן מאָנאָגאַמיע מוז תמיד שטיין אויף אַ באַזיס פון אַ גלייכער צאָל מענער און פרויען. אויב אַ מלחמה וואָלט פאַרקלענערט די מענער-באַפעלקערונג אויף 70 פּראָצענט און די פרויען נור אויף איין פּראָצענט, וואָלט מען גלייך איינגעפירט פּאָליגאַמיע און מען וואָלט געצוווּנגען צו האָבן קינדער, מיט אַ האַרציקער אונטערשטיצונג פון אַלע אמת-פּאָפּולערע קירכן.

אַזוי דאַכט זיך, אַז דער שטאַט, דער קאַפּיטאַליסטישער אָדער סאָציאַליסטישער וועט סוף-כּל-סוף באַשטימען, וואָס הייראַט זאָל זיין, נישט קיין חילוק וואָס די קירך זאָגט. אַ סאָציאַליסטישער שטאַט וועט זיך נאָך גיכער אַריינמישן אין דעמדאָזיקן ענין איידער אַ קאַפּיטאַליסטישער מחמת סאָציאַליזם וועט פאַרענטפערן און אַרויסראַטעווען די באַפעלקערונגס-פראַגע פון דעם כאַאָס, אין וועלכן דער קאַפּיטאַליזם האָט זי אַריינגעוואָרפן. דער שטאַט וועט דעמאָלט, ווי איך האָב פריער שוין געזאָגט, זיך געפונען פּנים-אל-פּנים מיט דערדאָזיקער פראַגע: נור קיינער ווייסט נאָך נישט, וואָס דידאָזיקע פראַגע וועט זיין אַזוינס, מחמת קיינער קאָן נאָך איצט נישט באַשטימען, וויפיל פּערזאָנען פאַרצוליינען, פאַר אַן אַקער-לאַנד ביי די העכסטע מעגלעכקייטן אין לעבן. ס'איז פאַראַן דעם פויערס-אידעאַל אין לעבן צו וווינען העט ווייט אַוועק איינער פונם אַנדערן; עס איז פאַראַן דער באָס-ראַך אידעאַל צו ברענגען אַזויפיל מענטשן אויף דער ערד וויפיל זי איז בכוח אויסצוהאַלטן, עס איז פאַראַן דער געצעלט-אידעאַל און דער מאָנסטער-האָטעל-אידעאַל. נישט איך און נישט איר קאָנען מיר נישט מאַכן די מינדדסטע פאָרשטעלונג וואָס די

נאָכקומענדיקע וועלט וועט צווישן זיך באַשטימען, דעמאָלט ווען
די געזעלשאַפט וועט זיין רייף און גענוג אָרגאַניזירט אָוועקצו־
שטעלן דאָס פּראַקטישע פּראָבלעם און קלאָר מאַכן דעם אויסגאַנג.

LXXXI

## סאָציאַליזם און קינדער

וואָס שייך די דערציונג פון יונגע קינדער האָבן מיר שוין ווייט נישט די רעכט, וואָס די אַלטע רוימער האָבן געהאַט איבער זייערע קינדער. מען נעמט אַרויס דאָס קינד פון זיינע עלטערנס הענט דעם גרעסטן טייל פונם טאָג במשך פון גאַנצע ניין יאָר און מען מאַכט דערפון אַ מלוכה-קינד אנשטאָט אַ פריוואַט פאַמיליען-קינד. די באַריכטן פון דער געזעלשאַפט וואָס פאַרנעמט זיך מיט אָפּהיטן קינדער פון אכזריות, באַווייזן, ווי נויטיק עס איז צו שוצן די קינדער און זייערע עלטערן, הגם די גאָר מאיסע פאַלן זענען זעלטן. דאָס באַווייזט, אַז עס איז שוין היינט שווער פאַר אַכזריותדיקע עלטערן אַרויסצודרייען זיך פון דעם שול-אינספעקטאָר, דעם לערער, און פון דער פאָליציי. נור צום באַדויערן קומען מיר אָפּ בלויז דערמיט, וואָס די עלטערן ווערן באַשטראָפט; ווען זיי קומען אַרויס פון תפיסה זענען די קינדער ווידעראַמאָל אין זייערע הענט. נאָכדעם ווי מיר האָבן אָנגעשלאָגן די קאָץ פאַר איר אַכזריות גיבן מיר איבער די מויז צוריק צו איר חסד. מיר האָבן אַלנפאַלס געמאַכט אַ געוווּנטשענעם שריט דערמיט, וואָס מען האָט דורכגעפירט אין פאַרלעמענט אַ געזעץ, אַז די וואָס אַדאָפּטירן אַ קינד האָבן די אייגענע רעכט איבער דעם ווי אמתע עלטערן. איר קאָנט היינט אַדאָפּטירן אַ קינד אָן שום מורא טאָמער וועלן די עלטערן קו-

מען אין אַ שיינעם טאָג, ווען עס וועט זיי זיין באַקוועם, און עס צוריק אָפּנעמען, מחמת אַלע זייערע רעכט גייען אריבער צו איך בשעת איר אדאָפּטירט דאָס קינד. שלעכטע עלטערן קאָן מען אויסבייטן אויף אַנדערע. מיט צוואַנג בלייבט נור איבער אויסצופירן אַזאַ אָפּעראַציע דאָרט ווי עס איז נויטיק אָפּ־צונעמען דאָס קינד פון די עלטערן. געצוווּנגענע אדאָפּטירונג איז שוין אַן אַלטע עטאַבלירטע אינסטיטוציע, וואָס האָט אַ שייכות מיט די באַאַמטע פונם אָרעם־געזעץ. אָליווער טוויסט איז געווען אַ געצוווּנגען אדאָפּטירט קינד. דאָס אָרט פון זיינע נאַטורלעכע עלטערן האָבן פאַרטרעטן שרעקלעך־אומנאַטירלעכע עלטערן — מיסטער שאַמביל איז אויף אַ גליקלעכן אופן פאַרשוואונדן; אָבער עס מוז זיך נאָך אַלץ געפונען עמיץ, וואָס זאָל אדאָפּטירן אָלי־ווערן. ווען גלייכהייט אין הכנסות וועט מאַכן אַ סוף פון זיינע סאָציאַלע ליידן וועלן נישט פעלן קיין קינדערלאָזע „וואָלענטירן" וואָס וועלן אים צונעמען צו זיך.

וואָס אַמאָל עפנט מען אונדז מער די אויגן אויף דעם פאַקט, אַז אין אונדזער שול־סיסטעם איז דאָס לערנען נישט מער ווי אַן אויסרייד, צוליב וועלכן די עלטערן פטרן אַראָפּ אַן עול פון זייערע קינדער דורך אַריינפּאַקן זיי אין אַ תפיסה אָדער אַ קינדער־פאַרם, וואָס מען רופט אָן מיטן איידעלן נאָמען שול. מיר ווייסן אויך אָדער מיר וואָלטן לכל־הפּחות געדאַרפט וויסן, אַז די באַהאַנדלונג פון קליינע קינדער אין די אינסטיטוציעס איז מערדערלעך און פאַר גרעסערע קינדער סתּם ביטער. קליינינקע היימלאָזע קינדערלעך וואָלטן דאָס געקאָנט אויסמיידן דורך אדאָפּ־טירונג. אָבער די עלטערע קינדער צווינגען אונדז צו פאַרנעמען זיך מיט אַ פּראָבלעם פון אָרגאַניזירן דאָס לעבן פון די קינדער צו געבן די קינדער קאָנסטיטוציאָנעלע רעכט, פּונקט אַזוי ווי מיר האָבן עס געמוזט געבן די פרויען. און אויפהערן זוכן אויס־ריידן, אויסמיידן דידאַזיקע פליכט דורך אַריינשפּאַרן די קינדער אין באַסטילעס, וואָס מ'רופט שולן אָדער דורך מאַכן דאָס קינד פאַרן אייגנטום פונם פאָטער (אָדער, אויב עס איז אַן אומגעזעצ־לעך קינד, דאָס אייגנטום פון דער מוטער) פּונקט אַזוי ווי מיר

האָבן אויפגעהערט באַרויבן די פרויען פון זייערע רעכטן, ווען מיר האָבן זיי געפלעגט דערקלערן אַלס אייגנטום פונם מאַן. דער אָנהויב פון אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס האָט זיך שוין אָנגעהויבן באַווייזן ביי די „גירל־גיידס" און „בוי־סקאָטס". די גרענעץ פאַר פרייהייט, וואָס דער שטאַט מוז באַשטימען, און די אָבליגאַציעס וואָס ער מוז אַרויפלייגן אין שייכות מיט דערוואַקסענע. מיידלעך וואָס געהערן צו די גירל־גיידס קאָנען נישט תמיד טון זייער אַרבעט אויף דעם געביט אויך נישט די בוי־סקאָטס. מחמת זיי מוזן זיך קוואַליפיצירן פאַר דערוואַקסענע בירגער, צוליב געוויסע צוועקן, צי עס געפעלט זיי אָדער נישט דאָס איז אונדזער אויסרייד בנוגע שולן; מען מוז זיך לערנען.

בילדונג איז אַ וואָרט וואָס האָט אַ סך באַדייטונגען. לעת־עתה פלאָנטערן מיר זיך אויס פאַמעלעך, און ווי געוויינטלעך מיט ווידערווילן, און שלעכטן הומאָר פון די גראָבע נארישקייטן אַרום דעמדאָזיקן וואָרט. ערשטנס, אַז בילדונג הייסט לעקציעס און אַז לעקציעס דאַרפן לערנען קינדער און ווען זיי ווערן עלטער הערט עס אויף. איך בין אַלט 70 יאָר און איך קאָן אייך שטילערהייט פאַרזיכערן, אַז מיר הערן זיך קיינמאָל נישט אויף צו לערנען אַזוי לאַנג, ווי מיר זענען נור פעיק אויפצונעמען, וואָס מיר לערנען סיידן מיר קאָנען נישט מער. און וועגן דעם וואָס מיר האָבן געלערנט אין שול, און אין אוניווערסיטעט וואָלט איך געזאָגט, אַז אַזוי ווי עס דויערט ביי אונדז אַ גאַנץ לעבן, אויסצוגעפונען די מיינונג פון דעם קליינעם טייל וועגן דעם וואָס עס איז אמת, און דעם טעות פונם גרויסן טייל וועגן דעם, וואָס איז פאַלש, איז גאָרנישט קיין וווּנדער פאַרוואָס די וועלכע האָבן געהאַט די קלענסטע „בילדונג" קאָנען צומערסטן. עס איז אַן ערנסט געפאַר סיי פאַר קינדער סיי פאַר דערוואַקסענע צו צווינגען זיי, אַז זיי זאָלן לערנען לימודים, צו וועלכע זיי האָבן נישט קיין שום נאַטירלעכע נייגונג, בעת אַ געוויסע אַנדערע זאַך, צו וועלכער „זיי האָבן אַ האַרץ", צו וועלכער עס ציט זיי, גיט זיי אַ שעפערישע שאַרפקייט צו ווערן דער מייסטער דערפון. גייסטיקער־דעפעקט וואָס מ'האָט גורם געווען אויף אַזאַ

אופן איז אַ געוויינטלעכע דערשיינונג אין דעם מאָדערנעם שול-
קלאַס ווו די קינדער דאַרפן דורכמאַכן געוויסע עקזאַמענס. די-
קענס מיסטער טוטס איז נישט סתם אַ קאָמישע פיגור; ער איז
אַ געטרייער ביישפּיל פון אַ מין דעפעקטיוון שוואַכלינג, אַ פּראָ-
דוקציע פון אונדזערע הויכשולן און אוניווערסיטעטן. טוטס איז
נישט קיין שפּאַס. אויב עס איז אפילו פאַראַן אַ נייגונג צו לער-
נען קאָן זי אויך פאַרגיין, צוליב דעם ווידערווילן, וואָס עס
שאַפט זיך דורך לערנען מיטגעוואַלט. אויב אַ מיידל איז נישט
מוזיקאַליש זענען אַלע באַמיונגען זי אויסצולערנען מיטגעוואַלט
בעטהאָווענס אַ סאָנאַטע, נישט מער, ווי אַ טאָרטור פאַר איר און
אירע לערער. שוין אָפּגערעדט פון די יסורים וואָס זי מוז בע-
בעך אויסשטיין, ווען די עלטערן צווינגען איר צו באַווייזן אירע
פעיקייטן פאַר געסט. אָבער נישט מוזיקאַלישע מיידלעך זענען
פּונקט אַזאַ אויסנאַם ווי טויבע מיידלעך; געוויינטלעך זענען זיי
מוזיקאַליש, און טאַקע די נאָרמאַלע מוזיקאַלישע מיידלעך האָפן
אויך, אַז בעטהאָווען וועט באַדויערן זיין רשעות דורך אייביקע
יסורים אויף יענער וועלט, און דאָס וועט זיין זייער נקמה דער-
פאַר, וואָס נאָך איידער זיי האָבן ווען עס איז געהערט אַ סאָ-
נאַטע אָדער אַן אַנדער שטיקל מוזיק גוט געשפּילט, אַז עס זאָל
זיך זיי דאַכטן עס איז שיין, זעצט מען זיי אַריין אין אַ קאַל-
טער שטוב צו פּראַקטיצירן סקאַלעס און מען שלאָגט זיי איבער
די הענט אויב זיי שפּילן אויס אַ פאַלשע נאָטע. און מען קלאַפּט
אין זיי אַריין די פּאַטעטישע סאָנאַטע מיט שלאָגן, מיט זידלען,
מיט אָפּשרעקן. טאַקט נאָך טאַקט. ביז וואַנען זי קאָן עס אויס-
פינגערן אָן אַן איינציקן טעות. אַזוי איז נאָך עד-היום: מוזיק
לערנט מען אין שולן, און דאָס באַדייט פאַר אַ סך אומגליק-
לעכע יונגע דאַמען, אַן אמת אָפּקומעניש. זייערע עלטערן ווילן
אַז זיי זאָלן האָבן פעיקייטן און זיי באַצאָלן עמיצן, וואָס איז
אויך באַהאַנדלט געוואָרן אויפן אייגענעם שטייגער, אַז מען זאָל
אין זיי אַריינקלאַפּן אָט די פעיקייטן. ווען דידאָזיקע אומגליק-
לעכע קרבנות וואָלטן געטראַכט, אַז סאָציאַליזם באַדייט געצוווּנ-

גענע מוזיק, וואָלטן זיי געשטאָרבן אינם קאַמף קעגן סאָציאַליזם; און זיי וואָלטן גערעכט געווען.

ווען איך וואָלט געשריבן אַ בוך פאַר מענער וואָלט איך נישט גערעדט וועגן מוזיק, נאָר וועגן פערזן אָנגעשריבן אין אַ ליטעראַרישן לאַטיין. (וואָס דאָס הייסט אַזאַ מין לאַטיין, וואָס קיינער האָט נאָך קיינמאָל נישט גערעדט) און וועגן גריכיש און אַלגעברע. נישט איין אומגליקלעך בחורל, וואָס וואָלט פרייוויליק אויפגעכאַפּט איבער געגוג פון די לאַטיינישע און גריכישע שפּראַך כדי צו קאָנען לייענען ווירגילן, האָראַצן און האָמערן, אָדער ביי וועמען ניוטאָן און איינשטיין וואָלטן געווען אַזעלכע העלדן ווי הענדל, מאָצאַרט, בעטהאָוון און וואַגנער זענען ביי נישט קיין פאַרדאָרבענעם מוזיקער — האָסט יעדעס אָפּגעדרוקטע בלעטל, אַחוץ צייטונגען און דעטעקטיוו-מעשיות, און ציטערט פאַר אַן אַלגעברישן סימבאָל און פאַר אַ דיאַגראַם פון אַ געצווונגענעם פאַראַלעלגראַם ווי אַ קרימינעלער פאַר דער תפיסה. דאָס איז דער פועל-יוצא פון אונדזער בילדונגס-מאַניע. אַ מאָל האָט מען דווקא געוואָלט, אַז ייִנגלעך זאָלן אויפשטיין זעקס אַ זייגער אינדערפרי און מען זאָל זיי האַלטן כסדר אין שול, לערנען לאַטיין אָן אַ רגע אָפּרו, אָדער שפּילן זיך ביז זיי זענען געגאַנגען שלאָפן. און איצט, אַז די טענדענץ איז ווידער, זיי זאָלן זיך כסדר שפּילן און נישט האָבן קיין איין רגע פאַר פרייער אַרבעט איז זייער מצב כמעט אויך נישט קיין בעסערער. אַלנפאַלס אַן אינטעלעגענטע פרוי וואָס געדענקט אירע אייגענע קינדער-יאָרן מוז ממש שוידערן צו זען ווי מען רעכנט זיך לגמרי נישט מיט די קינדערס מענטשלעכן רעכט, נאָר מען שטעלט זיי אַוועק טיילווייז אין דער לאַגע פון חיות, וועלכע מען דאַרף צוימען און ברעכן ביי זיי די ווילדקייט. דער סיסטעם וועגן וועלכן מ'קאָן נאָך עפּעס זאָגן אויב זייערע מעטאָדן זענען נור נישט ווי, פון אַ חיות-דרעסירער און טיילווייז אין דער לאַגע פון טויטע זעק, ווי די בילדונג דאַרף אַרייַנגעזאָסן ווערן, ad libitum און וועגן אַזאַ סיסטעם איז גאָרנישטאָ וואָס צו זאָגן, אַחוץ דאָס וואָס מ'קאָן זאָגן מכוח די וואַסער-פּייניגונגען בעת

דער אינקוויזיציע, ווי מען פלעגט ארייגניסן די פליסיקייט אין די העלדזער ביז די קרבנות זענען אויפגעבלאָזן, געשוואָלן גע־וואָרן און געשטאָרבן. אָבער עס איז געווען אַ געוויסע מעטאָדע אין דעמדאָזיקן משוגעת. איך האָב אייך שוין איינמאָל אָנגע־מערקט, וואָס איר האָט מסתמא גאַנץ גוט געוויסט, אַז אויב קינ־דער געפונען זיך נישט געצווונגענערהייט אין אַ פוילער, שטי־לער אומבאַוועגלעכער, און פאַרשטייט זיך, אַבסאָלוט נישט פאַ־סיקער אַסאָסאָציע מיט דערוואַקסענע מענטשן — זענען זיי גורם אינדערהיים אַזוי פיל אומאָנגענעמלעכקייטן, אַז די עלטערן, וואָס וואָלטן גיכער באַשטאַנען צו וווינען אין אַ גאָרטן צוזאַמען מיט בערן אָדער אין אַ הויז מיט מאַלפּעס איידער צו זיין אַכזריות־דיקע אונטערדריקער — זענען נאָך מער ווי צופרידן אַוועקצו־געבן זייערע קינדער יעדן איינציקן וואָס איז מודיע, אַז זיין פּראָפעסיע איז צו לערנען קינדער; דער פאַרצווייפלטער קאַמף פונם איידלען נישט פאַרזאָרגטן יינגערן זון און נישט פאַרהיי־ראַטע טאָכטער (אַ ספּעציעלע קלאַס) צו געפינען אַ וואָסער עס איז מיטלען צום לעבן, פּראָדוצירט אַ צאָל מענטשן, וואָס זענען גרייט צו מאַכן אַ פּראָפעסיע פון קינדער־דערציונג אונטער דעם דאָזיקן העכסט־פאַרשטענדלעכן אויסרייד.

דער סאָציאַליזם וואָלט אַ סוף געמאַכט צו דעמדאָזיקן קלאַס דורך דעם וואָס ער וואָלט געגעבן זיינע מיטגלידער אַ באַשעפטיקונג וואָס זיי וואָלטן ווייניקער געהאַסט און געהאַלטן פאַר פונקט אַזוי אָנשטענדיק. אַ מענטש וואָס האָט נישט קיין אמתן באַרוף צו זיין אַ לערער, וואָלט נישט געמאַכט דאָס לער־נען קינדער פאַר קיין פּראָפעסיע. סאַדיסטן פוןביידע געשלעכטער וואָס קריגן היינט קינדער אין די הענט אריין, כּדי זיי זאָלן האָבן וועמען צו פּייניגן אָן שום שטראָף און די מענטשן וואָס האָבן מכלומרשט ליב קינדער (וואָס זענען טיילמאָל די אייגענע מענטשן) וואָס עפּענען מתים־הייזער, ווייל זיי זענען פונקט אַזוי משוגע פאַר קינדער, ווי טייל מענטשן זענען פאַר פערד און הינט, הגם זיי באַהאַנדלען זיי אָפט זייער מיאוס, אַזעלכע מענטשן וואָלטן געווען פאַרלוירן ווען די קינדער וואָלטן געהאַט

ווי אַהין צו אַנטלויפן אַחוץ צוריק צו די היימען פון וואַנען מען האָט זיי אַרויסגעוואָרפן און פון וואַנען מען וועט זיי סיי ווי באַלד צוריק אומקערן אין די טיראַנישע הענט אַריין און זיי נאָך פאַרזיכערן, אַז אויב זיי האָבן זיי באַשטראָפט האָבן זיי עס מסתמא ערלעך פאַרדינט פאַר שלעכטער אויפפירונג; מיט עטלעכע טעג צוריק האָב איך געלעזן צווישן די טעגלעכע נייעס אין אַ צייטונג, אַז אַ מוטער האָט אָנגעקלאָגט אַ לערער דערפאַר, וואָס ער האָט געשלאָגן איר בחורל דערפאַר, וואָס יענער האָט געשלוקעכצט, אַ זאַך וואָס קיינער טוט נישט גערן און דערנאָך, ווען דאָס בחורל האָט זיך געהאַלטן אַזוי ווי די שטראָף וואָלט אים נישט שטאַרק געאַרט איז ער (דער לערער) אויף אים אַרויפגעפאַלן מיט אַ רציחה און האָט אים אַזוי לאַנג געשלאָגן, ביז עס זענען אים אַרויס צייכנס אויפן לייב וואָס מען האָט אָנגעזען אַכט טאָג דערנאָך.

די ריכטער זענען על־פי־רוב שטאַרק מילד ביים באַהאַנדלען אַזעלכע פאַלן, פונקט ווי דאַן, ווען זיי באַהאַנדלען פאַלן, וווּ די פרוי פאַרקלאָגט דעם מאַן, אַז ער איז אָנגעפאַלן אויף איר (ווען אַ מאַן פאַרקלאָגט אַ פרוי לאַכט מען אים אויס אין געריכט). עס איז אַ פאַקט, אַז זיי מאַכן אַוועק מיט דער גאַנצער אָנקלאַגע און מוסרן גוט אויס דעם קרבן פאַר אַזאַ פחדנות און נישט צונעמען די שטראָף ווי אַ מאַן, נאָר דאָס מאָל האָבן זיי עפּעס גראָד מודה געווען, אַז די שטראָף, ווי זיי האָבן עס אָנגערופן, איז געווען אַ צו הארבע, און דער לערער האָט געמוזט באַצאָלן דער מוטער די קאָסטן. אָבער קיינער האָט אפילו נישט געמאַכט קיין באַמערקונג, אַז ער איז נישט פעיק צו טון די פליכטן, וואָס ער האָט אונטערגענומען, און קיינער האָט נישט קיין טראַכט געטון, אַז דערדאָזיקער לערער איז אַ ווילדער מענטש אָדער סאַדיסט פונקט ווי קיינער טראַכט נישט, אַז אויב פאַרהייראַטע מענטשן באַגיין ווילדע רציחות איינער קעגן דעם אַנדערן, איז אַ סימן, אַז זיי האָבן נאַטירלעך מערדערלעכע נייגונגען. אינדעראמתן איז זייער שווער פאַר אַ לערער אָדער אַ לערערקע צו לעבן אין דער תפיסה, וואָס מיר רופן אָן שול

מיט אַ באַנדע אומרויִקע און ווילדע קינדער, נאָך ערגער ווי אַ פּאָרפּאָלק, וואָס מוזן וווינען אין אַן ענגן צימער פון אַ טענעמענט-הויז. און עס איז נישט קיין וווּנדער וואָס פּיינט האָבנדיק די אַרבעט נאָך פון פריער, באַקומען זיי דערצו אַזאַ האַס און די נערוון ווערן ביי זיי אַזוי אָנגעשטרענגט, אַז פון צייט צו צייט לאָזן זיי אויס דעם כּעס צו די קינדער און שלאָגן זיי נישט נור פּאָר שלוקעכצן נור פּאַר רעדן צווישן זיך, סודען אָדער אַרויסקוקן דורכן פענצטער (אומאויפמערקזאַמקייט) און אפילו פאַר רירן זיך. מאָדערנע פּסיכאָלאָגישע פאָרשונגען אפילו אין זייער גראָטעסקן פרויד-אָנהויב צווינגען אונדז, אַז מיר זאָלן אָנערקענען די ערנסטקייט פון אַזאַ שעדלעכער אַטמאָספערע, ווי אָנגעשטרענגטקייט פון איין זייט און אונטערדריקונג, טעראָר און רעאַקציאָנערע שלעכטקייט פון דער אַנדערער. אפילו די וואָס שטודירן נישט קיין פּסיכאָלאָגיע הויבן שוין אויך אָן צו באַמערקן, אַז דורך צובונדן אַ הונט צו אַ קייט מאַכט מען אים געפערלעך — שוין נישט רעדנדיק דערפון וואָס דאָס איז אַן אַכזריותדיקער טאַט. זיי וועלן שוין באַלד איינזען, אַז קינדער לוינט אויך נישט צוצובינדן און זיי וועלן אַ טראַכט טון, אויב שלאָגן און צווינגען איז טאַקע די ריכטיקע מעטאָדע, אויף אויפצובעסערן קינדער. בכלל הויבן מיר אָן איינצוזען, אַז דאָס וואָס מיר רופן בילדונג, איז נישט דאָס וואס בילדונג דאַרף באמת זיין. דער אָרעמער פרויס קינד איז איינגעשפּאַרט גאַנצע ניין יאָר אונטער אַן אויסרייד, אַז מען לערנט אים לייענען, שרייבן און רעדן זיין אייגענע שפּראַך, וואָס מ'וואָלט געקאָנט באַווייזן העכסטנס אין משך פון איין יאָר און לסוף נאָך די ניין יאָר, קאָן דער פאַרשפּאַרטער נישט טון קיין איינציקע זאַך פון דעם וואָס ער האָט געלערנט, ווי עס דאַרף צו זיין.

אין 1896, זעקסאונצוואַנציק יאָר נאָכדעם, ווי מען האָט איינגעפירט אַלגעמיינע צוואַנגס-בילדונג, האָט מיר דער סעקרעטאר פון דעם יוניאָן פון מאַטעמאַטישע אינסטרומענטן דערציילט, אַז דער גרעסטער טייל פון זיינע מיטגלידער חתמענען זיך מיט אַ צייכן אָנשטאָט אונטערצושרייבן זייער אייגענעם נאָמען. רייכע

יינגלעך האַלט מען אין דריי תּפיסות איינע נאָך דער אַנדערע אין צוגרייטונגס-שול, אָדער פאָלקס-שול אין דעם גימנאַזיום. (איך מיין, א זייער אויסדערוויילטע פּריוואַטע שול, וואָס נוצט אויס א שווינדלערישן שטייגער דעם צוטרוי, וואָס ראָס פּובלי-קום שענקט איר) און דעם אוניווערסיטעט. די צייט צו זיין איינגעשפּאַרט איז פון צוועלף ביז פערצן יאָר, צווישן די למודים, וואָס מען לערנט זענען אריינגערעכנט קלאַסישע שפּראַכן און הויכע מאַטעמאַטיק. רייכע מיידלעך, וועלכע פלעגן אמאָליקע צייטן זיין איינגעשפּאַרט אין א פאַמיליען-געפענגניש מיט א וועכטערין, וואָס מען האָט גערופן גוווערנאַנטקע — שיקט מען שוין איצט אויך אוועק אין דער שול, אזוי ווי זייערע ברידער. דער פּועל-יוצא איז א ביסעלע מער לייכטקייט אין לעזן און שרייבן, די געוווינהייטן, און די שפּראַך פון דעם רייכן ליידיק-גייערישן קלאַס און פון מאָראַלישע און אינטעלעקטועלע דעגע-נעראַטן און פּאָליטיש זענען זיי אָנגעטויזן אויף דעם ווילן אָדער ווידערווילן פון יעדן גראָבן יונג, קהלישן קאָכלעפל און גלאַטיקן שאַרלאַטאַן, וואָס האָט אויפגעכאַפּט זייערע וועגן, אויסגעמיטן זייער בילדונג. און איז מאָראַליש פּאַראַלעל מיט די רויבערישע באַראָנען פונם מיטלאַלטער און די ערשטע קאַפּיטאַליסטישע ים-רויבער. און טאָמער זענען זיי ענערגיש און מוטיק צולהכעיס זייער דערציונג, זענען זיי אַ געפאַר פאַר דער געזעלשאַפט; אויב זיי זענען פּשוטע שעפּסלעך, וואָס טוען אַלץ, וואָס זייער קלאַס פאָדערט פון זיי, וועלן זיי נאָכגיין יעדן אונטערנעמערישן באַ-ראַבאַן וואָס איז אַן אומגליק פאַר זיי אַליין און פאַר דער גאַנ-צער מענטשהייט. צום גליק איז די מענטשלעכע ראַסע אַזוי פעיק אויף ווידערגעבורט, אַז קיין שום סיסטעם פון אונטער-דריקונג און פאַרדאַרבונג קאָן איר נישט אינגאַנצן אומברענגען. נור וואָס שייך די בילדונג פון אונדזערע ליידעס און דזשענ-טלייט איז דאָס מינדסטע, וואָס מען קאָן קעגן דעם זאָגן, אַז דעם גרעסטן טייל פון אירע קרבנות וואָלטן געווען בעסער אָן דעם ווי מיט דעם.

אָבער צופעליק האָט די בילדונג מעלות אויך. דער שטו-

דענט, וואָס באַשליסט אפילו נישט צו שטודירן, געווינט אַלנ־
פאַלס פונם אַלגעמיינעם לעבן דאָרט ווו ער געפינט זיך, אַ סאָ־
ציאַלן שטאַנד, וואָס פעלט ליידער זייער שטאַרק די מענטשן,
וועלכע זענען דערצויגן געוואָרן אין ציגל־קאַסטן. פאַרקער מיט
שלעכטע מאַניערן צווישן צוויי עלטערע און דריי אָדער פיר
יונגערע מענטשן: אַלע געטריי צו זייערע מאַניערן (וואָס מיינט
אָן אויספיינערײ, וואָס פאַרמאָגט נישט קיין שום פּאָזיטיווע קוואַ־
ליטעט, אַחוץ ליידיקע העפלעכקייט) לגבי די עטלעכע, פונקט
אַזוי דערצויגענע פרעמדע מענטשן וואָס זענען נישט צו אָרעם,
אַז מען זאָל זיי נישט איינלאַדן אַמאָל, און נישט צו רייך, אַז
ס׳זאָל זיין פאַר זיי אַ דערנידערונג אַריינצוגיין אַמאָל אין דעמ־
דאָזיקן קאַסטן. קיינער וועט נישט אָפּלייקענען, אַז די פאַמיליעס
פונם מיטל־קלאַס וואָס קאָנען זיך נישט דערלויבן צו שיקן זיי־
ערע זין אין אוניווערסיטעט און מוזן זיי אַרויסשיקן אַרבעטן צו
פופצן יאָר, זעען אויס ווי פשוטע ווולגאַרע יונגען אין פאַרגלייך
מיט אונדזערע אוניווערסיטעטס־פּראָדוקטן. די פרוי פון דעם ציגל־
קאַסטן האַלט אויף איר סאָציאַלע פּאָזיציע דורך באַליידיקן אַ
ריזיקע צאָל מענטשן, וואָס זי האַלט פאַר נידריקער פון זיך,
באַהאַלטנדיק איר העפלעכקייט פאַר די עטלעכע, וואָס האַלטן
זיך פעסט אין איר אייגענעם קליינעם שיכט פון סאָציאַלער ענט־
אַרטונג; דערפאַר וואָס די אומגלייכקייט אין הכנסות רוקט אַרויס
דעם ברייטן, זיכער־ן, פרוכטבאַרן באָדן פון אונטער די פיס פון
דער מענטשלעכער געזעלשאַפט און שטעלט זי אַוועק אַזוי אין
עק, אַז יעדער איינער מוז זיך פאַרצווייפלט אָנהאַלטן אינם
שטיקל אָרט, וואָס זי האָט דאָרט און אַראָפּגעשטויסן אַזוי פיל
אַנדערע מענטשן, וויפיל זי האָט נור די מעגלעכקייט. צו די
וואָס זי האַלט פאַר גרעסער פון זיך וואָלט זי זיך געבוקט, אַז
דאָס וועט איר ברענגען עפּעס אַ נוצן, בעת אין אוניווערסיטעט
וואָלט זי זיך געמוזט באַגנוגענען מיט הונדערטער אַנדערע יונגע
פרויען אין גלייכע באַדינגונגען און ווייניקסטנס זיין צו אַלע
גלייך העפלעך. אמת, אַז די אוניווערסיטעט־מאַניערן זענען נאָך
נישט די בעסטע מאַניערן און אַז עס איז דאָ אַ סך אמת אין

דעם וואָס מען זאָגט, אַז אָקספאָרד און קעמברידזש זענען אויס-
געשפּראָכענע „האָט-בעטן"*) און אוניווערסיטעטס-סנאָבן זענען די
אומאויסבעסערליכסטע פון אַלע סנאָבן. דאָך, נישט געקוקט אויף
דעם אַלעמען איז אוניווערסיטעטס-סנאָביזם נישט אַזוי שעדלעך
ווי יענע ציגל-קאַסטן-סנאָבעריי. די אוניווערסיטעט-פרוי קאָן דורכ-
קומען מיט אַלע מינים מענטשן אָן שום צוזאַמענשטויסונגען
אָדער שוועריקייטן העכער אָדער נידריקער, מיט וועלכע די פרוי
פונם ציגל-קאַסטן ווייסט פשוט נישט, ווי אַזוי זיך צו האַלטן.
אָבער דער שטודיום אין די אוניווערסיטעטן האָט מיט דעם קיין
שום שייכות נישט. פאַרקערט, די גוטע שילער כאַפּן עס גראָד
נישט אויף, נור די שמעטערלינגען פונם אוניווערסיטעט, וואָס
קוועטשן זיך קוים דורך די עקזאַמענס, לערנען זיך אויס דידאָ-
זיקע תורה מיט אַלע פּיטשעווקעס. היינט האָבן עס שוין אויך
די מעגלעכקייט אויפצוכאַפּן יונגע מענטשן, וואָס כאַפּן זיך אַרויס
פונם ציגל-קאַסטן און הויבן אָן אַריינגיין אינם ברייטערן סאָ-
ציאַלן לעבן ווי קלובן, נישט קיין אָפיציעלע קולטורעלע געזעל-
שאַפטן פון אַלע מינים. די מאַניערן פון די גאָרטן-שטעט און
די זומער-שולן זענען היינט פּונקט אויף אַזוי פיל בעסער פון
די אַמאָליקע שולן, ווי דער אוניווערסיטעט פונם ציגל-קאַסטן.

עס איז נישטאָ נאָך א וואָרט אין אונדזער סנאָבישער גע-
זעלשאַפט, וואָס זאָל האָבן א שרעקלעכערע, צינישערע באַדייטונג
פונם וואָרט „פּראָמיסקוטע"**) נור ווען איר זאָלט אויסשליסן דעם
ספּעציעלן אַבשיילעכן זין און פאָרשטעלן זיך אַ סעקסועלן מיש-
מאַש, אז יעדעס אונטערקליידל מיט יעדער פּאָר הויזן מוזן זיך
אַרומכאַפּן ווי נור זיי דערזעען זיך, וועט איר אייך איבערצייגן
אז א סאָציאַלע אויסמישונג איז דער יסוד פון גוטע מאַניערן
אין אוניווערסיטעט איז מען מער אויסגעמישט ווי אין דעם ציגל-

*) א מיסט-בייט אין א גאָרטן איבערדעקט מיט גלאָז צו שיצן זיי פון קעלט.

**) אויסמישונג

קאַסטן און אין דער טעאָזאָפישער, אָדער סאָציאַליסטישער זומער־שול מער ווי אינם קאָלעדזש, און זיי האָבן טאַקע אויך בע־סערע מאַניערן. סאָציאַליזם שטרעבט צו אַן אַבסאָלוטע אויסמי־שונג און האָט שוין טאַקע געמאַכט א גרויסן שריט פאָרויס. ווען דער גרויסער פירשט פון וועלינגטאָן איז קראַנק געוואָרן האָט ער א זאָג געטון:

— שיקט נאָכן אַפּטייקער, פּונקט ווי ער וואָלט געזאָגט: „שיקט נאָכן פריזירער" און דער אַפּטייקער האָט אים אָן שום ספק גערופן „אייער גנעדיקער", באמת איך אַליין געדענק, ווי גרויסע פּראָפעסאָרן, אפילו טיטולירטע, האָבן ביי אייך גענומען פאַר א וויזיט אַזויוי א קאַמערדינער האָט גענומען ביי אייך טרינקגעלט. אינם זיבעצנטן יאָרהונדערט האָט געטראָפן אז א נאָבלמאַן איז געוואָרן אינטים באַפריינדעט מיט אַן אַקטיאָר, אָבער ווען ער האָט אים געשריבן א בריף האָט ער נישט אָנ־געהויבן מיט „מיין טייערער אזוי און אַזוי" נור מיט, „צו בע־טערטאָן דעם אַקטיאָר". היינטיקע צייטן ווען א פירשט זאָל אַזוי טון וואָלט מען אים געהאַלטן פאַר א לעכערלעכן בעל־גאווה. יע־דער אייגנער קאָן היינט פאָרן אין ענגלאַנד דריטע קלאַס און נישט פאַלירן זיין ממשותדיקן ווערט ביי די אַנדערע פּאַסאַזשירן; איך געדענק, ווען די צווייטע קלאַס, וואָס איז היינט כמעט נישטאָ מער, איז געווען א מויז־זאַק פאַר מענטשן, וואָס האָבן גע־הערט צום מיטל־קלאַס.

דער אייגענער פּראָצעס וואָס האָט אויסגעגלייכט די סאָצי־יאַלע באַמיונגען צווישן פירשטן און דאָקטוירים אָדער אַקטיאָרן קאָן אים אויסגלייכן צווישן פירשטינס און קו־מעלקערינס אָדער, וואָס זעט אויס צו זיין גאָך אוממעגלעכער, צו מישן דאָקטוי־רימס ווייבער און מילך־מיידלעך. אָבער בעת יענער צוזאַמענמי־שונג אין סאָציאַליזם וועט אויך מוזן עקזיסטירן א געוויסע פּרי־וואַטקייט און אויסגעלאַסנקייט. היינט איז דער חילוק צווישן א פירשטין ביז א מילך־מיידל, נישט דער פּריוואַטער חילוק פון איין מענטש ביזן אַנדערן, נור זייער א קענטי;ער חילוק צווישן צוויי קלאַסן, מעג די פירשטין און דאָס מילך־מיידל זיין ענלעך אין

זייערע מענטשלעכע אייגנשאַפטן. די אנשטענדיקע פירשטינס העפלעכקייט איז אַן אַלגעמיינע, אָבער איר אינטימע פריינטשאַפט און געזעלשאַפט איז נישט קיין אויסגעמישטע. העפלעכקייט איז איין זאַך און נאָענטקייט א גאַנץ אַנדערע. דער פירשטינס צרה איז היינט דאָס, וואָס זי מוז צוליב איר סאָציאַלן און פּאָליטישן שטאַנד, איינלאַדן אַזעלכע מענטשן, וועמעס געשמאַקן און אינטעלעקטועלע אינטערעסן זענען אַזוי ווייט פון אירע, אַזוי אינגאַנצן אַנדערש, אַז זיי לאַנגווייליקן איר שרעקלעך. בעת איר הכנסה רייסט איר אָפּ פון א נאָענטן פאַרקער מיט א סך אָרעמע מענטשן, וועמעס געזעלשאַפט זי וואָלט שטאַרק געשעצט, נור דערפאַר ווייל זיי קאָנען נישט מיטמאַכן די קאָסטבאַרע געוויניהייטן. גלייכהייט, וואָלט געגעבן דער פירשטין א מעגלעכקייט צו קלויבן אירע נאָענטע פריינט, ווו זי וואָלט געוואָלט און זי וואָלט זיך נישט געמוזט לאַנגווייליקן צום טויט דורך אויסהערן עטלעכע נודניקעס, וואָס א חוץ געיעגן נאָך פוקסן און פּאַרטיי־פּאָליטיק קאָנען זיי בכלל נישט רעדן, דעמאָלט ווען זי וואָלט גאָר חשק געהאַט צו רעדן מכוח וויסנשאַפט, ליטעראַטור, קליידער און גערטנער אָדער ווען איר געשמאַק זאָל זיין קוריעזער— מכוח פּסיכאָ־אַנאַליז. סאָציאַליזם וואָלט, אויסגלייכנדיק אונדזער קלאַסן־דינסטינגציע, (אייגנטלעך הכנסה־דיסטינגציע) פּאַנאַנדערגעלאָזט אונדזערע חברות קלובן און סאָליטארן. די פירשטין וואָלט געשפּילט גאָלף (אויב מענטשן וואָלטן נישט געפונען קיין אינטערעסאַנטערע באַשעפטיקונג מיט וואָס אויסצופילן זייער פרייצייט) מיט דער פרוי וואָס וואַשט פּאָדלאָגעס און דערנאָך וואָלטן זיי געגעסן צוזאַמען דעם צווייטן פרישטיק; אָבער דער אינטימער קרייז פון דער פירשטין, אַזוי גוט ווי פון דער וועשין, וואָלט געווען אַזאַ אויסגעקליבענער ווי עס איז גאָרנישט מעגלעך היינט צו טאָג, סאָציאַליזם לייגט אַזוי צרום פאַר די העכסטע פּריוואַטקייט און געזעלשאַפטלעכקייט וואָס מ'קאָן נור דערגרייכן. מיר וואָלטן גלייכצייטיק געווען א סך ווייניקער צערמאָניעל אין עפנטלעכע באַציונגען און א סך דעליקאַטער אין אונדזערע קעגנזייטיקע פּריוואַטע באַציונגען.

איר קאָנט זאָגן וואָס פאַר א שייכות האָט דאָס אַלץ מיט בילדונג? צי זענען מיר נישט צו ווייט אוועק פון דער טעמע? אַבסאָלוט נישט, א גרויסער טייל פון דעם וואָס מיר לערנען קומט פון אונדזערע סאָציאַלע באַציונגען, מיר לערנען זיך קעגנזייטיק און דאָס איז אוממעגלעך ווען איין העלפט פון דער באַפעלקערונג דענקט, אז די אנדערע העלפט איז נישט ווערט אז מען זאָל מיט איר האָבן וואָסער עס איז באַציונגען. אָבער איך מיין אַז ס'איז גענוג אַרומגערעדט די זייט פון דער טעמע, לאָמיר איבערלאָזן די סאָציאַלע קוואַליפיקאַציעס, וואָס קינדער און דערוואַקסענע כאַפּן אויף פון דער סביבה און פון דער געזעלשאַפט, מיט וועלכע זיי האָבן באַציונגען און זיך אומקערן צו די דערגרייכונגען, וואָס די מלוכה דאַרף פאָדערן פון זיי, פאַרגרעסערן די צאָל לערער, די שולן און אַפּאַראַטן, אויספּרוּוון און מעסטן די דערפאָלגן פון דער לערע און געבן קוואַליפיקאַציעס די, וואָס האָבן אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען.

עס איז היינט שוין קלאָר אין אַלע ציוויליזירטע שטאַטן, אז עס איז פאראַן געוויסע זאַכן, וואָס די באַפעלקערונג מוז קאָנען, כדי צו האָבן די מעגלעכקייט צו שפּילן זייער ראָל אַלס בירגער. עס איז פאראַן טעכנישע למודים, וואָס מען מוז לערנען און אינטעלעקטועלע באַגריפן וואָס מען מוז פאַרשטיין. למשל איר זענט נישט רייף צו לעבן אין א מאָדערנער שטאַט, אויב איר קאָנט נישט דעם חשבון פון כפל אויך דאַן ווען איר ווייסט נישט, אז איר טאָרט נישט נעמען דאָס געזעץ אין אייערע אייגענע הענט אריין. אזא ביסעלע טעכנישע און ליבעראַלע ידיעות מוז מען האָבן, ווייל א פרוי וואָס וואָלט נישט געוווסט וויפיל צו באַצאָלן פאר א בילעט אויפן טראַמוויי און נישט געקאָנט אָפּציילן א רעשט און זיך געכאַפּט צו מענטשן, מיט וועלכע זי וואָלט נישט געשטימט און אים געוואָלט שלאָגן אָדער די אויגן אויסרייסן וואָלט געווען אזוי אומפּעיק צו א ציוויליזירט לעבן ווי א ווילדע קאַץ.

אין אונדזערע גרויסע שטעט איז לייענען א נויטווענדיקייט ווייל מענטשן מוזן זיך ווענדן לויט אָנגעשריבענע אָנווייזונגען.

אין א קליין שטעטל אָדער א דערפל קאָן מען זיך אַן עצה געבן מען קאָן אָנפרעגן ביים פּאָליציאַנט אָדער ביים באַן־קאָנדוקטאָר אָדער ביים סטאַציע־שעף אָדער פּאָסט־באאמטן און זיי וועלן אייך אָנווייזן ווי צו גיין; אָבער אין לאָנדאָן וואָלטן אַזעלכע פינף מינוטן געבראַכט דעם מסחר און דעם פארקער צו א שטילשטאַנד די פּאָליציי און די באַן־באַאמטע וואָס האָלטן פאר זייער שווער כסדר צו ענטפערן פרעמדע און באַזוכער, וואָלטן משוגע געוואָרן ווען זיי וואָלטן יעדן איינעם אַלץ געדאַרפט זאָגן. די צייטונגען די פּאָסט און אנדערע אָפיציעלע אָנווייזער, טוען פאר די לאָנ־דאָנער בירגער דאָס, וואָס דער פּאָליציאַנט אָדער דער נאָענטס־טער קרעמער טוט מיט פאַרגעניגן פארן קליינשטעטלדיקן איינ־וואוינער און איבערבייטן א וואָרט מיט א פרעמדן איז א זעל־טענער פאַל ווי עס געשעט נישט קיין שום זאך א חוץ דאָס וואָס די ערד באוועגט זיך.

די אַמאָליקע צייטן, ווען אונדזערע גרעסטע שטעט זענען נישט געווען גרעסער פון א היינטיק שטעטל און דאָס גאַנצע ציוויליזירטע לעבן, וואָס מיר וואָלטן געמעגט אָנרופן א דאָרפס־לעבן האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום דעם „קלער" ווען קאָנען שרייבן און לייענען איז נישט געווען קיין נויטווענדיקייט, ווען עס איז בלויז געווען א מיטל צו פארגרעסערן די גייסטיקע קול־טור פון א יחיד פאר זיין אייגענע־טובה וועגן און עס איז גע־ווען אַן אויסנאַם. אָט די צייט מיט דעם באוווסטזיין פּלאָנטערט זיך נאָך אַלץ אין אונדזערע מוחות, בעת מיר צווינגען א מיידל צו לערנען זיך לייענען און שרייבן און מיר מאַכן דאָס פאר אַן אויסרייד אויף איינצושפּאַנען איר אין א שול. מיר טענהן אז מיר ווילן זי קולטיווירן און עפענען פאר איר די אוצרות פון דער ליטעראַטור. אָט דאָס איז די סיבה פארוואָס מיר טוען עס אַזוי פושעריש און עס דויערט ביי אונדז אַזוי לאַנג. אָבער עס וואָלט נישט געווען גאַנץ זיכער צי מיר האָבן דאָס רעכט צו צווינגען א מיידל זי זאָל זיך לערנען קעגן איר אייגענעם ווילן, ווען מיר וואָלטן אפילו געקאָנט באווייזן, אז זיצן אויף א האַרטער באַנק און נישט טאָרן רעדן, אָדער זיך א קער טון, אָדער א

קוק טון ערגעץ אנדערש אַ חוץ אויף דער לערערקע, קולטיווירט אַ מיידל מיין ווי פרייע באַוועגונגען, פון וועלכע אַט די לערע שניידט איר אָפּ. די איינציקע געזונטע סיבה צו צווינגען איר אויסצולערנען זיך די טעכניק פון לייענען, שרייבן און רעכענען וואָס זאָל געניג זיין פאַרן געוויינטלעכן קויף און פאַרקויף איז וואָס דאָס מאָדערנע ציוויליזירטע לעבן איז אָן דעם ממש אומ־מעגלעך, אַט דאָס מוז מען איר לערנען, דערויף קאָן מען זאָגן האָט מען אַ נאַטירלעך רעכט, פונקט ווי מען האָט אַ נאַטירלעך רעכט צו צערטלען איר, צו אַנטוויינען און צו לערנען זיין.

אזוי ווייט איז דערדאָזיקער ענין קלאָר, נישטאָ קיין שום אַרגומענטן. אמת, אז לערנענדיק איר שרייבן לערנט איר זי גלייכצייטיק צו פעלשן טשעקן, צו שרייבן צולהכעיסדיקע אַנאָני־מע בריוו און לערנענדיק איר לייענען עפנט איר איר דעם גע־דאַנק פאַר שמוציקע און נאַרישע ביכער און איר לייגט איר ממש אריין אין די הענט דידאָזיקע גרעסטע צייט־אויסבראַנגערס אין דער וועלט, די ראָמאַנען וואָס זענען נישט ווערט, אז מ׳זאָל זיי לייענען (מ׳קאָן זאָגן ניינאונניינציק פון יעדער הונדערט). אָבער דידאָזיקע אַלע קעגן־טענות פאַלן אָפּ פאַר דער אַבסאָלו־טער נויטווענדיקייט פון יענע פעיקייטן, וואָס מאַכן דאָס מאָדער־נע לעבן מעגלעך; פונקט אזוי וואָלט איר געקאָנט טענהן, אז מען דאַרף זי נישט לערנען וויאַזוי צו האַלטן אַ מעסער אין האַנט, מחמת לערנענדיק איר צו האַלטן אַ מעסער, לערנט איר זי גלייכצייטיק וויאזוי איבערצושניידן ביים קינד דעם האַלדז. יעדע טעכנישע קוואַליפיקאַציע אויף טון גוטס, איז גלייכצייטיק אַ קוואַליפיקאַציע אויף צו טון שלעכטס אויך; אָבער צוליב דעם קאָנען מיר נישט איבערלאָזן אונדזערע בירגער נישט געלערנט, וויאזוי צו לעבן אין דער הייַנטיקער מאָדערנער צייט.

אָבער דאָס איז נאָך נישט קיין סיבה, אז מיר זאָלן נישט געבן אונדזערע קינדער אַ טעכנישע בילדונג און פאַרהאַסן די קאָנסעקווענצן פון יעדן פאַל. די קאָנסעקווענצן וועלן אונדז פאַר־אַכטן, אויב מיר וועלן לערנען אַ מיידל שיסן און מיר וועלן

איר נישט גלייכצייטיק לערנען דעם „לא תרצח“, קאָן זי אונדז דערשיסן אזוי גיך, ווי זי וועט נאָר אין כעס ווערן צוליב עפּעס און אויב מיר וועלן זיך גרייטן אויפצוהענגען איר דערפאר, וועט זי פרעגן דאָס אייגענע וואָס א סך פרויען פרעגן היינט, ווען זיי געפינען זיך אין אן אומאָנגענעמע לאַגע:

„פאַרוואָס האָט איר מיר קיינער גאָרנישט געזאָגט“.

דאָס איז די סיבה פארוואָס געצוווּנגען בילדונג קאָן זיך נישט האַלטן אין דער ליניע פון אויסשליסלעך טעכנישע בילדונג. אין דער ליבעראַלער בילדונג, זענען פאראן טיילן וואָס זענען פּונקט אזוי נויטיק אינם מאָדערנעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, ווי לייענען און שרייבן און דאָס מאַכט עס אזוי שווער צו ציען אַ ליניע סיי דאָרט ווו די מלוכה האָט יאָ און סיי דארט ווו די מלוכה האָט נישט קיין רעכט זיך צו פאָרען מיטן קינדס מוח און גוף אָן זיין פרייער צושטימונג.

שפּעטער וועלן מיר אפשר מאַכן קאָנדיציעס: למשל א בוי־מייסטער וועט דאַרפן לערנען טריגאָנאָמעטריע, *א שיף־קאַפּיטאַן נעוויגאַציע און א כירורג, ווי צו באגיין זיך מיט זעגלעך און מעסערס אויף ביינער און הויטן, ווייניקסטנס אַזויפיל לערנען ווי א קצב. אָבער דאָס איז נישט דאָס אייגענע, ווי צווינגען יעדן איינעם צו ווערן א קוואַליפיצירטער בוי־מייסטער, שיפס־קאַפּיטאַן, אָדער כירורג. איצט באטראַכטן מיר בלויז די פראַגע: וויפיל דאַרף די מלוכה צווינגען יעדן איינעם צו לערנען אַלס א מיני־נימום קוואַליפיקאַציע פאר א לעבן אין א מאָדערנער שטאָט? אויב די מלוכה צווינגט א פרוי אויסצולערנען זיך די קונץ פון מאַכן לאַטייניש פערזען, צווינגט זי אויף איר אַרויף אַ פעיקייט וואָס וועט איר קיינמאָל נישט צו נוץ קומען און וואָס זי קאָן זיך אליין אויסלערנען אין משך פון עטלעכע חדשים, אויב זי וועט זיין אַזוי משוגע צו וועלן זיך דאָס אויסלערנען. אויף דעם אייגענעם ווידערשטאַנד שטויסן מיר זיך אָן, בעת מ׳וויל איר לערנען הויכע רעכענונגס מעטאָדן. דאָך מוז מען ציען א ליניע צווישן דעם צוואַנג צו לערנען איר צוזאַמענרעכענען צוויי און צוויי און לערנען לייענען און פון דער אַנדערער זייט — אָנצו-

שרייבן פערזן ווי האָראַציוס און לערנען הויכע רעכענונגס-מעטאָדן. די פראַגע איז נור ווו דאַרף מען ציען די ליניע.

פון דער ליבעראַלער זייט אין שייכות צו בילדונג איז קלאָר, אַז אַ געוויסער מינימום וועגן געזעץ, קאָנסטיטוציאָנעלע געשיכטע און עקאָנאָמיע, איז אַ נויטווענדיקייט צו קוואַליפיצירן זיך אַלס אַ וויילער, אפילו ווען עטיק ווערט אינגאַנצן נישט באַרירט. פאַר יונגע קינדער איז דאָגמאַטישע לערע קעגן רציחה, גנבה, און די באַשיינפערלעכע מעגלעכקייטן פון אַן אומגעלערנטן סאָציאַלן פאַרקער אַ מוז זאַך; און דאָ איז עס, ווו מ׳קאָן דערוואַרטן אַ געוואַלטיקע סתירה. עס איז נישט נויטיק איבערצוחזרן אַלץ וואָס איך האָב שוין פריער געזאָגט וועגן דער אומעגלעכקייט, צו איגנאָרירן דעם טייל פון דער בילדונג און אָנרופן די פאַרנאַכלעסיקונג וועלטלעכע בילדונג. אויב איר זאָלט צוליב דעם וואָס דער אָביעקט איז אַ סתירהדיקער, נישט לערנען אייער קינד, נור אים לאָזן, ער זאָל פרווון אַליין אויסגעפונען, צו די ערד איז קיילעכדיק אָדער פלאַך, וועט ער אויסגעפונען, אַז זי איז פלאַך, און ווען ער וועט נאָך אַ סך טעותים און אַרומבלאָנדזשעניש און אַלערליי אבערגלויבעריי זיך דערוויסן, וועט ער זיין אַזוי אין כעס אויף אייך, פאַרוואָס איר האָט אים נישט געלערנט, אַז די ערד איז קיילעכדיק, אַז ווען ער וועט אויפוואַקסן, ווערן אַ וויילער, וועט ער דורכויס פאַרלאַנגען, אַז מען זאָל מיט זיין קינד לערנען מכוח דעם אַלעמען און אים אַלצדינג אָנווייזן אויף דעם געביט. דער, וואָס וועט נישט אַרבעטן אין פיזיק וועט אויך נישט אַרבעטן אין מעטאַפיזיק. קיין שום רעגירונג, אַ סאָציאַליסטישע אָדער אַן אַנטיסאָציאַליסטישע אָדער אַ נייטראַלע וואָלט בשום-אופן נישט געקאָנט באַהערשן און אַדמיניסטרירן אַ העכסט געקינסטלטע מאָדערנע מלוכה, סיידן ווען יעדער בירגער זאָל האָבן אַ העכסט געקינסטלטן מאָדערנעם געוויסן, דאָס הייסט, אַ גלויבן אָדער אַ קערפערשאַפט פון גלויבנס, אַ זאַך וואָס איז ביי אַ פרימיטיווער פרוי גאָרנישט מעגלעך. אָדער זי וועט נישט גלויבן אין זיי, אָדער זי וועט זיי האַלטן פאַר פאַנטאַסטישע לעסטערונגען, וואָס מוז אַרויפברענגען

אויף איר שבט דעם צאָרן פון די געטער. די מאָדערנע מלוכות מוזן צוליב דעם לערנען די גלויבנס אָדער אומגלויבנס און זען אַז זיי זאָלן געלערנט ווערן; אָדער זיי וועלן נישט קאָנען ווײַ־טער אָנפירן, און די סיבה פאַרוואָס מיר זענען הײַנט אין אַזאַ לאַגע איז דאָס, וואָס אונדזערע מלוכות פּרוּוון לערנען אַ בינטל גלויבנס און אומגלויבנס, וואָס געהערן צו אַ פאַרגאַנגענער וועלט צו אַן אַמאָליקע וויסנשאַפט און אַן אָפּגעשטאָרבענע ציוויליזאַציע. שטעלט אײַך פאָר, ווען מ׳זאָל גיין צו משהן אָדער מחמדן, זיי זאָלן אונדז געבן אַ געזעץ־בוך ווי אַזוי צו רעגולירן דעם מאָ־דערנעם געלט־מאַרק!

ווען מיר וואָלטן אַלע געהאַט די אייגענע גלויבנס און אומגלויבנס וואָלטן מיר זיך געקאָנט לעבן גאַנץ גוט ווו עס זאָל אונדז נישט פירן, צו אונדזער אונטערגאַנג אָדער פאַרקערט. אָבער די קאָנפליקטן צווישן די פאַרשידענע סתירותדיקע גלויביקע און דער פּראָגרעס וואָס צווינגט אונדז אָפּצוזאָגן זיך מיט די גלויבנס, און וואָס מוז דויערן אַזוי לאַנג ווי לאַנג מיר וועלן האָבן אַלערליי מינים מענטשן און אַלערליי פאַזן פון עוואָלוציע — וועלן מיר אומבאַדינגט פּראָדוצירן קאָנפליקטן איבער מיינונגען וועגן דער פראַגע וואָס מען זאָל לערנען אין די פאָלקס־שולן אונטער דער רובריק פון רעליגיעזע דאָגמעס און הומאַניסטישע בילדונג. עס זענען נאָך הײַנט פאַראַן אַ סך מענטשן, וואָס גלויבן, אַז כּדי אָפּצוראַטעווען דאָס קינד פון אייביקער. גראָטעסקער און שרעק־לעכער מאַטערונג אין אַ טײַך ברענענדיקן שוועבל דאַרף מען עס טויפן אין אַ וואַסער, מחמת עס ווערט געבוירן א פאַרשאָלטענס פול מיט זינד און קללות. און ווען עס ווערט עלטער און הויבט אָן ווערן פאַראַנטוואָרטלעך דאַרף מען אים אָנשטאָפּן מיט דעם דאָזיקן גלויבן מיט אַ צוגאָב. אַז אַלע זײַנע זינד זענען פאַר־געבן געוואָרן ווען קריסטוס גאָטס-זון האָט זיך מקרבֿ געווען אויפן קרייץ, און אַז דידאָזיקע פאַרגעבונג איז נור חל אויף די וועל־כע גלויבן אין אים. און קוים הערט מען איינמאָל אויף צו גלויבן אין דעם האָט די טויפונג נישט קיין שום ממשות און דער משפּט פון אייביקער פערדאַמונג איז ווייטער גילטיק. דאָס איז די אָפּי

ציעלע רעליגיע איינגעפירט דורך דער מלוכה אין אונדזער לאַנד הייַנט צו טאָג; און אינם געזעץ-בוך איז נאָך אַלץ פאַראַן אַ געזעץ, וואָס וואָרנט צו באַשטראָפן יעדן איינעם וואָס וועט לייקענען אין דעמדאָזיקן אמת, און קיין שום קאַבינעט וואגט עס נישט אָפּצושאַפן.

פאַרשטייט זיך, אַז עס איז נישט וואַרשיינלעך אַז אַן עכט אַנטוויקלטער סאָציאַליסטישער שטאַט זאָל פּרוון אָפּשרעקן קינדער מיט דידאָזיקע גלויבנס אָדער אַפילו דערלויבן וועלכן עס איז פּריוואַטן מענטשן דאָס צוטון, ביז דאָס קינד וועט נישט האָבן דערגרייכט, וואָס מען וואָלט אין אַנאַנדער באַציִונג גערופן די צושטימונגס-עלטער; די מלוכה מוז שיצן דעם קינדס נשמה אַזוי גוט ווי זיין קערפּערל; און מאָדערנע פּסיכאָלאָגיע באַשטעטיקט די געוויינטלעכע דערפאַרונג ווען זי לערנט אונדז, אַז איבערצושרעקן אַ יינג קינד מיט מעשיות פון גהינמס און איינרעדן אים ער זאָל גלויבן, אַז ער קאָן נור ניצול ווערן פון אָט דעם גהינם דורך האַלטן זיך אַזוי ריין און אָן זינד, וואָס קיין שום הייליקע אָדער העלדין האָט אַפילו קיינמאָל נישט געחלומט, הייסט פאַרקריפּלען עס אויפן גאַנצן לעבן, נאָך שטאַרקער ווי אַ קערפּערלעכע שטראָף וואָס אַ וועלכער עס איז ברוטאַלער שקלאַפן-אייגנטימער האָט ווען געוואַגט דורכצופירן אָדער באַרעכטיקן. אויסדריקנדיק זיך אַבסאָלוט פריי און קלאָר: אַ סאָציאַליסטישער שטאַט ווי ווייט איך קאָן מיר פאָרשטעלן וועט לערנען דאָס אַ חשבון פון כפל אָדער קירכן-קאַטעכיזם וועט מען נישט נור אַליין נישט לערנען נור אויב דער שטאַט וועט זיך דערוויסן, אַז עלטערן האָבן אים געלערנט זייער קינד נישט סתם, ווי אַ קוריאָזן היסטאָרישן דאָקומענט – וועט מען געבן דידאָזיקע עלטערן אַ וואָרנונג, אַז אויב זיי וועלן ווייטער אַזוי טון, וועט מען אַוועקנעמען דאָס קינד פון אונטער זייער שוץ און מען וועט עס איבערגעבן צום „לאָרד-טשאַנסעלער", פּונקט אַזוי ווי מען האָט געטון מיט שעלים קינדער, ווען זייער זיידע פון דער מוטערס צד האָט באַשולדיקט זיין איידעם אז, ער איז אַן אַטעיסט.

חוץ דעם וועט אַ סאָציאַליסטישער שטאַט נישט דערלויבן,

אז מען זאָל לערנען זיינע קינדער אַז פּאָליגאַמיע, שחיטות פון קריגס-געפאַנגענע און בלוט-קרבנות, אריינגערעכנט מענשטלעכע קרבנות זענען היילִיק-אויסדערווײלטע אינסטיטוציעס; דאָס הייסט, אַז ער וועט נישט דערלויבן איינצופירן די ביבל אין די שולן, א חוץ אַלס אַ קאָלעקציע פון אַלטע כראָניקן, פּאָעמען, שפּרוכן, און פּאָליטישע מפּלות אויף דעם זעלבן שטייגער ווי מיר זאַמלען די רייזע-באַשרייבונגען פון מאַרקאָ פּאָלאָ, געטהע'ס פּאָוסט קאַרלייל'ס פּאַסט אָנד פּרעזענט אָנד סאַרטאָר רעזאַרטוס און ראַסקינס עטיקס. אויך די דאָקטרינע, אַז אונדזער לעבן אויף דער וועלט איז נישט מער; ווי אַ קורצער עפּיזאָד און אַז מיר דאַרפן זיך צוגרייטן צו דעם אמתן, וויכטיקן לעבן אויף יענער וועלט און עס מאַכט נישט אויס צי מיר זענען אויף דער וועלט אָרעם אָדער רייך מרה-שחורהדיק אָדער קראַנק פון מגפות, ווייל מען וועט אונדז געבן אַ פּרעכטיקע קאָמפּענסאַציע אויף יענער וועלט אויב מיר וועלן נור אַלץ געדולדיק צריבערטראָגן, און ווער עס וועט נישט באַשטראָפט ווערן פאַר בונטעווען און לעסטערן די דאָקטרינע וועט דעם שטאַט אויך פּאַרווערן צו לערנען.

אַזאַ ענדערונג וואָלט לגמרי נישט געמאַכט אַזאַ גרויסן רושם ווי אַ טייל פון אונדז האָבן מורא, הגם עס וואָלט געווען געבראַכט צו אַ מבול ווען די איצטיקע דאָקטירנעס, וואָס מען טאָלערירט און מען לערנט וואָלטן געווען ערלעך געמיינט. אָבער צום גליק זענען זיי נישט. די מענטשן, וואָס נעמען זיי ערנסט אָדער גיבן צו וואָסער עס איז באַדייטונג צו די ווערטער זענען אזא אויסנעם, אַז מערסטנס ווערן זיי באַצייכנט אַלס קליינע סעקטעס, וועלכע מען באַטראַכט אין דער ברייטער וועלט פאַר האַלב-משוגע. עס שטעלט זיך אַ פראגע, צי דער איינער פּראָ-צענט אפשר, די וואָס רופן זיך מיטגלידער פון דער ענגלישער קירך און שיקן זייערע קינדער צו דער קאָנפערמאַציע און אין די שולן וואָס געהערן צו דער קירך און צו די אַלע גאָטעס דינסטן—צי זיי ווייסן אָדער עס אינטערעסירט זיי, וואָס מען הייסט זיי אייגנטלעך טון און צו זיי לעזן די דאָגמאָס און אַרטיקלען און גלויבן אין זיי, ווי אין דער מאָרגן-צייטונג וואָס זיי לעזן.

מצגלעך, אַז דער פּראָצענט „נאָן-קאָנפאָרמיסטן" וואָס קאָנען די „וועסטמינסטער קאָנפעיזע" און אקצעפּטירן איר איז אפשר אַביסל גרעסער, ווייל „נאָן-קאָנפערמיטי", איז איינע פון די עקסטרעמע סעקטעס; נור אַזוי ווי דידאָזיקע סעקטעס שפּילן אַלערליי פאַנאַטאסטישע פאָרמען אויף דער דאָקטרין פון קאַטעכיזם דעקט די נאָן-קאָנפערמיטי אַזעלכע פונקטן, וואָס זענען פון דער קירך דערקלערט געוואָרן פאַר לעסטעריש און אַפּיקורסיש. איך בין גאַנץ זיכער, אַז איך וועט אפילו נישט איינפאַלן חושד צו זיין, ווי-פיל פאַרשידענע רעליגיעס עס געפונען זיך אין דער אייגער בריטישער רעליגיע אונטער דעם אַלגעמיינעם נאָמען קריסט. קיין שום מלוכה וואָלט זיי נישט געקאָנט אַלע צופרידנשטעלן. די קעניגן עליזאַבעט האָט עס געפּרווט טון. זי האָט געלאָזט אויס-קריצן ניינאונדרייסיק אַרטיקלען וועלכע האָבן פאַרטיידיקט און אָפּגעלייקנט די דיספּוטירטע דאָקטרינעס, אַזוי, אַז יעדער פּרוי האָט דאָרט געקאָנט געפונען איר אייגענעם גלויבן באַשטעטיקט, און דער אַנדערער פּרויס גלויבן באַשולדיקט און דאָך איז עס איר אַבסאָלוט נישט געלונגען, אַ חוץ דאָס, וואָס עס איז געווען אַ מיטל צו פאַריאָגן ווייכע געוויסנס און צווייפלהאַפטיקע אינ-טעלעקטן פון דער קירך. געוויינטלעכע גלחים פאַרשרייבן זיי אונטער צוואַנג, מחמת זיי קאָנען אויף קיין אַנדער אופן נישט אַריינקריגן קיין מתפּללים, קיינער באַמיט זיך אפילו נישט אויפ-צווייזן, אַז זיי זענען אַלע גלויבנסווערטיק, ביי אַלע מענטשן, און אין איין צייט; און ווייניק מענטשן ווייסן בכלל, וואָס זיי זענען אָדער וואָס זיי מיינען. מען וואָלט זיי אַלע געקאָנט פאַ-נאַנדערלאָזן שטילערהייט. עס וואָלט נישט געבראַכט קיין שום אויפריר. עס וואָלט נישט שאָקירט די אמתע גלויבנס אונדזערע,

אַ קאַפּיטאַליסטישע מלוכה מוז איינחזרן די דאָקטרינעס, וואָס זענען צומבעסטן אויסגערעכנט צו מאַכן פון די פּשוטע מענטשן געהאָרכזאַמע לוין-שקלאַפן; אַ סאָציאַליסטישע מלוכה מוז אויסרעכנען וועלכע דאָקטרין וועט גיכער מאַכן דעם הערשנ-דיקן קלאַס פאַר גוטע סאָציאַליסטן. קיין שום מלוכה, נישט קיין חילוק, וואָס איר מאָטאָ זאָל נישט זיין, קאָן נישט בלייבן

אונדיפרענט צו די פּאַרמאַציע פון דעם איינפּאַכן אויסגערעכנטן גלויבן, פון דער נאַציע. די געזעלשאַפט קאָן נישט עקזעסטירן, סיידן אירע יחידים, וואָס שטעלן איר צוזאַמען האָבן די אייגענע גלויבנס מכּוח דעם, וואָס איז ערלעך און וואָס פאַלש אין אונדזערע אַלטעגלעכע מעשים. זיי מוזן האָבן אַן אַלגעמיינעם גלויבן וואָס זאָל באַנייען דעם גלויבן פון די אַפּאָסטאָלן, דעם נייסענע גלויבן, דעם אַטהאַנאַזיאָן-גלויבן און די אַלע אַנדערע רעליגיעזע מאַניפעסטן. די קעניגן מערי טודאָר, די קעניגן עליזאַבעט, דער קעניג דזשעמס דער צווייטער און דער קעניג ווילִיאַם דער דריטער האָבן נישט געקאָנט שטימען מכּוח איר ריכטיקער פאָרשטעלונג; אָבער זיי האָבן אַלע איינגעשטימט, אַז עס איז אַן עברה צו רויבן, הרגענען אָדער אונטערצינדן דעם שכנס הויז. די וואַך ביים טויער פון בוקינגהאַם-פּאַלאַץ קאָן אַמאָל נישט זיין איינשטימיק מיט דער קעניגלעכער פאַמיליע אין אַסך פונקטן, אָנהויבנדיק פון דער אימפּעריאַליסטישער מאָטאָ פונם קאַבינעט, אָדער די ענדערונג פונם געבעט-בוך, אָדער גאָר אויף וועלכן פערד צו שפּילן אין דער דערבי; אָבער ווען עס וואָלט נישט געווען קיין איינפאַרשטענדניש און קיין פולשטענדיקע האַרמאָניע צווישן זיי בנוגע דער גרענעץ ביים באַנוצן זיך מיט דער שווערט און באַגנעט וואָלט זייער אַלגעמיינע פאַרוואַנדשאַפט נישט געקאָנט האָבן קיין קיום; עס וואָלט נישט געקאָנט עקזעסטירן נישט קיין קעניג און נישט קיין וואַך, מיר אַלע פאַראַכטן אַלע פאַראורטיילן; פונדעסטוועגן, ווען מיר אַלע וואָלטן נישט געווען קיין לעבעדיקע זעקלעך פאָראורטיילן און ווען וויניקסטנס ניין צענטל פון זיי וואָלטן נישט געווען די אייגענע פאַראורטיילן אַזוי טיף איינגעוואָרצלט אין אונדז, אַז מיר טראַכטן גאָר קיינמאָל נישט מכּוח זיי ווי וועגן פאָראורטיילן און רופן עס אָן געוויינטלעך מענטשן-פאַרשטאַנד, וואָלטן מיר פונקט אַזוי נישט געקאָנט אָנרופן זיך מענטשהייט, ווי די שלאַנגען וואָלטן עס זיך נישט געקאָנט אָנרופן.

אָט דער געוויינטלעכער שכל אונדזערער איז נישט קיין אינגאַנצן איינגעבוירענער. אָט נעמען מיר, למשל: אַ פרוי ווייסט,

כאָטש עס האָט איר קיינער נישט געזאָגט, אַז זי טאָר נישט אויפעסן איר קינד, און אַז זי מוז אים געבן עסן און זייגן אפילו ווען עס שטייט איר פאָר אַ געפאַר צוליב דעם. אָבער זי האָט נישט דעם אייגענעם געפיל מכּוח צאָלן שטייערן און טאַקסן הגם דאָס איז פונקט אַזוי נויטיק פאַרן לעבן פון דער געזעלשאַפט ווי דאָס זייגן קינדער פאַרן לעבן פון דער מענטשהייט. מיינס אַ פריינדן, אַ העכסט געלערנטע פרוי, די פאָרשטייערן פון אַ באַוווּסטן אוניווערסיטעט אין צפון-לאָנדאָן האָט שאַרף דיסקוטירט מכּוח דעם רעכט פון דער לאָקאַלער אויטאָריטעט צו באַטראַכטן די קאַנאַליזאַציע דורך אַ פאָלקס סאַניטאַרן-אינספּעקטאָר. איר גלויבן איז געווען פון אַן אַבסאָלוטער פּריוואַטער דאַמע וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין אַ פּריוואַט-הויז; און עס איז איר פאָרגעקומען אַ חוצפּה, וואָס אַ מאַן מיט וועמען זי שטייט נישט אין קיין שום באַציונגען זאָל האָבן די לעגאַלע פּריווילעגיע אַריינצושפּאַצירן אין די פּריוואַטע חדרים פון איר קאָלעדזש הגם זי האָט אים לחלוטין נישט איינגעלאַדן. דאָך דאָס געזונט פון דער געמיינדע איז אָפּהענגיק פון אַן אַלגעמיינעם גלויבן, אַז דידאָזיקע פּריווילעגיע איז צוליבן אַלגעמיינעם געזונט און איז גאַנץ פאַרשטענדלעך. דאָס פאַרגרעסערן אָט דעמדאָזיקן אַלגעמיינעם גלויבן איז דער איינציקער וועג, פּטור צו ווערן פון כאָלעריע-עפּידעמיעס. אָבער דידאָזיקע פּעיקע און הויכגעבילדעטע דאַמע וואָס איז נאָך געווען אין די בעסטע יאָרן, איז שוין געווען צו אַלט צו לערנען.

דער סאָציאַלער גלויבן מוז אין אונדז אַריינדרינגען, ווען מיר זענען נאָך קינדער; ווייל עס איז פונקט ווי רייטן, אָדער לייענען מוזיק ביים ערשטן בליק: עס קאָן קיינמאָל נישט ווערן קיין צווייטע נאַטור, אויב מען לערנט עס ווען מען איז שוין אַ דערוואַקסענער מענטש; און דער סאָציאַלער גלויבן, אויב ער זאָל באמת האָבן אויף אונדז אַ ווירקונג, מוז ער ווערן אונדזער צווייטע נאַטור. עס איז גאַנץ גרינג, צו געבן מענטשן אַ צווייטע נאַטור, נישט קיין חילוק ווי אומנאַטירלעך אָט די צווייטע נאַטור זאָל נישט זיין, ווען איר פּאַקט זיי באַצייטנס. עס איז

ער גענמיין אפילו און גראָטעסק ווי גלויבן, אַזאַ פאַראַן נישט זאָל נישט זיין, וואָס זאָל נישט קאָנען ווערן קיין טייל פון דער מענטשלעכער נאַטור אויב מען האָט אים אַריינגעחזרט אינעם קינד און קיינמאָל נישט אָפּגעלייקנט אין קינדס קעגנוואָרט. היינט, אַז איר זענט אַ דערוואַקסענער מענטש וועט אייך קיין שום זאַך נישט איבערצייגן, אַז עס איז ריכטיק. מען זאָל לאָם מאַכן יעדער פרוי אויפן גאַנצן לעבן דורך איינפּרעסן איר דעם פוס בשעת זי איז אַ קינד צוליב דעם, וואָס עס איז כּלומרשט נישט שיין אַז אַ פרוי זאָל זיך פריי באַוועגן און אַרומגיין, ווי אַ חיה. אויב איר זענט די פרוי פון אַ גענעראַל אָדער אַן אַד־מיראַל וועט אייך קיין שום זאַך נישט איבערצייגן, אַז איר מיט אייער מאַן זענט איר פאַרפליכטעט צו באַגיין זעלבסטמאָרד, כּדי צו באַגלייטן אייער פאָרשטייער אויף יענער וועלט. קיין שום זאַך וועט אייך נישט איבערצייגן, אַז יעדער אלמנה איז זיך מחויב צו לאָזן פאַרברענען לעבעדיקערהייט, צוזאַמען מיטן טויטן קערפּער פון איר מאַן. אָבער ווען מען וואָלט אייך געפּאַקט בשעת איר זענט נאָך געווען אַ קינד און מ׳וואָלט אייך דאָס אַלץ איינגערעדט, וואָלט מען אייך געקאָנט מאַכן גלויבן און טון די אַלע זאַכן, פּונקט אַזוי גוט ווי די כינעזישע, יאַפּאַני־שע און אינדישע פרויען האָבן געגלויבט און געטון. איר קאָנט זאָגן, אַז יענע זעגבן געווען געצנדינערישע פרויען פונם ווייטן מזרח און איר זענט אַ קריסטן פונם מעריב. אָבער איך געדענק ווען אייערע באָבעס, אויך קריסטנס פונם מעריב האָבן געגלויבט אַז זיי וועלן ברענגען אויף זיך חרפּות אויפן גאַנצן לעבן, אויב זיי וועלן ווייזן אין גאַס אַ קנעכל פון אַ פוס (אָדער זיי וועלן אַלס „אמתע ליידעס" גיין אַליין איבער דעם גאַס). זיי האָבן געמאַכט פון זיך אַזאַ ספּעקטאַקל, ווען זיי האָבן חתונה געהאַט, האָבן זיי אָנגעטון אַ הייבל, כּדי צו מעלדן דער וועלט, אַז זי טאָר מער נישט געפעלן ווערן קיין פרעמדע מענער. און ווען זי איז געוואָרן אַן אַלמנה האָט זי געמאַכט פון זיך אַזאַ מאָד־נע פיגור, אָנטועדיק זיך אין קרעפּע־מאַנטלען אַ סימבאָל פון איינזאַמקייט און יאָמער. ווען איר וואָלט זיי געקאָנט זען אָדער

זיך פֿאַרשטעלן ווייניקסטנס, ווי אַזוי זיי האָבן אויסגעזען, וואָלט איר זיך איבערצייגט, אַז דאָס איז געווען ממש ביי איר גליק און אַז זי האָט נישט געהאַט קיין העכערן פֿאַרשטאַנד פֿון דער מערבדיקער פֿרוי, אין פֿאַרגלייך מיט דער מזרח־פֿרוי וואָס האָט איר מזל געווען פֿון די איינגעפּרעסטע פֿיס, פֿון פֿאַרברענען זיך לעבעדיקערהייט און פֿון דער כּאַראַ־קירי. אויב איר צווייפֿלט נאָך אַלץ, זעט ווי די מענער גייען אין דער מלחמה אַריין און באַגייען די שרעקלעכסטע מאָרדן, דערפֿאַר וואָס זיי גלויבן, אַז עס איז זייער פֿליכט אַזוי צו טון, און אויך דערפֿאַר וואָס די פֿרויען וואָלטן זיי געשפּיגן אין פּנים אַריין, ווען זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן, אַלץ דערפֿאַר ווייל דאָס האָט מען זיי געלערנט פֿון קינדווייז אָן און אַזוי אַרום באַשאַפֿן די פֿאָלקס־מיינונג, וואָס גיט דער מלוכה נישט בלויז אַ מעגלעכקייט צונויפֿצונעמען פֿריי־ווילּיקע אַרמעען, נור איינצופֿירן געצוווּנגען מיליטער־דינסט און אַרויפֿצולייגן אַ שווערע שטראָף אויף די עטלעכע מענטשן, וועל־כע דענקענדיק נישט ווי מ׳הייסט זיי דענקען, נור ווי עס דענקט זיך — קאָנען זיי נישט אָננעמען קיין אַנגראָ־אויסשלאַכטונגען און רוינען פֿאַר קיין פּאַטריאָטישער ווירדיקייט.

ס׳איז אַ זיכערע זאַך, אַז אויב אַלע פֿרויען וועלן האָבן געשטאַלטיקט זייערע געדאַנקען בעת זיי זענען קינדער אויף אַזאַ אופֿן ווי קעניגין וויקטאָריאַ האָט געפֿאָרעמט איר געדאַנק בשעת זי איז געווען אַ קינד וועט אַ סאָציאַליסטישער שטאַט זיין אַן אוממעגלעכקייט. דעריבער מעג מען זיין זיכער, אַז נאָכדעם ווי דער פּראָלעטאַריאַט וועט באַזיגן דעם פּאַרלאַמענט וועט אַזאַ מין פֿאָרמען די קינדערישע געדאַנקען זיין פֿאַרווערט מיט אַלע מעג־לעכקייטן וואָס וועלן זיין אין דער מאַכט פֿון דער רעגירונג. מען וועט נישט הייסן די קינדער בעטן גאָט, ער זאָל בענטשן דעם פּריץ מיט זיינע קרובים און זיי גופֿא, די קינדער האַלטן אין געהעריקן מצב, מען וועט זיי אויך נישט דערציִען אין אַזאַ גייסט, אַז זיי זאָלן לויבן גאָט פֿאַרוואָס ער גיט זיי עסן בעת אַנדערע שטאַרבן פֿון הונגער און זיי זאָלן זינגען בעת אַנדערע קלאָגן. אַז מען וועט כאַפּן אַ לערער, ווי ער פֿלאַנצט איין אין

די קינדער אַזאַ מין גייסט וועט מען אים אָפּזאָגן פֿונעם פּאָסטן, אויב דאָס וועלן זיין דערציערינס, וועלן זייערע קוואַליפיקאַציע־פּאַפּירן געפּסלט ווערן און מען וועט פאַר זיי געפינען אַזאַ אַרבעט, וואָס האָט נישט קיין שייכות מיט דער דערציונג פֿון קליינע קינדער. עלטערן מיט וויקטאָריאַס מיינונגען וועלן האָבן שעליס סוף מען וועט ביי זיי אָפּנעמען די קינדער. דערוואַקסענע מעגן דענקען ווי זיי ווילן נאָר זיי דאַרפן זען נישט צו דענקען אויסנעמלעך, כּדי מען זאָל זיי נישט דאַרפן איינשליסן אין קיין משוגעים־שפּיטאָלן; אָבער פאַר די פּונקטן וואָס האָבן אַ שייכות מיט בויען די סאָציאַלע געביידע,—קאָנסטיטוציאָנעלע פּונקטן, ווי מיר רופן זיי,—וועט נישט געגעבן ווערן קיין שום אָרט אין די קינדער־שולן. דעם קינדס מאָדערנע צווייטע נאַטור וועט זיין אַן אָפּיציעלע צווייטע נאַטור, פּונקט ווי די אָפּגעשטאַנענע צווייטע נאַטור, וואָס מען האָט איינגעלערנט אין אונדזערע הויכשולן און אין די אוניווערסיטעטן היינט צו טאָג.

ווען דאָס קינד האָט געלערנט זיין סאָציאַלן גלויבן אין קאַטעכיזם און קאָן לייענען, שרייבן, רעכענען און באַנוצן זיך מיט די הענט, בקיצור ווען עס איז קוואַליפיצירט צו קאָנען זיך פריי באַוועגן אין מאָדערנע שטעט און טון געווינטלעכע נוצלעכע אַרבעט, וואָלט מען עס בעסער געדאַרפט לאָזן אַליין אויסגעפונען, וואָס איז בעסער פאַר אים אין שייכות מיט אַ העכער קולטיווירונג. אויב דאָס קינד איז אַ בייטאָרין אָדער אַ שעקספּיר, וועט עס לערנען דעם שטודיום אָדער די קונסט פֿון טעאַטער, כאָטש מען וועט עס אים נישט האָבן אַריינגעזאָגט אין האַלדז אַריין. אַלץ וואָס עס איז נויטיק איז עס זאָל האָבן דעם צוטריט צו ביכער, לערער און טעאַטערן. אויב זיין געדאַנק פאַרלאַנגט נישט קיין הויכע קולטיווירונג דאַרף מען עס איבערלאָזן פאַר אים אַליין, אַז מסתּמא ווייסט ער בעסער, וואָס איז גוט פאַר אים. גייסטיקע אָפּרו־צייט, איז פּונקט אַזוי וויכטיק, ווי די צייט פֿון זייען. אפילו אַ קערפּער קאָן ווערן אויסגעמאַטערט פֿון איבערקולטיווירונג. פּרוּוון מאַכן מענטשן פאַר אַטלעטן אָן אונטערשיד. איז פּונקט אַזוי אידיאָטיש, ווי פּרוּוון מאַכן זיי פאַר אירלענדי־

שע שטודענטן. עס איז נישטאָ קיין סיבה, פאַרוואָס מען זאָל
דערוואַרטן אז סאָציאַליסטישע געזעצן וועלן זיין אידיאָטישער נאָך
פון די געזעצן, וואָס האָבן פּראָדוצירט איטן און האַראָוו, אָקס-
פאָרד און קעמברידזש, און סקווירס.

## LXXXII

# סאָציאַליזם און די קירכן

אויף וויפיל א סאָציאַליסטישער שטאַט וועט טאָלערירען א קירך אין אונדזער זין, איז א גרויסע פראַגע. די מחלוקה צווישן דער קירך מיטן שטאַט, איז שוין א גאַנץ אַלטע. באַהאַנדלענדיק דידאָזיקע פראַגע מוזן מיר אויף א רגע איבערלאָזן אונדזער פערזענלעך גיין אין קירך אריין און אונדזערע איבערצייגונגען אויף דעם געביט און פרווון קוקן אויף דער פראַגע פון דרויסן, אזויווי מיר קוקן אויף די רעליגיעס פון מזרח, אָדער אַוועקצו־שטעלן איר מעשה־קענער אָביעקטיוו, נישט סוביעקטיוו. היינט צו טאָג, אז א פרוי עפנט אַ קאַבינעט אין באָנד־סטריט, זיצט זיך דאָרט אָנגעטון אין מאָדערנע מלבושים און מאַכט זיך עס פאר א פראָפעסיע צו טרעפן אייער צוקונפט דורך קאָרטן אָדער קריסטאָלן, אָדער דורך אַנטפּלעקונגען וואָס גייסטער מאַכן איר, ווערט ער פארמשפט ווי א קרימינעלע פארברעכערין פאַר שווינדל, אָבער ווי א מאַן טוט זיך אָן אין מאָדנע מלבושים, עפנט א קיך וועלכען ער מאַכט זיך פאר זיין פראָפעסיע אויסצולייזן אונדז פאר אונדזערע עברות, צו האַלטן דעם שליסל פון גן־עדן און פון גיהנום, צו גאַראַנטירן אונדז, אז וואָס ער בינדט אויף און וואָס ער בינדט צו אויף דער ערד, וועט זיין געבונדן אָדער אויפגעבונדן אין הימל, צו פאַרלייכטערן דעם גורל פון די נשמות אינם גיהנום, ווו זיי רייניקן זיך פון זייערע זינד, צו רעדן מיט

נאָטס-שטים און צו דיקטירן דער גאַנצער וועלט, וואָס ס'איז אַן עברה און וואָס א מצווה (פּרעטענציעס, וואָס אויב איר קוקט אויף זיי אָביעקטיוו, זענען זיי א סך גרעסער א סך געפערלעכער פון דער אָרעמער מכשפה מיט אירע קאָרטן, קריסטאָלן און טיי-בלעטלעך) פאר אים האָט די פּאָליציי דעם גרעסטן דרך-ארץ און קיינעם חלומט זיך אפילו נישט צו פארמשפּטן אים פאר א סקאַנדאַליעזן שווינדלער. די אָביעקטיווע דערקלערונג פון זיין פרייהייט איז דאָס, וואָס אזא גרויסע צאָל מענטשן האַלטן, אז ער איז נישט קיין שווינדלער, זיי גלייבן מיטן גאַנצן האַרצן אז ער קאָן טאַקע טון די אַלע זאַכן, וואָס ער פּרעטענדירט צו קאָנען און דאָס גיט אים און זיינע חברים-פּריסטער די מעגלעכקייט זיך צו אָרגאַניזירען אין א גרויסער רייכער קערפּערשאַפט, וואָס רופט זיך די קירך מיט דער אונטערשטיצונג פון געלט, שטימען בעת וואַלן, צו שטאַרבן אין איר פאַרטיידיקונג פון מיליאָנען בירגער. דער פּריסטער קאָן נישט בלויז פאראַכטן די פּאָליציי וואָס די געוויינטלעכע כשוף-מאַכערין קאָן נישט, ער דאַרף נור איבערצייגן א גענוגנדיקע צאָל מענטשן פון זיין הייליקער מיסיע און ער איז פארטיק מיט דער רעגירונג אויך. איבערנעמען אַלע אירע פונקציעס, א חוץ די שמוציקע ארבעט, מיט וואָס ער וויל זיך נישט איינשמוצן די הענט און לאָזט זי איבער אין די הענט פון דער וועלט נעמען אויף זיך א כוח פון טויט און לעבן אויסלייזונג און פארדאַמונג, דיקטירן יעדערן פון וואָס מיר זאָלן לייענען און דענקען און אוועקשטעלן אין יעדן הויז א מין שמש, וואָס זאָל רעגולירן דאָס לעבן פאר אונזערטוועגן, לויט זיינע באַגריפן מכּוח רעכט און אומרעכט.

דאָס איז נישט קיין בילד פון דער פאַנטאַזיע. די געשיכטע דערציילט אונדז פון אַן אימפּעראַטאָר, וואָס איז געקראָכן מיט די קני איבערן שניי ליגנדיק דאָרט א גאַנצע נאַכט, בעטנדיק מחילה ביי אַן אויבער-גלח אין א קירך און פון אַן ענגלישן קעניג, וואָס האָט זיך געלאָזט שמייסן אין א קאַטעדראַל, ווו א פּריסטער איז אויף זיין פאָרשלאַג דערהרגעט געוואָרן. בירגער זענען איבערגעבליבן נאַקעט און בלויז, מען האָט זיי געפּייניקט;

צעקאַליעטשעט, פאַרברענט לעבעדיקערהייט דורך גלחים, וועמעס כּעס עס האָט אפילו נישט געשטילט די טויטע אין זייערע קברים און די וועלטלעכע הערשער פונם לאַנד, האָבן זיי געמוזט קעגן זייערע אייגענע אינטערעסן און קעגן זייער אייגענעם פאַרשטאַנד אונטערהעלפן אין זייער צאָרנדיקן פאַנאַטיזם.

איר קאָנט זאָגן, אַז דאָס איז געווען אַמאָל, פּאַרציייטנס, אַז איך שלעפּ ארויס אַלטע מעשׂיות פון קאַנאַסאַ, פון קענטעבורי אינם מיטלאַלטער פון שפּאַניען אינם פּופצנטן יאָרהונדערט ווי די בלוטיקע מאָרי און טאָרקווימאַדאַ, אַז אַזעלכע זאַכן האָט מען אין ענגלאַנד נישט געטון זינט דער צייט, ווען די בריטיש פּאַרלעמענטאַרישע מלוכה האָט געלאָזט אָפּשניידן דעם אַרציביסקופּ לאוד דעם קאָפּ פאַר טון אַזעלכע זאַכן; אויך אַז פּויפּסטן זענען היינט גיכער אין געפאַר אייגגעשפּאַרט צו ווערן אין תּפיסה און פּריסטער און גלחים אַרויסגעשיקט צו ווערן דורך אימפּעראַטאָרן און רעפּובליקאַנער צוגלייך, איידער שטאַטס-מענער אַריינגעלייגט צו ווערן אין חרם. איר קאָנט נישט צוגעבן אַז דער בריטישער שטאַט האָט פּאַרברענט פרויען לעבעדיקערהייט פאַר מאַכן פאַלשע מטבעות און פאַר מאַכן אויפשטאַנדן און האָט מיט שווערע געוויכטער געפרעסט מענער צום טויט פאַר נישט וועלן זייער ווייב און קינדער צוליב, מודה זיין אויף קיין נישט געטוענע פאַרברעכנס, אַ לאַנגע צייט נאָכדעם ווי די פּריסטער האָבן שוין געהאַט אויפגעהערט זיך צו באַנוצן מיט אַזעלכע מעטאָדן קעגן אפּיקורסים.

נור ווען פרויען וואָלטן היינט אויך פאַרברענט געוואָרן אַזוי אומבּרחמנותדיק, ווי נעגערס ווערן היינט געלינטשט אין אַמעריקע. וואָלט זיך דער שטאַט געאַמפּערט מיט דער קירך וועגן זי, ווער פון זיי ביידן האָט דאָס רעכט און די מאַכט צו פאַרברענען זיי, וועמען מען זאָל דערלויבן אויסציאיבן אָט די גרויסע מאַכט, וואָס א רעגירונג פון א מאָדערנעם ציוויליזירטן שטאַט מוז האָבן, אויב זייער ציוויליזאַציע וויל אָנהאַלטן. די קעניגן האָבן אונטערגעיאָכט די באַראָנען; די פּאַרלעמענטן האבן אונטעריאָכט די קעניגן; די דעמאָקראַטיע איז אונטערגעיאָכט געוואָרן פון

דער פּלוטאָקראַטיע, און די פּלוטאָקראַטיע רופט ארויס בלינדער־הייט די אונטערזאָכטע דעמאָקראַטן צו באַפעסטיקן א פּראָלעטאַרישן שטאַט און מאַכן א סוף פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָלי־גאַרכיע.

אָבער עס איז נאָך פאַראַן א קעגנערישע מאַכט, וואָס איז באַשטאַנען און וועט באַשטיין במשך פון אַלע ענדערונגען און דאָס איז טעאָקראַטיע, די מאַכט פון פּריסטער, וואָס זענען אָר־גאַניזירט אין קירכן און רעדן זיך איין, אז זייער אויטאָריטעט איז זיי געגעבן געוואָרן פון גאָט. צעברעכט איר זי אין איין פאָרם, שפּרינגט זי ארויס אין אַן אַנדערער. ווען זי איז געווען אָרגאַניזירט אַלס די רוימישע קירך האָבן די נבלות אירע גורם געווען א רעפאָרם אין ענגלאַנד און אין מעריב־אייראָפּע און אין פראַנקרייך דעם צאָרן פון וואָלטערן און די פראַנצויזישע רעוואָ־רעוואָלוציע. אין ביידע פאַלן האָט מען זי אַנטוואָפנט, ביז איר מאַכט צו באַהערשן דעם שטאַט איז געבראָכן געוואָרן און זי איז געוואָרן א פשוט געצייג פון דער פּלוטאָקראַטיע.

נור נעמט אייך גוט אין זינען אריין, וואָס ס׳איז געקומען נאָכדעם. די רעאַקציע קעגן די גלחים איז דערגאַנגען אַזוי ווייט אז אין בריטאַניען, אין דער שווייץ, אין האָלאַנד און אין אַמע־ריקע האָט אויף דעם געשריי „אוועק מיט די פּויפּסטן” יעדער רוימישער קאַטאָליק געציטערט פאַר זיין הויז און יעדער גלח פאַר זיין לעבן. דאָך אונטער לאָוד און דעם הויף־געריכט אין ענגלאַנד און קאַלווין אין זשענעוו, איז די טעאָקראַטיע געווען שטאַרקער ווי תּמיד; מחמת קאַלווין איז איבערגעגאַנגען אַלע פּויפּסטן און דזשאָן נאָקס פון שאָטלאַנד האָט געמאַכט שאָטלאַנדס פּרינצן ציטערן ווי קיין שום פּויפּסט האָט עס נאָך קיינמאָל נישט באַוויזן צו טון.

אָבער איר וועט אפשר ווידער זאָגן, אז „דאָס איז געווען א לאַנגע צייט צוריק, מיר האָבן שוין געמאַכט א גרויסן פאָר־שריט זינט דעמאָלט”. אַזוי האָט מען אייך תּמיד געזאָגט, אָבער זעט די פאַקטן וואָס איך אַליין געדענק נאָך.

צווישן די וואָס האָבן געלעבט אין מיין צייט, געדענק

איך בריגהאַם יונג, פּרעזידענט קרוגער און מיסעס עדדי. דזשאָזעף סמיט דעם יונגערן, האָט מען פאַרפּייניקט בסך־הכּל צוועלף יאָר איידער איך בין געבוירן געוואָרן. איר האָט אפשר פון דזשאָען קיינמאָל נישט געהערט, נור איך פאַרזיכער אייך, אַז זיין קאַריערע איז אין אַ סך באַציִונגען געווען ענלעך צו מחמדס דעם שאָטנדיקן, אומבאַקאַנטן, אַראַבישן קעמל־טרייבער, וועמעס נאָכפאָלגער עס האָבן באַזיגט אַ האַלבע וועלט און וועלכע מאַכן נאָך היינט צו טאָג די לאַגע פון דער בריטישער אימפּעריע אין אַזיע שרעקלעך שווער.

דזשאָזעף האָט געטענהט, אַז גאָט האָט זיך צו אים אַנטפּלעקט און ער האָט איינגעפירט אַ טעאָקראַטיע, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן פון בריגהאַם יונג, אַ מין מאַרמאָנישער משה, איינער פון די פעיִקסטע הערשער אין דער געשיכטע. ביז די וועלטלעכע מלוכה פון די פאַרייניקטע שטאַטן האָט זיך איבערצייגט, אַז מאַרמאָנישע טעאָקראַטיע איז נישט אין איינקלאַנג מיט דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע און זי האָט זיך באַנוצט מיט די אַלגעמיינע פּאַראורטיילן קעגן זייער פיל־ווייבעריי (פּאָליגאַמיע), כּדי איר צו ברעכן. אָבער זי איז נאָך לחלוטין נישט טויט, אירע ציין וואָס זענען געווען שאַרף זענען נור פאַרקלאַפּט און איר אָרט אינם קאַמף האָט דערווייל פאַרנומען די קירך פון קריסטלעכע וויסנשאַפטס־מענער, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פון אַן אַמעריקאַנער דאַמע (וואָס האָט געקאָנט זיין איר אַליין) מיטן נאָמען מיסעס עדדי. זייער אָפּט קומט מיר אויס דורכצוגיין פאַר צוויי פּרעכטיקע קירכן אירע אין לאָנדאָן און עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז עס זענען פאַראַן נאָך אַנדערע ווען, וועלכע איך ווייס נישט, סיידן איר זענט אפשר גראָד אַ מאָרמאָנער, אָדער אַ קריסטלעכע וויסנשאַפטס־דאַמע, איז מעגלעך אַז איר באַטראַכט מיסעס עדדי אַזוי ווי אַ רוימישע דאַמע פונם צווייטן יאָרהונדערט. א. ד. האָט געטראַכט פון קריסטוסעס מוטער און פון דזשאָזעף סמיט — אַזוי ווי אַן ענגלישע דאַמע פונם מיטלאַלטער האָט געטראַכט וועגן „דעם פאַרשאָלטענעם מאַהאָונד" איר קאָנט זיין גערעכט און איר קאָנט זיין אומגערעכט, נור

װאָס קאָנט איר װיסן, עס איז גאַנץ מעגלעך אז מיט א טויזנט יאר צוריק װאָלט מיסעס עדדי געװען פארהייליקט געװאָרן פאר דער אויסדערװײלטער פרוי פון מיליאָנען ציװיליזירטע מענטשן און דזשאָזעף סמיט, װאָלט אפשר געװען ביי מיליאָנען מענטשן גרעסער, װי מחמד איז היינט ביי די מוסלמענער. מען קאָן קיינמאָל נישט װיסן, מענטשן הויבן אָן מיט דער פראַגע: „איז דאָס נישט דעם טישלערס זון? און ענדיקן מיט זאָגן „אָט גייט גאָטס לאַם”.

די װעלטלעכע רעגירונגען אָדער שטאַטן פון דער צוקונפט, פונקט װי די היינטיקע און פארגאַנגענע, װעלן זיך געפונען כסדר איבערחזרדיק דאָס אייגענע קעגן די פרעטענציעס פון די קירכן נייע און אַלטע צו באַזיצן און אויסאיבן טעאָקראַטישע, כוחות און פריװילעגיעס, װאָס קיין שום װעלטלעכע מלוכה פאָדערט נישט איצט. די צרה װערט ערנסט, יוען א נייע קירך פרוװט איינפירן נייע פאָליטישע אָדער סאָציאַלע אינסטיטוציעס אָדער װידער אויפלעבן פאַרװעלקטע און אָפּגעלעבטע. דזשאָזעף סמיט האָט געהאַט די דערלויבעניש זיך פאָרצושטעלן פאר איינעם װאָס א מלאך האָט אים צוגעפירט צו אַן אָרט װו עס איז געװען באַגראָבן אין דער ערד א המשך פון דער ביבל אויסגעקריצט אויף גאָלדענע טאָװלען, און אויך אז ער האָט דירעקטע און אויב נויטיק טעגלעכע אנטפּלעקונגען פון גאָט, װאָס גיבן אים א מעגלעכקייט צו מעשים אַלס אַן אומפעלבאַרן געזעצגעבער. װען עס האָט געפונען אָן א שיעור פרויען און מענער, װאָס האָבן געגלויבט אין אים. האָט די רעגירונג פון די פאַרייניקטע שטאַטן געהאַלטן, או זייערע גלויבנס זענען זייערע אייגענע ענינים און זיי האָבן א רעכט צו גלויבן, װעמען און װאָס זיי װילן, אזוי לאַנג װי דזשאָזעפס געזעצן האָבן האַרמאָנירט מיט די געזעצן פון שטאַט, נור װען דזשאָזעף האָט װידער אויפגעלעבט שלמהס פּאָליגאַמיע, האָט די מאָנאָגאַמישע װעלטלעכע רעגירונג ערשט געמוזט ציען די שװערט. ערשט נאָך א סך יאָרן האָט דער שטאַט באַקומען די אויבערהאַנט און זיינע שונאים זענען נאָך נישט טויט.

מיסעס עדדי האָט געטון פונקט פאַרקערט, זי האָט נישט געוואָלט איינפירן אַ נייע אינסטיטוציע, נור זי האָט ארויסגעפּאָ־דערט איינע פון די עקזיסטירנדיקע אינסטיטוציעס פונם וועלט־לעכן שטאַט. דער וועלטלעכער שטאַט האָט פארשריבן פּאָטאָגע־נישע אימפּונגען אַלס אַ מיטל צו פארטיידן קראַנקהייטן און פלעשער מעדיצין און כירורגישע אָפּעראַציעס, אַדמיניסטרירט און דורכגעפירט דורך אירע רעגיסטרירטע דאָקטוירים און כירורגן אַלס הייל־מיטלען און אויב איינער האָט איבערגעלאָזט אַ קינד, אָדער אַ קריפּל פאַר וועמען זי איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך נישט געהיילט, איז זי שווער באַשטראָפט געוואָרן פאַר קרימינע־לער אָפּגעלאָזנקייט. אַ טייל מלוכות האָבן זיך אָפּגעזאָגט אריינצו־לאָזן נישט געאימפטע עמיגראַנטן אין זייערע טעריטאָריעס. מיסעס עדדי האָט ווידער אויפגעלעבט די פּראַקטיק וואָס סאַנט דזשיימס האָט פארשריבן אין נייעם טעסטאַמענט און האָט אָנגעזאָגט אירע שילער נישט צו האָבן אַ מגע־ומשא מיט קיין פלעשער אָדער אימפּונגען און די וועלטלעכע מלוכה האָט באַלד אָנגעהויבן אַ מלחמה מיט דער קריסטלעכער וויסנשאַפט און זי האָט אָנגעהויבן פארמשפּטן אירע רופאים.

דער פאַל איז אינטערעסאַנט, מחמת ער אילוסטרירט דעם פאַקט, ווי נייע קירכן כאַפּן טיילמאָל די וועלטלעכע רעגירונג דערמיט וואָס זיי לייקענען בכלל אָפּ אַז זיי זענען קירכן. דער קאָנפליקט צווישן מיסעס עדדי און די וועלטלעכע מלוכה, איז אייגנטלעך געווען אַ קאָנפליקט צווישן דער קירך פון קריסטלע־כע וויסנשאַפט און די נייע קירך פון דזשעניער און פאַסטער־וויסנשאַפט, וועלכע האָבן די וועלטלעכע מלוכה אין קעשענע פונקט ווי די רוימישע קירך האָט געהאַט „טשאַרלמאַגנע". עס אילוסטרירט אויך פארבייגייענדיק די טענדענץ פון אַלע קירכן פאַרצושרייבן געוויסע רעליגיעזע מנהגים וואָס זאָלן באַצייכענען דאָס אויפנעמען קינדער און משמדים אין זייער קירך אריין. די יידן שרייבן פאָר אַ כירורגישע אָפּעראַציע צום גליק גישט קיין ערנסטע און נישט קיין שעדלעכע. די קריסטלעכע רעליגיע שרייבט

פאַר אַ וואַסער צום טויפן און אַ געווייסן אייל צום זאַלבן: אויך לגמרי נישט שעדלעך. די קינדער פּראָטעסטירן, מאַכן קולות; גור אַזוי ווי זיי ווייסן נישט פריער, אַז זיי וועלן דאַרפן דורכמאַכן אַזאַ מין צערעמאָניע און געדענקען איר נישט דערנאָך, שאַדט עס זיי גאָרנישט. אָבער די אימפּונגען פון די מאָדערנע קירכן, וואָס זאָגן, אַז זיי זענען וויסנשאַפטלעכע מיט זייערע צעטלעך מופתים מיט די ביאָגראַפיעס פון זייערע הייליקע, זייערע אומברחמנותדיקע פאַרפאָלגונגען, זייערע דראָונגען מיט — שרעקלעכע מגפות, אויסטערלישע מאַטערונגען אויב מען זאָל זיי נישט פאָלגן; זייער איינרעדן, אַז זיי האַלטן דעם שליסל פון לעבן און טויט אין זייערע הענט; זייערע קרבנות און אויסוויילונגען; זייער פאָדערונג, אַז מען זאָל זיי באַפרייען פון אַלע מאָראַלישע געזעצן בשעת זייערע פאָרשונגען און פון יעדער לעגאַלער פאַראַנטוואָרטלעכקייט אין זייער קליניק־פּראַקטיק זענען גאָר קיין פאַרגלייך נישט מיט די פּרעטענציעס פון יענע פּריסטער און נביאים. זיי זענען געפערלעך און טיילמאָל טויטלעך; און צוליב דידאָזיקע געהיימע קירכן עקזיסטירן נאָך היינט אויך פאַרפאָלגונגען, וואָס מאַכן אָן חורבונות. עס איז פאַראַן זייער ווייניק געפאַר, אַז אַ בריטישער פּאַרלאַמענט זאָל פאַרפאָלגן אינם נאָמען פון קריסטוס, און בכלל נישט קיין געפאַר, אַז ער זאָל פאַרפאָלגן אין נאָמען פון מחמד אינם מעריב; אָבער מיט אַ יאָר הונדערט צוריק האָט ער אַכזריותדיק פאַרפאָלגט אינם נאָמען פון דזשענער; און עס איז שטאַרק מורא צו האָבן, ער זאָל נישט אנהויבן פאַרפאָלגן די גאַנצע באַפעלקערונג אַזוי ווי ער פאַרפאָלגט היינט סאָלדאַטן אינם נאָמען פון פּאַסטער, וועמעס פּאָרטרעט עס איז שוין היינט פאַראַן אויף די פּאָסטמאַרקן פון דער אַנטשלאָסענער וועלטלעכער (אַזוי מיינט זי) פראַנצויזישע רעפּובליק. אינם ברייטסטן דורכפאַר פונם עלעגאַנטן מאָדערנעם לאָנדאָן האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ געוואַלטיקע בראָנדזענע פיגור פונם באַרימטן פּאַסטערישן כירורג לאָרד ליסטער, וואָס וועט מסתמא, ווען די איצטיקע עפּאָכע פון גלויבן און וויסנשאַפטלעכער ווונדער וועט פאַרבייגיין, באַשריבן ווערן

פאַר אַ גרויסן פּריסטער וועלכער האָט פאַרביטן די היילִיקע וואַ-
סערן אויף קאַרבאָל-עסיק, און דעם איינגעווייעטן אייל פאַר אַ ווונ-
דער-רפואה צו ווייטערדיקע ווונדן. זיינע מעטאָדן זענען שוין
אין די שפּיטעלער אַרויס פון דער מאָדע: און ער איז געבליבן
ווייטער אונטערשטעליק אַלס אַ טעאָרעטיקער, אָבער ווען מען
האָט אין יאָר 1927 געפייערט זיין הונדערט-יאָריקן געבורטס-
טאָג האָבן די מעשיות מכּוח זיינע ווונדער, וואָס זענען געווען
באַשריבן מיט אַזאַ לייכטגלויביקייט און טעכנישן עמי-הארצות
אין די צייטונגען, באַוויזן, אַז מען האַלט אים באמת פאַר אַ
היילִיקן. פון דעם בעט איך אייך צו פאַרנאָטירן, ווי פאַלש
געשיכטע קאָן זיין. דאָס כּסדרדיקע געבוירן ווערן פון נייע
קירכן האָט תּמיד געצוווּנגען דער וועלטלעכער רעגירונג צו
שאַפן און אַדמיניסטרירן געזעצן, וואָס זאָלן מיט זיי האַנדלען;
ווייל הגם אַ טייל פון זיי זענען גאַנץ דערטרעגלעכע און גע-
נוג אנשטענדיק, מען זאָל זיי לאָזן צופרידן און אַנדערע ווידער
זענען צו שטאַרק פאַרטרעטן אין פאַרלאַמענט און אין דער ווי-
לער-וועלט אַז עס זאָל זיך לוינען מיט זיי איינצורייסן — מיידן
אויס אַ סך פון זיי, פון וועלכע איר האָט גאָר קיינמאָל נישט
געהערט די געזעצן אין שייכות מיט פערזענלעכע אָנשטענדיקייט
און זענען מחלל דאָס געזעץ קעגן געשלעכטלעכן פאַרקער
צווישן בלוט-אייגענע, אַזוי, אַז ווען די רעגירונג וואָלט זיי גע-
לאָזט, וואָלט זיי דאָס פאָלק געליטשט. דאָס איז די סיבה, פאַר-
וואָס מ'האָט געמוזט אויעקשטעלן טריבונאַלן, ווי די אינקוויזיציע
און די „סטאַר טשאַמבער” כּדי זיי צו ברענגען צו גערעכטי-
קייט. נור אַזוי ווי דאָס זענען באמת נישט געווען קיין וועלט-
לעכע טריבונאַלן, זייענדיק פאַקטיש אינסטרומענטן פון קעגנע-
רישע קירכן איז זייער מאַכט באַשמוצט געוואָרן, די נייע
נביאים און זייערע נאָכפאָלגער זענען איינהאַלטעוודיקער אָדער באַ-
שטראָפט געוואָרן נישט אַלס פאַרברעכער קעגן דעם וועלטלעכן
געזעץ נור אַלס אפּיקורסים, דאָס הייסט אַלס דעזערטירן פון
דער קירך, וואָס האָט געווונען די קאָנטראָל פון דער וועלטלע-
כער מלוכה:

די רוימישע קירך אינם פאַל פון דער אינקוויזיציע און די ענגלישע קירך אינם פרט פון דעם „סטאַר טשאַמדער"*).

די שוועריקייטן, פאַרשטייט איר מיך, קומען דערפון, וואָס הגם די וועלטלעכע מלוכות זענען תמיד אין סתירה מיט די קירכן, פלאָנטערן זיי זיך קיינמאָל נישט אויס איינס פון דעם אַנדערן, מחמת די מיטגלידער פון די וועלטלעכע פאַרלאַמענטן און מיניסטאָרן־קאַבינעטן זענען אַלע אָנהענגער פון אַזאַ מין קירך, אָדער אַן אַנדערע. אין ענגלאַנד איז אָט דער מיש־מאַש אילוסטרירט דורך א לעכערלעכן פאַקט: הגם די בישאָפן פון דער ענגלישער קירך האָבן אַלע פּלעצער, אַלס אַזעלכע אינם הויז אָף לאָרדס, זענען זיי אויסגעשלאָסן אַלס אַזעלכע פונם הויז אָף קאָמאַנס. די פאַרלאַמענטן זענען די קעגנער פון די קירכן און דאָך ווערן זיי זייערע אינסטרומענטן, אַזוי אַז דער קאַמף צווישן זיי איז אייגנטלעך בלויז, צי די קירכן זאָלן אויסאיבן זייער מאַכט דירעקט, און בלויז אָנווענדן דעם כּוח פון דער וועלטלעכער אַרמעע, כּדי צו באַפעסטיקן זייערע באַשלוסן אָן שום תּנאים — אָדער צי זיי זאָלן זיין די בלויזע ווילער פון די פאַרלאַמענטן, ווי יעדער אַנדערע בירגערלעכע געזעלשאַפט און איבערלאָזן די לעצטע באַשטימונג צום שטאַט. אַלנפאַלס וואָלט יעדע קירך, אויב זי וואָלט נאָר געווען בכּוח צו שטעלן א תּנאַי אַריינגעלאָזן צו ווערן אין פאַרלאַמענט אָדער צו פאַרנעמען דעם טראָן אָדער די ריכטער־שטול, געווען שטאַרקער אין דער פּראַק־טיק, אויב נישט אין טעאָריע, איידער דאַן ווען זי וואָלט געקאָנט זיין אלס א טעאָקראַטיע, הערשנדיק אומאָפּהענגיק פונם וועלט־לעכן שטאַט. דידאָזיקע מאַכט האָט די ענגלישע קירך שוין טאַקע געהאַט דערגרייכט; נור זי האָט געליטן א מפּלה, ווייל דאָס ענגלישע פאָלק וויל זיך נישט האַלטן אין איין קירך. זיי זענען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען פון דער ענגלישער קירך אין אַלערליי וועגן און זיי האָבן געפאָרמט די אַזוי גערופענע פרייע קירכן. איינע פון זיי וואָס רופט זיך די פריינטלעכע געזעלשאַפט (אַלגעמיין באַקאַנט אונטערן נאָמען קוואַקערס) גייט זיך אַזוי ווייט פאַנאַנדער מיט דער ענגלישער

---

*) הויף־טריבונאַל אין דער צייט פון קעניג טשאַרלס דעם ערשטן אין ענגלאַנד, א מין אינקוויזיציע.

קירך און איר תשובה, אַז זי רופֿט אָן די פּריסטער שווינדלער, װאָס האָבן געשאַפֿן תּפֿילות צו באַליידיקן גאָט (אָנרופֿנדיק גאָט מיט מענטשלעכע נעמען) און די קירכן רופֿן זיי אָן „גלאָקן־טורעמס"; דאָך האָט דידאָזיקע קערפּערשאַפֿט אַ דאַנק איר אייַנפֿאַכע פֿעסטקייט פֿון כאַראַקטער דורכגעלעבט די ווילדסטע פֿאַרפֿאָלגונגען און זענען איצט די מערסטע רעספּעקטירטע און האָבן דעם גרעסטן פּאָליטישן איינפֿלוס פֿון די רעליגיעזע כּוחות אין לאַנד. ווען די „פֿרייע קירכן" האָבן נישט געקאָנט לענגער איינצודיקהאַלטן ווערן פֿון פּאַרלאַמענט און מען האָט נישט געקאָנט אַ בערײדן דער ענגלישער קירך, זי זאָל באַשטימען אַ פּריווילעגיע אפֿילו פֿאַר איינער פֿון זיי, האָט מען גאָרנישט געקאָנט טון און אַריינעמען יעדן איינעם, וואָס איז נור געווען אַ קריסטלעכער גלויביקער פֿון וואָסער אַ סעקטע ער זאָל נישט זיין. די טירן זענען נאָר געבליבן פֿאַרמאַכט פֿאַר יידן און אַפּיקורסים — נור די יידן האָבן זיך באַלד אַריינגעקריגן; און לסוף האָט אַ באַרימטער אַטעיסט מיטן נאָמען טשאַרלס בראַדלאַ צעבראָכן די לעצטע שטערונג צום הויז אויף קאָמאַנס, דורך דעם וואָס ער האָט געצוווּנגען דאָס הויז עס זאָל אַקצעפּטירן, אנשטאָט דער רעליגיעזער שבֿועה, אַ מין באַקרעפֿטיקונג־פֿאָרם, וואָס האָט באַפֿרייט די אַטעיסטן פֿון שווערן פֿאַלש, איידער זיי האָבן פֿאַרנומען זייערע פּלעצער. מיר זענען היינט צוגעוווינט צו יידישע פּרעמיער־מיניסטאָרן; און מיר ווייסן נישט, צי אונדזערע קריסטלעכע פּרעמיער־מיניסטאָרן זענען אַטעיסטן אָדער נישט, ווייל עס פֿאַלט אונדז גאָר קיינמאָל נישט איין צו שטעלן אַזאַ פֿראַגע. דער קעניג אַליין בלייבט נאָך געבונדן דורך אַ קאָראָנאַציע־שבֿועה, וואָס צווינגט אים אָפּצוזאָגן זיך, אַזוי צו זאָגן, פֿון אַ סך פֿרעמדע קירכן, פֿון זיינע אונטערטאַנען הגם ער מוז אויפֿהאַלטן זיין קירך אין אַנדערע אָפּטמאָל אפֿילו נישט קיין קריסטלעכע אין די טיילן פֿון זיין אימפּעריע, ווו ס'איז זיין קירך נישט פֿאַראַן.

אויב דער פּאַרלאַמענט איז אָפֿן פֿאַר אַלע קירכן, אַריינגערעכנט די אַטעיסטישע קירכן (מחמת די פּאָזיטיוויסטע געזעלשאַפֿטן, די עטישע, די אַגנאָסטישע, דימאַטעריאַליסטישע די דאַרווין־נאַטוראַליסטישע,

טישע אויסדערוויילטע, די עוואָלוציאָנערע און אַפּילו די פאַנטע-
יסטישע זענען אַלע אומגלויביקע און אַטעיסטן פונם שטרענגן
צוואַנגעלישן אָדער פונדאַמענטאַליסטישן שטאַנדפּונקט). ווערט עס
אוממעגלעך צו פּאַרייניקן די רעליגיעזע מנהגים מיט אונדזערע
אינסטיטוציעס, מחמת קיין איינציקע פון די קירכן וועט נישט
איינגיין דערויף, מען זאָל מאַכן אַ וועלכע עס איז פון די מנהגים,
אַ חוץ זייערע אייגענע, פאַר לעגאַלע פאַרפליכטונגען. דער פאַר-
לאַמענט איז צוליב דעם געצוווּנגען צו שאַפן, ריינע ציווילע
פאָרמאַליטעטן אויפן אָרט פון רעליגיעזע דינסטן ביים רעגיסט-
רירן קינדער. ביי חתונות און טויטנפאַלן. היינט צו טאָג וועט
אייך דער ציווילער רעגיסטער חתונה-מאַכן, אַ נאָמען געבן אייערע
קינדער פונקט אַזוי לעגאַל ווי אַן אַרציביסקאָפּ אָדער אַ קאַר-
דינאַל; און ווען עמיץ שטאַרבט אין דער פאַמיליע קאָנט איר
לאָזן דעם טויטן קערפּער פאַרברענען אָדער מיט אַ וואַסער עס
איז צערמאָניע אייך וויל געפעלט אָדער אינגאַנצן אָן אַ צער-
מאָניע אַ חוץ דאָס רעגיסטרירן דעם טויטן נאָך אַ סערטיפיקאַ-
ציע פון אַ רעגיסטראַציע-דאָקטאָר. און אַזויווי אַ חוץ דעם דאַרפט
איר נישט צאָלן קיין שטייער פאַר דער קירך, סיידן איר ווילט
אַליין, האָבן מיר שוין דערגרייכט צו אַזאַ שטופע, אין וועלכער
פון אָנהויב ביזן סוף פון אונדזער לעבן זענען מיר געזעצלעך
נישט געצוווּנגען צו צאָלן די פּריסטער אַפילו קיין איין פּרוטה נישט
סיידן מיר זענען גוטבאַזיצער, מיר זענען אויך נישט געצוווּנגען
צו גיין צו קיין רעליגיעזע גאָטעס-דינסטן און בכלל נישט אָנ-
צוּקערן זיך מיט קיין רעליגיע. צוואַנג דורך דער עפנטלעכער
מיינונג אָדער דורך אונדזערע אַרבעטסגעבער און ווירטסלייט ווי
מיר האָבן געזען איז אַן אַנדער זאַך; אָבער דאָ רעדן מיר בלויז
פון צוואַנג מצד דעם שטאַט. ווען מיר זענען באַפרייט פון דעם
אַלעם, בלייבן מיר איצט פּנים-אל-פּנים מיט אַ ריי גלויבנס, וואָס
רופן זיך וויסנשאַפט און זענען איצט פאַרשפּרייט, פונקט אַזוי ווי
די געשווּוירענע קירכן זענען ווען עס איז געווען; (מחמת
זיי זענען פאַרשפּרייט געוואָרן אויף דער גאַנצער וועלט) פאָדערנ-
דיק און אין אַ טייל לענדער אויך באַקומענדיק געצוווּנגענע אימ-

פּונגען פאַר קינדער, סאָלדאַטן און עמיגראַנטן, געצוווּנגענע קאַראַנטין און שוץ פאַר „גייסטיק-דעפעקטיווע", געצוווּנגענע סאַניטאַרישע אָרדנונג אין אונדזערע הייזער און אַ היגיענישן שטח בעתן בויען אונדזערע שטעט מיט נאָך סיוגים פון וועלכע די אַלטע קירכן האָבן גאָר קיינמאָל נישט געחלומט. אויפן באַפעל פון דאָקטוירים און „וויסנשאַפטס-מענער", אין ענגלאַנד זענען מיר נאָך אַלץ צופיל אין די הענט פון די אַלטע מנהגים, אַז מיר זאָלן האָבן געטון דאָס בעסטע אָדער פאַרקערט, אויף דעם געביט; נור אויב איר ווילט וויסן, צוואָס פאַרלאַמענטן זענען פעיק, ווען זיי הערן אויף גלויבן, — וואָס אַלטע אָפּגעשטאַנענע פּריסטער זאָגן זיי און גיבן איבער זייערע גאַנץ-נאַטירלעכע גלויביקע קינדער אין די הענט פון פּראָפעסאָרן פון וויסנשאַפט — צו שטודירן די סטאַטוט-ביכער פון די אַמעריקאַנער שטאַטס-געזעצגעבונגען, „די געקרוינטע רעפּובליקן" פון אונדזערע אייגענע דאָמינאָס און די נייע דעמאָקראַטן פון דרום-אַמעריקע און מזרח-אייראָפּע. ווען אַלע מלוכות וועלן פאַרנומען ווערן פונעם פּראָלעטאַריאַט אין נאָמען פון פרייהייט און גלייכהייט, וועט זיך אפשר דעמאָלט אויפהייבן אַ געשריי אַז דער קלענסטער פינגער פון מעדיצינישע פאָרשונג (רופנדיק זיך וויסנשאַפט) איז דיקער ווי די דיקסטע לענדן פון רעליגיע.

דאָס וואָס ס'האָט געמאַכט די אַלטע רעליגיע אַזוי מעכטיק, איז געווען דאָס וואָס אין בעסטן פאַל (איך מיין אין די הענט פון אירע בעסטע גלויביקע) האָט זי געהאַט אַ סך פּאָזיטיווס, גוטס און אַ סך טרייסט פאַר די וואָס האָבן נישט געקאָנט פאַרטראָגן די אכזריותן פון דער נאַטור סתם אַזוי, אָן עפּעס א פאַרענטפערונג אַז דאָס לעבן פאַרמאָגט די זיכערקייט אַז גערעכטיקייט וועט תמיד זיגן. דאָס איז אגב דער כוח פון וויסנשאַפט אפילו: זי האָט אויך געטון אומגעהויער פיל גוטס; און בשעת אירע פליגל דערגרייכן צו דער העכסטער הויך גיט זי צו צום לעבן אַ באַדייטונג, וואָס איז פול מיט דערמוטיקונג, דערפרייונג און אינטערעס. איר קאָנט אפשר זיין שטאַרק פאַראינטערעסירט צו וויסן, וועלכע אויסטייטשונג איז די אמתע, די

אַלטע אָדער די נייע; נור כדי צו קוקן דערויף אָביעקטיוו, מוזט איר אַוועקלייגן אָן אַ זייט די פראַגע מכוח אַן אַבסאָלוטן אמת און איינפאַך באַמערקן און אַקצעפּטירן דעם פאַקט, אַז די נאַציע באַשטייט פון אַ רעלאַטיווער קליינער צאָל רעליגיעזע און וויסנשאַפטלעכע פאַנאַטיקער, אַ ריזיקע מאַסע וואָס אינטערעסירט זיך בכלל נישט מיטן גאַנצן ענין; זייער גאַנצע באַוועגונג אַרום רעליגיע און מאָראַל איז צוטון דאָס, וואָס אַנדערע מענטשן פון זייער קלאַס טוט, און אַ שפּאַר ביסל מענטשן, וואָס זענען נישט אַ הין און נישט אַ הער. די גייטראַלע זענען אין אַ געוויסן זין וויכטיקסטער טייל מענטשן; מחמת אַ וואָסער גלויבן עס זאָל נישט זיין, קאָן מען זיי האָבן דערצויגן און איינגעווייעט בעת זיי זענען נאָך געווען קינדער; בעת די גלויביקע און אומגלויביקע, וואָס דענקען אַליין, וועלן זיך ליבערשט לאָזן פאַרברענען לעבעדיקערהייט, איידער איבערגיין צו אַ גלויבן, וואָס איז אויף זיי אַרויפגעצוווּנגען געוואָרן פון אַ וואָסער עס איז אַנדערע מאַכט, ווי זייער אייגן געוויסן. צוליב דערדאָזיקער סיבה, וואָס איז גורם די שאַפונג פון אָט דער אָפּיציעלער צווייטער נאַטור, וואָס מיר האָבן אַרומגערעדט אינם פריערדיקן קאַפּיטל געפינט זיך דער שטאַט אויף מעסער-שטעך מיט די קירכן, וועלכע ווילן נישט אַנערקענען קיין פאַקטען.

אָט נעמט איין אָדער צוויי טיפּישע ביישפּילן. אויב אַ געוויסער פאַריין פון דערוואַקסענע מענטשן, וואָס רופט זיך קירך אָדער עפּעס אַנדערש, זאָל פריידיקן די אַלטע דאָקטרין פון תחית-המתים, אַז די טויטע קערפּערס וועלן אַלע צוריק אויפשטיין און עס וועט זיך שאַפן אַ גרויסע אייביקע מענטשהייט, איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן, אַז די מוניציפּאַליטעט פון אַ געדיכט-באַפעלקערטע שטאָט זאָל עפּעס האָבן קעגן דעם. פריידיקט וויפיל איר ווילט. אָבער ווען אַן איבערבלייבעניש פון דער קינדערישער אידייע, אַז אַ קערפּער קאָן בלייבן גאַנץ פאַר תחית-המתים אויב מען לייגט אים אַריין אין אַ טרומנע און מ'באַגראָבט אים אין דער ערד, און אויב מ'פאַרברענט אים אין משך פון צוויי שעה אין אַ קרעמאַטאָריום, איז עס גורם אַז ער זאָל נישט קאָנען אויפ-

שטיין — אויב אַזאַ אידייע זאָל דערפירן אַ וואָסער עס איז סעקטע אָדער קירך אָדער אַ יחיד אָנצוהויבן פּריידיקן אַז באַגראָבן איז אַ רעליגיעזער חוב — איז דאַן מער ווי זיכער, אַז די מוניציפּאַליטעט וועט נישט בלויז פאַרווערן אַזאַ מין דרשה אין די שולן נור זי וועט זיך באַמיען אַז די קינדער זאָלן קוקן אויף דעם וואָס מען פאַרברענט די קערפּערס אין קרעמאַטאָריום ווי אויפן איינציקן אופן פּטור צו ווערן פון די טויטע אין די שטעט צי זייערע פרומע עלטערן וועלן באַשטיין דערויף אָדער נישט.

אויב אַ קירך האַלט, אַז חיות זענען באַשאַפן געוואָרן בלויז צוליב דעם, אַז דער מענטש זאָל זיך מיט זיי באַנוצן און ווייטער האָבן זיי מיטן מענטשן קיין שום שייכות נישט, ווייל זיי האָבן נישט קיין נשמות און צוליב דעם זענען זיי פאַר זיך אליין גאָרנישט און אויב מ׳וועט לערנען די קינדער, אַז חיות האָבן נישט קיין שום רעכט און פּרויען און מענער האָבן נישט קיין שום פליכטן לגבי זיי, וועט דידאַקטישע לערע פאַרבאָטן ווערן און די לערער וועט מען פאַרמשפּטן פאַר אַן אכזריות צו חיות. דאָס וועט טון די וועלטלעכע מלוכה.

אויב אַן אַנדער קירך וועט וועלן עפּענען אַ שעכט־הויז און טויטן די בהמות נישט לויט דעם אָנגענומענעם הומאַניסטישן אופן אינם קהלישן שעכט־הויז נור אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן, וואָס וועט באַטראַכט ווערן פאַר אכזריות אין פאַרגלייך מיטן אַלטן שטייגער, וועט מען עס נישט דערלויבן צו טון און אויך נישט צו לערנען די קינדער, אַז אַזוי דאַרף מען טון, סיידן זיי וועלן האָבן אין דער קהלה אַ מערהייט פון שטימען און דאַן וועלן די מיטגלידער פון אָט דער קירך, אויב זיי וועלן נישט וועלן עסן קיין פלייש, געשאָכטן אויפן געוויינטלעכן הומאַניסטישן שטייגער מוזן מאַכן אַ שריט פאָרויס און אַזוי ווי איך ווערן אַ וועגעטאַריער.

קוים וועט זיך אויפהויבן די פראַגע, וואָס מוז פריער אָדער שפּעטער אויפגעהויבן ווערן מכוח דעם אויפהאַלטן די תפילות פון אונדזערע קאַטעדראַלן לויט איין באַשטימטער קירך, וועט זי נישט געלייענט ווערן צוליב עפּעס אַן השערה אַז איין באַשטימטע קירך האָט דעם מאָנאָפּאָל איבערן רעליגיעזן אמת. לעת-

עתה איז לויט דער השערה פון די עליזאַבעט־צייטן אָנגענומען, אז די תפילות פון דער ענגלישער קירך דאַרף אַלעמען צופרידנשטעלן און עס איז גאַנץ מעגלעך, אז ווען די גאָטעס־דינסטן פון דער ענגלישער קירך וואָלטן אָפּגערייניקט געוואָרן פון די גראָבע סעקטאַנטישע אַבערגלויבנס און עס וואָלט דערגרייכט אַ פאָרם פון גאָטעס־דינסטן, וואָס וואָלטן נישט אנטהאַלטן קיין שום באַליידיקנדיקן אָנגריף אויף דעם, וואָס זוכט א נחמה אָדער א רייץ־מיטל פון א רעליגיעזן ריטואַל, איז מעגלעך אז דער שטאט זאָל איבערלאָזן די קאַטעדראַלן ספּעציעל פאר דער פאָרם גאָטעס־דינסט מיטן תנאי, אז זיי זאָלן ווי היינט צו טאָג זיין אָפן דעם גרעסטן טייל פון זייער צייט פאר פרייער תשובה און געבעט (איר ווייסט אפשר נישט אז יעדער ייד, יעדער מחמדאַנעד אָדער אַגנאָסטיקער, יעדע פרוי פון וואָסער גלויבן אָדער אומגלויבן, מעג צווישן די גאָטעס־דינסטן טעגלעך נוצן אונדזערע קאַטעדראַלן צו „פאַריכטן די נשמה") אויפצופראַלן די קאַטעדראַלן פאר די ריטואַלן פון אַלע קירכן איז א פיזישע אוממעגלעכקייט. צו פארקויפן זיי אויף קאַפּיטאַליסטישע פּרינציפּן צו דעם וואָס באַט אָן דעם העכסטן פּרייז, צו טון מיט זיי וואָס זיי ווילן, איז א מאָראַלישע אוממעגלעכקייט פארן שטאַט, הגם די קירך גופא האָט נישט איינמאָל פארקויפט קירכן, צו מאַכן פון זיי איינפאכע אַרענעס און רעכענען אזויפיל פאר דער דערלויבעניש אריינצוגיין אַהין, אזויווי די קירך טוט טיילמאָל מיטן כאָר. דאָס וואָלט צעשטערט זייער ווערט אין די אויגן פון די וואָס קאָנען נישט פאַרגעטערן אָן דער הילף פון אַ ריטואַל.

עס בלייבט אויך דער פּלאַן פון רוסלאַנד, אז דער שטאַט אַלס פאָלקס־בעל־הבית זאָל איבערנעמען די מאטעריעלע רייכטימער פון דער נאַציאָנאַלער קירך און דערנאָך איבערלאָזן זיי צו עקזיסטירן פונקט ווי פריער, מיטן קליינעם חילוק, וואָס די שטאַטסמענער און די באַאַמטע, אָנשטאט צו פאָזירן אַלס איבערגעגעבענע אָנהענגער פון דער קירך ערלעך אָדער נישט, ווי דאָ אין ענגלאַנד, וואָרנען זיי בכלל דאָס פאָלק, אז דאָס גאַנצע עסק איז אן אַבערגלויבישע מאַסקע, געשאַפן געוואָרן, כדי זיי צו

האַלטן אין אונטערדריקונג און שקלאַפעריי דורך אריינגאַרן זיי מיט אַ צוזאָג פון אַלערליי גליקן נאָכן טויט; אַבי זיי זאָלן נור מסכים זיין, צו ליידן געדולדיק אָרעמקייט און שקלאַפעריי ביים לעבן. דאָס קאָן יעדנפאַלס שטענדיק נישט דויערן. עס איז בלויז אַ רעאַקציע פונם פּראָלעטאַריאַט אין וויקטאָריאַס צייטן קעגן דער פריערדיקער גאָטלאָזער אַליאַנס פון דער קירך מיט זייערע געוועזענע אונטערדריקער. עס איז פשוט אַנטי-קלעריקאַליזם און אַזויווי דער קלעריקאַליזם, ווי מיר ווייסן פאַרשווינדט און קירכן וועלן קאָנען נור עקזיסטירן אַלס קירכן פון פאָלק אָבער נישט אַלס גייסטיקע פעסטונגען פונם קאַפּיטאַליזם, וועט די אַנטי-קלעריקאַלע רעאַקציע אָפּשטאַרבן. די רוסישע רעגירונג ווייסט, אז אַ ריין נעגאַטיווע שטעלונג לגבי רעליגיע איז פּאָליטיש אוממעגלעך, דעריבער לערנט זי די קינדער, אַ נייעם גלויבן וואָס מ'רופט מאַרקסיזם, פון וואָס מיר וועלן באַלד רעדן. אפילו אין דעם ערשטן אויפבליץ פון דערדאָזיקער רעאַקציע, זענען די סאָוויעטן געוועזן מער טאָלעראַנט ווי מיר זענען געוועזן, ווען עס איז אַמאָל געקומען אונדזער שעה צו רעוואָלטירן. מיר האָבן איינפאַך באַרויבט די קירך פון אַלץ, וואָס זי האָט פאַרמאָגט און אַוועקגעגעבן עס די ווירטסלייט. לאַנג נאָכדעם האָבן מיר גאַנץ מיושבדיק אָפּגעשניטן אונדזער אַרציביסקופ דעם קאָפּ. פאַרשטייט זיך אַז די סאָוויעטן האָבן אָפן געזאָגט דעם רוסישן אַרציביסקופ, אַז אויב ער וועט זיך נישט אַנטשליסן צו אַנערקענען דעם פאַקט פון דער רעוואָלוציע און זיין די סאָוויעטן אַזוי טריי, ווי ער איז פריער געוועזן דעם צאַר, וועט מען אים דערשיסן. און ווען ער האָט געהאַט שכל און זיך אַנטשלאָסן לויט דערדאָזיקער פאַדערונג האָט מען אים באַפרייט און איצט פירט ער ווי איך בין זיך משער זיין כהונה מיט מער פרייהייט ווי דער אַרציביסקופ פון קאַנטערבורי.

ביז איצט האָב איך גערעדט מכוח די קירכן אָביעקטיוו און מכוח די קירכן אויך נישט סוביעקטיוו. עס איז אַן אַלט ווערטל: וואָס נעענטער די קירך אַלץ ווייטער פון גאָט. נור מיר וועלן איבערגיין אַ רגע'לע צו רעדן עפּעס אַנדערש. נור אַ לע-

בעדיקע רעליגיע קאָן געבן פרויען מוט איבערצוקומען די שרעק פאר וואָסער עס איז נישט גרויסער סאָציאַלער ענדערונג, אז זי זאָל באגעגנען די צאָפּשאַפּונג פון טויטע רעליגיעס און די טויטע רעליגיעס, א זאך וואָס איז אזוי נויטווענדיק, ווי דאָס ארויסציען אָפּגעשטאָרבענע אָדער פארפוילטע ציין. יעדער מוט איז רעליגיעז, אָן רעליגיע זענען מיר פחדנים. מענער וואָס מען האָט ספעציאַליזירט אין געשלעגן און אין יאַגד,—בשעת פרויען צוליב דעם וואָס זיי טראָגן די קינדער האבן געמוזט אָפּגעהיטן ווערן פון אזעלכע ריזיקעס, —האָבן זיך צוגעוווינט צו קוקן אויף די גרויזאַמקייטן פון מלחמה און געיעג נאָך ספּאָרט, ווי אויף זאַכן וואָס דערציילן פון מוט און זיי האָבן באאיינפלוסט מיט דידאָזיקע ליגנס אין א געוויסער מאָס אויך די פרויען. אָבער פרויען ווייסן אינסטינקטיוו, הגם זיי פּלאַפּלען טיילמאָל נאָך די שטותים מכוח די מענערישע גרויסקייטן אויף דעם געביט, אז די מענטשהייט לעבט נישט פון שחיטות און פון דעם מוט איינצושטעלן דאָס לעבן, נאָר פון שאַפן לעבן און עס דערציען צו די העכסטע מעגלעכקייטן. ווען איבסן האָט געזאָגט, אַז דער וועלטסהאָפענונגען ליגן אין דער פרוי און אינם אַרבעטער, איז ער נישט געווען קיין סענטימענטאַליסט און נישט קיין דעמאַגאָג. איר האָט מסתמא באַמערקט באַלד ביים אָנהויב פונם דאָזיקן בוך (סיידן איר האָט עס ספעציעל אויסגעמיטן) אז איך ווייס פונקט אזוי גוט ווי איבסן, אָדער אזוי גוט ווי איר ווייסט עס אז פרויען זענען נישט קיין מלאכים. זיי זענען אזוי נאריש ווי מענער אין א סך פרטים, נור זיי האָבן זיך געמוזט איבערגעבן דעם לעבן בעת מענער האָבן זיך געמוזט איבערגעבן דעם טויט; און דאָס מאַכט אַ לעבעדיקן חילוק צווישן מענערשע און ווייבערשע רעליגיעס. פרויען האָט מען געצווונגען זיך צו שרעקן און מענער האָט מען געצווונגען צו וואַגן: די העלדישקייט פון פרויען איז צו דערציען און באַשוצן דאָס לעבן און פון מענער צו צעשטערן דאָס און צו צערטלען דעם טויט. די מאָרד-העלדן זענען זייער אָפט נידעריקע פחדנים, ווען עס האַנדלט זיך אין עפּעס אַ נייע אידייע און אמתע שלימזלס, ווען עס קומט צו דענקן. זייער

העלדישקייט איז פּאָליטיש שלעכט, געמיין און אומניצלעך. וויסנדיק אינסטינקטיוו, אַז ווען זיי זאָלן טראַכטן מכּוח דעם, וואָס זיי טון, וואָלט עס זיי אפשר אוממעגלעך געווען צו טון, האָבן זיי מורא צו טראַכטן. דאָס איז די סיבּה, פאַר וואָס די העלדינס מוזן דענקן פאַר זייערט וועגן און אָפט אַזוי שטאַרק דענקען, אַז עס בּלייבּט זיי נישט איבּער קיין צייט צו דענקען פאַר זיך אַליין. די פרוי מוז האָבּן מער און נישט ווייניקער מוט פון דעם מאַן; און אט דעם מוט מוז מען באַקומען פון אַ גלויבּן, וועגן וועלכן מען זאָל קאָנען טראַכטן און ער זאָל נישט פאַרלירן צוליבּ דעם וואָס מען וועט זיך פאַרטיפן וועגן זיין ווערט.

לאָמיך אַלוּאָ אָנעמען, אַז איר האָט אַ רעליגיע, און אַז די וויכטיקסטע פראַגע, וואָס איר האָט צו פרעגן וועגן סאָציאַליזם, איז, צי סאָציאַליזם וועט זיין פיינטלעך צו אייער רעליגיע. דער ענטפער איז גאַנץ איינפאַך; אויבּ אייער רעליגיע פאָדערט אַן אומגלייכהייט אין הכנסות, וועט סאָציאַליזם טון אַלץ וואָס ער וועט נור קאָנען צו פערפאָלגן זי אַזוי לאַנג, בּיז זי וועט אונטערגיין און אייך וועט זי בּאַהאַנדלען אַזוי ווי די מלוכה אין בּריטיש-אינדיען האָט בּעהאַנדלט די „דהאַגסיי"*) אין 1830. אויבּ אייער רעליגיע איז יאָ איינשטימיק מיט גלייכהייט אין הכנסות איז נישטאָ קיין שום סיבּה, פאַרוואָס אַ סאָציאַליסטישע מלוכה זאָל בּאַהאַנדלען אייער רעליגיע אָדער אייך אַליין, ערגער פון וועלכער עס איז אַנדערע מלוכה; און זי וועט אייך געוויס אָפּהיטן פון פּריוואַטע פאַרפאָלגונגען, וואָס אַנטשטייען צוליבּ דער מורא, נישט צו פאַרלירן די בּאַשעפטיקונגען, וועלכע איר זענט אונטערגעוואָרפן בּיי דער היינטיקער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג — ספּעציעל אויבּ איר זענט אָנגעשטעלט בּיי אַ פאַנאַטיקער.

עס איז אָבּער פאַראַן אַ געוויסע סכּנה קעגן וועלכער איר דאַרפט זיך היטן און שטיין אויף דער וואַך. סאָציאַליזם קאָן

*) אַ קלאַס פּראָפעסיאָנעלע רויבּער אין אינדיען.

געפריידיקט ווערן נישט אַלס אַ ווייט דערגרייכנדיקע עקאנאָמיסטישע רעפאָרם נור אַלס א נייע קירך, וואָס ווערט געגרינדעט דורך אַ נייער אַנטפּלעקונג פון גאָטס-ווילן וואָס אַ נייער נביא זאָלן האָבן געמאַכט. פּאַקטיש פריידיקט מען אים טאַקע אַזוי היינט צו טאָג. לאָזט אייך נישט פאַרפירן צוליב ד״ם, וואָס די מיסיאָנערן פון קירכן-סאָציאַליזם באַנוצן זיך נישט מיט דעם וואָרט גאָט, און רופן נישט אָן זייער אָרגאַניזאַציע קירך און דעקאָרירן נישט זייערע מיטינגס-זאַלן מיט קיין קירך-שפּיצן. זיי פּריידיקן אַן אומפּאַרמיידלעכע, לעצטע, העכסט קאַטעגאָרישע אין דער אָרדנונג פונם אוניווערס, אין וועלכער אַלע סתירות פון די פריערדיקע, נידעריקערע קאַטעגאָריעס וועלן זיך אויסגלייכן. זיי רעדן נישט — סיידן אין לצנות — פונם הייליקן גייסט אָדער פּאַראַקליט (אַ מלך יושר) אָבער זיי פּריידיקן די העגעליאַנישע דיאַלעקטיק. זייער נביא הייסט נישט יעזוס, נישט מחמד, נישט לוטער, נישט אווגוסטינע, נישט דאָמיניק, נישט דזשאָזעף סמיט דער יונגערער נישט מאַרי בעקער גלאָווער עדי, נור קאַרל מאַרקס. זיי רופן זיך נישט קאַטוילישע קירך נור דער דריטער אונטערנאציאָנאַל. זייער מעטאַפיזישע ליטעראַטור הויבט זיך אָן פון די דייטשע פילאָזאָפן העגעל און פייערבאַך און דערגרייכט צו זיין העכסטע שפּיץ אין „דעם קאַפּיטאַל", דאָס ליטעראַרישע מייסטער-ווערק פון מאַרקסן וואָס ווערט באַשריבן אַלס „די ביבל פון דעם אַרבעטער-קלאַס" אינספּערירט, אומפעלבאַר, אַלוויסנדיק צוויי פון זייערע כּללים, וואָס זענען זיך סותר איינער דעם אַנדערן פּונקט אַזוי פלאַך ווי די ערשטע צוויי פּאַראַגראַפן אינם אַרטיקל 27 פון דער ענגלישער קירך. איינער איז, אז די עוואָלוציע פונם קאַפּיטאַליזם צום סאָציאַליזם איז אַ פאָרבאַשטימטע זאַך וואָס דאָס הייסט, אַז מיר האָבן גאָרנישט וואָס צו טון נור זיצן און וואַרטן ביז עס וועט דערשיינען. דאָס איז זייער דערקלערונג בנוגע אַ רעטונג דורך גלויבן. דער אַנדערער איז, אַז עס מוז אויסגעווירקט ווערן דורך אַ רעוואָלוציע, וואס זאָל עטאַבלירן אַ דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. דאָס איז זייער דערקלערונג בנוגע אַ רעטונג דורך אַרבעט.

דער דערפאָלג פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָט געהאַט צו פאַרדאַנקען דער פירערשאַפט פון מאַרקסיסטישע פאַנאַטיקער אָבער אירע שפּעטערדיקע טעותים האָבן געהאַט די אייגענע סיבה. מאַרקסיזם אַלס וועגווייזער אין דער פּראַקטיק פון אַ מלוכה איז נישט נור נישט נוצלעך, נור אַן אומגליק. עס קומט נישט נענטער צו קיין דעפיניציע פון סאָציאַליזם פון אַ העגעליאַניסטישער קאַטעגאָריע, ווי די סתירות פוגם קאַפּיטאַליזם דאַרפן זיך אויסגלייכן, און ווי די פּאָליטישע מאַכט וועט איבערגיין צום פּראָלעטאַריאַט. דייטשן און שאָטלענדער געפינען אַ גייסטיקן פאַרגעניגן אין אַזעלכע אַבסטראַקציעס; אָבער זיי זענען אומפאַרשטענדלעך און אָפּשטויסנדיק פאַר ענגלישע פרויען, און זיי וואָלטן פון זיך אַליין נישט געקאָנט קוואַליפיצירן קיינעם, נישט קיין ענגלענדער, נישט קיין שאָטלענדער אָדער דייטש צו פירן אפילו מיט זיי פינף מינוט בלויז אַ ביידל אין אַ דאָרפס־מאַרק. אָפּגערעדט שוין פון רעגירן איבער אַ מאָדערנעם שטאַט, אַ זאַך וואָס לענין איז גאַנץ פריי געוואָר געוואָרן און גאַנץ פריי מודה געווען.

אָבער לענין און זיינע נאָכפאָלגער האָבן פונקט אַזוי נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו באַפרייען דעם נייעם רוסישן נאַציאָנאַלן שטאַט, וואָס זיי האָבן געשאַפן פון אָט דער בייער רוסישער אונטערנאַציאָנאַלער (קאַטוילישער) קירך ווי אונדזער הענרי דער צווייטער אָדער ווי דער אימפּעראַטאָר, וואָס האָט געמוזט קומען קיין קאַנאָסע פאַרוואָס ער האָט געוואָלט באַפרייען דעם ענגלישן שטאַט און די מיטלאַלטערלעכע אימפּעריע פון דער רוימישער קירך. קיינער קאָן נישט פאָרויסזען היינט צו טאָג צי די רוסישע פּאָליטיק וועט ביי אַ וואָסער עס איז קריזיס בלייבן אַנטשלאָסן אויף אַ וועלטלעכן און נאַציאָנאַלן גרונט דורכן סאָוויעט אָדער דורך דעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל אויף אַ מאַ־קסיסטישן גרונט. מיר באַגעגנען דעם סאָוויעט אַזוי ווי די קעניגין עליזאַבעט האָט באַגעגנט פיליפּן פון שפּאַניען זייער גערן צו האַנדלען מיט אים אַלס שטערבלעכן מלך אָבער נישט אַלס אַן אַגענט פון אַ קאַטוילישער טעאָקראַטיע. אין רוסלאַנד וועט

דער שטאַט פריער אָדער שפּעטער מוזן ברעכן די צייטווייליקע מאַכט פון דער מאַרקסיסטישער קירך און אַרויסנעמען די פּאָליטיק פון אירע הענט, פּונקט אַזוי ווי דער בריטישער און אַנדערע פּראָטעסטאַנטישע שטאַטן האָבן אַמאָל געבראַכט די וועלטלעכע מאַכט פון דער רוימישער קירך און די איטאַליענישע און די פראַנצויזישע שטאַטן האָבן זיי נאָכגעטון אויף אַ דראַסטישן אופן. נור ביז דאָס וועט געשען, וועט די קירך פונם מאַרקסיסטישן דריטן אינטערנאַציאָנאַל גורם זיין פּונקט אַזוי פיל צרות ווי די פּויפּסטן האָבן גורם געווען אַ מאָל. זי וועט גורם זיין צרות אינעם נאָמען פון קאָמוניזם און סאָציאַליזם און זי וועט האָבן קעגנער נישט נור צווישן די קאַפּיטאַליסטן נור צווישן קאָמוניסטן און סאָציאַליסטן וואָס פאַרשטייען, אַז קאָמוניזם און סאָציאַליזם זענען צניעים פאַר שטאַטן זיך אָפּצוגעבן דערמיט נישט פאַר קיין קירך דער קעניג דזשאָן איז נישט געווען ווייניקער קריסט פונם פּויפּסט, ווען ער האָט געזאָגט, אַז קיין שום איטאַליענישער פּריסטער זאָל נישט נעמען קיין מעשר אין זיינע דאָמיניאַנס; און אונדזערע אַרבעטער-פירער קאָנען בלייבן איבערצייגטע סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן, אָפּזאָגנדיק זיך גלייכצייטיק פון וואָסער עס איז אויסלענדישע אָדער היימישע אַריינמישונג פונם דריטן אונטערנאַציאָנאַל אָדער אָפּזאָגנדיק זיך צו אָנערקענען קאַרל מאַרקסן אַלס אַ הייליקן.

דאָך, הגם מיר פּראָטעסטאַנטישע האָבן זיך אָפּגעזונדערט פון דער אויטאָריטעט אין דער נייער מאַרקסיסטישער קירך, טאָרן מיר נישט פאַרגעסן. אַז אויב די מאַרקסיסטישע ביבל קאָן נישט אָנגענומען ווערן אַלס אַ פירערן אָדער העלפערן אין פּאַרלעמענטאַרישער טאַקטיק, קאָן דאָס אייגענע געזאָגט ווערן מכּוח די שטאַרק רעוואָלוציאָנערע דאָקומענטן, די לערע גופא. מיר פאַרברענען נישט דעם נייעם טעסטאַמענט הגם מיר קאָנען באַשליסן אַז דער פּרעדיקער פון דעם פּריידיקט אויפן באַרג קאָן אונדז נאָרנישט לערנען; אויך דאַרפן מיר נישט פאַרברענען „דאַס קאַפּיטאַל" און אַריינלייגן מאַרקסן אין חרם אַריין אַלס אַן אומווירדיקן פּראָפעסער, וועמען קיינער דאַרף נישט לייענען. מאַרקס

האָט נישט באַקומען זײַן גרויסע רעפּוטאַציע אומזיסט: ער איז געווען זייער אַ גרויסער לערער; און די מענטשן וואָס האָבן נאָכנישט געלערנט זײַנע לעקציעס זענען באמת שטאַרק געפּערלעכע שטאַטס-פרויען און שטאַטס-מענער. אָבער די מענטשן וואָס האָבן אים געלערנט אנשטאָט אים בלינדערהייט צו פאַרגעטערן אַלס אַן אומפילבאַרן נביא, זענען פּונקט אַזוי נישט קיין מאַרקסיסטן, ווי מאַרקס אַליין איז נישט געווען קיין מאַרקסיסט. איך אַליין בין אַריבער צום סאָציאַליזם נאָכן לייענען דעם קאַפּיטאַל; הגם איך האָב דעמאָלט געמוזט פאַרשווענדן אַ גרויסן טייל פון מיין צייט אויף אָנווייזן מאַרקס טעותים אין אַבסטראַקטער עקאָנאָמיע, זיין אַלגעמיינע נישט באַהאַוונטקייט אין דערפאַרונג פון פאַראַנטוואָרטלעכער אנפירונג מיט פאָלקס-ענינים און די נישט ענלעכקייט אין געוויסע שטעלן פון זיינע טיפּישע באַשרייבונגען פון זיינע פראָלעטאַרישע העלדן צו אַ שטערבלעכער אַרבעטער-פרוי אָדער פון דער בורזשואַזיע צו אַ שטערבלעכער אייגנטימערן פון פאַרמעגנס. איר מעגט אַלץ דרייסט אָראָפּשלייַדערן אַזעלכן וואָס רעדט וועגן קאַרל מאַרקס מיט פאַראַכטונג אָדער אַן אַנדער טומלער, זיינס אַן אַנהענגער וואָס האָבן אים קיינמאָל נישט געלייענט, אָדער יענע פאַרשוינען וואָס זענען אומפעיק צו פאַרשטיין זיין גרויסן חריפותדיקן שכל! שטימט נישט פאַר אַזאַ פאַרשוין! אָבער שטימט אַלנפאַלס פאַר קיין מאַרקסיסטישן פאַנאַטיקער אויך נישט, סיידן איר קאָנט פאַקן איינעם וואָס איז נאָך געווג יונג אָדער נעגוג שאַרפזיניק אַרויסצוּוואַקסן פונם מאַרקסיזם נאָך אַביסל דערפאַרונג, אַזוי ווי לענין אַ שטייגער האָט געטון. מאַרקסיזם פונקט אַזוי ווי מאָרמאָניזם, פאַשיזם, אימפּעריאַליזם, און פאַקטיש אַלע קינפטיקע קאַטאָליציזמען, אחוץ סאָציאַליזם און קאַפּיטאַליזם זענען דורכויס אַן אויפרוף צו אַ נייער טעאָקראַטיע. ביידע, סיי סאָציאַליזם סיי קאַפּיטאַליזם טוען געוויס אַלץ וואָס זיי קאָנען צו באַקומען אַנערקענונג צו רעפּרעזענטירן אַ הייליק באַשטימטע אָרדנונג פונם אוניווערס; נור די מאָס פון פאַקטן איז צו שטאַרק פאַר זייערע פּרעטענציעס; און זיי זענען לסוף געצוווּנגען זיך פאָרצושטעלן פאַר ריין וועלט-

לעכע עקספּידענטן וואָס באַמיען זיך ביידע צו פאַרזיכערן דעם וווילשטאַנד פון דער מענטשהייט, מיטן חילוק וואָס איינער שלאָגט פאָר און שטיצט אונטער אַ גלייכע צעטיילונג פון די הכנסות און דער אַנדערער פּריוואַט-אייגנטום אין פרייעם קאָנטראַקט פאַר דעם יסוד פונם אַלגעמיינעם וווילשטאַנד.

# LXXXIII

## אַל־געמיינע טעותים

איך וואָלט אַזוי געקאָנט זיצן און שרייבן יאָרן לאַנג נור איך מיין, אַז איך האָב אייך שוין דערציילט גענוג וועגן סאָציאַליזם און קאַפּיטאַליזם, כדי צו געבן אייך די מעגלעכקייט צו פאַרשטיין דעם קאַמף צווישן זיי און אים ווי געהעריק באַגרייפן. עס וועט אייך שטאַרק אַרן, ווען איר וועט תחילות ליינען אין די צייטונגען אָדער הערן געוויינטלעך שמועסן וועגן דעם ענין, וויסנדיק, אַז סיי די רעדנער, סיי די שרייבער הויבן נישט אָן צו וויסן, וואָס זיי רעדן אָדער שרייבן אויף דעם געביט. אייער חשק אַריינצושרייבן אין די צייטונגען, כדי זיי אויפמערקזאַם צו מאַכן אָדער אַריינצומישן זיך אין געשפּרעך, וועט אפשר זיין גאָר א שטאַרקער. אָבער מען מוז זיך אָפּהאַלטן, מחמת אויב איר וועט איינמאָל אָנהויבן, וועט נישט זיין קיין סוף דערצו. איר מוזט זיצן רויק און העפלעך זיך צו הערן, ווי אייערע שכנים, וועלכע שמועסן וועגן פּאָליטיק, באַשולדיקן די מענטשן, פון וועמען זיי האַלטן נישט אַלס סאָציאַליסטן, באָלשעוויקעס, סינדיקאַליסטן, אַנאַרכיסטן און קאָמוניסטן פון איין זייט, און קאַפּיטאַליסטן, אימפּעריאַליסטן, פאַשיסטן, רעאַקציאָנערן און בורזשועס פון דער אַנדערער זייט; און קיין איינער פון זיי פאַרשטייט נישט דעם זין פון אָט די ווערטער קלאָר גענוג, כדי צו רופן זיי אָן חניפה אפילו: דער גייסט

פון אַ באַוועגונג. מיט אַ הונדערט יאָר צוריק וואָלטן זיי זיך געווען גערופן איינער דעם אַנדערן יאַקאָבינער, ראַדיקאַלן, (טשאַרטיסט*), רעפּובליקאַנער, אַפּיקורסים, און כּדי אויסצודריקן די נידעריקסטע אומפאַרשעמטקייט — קאָאָפּעראַטאָרן; אָדער פאַרקערט, טאָריעס**), טיראַנען, אויפגעבלאָזענע אַריסטאָקראַטן, פּאָנד-האַלטערס***). קיין איינציקע פון די אַלע נעמען מאַכן היינט נישט קיין שלעכטן איינדריק און זיי טוען נישט וויי: יאַקאָבינער און טשאַרטיסטס זענען פאַרגעסן געוואָרן; רעפּובליקן זענען אַ געווינטלעכע זאַך און נישט קיין אויסנאַם אין איירָאָפּע, אַזוי גוט ווי אין אַמעריקע; קאָאָפּעראַטאָרס זענען אַזוי אנשטענדיק ווי קוואַקערס; אויפגעבלאָזענע אַריסטאָקראַטיע זענען די נייע אַריסטאָקראַטישע קבצנים; און דער פּראָלעטאַריאַט מיט זיינע מיליאָנען אינוועסטיעס אין פאַרזיכערונגס-בענק וואָלט בכלל נישט געהאַט דערקענען. ווען מען זאָל אויף זיי זאָגן, אַז זיי האָבן געלט „אין די פּאָנד“ן, אויב דער אויסדריק וואָלט נאָך געווען גאַנגבאַר. נור די נעמען האָבן אין די מיילער פון די בעלי-מחלוקת סיי ווי נישט קיין שום זין. זיי זענען פּשוטע וואַל-זידל-ווערטער. אין פראַנקרייך, בעת די וואלן, שרייען די פלאַקאַטן פון ביידע צדדים, מען זאָל נישט שטימען פאַר קיין מערדער און גנבים (מיינענדיק דעם קאַבינעט); און די רעגירונגס-פלאַקאַטן האָבן געגעבן דעם אייגענעם טיטל בעת די קאַנדידאַטן אין זייערע אייגענע היימען רופן זייערע ליבלינגס-העלדן באַנדיטן, בעת זיי מאַכן זיך מכלומרשט ווי זיי וואָלטן זיך געבייזערט אויף זיי. דאָס איז אַלץ גאָרנישט. זיי וואָלטן זיך בעסער געדאַרפט רופן חמורים און „ביטשעס“ (אַ צויג) (טיילמאָל רופן זיי זיך טאַקי אַזוי) מחמת יעדער איינער ווייסט, אַז אַ מאַן איז

---

*) אַ פּאַרטיי, וואָס האָט פאַרלאַנגט אַ גרונטלעכע אומענדערונג אין דעם רעגירונגס סיסטעם אין ענגלאַנד.

**) קאָנסערוואַטאָרן.

***) אייגנטלעך אויך קאַפּיטאַליסטן.

נישט קיין אייזל און אַ פרוי איז נישט קיין צויג און אַז רופן אים אַזוי איז נישט מער ווי אַ שאַרפער אופן פון באַליידיקן זיך; בעת דער גרעסטער טייל מענטשן ווייסן נישט, וואָס די ווערטער באָלשעוויק, אַנאַרכיסט, קאָמוניסט, א. א. וו. מיינען און לאָזן דעריבער צו לייכט אָפּשרעקן, גלויבנדיק, אַז זיי באַצייכענען די ערגסטע מעשים ווי גנבה, גזלה, רציחה, און וואָס מען קאָן זיך נאָר אַליין פאָרשטעלן, דאָס רוסישע וואָרט באָלשעוויק, וואָס קלינגט פאַר אונדז דאָ אַזוי שרעקלעך, באַדייט פאַקטיש נישט מער ווי אַ מיטגליד פון אַ פאַרלאַמענטאַרישע מערהייט; אָבער אַלס אַן ענגליש ביי-וואָרט, איז עס תמיד אַ פאָליטישע פאָרם פון פאַלשקייט, נידעריקייט, אָדער דער געוויינטלעכע ענגלישער „Bloody" בלוטיקער, באַצייכנענדיק אינדערמתן בלויז עמיצן, מיט וועמען דער רעדנער איז נישט איינשטימיק.

אָבער די נעמען וואָס מיר רופן איינער דעם אַנדערן זענען נאָך אַ סך ווינציקער פאַרפירעריש, ווי די נעמען וואָס מיר גיבן זיך אַליין. למשל זייער אַ סך מענטשן, מערסטנס זייער ליבעראַל-קאָנסערוואַטיווע, מילדע מענטשן רופן זיך קאָמוניסטן-אַנאַרכיסטן, וואָס די קאָנסערוואַטאָרן טייטשן אויס אַלס טאָפּעלע אויסוווּרפן דאָס איז פונקט ווי זיי וואָלטן זיך גערופן אַ שטייגער רוימיש-קאַטוילישע פּראָטעסטאַנטן אָדער קריסטלעכע יידן אָדער קאַר-ליקעס-ריזן, אָדער ברונעטע בלאָנדינקעס, אָדער פאַרהייראַטע מיידלעך, אָדער וועלכע ס'איז אַנדערע אויבנאויפיקע סתירהדיקע נעמען; מחמת אַנאַרכיזם פּריידיקט, מ'זאָל אָפּמעקן די סטאַטוט-ביכער פון יעדן געזעץ, מ'זאָל אָפּשאַפן רעגירונגען און שטאַטן, בעת קאָמוניזם פּריידיקט, אַז אַלע נויטיקע געשעפטן פון לאַנד זאָלן געמאַכט ווערן פון פאָלקס-קערפּערשאַפטן און זאָלן רעגו-לירט ווערן לויט פאָלקס-געזעצן. קיינער וואָלט לאָגיש נישט געקאָנט זיין קיין אָנהענגער פון ביידע אין איין צייט. אָבער דאָך איז פאַראַן אַ געוויסער זין אין דערדאָזיקער פאַרבינדונג פון אַ נאָמען. וואָס קאָמוניסטן-אַנאַרכיסטן מיינט באמת, איז, אַז זי איז גרייט צו זיין אַ קאָמוניסטן אין פאָלגן, וואָס עס הייסט איר טון דאָס געזעץ פאַר אַלע אין שייכות מיט

אַרבעט א. א. וו., וואָס איז נויטיק פאַרן געזונט פונם פאָלק און פאַר זיין מאַטעריעלע לאַגע, און ווייטער זאָל מען איר צורו לאָזן. זי זאָל קאָנען טון, וואָס זי וויל. זי טענהט געוויינט־לעך, אַז זי נויטיקט זיך אין פרייער־צייט און אין פרייהייט, אַזוי גוט ווי אין אונטערנעמערישע אַרבעט און פאַראַנטוואָרט־לעכקייט: בקיצור, לויט ווי איך האָב געהערט ווי איינע האָט זיך אויסגעדריקט: זי זאָל נישט זיין קיין „גאַרישע בין". דאָס איז די שטעלונג פון יעדער פעיקער פרוי; אָבער אָנווענדן דעם טערמין קאָמוניסטישן־אַנאַרכיזם דאָס איז זייער אומדייטלעך און שלעכט אויפגענומען פון אָט דעם מין פאַרפלאָנטערטע בשמות. זייענדיק קעגן געזעצן און פאָלקס־אונטערנעמונגען ווייל זי וויל זיין פריי און קעגן פרייהייט, ווייל אַ פרייער קאָנטראַקט איז אַ קאַפיטאַליסטיש־שפּיצל צו עקספּלאָאַטירן דעם פּראָלעטאַריאַט, פאַרברענגט זי איר לעבן דערמיט, וואָס זי שטערט ביידע, סיי דעם סאָציאַליזם, סיי דעם קאַפּיטאַליזם און אַליין דערגרייכט זי קיינמאָל גאָרנישט, אַזוי, אַז איך וואָלט מיך נישט גערופן קאָמוניסטן־אַנאַרכיסטן ווען איך בין אויף אייער אָרט.

דער אמת איז, אַז מיר לעבן אין אַ מין דור־הפלגה, ווו דער מיש־מאַש פון נעמען שטערט אונדז צו פאַרענדיקן דעם אויפבוי פון דער סאָציאַלער געביידע. די רוימישע קאַטוילין, וועלכע ווייסט נישט באמת וואָס איר קירך לערנט, די מיט־גלידערין פון דער ענגלישער קירך, וואָס וואָלט אויסגעמעקט עטלעכע פון די ניינאונדרייסיק אַרטיקלען ווען מען וואָלט זיי איר פאָרגעלייגט אָן שום אינטערעס פון וואַנען זיי קומען, די ליבעראַלין, וואָס האָט קיינמאָל נישט געהערט מכּוח די פרינציפּן פון דער מאַנטשעסטער שול און וואָלט זיי נישט פאַרשטאַנען, ווען זי וואָלט זיי יאָ געהערט און די קאָנסערוואַטאָרין, וואָס ווייסט לחלוטין גאָרנישט מכּוח „דעקווינס לאָגיק פון פּאָלי־טישער עקאָנאָמיע". דאָס הייסט די גרויסע מאַיאָריטעט קאַטאָ־ליקן, פּראָטעסטאַנטן, ליבעראַלן און קאָנסערוואַטאָרן האָבן זיך זייערע קאָנטערטיילן און די סאָציאַליסטן, קאָמוניסטן, סינדיקאַ־ליסטן, אַנאַרכיסטן און לייבאָריסטן, וועלכע באַשולדיקן קאַפּיטאַ־

ליזם און מיטל-קלאַס—מאָראַל און זענען אַליין אָנגעזאַפּט מיט
דעם די גאַנצע צייט. ווען די אינטעליגענטע פרוי לייענט די
צייטונגען, מוז זי לאָזן אָרט פאַר דעם אַזוי גוט ווי עס לאָזט
זיך נור. זי דאַרף נישט נאָר געדענקן, אַז יעדער פּראָפעסיאָנע-
לע סאָציאַליסטין איז נישט תמיד קיין „טרייד יאַנאָניסט" און
קאָן לאָגיש נישט זיין קיין אַנאַרכיסטין, נור אַז זי איז טיילמאָל
אַזוי ווייניק סאָציאַליסטין, אַז ווען מען טרויט איר אָן פאָלקס-
ארבעט און עס קומט איר אויס צו שטיין פּנים-אל-פּנים מיט
די קאָנסערוואַטיווע אָדער ליבעראַלע פּירצס, וועלכע זי האָט
די גאַנצע צייט באַשולדיקט וועט זי עס האַלטן פאַר אַ כבוד,
וואָס דידאָזיקע חשובע מענטשן דענקען פּונקט אַזוי ווי זי
און שטימען מיט איר יעדעס מאָל עטוזיאַסטיש.

דער נאָמען קאָמוניסט האָט איצט (1927) אַפּעלירט און אַ
דאָפּטירט געוואָרן ספּעציעל פון די וואָס גלויבן, אַז קאַפּיטאַליזם
וועט קיינמאָל נישט אונטערגיין דורך קאָנסטיטוציאָנעלע פּאַרלאַ-
מענטאַרישע מיטלען אויפן פּאַביאַנישן שטייגער, נור ער מוז אַראָפּ-
געוואָרפן ווערן דורך אַ באַוואָפנטער רעוואָלוציע און אַרויסגע-
שטופּט ווערן פון דער מאָסקווער מאַרקסיסטישער קירך. איידל
גערעדט, הייסט דאָס „די מאָטאָ פון דירעקטער האַנדלונג". די
קאָנסערוואַטיווע „דייהאַרטס", וועלכע האַלטן, אַז די רעגירונג
דאַרף פאַרכאַפּט ווערן פון די קאַפּיטאַליסטן אַלס אַזעלכע רופן
עס, a coup de' état אָבער אַ פּראָלעטאַריערין קאָן זיין אַ סימ-
פּאַטיקערין, אָדער אונטערשטיצערין פון דירעקטער האַנדלונג נישט
זייענדיק קיין פּיצל קאָמוניסטקע, זי קאָן גלויבן. אַז די מינעס
דאַרפן געהערן צו די מינעס-אַרבעטער. די באַנען צו די באַן-
אַרבעטער, די אַרמעע צו די סאָלדאַטן, די קירכן צו די גלחים,
און די שיפן צו די שיף-אַרבעטער, (מאַטראָזן) זי קאָן אפילו
גלויבן, אַז די הייזער דאַרפן געהערן צו די הויז-מיידלעך, ספּע-
ציעל אויב זי איז אַליין אַ הויז-מיידל. סאָציאַליזם וויל פון דעם
נישט הערן, סאָציאַליזם וויל דורכויס האָבן אַז די אינדוסטריעס
זאָלן בכלל געהערן צו דער גאַנצער מענטשהייט און זיי זאָלן
רעגולירט ווערן פון די קאָנסומירער (אָדער קונים) וועלכע מוזן

קאָנען קויפן פאַר קאָסט-פּרייזן און נישט דאַרפן באַצאָלן קיינעם
קיין פּעני פּראָפּיט. אַ קראָם למשל טאָר נישט געהערן צו די
עקספּידענטקעס און אויך נישט עקספּלאָאַטירט ווערן פון זיי פאַר
זייער פּראָפּיט: זי מוז זיין אָפן פאַר דער עקספּידענטין נישט
צו פאַלן קיין קרבן פון די קונים, איז דאָס, וואָס זי איז אַליין
אַ קונה אין אַנדערע קראָמען און די קונים אליין זענען אָנ-
געשטעלט ביי אַנדערע אַרבעטן. ווען די הכנסות וועלן זיין אַלע
גלייך און יעדער איינער וועט זיין ביידע צוזאַמען: סיי אַ פּראָ-
דוצענט סיי אַ קאָנסומענט, וועלן די פּראָדוצענטן און די קאָנ-
סומענטן זיך געוויס קענגזייטיק גוט באַהאַנדלען פאַר זייער
אייגענער טובה וועגן, אויב נישט פון קיין גרויסמוטיקערע מאָטיוון;
אָבער ווען מען וואָלט ביז דעמאָלט איבערגעבן אַ וועלכע עס
איז אינדוסטריע אין די הענט פון די אַרבעטער עס זאָל גע-
הערן צו זיי וואָלט עס געהייסן פּשוט, אויסטוישן די איצטיקע
ליידיקגייערישע שותפים פון די צערזן-אַקציע אויף אַרבעטער-
אַקציאָנערן וואָס וואָלטן געמאַכט נאָך גרעסערע פּראָפיטן, מחמת
זיי וואָלטן צוגענומען פאַר זיך די רענטעס פון זייערע אַרבעטס-
פּלעצער און זיי וואָלטן נישט געגאָסן די אַלע שטייערן אין
דער צענטראַלער שאַץ-קאַמער אַריין פאַר דעם ריוח פון פאָלק,
וואָס זיי מוזן איצט טון לויט אַ געזעץ פון פּאַרלאַמענט. די אומ-
גלייכהייט פון, לאָמיר זאָגן, די מינעס-אַרבעטער אין די רייכסטע
מינעס, און די פּארמערס אויף דעם אָרעמסטן וואָלט געווען אומ-
געהויער גרויס. אָבער איך דאַרף אייך נישט קוויילן מיט קיין
אַרגומענטן: אַזאַ אַ ראַנזשירונג איז סייווי אוממעגלעך; נור אַזוי
ווי אַ דאַנק עטלעכע פּראָלעטאַרישע פאָרשלאָגן און בכלל די
טעגלעכע געשרייען, אריינגערעכנט „טרייד יוניאָניזם” פּראָדוצירס
קאָאָפּעראַציעס, אַרבעטער-קאָנטראָל, פּויערים-אייגנטימער און די
גרעבערע מיספאַרשטענדניסן, פון סינדיקאַליזם און סאָציאַליזם—
איז דער ענין סאָציאַליזם געוואָרן אַזוי פאַרפעסטעט און האָט
אַזוי זיך, איינגעגעסן אין די ביינער אַז ער האָט געבראָכן די
פּראָלעטאַרישע באַוועגונג אין איטאַליען. וואָס האָט זיך דאָרט
אָנגעהויבן נאָך דער מלחמה און עס האָט דערפירט צו דער

דיקטאטור פון סעניאר מוסאלינע און אזוי ווי דאס ווערט אויך אפטמאל באטראכט ווי א טייל פון סאציאליזם, זאלט איר אייך בעסער היטן דערפון; מחמת עס האט א סך, דאכט זיך, גאנץ שכלדיקע, אבער פאלשע, סאציאליסטישע מאסקעס, עס איז באמת נישט מער ווי דעם ארעמען מענטשנס קאפיטאליזם א שטייגער ווי דעם ארעמען מענטשנס פאדאגרע.

פון דער נעגאטיווער זייט זענען די פראלעטארישע איז מען שטארק ענלעך איינער צום אנדערן: אלע ברענגען זיי זייערע טענות קעגן קאפיטאליזם און קאפיטאליזם מאכט נישט קיין אויסנעם צווישן זיי מחמת זיי האבן אים אלע גלייך פיינט. א גאר גרויסער חילוק אבער איז פאראן אין זייערע פאזיטיווע רפואות; און אויב א פרוי וואלט געשטימט פאר סינדיקאליזם, א נאציזם, אדער דירעקטע האנדלונג פארגעשטעלט אלס קאמוניזם, נישט ווייסנדיק דעם חילוק. און זיין אונטער איינדרוק אז זי שטימט פאר סאציאליזם וואלט זי זיך פונקט אזוי טועה געווען, ווי איינע וואס וואלט געשטימט פאר קאנסערוואטיזם, אדער ליבעראליזם, אדער אימפעריאליזם, אדער פאר דער „יוניאן־דזשעק", אדער פארן קעניג און פאטערלאנד, אדער קירך און שטאט, זייענדיק אונטער אן אלגעמיינעם איינדרוק, אז זי שטימט קעגן סאציאליזם.

און אזוי האט איר פאר זיך דעם קוריאזן ספעקטאקל פון פארלעמענטארישער לייבאר־פארטיי זי ווערט אנגעפירט פון סאציאליסטן, וואס זענען אין פרינציפ דורכויס אלע קאמוניסטן, אונטערשטיצנדיק א געוואלטיקע אויסברייטערונג פונם קאמוניזם און זי שטופט ארויס די אזוי גערופענע קאמוניסטישע פארטיי פון איר ראנג. אפזאגנדיק זיך צו דערשיינען עפנטלעך מיט אירע מיגלידער אויף איין קאטעדרע, און אין דער אייגענער צייט אלס בורזשאזיע רעאקציאנערן, ווערט זי פארהאסט ביי יענע; א מאדנער פלאנטער, ביז וואנען איר קלויבט זיך נישט פאנאנדער. און דעמאלט זעט איר ערשט, אז דער אויסגאנג גראד איצט צווישן די קעגנערישע פראלעטארישע פארטייען אין ענגלאנד איז נישט קאמוניזם קעגן סאציאליזם: עס איז קאנס-

טיטוציאָנעלע האַנדלונג אָדער פּאַביאַניזם, ווי מען פּלעגט עס רופן קעגן אַ דירעקטער האַנדלונג מיט אַ פּועל-יוצא פון אַ דיקטאַטור. און אַזויווי דער עכטער קאַפּיטאַליזם איז איצט שטאַרק געניגט צו פּרוון אַ בריטיש—פאַשיסטישע coup de' ètat מיט אַ דיקטאַטור וואָס איז דער קעגנזאַץ צו אַליבעראַלן קאָנסטיטוציאָנעלן קאַפּיטאַליזם איז דער פּלאָנטער, דער מישמאַש און די אומאייניקייט אָן שום ספק נישט בלויז מצד דער לייבאָר-פּאַרטיי... די עקסטרעמיסטן, פון רעכטס און פון לינקס זענען ביידע פּראָפּאַגאַנדיסטן און זענען אומגעדולדיק און ווידערווילּיק צום פּאַרלאַמענט אַלס אַן אינסטיטוציע. עס איז פאַראַן אַ רעכטער פליגל פון רעכטס אַזוי ווי עס איז פאַראַן אַ לינקער פליגל פון לינקס; בעת דער קאָנסטיטוציאָנעלער צענטער איז צעטיילט צווישן קאַפּיטאַליזם און סאָציאַליזם. איר וועט דאַרפן באַנוצן אייער גאַנצן שאַרפזין, כּדי זיך צו אָריענטירן ווי איר זענט אין דער וועלט און זיך האַלטן דאָרט אינם משך פון די קומענדיקע ענדערונגען.

די פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי האָט געירשנט פונם טרייד יוניאָניזם דעם באַגריף, אַז דער שטרייק איז דער קלאַסישער וואָפן און דער איינציקער באַשיצער פונם פּראָלעטאַרישן לייבאָר. דעריבער איז געפּערלעך פּאַרפירעריש די ווייט-פאַרשפּרייטע פאַלשע אידייע, אַז אויב אָנשטאָט אַ קוילן-שטרייק דאָ און אַ באַן-שטרייק דאָרט וואָלטן מיר געהאַט אַ פּלוצלינגדיקן שטרייק פון אַלע קעלנערס אין אַ רעסטאָראַן היינט און אַזאַ שטרייק אין אַ פאַבריק פון שוועבעלעך מאָרגן און אַלע אַרבעטער פון אַלערליי באַשעפטיקונגען זאָלן אַרויס גלייכצייטיק און מיט סימפּאַטיע פאַר די שטרייקערס, וואָס וואָלט געבראַכט דעם קאַפּיטאַליזם אויף די קני. דאָס רופט זיך דער אַלגעמיינער שטרייק. דאָס איז פּונקט ווי די מאַנשאַפט פון אַ שיף אונטערדריקט פון זייערע אָפיצירן וואָלטן אָנגענומען אַן עצה פון אַן איבערגעשפּיצט נאַריש קאַיוטע-ייִנגל צו דערטרינקען די שיף, ביז אַלע אָפיצירן און זייערע פּריינט, די פּאַסאַזשירן, וועלן דערטרינקען ווערן און דאַן וועט מען איבערנעמען די קאָמאַנדער מיט נצחון. אָקעגגשטעלן זיך און זיי דער-

קלערן אַז זיי וואָלטן נישט געקאָנט פירן די שיף אָן די געניטע אָפיצירן איז אַן איבעריקע זאַך מחמת די שיף וואָלט ביים אונטערגיין מיטגענומען די מאַטראָזן און דעם בעל-עצה פונקט אַזוי גוט ווי די אָפיצירן. ביי אַן אַלגעמיינעם שטרייק אויף דער יבשה וואָלטן די פּראָדוקטיווע פּראָלעטאַריער אויסגעגאַנגען פאַר הונגער, פריער ווי די אַרבעטסגעבער קאַפּיטאַליסטן, מיט זייערע פּאַראַזיטישע פּראָלעטאַריער, מחמת זיי וואָלטן געהאַט דעם באַזיץ פונם זאַפּאַס אָפּגעשפּאָרט שפּייז; עס וואָלט געווען אַ נאַציאָנאַלער זעלבסטמאָרד.

פונדעסטוועגן איז פּאָרט דער גענעראַל-שטרייק געפּרוווט געוואָרן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל באַזונדער אין שוועדן, ווו ער איז גאַר שטאַרק אויסגעפּרוווט געוואָרן; און הגם ער האָט יעדער מאָל געמוזט האָבן אַ דורכפאַל, ווערט ער נאָך עד-היום אונטערגעשטיצט פון מענטשן, וואָס האַלטן אַז די רפואה קעגן קאַפּיטאַליזם איז צו האַנדלען מיט לייבאָר, ווי דער קאַפּיטאַל מיטן פּראָלעטאַריאַט און צו האַלטן די קאַפּיטאַליסטן דורך שרעק פאַר הונגער, פונקט ווי די קאַפּיטאַליסטן האָבן ביז איצט געהאַלטן דעם פּראָלעטאַריאַט. זיי פאַרגעסן, אַז די קאַפּיטאַליסטן זענען נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי אַבסורד ווי צו פּרווון מאַכן אַן אַלגעמיינעם לאָקאַוט, עס וואָלט געווען אַ סך שכלדיקער אונטערצושטיצן אַ שטרייק אין אַ געוויסן איינצעלנעם פאַל דורך אָפּרופן אַלע אַנדערע שטרייקן און אַזוי-אַרום אָפּזונדערן דעם געוויסן אַרבעטסגעבער אויף וועלכן מען צילט און געבן אַלע איבעריקע אַרבעטער די מעגלעכקייט זי צו באַשטייערן אויף דעם שטרייק-פאָנד, אָבער מיר האָבן שוין גערעדט מכוח דער אוממעגלעכקייט צו טאָלערירן אפילו איינצעלנע שטרייקן אָדער לאָקאַוטן בפרט נאָך אַלגעמיינע. זיי וועלן אָפּשטאַרבן אַזוי ווי דועלן זענען אָפּגעשטאָרבן. דערווייל היט אייך פון פּראָפּאַגאַנדיסטן פאַר אַלגעמיינע שטרייקן; נור געדענקט אויך אַז דער טערמין ווערט איצט אַזוי פריי גענוצט אין די טעגלעכע צייטונגען אַז ווי נור עס ברעכט אויס אַ שטרייק, וואָס מער ווי

איין פאַך ווערט אַריינגעצויגן אין אים, רופט מען עס גלייך אַן אַן אַלגעמיינער שטרייק.

אַ גינסטיקע ראָל אינם אונטערשטיצן אַן אַלגעמיינע שטרייק שפּילט דאָס, וואָס מען האַלט, אַז ער וואָלט געקאָנט אָפּהיטן פון מלחמה. מען מוז צוגעבן, אַז די מורא פאַר דעם חשק אָנצוהייבן אַן אַלגעמיינעם שטרייק האַלט צוריק געוויסע מליכות אָנצוהייבן אומפּאָפּולערע מלחמות. אָבער צום אומגליק — ווי גיך דער ערשטער לאַנדסמאַן־בירגער ווערט דערהרגעט אָדער דאָס ערשטע קינד אויפגעריסן פון אַ באָמבע איז קיין שום מלחמה נישט אומפּאָפּולער: פאַרקערט, עס איז פּונקט אַזוי גוט באַוווסט אונדזערע קאַפּיטאַליסטישע מלוכות ווי עס איז געווען פאַר דער קליגער דאַמע, די רוסישע קייזערין יעקאַטערינע, אַז ווען די מענטשן הייבן זיך אָן צו בונטעווען איז קיין שום זאַך נישט אַזוי גוט ווי „אַ פיין מלחמה'לע" כּדי זיי צוריק צוברענגען אויסגעהיילטע מיט אַ פּאַטריאָטישן עקסטאַז פון לאָיאַליטעט צו דער קרוין. חוץ מזה, דער פונדעמענטאַלער ווידערווילן צו אַן אַלגעמיינעם שטרייק דערפון, וואָס אויב אַלע זאָלן אויפהערן אַרבעטן וועט די נאַציע באַלד אויסגיין פון הונגער האָט פּונקט אַזאַ פאַטאַלע באַדייטונג פאַר אַ שטרייק קעגן אַ מלחמה ווי פאַר אַ שטרייק קעגן פאַרקלענערן שכירות. עס איז אמת, אַז ווען די גרויסע מאַיאָריטעט פון די קריגס־פירנדיקע נאַציעס, זעלנער אַריינגערעכנט זאָלן גלייכצייטיק ווערן מענטשן פון געוויסן און זיך אָפּזאָגן פון גיין אין מלחמה און די אַרבעטער זאָלן זיך אָפּזאָגן צו אַרבעטן ביי אַ וואָכער עס איז מיליטערישן דינסט צי עס איז אויפן פעלד אָדער ביי פּראָוויזיע, ביי אַמוניציע אָדער טראַנספּאָרטירן די טרופּן; וואָלטן קיין שום מלחמה־דערקלערונגען נישט געקאָנט דורכגעפירט ווערן; אַזאַ נצחון פון פרידן אויף דער ערד וואָלט געווען טויזנט מאָל מער געווונטשן פאַר אַ סך פון אונדז; אָבער בלויז ביים דערמאָנען די באַדינגונגען איז גענוג אונדז צו באַווייזן אַז דאָס וועט נישט דערגרייכט ווערן דורך קיין אַלגעמיינעם שטרייק און אַז עס איז אַזוי נישטאָ קיין אויסזיכטן אַז דאָס זאָל בכלל געשען, אַז קיין שום מיושבדיקער

מענטש וואָלט נישט אויסגערעכנט אויף א שאנס, אז עס וועט אפשר פארווירקלעכט ווערן. איין איינציקער שילער-מיליטאריסט וואָס וועט אראָפּוואַרפן א באָמבע פון אן אעראָפּלאַן אויף א גרופּע קינדער וועט אין איין מינוט מאכן א סוף צום לאָקאלן פרידן ביז מען וועט נישט זיכער זיין, אז דער באמבע-ווארפער און זיינע באלעבאטים וועלן ארויסגערופן ווערן אָפּצוגעבן א חשבון פון זיינע מעשים פאר א קאָמפּעטענטן און א שרעקלעכן טרי־בונאל; דערווייל וועט די מורא פאר אן אזוי געוואלדיקן אלגע־מיינעם שטרייק קעגן מלחמה נישט שטערן קיין וואָסער עס איז קריגסלוסטיקע מלוכה אויסצושטאטן זיך און צוגרייטן אזעלכע ריזיקאלישע ייגגע חברה-לייט. אָבער קיין שום מלוכה וואָלט נישט געוואגט זיי ארויסצושיקן, ווען זי וואָלט געוווסט, אז זי וועט פארבלאָקאדירט ווערן דורך א קאָמבענאציע פון אנדערע נאציעס געגוג שטארק אָפּצושרעקן די קריגסלוסטיקסטע נאציע.

די שלום-ליגע האָט עס זיך געמאַכט פאַר א פּראָפּעסיע צו שאַפן אזא קאָמבינאַציע. און הגם עס זעט זיך דערווייל נישט קיין סימן פון די גרויסע מיליטערישע כוחות, זיי זאָלן זיך אפילו באַראַטן מכוח דעם, נישט אַזוי פאָלגן און אונטערשטיצן עס ווען זיי האָבן עפּעס וויכטיקע מיליטערישע אינטערעסן, וועלן זיי פרי־ער אָדער שפּעטער צווינגען ערנסט צו נעמען די שלום-ליגע, כדי איינצופירן אַן איבער-נאַציאָנאַלע מאָראַל, געזעץ און האַנדלונג, אָנשטאָט דעם איצטיקן אונטערנאַציאָנאַלן אַנאַרכיזם. לויט וועלכן עס איז ריכטיק, אז נאַציעס זאָלן אונטער געוויסע פאָרמען אוי־ס־הרגענען און באַרויבן פרעמדע, הגם עס איז א פאַרברעכן צו הרגענען און באַרויבן איינער דעם אַנדערן. קיין שום אַנדערע מעטאָדן נישט צו דערלאָזן צו קיין מלחמות זענען נאָך דערווייל נישט אנטדעקט געוואָרן, וואָס זאָלן ווערט זיין אייער אויפמערק־זאַמקייט. עס זעט נישט אויס, אז אפילו אונדזער נעטע און נישט לאָגישע טאָלעראַנץ לגבי די בירגער, וואָס האָבן צוליב זייער געוויסן זיך אָפּגעזאָגט צו גיין דינען בעת דער לעצטער מלחמה, זאָלן זיך נאָכאַמאָל ווען עס איז איבערחזרן; אַלנפאַלס האָט דערדאָזיקער עקספּערימענט באַוויזן זיין ווערטלאָזיקייט פאַר א

מיטל קעגן מלחמה. דער סאָלדאַט אינם שוצנגרוב, וועט תמיד פרעגן, פאַרוואָס ער דאַרף דערשאָסן ווערן פאַר אָפּזאָגן זיך „ארויפצוגיין אויבן" ווען זיין ברודער אינדערהיים איז פאַרשוינט אפילו ווען ער זאָגט זיך אָפּ בכלל אַריינצוטרעטן אין א שוצנגרוב. אַן אַלגעמיינער שטרייק האָט נאָך וויניקער ווערט. א מלחמה קאָן נישט אָפּגעשטעלט ווערן צוליב דעם, וואָס אינדיווידועלע מענטשן אָדער אפילו גאַנצע פאַכן זאָגן זיך אָפּ אַן אנטייל צו נעמען אין איר: קיין שום זאַך, אַ חוץ קאָמבינאַציעס פון נאַציאָנען און יעדער נאַציע זאָל זיך אונטערוואַרפן, וואָס זיי האַלטן פאַר זייערע אַלערהעכסטע רעכט לטובת דער וועלט, אָדער וויניקסטנס לטובות דער קאָמבינאַציע, קאָן נישט באַהערשן די מלחמות.

דאָסדאָזיקע אונטערוואַרפן זיך פונם נאַציאָנאַליזם רופט זיך איבער־נאַציאָנאַליזם און וואָלט זיך געקאָנט רופן קאַטויליציזם, ווען דאָס וואָרט וואָלט זיך געקאָנט באַפרייען פון פאַרפירערישע, היסטאָרישע אַסאָציאַציעס. עס עגזיסטירט שוין היינט, אַזאַ פעדעראַציע אין די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע זיי זענען פאַרבונדן צוליב געוויסע צוועקן אַריינגערעכנט דעם געלד־קורס און a pox americana*), וואָס איז עטאַבלירט געוואָרן אויפן רעכנונג פון אַ ווילדער מלחמה, עס איז נישטאָ קיין שום סיבה, סיידן ריינע טייוולאָנישקייט, פאַרוואָס די שטאַטן אין אייראָפּאַ, אָדער דערווייל אין אָנהויב, אַ געוויסע צאָל שטאַטן, זאָלן זיך נישט פאַרבונדן אויף אַזאַ אופן צוליב די אייגענע צוועקן. אין דעם און נישט אין לאָקאַלן אַנטי־פּאַטריאָטישע שטרייקן ליגט די אמתע האָפנונג פאַר פרידן.

איר וועט געפינען, אז קאָנסטיטוציאָנעלע ענדערונגען זענען באַזונדערס שווער צוליב די כסדרדיקע סתירות צווישן די פאַרבינדעטע בנוגע סאָציאַלער דיסציפּלין, וואָס עס פאָדערט דער סאָציאַליזם. דער חשק צו אַן אָפיציעלער מאַכט, און דער ווילן צו קאָנען טון, וואָס מיר האבן חשק און געפינען פאַר בייטיק וואָס מיר רופן דעמאָקראַטיע. דעמאָקראַטיע פאַרנעמט אַן אָנגע־

*) מיינונגס־פרייהייט אין אַמעריקע.

זענעם פלאַץ ביי אָרגאַניזירטע אַרבעט. אין פּראָפעסיאָנעלע פּאַריינען טוט מען אַלץ וואָס מען קאָן, אַז די שטים פונם גאַנצן פּאַריין זאָל האָבן א גרויסע מאַכט. ווען דעלעגאַטן שטימען אויף די קאָנגרעסן פון די פּאַריינען, גיט מען זיי אַ שטים פאַר יעדן מיטגליד פון זייערע רעספּעקטיווע פּאַריינען און אַזוי ווייט ווי עס איז נאָר מעגלעך, ווערן די פראַגעס, אויף וועלכע זיי רעכענען הונדערטער טויזנטער שטימען, נאָך באַהאַנדלט פריער, איידער זיי גייען צו די קאָנגרעסן, צווישן די מיטגלידער אין די פּאַריינען דורך אָפּשטימונגען, אַזוי אַז ווען זיי קומען אויף די קאָנגרעסן, זענען זיי נישט קיין רעפּרעזענטאַנטן נאָר פּשוטע רעדנער, וואָס ברענגען אַריין די באַשלוסן פון זייערע פּאַריינען. בלויז די גראָבע דעמאָקראַטישע פּאָרזיכטיקייט פּאַראַט זייער אייגענעם אָביעקט. אין דער פּראַקטיק איז א סעקרעטאַר פון א טרייד־יוניאָן דער ענלעכסטער מענטש אין דער וועלט צו אַן אומבאַוועגלעכן אויטאָקראַט. דאָס שטים־צעטל ווערט נישט געברויכט, סיידן צו באַשטימען אַזעלכע פראַגן, ווי די באַשלוסן קאָנען נישט דורכגעפירט ווערן, סיידן ווען די דעלעגאַטן פון די גרויסע קרעפטן (דאָס הייסט די פּאַריינען וואָס ציילן מיליאָנען מיטגלידער), וואָלטן געקאָנט אַרויסשטופּן דורך אַ מערהייט פון שטימען די שוואַכערע קרעפטן און אַזוי ווי אינם ראַנג פון לייבאָר זענען נישט נאָר די קאַריערעס אָפּן פאַר די טאַלאַנטן, נאָר זיי זענען אַבסאָלוט געשלאָסן פאַר די שלימזלען, זענען די פירער א סך פעסטערע כאַראַקטערן, ווי זיי וואָלטן געווען אינם הויז אויף לאָרדס, וווּ די לאָרדן זענען יורשים און קאָנען דעריבער גאַנץ מעגלעך האָבן דורכשניטלעכע אָדער נאָך ווייניקער ווי דורכשניטלעכע פעיִקייטן. אפילו דער נידריקסטער טרייד־יוניאָן־סעקרעטאַר מוז האָבן אויסערגעוויינטלעכע געשעפטס־פעיִקייטן און זיין מסוגל צו פירן און דורכצוקומען מיט מענטשן; און אויב עמיצער ווער עס זאָל נישט זיין א חוץ א סעקרעטאַר ווערט א דעלעגאַט אויף א קאָנגרעס, מוז ער ווייניקסטנס האָבן טאַלענט זיך אַליין צו פאַרטיידיקן, פאַר אַלע אַנדערע פאָלקס־צוועקן קאָן ער זיין אַן אידיאָט; אָבער ער מוז זיין אַ פלוידערנדיקער, א

רווישיקער אידיאָט און האָבן א שיינעם אויסזען, א הדרת־פנים ווי מ'זאָגט, אויב נישט וואָלט ער נישט געקאָנט באַוועגן אַ גרויסע קערפּערשאַפט מענטשן פון זיינסגלייכן, זיי זאָלן אים אויסוויילן פאַר א דעלעגאַט.

איצט, אַזוי ווי די אָליגאַרכיע, אָדער ביוראָקראַטן און דע־מאַגאָגן זענען דער פועל־יוצא פון אַן אייפּערזיכטיקער דעמאָקראַטיע, זענען די אָליגאַרכן פון אַרבעט אַנטשלאָסן אויפצוהאַלטן דעם סיסטעם, וואָס האָט זיי געבראַכט צו זייער מאַכט. איר האָט אפשר באַמערקט, אַז די חוצפּהדיקסטע עקשנותדיקסטע פּרויען האָבן פיינט אַז מען זאָל זיי אפילו איין רגע איבערשפּאַרן, טי־ראַניזירנדיק זייערע מענער, טעכטער און דינסטן, אַזוי־לאַנג, ביז זיי קאָנען נישט אָנרופן זייער נשמה זייער אייגנטום, זענען זיי פונדעסטוועגן די שטאַרקסטע קעגנערס פון פרויען־רעכט. די סיבה איז דאָס, וואָס זיי ווייסן, אַז אַזוי לאַנג ווי די מענער הערשן, קאָנען זיי הערשן איבער די מענער. פונקט אַזוי זענען א סך פון די פעיקסטע און שטאַרקסטע פירער. אַנטשלאָסענע דעמאָקראַטן בנוגע לייבאָר־פּאָליטיק, מחמת זיי ווייסן גאַנץ גוט, אַז אַזוי לאַנג ווי די אַרבעטער האָבן א שטים, קאָנען זיי זיי באַאיינפלוסן צו שטימען ווי זיי געפעלט. זיי זענען דעמאָקראַטן, נישט מחמת זיי גלייבן אין דער פעיקייט אָפּצושאַצן די באַוווסטזיניקייט און איניציאַטיוו פון די מאַסן, נאָר מחמת זייער דערפאַרונג פון דער איגנאָראַנץ, ערלעכקייט און שעפּסענעם שכל פון די מאַסן. נאָר די אידעאַליסטן פון דעם פאַרמעגלעכן קולטורירטן מיטל־קלאַס, גלויבן, אַז די שטים פון פאָלק איז די שטים פון גאָט: דער טיפּישער פּראָלעטאַרישער פירער איז א ציניקער אויף דעם גע־ביט, בסוד־סודות האַלט ער אז דאָס פאָלק וועט דאַרפן נאָכאַמאָל געבוירן ווערן און געבוירן ווערן אַנדערש, איידער מען וועט זיך קאָנען פילן זיכער און דערלויבן זיי צו האַנדלען לויט זיי־ער אייגענעם נאַרישן פאַרשטאַנד בנוגע פאָלקס־אינטערעסן: פאַק־טיש זענען די פירער נאָר סאָציאַליסטן, כדי צו דערמעגלעכן אַזא ווידערגעבורט. זיי זענען אָפט געווען אַנטי־סאָציאַליסטן. דאָס איז די סיבה פאַרוואָס סיי די ציניקער סיי די אידעאַליסטן זענען

צוליב דעם שטאַרק־איבערגעגעבענע און פלייסיקע פאַרטיידיקער פונם דעמאָקראַטיזם און באַטראַכטן די רייע פרייהייט־קאַמפן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן מיטן קאָנסערוואַטיוון אַקט אין פּאַרלאַמענט פון 1867 און איז דערגאַנגען ביז שטימרעכט פאַר פרויען — פאַר א הערלעך בלעטל אין דער געשיכטע פון מענטשלעכער עמאַנציפּאַציע—פון טיראַניי און אונטערדריקונגען, אנשטאָט דעם אַבסורדן באַגריף, אַז געבן שקלאַפן שטימען מיט וואָס צו פאַר־טיידיקן זייערע רעכטן און צוריקוואַרפן די אומרעכטן, וואָס ווערן לגבי זיי באַגאַנגען, איז א סך בעסער ווי געבן קליינע קינדער ראַזיר־מעסערס אין די הענט אַריין.

דער נאַקעטער אמת איז, אַז דעמאָקראַטיע, אָדער אַז דאָס פאָלק זאָל רעגירן מיט אַלגעמיינעם שטימרעכט, איז קיינמאָל נישט געווען קיין קאָמפּלעטע רעאַליטעט; און דאָרט ווו עס איז אין גע־וויסער מאָס יאָ געווען א באַגרענעצטע רעאַליטעט, איז עס נישט געווען קיין דערפאָלג. די איבערגעטריבענע האָפענונגען, וואָס מען האָט געלייגט אויף יעדער סימן פון אַן אויסברייטערונג האָבן זיך תמיד געענדיקט מיט אַן אַנטוישונג. מיט הונדערט יאָר צו־ריק האָט מען אונטערגעשטיצט דעם גרויסן ליבעראַלן פּראָיעקט בנוגע א רעפאָרם אַזוי, ווי מיט דערגרייכן אים וואָלט מען דער־גרייכט משיחס־צייטן. בלויז מיט א קורצער צייט צוריק האָט דאָס אַריינעמען פרויען אין די וואַלן, פאַרוואָס זיי האָבן געקעמפט און געשטאָרבן, גורם געווען, מען זאָל דערוואַרטן, אַז די פּאָ־ליטיק וועט אַריבער אויף אַן איידעלערן וועג און וועט פאַרשע־נערן אַביסל דאָס פאָלקס־לעבן. אָבער אויסגעלאָזט האָט זיך אַז די פרויען האָבן געשטימט פאַר אויפהענגען דעם קייזער און האָבן זיך היסטעריש א לאָז געטון אויסצוקלייבן די ערגסטע מע־נער־קאַנדידאַטן; זיי האָבן אַרויסגעשטופּט אַלע פרויען מיט אויס־געפּרווטע פעיקייטן, ריינקייט און ערלעכער איבערגעבנקייט, און האָבן אויסגעקליבן איין טיטולירטע ליידי, וואָס איז געווען זיי־ער רייך און האָט אַן אָריגינעלע דעמאַגאָגישע צוציונגס־קראַפט, וועלכע — הגם דאָס האָט באַרעכטיקט זייער וואַל — איז זי אָבער סוף־כל־סוף פאָרט געווען דעמאָלט אַן אָנפאַנגערין. בקצור, דער

געדאַנק, אַז די פּרויצן־ווײַלעריגס זענען פּאָליטיש אינטעליגענטער פֿון מענער־ווײַלער — האָט זיך אַרויסגעוויזן פּונקט אַזוי אָפּנאַרעריש, ווי דער געדאַנק, אַז אַ סוחר איז פּאָליטיש אינטעליגענטער פֿון אַ דאָרפֿס־פּריץ, אָדער דער פֿיזישער אַרבעטער, ווי דער מאַן פֿונעם מיטל־קלאַס. אויב עס וואָלט געווען אַ נאָך נישט באַפֿרײַטער קלאַס, צו וועמען אונדזערע דעמאָקראַטן זאָלן קאָנען צוטשעפּן זייערע אַנטוישטע האָפֿענונגען, וואָס האָבן זיך כּסדר איבערגעחזרט, וואָלטן זיי אָן שום ספֿק געשריגן, אַז זיי דאַרפֿן האָבן אַ פֿרישע רייע שטימען, כּדי אָריבערצושפּרינגען דעם לעצטן גראָבן צו זייער אוטאָפּיע; און די מאָדע פֿון דעמאָקראַטיע וועט נאָך אפֿשר אָנהאַלטן אַ שיין ביסל. מעגלעך עס זענען נאָך פֿאַראַן משוגעים דאָ און דאָרט, וואָס האָפֿן נאָך אויף שטימען פֿון קינדער און חיות וועלכע זאָלן אויספּאַרטיקן, דערגענצן די דעמאָקראַטישע געבײַדע. אָבער די מאַיאָריטעט ווײַזן אַרויס סמנים, אַז עס האָט זיך זיי שוין אײַנגעגעסן אין די בײַנער. דיסציפּלין פֿאַר אַלע און שטימרעכט פֿאַר קיינעם נישט איז איצט די מאָדע אין שפּאַניען און אין איטאַליען און מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט אין רוסלאַנד די פּראָלעטאַרישע רעגירונג זיך פּונקט אַזוי גערעכנט מיט אַ קעגנערישע שטים ווי דער בריטישער ראַדזשאַ מיט אַן אינדישן זשוריס פּסק־דין, אַ חוץ דאַן ווען זיי זענען גורם, אַז די מאַיאָריטעט זאָל זיך געבן אַ לאָז אַרויס אויף ביסמאַרקס אָדער קראָמוועלס אופֿן.

דידאָזיקע רעאַקציעס פֿון עקל לגבי דעמאָקראַטיע זענען גאַנץ נאַטירלעך, ווי דער קאַפּיטאַליזם וואָס האָט פֿריער געשאַפֿן אַ ריזיקע מאַיאָריטעט פּראָלעטאַריער אָן שום דערציונג און בילדונג, וויאַזוי צו פֿילן, וואָס הייסט פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, וויאַזוי מען דאַרף זיך באַגיין מיט גרויסע סומען געלט, אַ ריזיקע מאַסע אָן דעם מינדסטן חשד, אַז עס איז פֿאַראַן אַזאַ זאַך, ווי פּאָליטישע וויסנשאַפֿט אויף דער וועלט — גיט דערדאָזיקער מאַיאָריטעט שטימרעכט, כּדי צו באַקומען פּאַרטייאישע געווינסן דורך אַ פּאָפּולערער אונטערשטיצונג. אפֿילו אינם אַלטן גריכנלאַנד, וווּ אונדזערע פּראָלעטאַריער זענען געווען פּאַרטרעטן פֿון שקלאַפֿן,

און נור די וואָס מיר רופן די מיטעלע און די הויכע קלאַסן, האָבן געהאַט שטימרעכט, איז אויך פאָרגעקומען די אייגענע רעאַקציע און דאָס איז כמעט קיין שום וואונדער נישט, אויב מיר געדענקען דעם פאַקט, אַז איינער פון די בארימטסטע מעשים פון דער אַטענער דעמאָקראַטיע איז געווען צו הרגענען סאָקראַטעסן, דערפאַר וואָס ער האָט זיך באַנוצט מיטן מאַרך אויפצוקלערן זיי, אַז זיי זאָלן אַוועקוואַרפן זייערע שטותים.

פונדעסטוועגן ראָט איך אייך זיך פעסט צו האלטן ביי אייער שטים ווי ווייט ס׳איז נאָר מעגלעך, הגם די פּאָזיטיווע ווירקונג אירע קאָן אייך אפשר גורם זיין מער שלעכטס ווי גוטס, וועט אָבער איר נעגאַטיווע ווירקונג האָבן פאַר אייך אַ געוואַלטיקן ווערט. אויב איין קאַנדידאַט איז אַ מין סאָקראַטעס און דער אַנדערער איז אַ נאַר, וואָס מאַכט אויף אייך אַ ווירקונג צוליב דעם, וואָס ער הילכט אָפּ אייערע אייגענע שטותים, וועלכע גיבן אים אפשר אַ פּאַטריאָטישן און אַ חשובן אָנזען, און צוליב דעם אַלעמען שטימט איר פארן נאַר, אַ זאַך וואָס איז כמעט אַזוי גוט ווי הרגענען סאָקראַטעסן, דאַן איז פארשטייט זיך אייער שטים אינגאַנצן לרעה. אָבער דער פאַקט, אַז אייער שטים, נישט געקוקט וואָס זי איז, איינע צווישן טויזנטער — קאָן זי אפשר אַ צי טון די וואָגשאָל בעת די וואַלן און אייך פארזיכערן, מען זאָל זיך רעכענען מיט אייך אין פּאַרלאַמענט און דאַן וואָלט עס געווען משוגע פון אייער זייט און מעשה־פּחדן זיך אָפּצוזאָגן פון אָט דער שטים, אַזוי לאַנג, ווי די אומגלייכהייט אין הכנסות שטערט אייך, אויף אַן אמת צו זיין רעפּרעזענטירט צווישן די מיטגלידער אין דער רעגירונג. דעריבער האַלט זיך אָן איר מיט די ציין און נעגל; הגם די אומגלייכהייט לאָזט אייך נישט, אַז איר זאָלט זי שכלדיק אויסנוצן, אָט די שטים אייערע.

די לייבאָר־פּאַרטיי געפינט זיך אין כסדרדיקע שוועריקייטן אויף דעם געביט. ביי די וואַלן אין 1918 האָט דער פירער פון דער לייבאָר־פּאַרטיי — אַ שטענדיקער אונטערשטיצער פון שטימרעכט פאַר פרויען — גאַנץ גוט געוווּסט, אַז ער וועט דאָסמאָל דורכפאַלן צוליב די שטימען פון די לײדיס און ער איז טאַקע

דורכגעפאַלן. די לייבאָר־פּאַרטיי געפינענדיק זיך פּנים־אל־פּנים מיט א פּלאַן צו זען אז דער פּאַרלאַמענט זאָל זיין מער רעפּרע־זענטירט פון דער פאָלקס־מיינונג, דורך דער פאַרזיכערונג פון א געהעריקער רעפּרעזענטאַנץ פון די מינאָריטעטן (וואָס מ׳רופט פּראָפּאָרציאָנעלע רעפּרעזענטאַנץ) איז געצוווּנגען צו זיין אין דער אָפּאָזיציע, כדי עס זאָל נישט צעברעקלען דעם פּאַרלאַמענט אויף קיין אָפּטע שטרייקנדיקע גרופּן און גורם זיין, אז א פּאַרלאַמענ־טאַרישע מלוכה זאָל ווערן אַן אוממעגלעכקייט. אלע רעפאָרמאַטאָרן, וואָס באַנוצן זיך מיט דער דעמאָקראַטיע אלס א טרעפּל פון דער מאַכט געפינען איין, אז זי איז אַן אוממגליק, ווען זיי קומען דערצו. וואָס מער מען מאַכט גוט דעם פאָלק, אַלץ מער ווייזט זיך אַרויס די נייטיקייט פאַר א פאַרנונפטיקער גוט־אינפאָרמיטער איבערמאַכט, וואָס זאָל הערשן איבער אים און אומפעיִק מאַכן אים אין זיין איינגעוואָרצלטער באַוווּנדערונג פון אונטערנאַציאָנאַלן מאָרד און נאַציאָנאַלן זעלבסטמאָרד. וואָלטער זאָגט, אז עס איז פאַראַן נאר איין פערזאָן, וואָס איז קלוגער פון דער מאַדאַם „ווער זי זאָל נישט זיין״, און דאָס איז מיסעס „יעדע איינע״; אָבער וואָלטער האָט נישט געזען די מאָדערנע דעמאָקראַטיע ביי דער אַרבעט די דעמאָקראַטיע, וואָס ער האָט באַוווּנדערט אין ענגלאַנד, איז געווען זייער אַן אָריגינעלע אָליגאַרכיע; און דער מיש־מאַש פון טעאָקראַטיע מיט א געירשנטע אויטאָקראַטיע, וואָס האָט אים אַזוי געעקלט אין פראַנקרייך, איז נישט געווען קיין גערעכטער פּרווו פון אַריסטאָקראַטיע, אָדער רעגירונג פון די בעסטע קוואַליפיצירונג. מיר ווייסן איצט, אז מאַדאַם „יעדע איינע״ ווייסט טאַקע, ווו דער שוך קוועטשט און מוז צוליב דעם האָבן א דעה אין דער זאַך, אָבער זי קאָן נישט מאכן דעם שוך און ווייסט נישט דעם חילוק פון קיין גוטן שוסטער ביז א שלעכטן, בעת זי הערט זיי האלטן פייערדיקע רעדעס אויף דער קאַטעדרע וועגן שוסטעריי. א רעגירונג פאָדערט פעיִקייטן צו רעגירן: דאָס איז נישט קיין געשעפט פאַר קיין מאַדאַם „ווער עס זאָל נישט זיין״ און נישט פאַר קיין מאדאם „יעדע איינע״ נאָר מאַדאַם „עמיץ״. מאַדאַם „עמיץ״ וועט קיינמאָל נישט אויסגעוויילט ווערן, סיידן זי זאָל

געשוצט ווערן פון דער קעגנערשאַפט פון מאַדאַם „שוטה" מאַדאַם „אויסוווּרף", מאַדאַם „קעניג און פאָטערלאַנד", מאַדאַם „קלאַסן־קאַמף", מאַדאַם „אונטערלעקערס", „מיכעס „קירך־פאַרטיידיקער" און „ביטע—איך—וויל—אַז—יעדער—איינער—זאָל—מיך—ליב—האָבן". אויב מיר ווילן אַז דעמאָקראַטיע זאָל אונדז נישט רויִנירן, מוזן מיר ביי אַלע באַדינגונגען געפונען עפּעס אַ פאַרטרויונגס ווערטע מעטאָדע אויף אויסצופּרוּוון די קוואַליפיקאַציעס פון די קאַנדי־דאַטן, איידער מיר דערלויבן זיי אַרויסצושטעלן זייער קאַנדידאַ־טור. נאָכדעם ווי מיר וועלן דאָס האָבן געטון וועלן מיר אפשר האָבן גרויסע שוועריקייטן, צו באַוועגן די ריכטיקע מענטשן, זיי זאָלן זיך באַווייזן אין פאָדערגרונט. מיר וועלן אפשר געטריבן ווערן זיי צו צווינגען; מחמת די וואָס פאַרשטייען דורכויס, ווי שווער עס זענען די פאַראַנטוואָרטלעכקייטן פון אַ רעגירונג, און ווי שווער עס איז די אַרבעט, וועלן צומווייניקסטן חשק האָבן צו נעמען אויף זיך דידאָזיקע משא. אַזויווי פּלאַטאָ האָט געזאָגט: „דער בעסטער קאַנדידאַט איז דער, וואָס וויל נישט זיין קיין קאַנדידאַט". ווען מיר וועלן אַנטדעקן אַזאַ מעטאָדע, וועט איר נאָך אַלץ האָבן צו קלייבן, צווישן מאַדאַם עמיץ און דאָס וועט אייך גורם זיין, זיי זאָלן אייך אַלע רעספּעקטירן, אָבער איר וועט נישט אַריינגעצויגן ווערן דורך מיסעס שוטה און קאָמפּאַניע, מחמת זיי וועלן נישט האָבן קיין קאַנדידאַטור ביי די וואַלן. דערווייל זאָל אונדז גאָט העלפן! נור מיר מוזן זען טון אַלץ וואָס מיר קאָנען.

# LXXXIV

## שלוס

און איצט אַ לעצט וואָרט וועגן אייער אייגענעם גייסטיקן צענטער. אין דעם גאַנצן בוך האָבן מיר נור געטראַכט מכּוח דעם פאָלק און מכּוח אונדז ביידן אַלס מיטגלידער פונם פאָלק. דאָס איז אונדזער חוב אַלס בירגער; אָבער עס קאָן אונדז טרייבן צו משוגעת ווען מיר זאָלן אָנהייבן טראַכטן מכּוח מענטשלעכע יסורים ווי מיליאָנען פּאַכיקע יסורים. עס הייבט זיך גאָרנישט אָן. דאָס וואָס איר אַליין קאָנט ליידן, איז דאָס ערגסטע וואָס מען קאָן בכלל ליידן אויף דער וועלט. אויב איר גייט אויס פאַר הונגער, מאכט איר דורך יעדן הונגער, וואָס איז נור אַמאָל געווען אָדער וואָס קאָן אַמאָל זיין. אויב צען טויזנט אַנדערע פרויען הונגערן צוזאַמען מיט אייך, זענען זייערע יסורים נישט פאַרגרעסערט צוליב דעם אויף קיין האָר; זייער טייל אין אייער גורל מאַכט אייך נישט צען טויזנט מאָל הונגעריקער, אויך פארלענגערט עס נישט אויף צען טויזנט מאָל אייערע ליידן. דאַריבער זייט נישט נידערגעשלאָגן פון דער „שרעקלעכער מאָס פון מענטשלעכן ליידן": עס קיז נישטאָ קיין מאָס: צוויי דאַרע פרויען זעבען נישט צוויי מאָל אַזוי דאַר ווי איינע. אויך זענען צוויי פעטע נישט צוויי מאָל אַזוי פעט, ווי איינע. אָרעמקייט און יסורים ווערן נישט קיין הויפן; זיי זאַמלען זיך נישט איינאיינעם: איר טאָרט נישט דערלאָזן, אַז אייער גייסט זאָל געבראָכן ווערן פון

אַזאַ מין פאַרשטעלונג. אויב איר קאָנט פאַרטראָגן דאָס ליידן פון איין מענטשן, מוזט איר זיך אויך שטאַרקן מיט דעם געדאַנק, אַז דאָס ליידן פון אַ מיליאָן איז לחלוטין נישט ערגער: קיינער האָט נישט מער, ווי איין מאָגן אָנצופילן און נישט מער ווי איין קערפער אויסצוציען אויפן סדום־בעטל. דערלאָזט נישט, אַז אייער געדאַנק זאָל אָפגעשוואַכט ווערן צוליב איבערגעטריבענעם מיטגעפיל. דער אמתער סאָציאַליזם רעוואָלטירט נישט קעגן די ליידן, וואָס נעמען זיך נישט צונויף, נור קעגן דער וויסטקייט וואָס שאַפט זיך אַרום. טויזנט געזונטע גליקלעכע ערנהאַפטע פרויען זענען נישט יעדע פון זיי טויזנט מאָל געזונטער גליקלעכער אָדער ערנהאַפטער ווי איינע פון זיי: אָבער זיי קאָנען קאָאָפערירן צו פאַרגרעסערן דאָס גליק, געזונט און ערנהאַפטיקייט, וואָס איז נור מעגלעך צו דערגרייכן פאַר יעדער פון זיי. היינט צו טאָג קאָן קיינער נישט זיין געזונט גליקלעך אָדער ערנהאַפטיק: אויב מיר רופן זיך ערנהאַפט א. א. וו. מיינען מיר נור, אַז מיר זענען נישט קראַנק, מיר ווייגען נישט, מיך זאָגן נישט קיין ליגנט, מיר גנבענען נישט (לעגאַל אָדער אומלעגאַל) א פ ט ע ר ו ו י מ י ר מ ו ז ן אונטער אונזער קאַפיטאַליסטישער קאָנסטיטוציע.

מיר מוזן עס מודה זיין: די קאַפיטאַליסטישע מענטשהייט אין אַלגעמיין גענומען, איז עקלהאַפט. קלאַסן־שנאה איז נישט סתם קיין ענין פון פשוטר קנאה מצד די אָרעמע און פאַראַכטונג און מורא מצד די רייכע. סיי די אָרעמע, סיי די רייכע זענען במילא פאַרהאַסטע ברואים. איך אַליין האָב פיינט די אָרעמע און איך וואָלט גערן געוואָלט, אַז מען זאָל זיי אויסראָטן. איך האָב אַביסל רחמנות אויף די רייכע אָבער איך קוק אויס זייער אויסראָטונג מיט דער אייגענער אומגעדולדיקייט. די אַרבעטער־קלאַסן, די האַנדלס־קלאַסן, די פראָפעסיאָנעלע קלאַסן, די רייכע קלאַסן, די הערשנדיקע קלאַסן, זיי זענען אַלע עקלהאַפטער איינער פונם אַנדערן: זיי האָבן נישט קיין רעכט צו לעבן איך וואָלט פשוט אַריינגעפאַלן אין פאַרצווייפלונג, ווען איך וואָלט נישט געוווסט אַז זיי וועלן באַלד אָפשטאַרבן, און אַז עס איז

נישטאָ קיין שום סיבה, קיין שום נויטווענדיקייט אויף דער ערד פאַרוואָס אויף זייער אָרט זאָלן געבוירן ווערן אַזעלכע מענטשן ווי זיי זענען. איך וויל נישט קיין שום מענטשלעך קינד זאָל אַזוי דערצויגן ווערן, ווי איך בין דערצויגן געוואָרן אויך נישט קיין שום קינד וואָס איך האָב געקענט אָדער קען זאָל אַזוי דערצויגן ווערן. און איר?

און גלייבט מיר, אַז איך בין אַבסאָלוט נישט קיין מיזאַנטראָפּ. איך בין אַ מענטש מיט נאָרמאַלע צערטלעכקייטן און בייגונגען אַזוי גוט ווי איר זענט מסתמא; אָבער טאַקע צוליב אָט דער סיבה, האָב איך פיינט צו זיין אַרומגערינגלט נישט מיט מענטשן, וואָס זייערע אינטערעסן זענען די אייגענע וואָס מיינע, וועמען איך קאָן נישט ווי טון, סיידן איך זאָל גלייכצייטיק מוזן מיר אַליין ווי טון, און זיי קאָנען מיר נישט ווי טון, סיידן זיי זאָלן זיך אַליין ווי טון — נור מיט מענטשן וואָס זוכן נור אַרויסצובאַקומען פון מיר וואָס מער, וויפיל זיי קאָנען נור, און מיר צוריקגעבן דערפאַר אַזוי ווייניק, ווי נור מעגלעך (אויב בכלל עפּעס). ווען איך וואָלט געוועזן אָרעם וואָלט מיך מיין משפּחה איצט, ווען איך בין אַלט, געמוזט שטיצן, כּדי איך זאָל נישט מוזן זיין אינם מושב-זקנים, און דאָס באַדייט, אַז זיי וואָלטן געוועזן שטאַרק פאַראינטערעסירט, אַז איך זאָל שטאַרבן. נור אַזוי ווי איך בין רייך גענוג איבערצולאָזן אַ שטיקל פאַרמעגן, וואָלטן מיינע קינדער, ווען איך וואָלט געהאַט קינדער, שוין אויסגעקוקט אויף מיין לויה, און אַז מען זאָל שוין לייענען די צוואה. דער גאַנצער פאַרמעגלעכער קלאַס וואַרט כסדר אויף אַ טויטן מאַנס שיך. ווען איך זאָל קראַנק ווערן און שיקן נאָך אַ דאָקטאָר, ווייס איך, אַז אויב ער זעט נישט צו פאַרלענגערן מיין קראַנקהייט אויף אַזוי לאַנג, ווי עס לאָזט זיך נור, און שיקט מיך נישט אין קיין רייכן פּענסיאָנאַט אַריין, כּדי צו דאַרפן דערנאָך אַן אָפּעראַציע וואָס קאָסט נאָך טייערער פונם פּענסיאָנאַט — נעמט ער אַוועק דאָס שטיקל ברויט פון זיינע קינדערס מויל אַפּער. מיין אַדוואָקאַט איז געצוווּנגען נישט קוקנדיק אויף זיין גאַנצער איבערגעגעבנקייט צו מיר, מיך צוצורעדן צו פירן

פראָצעסן און זען זיי זאָלן זיך ציען; און קאָסטן זאָלן זיי וואָס
טייערער, וואָס מער. אפילו מיין גלח, וואָס איז טיילווייז באַ-
צאָלט פונם שטאַט דערוועגט זיך נישט, אויב איך געהער צו דער ענג-
לישער קירך מיך אויסצומוסרן פאַר אונטערדריקן די אָרעמע, פונקט
ווי ער דערוועגט זיך מיך נישט אַרויסצופאָדערן אויב איך בין אָרעם,
איך זאָל אונטערדריקן די רייכע. די לערערקע אין דער שול,
וווּ די מאָראַל פון מיין שכנס קינדער ווערט געפאָרעמט, וואָלט
געלעגן ביין איילן אין ערד, ווען זי וואָלט געלערנט אַ קינד, אַז
צו לעבן דערפון, וואָס מען רופט אָן „אומאָפּהענגיקע הכנסה“
און נישט אַרבעטן, הייסט לעבן דאָס לעבן פון אַ גנב, נור אָן
דער ריזיקע און די אונטערנעמערישקייט זיינע, וואָס מאַכט, אַז
אַ רויבער און אַ גנב זאָל אין די אויגן פון יונגלעך אויסזען
ווי אַ העלד. מיין קרעמערס-אויפגאַבע, איז איבערצורעכ-
נען מיר אויף יעדער אַרטיקל אַזוי פיל וויפיל עס לאָזט זיך נור
און זען נישט גיין צו וויט, כדי ער זאָל מיך דערביי נישט
פאַרלירן פאַר אַ קונה, ווייל אַ קאָנקורענט קאָן נאָך אונטערקומען
און פאַרקויפן ביליקער. מיין הויזווירטס-אינטערעס איז אַרויסצו-
קוועטשן פון מיר דעם לעצטן פון מיינע שווער-פאַרדינטע פאַר-
דינגס, פאַר דערלויבן מיר צו פאַרנעמען אַן אָרט אויף דער
ערד. וואָלט איך נישט געווען פאַרהייראַט, וואָלט איך פאַר-
פאָלגט געוואָרן פון גאַנצע מחנות ווייבער, וואָס נייטיקן זיך
אַזוי שטאַרק אין מאַנס-הכנסה און נאָמען, און זייערע שטאַרק-
סטע אָנשטרענגונגען מיך צובאַקומען פאַר אַ מאַן, וואָלט נישט
געווען קיין ברעקל סימן פון עפעס אַ פערזענלעכער נייגונג
צו מיר. איך קאָן מיר נישט פאַרגינען צו האָבן צווישן מיינע
פריינט מענטשן, וואָס זענען אַ סך רייכער ווי איך בין אַליין;
און די וואָס זענען אַ סך אָרעמער קאָנען זיך נישט פאַרגינען
צו האָבן מיך פאַר אַ פריינט. צווישן די מענטשן, וואָס טוען
פאַר מיר די טעגלעכע אַרבעט און זענען צוליב דעם נויטווענ-
דיקע שותפים אין מיין אַרבעט, און צווישן מיר איז פאַראַן אַן
אָפּגרונט פון קלאַסן, וואָס איז באמת נישט מער ווי אַן אָפּ-
גרונט פון אומגלייכער הכנסה-צעטיילונג. מיין לעבן איז אַוועק-

געשטעלט אַזוי, אַז איך זאָל זיך פילן איינזאַם און שווער; און דעריבער זענען פאַראַן ווייניק מענטשן וואָס זענען קלוג, און טאַקטיש, און פאַרשטענדיק, וואָס קאָנען זיך אַליין קאָנטראָלירן געבוג, צו קאָנען דורכגיין זייער וועג אין לעבן נישט באַליידיקנדיק קיינעם און נישט אַליין באַליידיקט צו ווערן; מחמת די ערשטע קוואַליטעט פון דער קאַפּיטאַליסטישער מענטשהייט איז צו זיין אַ בעל־מחלוקת. אונזערע גאַסן זענען פול מיט קריגערייען נאָך מער ווי די היילענדס (בערג־איינוווינער) אָדער אַראַבישע מדבריות. די סאָציאַלע רייסערייען, וואָס די אומגלייכהייט פון הכנסות איז גורם זענען אָן אַ שיעור. די געזעלשאַפט איז ווי אַ מאַשין, געמאַכט צו אַרבעטן גלאַטיק מיטן אייל פון גלייכהייט, און עפּעס אַ ביזוויליקער דעמאָן האַלט אין איין אַריינטראָפן אנשטאָט דעם אייל — זאַמד פון אומגלייכהייט. ווען נישט די גרויסע גלייכהייט־ווינקל־לעכער, וואָס עקזיסטירן דאָ און דאָרט, וואָלט די מאַשין אינגאַנצן אויפגעהערט צו אַרבעטן. ווי עס איז, הערן קיינמאָל נישט אויף די אויפשטאַנדן, דאָס צעבראָכן ווערן, די אָפּשטעלונגען, די אויפרייסן. זיי אונטערשיידן זיך נור אין דער מאָס, פון אַ באַן־באַאַמטן, וואָס ווערט געהרגעט ביי דער אַרבעט, ביז אַ וועלט־מלחמה, ווו מיליאָנען מענער, מיט די שטאַרקסטע נאַטירלעכע מאָטיווען צו פאַרשוינען איינער דעם אַנדערנס לעבן, הרגענען זיך אויס אויף אַן אַכזריותדיקן אופן, און פון אַ מחלוקת איבער אַ פּענע אין אַן איינטענעמענט־שטובל ביז אַ פּראָצעס וואָס ציט זיך צוואָנציק יאָר און פאַראָרעמט אַלע אָנטייל־נעמער אין אים. און כּדי אַרויסצווייזן חוצפה קוואַקען מיר נאָך אַלס צולאָג צו דעמדאָזיקן מצב יעדעס יאָר מכּוח שלום אויף דער וועלט און ליבע צו מענטשן: דאָס קוואַקעט מען צווישן די מענטשן וועמען מיר האָבן איינגעטיילט, פון אַ קלאָגעדיקער חכנסה קוים צו דערהאַלטן דאָס לעבן, ביז עטלעכע טויזנט פונט אַ טאָג, דערביי דערמאָנט מען פרום, אַז די דערהאַלטער פון אָט די הכנסות זאָלן זיך קעגנזייטיק ליב האָבן. האָט איר עפּעס געדולד צו דעם אַלעם? איך נישט.

איצט, אויף וויפיל איך קען אייך נישט, קאָנט איר אפשר זיין אַ שאַרפער אַ ציניִשער מענטש; אָדער איר קאָנט זיין אַ פיינער אַ צוגעלאָזענער אַ ליבנסווערטיקער, ווייכהאַרציקער סאָרט מענטש. אויב איר זענט ווי די לעצטע, וועט איר מיר זאָגן, אַז מענטשן זענען נישט אַזוי באַהערשט פון קיין געלט-חשבונות ווי איך שטעל עס פאָר: אַז אייער דאָקטאָר וואָלט אייך נישט געוואָלט זען קראַנק און ער טוט אַלצדינג וואָס ער קאָן אייך צו היילן; אַז אייער אַדוואָקאַט רעדט אייך זייער אָפט אָפּ פון פאַרפירן פּראָצעסן, ווען איר ווערט אויפגערעגט און איר ווילט לויפן איינקלאָגן; אַז אייער גלח רופט זיך אַ קריסטלעכער-סאָציאַליסט און, אַז אַלע פּאָפּולערע אַגיטאַציעס פירט ער קעגן דער אונטערדריקונג מצד די רייכע לגבי די אָרעמע; אַז ווען אייער מאַן איז געשטאָרבן האָט זיין טויט צעבראָכן די קינדערס האַרץ און, אַז איר אַליין האָט קיינמאָל נישט געלאָזט פאַלן חלילה קיין בייז וואָרט, מכח זיין פאַרמעגן אָדער אייערס; אַז אייערע דינסטן זענען שוין ביי אייך פערציק יאָר, זיי האָבן אייך דערצויגן נאָך מיט מער ליבשאַפט, ווי אייערע עלטערן און זיי זענען געבליבן אַ טייל פון דער פאַמיליע, ווען אייערע קינדער זענען זיך צעפלויגן פון דער נעסט אין זייערע אייגענע נעסטן אריין; אַז אייערע קרעמערס האָבן אייך קיינמאָל נישט אָפּגענאַרט, און טיילמאָל האָבן זיי אייך נאָך אַרויסגעהאָלפן און אייך געגעבן אין שווערע צייטן אַ לאַנגן קרעדיט און מיט אַ פיינעם געדולד; בקצור, פּונקט פאַרקערט ווי איך האָב פריער געזאָגט, איז דידאָזיקע קאַפּיטאַליסטישע וועלט פול מיט פריינטלעכקייט, ליבשאַפט, גוט-חברשאַפט און ערלעכע רעליגיע. דר. דזשאָנסאָן, וועלכער האָט באַשריבן זיין לעבן פאַר אַ יאָמערלעך לעבן: אַנאַטאָל פראַנס, וואָס האָט געזאָגט, אַז ער האָט קיינמאָל נישט געקענט קיין גליקלעכע מינוט; דזשין סוויפט, וואָס האָט געזען אין זיך און אין זיינע מיט-מענטשן „יאַהוזן" אַ סך נידריקער פון פערד; און שעקספיר, וואָס האָט געקוקט אויף אַ מאַן פון אויטאָריטעט, ווי אויף אַ בייזער מאַלפּע און דאָך זענען זיי באַוואונדערט, געליבט, געפּיעשטשעט, אונטערהאַלטן, און

אפילו אידעאליזירט געווארן. דורך לעבנס פון ערנהאפטיק פיי־
נער אקטיוויטעט, אזוי, אז נור אויף איינעמס גורל פון ביליא־
נען פאלט אויס אזא מזל; דאך לעבט זיך דער שאטנדיקער
ביליאן נישט אומדערטרעגלעך אומצופרידן. וויליאם מאריס, וואס
זיין עקל און שנאה צום קאפיטאליזם איז געווען א סך טיפער,
ווי עס איז מעגלעך ביי מענטשן מיט געווינטלעכע גייסטיקע
פעיקייטן און סענטימענטן, האט געענטפערט, ווען מען האט אים
געזאגט, אז ער איז שטערבלעך קראנק „נו, איך האב מיך נישט
וואס צו באקלאגן איך האב געהאט א גוטע צייט."

צו דערדאזיקער גאנצער טרייסט, האב איך נור געקאנט
צוגעבן אין דעם בוך, אז קאפיטאליזם, הגם עס פארדינט אב־
סאלוט דאס ערגסטע, וואס קארל מארקס אדער אפילו דזשאן
ראסקין האט געזאגט וועגן אים און נאך א סך מער, איז ער
פונדעסטוועגן לכתחילה נישט געווען שלעכט געמיינט. עס איז
באמת געווען בעסער געמיינט, ווי דער אנהייב פונם קריסטנטום
וואס האט געשראקן די וועלט, אז זי איז אן ארט פון אפקומע־
ניש פאר אלערליי חטאים פון וועלכער צום גליק דער סוף איז
געווען ביי דער האנט. טורגאט און אדאם סמיט זענען געווען
אומפערגלייכלעך גרעסערע וועג-ווייזער פאר דער וועלטס ווילשטאנד
ווי דער הייליקער פאול. ווען זיי וואלטן געווען געקאנט פא־
רויסזען די געשיכטע פון דער פראקטישער אנווענדונג פון זיי־
ערע פרינציפן אינם ניינצנטן יאר-הונדערט אין ענגלאנד וואלטן
זיי אפגעשפרונגען מיט שרעק פונקט ווי קארל מארקס וואלט
געווען געטון ווען מען וואלט אים געוועזן פארויס געוויזן וואס
עס האט פאסירט אין רוסלאנד פון 1917 ביז 1921 דורך דער
האנדלונג פון פעיקע און געטרייע מענער, וואס האבן געמאכט
זיינע ביכער פאר א ביבל. גוטע מענטשן זענען טיילמאל ער־
גער ווי דער טייוול, מחמת ווען זייער גוטער ווילן שלאגט זיך
אן אויף א פאלשן וועג, גייען זיי א סך ווייטער און זענען
א סך אכזריותדיקער פון שלעכטע; אבער עס איז תמיד פאראן
האפנונג אין זייערע האנדלונגען. דערפאר, וואס זיי מיינען גוט
און דאס וואס זייערע שלעכטע מעשים זענען זייערע טעותים

אָבער נישט זייער נצחון; אין דער צייט, וואָס די שלעכטע מעשים פון שלעכטע מענטשן זענען נישט קיין טעותים נור טריומפן פון געמיינהייטן. און אַזוי ווי אַלע מאָראַלישע טריומפן, אַזוי גוט ווי מעכאַנישע טריומפן ווערן דערגרייכט דורך נסיונות און טעותים — קאָנען מיר אַריינפאַלן אין פאַרצווייפלונג סיי צוליב דעם דעמאָקראַטיזם און סיי צוליב דעם קאַפּיטאַליזם אָבער נישט צוליב דער מענטשלעכער נאַטור; באמת ווען מיר זאָלן נישט ווערן פאַרצווייפלט צוליב זיי, ווי מיר קאָנען זיי—וואָלטן מיר געווען אַזוי אומווערטיק, אַז עס וואָלט מער נישט איבערגעבליבן פאַר דער וועלט ווי צו וואַרטן אויף אַ באַשאַפונג פון אַ נייער ראַסע, וואָס זאָל פעיק זיין צו דערגרייכן אַ דערפאָלג דאָרטן ווו מיר האָבן אים נישט געקאָנט דערגרייכן.

נישט געקוקט דערויף, מוז איך וואָרנען מיינע גוטהאַרציקע אָפּטימיסטישע און האָניג-זיסע לעזער, אַז נישט אַלע מעלות, וואָס טרייסטן זיי, עקזיסטירן צו להכעיס דעם קאַפּיטאַליזם אָדער לטובת דעם קאַפּיטאַליזם; פאַרקערט, זיי זענען צוליב אים געשטערט אויף אַזעלכע אופנים, וואָס זענען באַהאַלטן פון די מענטשן, וואָס האָבן די סיטואַציע נישט באַטראַכט מיט קיין סך טעכניש וויסן און מבינות. נעמט למשל אייער ערלעכן און גוטהאַרציקן דאָקטאָר און אייער שוץ-מלאך, דעם אַדוואָקאַט; איך בין זיך מודה, אַז אַזעלכע זענען פאַראַן אַ סך. אַ דאָקטער, וואָס איז אַ געלט-גייציקער אויסוווּרף און אַן אַדוואָקאַט, וואָס איז אַ שווינדלערישער און האַרצלאָזער לומפּ איז אַן אויסנאַם אַזוי גוט, ווי יעדער קרימינאַל-פאַרברעכער: איך אַליין האָב נאָך קיינמאָל נישט געהאַט די געלעגנהייט צו באַגעגענען אַזעלכן און מסתמא איר אויך נישט. אָבער איך האָב באַגעגנט ערלעכע דאָקטוירים, וואָס זייער באַהאַנדלונג איז געווען פאַטאַל און ערלעכע אַדוואָקאַטן, וואָס האָבן אַריינגעשלעפּט זייערע קליענטן אין אַן אומגליק. איר האָט זיי מסתמא אויך באַגעגנט.

איר ווייסט מסתמא פון דעם זייער אמתן ווערטל, אַז ווו עס איז פאַראַן אַ ווילן, דאָרט איז פאַראַן אַ וועג. צום אומ-

גליק געפינט דער גוטער ווילן נישט דווקא דעם ריכטיקן וועג. עס זענען תמיד פאראן גאנצע טוצן וועגן, שלעכטע, גוטע און גלייכגילטיקע. איר קאנט מסתמא א טייל שלעכטע פרויען, וואס טוען גוטס צוליב שלעכטע מאטיוון; זייט ביי זייט מיט גוטע פרויען, וואס טוען שלעכטס צוליב די בעסטע מאטיוון אין דער וועלט. למשל, די צאל קינדער, דער עיקר די נארוואס געבוירענע, וואס ווערן אפגעהיט, געוויקלט און געהיילט און געדאקטערט צום טויט צוליב דער פחדנישקייט פון זייערע אומוויסנדיקע, איבערגעגעבענע מוטערס זענען גרעסער א סך פון דער צאל קינדער, וואס שטארבן אויס צוליב מוטערלעכער שנאה גלייכגילטיקייט און אפגעלאזנקייט. אויב נארישע מענטשן (צום באדויערן — א טייל פון זיי שרייבער) זאגן אייך, אז א גוט הארץ איז גענוג, טא זאגט זיי, אז נאראנים זענען געפערלעכער פון גנבים, און אז פרויען מיט גוטע הערצער זענען אפטמאל רחמנותדיקע נאראנים. אויסצוגעפונען דעם ריכטיקן וועג איז נישט קיין סענטימענטאלע ארבעט: עס איז א וויסנשאפטלעכע ארבעט, וואס פאדערט אבסערוואציע, שכל און אינטעלעקטועלע געוויסנהאפטיקייט. אט טאקע אויף דעם פונקט פון אינטעלעקטועלער געוויסנהאפטיקייט ווערן מיר אפטמאל געשטרויכלט דורך א מאטעריעלן רייץ. מיר קאנען זיך נישט העלפן. שולדיק אין דעם איז דאס וואס מיר זענען אזוי קאנסטיטוירט, אז מיר גלייבן סוף-כל-סוף תמיד אין דעם וואס ווילט זיך אונז גלייבן. אין דער רגע וואס עס ווילט זיך אונז גלייבן אין עפעס, דערזעען מיר פלוצלינג אלע ארגומענטן דערפאר און מיר ווערן בלינד פאר אלע קעגנ-ארגומענטן, און אזוי גיך ווי מיר ווילן אויפהערן צוגלייבן אין עפעס, וואס מיר האבן ביז איצט געגלייבט, אנטדעקן מיר, נישט נאר, אז עס זענען פאראן א גאנצע מאסע באווייזן קעגן אט דעם אין וועלכן מיר האבן ביז איצט געגלייבט, נאר, אז דידאזיקע באווייזן האבן זיך אונז טאקע די גאנצע צייט געווארפן אין די אויגן אריין. אויב איר לייענט אין מעשה-בראשית די וועלט-באשאפונג מיט א גלייביק אויג וועט איר נישט זען דארט קיין איין איינציקע סתירה. לייענט איר אבער מיט א פיינט-

לעך קריטיש וויסנשאַפטלעך אויג וועט איר געפינען, אַז עס באַשטייט פון צוויי אויסרעכנונגען, אַזוי פאַרשידען איינע פון דער אַנדערער, אַז זיי קאָנען בשום-אופן נישט ביידע זיין אמת. אין מאָדערנע ביכער וועט אייך אייער אייגענע נייגונג אויך פונקט אַזוי אָפּנאַרן. אויב איר האָט ליב חיות און איר האָט פיינט אומגערעכטיקייט און אַכזריות, וועט איר לייענען אין די ביכער מכּוח די וווּנדערלעכע אַנטדעקונגען און היילמיטלען פון דער זאָ-אָטאַמיע מיט עקל צוליב זייער האַרטער אכזריותדיקייט. און איר וועט זיך שטאַרק וווּנדערן וואָס עמעץ האָט זיך געקאָנט לאָזן אַרייננאַרן דורך אַזאַ שלעכטער לאָגיק און אַבסאָלוטן ליגנט, וואָס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן פאַר אַן אַבסורד און דאָס צוליב אַ פּאָר נישט אמתע פאַקטן, כּדי נאָך יעדע עטלעכע יאָר זאָל אויפן אָרט פון די ליגנס אַרויסוואַקסן אַ נייע פּרוכט מיט אַ פרישן אויסרייד צו הרגענען די אָרעמע חיות. אויב איר האָט אָבער אַ טבע זיך צו שרעקן פאַר קראַנקייטן פאַר זיך אָדער אייער פאַמיליע, וועט איר געפינען, אַז אין פאַרגלייך מיט דער טובה, וואָס עס קומט אַרויס דערפון, כּדי אייך צו באַפרייען פון דעם שרעק, איז דאָס ליידן פון אַ פּאָר הונט אָדער חזירים אפילו נישט ווערט, אַז מען זאָל אַ טראַכט טון וועגן דעם. איר וועט געפינען אינם אייגענעם בוך אַזעלכע ריכטיקע, אַזעלכע איבער צייגנדיקע וווּנדער, אַזעלכע וווּנדערלעכע רפואות, פאַר אַלערליי קראַנקייטן, אַזעלכע קערנער פון האָפנונג, מאָנומענטן פון געלערנטקייט און אַזעלכע אומפילבאַרע אַנטפּלעקונגען פון די טיפסטע אמתן פון דער וויסנשאַפט, אַז אייער צאָרן קעגן דעם שפּאָטישן סקעפּטיציזם פון די הומאַניטאַריער וועט זיך אפשר אַנטוויקלען אין אַ שנאה צו זיי וואָס קאָן זיך אפשר ענדיקן אין פאַרפאָלגונגען און מלחמות צוליב דער וויסנשאַפט. ווי די פאַרפאָלגונגען און מלחמות צוליב דער רעליגיע, וואָס זענען געקומען נאָך דער רעפאָרמאַציע און זיי זענען דעמאָלט שוין נישט געווען קיין נייעס.

אָבער איר וועט פרעגן, וואָס האָט סאָציאַליזם צו טון

דערמיט, וואָס גלויבנס זענען על־פּי־רוב פּאָראורטיילן? עס איז
גאַנץ פּשוט. אויב איר גיט ביי אַ סיסטעם פון אומגלייכהייט
אין הכנסות, אייערע דאָקטוירים, אייערע אַדוואָקאַטן, אייערע
גלחים, אייערע הערשער אַן איבערפליסיקן עקאָנאָמישן אינטע-
רעס אין וועלכן עס איז גלויבן אָדער פּראַקטיק, וועלן זיי
תיכּף אָנהייבן צו זען אין דעמדאָזיקן מין גלויבן אָדער פּראַק-
טיק אַלע גינסטיקסטע באַווייזן פאַר דעם און זיי וועלן בלינד
ווערן לגבי יעדן באַווייז קעגן דעם. יעדער לערע וואָס וועט
רייכער מאַכן דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, הויז־אייגנטימער, גלחים,
און הערשער וועט פון זיי אויפגענומען ווערן גערן און פול
מיט האָפנונג; און יעדער לערע וואָס וועט דראָען זיי צו
פאַראָרעמען וועט אומברחמנותדיק קריטיקירט און נישט אָנגע-
נומען ווערן. עס וועט אומבאַדינגט אַנטשטיין אַ קערפּערשאַפט
פון אַ פּאָראורטיילנדיקער לערע און פּראַקטיק אין דער מעדע-
צין, געזעצגעבונג, רעליגיע און רעגירונג, וואָס וועט עטאַבלירט
ווערן און אַוועקגעשטעלט ווערן פאַר מאַסגעבנדיקע פאַר אַלע
געביטן פון וויסנשאַפט, געזעץ, רעליגיע, קאָנסטיטוציע און מאָ-
ראַל געזונד א. א. וו. דאָס וועט מען לערנען אַלע יונגע
מענטשן, וואָס וועלן אַריינטרעטן אין אָט די פּראָפעסיעס. און
סטעמפּלען אַלע די וואָס זענען נישט איינשטימיק מיט דערדאָזי-
קער לערע אַלס אויסוורפן, שאַרלאַטאַנעס אָדער פאַלשע דאָק-
טוירעם, אַפּיקורסים, מורדים און פאַררעטער. אייער דאָקטאָר קאָן
זיך זיין דער ערלעכסטער פריינטלעכסטער דאָקטאָר אויף דער
וועלט; אייער אַדוואָקאַט קאָן זיין צו אייך ווי אַ פאָטער אָדער
אַ מוטער; אייער גלח קאָן זיך זיין אַ הייליקער; אייער מיטגליד
אין פאַרלאַמענט אַ צווייטער משה־רבינו און זיך ממש מוסר־נפש
זיין צוריקצוגעבן אייך אייער געזונד, אייער פאַרמעגן, אייער אויס-
לייזונג און אייך באַשיצן פון אומגערעכטיקייטן אַ סך פריער ווי
זייער אייגענער אינטערעס צו באַקומען פון אייך מער מיט עט-
לעכע פונט; אָבער אויף וויפיל וועט ראָס אייך העלפן, אויב
די טעאָריע און די פּראַקטיק פון זייערע פּראָפעסיעס, וואָס איז
אַרויפגעצוווּנגען אויף זיי אַלס אַ תנאי צו האָבן די דערלויבניש

באַכצופאָלגן זיי — זענען פאַרדאָרבן געוואָרן באַלד ביים וואָרצל דורך געלט-אינטערעסן? זיי קאָנען נאר טון דאָס וואָס די שפּיטעלער און די מעדיצינישע שולן לערנען זיי, און באַפעלן זיי צו טון, ווי דאָס געריכט טוט, ווי די קירך טוט, ווי דער פּאַרלאַמענט טוט; דאָס איז זייער אָרטאָדאָקסיע; און אויב דער חשק צו מאַכן געלט און באַקומען פּריווילעגיעס האָט אָפּערירט די גאַנצע צייט, כּדי צו דערהאַלטן דידאָזיקע אָרטאָדאָקסיע, וועלן זייערע בעסטע טענדענצן און באַמיונגען אפשר זיין דער פּועל-יוצא, אַז אייער געזונט זאָל רויִנירט ווערן, אייער קעשענע ליידיק, אייער נשמה באַליידיקט און אייער פרייהייט אַוועקגענומען; און דאָס אַלץ דורך אייערע בעסטע פריינט, אין נאָמען פון וויסנשאַפט, געזעץ, רעליגיע, און דער בריטישער קאָנסטיטוציע. אין פלוג ווערט איר דאַכט זיך באַהאַנדלט און באַשיצט פון געלערנטע ספּעציאַליסטן און פּאָליטישע אויטאָריטעטן וואָס זייער פליכט איז צו ראַטעווען דאָס לעבן, פאַרקלענערן די ליידן, האַלטן אַן אויג אויפן געזונט פונם פאָלק דורך אַ לעבעדיקער סטאַטיסטיק, געבן אייך אינסטרוקציעס אין שייכות מיט אייערע לעגאַלע אָבליגאַציעס, און זען, אַז אייערע לעגאַלע רעכטן זאָלן אָפּגעהיט ווערן, געבן אייך גייסטיקע הילף און אייך ווייזן דעם וועג אָן שום אייגענעם אינטערעס ווען אייער געוויסן איז אומרויִק; שאַפן און אַדמיניסטרירן, נישט רעכנענדיק זיך מיט קיין פּערזאָנען אָדער קלאַסן, אַזעלכע געזעצן, וואָס זאָלן אייך שוצן און רעגולירן אייער לעבן — אָבער אַזוי גיך ווי איר האָט אַ דירעקטע פּערזענלעכע געלעגנהייט אָנצוקומען צו דידאָזיקע לייסטונגען, אַנטדעקט איר, אַז זיי ווערן אַלע קאָנטראָלירט פון באַהאַלטענע טרייד-יוניאָנס און דער הויכער פּערזענלעכער כּבוד און די פריינטלעכקייט איז אַזוי אונטערגעוואָרפן דער מאָראַליטעט פון טרייד-יוניאָניזם, אַז זייער לאָיאַליטעט צו זייער אייגענעם יוניאָן, וועלכע איז אומבאַדינגט אַ דעפענסיווע קאָנספּיראַציע קעגן פאָלק, — איז די ערשטע זאַך, און זייער לאָיאַליטעט צו אייך אַלס פּאַציענטן, קליענטקע, אַרבעטסגעבערין, קירכן-מיטגליד, קונה אָדער בירגערין איז די צווייטע זאַך. דער איינצי-

קער וועג צו באפרייען זייער נאטירלעכע ווירדע פון דעמדאזיקן טרייד-יוניאניזם, וואס איז אומעטום פארפלייצט, און פון דער רעגירנדיקער קלאסן-פארדארבונג און טיראנעריי — איז צו פאר-זיכערן פאר זיי גלייכע הכנסות וועלכע קיינער פון זיי זאל נישט קאנען פארגרעסערן נישט פארגרעסערנדיק גלייכצייטיק יעדן איינעמס הכנסה אויף אזא אופן אז וואס בעסער זיי וועלן טון זייער ארבעט, וואס עקאנאמישער, אלץ גרינגער וועט עס זיי אנקומען און אלץ מער כבוד וועט עס זיי שאפן.

אין אזעלכע באדינגונגען וועט איר געפונען די מענטש-לעכע נאטור געווג גוט פאר אייערע אלע, געוויינטלעך-מענטש-לעכע צוועקן; און ווען איר זאלט דאן געמען אזעלכע ביכער ווי „גאליווערס רייזעס" אדער „קאנדידא" וועלכע זענען ביים קאפיטאליזם אומפארענטפערטלעכע באשולדיקונגען קעגן דער מענטשהייט אלס די געמיינסטע פון אלע מינים — וואלט איר געזען אין זיי נישט מער ווי קליניק-פארלעזונגען פון אויסנעמ-לעכע מאראלישע קראנקהייטן, וואס זענען פריער פראדוצירט גע-ווארן פון אומגלייכהייט, אזוי ווי פאקן און טיפוס פון שמוץ. אזעלכע ביכער ווערן נישט אנגעשריבן כל-זמן די מענטשהייט איז נישט שרעקלעך פארדארבן — נישט צוליב אריגינאלע זינד נאר דורך אומגלייכהייט פון הכנסות.

און דאן די גיריקע אויסדערווײלטקייט פון ווארט „ליידי" און „דזשענטלמען" אנשטאט וואס דאס זאל זיין דאס פארהאס-טע פאראזיטישע, פרעטענציעזע ווארט וואס זאל באדייטן פארשוי-בען וועלכע לאזן זיך קיינמאל נישט אראפ צו טון עפעס אפילו פאר זיך אליין, דארט ווו עס איז נאר פאראן א מעגלעכקייט ארויפצולייגן די ארבעט אויף אנדערע נישט אומקערנדיק זיי דערפאר קיין גלייכע לייסטונג, און וועלכע שאפן זיך פאקטיש א רעליגיע וואס האט די אויפגאבע צוצופאסן זיך צו זייער נידע-ריקער כוונה ארויפצולייגן זייערע עברות און זייער שטראף אויף אן אומשולדיקן קרבן (ווע/כע אמת-איידלע פרוי וואלט איצט געטון אזא נידעריקע זאך?) — וועט ענדלעך דאס ווארט „ליידי" און „דזשענטלמען" באקומען א פשוטן זין און יעדער ארבעטספעיקער

אין זיין אייגנטלע־ מענטש וועט זיך קאָנען שאַפן דעם נאָמען, כער באַדייטונג. מחמת דעמאָלט וועט די נידעריקע פרוי זיין די, וואָס נעמט פון איר לאַנד מער ווי זי גיט; די געוויינטלעכע פערזאָן וועט זיין די, וועלכע טוט נישט מער ווי דאָס, וואָס זי גיט צוריק וואָס זי נעמט; און די לידי וועט זיין די, וואָס וועט פאַרדינען מער פון איר הכנסה און אַזוי אַרום מאַכן די נאַציע פאַר איר בעל־חוב און איבערלאָזן די וועלט אַ בעסערע ווי זי האָט זי געפונען.

דורך אַזעלכע לידיס און זייערע זין קאָן די מענטשלעכע ראַסע געראַטעוועט ווערן, אַנדערש נישט.